STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10283

SOTSYALE DENKER UN KEMFER

David Shub

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָציאַלע דענקער און קעמפער

אין צוויי בענד

דוד שוב

סאָציאַלע דענקער און קעמפֿער

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג
שלמה מענדעלסאָן-פֿאָנד
ביי דער געזעלשאַפֿט „קולטור און הילף"
מעקסיקע, ד. פֿ. 1968

Social Thinkers and Fighters for Freedom and Justice

Volume I

Copyright by
MONA SHUB

Published by
FARLAG MENDELSON FOND OF THE SOCIETY
FOR CULTURE AND ASSISTANCE.
Printed in Mexico

PENSADORES Y LUCHADORES SOCIALES

Volumen I

Editado por
EL FONDO MENDELSON, DE LA SOCIEDAD
PRO-CULTURA Y AYUDA

Impreso en México, por:
"IMPRENTA MODERNA PINTEL", S. A.
Dr. Garciadiego No. 28
México 7, D. F.
1968

אינהאַלט

	זייט
ראָבערט אָוען	9
שאַרל פֿוריע	51
ווילהעלם ווייטלינג	65
פּיער־דזשאָזעף פּרודאָן	85
מאָזעס העס	97
קאַרל מאַרקס	115
פֿרידריך ענגעלס	181
פֿערדינאַנד לאַסאַל	197
אַלעקסאַנדער הערצען	241
ניקאָלאַי טשערנישעווסקי	313
מיכאַאיל באַקונין	353
פּיאָטר לאַווראָוו	391



ראָבערט אָוען
(1858 — 1771)

1

ראָבערט אָוען, איז געווען איינער פון די גרעסטע מענטשן פריינד פון אַלע צייטן, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די אַלע שטרעבונגען צו סאָציאַלע און פּעדאַגאָגישע רעפאָרמען פון 19טן יאָרהונדערט. אָוען איז געווען דער ערשטער פאַבריקאַנט ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אַנערקענט די נויטווענדיקייט פון עקאָנאָמישער פּלאַנירונג, און וועלכער האָט רעקאָמענדירט עפנטלעכע אַרבעטן ווי אַ מיטל צו לייזן די אַרבעטסלאָזיקייט־פראַגע אין צייטן פון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע. ער האָט דער ערשטער פאָרגעשלאָגן, אַז די אונטערנעמער זאָלן איינפירן קראַנקן און אַרבעטס־לאָזן בענעפיטס פאַר זייערע אַרבעטער. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט דערקלערט, אַז עס איז די פליכט פון דער מלוכה צו זאָרגן זיך פאַר די נויטליידנדע בירגער. מיט צענדליקער יאָרן פריער איידער העברי פאָרד איז געבוירן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ראָבערט אָוען אין ענגלאַנד געפּריידיקט די עקאָנאָמיע פון הויכע אַרבעטס־לוינען פאַר די אַרבעטער ווי אַ מיטל צו שאַפן אין לאַנד אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף אַלערליי פּראָדוקטן און סחורות.

ראָבערט אָוען איז געווען דער ערשטער אין ענגלאַנד, וואָס האָט אַגיטירט פאַר דעם, אַז די נייע הייזער אין די שטעט און דערפער זאָלן געבויט ווערן לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. ער איז אויך געווען דער ערשטער פאַבריקאַנט, וואָס האָט איינגעפירט שולן פאַר קראַנקן־שוועסטער פאַר די קינדער פון זיינע אַרבעטער און האָט געפאָדערט, אַז לערער זאָלן ספּעציעל צוגעגרייט ווערן פון דער מלוכה פאַר זייער אַרבעט ווען נויטיק.

ראָבערט אָוען איז ניט געווען בלויז אַ טעאָרעטיקער. ער האָט זיינע אידעאַלן דורכגעפירט אין לעבן. ער ווערט באַטראַכט פאַר

דעם גייסטיקן פּאָטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, פאַר איי־
נעם פון די ערשטע בויער פון דער פּראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג ער
איז אַ געוויסע צייט געווען דער פירער פון אַ האַלבן מיליאָן אָרגאַ־
ניזירטע אַרבעטער און ער האָט דער ערשטער געברויכט דאָס וואָרט
„סאָציאַליזם".

אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן איז ראָבערט אָוען געווען אַ רייכער
פאַבריקאַנט און אַ געשעפטסמאַן. ער האָט געמאַכט אַ סך געלט,
אָבער ער האָט דערנאָך איינגעשטעלט אין קאָן זיין פאַרמעגן און
זיך אינגאַנצן געווידמעט צו העלפן דער צוקונפט פון דער מענטש־
הייט. אַזוינע מענטשן ווי ראָבערט אָוען זיינען אין אַלע צייטן
געווען אַ זעלטנהייט. זיין לעבנס־געשיכטע, איז געווען אַן אויסער־
געוויינלעך אינטערעסאַנטע.

ראָבערט אָוען איז געבוירן געוואָרן דעם 14טן מאַי פון יאָר
1771 אין ניוטאַון, אַ קליין שטעטל אין נאָרד וועלס, ענגלאַנד, וואָס
האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום אַ טויזנט נפשות.
זיין טאַטע איז געווען פריער אַ זאָטל־מאַכער, דערנאָך אַ שמיד און
שפּעטער איז ער געוואָרן דער פּאָסטמאַסטער פון שטעטל. ראָבערטס
מאַמע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פאַרמער פון אַ דערבייאיקן
דאָרף. זי האָט געבוירן זיבן קינדער. צוויי פון זיי זיינען געשטאָרבן,
ווען זיי זיינען נאָך געווען אין זייערע וויגן. דער פערטער פון די
לעבן־געבליבענע איז געווען ראָבערט אָוען, וועלכער איז געוואָרן
וועלט־באַרימט.

צו פיר און אַ האַלב יאָר האָט מען ראָבערטן אַריינגעגעבן אין
אַ שולע, וווּ ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט לייענען און שרייבן,
ווי אויך די ערשטע כללים פון אַריטמעטיק. צו 7 יאָר איז ער שוין
געווען אויף אַזוי פיל „געבילדעט", אַז דער לערער האָט געבעטן
ראָבערטס טאַטן, אַז ער זאָל אים איבערלאָזן אין דער שולע צו זיין
זיין אַרויסהעלפער. ראָבערט איז געווען אַ געזונטער יינגל, וואָס האָט
זיך שטאַרק אויסגעצייכנט פון די איבעריקע שילער ניט נאָר מיט
זיינע גייסטיקע פעאיקייטן. ער איז אויך געווען דער בעסטער טענ־
צער, שפּרינגער און לויפער אין דער שול. אָבער שוין דעמאָלט האָט
ער זיך צוגעכאַפּט צו לייענען ביכער און וואָס עלטער ער איז געוואָרן,
אַלץ מער האָט ער געלייענט. אין דער שול גופא זיינען געווען ווייניק
ביכער. אָבער דער פּאָסטאָר פון שטעטל, דער דאָקטער און דער
ריכטער פון שטעטל האָבן געהאַט אייגענע ביבליאָטעקן און ראָבערט
אָוען האָט גענומען ביי זיי ביכער פון פאַרשיידענעם אינהאַלט:
רייזע־באַשרייבונגען, ראָמאַנען, וועלט־געשיכטעס, ביאָגראַפיעס פון

אַלערליי באַרימטע מענטשן, שרייבער, דערפינדער, דיכטער און פילאָזאָפן. ווען ראָבערט אָועו איז אַלט געוואָרן 9 יאָר, האָבן דריי פרויען מעטאָדיסטן באַשלאָסן אים צו באַקערן צו זייער גלויבן. און זיי האָבן אים געגעבן לייענען רעליגיעזע ביכער. אָבער די דאָזיקע ביכער האָבן אויף אים ניט געהאַט קיין איינפלוס. ער אַליין האָט שפּע־טער געשריבן וועגן דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע:

„לייענענדיק און שטודירנדיק די ביכער פון אַלע רעליגיעזע סעק־טעס, האָב איך מיט פאַרוווּנדערונג באַמערקט דעם אַנטאַגאָניזם, די פיינטשאַפט, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַצויגן איינער צו די אַנדערע די פאַרשיידענע קריסטלעכע גלויבנס, דעם האַס וואָס עס פילן די יידן, די קריסטן, די מוסולמענער, די אינדוסן, די כינעזער א. אַ. צו די יעניקע, וועלכע זיי האָבן אָנגערופן געצנדינער אָדער ניט גלויביקע. דער קריגערישער גייסט פון די גלויבנס און דער האַס, וועלכן זיי זוכן ארויסצורופן צו די אַנדערש גלויביקע, האָבן מיר געמאַכט צו צווייפלען אין זייער ריכטיקייט. איך האָב מיט גרויס פלייס שטודירט די אַלע פראַגן, האָב אַ סך נאָכגעדענקט וועגן זיי און האָב אפילו אָנגעשריבן דריי דרשות, פאַר וואָס איך האָב באַקומען דעם צונאָמען דער „קליינער פּאַסטאָר".

דער חנעוודיקער און ערנסטער ראָבערט אָועו איז אין זיין קליין שטעטל געווען אַלעמענס ליבלינג. אויך ביי זיין טאַטע־מאַמע אין הויז איז ער געווען דער פריווילעגירטער. די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן דאָרט פלעגן די עלטערן זיך מיט אים אַן עצה האַלטן וועגן יעדער וויכטיקער פראַגע, וואָס האָט באַדאַרפט אַנטשיידן ווערן. בעת זיינע ברידער און שוועסטער פלעגט מען אָפט שמייסן, האָט מען אים בלויז איין מאָל באַשטראָפט מיט שמיץ און דאָס איז אויך גע־שען דורך אַ מיספאַרשטענדעניש.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט אָועו: „איך געדענק גוט, אַז מיינע קינדערישע איינדרוקן האָבן אָפט מיר געפירט צו דער אי־בערצייגונג, אַז שטראָפן זיינען ניט נאָר נוצלאָז, נאָר שעדלעך סיי פאַר די וועלכע פירן זיי דורך און סיי פאַר די וועמען מען באַ־שטראָפט".

צו 9 יאָר האָט ראָבערט אָועו פאַרלאָזן די שולע און איז אָנגע־קומען ארבעטן אין אַ שפּייז־קראָם. אָבער ער האָט זיך געפילט ענג אין דעם קליין שטעטל, איז ער צו 10 יאָר, מיט 40 שילינג אין קעשענע, אַ חוץ די רייזע־קאָסטן, אוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן צו זיין עלטערן ברודער וויליאַם, וועלכער האָט געהייראַט מיט אַן אַלמנה פון אַ זאָטל־מאַכער און האָט איבערגענומען זיין געשעפט. וויליאַמס

א פריינד האָט פאַר ראָבערטן געקראָגן א שטעלע ביי א געוויסן דזשעימס מעקגיופאָג, א סוחר אין סטאַמפאָרד, ווו ער האָט געזאָלט באַקומען עסן מיט וווינונג און פון קומענדיקן יאָר אָן 10 פונט סטערלינג א יאָר געהאַלט. פון דעמאָלט אָן, ד"ה, פון זינט ער איז אַלט געוואָרן 10 יאָר, האָט ראָבערט אַליין פאַרדינט פאַר זיך אויף א לעבן צו מאַכן און האָט זיך קיינמאָל ניט געווענדט נאָך שטיצע צו זיינע קרובים.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט אָוען, אַז עס איז געווען א גליק פאַר אים, וואָס ער האָט די ערשטע לעקציע פון א האַרעפּאַשנעם לעבן באַקומען פון אַט דעם מעקגיופאָג, א זעלטן ערלעכער סקאָטש־מאַן, אַן אויסגעצייכנטער געשעפטסמאַן און א גוטער מענטש, וועל־כער איז פאַר זיין פינקטלעכקייט און בּארעכנטקייט שטאַרק געאַכטעט געוואָרן פון זיינע קליענטן, שכנים און פון די וואָס האָבן אים צו־געשטעלט די אַלערליי סחורות. מעקגיופאָג האָט ליב געהאַט אָוענען און האָט זייער הויך געשעצט זיינע פעיקייטן. ער האָט אים באַהאַנ־דלט ווי זיינעם אַן אייגן קינד. ער האָט אים ניט נאָר געגעבן א מעגלעכקייט, נאָר האָט אים דערמוטיקט צו לייענען וואָס מער.

פיר יאָר האָט אָוען געאַרבעט ביי מעקגיופאָגן אין געשעפט. וועלנדיק זיך בעסער באַקענען מיט די געשעפטן און אויסברייטערן זיינע דערפאַרונגען, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מעקגיופאָגען און צוריקקערן זיך קיין לאָנדאָן. מעקגיופאָג האָט אים געגעבן די בעסטע רעקאָמענדאַציעס און א דאַנק די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס, האָט אָוען, קומענדיק קיין לאָנדאָן, באַקומען א שטעלע אין דער אַלטער לאָנדאָנער פירמע „פלינט ענד פּאַלמער". יענער געשעפט איז געפירט געוואָרן פון מר. פּאַלמער און זיינע צוויי ברידער, פון וועלכע דער ייִנגערער איז געווען ניט עלטער פון אָוענען, ד"ה, פערצן און א האַלב יאָר אַלט. דאָס איז געווען די ערשטע פירמע אין לאָנדאָן, וואָס האָט איינגעפירט דעם פאַרקויף פון סחורות פאַר מזומן געלט. דאָ האָט אָוען שוין באַקומען 25 פונט סטערלינג א יאָר, צוזאַמען מיט עסן און קוואַרטיר. די אַרבעט איז געווען ניט קיין לייכטע. אָפטמאָל איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן ביז צוויי אַזייגער פאַרטאָג, און ערשט נאָכדעם פלעגט ער גיין אָפּרוען זיך עטלעכע שעהען.

„אונטער אַזוינע באַדינגונגען, שרייבט אָוען אין זיין אויטאָביאָ־גראַפיע, האָב איך זיך צוגעוווינט צו טאָן אַלץ שנעל, איך בין באַ־קאַנט געוואָרן מיט מענטשן פון אַן אַנדער קלאַס פון דער געזעל־

שאַפט און מיט דער אָנפירונג פון אַ געשעפט, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַנדערש, ווי דאָס וואָס איך האָב געזען, ביי מעקגיופאָגען".

אין אַ יאָר אַרום האָט אָוען באַקומען אַן אָנבאָט פון אַ געשעפטס־מאַן פון מאַנטשעסטער, מיטן נאָמען סאַטערפילד, אָנצוקומען אַר־בעטן אין זיין געשעפט פאַר פערציק פונט סטערלינג אַ יאָר. אָוען האָט דעם אָנבאָט אָנגענומען. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין מאַנטשעס־טער, וואָס איז געוואָרן זיין היים פאַר די קומענדיקע 14 יאָר. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן זיין אמתע אינדוסטריעלע קאַריערע.

צוזאַמען מיט אַנדערע סחורות איז אָוענען אויסגעקומען דאָרט צו פאַרקויפן דראָט פאַר פרוען־היט. דער באַלמעלאָכע, וואָס פלעגט מאַכן די דאָזיקע דראָטן, אַ געוויסער דזשאָנס, האָט אָוענען דער־ציילט וועגן אַן אויסערגעוויינלעכער דערפינדונג, אַ נייער מאַשין, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן צו נוצן אין די טעקסטיל פאַ־בריקן פון מאַנטשעסטער. איין מאָל האָט דזשאָנס דערציילט אָוענען, אַז ער האָט געזען די אַרבעט פון דער דאָזיקער מאַשין און אויב אים וואָלט זיך איינגעגעבן צו קריגן 100 פונט, וואָלט ער געקאָנט אַליין אָנהייבן מאַכן אַזוינע מאַשינען און אויב ער, אָוען, וועט אים געבן די 100 פונט, וועט ער באַקומען אַ העלפט פון דעם פראָ־פיט, וואָס ער וועט מאַכן, גרינדנדיק אַזאַ קאָמפּאַני.

אָוענען איז די זאַך געפעלן געוואָרן. ער האָט געשריבן וועגן דעם צו זיין ברודער אין לאָנדאָן און דער ברודער האָט אים תיכף אַרויסגעשיקט 100 פונט. אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום האָבן די צוויי שותפים שוין געהאַט באַשעפטיקט 40 אַרבעטער און זיי האָבן באַקומען אויף קרעדיט האָלץ, אייזן און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נייטיק אויף צו בויען מאַשינען. אָוען האָט אָבער גאַנץ גיך איינגעזען, אַז דזשאָנס איז ניט פעאיק געווען אָנצופירן מיט די אַרבעטער און מיט דערפאָלג פאַרוואַלטן דעם געשעפט. האָט ער דעריבער גענומען אויף זיך די גאַנצע אָנפירונג פון דעם געשעפט: ער האָט געפירט די ביכער, אויפגעפאַסט אויף די אַרבעטער און אויף דער אַרבעט. צוליב דעם פלעגט ער מוזן קומען אין געשעפט יעדן פרימאָרגן דער ערשטער און אין אָוונט אַוועקגיין פון געשעפט דער לעצטער. די געשעפטן פון דער פירמע זיינען אַוועק אַזוי גוט, אַז איין קאַפּיטאַליסט, ניט ווייסנדיק, אַז די נשמה פון דער אונטער־נעמונג איז אָוען, האָט פאָרגעלייגט דזשאָנסען געלט אויף צו פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל אין זיין געשעפט און אויף אויסצאָלן אָוענען זיין חלק, און ער, דער קאַפּיטאַליסט, זאָל ווערן דער איינציקער שותף. אָוען האָט זיך דערפרייט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ

גוטע געלעגנהייט אָפּצוטיילן זיך פֿון אַן אומפּעאיקן שותף, ער האָט באַקומען אויף זיין חלק אַ צאָל מאַשינען.

אָזען איז דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָר. ער האָט געדונגען דריי אַרבעטער און האָט אָנגעהייבן אַרבעטן פֿאַר זיך. ער האָט דעמאָלט פֿאַרדינט אין דורכשניט זעקס פֿונט סטערלינג אַ וואָך. איין טאָג האָט אָזען זיך דערוווסט, אַז אַ געוויסער רייכער פאַבריקאַנט פון מאַנטשעסטער מיטן נאָמען דרינקוואָטער האָט אויפגעבויט אַ גרויסע מוסטערהאַפטע טעקסטיל פאַבריק און אַז ער זוכט אַ מענעדזשער פאַר דער פאַבריק. אָזען איז גלייך אַוועק צו דרינקוואָטערן און פֿאָרגעלייגט זיין קאַנדידאַטור פאַר מענעדזשער. דאָס ערשטע וואָס ער האָט מיר געזאָגט — שרייבט אָזען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — איז געווען: „איר זייט צו יונג". אַזאַ ענטפער האָב איך געקענט באַקומען מיט 4־5 יאָר צוריק, אָבער איצט האָב איך עס ניט דערוואַרט צו הערן.

„ווי אַלט זייט איר?" — האָט מר. דרינקוואָטער געפרעגט.

„קומענדיקן מאַי ווער איך 20 יאָר", האָב איך געענטפערט.

„וויפֿל מאָל אַ וואָך שיכורט איר זיך אָן?" (אין יענער צייט איז שיכרות אין מאַנטשעסטער געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט).

„אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך נאָך קיינמאָל ניט אָנגעשיכורט זיך", האָב איך געענטפֿערט, רויט ווערנדיק פֿון אָט דער אומדערוואַרטעטער פראַגע. מיין ענטפער און דער טאָן, מיט וועלכן איך האָב גערעדט, האָבן, קענטיק, געמאַכט אויף אים אַ גינסטיקן איינדרוק, ווייל נאָך דעם האָט ער געפרעגט:

„וויפל ווילט איר געהאַלט?"

„דריי הונדערט פונט אַ יאָר", האָב איך געענטפערט.

„וואָס הייסט, דריי הונדערט פונט?" — האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג אויסגערופן — „היינט אין דער פרי האָב איך באַקומען אַ סך אָנבאָטן, אָבער איך דענק, אַז די וואָס האָבן מיר פאָרגעלייגט זייער דינסט, האָבן אַלע צוזאַמען ניט געפאָדערט אַזאַ סומע!"

„איך קען זיך ניט רעכענען מיט דעם, וואָס אַנדערע פאַרלאַנגען און איך קען גאָרניט אַרונטערלאָזן פון מיינע פאַרדינסטן, ווייל אַזוי פיל פאַרדין איך איצט", האָב איך געענטפערט.

„קענט איר דאָס באַווייזן?" — האָט ער געפרעגט.

„יע, איך קען אייך ווייזן מיין שאַפּ און מיינע ביכער".

„גוט, איך גיי גלייך צו אייך צו איבערצייגן זיך אין דעם".

דירעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט 500 אַרבעטער.

שפּעטער האָט אָוען געשריבן: „ווען איך וואָלט דעמאָלט אַפילו נאָר עטוואָס אַ טראַכט געטאָן וועגן די שוועריקייטן פֿון פֿירן אַ געשעפֿט, וואָס איז מיר כמעט אינגאַנצן אומבאַקאַנט, ווען איך וואָלט נאָר געזען די פֿאַבריק פֿריער, וואָלט איך קיינמאָל זיך ניט אַנטשלאָסן אויף אַזאַ געוואַגטן שריט".

אָוענען איז אויסגעקומען אַליין איינצוקויפֿן די רוי־שטאָפֿן, צוגרייטן די מאַשינען, שפּינען דעם באַוול, פֿאַרקויפֿן די פֿאַרטיקע סחורה, אויסצאָלן די אַרבעטער זייערע שכירות, מיט איין וואָרט — אויף אים איז געלעגן די פֿליכט צו פֿאַרוואַלטן די געשעפֿטן פֿון „דער בעסטער וועב־פֿאַבריק, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן פֿון איינעם פֿון די געלערנטסטע מענטשן פֿון זיין צייט, פֿון אַ זייער געבילדעטן מענטשן, אַן ערשטקלאַסיקן מאַטעמאַטיקער".

אין גאָר אַ קורצער צייט איז די פֿאַבריק, אונטער אָוענס פֿאַר־וואַלטונג, געוואָרן באַרימט שיער ניט אין דער גאַנצער וועלט.

אָוען איז דעמאָלט געווען זייער אַ שעמעוודיקער, איבערהויפּט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרויען. ער איז ניט געווען קיין איבער־קלייבער אין עסן און האָט זעלטן פֿאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן. די ערשטע פּאָר יאָר ווי דער פֿאַרוואַלטער פֿון דרינקוואָטערס פֿאַבריק, איז ער געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו פֿאַרברענגען אין געזעלשאַפֿט. נאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן באַזוכן די לעקציעס און דיסקוסיעס אין מאַנטשעסטער קאַלעדזש. אין 1793 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון דער „ליטעראַרישער און פֿילאָזאָפֿישער געזעלשאַפֿט". אין די צוויי פֿלעצער איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט אַ סך וויכטיקע פּערזאָנען פֿון יענער צייט, מיט דאָקטוירים, געלערנטע, פֿילאָזאָפֿן און אויסלענדישע כוחרים. דאָרט פֿלעגן פֿאַרהאַנדלט ווערן וויסנשאַפֿטלעכע, מאָראַלי־שע און רעליגיעזע פֿראַגן. אָוען האָט שוין דעמאָלט קריטיקירט אַלע רעליגיעס פֿון דער וועלט און זיינע מיטשפּרעכער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן די „דענקענדע מאַשין" דערפֿאַר, וואָס לויט זייער מיינונג, קוקט ער אויפֿן מענטשן ווי אויף אַ לעבעדיקן אויטאָמאַט, ווי אויף אַ „דענקונגס־מאַשין", וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון דער נאַטור און פֿון דער געזעלשאַפֿט".

אין זעקס חדשים אַרום ווי אָוען איז געוואָרן דער מענעדזשער פֿון דרינקוואָטערס פֿאַבריק, האָט מר. דרינקוואָטער אַליין אים גע־העכערט דעם געהאַלט און האָט אים פֿאָרגעלייגט צו ווערן אַ שותף

דרינקוואָטער האָט זיך טאַקע איבערצייגט אַז אַלץ וואָס אָוען האָט אים געזאָגט איז דער ריינע אמת. ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי אָוענס פריערדיקע באַלעבאַטים און ער האָט אים אָנגעשטעלט אַלס צום געשעפט. ער האָט אָבער שפּעטער חרטה געקראָגן און האָט אָנשטאָט אָוענען אריינגענומען אַן אַנדער שותּף. אָוענען האָט ער פאַרגעליינט אַ פּיל העכערן געהאַלט, אַבי נאָר ער זאָל פאַרבלייבן דער פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק. אָבער אָוען האָט דערקלערט, אַז אונטער די אומשטענדן קען ער ניט אָננעמען דעם פאַרשלאַג, און ער האָט צוריסן דעם קאָנטראַקט. אָט אַזוי איז ער אין 1794 צוריק געוואָרן אַ פרייער מענטש. אינגיכן האָט ער צוזאַמען מיט צוויי רייכע פירמעס פון לאָנדאָן און פון מאַנטשעסטער געשאַפן אַ גרויסע קאָמפּאַני אויף צו פּראָדוצירן פאַרשיידענע מאַנופאַקטור. ער איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון די פאַבריקן, דער איינקויפער פון די רוי־שטאָפן און דער פאַרקויפער פון דער פאַרטיקער סחורה. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ וויכטיקע פיגור אין מאַנטשעסטער. אין 1796 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער מאַנטשעס־טער באָאַרד אָוו העלטה. דאָרט האָט ער באַקומען אַ סך אינפאָר־מאַציע, וואָס איז אים שפּעטער שטאַרק צוניץ געקומען, ווען ער האָט גענומען איינפירן רעפאָרמען אין די פאַבריקן. די געשעפטן פון דער קאָמפּאַני זיינען אַוועק זייער גוט.

אָוען האָט באַקומען אַ גרויסן נאָמען אין דער האַנדלס־וועלט. די קאָמפּאַני זייערע האָט געהאַט אַ סך קונדן איז גלאַזגאָ. דעריבער איז אָוענען אויסגעקומען אָפט צו פאָרן אַהין. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ געוויסער מיסס דעל, אַ טאָכטער פון אַ גרויסן טעקסטיל פאַבריקאַנט, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט געווען אויך אַ סוחר, אַ באַנקיר און אַ מעטאָדיסטישער פּרעדיקער. צווישן אָוענען און דער יונגער מיסס דעל האָט זיך אַנטוויקלט אַ ראָמאַן און נאָך געוויסע שוועריקייטן האָט אָוען באַקומען פון דעלען די דערלויבעניש צו הייראַטן זיין טאָכטער, און מיט דער הילף פון זיינע שותּפים האָט ער אָפּגעקויפט ביי דעם שווער פאַר 60 טויזנט פונט סטערלינג זיין פאַבריק און ניו לאַנאַרק. אַזוי איז ראָבערט אָוען צו 29 יאָר געוואָרן דער דירעקטאָר פון איינער פון די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריקן. אונטער אָוענס פאַרוואַלטונג און אַ דאַנק די גרויסע רעפאָרמען, וואָס ער האָט דאָרט איינגעפירט, איז ניו לאַנאַרק מיט דער צייט באַרימט געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע און ראָבערט אָוען האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער גאַנצער וועלט.

2.

ראָבערט אָוען און קעראָלאַין דעל האָבן געהייראַט דעם 30טן סעפּטעמבער, 1799, אין גלאַזגאָ גרין. די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן ביי דער כּלהס רייכן פֿאָטער אין הויז. קעראָלאַין איז געווען שטאַרק פֿאַרליבט אין אָוענען, ווען זיי האָבן געהייראַט און זי האָט אים ליב געהאַט איר גאַנצן לעבן. אָוען האָט פֿון אָנהויב מסתּמא אויך געדענקט, אַז ער איז פֿאַרליבט אין איר. ער האָט אָן צווייפֿל געוואָלט האָבן אַן אייגענע פֿאַמיליע. שפּעטער האָט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע אַזוי ווי פֿאַרבייגייענדיק באַמערקט, אַז איידער ער האָט זיך באַקענט מיט קעראָלאַינען, האָט ער זיך געטראָפֿן מיט אַן אַנדערער, מיט וועלכער ער וואָלט פֿיליכט געווען אַ סך גליקלעכער.

קעראָלאַין איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע און אַ געטרייע מאַמע צו אירע קינדער. זי האָט אויך אַרויסגעהאָלפֿן דעם מאַן אין אַזוינע פֿאַלן, ווען ער פֿלעגט דאַרפֿן גיין באַזוכן די פֿאַמיליעס פֿון די אַרבעטער אין ניו לאַנאַרק. אָבער זי האָט פֿאַר קיין פֿאַל ניט גע־קענט זיין פֿאַר אים אַ לעבנס־חבר. זי האָט ניט געהאַט די זעלבע אינטערעסן וואָס ער. אַ חוץ דעם איז ראָבערט אָוען געווען כּמעט אַן אַטעאיסט, בעת זי איז געווען רעליגיעז. אָוענס עלטערער זון האָט שפּעטער געשריבן, אַז זיין מאַמע, ד״ה, קעראָלאַין אָוען, פֿלעגט זאָגן, אַז אַלע די וועלכע לייענען יעדן אין דער פֿרי די ביבל, פֿאַרפֿעלן ניט יעדן אָוונט צו זאָגן אַ תּפֿילה און גיין יעדן זונטיק צוויי מאָל אין קירך, ווערן גוטע מענטשן און נאָכן טויט גייען גלייך אַריין אין גן־עדן, בעת די אַלע ניט־גלויביקע זיינען פֿאַרלאָרענע נשמות, וועלכע וועלן באַשטראָפֿט ווערן מיט אייביקן גיהנום.

מען קען זיך פֿאָרשטעלן ווי אַזוי קעראָלאַין האָט געפֿילט, דענ־קענדיק שטענדיק, אַז איר הייס־געליבטער מאַן איז פֿאַראורטיילט נאָכן טויט אייביק צו פֿאַרבלייבן אין גיהנום. און ווי שטאַרק זי האָט געמוזט ליידן, ווען זי האָט געזען, אַז אירע קינדער, אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, האָבן איינגעשטימט מיט זייער טאַטן, ניט מיט איר.

קעראָלאַין איז, ווי געזאָגט, געווען אַ געטרייע פֿרוי, אַ גוטע מאַמע און אַ גוטע באַלעבאָסטע. די קינדער האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט. כאָטש זיי האָבן זי ניט געהאַלטן פֿאַר קיין גרויסער כאַכאָמע, פֿלעגן זיי דאָך וועגן פֿערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן מיט איר אָפֿט זיך באַראַטן. די זין זייערע האָבן שטענדיק באַלאַנגט מער צו אים, ווי

צו איר. אין אוענס עפנטלעכן לעבן האָט קעראַלאַין זיך ניט באַטייליקט.

אוען איז אָנגעקומען קיין ניו לאַנארק צו פאַרוואַלטן די דאָרטיקע גרויסע טעקסטיל־פאַבריק אין יאָר 1800. גלייך ביי זיין אָנקומען אהין האָט ער זיך געשטעלט אַ דאָפּעלטן ציל: ער האָט געוואָלט מאַכן זיין פאַבריק פאַר אַ מוסטערהאַפטער סיי אין טעכנישער און סיי אין סאָציאַל־עקאָנאָמישער הינזיכט. לויט אוענס באַגריפן, זיינען די צוויי צילן זיינע געווען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. די פּראָפיטן פון דער אונטערנעמונג האָבן געזאָלט שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען פאַר די רעפאָרמען, וועלכע ער האָט געפּלאַנעוועט דורכצופירן, פאַרבעסערן די וווינונגס־באַדינגונגען און די דערנערונג פון די אַרבעטער פון זיין פאַבריק, פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג, העכערן זייערע לוינען און פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אַרבעטער. פון דער אַנדער זייט האָבן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און טעכנישע פאַרבעסערונגען, פאַרגרעסערנדיק די פּראָדוקטיוויטעט פון די אַרבעטער, באַדאַרפט שאַפן גרעסערע פּראָפיטן.

ראָבערט אוען איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּראָדוקטיוויטעט איז פּונקט אויף אַזוי פיל אָפּהענגיק פון דעם וואָס ער האָט אָנגערופן די „לעבעדיקע מיטלען פון פּראָדוקציע", ד"ה, פון די אַרבעטער, ווי פיל פון די ניט־לעבעדיקע מיטלען פון פּראָדוקציע, ד"ה, פון די מאַשינען. אוען איז געווען דער ערשטער פאַבריקאַנט אין דער גאַנצער וועלט, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון אַ הויכן אַרבעטס לוין, פון געזונטע און נאָרמאַלע שפּייזן פאַר די אַרבעטער און פון גוטע היגיענישע וווינונגען פאַר זיי אַלס מיטלען צו דערפירן די פּראָדוקטיוויטעט פון זייער אַרבעט ביז צום מאַקסימום.

אָט דעם דאָפּעלטן ציל, וועלכן אוען האָט זיך געשטעלט, האָט ער אין פאַרלויף פון די יאָרן פולשטענדיק דערגרייכט.

אין יאָר 1799 האָט ער צוזאַמען מיט זיינע שותפים אָפּגעקויפט ביי זיין שווער די פאַבריק אין ניו לאַנארק פאַר 60 טויזנט פונט סטערלינג. מיט 14 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1813, איז די פאַבריק שוין ווערט געווען 134 טויזנט פונט סטערלינג. דאָס הייסט, מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל.

אוען האָט געהאַט אַכט קינדער, דער עלטסטער איז געשטאָרבן נאָך אַלס קליין קינד. אוען האָט אַלע זיינע קינדער שטאַרק ליב געהאַט און האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט זייער דערציאונג. ער פלעגט מיט זיי שפּאַצירן און שטענדיק שמועסן מיט זיי. ער האָט

זיי געשיקט לערנען זיך טאַנצן און האָט זיי אויך דערמוטיקט צו פאַרנעמען זיך מיט אַלערליי ספּאָרטס און צו שטודירן די נאַטור.

איידער אָוען איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק אין ניו לאַנאַרק האָבן אין דער פאַבריק געאַרבעט אַ סך קליינע קינדער, יתומים און אומגעזעצלעכע קינדער, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די שטאַטישע יתומים־הייזער. די דאָזיקע 9-8 יאָריקע קינדער פלעגן אַרבעטן צו 13-14 שעה אַ טאָג, מיט אַן איבעררייס בלויז פון איין שעה פאַר מיטאָג, זעקס טעג אין דער וואָך. אַרבעטן פלעגן זיי שטענדיק. צוזעצן זיך אַפילו נאָר אויף אַ ווייל, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

אָוען האָט גלייך, ווי ער איז געקומען קיין ניו לאַנאַרק, אויפגעהערט צו באַשעפטיקן די קליינע יתומים. אין ניו לאַנאַרק גופא זיינען אָבער ניט געווען גענוג דערוואַקסענע מענער, וועלכע מען האָט געקענט אָנשטעלן אַלס אַרבעטער אין דער פאַבריק, האָט אָוען זיך גלייך גענומען בויען נייע הייזער, פריער צו 2 צימערן פאַר יעדער פאַמיליע. דערנאָך האָט ער כסדר געבויט נייע גרויסע הייזער מיט אַפּאַרטמענטס פאַר גרויסע אַרבעטער־פאַמיליעס, כדי צוצוציען אַרבעטער פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. ער האָט אָפּגערייניקט די גאַסן פון ניו־לאַנאַרק און זיי ברוקירט. ער האָט איינגעקויפט אַ סך קוילן און עס פאַרקויפט צו די איינוווינער פון שטעטל פאַר ביליקע פּרייזן. ער האָט אויך געעפנט אַ צענטראַלן קאָמפּאַני־געשעפט, וווּ יעדער איינער האָט געקענט איינקויפן ביליקער ווי אומעטום, קליידער, פרישע שפּייז און דער וואָס האָט געוואָלט, האָט דאָרט אויך געקענט קריגן אַפילו אַ פלעשל ריינעם וויסקי. אָוען האָט געוווסט, אַז אין גאַנצן אָפּגעווינען אַ סקאָטשמאַן פון וויסקי איז ניט מעגלעך. אָבער ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צו מאַכן אַ סוף צו שיכרות אין שטעטל און דאָס איז אים ביסלעכווייז געלונגען. אין 1813 האָט מען אין ניו לאַנאַרק שוין זעלטן געקענט זען אַ שיכור אין גאַס.

אָוען האָט פון אָנהויב באַהאַנדלט זיינע אַרבעטער ווי מען באַהאַנדלט שול־קינדער. ער האָט פאַרריכט די אַלטע הייזער און אויסגעבויט נייע. ער האָט אָפּגערייניקט די גאַסן און איז געווען גרייט צו צאָלן פאַר האַלטן ריין די גאַסן פון דעם גאַנצן שטעטל. אָבער איינעווייניק אין די הייזער איז דער עולם ניט געוווינט געווען צו ריינקייט. האָט אָוען צונויפגערופן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג און האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די איינוווינער פון שטעטל זאָלן יעדע וואָך דערוויילן אַ קאָמיטעט וועלכער זאָל גיין פון הויז צו הויז און זען,

וועלכע וווינונג עם ווערט געהאַלטן ריין און וועלכע ניט און דער קאָמיטעט זאָל דערנאָך צושטעלן וועגן דעם אַ גענויעם באַריכט. די מערסטע מענער איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. די ווייבער אָבער האָבן זיך געבונטעוועט. זיי האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן פאַרשליסן די טירן און ניט אַריינלאָזן די אינספּעקציע־קאָמיסיע, אָבער שפּעטער האָבן די ווייבער אויפגעגעבן זייער אָפּאָזיציע.

אין 1807 האָט אויסגעבראָכן אַ קריזיס אין דער ענגלישער טעקסטיל אינדוסטריע. אָוענס פאַבריקן אין ניו לאַנאַרק האָבן ניט געקענט באַקומען דעם באַנוול פון די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן אָוען און זיינע שותפים באַשלאָסן אַז דאָס בעסטע איז צוצומאַכן די פאַבריקן פאַר אַ געוויסער צייט. אויך האָט ער געפּועלט ביי זיינע שותפים, אַז יעדער אַרבעטער פון דער פאַבריק זאָל דורך דער צייט, וואָס ער וועט זיין אַרבעטסלאָז, קריגן זיין פולן לוין. די פאַבריק איז געווען געשלאָסן איבער 4 מאָנאַטן און די אַרבעטער האָבן דורך דער צייט באַקומען אויסגעצאָלט אין שכירות העכער פון 7 טויזנט פונט סטערלינג. די דאָזיקע 7 טויזנט פונט האָבן ענדלעך איבערצייגט אַפילו די יעניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן פריער פאַרדעכטיקט, אַז אַלץ וואָס אָוען טוט, איז נאָר כדי צו פאַרגרעסערן זיינע פּראָפיטן, אַז ער איז ווירקלעך זייער פריינד און פון דאַמאָלט אָן איז אָוען שטאַרק באַליבט געוואָרן ביי די אַרבעטער.

נאָכדעם ווי די פאַבריק האָט זיך צוריק געעפנט, האָט אָוען זיך גענומען בויען די געהעריקע שולן פאַר די קינדער פון ניו לאַנאַרק. די שולן, וועלכע ער האָט געפּלאַנעוועט צו עפענען, האָבן געדאַרפט קאָסטן אַ סך געלט. ער האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן זיינע שותפים אין מאַנטשעסטער און אין לאָנדאָן. באַלד זיינען אַראָפּגעקומען קיין ניו לאַנאַרק צוויי פאַרשטייער פון דער בשותפותדיקער קאָמפּאַני — איינער פון מאַנטשעסטער און אַ צווייטער פון לאָנדאָן. אָוען האָט זיי געוויזן די פאַבריק, די צופרידענע אַרבעטער און די ריינע, ציכטיקע אַרבעטער היימען. זיי האָבן שטאַרק געלויבט זיינע אויפטוען און האָבן אים פּרעזענטירט מיט אַ זילבערנער טאַץ מיט אַ זייער שמייכלהאַפטן אויפשריפט. אָוען איז געווען זיכער אַז אַלץ וועט גיין ווי געוווּנטשן. די צוויי געסט זיינען טאַקע אוועקגעפאָרן פון ניו לאַנאַרק שטאַרק צופרידענע. אָבער זייערע קאָלעגן, די אַנדערע שותפים, זיינען ניט געווען צופרידן. זיי האָבן אַפילו ניט געוואָלט הערן וועגן אויסגעבן גרויסע סומען געלט אויף צו בויען שולן פאַר די קינדער פון ניו לאַנאַרק, בפרט נאָך, אַז זיי זיינען געווען רעליגיעזע מענטשן און אָוען האָט געפּלאַנעוועט, אַז די שולן, וועלכע ער וועט בויען וועלן

זיין וועלטלעכע, נים רעליגיעזע. אָזען האָט אַ לענגערע צייט אַר־גומענטירט מיט זיי און געזוכט צו געווינען זייער צושטימונג פאַר זיין פּלאַן און ווען ער האָט זיי ניט געקענט איבערציייגן, האָט ער פאָרגעשלאָגן צו פאַרקויפן זיי די פאַבריק אָדער אָפּקויפן ביי זיי זייער חלק. זיי האָבן מיט פרייד איינגעשטימט צו פאַרקויפן אים די פאַבריק און האָבן פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיי אָנרופן דעם פּרייז. ער האָט זיי פאָרגעשלאָגן 84 טויזנט פונט סטערלינג פאַר זייער חלק, און זיי האָבן דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. אַזוי האָט ער אין פאַרלויף פון צען יאָר צייט צוויי מאָל אָפּגעקויפט די פאַבריק פון ניו לאַ־נאַרק. אָבער אין 1809 האָט ער שוין באַצאָלט מיט 24 טויזנט פונט סטערלינג מער ווי אין 1799.

אין 1809 איז אָוען געווען אַ סך רייכער ווי מיט צען יאָר פריער. אָבער ער איז דאָך ניט געווען אימשטאַנד צו אינוועסטירן נייע 84 טויזנט פונט אין דער פאַבריק. האָט ער באַלד געפונען אַ פּאָר נייע שותפים. און די נייע שותפים האָבן אים ניט געשטערט צו בויען זיינע שולן און צו קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען אויף די פּראָבלעמען פון פאָלקס בילדונג און דער געזעלשאַפט. אַ טייל פון אָט די געדאַנקען האָט אָוען אין 1812 און 1813 פאַרעפנטלעכט אַלס עסייען אונטער דעם טיטל „עי ניו וויו אָוו סאָסייעטי” (אַ נייער בליק אויף דער געזעלשאַפט).

מיט די נייע שותפים האָט אָבער אָוען אויך ניט געטראָפן. זיי האָבן געטענהט, אַז דער לוין, וועלכן די אַרבעטער באַקומען, איז אַ צו־הויכער און אַז די רעפאָרמען, וועלכע ער האָט איינגעפירט אין דער פאַבריק קאָסטן צופיל. די שולן וועלכע אָוען האָט געבויט האָבן זיי אויך געהאַלטן פאַר איבעריק. זיי זיינען געווען ביזנעסלייט, וואָס האָבן געזוכט נאָר צו מאַכן וואָס גרעסערע פּראָפיטן. האָבן זיי ענדלעך אים געגעבן אַן אולטימאַטום, אַז ער מוז אויפגעבן בויען די שולן, אויב ער וויל פאַרבלייבן דער פאַרוואַלטער פון פאַבריק. ער האָט זיי פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אים געבן אַ פּרייז, פאַר וועלכן זיי זיינען גרייט אים צו פאַרקויפן זייער חלק. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. זיי האָבן ניט נאָר געוואָלט אַריינקריגן אין זיי־ערע הענט דעם גאַנצן קאָנטראָל איבער ניו לאַנאַרק, נאָר זיי האָבן זיך אויך פאָרלענגט אָוענען צו רואינירן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַפילו אים אַרויסצוגעבן געלט אויף זיינע טאָג־טעגלעכע הוצאות, כאָטש ער האָט אַריינגעלייגט אין געשעפט 84 טויזנט פונט סטערלינג. אָוענען איז אויסגעקומען צו באָרגן געלט ביי פריינד אויף די הויז־אויסגאַבן. די פאַבריק אין ניו לאַנאַרק איז באַשטימט געוואָרן צום אויספאַר־

קויף. די שותפים אָוענס האָבן אין סקאָטלאַנד, אין לאָנדאָן און אין אַנדערע גרויסע ענגלישע שטעט פאַרשפּרייט פאַרשיידענע קלאַנגען, אַז אָוען איז אַ פאַנטאַזיאָר, אַז זיי האָבן באַצאָלט 84 טויזנט פונט פאַר דער פאַבריק וואָס איז איצט ניט ווערט אַפילו קיין העלפט פון דעם, זיי האָבן אָבער צוגעגעבן, אַז אָוענען קען מען בלאַמירן נאָר פאַר דעם וואָס ער צאָלט צו־הויכע לוינען די אַרבעטער, און שטרעבט דורכצופירן זייערע פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן וועגן דערציען אַ בעסערן דור און אַ בעסערע מענטשהייט. געטאָן האָבן זיי דאָס אַלץ, כדי דער פּרייז פון דער פאַבריק זאָל שטאַרק פאַלן און זיי אַליין זאָלן זי קענען אָפּקויפן פאַר אַ ביליקערן פּרייז.

אָוען האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ באַשור וועגן דער ניו לאַ־נאַרק פאַבריק און די רעפאָרמען, וועלכע ער האָט איינגעפירט אין ניו לאַנאַרק און ער האָט די בראָשור פאַרשפּרייט צווישן פאַרשיידענע רייכע פילאַנטראָפּן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אָרעמעלייט און פון די אַרבעטנדע מאַסן. אין דער בראָשור האָט אָוען זיך באַמיט צו געבן צו פאַרשטיין זיינע פּרינציפּן די יעניקע, וועלכע וואָלטן געוואָלט ווערן זיינע שותפים אין געשעפט. אינגיכן איז אים געלונגען צו שאַפן אַ נייע קאָמפּאַני, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויסצוקויפן די ניו לאַנאַרק פאַבריק ביי זיינע שותפים. מיט דער הילף פון זיינע שותפים־פילאַנטראָפּן, האָט אָוען אָפּגעקויפט די ניו לאַנאַרק פאַבריק פאַר 114 טויזנט פונט סטערלינג. די אַרבעטער און די אַנדערע איינוווינער פון ניו לאַנאַרק זיינען געווען אויסער זיך פאַר פרייד. אויף די גאַסן האָבן זיך באַ־וויזן קאַפּעליעס פון מוזיקאַנטן. די פענסטער אין אַלע הייזער זיינען געווען אילומינירט ווי אין אַ גרויסן נאַציאָנאַלן יום־טוב. אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן די אַרבעטער צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע זייטיקע פּערזאָנען זיך אָוועקגעלאָזט באַגעגענען אָוענען מיט זיינע נייע שותפים, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנקומען פון גלאַזגאָ. אָוען האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ באַגייסטערטע רעדע.

דאָס איז געווען אין יאָר 1813. אָוען האָט גאָר וואָס געהאַט פאַר־עפנטלעכט זיין בוך „אַ נייער בליק אויף דער געזעלשאַפט". אין דעם בוך האָט אָוען זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער כאַראַקטער פון מענטשן פון די אָרעמע קלאַסן איז אַ פּראָדוקט פון די אומשטענדן, וועלכע טרייבן זיי צו באַגיין אַלערליי פאַרברעכנס. די רייכע און שטאַרקע מענטשן פון דער וועלט זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ צושטאַנד, ווייל אין זייערע הענט געפינען זיך די מיטלען צו אַנטוויקלען אַזוינע כאַראַקטערס, וואָס זאָלן זיין נוצלעך פאַר

דער געזעלשאַפט און זאָלן גליקלעך מאַכן די מענטשן. די סאָציאַלע רעפאָרמען דאַרפן קומען פון אויבן. כדי די מענטשן זאָלן זיך אויסלערנען פון קינדהייט אָן צו העלפן גליקלעך מאַכן די גאַנצע געזעלשאַפט, איז נויטיק, אַז יעדעס קינד, אָן אויס־נאַם, זאָל באַקומען אַ פאַרניגפאַטיקע דערציאונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פון דער נאַטור און קלאָר מאַכן די האַר־מאָניע, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם פּערזענלעכן און קאָלעקטיוון גליק. אין דעם, האָט אָוען געשריבן, באַשטייט „די אמתע פליכט" פון די רעגירונגען פון אַלע לענדער. אויף צו באַשטראָפן פאַרברעכער ווערן אויסגעגעבן מיליאָנען, אָבער צו פאַרמיידן פאַרברעכנס ווערט גאָרניט געטאָן.

די פליכט פון דער מלוכה, האָט אָוען געשריבן, איז ניט נאָר צו געבן אַלע קינדער אָן אויסנאַם אַ גוטע דערציונג, נאָר אויך שאַפן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע אַרבעטער דורך איינפירן אַ סיסטעם פון עפנטלעכע אַרבעטן, ווי, צום ביישפּיל, בויען און פאַרריכטן וועגן, גראָבן קאַנאַלן, בויען דאָקס און האַפנס א. א. ווו די מלוכה מוז פאַרזיכערן די אַרבעטסלאָזע די מעגלעכקייט צו אַרבעטן פאַר עטוואָס אַ נידעריקערן לוין, ווי עס צאָלן די פּריוואַטע אונטערנעמער.

די מענטשן פון די פּריווילעגירטע קלאַסן — האָט געשריבן ראָבערט אָוען — דאַרפן נאָר עטוואָס אַ טראַכט טאָן און צו האַנדלען אַזוי און די וועלט וועט אָן אַ רעוואָלוציע, אָן אַ מלחמה, אָן בלוט־פאַרגיסונגען און אַפילו אָן דעם פאַר דער צייט צו ענדערן די עק־זיסטירנדע אָרדנונג, צוגעגרייט ווערן אויפצונעמען די פּרינציפּן, וואָס קענען ברענגען גליק און באַזייטיקן די אומצופרידנקייט, וועל־כע האָט נאָר דערפאַר אַזוי שטאַרק געמאַטערט די געזעלשאַפט, וואָס די געזעלשאַפט האָט ביז איצט ניט געקענט דערציען כאַראַקטערן וועלכע זאָלן זיין נוצלעך פאַר איר, פאַר דער געזעלשאַפט. די דער־פאַרונג אין ניו לאַנאַרק האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע פּרינציפּן קאָנען אָנגעווענדעט ווערן אין דער פּראַקטיק און אָוען דערציילט דאָרט, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין ניו לאַנאַרק און וואָס ער וויל נאָך דאָרט אויפטאָן.

אָוען האָט זיין בוך צוגעשיקט צום דעמאָלסטדיקן ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער, לאָרד ליווערפּול און צום מיניסטער פון אינערן, לאָרד סידמאַוז.ביידן איז אָוענס בוך שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אָנגעפרעגט ביי אים, וואָס זיי קאָנען טאָן צו העלפן פאַר־ווירקלעכן זיינע פּלענער. אָוען האָט צוגעשיקט דעם מיניסטער פון אינערן צוויי טויזנט איינגעבונדענע עקזעמפּלאַרן פון זיין בוך און

געבעטן אים פאַנאַנדערצושיקן זיי צו די רעגירונגען פון אַלע וויכטיקע לענדער פון איראָפּע און אַמעריקע, ווי אויך צו די באַרימטסטע פּראָפעסאָרן פון די אוניווערזיטעטן, און בעטן זיי, אַז זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען וועגן אָוענס „דערפאַרונגען". דער מי־ניסטער פון אינערן האָט באַוויליקט אָוענס פאַרלאַנג.

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן האָט אָוענען פאָר־געלעגט פאַנאַנדערצושיקן זיין בוך צו אַלע גאָווערנאָרס פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון זיין זייט. אָוענס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג ניט נאָר אין דער אָפיציעלער וועלט. ער האָט זיך אויך גוט פאַרקויפט. אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן גאַנצע 4 אויפלאַגעס פון דעם בוך.

אַפילו נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ געפאַנגענער אויפן אינזל עלבאַ, האָט געהערט וועגן אָוענס בוך און ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים צושיקן אַן עקזעמפּלאַר. אָוען דערציילט, אַז שפּעטער האָט נאַפּאָלעאָן טאַקע אויפמערקזאַם איבערגעלייענט אָוענס בוך און ער האָט געזאָגט, אַז אויב די איראָפּעאישע קעניגן וועלן אים דערלויבן אומקערן זיך קיין פראַנקרייך, וועט ער יענע טעטיקייט, וועלכע ער האָט פריער געווידמעט צו קריגס־צילן, ווידמען צו פאַרזיכערן דעם פרידן און דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

מיט אָוענען האָבן זיך דאַן שטאַרק פאַראינטערעסירט די מי־ניסטאָרן און אַפילו די קעניגן פון איראָפּע. פיל הויך־געשטעלטע אויסלענדער זיינען געפאָרן קיין ניו לאַנאַרק צו באַקענען זיך מיט אָוענען און מיט זיינע אויפטוען אין ניו לאַנאַרק. איינער פון אָט די הויך־געשטעלטע פּערזענלעכקייטן איז געווען דער רוסישער גרויס־פירשט ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש, דער צוקונפטיקער רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער. ער האָט פאַרבראַכט אין ניו לאַנאַרק צוויי טעג און ער איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פאַר אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געזען, אַז ער האָט זיך געווענדעט צו אָוענען מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„אייער לאַנד איז איבערבאַפעלקערט און צוליב דעם קומען אַרויס אומגליקן. וואָלט איר פיליכט געוואָלט מיטנעמען מיט זיך צוויי מיליאָן מענטשן און פאָרן מיט מיר קיין רוסלאַנד? איך וועל שטעלן אין אייער רשות אַלץ, וואָס איר וועט נויטיק האָבן, אום צו שאַפן קליינע אינדוסטריעלע געמיינדעס, לויט דעם מוסטער פון דער, וועל־כע עקזיסטירט אין ניו לאַנאַרק".

אָוען האָט ניקאָלאַיס פאָרשלאַג ניט אָנגענומען.

נאָך דעם ווי ניקאָלאַי איז אװעקגעפאָרן, האָבן ניו לאַנארק באַ־זוכט די עסטרייכישע פּרינצן יאָהאַן און מאַקסימיליאַן, די אַמבאַ־סאַדאָרן און די געבילדעטע מענטשן פון אַלע פּראָפעסיעס און פון אַלע לענדער. עס האָט מיט אָוענען דעמאָלט געקאָכט די גאַנצע וועלט.

3

אין יאָר 1816 האָט אָוען געעפנט דעם „אינסטיטוט פאַר אויס־בעסערונג פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער". ווען דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, פירשט עסטערהאַזי, האָט אין פאַרלויף פון אַ לאַנגן געשפּרעך מיט אָוענען אין ניו לאַנארק געפרעגט ביי אים, וואָס ער האָפט צו דערגרייכן דורך זיין אינסטיטוט און דורך זיין גאַנצער טעטיקייט, האָט אָוען געענטפערט: „די פולקאָמענע פיזישע און מאָראַלישע צוגרייטונג פון די מענער און פרויען צו דעם, אַז זיי זאָלן שטענדיק דענקען און האַנדלען פאַרנינפטיק".

דער „אינסטיטוט" פון ניו לאַנארק איז באַשטאַנען פון דריי אָפּ־טיילונגען. דעם 1טן מאַי, 1816, זיינען אין דעם אינסטיטוט געווען 759 שילער אין עלטער פון דריי ביז פינף און צוואַנציק יאָר. אין דעם ערשטן צוגרייטונגס־קלאַס זיינען געווען קינדער פון דריי ביז זעקס יאָר אַלט. מיט דעם דאָזיקן קלאַס האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן, הויפּטזעכלעך, אָוען אַליין. ער האָט צוערשט געמוזט געפינען אַזוינע לערער, וועלכע זאָלן זיין פעיק דורכגעדרונגען צו ווערן מיטן גייסט, אין וועלכן די קינדער דאַרפן דערצויגן ווערן. פּראָפעסיאָנעלע לערער, האָט אָוען געהאַלטן, טויגן ניט פאַר דעם, ווייל זיי זיינען צו־קאָנ־סערוואַטיוו. האָט ער געזוכט צווישן דער אַרבעטער באַפעלקערונג אַזוינע מענטשן, וועלכע האָבן שטאַרק ליב קינדער און זיינען פעיק צו באַציען זיך צו זיי מיט דער גרעסטער געדולד און וועלכע זיינען גרייט איינגאַנצן צו ווידמענען זיך צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע פּלענער. אָוען האָט אויסגעקליבן פאַר דעם אַן עלטערן אָרעמען וועב־בער, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער און פאַרמאָגט אַ סך געדולד און אַ יונגע 17 יאָריקע מיידל, אַ וועבערין פון דער פאַבריק, וועלכע איז געווען שטאַרק באַליבט ביי אַלע איינוווינער פון דעם שטעטל. ער האָט זיי ביידן אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן פאַר קיין פאַל קיינ־מאָל ניט שלאָגן די קינדער און אַפילו ניט סטראַשען זיי מיט שמיץ, נאָר שטענדיק ריידן צו זיי מילד און דעליקאַט. די לערער דאַרפן ניט דערעסן די קינדער מיט ביכער, נאָר באַמיען זיך אַרויסצורופן ביי

זיי אַן אינטערעס דורך געשפּרעכן וועגן די זאַכן, וואָס רינגלען זיי אַרום.

פון דריי יאָר אָן האָט מען די קינדער אָנגעהויבן צו לערנען טאַנצן און פון פיר יאָר אָן זינגען. די מיידלעך, אַזוי גוט ווי די יינגלעך, האָט מען געלערנט מאַכן גימנאַסטישע מיליטערישע איבונגען.

אויסלענדישע באַזוכער פלעגן באַוואונדערן די לייכטקייט מיט וועלכע די קליינע קינדער פלעגן דורכפירן אַלע אייראָפּעאישע טענץ, די פּינקטלעכקייט מיט וועלכע די מיידלעך ווי די יינגלעך פלעגן מאַכן די מיליטערישע איבונגען און די האַרציקייט מיט וועלכער זיי פלעגן זינגען די אַלטע סקאָטישע פאָלקס־לידער.

איין אָנגעזעענע דאַמע האָט, צוקוקנדיק ווי אַזוי די קינדער פאַר־ברענגען, געזאָגט אָוענען: „מר. אָוען, איך וואָלט אַלץ אוועקגעגעבן, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין ענלעך אויף אָט די".

אָוען האָט פריער פון אַלץ אויף זיין אייגענער פאַבריק איינגע־פירט אַזוינע אַרבעטס־באַדינגונגען, וואָס האָבן געזאָלט דינען אַלס אַ מוסטער פאַר אַנדערע פאַבריקאַנטן און ער האָט זיין פאַבריק ווירקלעך געמאַכט פאַר אַ מוסטער־האַפטע. אונטער זיין איינפלוס האָט די ענגלישע רעגירונג באַשטימט אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די אַרבעטס באַדינגונגען אויף די פאַבריקן און זען צי עס איז נויטיק איינצופירן ספּעציעלע געזעצן אויף צו באַשיצן די אַרבעטער. אָוען האָט צוגעשטעלט דער קאָמיסיע אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל פאַרבאָטן ווערן צו באַשעפטיקן אין די פאַבריקן קינדער אונטער 10 יאָר אַלט און אַז אַלע יוגנטלעכע אַרבעטער אונטער 18 יאָר, זאָלן ניט טאָרן אַרבעטן מער ווי צען מיט אַ האַלב שעה אַ טאָג. ער האָט אויך געפאָדערט, אַז עס זאָלן באַשטימט ווערן פעיקע באַצאָלטע אינספּעקטאָרן, וועלכע זאָלן אויפ־פּאַסן, אַז דער געזעץ זאָל שטרענג אָפּגעהיט ווערן.

די אַרגומענטן, מיט וועלכע אָוען האָט באַגרינדעט זיין פאָדערונג ווייזן, אַז ער איז געווען דער ערשטער און דער איינציקער מענטש אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, וואָס האָט פאַרשטאַנען די ווירקונג פון דער פאַרקירצונג פון אַרבעטס־טאָג אויף דער אַרבעטס־פּראָדוק־טיוויטעט. אין פאַרלויף פון פיר יאָר צייט האָט אָוען אָנגעפירט אַ שריפטלעכע און מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין פּראָיעקט. די אַנדערע גרויסע פאַבריקאַנטן האָבן אים כסדר אַטאַקירט און זיך שטאַרק באַמיט אונטערצוגראָבן זיין אויטאָריטעט. זיי האָבן געטענהט, אַז די מלוכה האָט קיין רעכט ניט אַריינצומישן זיך אין דער פאַר־

וואַלטונג פון פּריוואַטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. א חוץ דעם, האָבן זיי באַהויפּטעט, אַז פאַר דעם געזונט פון די קינדער איז ניטאָ קיין שום געפאַר אין דעם, וואָס זיי אַרבעטן 14-15 שטונדן אַ טאָג. אָועןהאָט צוגעשטעלט צו דער קאָמיסיע אַ צווייטן באַריכט. אין וועלכן ער האָט באַוויזן, אַז די באַשעפטיקונג פון 4-5 יאָריקע קינדער איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין לידס, אין סטאָקפּאָרט און אומעטום ווו עס זיינען פאַראַן פאַבריקן. אין סטאָקפּאָרט, ווו ער אַליין האָט אויסגעפאָרשט די לאַגע, האָט ער אָפּט געזען אויף די פאַבריקן אַרבעטנדיק 4 יאָריקע קינדער און אויף איין פאַבריק האָט ער אפילו געזען ביי דער אַרבעט אַ דריי־יאָריקע מיידעלע. אין דעם צווייטן באַריכט האָט אָועןשוין געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרבאָטן צו באַשעפטיקן אויף די פאַבריקן קינדער אונטער 12 יאָר אַלט און אַז דער נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער זאָל זיין ניט לענגער פון 10 שעה.

אויף זיין אייגענער פאַבריק האָט אָועןפריער פאַרקירצט דעם אַרבעסט־טאָג פון 14 אויף 12 שעה און דערנאָך ביז 10 און דריי פערטל שעה אַ טאָג.

ענגלענד האָט דער פּאַרלאַמענט אין 1819 אָנגענומען אַ געזעץ צו פאַרבאָטן די באַשעפטיקונג פון קינדער אונטער 9 יאָר און צו באַגרענעצן דעם אַרבעטס־טאָג פאַר די יוגנטלעכע אַרבעטער אויף 12 שעה אַ טאָג. און דער געזעץ איז געווען גילטיק ניט פאַר אַלע פאַבריקן, ווי אָועןהאָט געפאָדערט, נאָר בלויז פאַר די טעקסטיל־פאַבריקן. אָוענס פּלאַן איז, אַלזאָ, אָנגענומען געוואָרן נאָר טיילוויז. אָבער ער איז דאָך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אין דער ענגלישער געזעצגעבונג אריינגעבראַכט דעם פּרינציפּ פון דער געזעצלעכער באַגרענעצונג פון אַרבעטס־טאָג. שפּעטער האָט אָועןגענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער באַוועגונג פאַר אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס האָט געפירט דערצו, אַז אַזאַ געזעץ זאָל אין 1847 טאַקע איינגעפירט ווערן.

אין די יאָרן 1816, 1817 און 1818 איז אָועןאַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע און ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער קאָמיסיע וואָס האָט געדאַרפט אויספאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד. נאָך דעם סוף פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן פרידן מיט פראַנקרייך, האָט אין ענגלאַנד אויסגעבראָכן אַן עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ סך פאַבריקן זאָלן זיך צומאַכן און עס איז געוואָרן אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. אויף צו פאָרשן די סיבות פון קריזיס און די

מיטלען, וואָס דאַרפֿן אָנגענומען ווערן צו העלפֿן די אַרבעטסלאָזע, און געשאַפֿן געוואָרן אַ קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען אַריין פּאָליטישע פֿירער, עקאָנאָמיסטן און פֿאָרשטייער פֿון דער געשעפֿטס־וועלט. גלייך אויף דער ערשטער זיצונג פֿון דער קאָמיסיע האָט דער העכסטער פֿאָרשטייער פֿון דער ענגלישער קירך, דער אַרצבישאָף פֿון קענטערבורי, וועלכער איז געווען דער פֿאָרזיצער, געבעטן אָוענען, אַז ער זאָל העלפֿן דער אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע מיט זיין דערפֿאַרונג. אָוען האָט אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג און אין אַן עפֿנטלעכער לעקציע צו דערקלערן, וואָס עס זיינען, לויט זיין מיינונג, די סיבות פֿון דעם קריזיס. נאָך דער דאָזיקער לעקציע האָט די קאָמיסיע באַאויפֿטראַגט אָוענען צוזושטעלן אַ מעמאָראַנדום, ווי מען רופֿט עס איצט, וועגן די מיטלען אויף צו באַזייטיקן דעם עקאָנאָמישן קריזיס.

דאָס איז געווען די ערשטע געלעגנהייט, וואָס אָוען האָט געהאַט פֿאָרצולייגן פֿאַרן עולם אַ פּלאַן פֿון אַ ברייטער רעפֿאָרם פֿאַרן גאַנצן לאַנד. אין זיין בוך „אַ נייער בליק אויף געזעלשאַפֿט” האָט ער, אמת, שוין געפֿאָדערט רעפֿאָרמען פֿון אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, ווי די איינפֿירונג פֿון אַ מיניסטעריום פֿון פֿאָלקס־בילדונג און אַ סיסטעם פֿון אַלגעמיינער בילדונג, די דערעפֿענונג פֿון סעמינאַרן אויף צוצוגרייטן לערער, די דורכפֿירונג פֿון אַ צענזוס וועגן די אַרבעטער כחות אין לאַנד, וועגן די אַרבעטס־לוינען און באַשעפֿטי־קונג און די עטאַבלירונג פֿון אַ סיסטעם פֿון עפֿנטלעכע אַרבעטן אין צייטן פֿון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע. אָבער דאָס זיינען געווען אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. איצט האָט מען פֿון אים פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל פֿאָרשלאָגן קאָנקרעטע מיטלען ווי אַזוי צו לייזן תיכף אַ ספּע־ציעלע פּראָבלעם, מאַכן וואָס שנעלער אַ סוף צו דער גרויסער אַר־בעטסלאָזיקייט און צו די סאָציאַלע פֿאָלגן פֿון דער אַרבעטסלאָזיקייט.

אין זיין באַריכט האָט אָוען דערקלערט, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט און די פֿאָלקס־אָרעמקייט זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דער שנעלער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוקציע־כחות. צוליב דער שנע־לער איינפֿירונג פֿון מאַשינען, זיינען אַ סך אַרבעטער אַרויסגע־וואָרפֿן געוואָרן פֿון די פֿאַבריקן. די אַרבעטס־לוינען זיינען צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ אַרונטערגעדריקט געוואָרן און אַזוי ווי די אַרבעטער זיינען ניט נאָר פּראָדוצירער, נאָר אויך קאָנסומענטן, פֿאַרברויכער פֿון אַלערליי פּראָדוקטן און סחורות, האָט זיך דער פֿאַרקויף פֿון סחורות צוליב דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט שטאַרק פֿאַרקלענערט. דער רעזולטאַט איז געווען אַן איבערפּראָדוקציע פֿון סחורות, פֿאַר וועלכע עס זיינען ניטאָ געווען קונים.

וואָס־זשע דאַרף מען טאָן אונטער אַזוינע אומשטענדן? עס איז ניט גענוג, זאָגט אָוען, צו שאַפן אַ גרעסערן מאַרק פאַר די פּראָדוקטן און סחורות. מען מוז גלייכצייטיק שאַפן אַרבעט פאַר די אַרבעטס־לאָזע אַרבעטער. פאַר דעם צוועק האָט אָוען רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל ביים באַאַרבעטן די ערד באַנוצן אַנשטאָט דעם אַקער־אייזן די איינפאַכע לאָפּעטע און אַ פאַרזוך זאָל געמאַכט ווערן פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט דורך גרינדן לאַנדווירטשאַפטלעכע געמיינדעס, קיבוצים, ווי מען וואָלט עס היינט גערופן, אין וועלכע עס זאָלן אויך זיין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אָוען האָט גע־האַלטן, אַז דורך דעם, וואָס די אינדוסטריע איז געוואָרן אומאָפּהענ־גיק פון דער לאַנדווירטשאַפט, איז דער מענטש דערווייטערט געוואָרן פון דער נאַטור און דער אַרבעטער איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דעם קוואַל פון די מיטלען פון זיין עקזיסטענץ.

אין אַ באַשטימטער געגנט, האָט אָוען געשריבן, קען וואוינען אַ סך אַ גרעסערע צאָל מענטשן און אונטער אַ סך בעסערע באַדינ־גונגען, אויב די מענטשן דאָרט וועלן זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט און מיט די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט, איידער ווען זיי זאָלן זיין צופאַלן אויף אינדוס־טריעלע און לאַדנווירטשאַפטלעכע קלאַסן".

אָוען האָט געוואָלט אומקערן די מענטשן צוריק צום דאָרפישן לעבן. כדי מענטשן זאָלן דאָס וועלן טאָן, האָט אָוען געדענקט, איז גענוג צו מאַכן אייניקע דערפאָלגרייכע עקספּערימענטן. מען דאַרף גרינדן געזעלשאַפטן פון ערד־אַרבעטער און שאַפן מוסטערהאַפטע לאַנדווירטשאַפטלעכע געמיינדעס.

„עס איז גענוג צו שאַפן איין אַזאַ געזעלשאַפט, האָט אָוען גע־שריבן, כדי אַרויסצורופן אַ ווונטש צו שאַפן אַנדערע. זייער צאָל וועט שנעל זיך פאַרגרעסערן... די כאַראַקטערן פון די מענטשן, וואָס וועלן דערצויגן ווערן לויט דער נייער סיסטעם און זייער אויפפירונג, וועלן דינען ווי לעבעדיקע באַווייזן, אַז די נייע אָרדנונג איז פיל בעסער פון דער אַלטער און די אַלטע געזעלשאַפט וועט מיט דער צייט פאַרשווינדן".

אָוען האָט באַשטימט ניט נאָר די צאָל איינוואוינער פון יעדער לאַנדווירטשאַפטלעכער געמיינדע. „די דאָזיקע ערד־אַרבעטער, האָט אָוען געשריבן, וועט מען געבן גענוג ערד, כדי זיי זאָלן קענען פּראָ־דוצירן גענוג לעבנס־מיטלען און אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר זייער עקזיסטענץ, ווי אויך די נויטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, פאַר די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט". אָוען האָט אויסגע־

רעכנט, אז פֿאַר יעדן מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט וועט נויטיק זיין פון א האלבן ביז אַנדערהאַלבן אַקער לאַנד. דאָס הייסט, אז פאַר 1200 מענטשן וועט מען דאַרפֿן האָבן פֿון 600 ביז טויזנט מיט 800 אַקער לאַנד.

אָוען האָט אויך פֿאָרגעלייגט א גענויעם פּלאַן פֿון די אַלע געביי־דעס און אינסטיטוציעס וואָס וועלן נויטיק זיין אין יעדער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער געמיינדע. די „קינדער וועלן זיך דערציען צוזאַ־מען, פונקט ווי זיי וואָלטן ווירקלעך געהערט צו איין פאַמיליע, אזא דערציאונג, האָט אָוען געזאָגט, וועט העלפן פאָרמירן אַזוינע כאַראַק־טערן, וואָס וועלן פאַרנינפטיק האַנדלען, דענקען און פילן". אָוען האָט אויך גענוי אויסגערעכנט וויפל עס וועט קאָסטן גרינדן אזא געמיינדע.

אָוען האָט זיך ניט באַנוגנט נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט צוגע־שטעלט זיין פלאַן צו דער קאָמיסיע. ער איז אוועקגעפאָרן קיין לאָנ־דאָן און דאָרט אויף א רייע גרויסע פּאָלקס־פאַרזאַמלונגען איבער־געגעבן, וואָס עס קומט פאַר אין דער קאָמיסיע. ער האָט דערקלערט אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען אויך זיינע מיינונגען וועגן דער געזעלשאַפֿט, וועגן רעליגיע און מאָראַל.

די לאָנדאָנער ציימונגען זיינען געווען פול מיט באַריכטן וועגן די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען. אָוען האָט געקויפט 30 טויזנט עקזעמ־פּלאַרן פון דער „לאָנדאָן טאַימס", אין וועלכער עס איז געווען אי־בערגעדרוקט זיין רעדע און ער האָט זיי פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע גלחים, צו די דעפּוטאַטן פון פאַרלאַמענט, צו אַלע באַנקירן און הויפט־ריכטער פון יעדער שטאָט. דערנאָך האָט ער ווידער אַמאָל געקויפט 40 טויזנט ציימונגען מיט די באַריכטן פון זיינע פאַרזאַמ־לונגען.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט אָוען, אז נאָך דער ערשטער פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן איז ער געווען „דער פּאָפּולערסטער מענטש אין דער ציוויליזירטער וועלט".

דערנאָך האָט ער געמאַכט א לענגערע רייזע איבער אייראָפּע. ער איז אומעטום אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרוים פאַראַד פֿון קייסאָרים, מיניסטאָרן, געלערנטע און אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן. אין א סך פלעצער האָט ער געהאַלטן לעקציעס.

אין יאָר 1821 און דערנאָך אין 1823 זיינען אָוענס פאָרשלאָגן פאָרגעבראַכט געוואָרן אין ענגלישן פאַרלאַמענט. אין 1822 האָט א גרופּע ענגלישע און אויסלענדישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן אָפּגעהאַלטן א קאָנפערענץ אין לאָנדאָן. אין דער קאָנפערענץ האָבן

זיך באַטייליקט אַ צאָל אַנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן און דאָרט זיינען געמאַכט געוואָרן צוזאָגן צו שאַפן ניט ווייניקער ווי פופציק טויזנט פונט סטערלינג פאַר אַן עקספּערימענט לויט אָוענס פּלאַן. אָוען אַליין האָט געמאַכט אַ גרויסן לעקציע-טור אין איירלאַנד. דאָרט איז ער אַרויסגעטראָטן אויף גרויסע פאַר־זאַמלונגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען דער לאָרד מעיאָר פון דובלין, דער דיוק און דאָטשעס פון לעינסטער, פיל אירישע גלחים און קיינער האָט אים ניט באַטראַכט פאַר אַ מאַניאַק אָדער פאַר אַ פאַנטאַזיאָר.

אין 1824 איז אָוען געקומען צום שלוס, אַז דער בעסטער אָרט צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן פון שאַפן די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע אָדער סאָציאַליסטישע געמיינדע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב איז די נייע וועלט, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן שוין עקזיסטירט אַ סך אַזוי־נע קאָלאָניעס. אָוענס בוך „דער נייער בליק אויף געזעלשאַפט" איז געווען גוט באַקאַנט אין אַמעריקע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען אויך אַ סך געשריבן וועגן ניו לאַנאַרק, וועגן אָוענס פאַבריק און וועגן דער מוסטערהאַפטער שול־סיסטעם, וואָס אָוען האָט גע־שאַפן אין ניו לאַנאַרק.

אין זומער פון 1824 זיינען צוויי רייכע געבילדעטע אַמעריקאַנער געקומען באַזוכן ניו לאַנאַרק. זיי זיינען געוואָרן באַגייסטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען און איינער פון זיי, ריטשאַרד פלאָוער האָט פאָרגעשלאָגן אָוענען אָפּצוקויפן ביי די „ראַפּיסטן" זייער קאָלאָניע „האַרמאָני" אין אינדיאַנאַ סטעיט. די דאָזיקע קאָ־לאָניע איז אין 1803 געשאַפן געוואָרן פון אַ גרופּע פון אַ טויזנט דייטשע פויערים מיט זייער פירער געאָרג ראַפּ, אַ פויער פון ווירטעמ־בערג. דאָס זיינען געווען ערלעכע, פרומע אַרבעטסזאַמע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע, אין דעם לאַנד פון רעליגיעזער פרייהייט צו קענען לעבן דאָ, ווי גאָט האָט געבאָטן. זיי האָבן גע־שוואָרן צו פירן אַ ריינעם לעבן און אויך ניט רויכערן. זיי האָבן געשאַפן אַ מוסטערהאַפטע קאָלאָניע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין 1824 אָבער האָבן זיי, צוליב געוויסע סיבות, געוואָלט פאַר־קויפן זייער שטעטל און באַזעצן זיך ערגעץ וואו אַנדערש. האָפנדיק צו געפינען אין אַמעריקע אַ ברייטערן פעלד פאַר די עקספּערימענטן מיט זיין פּראָיעקט, האָט אָוען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט דורכצופירן דעם עקספּערימענט אין אַ ניי לאַנד פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט און אונטער די בעסטע באַדינגונגען. אָוען איז באַלד אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

4

אין נאָוועמבער 1824 איז ראָבערט אָוען צוזאַמען מיט זיין על־טערן זון אַנגעקומען קיין ניו יאָרק. נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט דער ענגלישער קאָנסול אים אָפּגעשטאַט אַן אָפּיציעלן וויזיט. דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָליטישער פירער דע וויט קלינטאָן, אַ געוועזענער מעיאָר פון ניו יאָרק און גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטעיט, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך. דע וויט קלינטאָן און אַ צווייטער באַרימטער אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן אויך פון ניו יאָרק, וואַן רענסלער, האָבן אָוענען געגעבן רעקאָמענדאַציע־בריוו צו טאָמאַס דזשעפערסאָנען און ענדריו דזשעקסאָנען אין וואַשינגטאָן. זיי האָבן אים אויך אַרומגעפירט צו ווייזן די מאָדערנסטע פאַבריקן פון ניו יאָרק סטעיט און פון דער שטאָט ניו יאָרק. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָוען אַוועקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט פאַר־בראַכט פינף טעג און פאַרקערט דאָרט די גאַנצע צייט אין דער געזעלשאַפט פון באַרימטע ליבעראַלע אַמעריקאַנער. פון פילאַדעל־פיע איז אָוען אַוועקגעפאָרן קיין וואַשינגטאָן, וואו ער איז אויפגע־נומען געוואָרן פון פּרעזידענט מאָנראָו און פון דעם ניי־דערוויילטן פּרעזידענט דזשאָן קווינסי עדעמס.

דעם 25טן פעברואַר און דעם 7טן מערץ, 1825, האָט אָוען אין וואַשינגטאָנער רעפּרעזענטאַנטן הויז פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער וועלט געהאַלטן צוויי רעדעס, אין וועלכע ער האָט דערקלערט זיין פּלאַן ווי אַזוי „אויפצולעבן" די מענטשהייט. ער האָט אויך דורך אַן איבערזעצער אַדרעסירט די „טשיפּס" פון די אַמעריקאַנער אינ־דיאַנער. נאָך דעם איז ער אַוועקגעפאָרן קיין האַרמאָני, אָדער ניו האַרמאָני, די קאָלאָניע אין אינדיאַנאַ סטעיט, וועלכע ער האָט גע־פּלאַנעוועט אָפּצוקויפן ביי די דייטשע פויערים, וועלכע האָבן די קאָלאָניע געגרינדעט אין יאָר 1803, נאָכדעם ווי ער האָט אונטער־געשריבן דעם קאָנטראַקט האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט זיין 23 יאָריקן זון וויליאַם און אַליין איז ער אַרויסגעפאָרן אויף אַ נייעם טור, וואָס האָט געדויערט הונדערט טעג. ער האָט צוערשט באַזוכט די דריי אַמעריקאַנער עקס־פּרעזידענטן, עדעמסען, דזשעפערסאָנען און מעדיסאָנען. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט אָוען, אַז אַלע דריי געוועזענע פּרעזידענטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַנער־קענט, אַז זיינע פּרינציפּן זיינען ריכטיקע.

ערשט אין אַפּריל מאָנאַט האָט ער פאַרלאָזן וואַשינגטאָן און זיך צוריקגעקערט קיין ניו האַרמאָני, וואו ער האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די נייע קאָלאָניסטן. אין דער רעדע האָט ער דערקלערט, אַז אַ פולקאָמענע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אָדער „קיבוץ", ווי מען וואָלט עס היינט גערופן, קען ניט געשאַפן ווערן תיכּף. עס וועט מוזן צייט־ווייליק עקזיסטירן אומגלייכקייט פון איינקונפט, כדי וויסנשאַפטס־לייט און פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן, וועלכע זיינען געוואוינט צו אַ העכערן לעבנס־סטענדאַרד, זאָלן וועלן זיך באַזעצן אין דער קאָלאָניע.

אָוען האָט דערנאָך פאַרעפנטלעכט אַ מאַניפעסט, אין וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צו אַלע די, וואָס סימפּאַטיזירן מיט זיינע אידייען, אַז זיי זאָלן קומען באַזעצן זיך אין ניו האַרמאָני. דער עקספּערימענט, וועלכן אָוען האָט זיך געקליבן צו מאַכן אין ניו האַרמאָני האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט דעם עולם ניט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער. די באַ־רימטסטע געלערנטע און געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיך געגרייט נאָכצופאָלגן מיט גרויס אינטערעס די אַנטוויקלונג פון דער ניו האַרמאָני קאָלאָניע.

צום אומגליק אָבער האָט אָוען ביי זיין אָנקומען קיין ניו האַר־מאָני שוין געטראָפן דאָרט 800 מענטשן, וועלכע זיינען געקומען אַהין פון פאַרשיידענע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אויך פון אייניקע אייראָפּעאישע לענדער. די דאָזיקע מענטשן זיינען ניט געווען פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע ניט דורך געמיינזאַמע אינטע־רעסן, ניט דורך געמיינזאַמע סימפּאַטיעס און אויך ניט דורך וועלכע עס איז געמיינזאַמע געוואוינהייטן. אָבער צווישן אָט דעם גרויסן המון איז אויך געווען אַן ערשט־קלאַסיקער עלעמענט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע געלערנטע. ראָבערט אָוען האָט זיך באַ־זאָרגט מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון דעם פילאַדעלפיער רייכן פילאַנטראָפּ מעקליור וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ באַ־ווּסטער געלערנטער, דער גרינדער פון דעם קאָלעדזש פאַר נאַטור־וויסנשאַפט אין פילאַדעלפיע. מעקליור האָט דערוואַרט, אַז אין ניו האַרמאָני וועט אַנטשטיין אַ באַוועגונג פאַר דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַמעריקאַנער סיסטעם פון דערציאונג. האָט ער באַשלאָסן צו געבן פאַר דער אונטערנעמונג 150 טויזנט דאָלאַר און אַליין באַזעצן זיך אין ניו האַרמאָני. אים האָט נאָכגעפאָלגט אַ גאַנצע גרופּע געלערנטע און פּעדאַגאָגן: דער באַרימטער זאָאָלאָג טאָמאַס סעי, דער פראַנצויז לעזיוער, דער האָלענדישער געאָלאָג טרעסט און אַנדערע. אָבער צוזאַמען מיט אָט די פאָרשטייער פון וויסנשאַפט זיי־

נען געקומען אהין אומרויקע מענטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אַן אידעאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, היציקע נאַטורן, וואָס זיינען געווען אומצופרידן פון דער אומגערעכטיקייט, און האָבן געדורשט נאָך רעפאָרמען. ווי צ. ב. פרוי ראַיט, איינע פון די ערשטע קעמפערינס אין אַמעריקע פאַר פרויען־שטימרעכט און פאַר אָפּשאַפונג פון נעגער־שקלאַפעריי. אָוענס אידעען וועגן רעליגיע האָבן צוגעצויגן קיין ניו הארמאָני אויך אַ סך אַטעאיסטן. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף אָוענס מאַניפעסט און איז געקומען באַזעצן זיך אין דער קאָמוניסטישער קאָלאָניע ניו הארמאָני. אַ חוץ זיי זיינען אָבער אויך געווען האַלב־צעדרייטע פערזאָנען, מענטשן מיט אַ צורודערטע פאַנטאַזיע דערפינדער פון פאַרשיידענע סיסטעמען און מיטלען ווי אַזוי אויסצובעסערן די וועלט, פּראָפעסאָרן פון משוגענע פּראָיעקטן און עס זיינען אויך געווען פשוטע פוילענצער, מענטשן, וואָס זיינען געקומען אהין מיט דער האָפנונג, אַז דאָ וועט מען קענען לעבן אַ גוטן טאָג און ניט האָבן קיינע זאָרגן. עס זיינען אויך געווען צווישן זיי פשוטע קאַריעריסטן, וועלכע האָבן געהאָפט דורך באַטייליקן זיך אין דעם עקספּערימענט פון פאַרווירקלעכן קאָמוניזם אָפּלעקן אַביינדל פאַר זיך און מיט דער צייט צו קענען ווערן אַליין קאַפּיטאַליסטן. פאַר ראָבערט אָוענען איז ניו הארמאָני געווען אַ מין סטאַנציע אויפן האַלבן וועג צווישן דער אַלטער וועלט און דער נייער.

דעם 1טן מאַי, 1825, איז געגרינדעט געוואָרן די פּאַרלויפיקע געזעלשאַפט און עס איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע, וועלכע אָוען האָט פאָרגעלייגט. אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע איז דערקלערט געוואָרן, אַז דער הויפט־ציל פון דער געזעלשאַפט באַשטייט אין דעם צו העלפן בכלל דעם גליק פון דער מענטשהייט און בפרט אויסצובעסערן דעם כאַראַקטער פון אירע מיטגלידער און צוגרייטן זיי פאַר דעם לעבן אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. אויף אָנצופירן די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט ווערט באַשטימט אַ קאָמיטעט. לויט דער קאָנסטיטוציע האָבן דעם ערשטן יאָר די מיטגלידער פון קאָמיטעט געזאָלט באַשטימט ווערן פון דעם גרינדער פון דער געמיינדע. דעם צווייטן יאָר האָבן דריי מיטגלידער פון קאָמיטעט געזאָלט דערוויילט ווערן און אָנהויבנדיק מיטן דריטן יאָר האָט געזאָלט געשאַפן ווערן אַ געמיינדע פון פולקאָמענער גלייכקייט.

די קאָלאָניע ניו הארמאָני האָט ווירקלעך פאַרגעשטעלט מיט זיך ניט אַ געמיינדע וואָס איז פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך אַ שטאַרקער האַנט, נאָר אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָט געהערשט אַ

פּולשטענדיקע אַנאַרכיע. יעדער איינער האָט געלעבט, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. עס איז ניט געווען קיין שום אָרדענונג ביים פֿאַר־טיילן די אַרבעט. די פּראָדוקציע איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון דעם גוטן ווילן פֿון די איינצלנע מענטשן און אַזוי ווי די קאָלאָניע איז געווען באַזאָרגט מיט שפּייז ניט נאָר פֿאַר דער קעגנוואַרט, נאָר אויך פֿאַר דער צוקונפֿט, האָט דער עולם זיך געפֿוילט צו אַרבעטן.

ראָבערט אָועןֿ אַליין איז באַלד ווי די קאָנסטיטוציע איז אָנגע־נומען געוואָרן, אַוועקגעפֿאָרן קיין איירָאָפּע. אין אָקטאָבער 1825 האָט אָנגעהייבן צו דערשיינען אין ניו האַרמאָני אַ צייטונג, די „ניו האַרמאָני גאַזעט". איר הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען אָוענס זון ראָבערט דעל אָוען. אין דער דאָזיקער צייטונג האָט מען כסדר שטאַרק קריטיקירט די אָרדענונג אין דער קאָלאָניע. שוין אין די ערשטע נומערן פֿון דער צייטונג האָט איר רעדאַקטאָר אין אַ רייע אַרטיקלען אונטערגעפֿירט אַ סך הכל פֿון די ערשטע זעקס מאָנאַטן פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער קאָלאָניע און ער איז געקומען צום שלוס, אַז די רעזולטאַטן זיינען ווייניק צופֿרידנשטעלנדע. קיין אָר־גאַניזאַציע פֿון דער אַרבעט עקזיסטירט ניט. די אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פֿאַרבליבן פֿון די „ראַפּיסטן" (די פֿריערדיקע דייטשע קאָלאָניסטן) געפֿינען זיך אין אַ זייער טרויעריקן צושטאַנד. עס זיינען ניטאָ ניט קיין אַרבעטער און ניט קיין אָנפֿירער. אייניקע פֿאַבריקן אַרבעטן, אָבער אַנדערע זיינען צוגעמאַכט געוואָרן, ווייל עס פֿעלן אַרבעטער. די צייטונג אָבער טרייסט זיך, אַז אינגיכן וועט ראָבערט אָוען זיך צוריקקערן פֿון איירָאָפּע און אַ דאַנק זיין דערפֿאַרונג, אונ־טער זיין אָנפֿירונג, וועלן אַלע פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן ווידער אָנהויבן אַרבעטן.

נאָר אויב די אַרבעט איז געווען שלעכט אַוועקגעשטעלט, האָבן דערפֿאַר די איינוואוינער פֿון ניו האַרמאָני זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון די פֿאַרגעניגנס פֿון לעבן. יעדן דינסטיק אָוונט פֿלעגן דאָרט פֿאָרקומען באַלער, יעדן פֿרייטיק קאָנצערטן און יעדן מיטוואָך אָפֿענע מיטינגען, אויף וועלכע עס פֿלעגט פֿריי דיסקוטירט ווערן אַלץ, וואָס איז שייך דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין פֿון דער קאָלאָניע. דעם 12טן נאָוועמבער האָט די „ניו האַרמאָני גאַזעט" געמעלדעט, אַז עס האָט זיך געגרינ־דעט דאָרט די ערשטע מאַסאָנען־געזעלשאַפֿט און דער ערשטער פֿרויען־קלוב.

ווען ראָבערט אָוען האָט סוף 1825 זיך צוריקגעקערט פֿון איי־ראָפּע, האָט ער מיט זיין געוויינלעכן אָפּטימיזם דערקלערט, אַז אין ניו האַרמאָני גייט אַלץ ווי געוואונטשן. דעם 5טן פֿעברואַר, 1826, איז

גערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע. אין דער איינלייטונג צו דער קאָנסטיטוציע איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַלץ געהערט צו אַלעמען, אַלע מיטגלידער האָבן די זעלבע רעכט און די זעלבע פֿליכטן. אַלע מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע דאַרפֿן זיין אויפֿריכטיק איינער מיטן צווייטן און גוט איינע צו די אַנדערע. אַלע מוזן פֿאָלגן די געזעצן פֿון לאַנד. דער מענטש איז ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיינע האַנדלונגען, דעריבער דאַרף קיינער ניט באַשטראָפֿט ווערן אָדער באַלוינט ווערן פֿאַר דער אָדער יענער האַנדלונג זיינער.

די געזעצגעבנדע מאַכט אין דער קאָלאָניע געהערט דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, וועלכע באַשטייט פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע, וואָס זיינען עלטער פֿון 21 יאָר. די עקזעקוטיוו־מאַכט געהערט דעם ראַט, אין וועלכן עס גייען אַריין אַלע העכערע באַאַמטע פֿון דער קאָלאָניע, דאָס הייסט, איר סעקרעטאַר, איר קאַסירער און דער קאָמיסאַר, וועלכע ווערן דערוויילט פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג און אויך די העכערע אינספּעקטאָרן.

„אַלע מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע אָדער געמיינדע ווערן באַטראַכט ווי מיטגלידער פֿון איין פֿאַמיליע. אַלע האָבן אַ רעכט אויף דיזעלבע שפּייז, דיזעלבע קליידער, דיזעלבע וווינונג און אויף דערזעלבער דערציאונג".

אויפֿן פּאַפּיר האָט אַלץ אויסגעזען זייער גוט. אָבער די אָנווענדונג פֿון דער נייער קאָנסטיטוציע האָט געפֿירט צו אַזאַ אומאָרדענונג, צו אַזאַ אַנאַרכיע, אַז שוין דעם זעלבן מאָנאַט האָט דער עקזעקוטיוו ראַט געבעטן אָוענען, אַז ער זאָל פֿאַר אַ געוויסער צייט איבערנעמען אין זיינע הענט די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער געמיינדע. טעאָרעטיש איז די קאָנסטיטוציע נאָך געווען אין קראַפֿט, אָבער פּאַקטיש איז די אָנווענדונג פֿון דער קאָנסטיטוציע אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אָוענס דיקטאַטור.

שוין דעם 22טן מערץ, 1826, האָט די „ניו האַרמאָני גאַזעט" זיך באַקלאָגט, אַז די געשעפֿטן פֿון דער קאָלאָניע גייען זייער שלעכט. „מיר האָבן אוועקגעהרגעט אונדזער צייט, האָט די צייטונג געשריבן, אויף דיסקוסיעס וועגן אַבסטראַקטע פּרינציפּן. אונדזער טעטיקייט איז באַשטאַנען אין פּרוכטלאָזע באַמיונגען. יעדער פֿון אונדז באַמיט זיך נאָר צו איבערצייגן די אַנדערע, אַז נאָר ער אַליין קען מאַכן גליקלעכער די געזעלשאַפֿט".

די צייטונג האָט נאָך צוגעגעבן, אַז אויף די פֿאַרזאַמלונגען קומען פֿאָר נאָר וויכוחים פֿון געשוואָרענע אָראַטאָרן און אויף די גאַסן

קען מען באַגעגענען גרופּעס פון פּוילנצער־פּלאַפּלער, אין ניו האַר־מאָני רעדט מען און מען דיסקוטירט כסדר, אָבער מען אַרבעט ניט. דאָרט ווינען ניט אַרבעטסזאַמע אַרבעטער, נאָר דערפינדער פון פאַר־שידענע סיסטעמען. די מענטשן פאַרנעמען זיך דאָרט ניט מיט פּראָ־דוצירן די פּראָדוקטן, וואָס זיינען נייטיק אויף צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער באַפעלקערונג, נאָר מיט דערפינדן אַן אידעאַ־לע קאָנסטיטוציע".

פון טאָג־צו־טאָג זיינען אין ניו האַרמאָני אַנטשטאַנען אַלץ מער קריגערייען, שפּאַלטונגען און מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די איינ־ווינער. עס האָבן זיך געבילדעט באַזונדערע קליקעס, וואָס האָבן כסדר זיך אַרומגעקריגט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פיינדשאַפט צווישן די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער און די פאַבריק־אַרבע־טער. די פּויערן און דערנאָך די באַלמעלאָכעס האָבן אויפגע־הערט צו שיקן זייערע קינדער אין די שולן. די קינדער זיינען גע־וואָרן פּרעך און פאַרגרעבט. צוליב אָט די קריגערייען און רייסע־רייען זיינען די פעלדער און די סעדער אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. מען האָט גענומען גנבענען.

סוף 1826 זיינען איניקע מיטגלידער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער געמיינדע פאַר אומפעאיקייט און די „ניו האַרמאָני גאַזעט" איז געצוווּנגען געווען מודה צו זיין, אַז יעדע פאַרבינדונג צווישן די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע איז פאַרשוווּנדן. „עס באַמערקט זיך אַ נייגונג צו ספּעקולאַציעס, יעדער באַמיט זיך, אויף ווי וויט מעגלעך, צו עקספּלואַטירן דעם צווייטן. קיין קעגנזייטיקער צוטרוי עקזיסטירט ניט, אַלע באַציען זיך איינער צום צווייטן מיט אַ פאַר־גרעסערטן אומצוטרוי".

דעם 21טן מערץ 1827, האָבן 80 מענטשן מיטאַמאָל פאַרלאָזן ניו האַרמאָני. דעם 28טן מערץ האָבן אָוענס צוויי זין פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „ניו האַרמאָני גאַזעט" אַן אַרטיקל, אין וועלכן זיי האָבן צוגעגעבן, אַז די אונטערנעמונג האָט זיך ניט איינגעגעבן. „דאָס איז געווען, האָבן זיי געשריבן אַ געוואַגטער, אָבער פּריציייטי־קער פּאַרזוך" און זיי האָבן געשטעלט די פראַגע, צי קען מען ראַ־דיקאַל ענדערן דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן, וועלכער איז דער־צויגן געוואָרן אונטער די אומשטענדן פון דער אַלטער וועלט? די אונטערנעמונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דורכפאַל ניט נאָר אין מאָראַלישן, נאָר אויך אין מאַטעריעלן הינזיכט. אויב די קאָלאָניע האָט אויסערלעך, וויניקסטנס, אַ לענגערע צייט אויסגעקוקט ווי אַ קאָמוניסטישע געמיינדע, איז עס געווען נאָר אַ דאַנק דעם שטאַרקן

איינפֿלוס פֿון אָוענס פּערזענלעכקייט, זיין ענטוזיאַזם און די גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעלייגט. אָבער אַזוי שנעל ווי אָוען איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד, האָבן די מיטגלידער פֿון דער געמיינדע זיך צוריקגעקערט צו פּריוואַט־אייגנטום. די אינער־לעכע רייסערייען האָבן דעזאָרגאַניזירט די באַזונדערע קליינע גע־מיינדעס, וואָס האָבן זיך געהאַט געבילדעט. די ערד איז ביסלעכ־ווייז צוטיילט געוואָרן אויף קליינע פֿאַרמס. און ווען אָוען האָט אין אַפּריל 1828 זיך צוריקגעקערט קיין ניו האַרמאָני, האָט ער דערזען, אַז מיט דער ערד, וואָס ער האָט אויסגעטיילט צו עטלעכע געזעלשאַפֿטן האָבן זיך באַנוצט איינצלנע ספּעקולאַנטן. עס האָבן זיך דאָרט געעפֿנט סאַלונס (שיינקען) און פֿון דעם קאָמוניזם איז קיין זכר ניט פֿאַרבליבן.

אָוענען האָט די אונטערנעמונג אָפּגעקאָסט 200 טויזנט דאָלער, וואָס דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ ריזיקער קאַפּיטאַל. אין אַ רעדע, וואָס אָוען האָט געהאַלטן דעם 13טן אַפּריל, 1828, האָט ער צוגעגעבן, אַז דער עקספּערימענט איז געווען אַ פּריצייטיקער. גוטע רעזולטאַטן וואָלטן געקענט זיין נאָר אין דעם פֿאַל, ווען די קאָלאָניע וואָלט באַשטאַנען דורכאויס פֿון מענטשן, וואָס זיינען פֿריי פֿון אָבער־גלויבנס און געבענטשט פֿון דער נאַטור מיט אַ מאָראַלישן געפֿיל.

דאָך זיינען אָוענס גלויבן אין זיין סאָציאַלער סיסטעם און זיין האָפֿנונג אויף דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון זיין פּלאַן גליקלעך צו מאַכן די מענטשהייט פֿאַרבליבן אומבאַרירט.

אין זומער 1828 האָט אָוען אָנגענומען די איינלאַדונג צו פּרובירן מאַכן אַ צווייטן עקספּערימענט אין טעקסעס. פֿון דעם פּלאַן איז אָבער גאָרניט געוואָרן. אין 1829 האָט אָוען איבערגעריסן זיין פֿאַרבינדונג מיט דער ניו לאַנאַרק פֿאַבריק און האָט אויך פֿאַרלאָזן ניו האַרמאָני. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ענגלאַנד. דער פּע־ריאָד פֿון זיינע קאָמוניסטישע עקספּערימענטן האָט זיך געענדיקט. ער העלפֿט דאַן שאַפֿן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין ענגלאַנד און ווערט טעטיק אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג.

.5

אין 1833 איז אָוען געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון אַ קאָאָפּעראַ־טיווער באַנק אין בירמינגהעם. אָוען פֿאָרט אַרום איבער אַלע אינ־דוסטריעלע געגנטן און האַלט רעדעס אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען און

קאָנגרעסן פון די פאַריינען. איין טאָג איז ער אין בירמינגהעם, א צווייטן טאָג אין שעפילד, א דריטן טאָג אין מאַנטשעסטער, אין לידס א.א.וו. איו סעפטעמבער 1833 איז ער אָנוועזנד אויפן קאָנ־גרעס פון דעם פאַריין פון די בוי־אַרבעטער אין מאַנטשעסטער, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך 270 דעלעגאַטן, וואָס רעפּרעזענטירן 30 טויזנט אַרבעטער. ער אַגיטירט אומעטום, אַז דער אַרבעטער קלאַס מוז זיך אָנשליסן אָן דער ריזיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט מאַכן אַ סוף צו דער אינדיווידואַליסטישער קאָנקורענץ. די פאַרוואַלטונג פון אַלע אינדוסטריע־צווייגן דאַרף אַריבערגיין אין די הענט פון נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן.

דעם 6טן אָקטאָבער, 1833, זאָגט אָוען אין אַ רעדע אין לאָנדאָן: „עס דערנענטערט זיך די צייט, ווען עס וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ שאַנדע ניט צו געהערן צו דעם אָדער יענעם פון די פּראָדוצירנדע קלאַסן און די מענטשן פון צוקונפטיקן דור וועלן באַטראַכטן פאַר דעם גרעסטן כבוד צו פּראָדוצירן וואָס עס איז נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט. נאָך אַביסל צייט און קעגן אַזאַ ענדערונג, וואָס איז נוצלעך פאַר די אינטערעסן פון דער מענשטהייט וועלן זיין נאָר משוגעים".

די רעדע זיינע האָט אָוען פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדע ווערטער: „די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַ דאַנק זייער איינפלוס וועלן איינגיכן ווירקלעך ווערן די שטאַרקסטע מאַכט אין לאַנד. זיי האָבן איינגעזען, אַז קאָנקורענץ איז געווען די דירעקטע און הויפּט אורזאַך פון אָרעמ־קייט... דערפאַר זיינען זיי גרייט צו גרינדן נאַציאָנאַלע פּראָדו־צירנדע געזעלשאַפטן. יעדער אינדוסטריע צווייג וועט זיך געפינען אין די הענט פון איין גרויסער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס וועלן אַריין אַלע, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער באַשטימטער פּראָפע־סיע. יעדע געזעלשאַפט אַזאַ וועט זיין פאַרבונדן מיט די אַנדערע דורך געמיינזאַמע אינטערעסן".

אין יאָר 1834 זיינען פאָרגעקומען אין גאַנץ ענגלאַנד פילע גרויסע סטרייקס, די מערסטע פון זיי האָבן זיך געענדיקט מיט אַ נידעריקע פאַר די אַרבעטער. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז די גרויסע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג אונטערגעגאַנגען.

אין נאָוועמבער 1834 האָט אָוען אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן אַ וואָכן־זשורנאַל „דהי ניו מאָראַל וואָירלד" (די נייע מאָראַ־לישע וועלט). דער זשורנאַל האָט עקזיסטירט גאַנצע עלף יאָר.

ענגלישע היסטאָריקער ווילן האָבן, אַז ראָבערט אָוען איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט גענוצט דאָס וואָרט „סאָציאַליזם".

פראנצויזישע היסטאָריקער, ווידער, באַהויפּטן, אַז דאָס וואָרט „סאָ־ציאַליזם" איז צו ערשט גענוצט געוואָרן אין פראַנקרייך אין 1832. און ערשט אין 1833 איז אין דער ענגלישער צייטונג „פּור מענס גאַרדיען" דערשינען אַן אַרטיקל אונטערגעשריבן „סאָשעליסט". דערנאָך האָט אָוען אין זיין צייטונג אָנגעהויבן נוצן דאָס וואָרט סאָציאַליזם און זיך באַצייכנט אַלס סאָציאַליסט. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, פון 1836טן יאָר אָן האָבן אָוענס אָנהענגער אָנגעהויבן רופן זיך סאָציאַליסטן. אין ענגלאַנד איז דער „אָועניזם" געווען די ערשטע פאָרם פון סאָציאַליזם.

שוין אין דעם ערשטן נומער פון זיין זשורנאַל האָט ראָבערט אָוען אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ „נייער מאָראַלישער וועלט, אין וועלכער עס וועט ניט זיין קיין אָרט פאַר ליגן, אַ גזעלשאַפט וועלכע וועט מער ניט וויסן פון קיין אָרעמקייט און אוממענטשלעכקייט, אַ וועלט, וווּ עס וועלן ניט זיין מער קיין שקלאַפן און קיין לייב־אייגנ־טימער, אַ וועלט, אין וועלכער ליבע וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון האַס, אַ וועלט, פון וועלכער אַלע שלעכטע ליידנשאַפטן וועלן פאַר־טריבן ווערן און אין וועלכער ליבע און פאַרנונפט וועלן קירעווען דעם גורל פון דער מענטשלעכער ראַסע".

אין ענגלאַנד האָט זיך דאַן אָנגעהויבן די גרויסע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער פאַר אַלגעמיינעם וואַל־רעכט און פאַר פּאָליטישע רע־פאָרמען, די באַוועגונג וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „טשאַרטיזם". די „טשאַרטיסטן" האָבן געקוקט אויף סטרייקס ווי אויף אַ שטאַרקער געווער פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. זיי האָבן געגלויבט אין פיזישער מאַכט און אפילו אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד ווי אַ מיטל צו דערגרייכן זייערע ציִלן. אָוען האָט נאָכ־דעם, ווי ער האָט צוויי יאָר זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם עקאָ־נאָמישן קאַמף, וואָס די טרעיד־יוניאָנס האָבן אָנגעפירט, זיך צוריק אומגעקערט צו זיין אידעאַל פון סאָציאַלן פרידן. ער האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן די פירער פון די צוריק אויפגעלעבטע טרעיד־יוניאָנס, אַז זיי זאָלן ניט פירן קיין סטרייקס. אַלע צרות, האָט אָוען געפּרעדיקט, נעמען זיך פון דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן צופיל אַרבעטס־הענט פאַר דער אַרבעט, אין וועלכער די מאָדערנע געזעל־שאַפט נייטיקט זיך. סטרייקס פאַרערגערן נאָר די לאַגע, ווייל זיי צווינגען די אונטערנעמער איינצופירן נייע מאַשינען, כדי צו קענען אויסקומען מיט וואָס ווייניקער אַרבעטער. די טרעיד־יוניאָנס דאַרפן בעסער פאַרברויכן זייערע קאַפּיטאַלן אויף קויפן הייזער און לאַנד, אויף וועלכע די אַרבעטסלאָזע אַרבעטער זאָלן קענען אַרבעטן אין

קליינע זעלבסטשטענדיקע געמיינדעס אָדער קאָמונעס. די דאָזיקע קאָמונעס וועלן פּראָדוצירן אַלץ, וואָס איז נייטיק אויף צו באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן. אָוען האָט אויך ניט געגלויבט, אַז די פּאַראייניקן דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטישן קאַמף. „עס איז קלאָר, האָט ער געשריבן, אַז דאָס גליק פון פאָלק איז אָפּהענגיק פונקט אַזוי פון זיין סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך פון זיינע פּאָליטישע אינסטיטוציעס"...

אָוען גיט געגרן צו, אַז די פּאָליטישע באַפרייאונג פון די מאַסן, די דערגרייכונג פון די אַלע פּאָליטישע רעכט, פאַר וועלכע עס קעמפן די פּאָליטישע רעפאָרמער, שטעלן מיט זיך אויך פאָר עטוואָס אַזוינס, וואָס איז פאַרנינפטיק און יושרדיק, אָבער פון דעם איז ניט געדרונגען, אַז דורך דער פּאָליטישער באַפרייאונג אַליין קען מען פאַרבעסערן די לאַגע פון פאָלק.

אייניקע, זאָגט ער, באַהויפּטן, אַז די אויסברייטערונג פון די פּאָליטישע רעכט פון פאָלק וועט נויטווענדיקערווייז פירן צו אַ פאַרבעסערונג און צו דער אויפלעבונג פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. אָבער ער שטימט מיט זיי ניט איין. אַ באַווייז, זאָגט ער, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן הערשט פולשטענדיקע פּאָליטישע פרייהייט, און די מאַסן געניסן דאָרט פון אַלע פּאָליטישע רעכט, דאָך עקזיסטירן דאָרט עקאָנאָמישע קריזיסן, אַן אָרעמער ארבעטער קלאַס און עס קומט דאָרט פאָר אַ שטענדיקער קאַמף צווישן די רייכע און די אָרעמע. פאַרקערט, זאָגט ער, אין דייטשלאַנד, וווּ עס זיינען פאַראַן אַ סך ווייניקער דעמאָקראַטישע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, זיינען די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע און די דערציונג אין אַ באַדייטנדיקן גראַד פעאיקער צו פאַרזיכערן דעם מאַטעריעלן וווילזיין פון פאָלק און זיין גייסטיקע און מאָראַלישע אַנטוויקלונג.

ניט אַלע אָנהענגער אָוענס האָבן זיך אַזוי באַצויגן צום פּאָליטישן קאַמף. אַ טייל פון זיי האָבן אין די יאָרן 1830-1832 גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג פאַר אַלגעמיינע שטימרעכט און אייניקע פון זיי האָבן שפּעטער אַפילו געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג. אָוען און זיינע תּלמידים. די ערשטע סאָציאַליסטן אין ענגלאַנד, האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אמתן קאָמוניזם און זיי האָבן געוואָלט, אַז די טרעיד־יוניאָנס זאָלן זיך, הויפּטזעכלעך, מיט דעם אָפּגעבן. „איך האָב געוואָלט, האָט אָוען שפּעטער געשריבן, מאַכן דעם אַרבעטער קלאַס שטאַרק דורך וויסן, כדי ער זאָל קענען אויסנוצן זיין קראַפט אויף אַ פאַרנינפטיקן שטייגער". אָוען איז פון אַ סך פאַר־

רעכנט געוואָרן פאַר אַן אַנהענגער פון פרייער ליבע. דאָס איז ניט איינגאַנצן ריכטיק. ער האָט טאַקע געשריבן, אַז דער אינסטיטוט פון הייראַט „איז פונקט אַזוי קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, ווי ער איז אומפאַרנינפטיק און לעכערלעך דערפאַר, וואָס ער פירט דערצו, אַז צוויי מענטשן פון פאַרשיידענעם געשלעכט גיבן איינע די אַנדערע אַ פייערלעכן צוזאָג צו לעבן צוזאַמען און ליב האָבן איינע די אַנדערע זייער גאַנצן לעבן, ניט רעכענענדיק זיך מיט די מעגלעכע פיזישע, גייסטיקע און מאָראַלישע ענדערונגען, וועלכע קענען געבן זייערע קעגנזייטיקע געפילן אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער״.

הייראַט, האָט אָוען געזאָגט, שטערט דעם גליק פון די מענטשן, ווייל זי איז באַזירט ניט אויף די נאַטירלעכע נייגונגען און קעגנזייטיקע סימפּאַטיעס, נאָר אויף אויסרעכענונג וועגן דער געזעלשאַפט־לעכער לאַגע און מאַטעריעלע אינטערעסן. די הייראַט שעדיקט אויך די מאָראַל פון דעם מאַנספּאַרשוין ווי פון דער פרוי, און שטערט זייער גליק.

„דאָס געזעץ, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פון די מענטשן און וואָס בינדט צו אויפן גאַנצן לעבן אַ מאַנספּאַרשוין צו איין פרויען־צימער אָדער אַ פרויען־צימער צו איין מאַנספּאַרשוין, אָפּגעזען פון דעם, צי זיי פאַרבלייבן גענייגט איינע צו די אַנדערע, האָט אַרויס־גערופן אפשר מער האַס און פאַרניכטעט מערער ליבע, ווי דאָס וואָלט געקענט טאָן אַ וועלכער עס איז מנהג. די באַציונגען צווישן די געשלעכטער דאַרפן רעגולירט ווערן נאָר פון דער נאַטור, ניט פון אומפאַרנינפטיקע געזעצן, וואָס זיינען אויסגעטראַכט געוואָרן פון די פריסטער״.

מאַן און פרוי דאַרפן זיך פאַרבינדן נאָר דאַן ווען זיי פילן איינע צו די אַנדערע אַ ריינע, נאַטירלעכע סימפּאַטיע, אָדער אַן אויפריכטיקע נייגונג. הייראַטן ווערן געשלאָסן בלויז פאַר דעם גליק פון דעם מאַן און דער פרוי, אָבער אויב דאָס דאָזיקע גליק איז ניטאָ, דאַרף די הייראַט אויפגעלייזט ווערן.

„אויב ביידע צדדים, נאָך אַ יאָר צוזאַמענלעבן, קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי שטימען ניט לויט זייערע כאַראַקטערן און געוווינהייטן און אַז זייער פאַרבינדונג גיט זיי ניט קיין האָפנונג אויף גליק — האָט אָוען געשריבן — דאַרפן זיי וועגן דעם דערקלערן עפנטלעך. נאָך דער דערקלערונג קערן זיי זיך צוריק אום צו זיך און זעצן פאָר ווייטער צו לעבן צוזאַמען נאָך זעקס מאָנאַטן. אויב נאָך די זעקס מאָנאַטן פאַרבלייבן זיי מיט דער מיינונג, אַז זיי פּאַסן ניט איינער צום צווייטן, מאַכן זיי אַ צווייטע עפנטלעכע דערקלערונג

אין דער אָנוועזנהייט פון צוויי פאַררעגיסטרירטע עדות און דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געזעצלעכן גט. אויב נאָך די זעקס מאָנאַטן וויל איין צד אַ גט און דער צווייטער וויל ניט, מוזן זיי וווינען צו־זאַמען נאָך זעקס מאָנאַטן, צו איבערצייגן זיך אַז זיי שטימען ניט אין כאַראַקטער אום צו קענען זיין גליקלעך און דאַן ווערט די הייראַט אויפגעלייזט אַפילו ווען איין צד שטימט צו דעם ניט צו. ביידע קענען דאַן הייראַטן מיט מענטשן, וואָס געפעלן זיי בעסער".

אַזוי ווי אין דער נייער וועלט, וועלכע אָוען האָט געפּלאַנעוועט, וועלן די קינדער דערציוגן ווערן פון דער מלוכה וועט דאָס גט'ן זיך פון די עלטערן ניט פירן צו קיין ענדערונגען אין דער לאַגע פון די מיטגלידער פון דעם נייעם דור.

אין 1837 האָט אָוען אָנגענומען די איינלאַדונג פון אייניקע אייראָ־פּעער צו קומען באַזוכן זייערע לענדער. צוערשט איז ער געקומען קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך מיטן פראַנצויזישן קעניג לואי פיליפּ. ער האָט אויך אַדרעסירט אַ גרויסן באַנקעט, וואָס איז פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן. פון פּאַריז איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ווין, ווו דער דעמאָלסטיקער הויפּט מיניסטער מעטערניך, פון עסטרייך־אונגאַרן, האָט אַראַנזשירט די איבערזעצונג אין דייטש פון אָוענס בוך וועגן זיין פאַבריק־שטעטל ניו לאַנאַרק ווי אויך אַנדערע ווערק זיינע. אָוען האָט דערנאָך אויך באַזוכט אַנדערע לענדער.

אין 1844 איז ער צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע צו זיין פאַמיליע אין דער קאָלאָניע ניו האַרמאָני. ער האָט דאָרט געהאַלטן לעקציעס און האָט אינטערוויואירט פאַרשיידענע קאָנגרעסלייט אין וואַשינגטאָן. פון זיין גאַנצן פאַרמעגן איז אים שוין גאָר ניט פאַר־בליבן. זיינע זין האָבן דאַן באַשלאָסן צו צאָלן אים אַ פּענסיע פון 360 פונט סטערלינג אַ יאָר פאַרן גאַנצן לעבן.

אין 1846 האָט אָוען זיך צוריקגעקערט קיין ענגלאַנד. אין 1848 איז אין פראַנקרייך אומגעוואָרפן געוואָרן די מאָנאַרכיע פון לואי פיליפּ און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקע רעפּובליקאַנער רעגירונג. אונטער דעם איינפלוס פון דעם סאָציאַליסטישן מיניסטער לואי בלאַן, האָט די צייטווייליקע רעגירונג אָנגעהויבן צו עפענען „נאַציאָנאַלע פאַבריקן" אין פּאַריז. דאָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון ראָבערט אָוענס אידייען. איז ראָבערט אָוען גלייך אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, ווו ער איז ווידער אַמאָל אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. ער האָט אינטערוויואירט לואי בלאַנען און לאַמאַרטי־נען, אַ צווייטן איינפלוסרייכן מיטגליד פון דער צייטווייליקער רע־

פובליקאנער רעגירונג. ער האָט אדרעסירט דורך אַן איבערזעצער פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען, האָט אָראַנזשירט איבערזעצונגען פון אַ סך פון זיינע אַלטע פאַמפלעטן און האָט אָנגעשריבן צוויי נייע. די רעוואָלוציע איז אָבער ניט אַוועק אויף אָזעלכע וועג. די „נאַציאָנאַלע פאַבריקן" זיינען געווען אַ דורכפאַל און זיי האָבן זיך צוגעמאַכט. אָזען האָט זיך דעריבער אינגיכן צוריקגעקערט קיין ענגלאַנד. ער איז שוין דאַן געווען אַ זקן און אינגיכן האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון אַקטיווער טעטיקייט. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו שרייבן. אין 1850 האָט ער נאָך באַוויזן ארויסצוגעבן אַ נייעם זשורנאַל „ראָבערט אָוענס דזשורנעל". שפּעטער האָט ער געביטן דעם נאָמען פון זשורנאַל. ער פלעגט פון צייט צו צייט אויך האַלטן לעקציעס. צו אַכציק יאָר איז ער געוואָרן אַן אָנהענגער פון ספּירטיואַליזם. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט די פאַרשיידענע רעפאָרם־באַוועגונגען.

6.

אין יענע יאָרן האָט אָוען זיך געטראָפן אין לאָנדאָן מיט דעם באַרימטן רוסישן פובליציסט און פרייהייטס־קעמפער אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט אין ענגלאַנד. אין זיין באַרימטן בוך „בילאָיע אי דומי" (דאָס געוועזענע און געדאַנקען) גיט דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער אַ וואונדערלעך בילד פון דעם אַלטן ראָבערט אָוען. דעם ערשטן מאָל האָט הערצען געטראָפן אָוענען אין דעם הויז פון אַן ענגלישער אַריסטאָקראַטקע. הערצען איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין גאָרטן פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטקע, ווען אָוען איז אָנגעקומען.

„איר זייט געקומען פונקט אין צייט, האָט די באַלעבאָסטע אויסגערופן, אויסשטרעקנדיק אָוענען איר האַנט — איך האָב היינט מיט וואָס אייך מכבד צו זיין. דערלויבט מיר פאָרצושטעלן אייך אונדזערן אַ רוסישן פריינד. איך דענק — האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו הערצענען — אַז אויך איך וועט זיין אָנגענעם צו באַקענען זיך מיט איינעם פון אייערע פּאַטריאַרכן".

„ראָבערט אָוען" — האָט דער אַלטיטשקער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט, — „זייער, זייער צופרידן".

„איך האָב געדריקט זיין האַנט, שרייבט הערצען, מיט אַ געפיל פון אַכטונג, וואָס אַ זון פילט צו זיין טאַטן. ווען איך וואָלט געווען

יינגער, וואָלט איך פיליכט זיך געשטעלט אויף די קני און געבעטן דעם אַלטן, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אויף מיין קאָפּ זיינע הענט״.

הערצען האָט דעמאָלט נאָך ניט גערעדט קיין ענגליש. אָוען, ווידער, האָט ניט געקענט קיין פראַנצויזיש און ער איז דערצו נאָך געווען אַביסל טויבלעך. דער באַלעבאָסטעס טאָכטער האָט דעריבער פאַרגעלייגט צו זיין די איבערזעצערין. אָוען איז געווען געוווינט אַזוי צו ריידן מיט אויסלענדער.

„איך דערוואַרט גרויסעס פון אייער פאָטערלאַנד — האָט אָוען געזאָגט הערצענען — ביי אייך איז דאָס פעלד ריינער, ביי אייך זיינען די גלחים ניט אַזוי שטאַרק, די אַבערגלויבנס ניט אַזוי טיף איינגעוואָרצלט... און די כוחות... די כוחות, וואָס איר פאַרמאָגט! אויב דער צאַר וואָלט, אַריינטראַכטנדיק זיך, פאַרשטאַנען די נייע פאָדערונגען פון דער אַנטשטייענדער האַרמאָנישער וועלט, ווי לייכט וואָלט עס דאַן פאַר אים געווען צו ווערן איינער פון די גרעסטע מענטשן״...

שמייכלענדיק האָט הערצען געבעטן דער איבערזעצערין צו זאָגן אָוענען, אַז ער האָט ווייניק האָפנונג, אַז צאַר ניקאָלאַי זאָל ווערן זיינער (אָוענס) אַ נאָכפאָלגער.

„ער איז דאָך געווען ביי מיר אין ניו לאַנאַרק״ — האָט אָוען געזאָגט.

„און ער האָט זיכער גאָרניט פאַרשטאַנען״, האָט הערצען באַמערקט.

„ער איז דעמאָלט נאָך געווען יונג״, — האָט אָוען געזאָגט און האָט זיך צולאַכט, — ער האָט זייער באַדויערט, וואָס מיין עלטערער זון איז אַזאַ הויך־געוואַקסיקער און ער גייט ניט דינען אין דער אַרמיי... ער האָט מיך איינגעלאַדן קיין רוסלאַנד״.

„איצט איז ער אַלט — האָט זיך הערצען אָפּגערופן, — נאָר ער פאַרשטייט אויך איצט גאָרניט און זיכער באַדויערט ער איצט נאָך מער, וואָס אָט־די אַלע הויך געוואַקסיקע יונגעלייט גייען ניט אין סאָלדאַטן. איך האָב געזען דעם בריוו, וועלכן איר האָט אים אַדרעסירט און איך וועל אייך זאָגן אָפן, אַז איך פאַרשטיי ניט צוליב וואָס האָט איר אים געשריבן? צי דען האָפט איר טאַקע אין דער אמתן״?...

„אַזוי לאַנג ווי אַ מענטש לעבט — האָט אָוען געזאָגט — דאַרף מען זיך אין אים ניט אַנטוישן. ווער ווייס וואָס פאַר אַ געשעעניש עס קאָן עפּענען זיין נשמה נו, און ווען מיין בריוו וועט ניט ווירקן און ער וועט אים אָוועקוואַרפן, איז וואָס איז דאָ דער אומגליק?

איך האָב מיינס געטאָן. ער איז ניט שולדיק אין דעם וואָס זיין דערציונג און די סביבה, אין וועלכער ער לעבט, האָבן אים געמאַכט אומפעאיק צו פאַרשטייען דעם אמת. דאָ דאַרף מען ניט אין כעס זיין, נאָר מען דאַרף האָבן מיטלייד".

„אָוען — שרייבט הערצען — האָט מוחל געווען די זינד ניט נאָר גנבים און פאַרברעכער, נאָר אויך ניקאָלאַיען, איך האָב אויף אַ מינוט זיך פאַרשעמט. ווען איך האָב געטראָפן אָוענען איז ער אַלט געווען צוויי און אַכציק יאָר און זעכציק יאָר איז ער ניט אַרונטער פון דער אַרענע".

מיט אַ דריי יאָר שפּעטער האָט הערצען ווידער אַמאָל געטראָפן אָוענען. „זיין קערפּער איז דאַמאָלט שוין געווען אָפּגעלעבט, דער מוח פאַרוואָלקנט און ער פלעגט זיך אָפּט פאַררײדן. אָבער זיין ענערגיע איז געווען דיזעלבע און דער זעלבער העל־בלויער בליק פון זיין קינדערשער גוטסקייט און דיזעלבע האָפנונג אויף די מענטשן! ער האָט ניט געהאַט קיין זכרון אויף שלעכטס, ער פלעגט פאַרגעסן אַלטע חשבונות. ער איז געווען דערזעלבער יונגער ענטוזיאַסט, דער גרינדער פון ניו לאַנאַרק, וואָס האָט שלעכט געהערט; אַ גרויער, אַ שוואַכער, אָבער ער האָט ווי פריער געפּרעדיקט זיינע אידייען".

מיט אַ קורצער צייט פאַר זיין טויט האָט מען אָוענען אויף זיין פאַרלאַנג אַריבערגעפירט אין זיין געבורטס־שטעטל נייטאַוען. ער האָט געוואָלט זען דעם פּלאַץ, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט. ער האָט געוואָלט דאָרט אָפּרוען. אָבער ער האָט זיך פאַרקילט און זיינען כוחות האָבן אים פאַרלאָזן. מען האָט געבראַכט צו זיין בעט דעם דאָרטיקן פּראָטעסטאַנטישן גלח. דער גלח האָט געפרעגט ביי אים, צי האָט ער ניט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט זיין גאַנצן לעבן פאַרשווענדעט אויף שאַפן פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן און אויף אַרויסגעוואָרפענע באַמיונגען.

„ניין — האָט אָוען געענטפערט — מיין לעבן איז ניט פאַריבער אָן נוצן. איך האָב פּראָקלאַמירט וויכטיקע אמתן און די וועלט האָט זיי ניט געוואָלט אָננעמען דערפאַר, וואָס זי האָט זיי ניט פאַרשטאַנען. קען איך דען זיי טאַדלען דערפאַר? איך בין געקומען פאַר דער צייט".

דעם 17טן נאָוועמבער, 1858, דריי־פערטל זיבן אַזייגער אין דער פרי איז ראָבערט אָוען אין עלטער פון 88 יאָר אויסגעגאַנגען מיט די ווערטער: „דער אָפּרו איז געקומען"...

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט פרידריך ענגעלס, קאַרל מאַרקס' לעבנס־פריינד, געשריבן: „אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, אַלע

ווירקלעכע פאָרשטריטן פון די אַרבעטער וועלכע זיינען שפּעטער צו שטאַנד געקומען אין ענגלאַנד, זיינען פאַרבונדן מיט דעם נאָמען ראָבערט אָוען".

א סך פון דעם, וואָס אָוען האָט געפּרעדיקט איז שפּעטער דורכ־געפירט געוואָרן. און א סך פון זיינע געדאַנקען, וועלכע האָבן אין זיין צייט אויסגעקוקט צו זיין העכסט אוטאָפּיסטיש, ווערן איצט אָנגענומען אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכע אמתן. ער האָט דורך זיין לערע און זיינע טעטיקייטן אויף אייביק איינגעקריצט זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.



שאַרל פוריע

(1837 — 1772)

איינער פון די טיפסטע סאָציאַליסטישע דענקער אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, איז געווען דער פראַנצויז, שאַרל פוריע. קאַרל מאַרקסעס נאָענטסטער מיטאַרבעטער און לעבנס־חבר, פרידריך ענגעלס, האָט שוין אפילו נאָך דעם ווי עס איז דערשינען מאַרקסעס „דאָס קאַפּיטאַל", געשריבן אז „פוריע האָט געגעבן די טיפסטע קריטיק פון דער עקזיסטירנ־דיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג" און „אז ער איז געווען איינער פון די גרעסטע סאַטיריקער פון אַלע צייטן".

פוריע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף עטלעכע דורות פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ ניט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער. די גרויסע רוסישע סאָציאַליסטישע דענקער און פובליציסטן אַלעקסאַנדער הערצען, וויסאַריאָן בעלינסקי, ניקאָלאַי טשער־נישעווסקי האָבן אַלע זיך דערצויגן אויף פוריעס ווערק און זיינען פון אים באַקערט געוואָרן צום סאָציאַליזם. אויך אויף קאַרל מאַרקסן און ענגעלסן האָט פוריע געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. פוריע ווערט דעריבער מיט רעכט באַטראַכט פאַר איינעם פון די ריזן פון סאָציאַליסטישן געדאַנק.

פראַנסואַ־מאַרי־שאַרל פוריע איז געבוירן געוואָרן דעם 7טן אַפּריל פון יאָר 1772 אין דעם קליינער פראַנצויזישן שטעטל בעזאַנסאָן, וואָס גע־פינט זיך ניט ווייט פון שווייצאַרישן גרענעץ. זיין טאַטע איז געווען אַ רייַ־כער מאַנופאַקטור סוחר. שאַרל איז געווען אַ קרענקלעך און זייער עמפּפינד־לעך קינד. ווען ער איז אַלט געווען 9 יאָר, איז זיין טאַטע געשטאָרבן. ביז 12 יאָר האָט שאַרל באַזוכט די שולע, וווּ ער האָט זיך זייער פלייסיק געלערנט און האָט אַ סך געלייענט. ער האָט געהאַט גרויס חשק צו שטודירן פאַר אינזשינער, אָבער די מאַמע האָט ניט געקענט באַווייזן צו געבן אים ווייטער לערנען און זי האָט באַשלאָסן צו מאַכן אים פאַר אַ געשעפטסמאַן. ער איז אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט פריער אין דער שטאָט רואַן און דערנאָך אין ליל. ווי אַ פאָרשטייער פון דער פירמע פאַר וועלכער

ער האָט געאַרבעט אין ליל, איז אים אויסגעקומען אַ סך אַרומצורייזן איבער האָלאַנד און דייטשלאַנד. אין דער פרייער צייט האָט ער אַ סך געלייענט און שטודירט פאַרשידענע קענגשטאַנדן.

אין 1793 האָט ער פון דעם געלט, וואָס ער האָט באַקומען אַלס ירושה פון זיין פאָטער, געעפנט אַן אייגענעם געשעפט. ער האָט אָבער אין גיכן דעם גאַנצן פאַרמעגן פאַרלאָרן אין ספּעקולאַציעס. באַלד נאָך דעם האָט מען אים צוגענומען פאַר אַ זעלנער אין דער אַרמיי. אַרום צוויי יאָר צייט האָט ער פאַרבראַכט אין קאַזאַרמע. אין יאָר 1795 איז ער באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט צוליב זיין שוואַכן געזונט און איז אַוועקגעפאָרן קיין מאַרסעי. דאָרט איז ער ווידער אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ געשעפט ווי אַ פאַרקויפער.

צוויי צופעליקע באַאָבאַכטונגען זיינע אין יאָר 1799 האָבן אים אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק צו שטודירן די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. איין פאַל איז געווען, וואָס די באַלעבאַטים פאַר וועלכע ער האָט געאַרבעט האָבן אַריינגעוואָרפן אין ים זייער גאַנצן זאַפּאַס פון רייז, וואָס איז איבערגעפירט געוואָרן צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אים לאַנג געהאַלטן כדי אַרויפצושרויפן די פּרייזן, און דער צווייטער פאַל איז געשען אין פּאַריז. ער איז איין מאָל אַריינגעקומען עסן אין אַ רעסטאָראַן. און ווען ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַן עפּל, האָט מען אים גערעכנט פאַרן עפּל צען סו. דער זעלבער עפּל האָט 30 מייל פון פּאַריז געקאָסט כמעט צען מאָל ביליקער. דאָס האָט אים געטריבן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריעלער סיסטעם. כדי צו האָבן גענוג צייט צו דערגענצן זיין בילדונג, האָט פוריע זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע און האָט זיך פאַרנומען מיט מעקלעריי און דערפון האָט ער ווי עס איז דורכגעלעבט.

דער 17טן דעצעמבער פון יאָר 1803 איז אין אַ ליאָנער צייטשריפט דערשינען פוריעס אַן אַרטיקל, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גרויסן נאַפּאָלעאָן. אין יענעם אַרטיקל האָט פוריע דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז עס איז נויטיק גאַנץ אייראָפּע צו פאַרוואַנדלען אין איין גרויסער אימפּעריע. דער קאַמף פאַר הערשאַפט, וואָס איז דערוויל אָנגעגאַנגען צווישן די פאַרשידענע מלוכות פון אייראָפּע, האָט פוריע פאָרויסגעזאָגט, וועט מוזן פירן סוף כל סוף צו אַ מלחמה צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד און די זיגערין פון דער מלחמה וועט העכסטוואַרשיינלעך אַרויס רוסלאַנד (דאָס איז טאַקע מיט 9 יאָר שפּעטער געשען).

אין יאָר 1808 האָט פוריע פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע גרויסע ווערק, „די טעאָריע פון די פיר באַוועגונגען", דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל געגעבן אַ טיפע שאַרפזיניקע קריטיק פון די פעלערן און ווידערשפּרוכן פון

דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿטלעכער סיסטעם. פֿון דעמאָלט אָן האָט פֿוריע זיין גאַנצן ווייטערדיקן לעבן געווידמעט דער אַנטוויקלונג פֿון זיין באַליבטער טעאָריע.

פֿוריעס בוך „די טעאָריע פֿון פֿיר באַוועגונגען" האָט ביי זיין לעבן קיין גרויסן דערפֿאָלג ניט געהאַט. די מערסטע קריטיקער האָבן פֿוריען פּשוט אויסגעלאַכט. ער האָט אָבער דורך דעם בוך אויך געוווּנען אַ צאָל איבערגעגעבענע פֿאַרערער און אָנהענגער. און אין זיבן יאָר אַרום, נאָך דער דערשיינונג פֿון דעם בוך, האָבן זיינע פֿריינט געשאַפֿן פֿאַר אים די מעגלעכקייט אויפֿצוגעבן אַלע זיינע געשעפֿטן און פֿאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט ליטעראַרישער טעטיקייט.

אין 1822 האָט פֿוריע פֿאַרעפֿנטלעכט אַ נייע ערנסטע אָפּהאַנדלונג אין צוויי טיילן, וואָס איז שפּעטער אַרויס אין פֿיר בענדער אונטערן נאָמען, „די טעאָריע פֿון אַלוועלטלעכער איינהייט".

פֿון די אַלע ווערק זיינע האָט ער אָבער נאָך אַלץ ניט געקענט פֿאַרדינען גענוג אויף צום לעבן. ער איז אַריבערגעפֿאָרן קיין פּאַריז און דאָרט איז ער אין יאָר 1826 ווידער אָנגעקומען ווי אַ פֿאַרקויפֿער אין דער פּאַריזער אָפּטיילונג פֿון אַן אַמעריקאַנער פֿירמע. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער אויך פֿלייסיק געאַרבעט אויף זיין נייעם בוך, „די נייע אינדוסטריעלע און געזעלשאַפֿטלעכע סיסטעם", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1829. אין דעם בוך שילדערט פֿוריע אויספֿירלעך דעם פּלאַן פֿון די „פֿאַלאַנגאַס" אָדער פֿרייוויליקע געזעלשאַפֿטן, וואָס ער האָט פֿאָרגעשלאָגן צו שאַפֿן אויפֿן אָרט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ווי אויך דאָס לעבן פֿון דער באַפֿעלקערונג אין דער פֿאַלאַנגאַ.

צו יענער צייט האָט פֿוריע שוין געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל אָנהענגער. איינער פֿון זיי איז געווען דער טאַלאַנטפֿולער אינזשינער וויקטאָר קאָנסידעראַן. מיט דער הילף פֿון זיינע פֿריינט האָט פֿוריע געגרינדעט אין פּאַריז אַ וואָכנבלאַט אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אידייען. די וואָכנבלאַט האָט אָבער עקזיסטירט ניט מער ווי אַ יאָר צייט. אין יאָר 1836 האָט פֿוריע אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל און גלייכצייטיק האָט ער אויך געמאַכט אַ פֿאַרזוך דורכצופֿירן זיין פּלאַן אין לעבן.

2

אין וואָס איז באַשטאַנען פֿוריעס פּלאַן און וואָס אַזוינס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט זיין טעאָריע? דער גרויסער רוסישער דענקער און סאָציאַליסט ניקאָלאַי טשערנישעווסקי האָט, ווען ער האָט אין יאָר 1848 איבערגעלייענט פֿוריעס ווערק, געשריבן, אַז אַ סך געדאַנקען וואָס פֿוריע זאָגט אַרויס קלינ-

נען איינפֿאַך ווי משוגעת. אין דער זעלבער צייט אָבער „האָט ער (פֿוריע) דער ערשטער פּראָקלאַמירט עטלעכע נייע געדאַנקען, וועלכע מען האַלט פֿאַר אומ־זיניקע, אָבער וועלכע איך געפֿין פֿאַר זייער פֿאַרנינפֿטיקע און בין איבער־צייגט, אַז די צוקונפֿט געהערט אָט די געדאַנקען".

די גרונט־געדאַנקען פֿון פֿוריעס לערע זיינען געווען: דער ציל און די שטרעבונגען פֿון דעם מענטשן איז גליק, און גליק מיינט ניט קיין אַנדער זאַך ווי באַזיצן די נויטיקע מיטלען אויף צו באַפֿרידיקן די פֿאַרשידענע מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן: די מאַטעריעלע, די אינטעלעקטועלע און די נשמה־ליידנשאַפֿטן. די מענטשהייט איז איצט אומגליקלעך דערפֿאַר, וואָס צווישן אירע מיטגלידער איז ניטאָ קיין אייניקייט אין באַצוג צו זייער אַרבעט. יעדער מענטש האַנדלט אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו און ער טראַכט דער עיקר נאָר וועגן דעם ווי אַזוי בייצוקומען זיין קאָנקורענט. „דער דאָקטאָר" — שרייבט פֿוריע אין איינעם פֿון זיינע ווערק — „וויל, אַז עס זאָלן זיין וואָס מער קראַנקהייטן, און דער פּראָקוראָר און אַדוואָקאַט ווילן, אַז עס זאָלן זיין וואָס מער גריכט־פּראָצעסן. דער אַרכיטעקט און בויער טרוימען וועגן שריפֿות, וואָס זאָלן פֿאַרניכטן אַ פֿערטל פֿון שטאָט, און דער גלעזער טרוימט פֿון אַ האָגל, וואָס זאָל אַרויסשלאָגן אַלע שויבן. דער שניידער און שוסטער זיינען זייער צופֿרידן, ווען מען רוקט אַריין דעם קונה ניט קיין שטאַרקן מאַטעריאַל און צופֿוילטע לעדער. די גלחים פֿרייען זיך, אַז עס שטייגן די צאָל לוויות, איבערהויפּט אַז עס שטאַרבן רייכע לייט. דער ריכטער רייבט זיך די הענט פֿון פֿאַרגעניגן, ווען ער זעט אַז די צאָל פֿאַרברעכנס וואַקסט, כדי אויסצוהאַלטן די געריכטן אין פֿראַנקרייך איז נויטיק, אַז עס זאָלן יעדן יאָר פֿאָרקומען 120 טויזנט פֿאַרברעכנס. דער ברויט־ספּעקולאַנט בעט גאָט, אַז עס זאָל זיין אַ ניט־גערעטעניש, און דער וויין־הענדלער איז גליקלעך, אַז דער האָגל פֿאַרניכטעט די נייע וויינטרויבן. אָט אַזוי זעט אויס די לעכערלעכע אָרדענונג פֿון דער ציוויליזאַציע, ווו יעדער איינצלנער מענטש געפֿינט זיך אין דעם צושטאַנד פֿון אומאויפֿהערלעכער מלחמה מיטן כלל, ווו דאָס גליק פֿון איינעם איז געבויט אויף דעם דורכפֿאַל און אַפֿילו אויף דעם אונטערגאַנג פֿון די אַנדערע".

פֿוריע באַווייזט ווי אַזוי אונטער דעם קאַפּיטאַליזם ווערן אויף אַן אומזי־ניקן אופֿן פֿאַרשווענדעט אומזיסט אַ סך מענטשלעכע כחות און ענערגיע. די אורזאַך פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אומגליקן האָט פֿוריע געזען אין דעם, וואָס די אינדוסטריע איז צוברעקלט און די מענטשלעכע אַרבעט איז ניט אָרגאַני־זירט און אָט די אומאָרגאַניזירטקייט פֿירט אומפֿאַרמיידלעך דערצו, אַז צופֿיל רייכקייט אויף איין זייט זאָל מיט זיך ברענגען אָרעמקייט אויף דער צווייטער זייט.

אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז אַרבעט אַ קללה. פוריע באַווייזט, אָבער, אַז ווען די געזעלשאַפט זאָל ריכטיק אָרגאַניזירט ווערן, וועט אַרבעט זיין אַ ברכה און אַ פרייד. דער קאַפּיטאַליזם, זאָגט פוריע, שאַפט אַ מאַסע מענטשן, וואָס טוען ניט קיין נוצלעכע אַרבעט. צווישן זיי רעכנט ער אַריין פרויען, קינדער און הויז־דינער, די זעלנער, די שטייערן־זאַמלערס, די פאַבריקאַנטן, די סוחרים, די אַרבעטסלאָזע אַרבעטער און סתם לײדיק־גייער און פּראָסטיטוטקעס. אַ העלפט פון די פאַבריקאַנטן, ניין־צענטל פון די סוחרים און צוויי־דריטל פון די טראַנספּאָרט־אַגענטן וואָלטן, לויט זיין מיינונג, געקענט באַזייטיקט ווערן פאַר דעם ווױלזיין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

„דער גאַנצער האַנדל״, שרייבט פוריע, „וואָלט געקענט געפירט ווערן דורך אַ פערטל פון דער צאָל מענטשן, וועלכע פאַרנעמען זיך איצט מיט אים. אין פראַנקרייך אַליין זיינען איצט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט — פאַראַן אַ מיליאָן איינוווינער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל און זיי ווערן אויף אַזאַ אופן אָפּגעריסן פון דער ערד־אַרבעט און פון דער פאַבריק״.

פוריע איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש. ער האָט געפּרעדיקט, אַז כדי דער מענטש זאָל זיין גליקלעך, דאַרף ער האַנדלען לויט גאָטס ווילן, אין און די זעלבע קראַפט ברענגט אין באַוועגונג די גאַנצע וועלט פון פּלאַנעטן, ווי אויך דעם סאָציאַלן לעבן און דאָס איז די צוציאונגס־קראַפט. כדי צו שאַפן אַ לעבנספעאיקע און גליקלעכע געזעלשאַפט, דאַרף מען שאַפן אַזוינע באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אונטער וועלכע די נאַטירלעכע נייגונגען פון די מענטשן זאָלן ניט זיין פיינדלעך איינע צו די אַנדערע. די דאָזיקע נייגונגען און לײדנשאַפטן ברענגען אַפשר שאָדן, ווען מענטשן גיבן זיך צו זיי איבער יעדערער באַזונדער, זייער גלייכגעוויכט אָבער וועט ווערן פּולקאָם אין אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט מענטשן.

פוריע האָט דעריבער געטרוימט צוזאַמענצוקלייבן 1500 אָדער 1600 בירגער, וועלכע אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע לויט זייער עלטער און כאַראַקטער און אויך לויט זייער אַנטוויקלונג און פּראַקטישן וויסן, און זיי אַלע צוזאַמען זאָלן בילדן אַ „פאַלאַנגאַ״ אָדער אַן „אַסאָסיאַציע״. אין דער „פאַלאַנגאַ״ וועט קאַפּיטאַל ניט אָפּגעשאַפט ווערן. אַלע וועלן אַרבעטן און געניסן פון די פּראָפיטן, וואָס די אַרבעט וועט אַריינברענגען און דאָס וועט פאַקטיש אָפּשאַפן לוין־אַרבעט.

„אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער״, שרייבט פוריע, „האָבן מיר זיך געאַמפּערט וועגן די רעכט פון דעם מענטשן און מיר האָבן גאָר ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם צו אָנערקענען פאַר דעם מענטשן דאָס וויכטיקסטע געזעל־

שאַפֿלעכע רעכט — דאָס רעכט אויף אַרבעט, אָן וועלכער אַלע אַנדערע רעכט האָבן קיין שום ווערט ניט".

דורך אַזאַ אָרגאַניזאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט אין באַזונדערע „פֿאַלאַנגאַס" אָדער פֿאַרבאַנדן, ווי ער האָט רעקאָמענדירט, האָט פֿוריע געהאָפֿט אָפּצושאַפֿן אין גאַנצן אָרעמקייט.

„די אָרעמקייט, וואָס צופֿרעסט דעם קערפּער פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט, וועט אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט ווערן". יעדע „פֿאַלאַנגאַ" וועט האָבן אַן איינגענעם „פֿאַלאַנסטער" אָדער פּראַכטפֿולן פּאַלאַץ, ווו עס וועט זיך געפֿינען אַלץ, וואָס איז נויטיק פֿאַר אַ באַקוועמען שיינעם און אָנגענעמען לעבן. דאָ וועלן זיך אויך געפֿינען די ווערקשטאַטן, די סקלאַדן און די פֿעלדער. אין אַזאַ „פֿאַלאַנגאַ" וועט יעדערער טאָן דאָס, צו וואָס ער איז מער גענייגט און ער וועט לייכט קענען בייטן זיין באַשעפֿטיקונג. פֿון יעדער מענטשלעכער נייגונג וועט די געזעלשאַפֿט קענען אַרויסציען נוצן. אַ דאַנק דער גרויסער עקאָנאָמיע אין כחות און מיטלען, וועלן די פּראָדוקטן און סחורות וואָס וועלן געמאַכט ווערן אין פֿאַלאַנסטער, קאָסטן זייער ביליק און די איינוווינער וועלן קענען געניסן פֿון כל טוב, אַרבעטנדיק אַ סך לייכטער ווי איצט.

פֿוריע איז ניט געווען פֿאַראינטערעסירט אין טעכנאָלאָגיע. ער האָט ניט ליב געהאַט גרויס פּראָדוקציע, מעכאַניזאַציע און צענטראַליזאַציע, אין אַלע זייערע פֿאָרמען. ער האָט געגלויבט אין קליינע געמיינדעס אַלס דער בעסטער וועג צו באַפֿרידיקן די אמתע באַדערפֿענישן פֿון די דורכשניטלעכע מענטשן. לויט פֿוריערס לערע, איז די מאָדערנע ציוויליזאַציע „אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד צווישן דער פֿריערדיקער באַרבאַריי און דער נייער אָרדענונג געבויט אויף די פּרינציפּן פֿון אַסאָסיאַציע, אָבער די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער ריכטונג צו אַ בעסערער צוקונפֿט קומט פֿאָר זייער לאַנגזאַם".

אָט דער לאַנגזאַמער אַנטוויקלונגס־גאַנג קען באַדייטנד פֿאַרשנעלערט ווערן דורך דער אַריינמישונג פֿון דעם מענטשלעכן פֿאַרנונפֿט, וועלכער געפֿינט אויס נייע פֿאַרבעסערונגען אָדער פֿאַרפֿאָלקאָמענהייטן אין דער געזעלשאַפֿטלעכער בויאונג. אַזאַ פֿאָלקאָמענהייט מיט דער הילף פֿון וועלכער די מענטשהייט קען אין משך פֿון עטלעכע יאָר זיך אויפֿהויבן אויף אַ הויכער שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג איז, לויט פֿוריעס מיינונג, דער „פֿאַלאַנסטער" אָדער די פֿרייע קאָאָפּעראַטיווע געמיינדע וואָס ער האָט דערפֿונדן. די געמיינדע וועלכע באַשטייט פֿון 500 פֿאַמיליעס אָדער אַרום 2000 מענטשן. אין דער „פֿאַלאַנסטער" וואָס איז געבויט לויט דעם לעצטן וואָרט פֿון טעכניק און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פֿאַר די מענטשן וועלכע וווינען אין אים, מיט גרויסע זאַלן פֿאַר קאָנצערטן, מיט ביבליאָטעקן און סעדער. יעדער מיטגליד

פֿון דער געמיינדע קליבט זיך אויס אַ וווינונג לויט זיין אייגענעם געשמאַק און ער קען אויך אַליין מעבלירן זיינע צימערן אָדער קריגן די מעבל פֿון דער געמיינדע פֿאַר אַ באַשטימטן פּרייז. אַזוי דאַרף אויך אַוועקגעשטעלט ווערן די באַשפּייזונג פֿון דער געמיינדע. ווער עס וויל קען קאָכן און באַקן ביי זיך אין הויז, אָבער צוליב אייגענער באַקוועמלעכקייט וועלן די מערסטע מיטגלידער פֿון דער געמיינדע בעסער זיך באַנוצן מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער קיך און רעסטאָראַן, ווייל דאָ וועלן די מאָלצייטן זיין אי פֿאַרשיידנאַרטיקער, אי ביליקער. די אַרבעטן דאַרפֿן געטאָן ווערן צוזאַמען, ווייל דאָס מאַכט די אַרבעט מער פּראָדוקטיוו און אָנגענעמער. יעדער איינער וועט טאָן די אַרבעט צו וועלכער ער האָט אַ נייגונג. אויב איינער האָט עטלעכע נייגונגען, קען ער בייטן זיין באַשעפֿטיקונג.

3

צו פֿולשטענדיקער גלייכקייט האָט פֿוריע ניט געשטרעבט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ געוויסע פֿילזייטיקייט און דאָס געפֿיל פֿון אייגנטום זיינען דורכאויס נויטיק, ווייל אָן זיי וועט ניט מעגלעך זיין קיין פּראָגרעס. כדי צוציען אין זיין פֿאַלאַנסטער קאַפּיטאַליסטן און גוטע אינזשינערן, דערפֿינדער און אַנדערע טאַלאַנטפֿולע מענטשן, האָט פֿוריע פֿאָרגעשלאָגן צו צאָלן זיי באַזונדערע פּרעמיעס אָדער באָנוסעס פֿאַר זייער קאַפּיטאַל, קונסט אָדער טאַלאַנט. אויף אַזאַ אופֿן וואָלט דאָס לעבן אין פֿאַלאַנסטער געקאָנט איינגעאָרדנט ווערן לויט די מיטלען, וואָס עס פֿאַרמאָגט און לויט דעם געשמאַק און די נייגונגען פֿון יעדן איינציקן מיטגליד.

ביי דער פֿאַרטיילונג פֿון דעם אַלגעמיינעם פּראָפֿיט, וועט פֿינף צוועלפֿטלעך פֿון דעם פּראָפֿיט אַוועקגעגעבן ווערן די אַרבעטער, פֿיר צוועלפֿטלעך די קאַפּיטאַליסטן און דריי צוועלפֿטלעך די טאַלאַנטן. דער פּראָפֿיט וועלכן די קאַפּיטאַליסטן באַקומען וועט צוטיילט ווערן צווישן זיי פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער סומע געלט וואָס יעדער איינער פֿון זיי האָט אינוועסטירט אין דער „פֿאַלאַנגאַ". די סומע וואָס עס קומט די טאַלאַנטן, וועט צוטיילט ווערן צו די פֿאַרשידענע מענטשן לויט דעם אַמט אָדער לויט דער שטעלע וואָס ער פֿאַרנעמט אין דער גרופּע. וואָס שייך אַרבעט, די אַרבעטער וועלכע טוען די נויטווענדיקע און נוצלעכע אַרבעט באַקומען אַ גרעסערע באַלוינונג ווי די וועלכע אַרבעטן ביי אָנגענעמע אַרבעט. זיי באַקומען אַ קלענערע באַלוינונג, ווייל זיי האָבן דאָך מער הנאה פֿון זייער אַרבעט.

ווען עס וועט געשאַפֿן ווערן אַפֿילו נאָר איין געמיינדע אַזאַ, האָט פֿוריע געשריבן, וועלן מענטשן דורך דערפֿאַרונג זיך איבערצייגן אַז דאָס גאַנצע שלעכטס וואָרצלט ניט אין דער מענטשלעכער נאַטור, נאָר אין די אומפֿאָל-

קאָמענהייטן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע. לויט דעם בײַשפּיל פֿון אָט דער געמיינדע, וועלן אויפֿקומען אַלץ מער און מער פֿאַלאַנסטערן און אַזוי וועט אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן, אָן רעוואָלוציעס, אָן פֿאַרשיידענע אַנדערע אויפֿטרייסלונגען דאָס לעבן פֿון דער מענטשהייט אין משך פֿון אַ קורצער צייט איבערגעבויט ווערן אויף נײַע יסודות. עס וועט געשאַפֿן ווערן אַ גן־עדן אויף דער וועלט און דער מענטש וועט בענטשן זײַן באַשאַפֿער און זײַן שיקזאַל.

גאָט האָט געגעבן די מענטשן פֿאַרשידענע לײַדנשאַפֿטן, זאָגט פֿוריע, דאָס הייסט, ווונטשן, שטרעבונגען און נייגונגען. אַנשטאָט זיי צו אונטער־דריקן, לעבן ניט אַזוי ווי עס ווילט זיך און לײַדן פֿון דעם, דאַרף מען נאָר אויף אַ פֿאַרנינפֿטיקן אופֿן קירעווען די דאָזיקע לײַדנשאַפֿטן און פֿאַר־אייניקן זיי. דעמאָלט וועלן די געזעלשאַפֿטלעכע נוצן צוזאַמענפֿאַלן מיט די פּערזענלעכע פֿאַרלאַנגען פֿון יעדן איינעם. לויט פֿוריעס מיינונג, קענען בײַ אַ מענטשן ניט זײַן קיין זינדיקע, שעדלעכע אָדער פֿאַרברעכערישע ווונטשן אָדער נייגונגען. די מענטשלעכע לײַדנשאַפֿט קען זײַן נוצלעך ווען מען זאָל זי ווי געהעריק אויסנוצן.

אַ מענטש, האָט פֿוריע געפּרעדיקט, מוז ניט טאָן קיין זאַך קעגן זײַן געוויסן אָדער פֿאַרנונפֿט. פֿוריע איז אָבער אויך באַשטאַנען אויף דעם אַז פֿאַר־נונפֿט קען דינען אַלס אַ פּאַסנדער געוווער צו העלפֿן בויען אַזאַ געזעלשאַפֿט וואָס ער האָט געהאַט אין זינען. באַנוצן זיך פֿאַר דעם מיט מאַכט וואָלט, לויט זײַן מיינונג, געווען אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט, ווײַל מיט געוואַלד קען מען ניט ענדערן די מוחות פֿון די מענטשן. אַ רעוואָלוציע איז נויטיק דער עיקר אין די מענטשלעכע מוחות, און די טראַנספֿאָרמאַציע פֿון זײַנע אינסטיטו־ציעס קען קומען נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם פּראָצעס פֿון גייסטיקער אויפֿקלערונג.

פֿוריע האָט געהאַלטן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג פֿירט נויטווענ־דיקערווײַז צו מלחמות, און די מלחמות מוזן ברענגען מיט זיך רעוואָלוציעס. די פֿאָלגנדע ווערטער זײַנע, וואָס ער האָט געשריבן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, קלינגען ווי אַ לייט־אַרטיקל פֿון אַ היינטיקער ראַדיקאַלער צײַט־שריפֿט:

„צוקוקנדיק זיך צו די לאַנגע און קאָלאָסאַלע פּאָליטישע אויפֿטרייסלונגען, דוכט זיך, אַז די נאַטור מאַכט אָנשטרענגונגען אַרונטערצוּוואַרפֿן פֿון זיך די שווערע משא, וואָס דריקט איר. מלחמות און רעוואָלוציעס צינדן אָן דעם ערד־קויל פֿון אַלע זײַטן. שריפֿות קוים אײַנגעלאָשענע, פֿלאַקערן ווידער אויף פֿון אונטער דעם אַש. פֿרידן און אָרדנונג זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשפּענסט, אין אַ טרוים, וואָס דויערט עטלעכע רגעס... דער קאָמער־ציעלער גייסט האָט געעפֿנט נײַע וועגן פֿאַר פֿאַרברעכנס. היינטיקע צײַטן

שלעפּט יעדע מלחמה אריין בײדע טײלן פֿון דער וועלט און פֿאַרטראָגט אין דער טיפֿעניש פֿון ווילדע סקאַנדאַלן און זשעדנעקייט די ציוויליזירטע פֿעל־קער. אונדזערע שיפֿן נישטערן אַלע ווינקעלעך פֿון דער וועלט, כּדי אויסצו־לערנען די ווילדע פֿעלקער אונדזערע זינדיקע זיטן און פֿאַרשייטע נייגונגען. די ציוויליזירטע וועלט וועט אַלץ מער אָפּשיילעך, וואָס מער זי דערנענטערט זיך צו איר סוף".

4

פֿוריע האָט זייער פֿיל געבויט אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער דערציאונג פֿון קינדער און פֿון דעם, וואָס מען וועט שטודירן דעם כּאַראַקטער פֿון די קינדער.

די אידיי פֿון דער אַזוי גערופֿענער „אַרבעטס־שולע" שטאַמט פֿון פֿוריען. פֿון אים שטאַמט אייגנטלעך די אידייע פֿון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון. פֿו־ריע איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפּרעדיקט די פֿולשטענדיקע באַפֿרייאונג פֿון דער פֿרוי פֿון דער דערנידעריקנדער הויז־שקלאַפֿעריי, פֿון די אַלע קליינלעכע זאָרגן וועגן דער הויז־באַלעבאַטישקייט.

אָבער ווי טשערנישעווסקי האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַנטהאַלטן פֿו־ריעס ווערק צוגלייך מיט די גלענצנדע און טיפֿזיניקע געדאַנקען אויך אַ סך קינדערשע ווילדע פֿאַנטאַזיעס און דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט זיינע קעגנער חוזק צו מאַכן פֿון אים און פֿון זיינע ווערק.

קיין זאַך כאַראַקטעריזירט אַזוי ניט פֿוריעס טיפֿן גלויבן אין דער ריכטי־קייט און פֿאַרנינפֿטיקייט פֿון זיין טעאָריע ווי דער פֿאָלגנדער פֿאַקט:

אין פֿאַרלויף פֿון צען יאָר נאָך אַנאַנד האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו ווענדן זיך צו שרייבער און געלערנטע, צו מיליאָנערן און קייסאָרים, אַז זיי זאָלן אים העלפֿן שאַפֿן פֿאַלאַנגאַס. ער האָט מיט דער זעלבער בקשה זיך אויך געווענדט צו נאַפּאָלעאָנען. ער האָט געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז פֿון צוועלף אַזייגער ביי טאָג ביז איינס וועט ער וואַרטן ביי זיך אין הויז אויף די יעניקע, וואָס זיינען גרייט אים צו געבן אַ מיליאָן פֿראַנק אויף צו שאַפֿן די ערשטע פֿאַלאַנגאַ. (אַ מיליאָן פֿראַנק איז דעמאָלט געווען אַ ריזיקע סומע געלט). צען יאָר נאָך אַנאַנד פֿלעגט פֿוריע טאָג־איין טאָג־אויס פֿון 12 ביז 1 וואַרטן ביי זיך אין הויז אויף דעם מיליאָנער וואָס זאָל אים ברענגען דעם מיליאָן פֿראַנק. קיין מיליאָנערן זיינען ניט געקומען. אָבער מיט דער הילף פֿון אַ דע־פּוטאַט פֿון פּאַרלאַמענט איז דאָך געגרינדעט געוואָרן אַקציאָנערן געזעל־שאַפֿט אויף צו שאַפֿן אַ פֿאַלאַנגאַ. מען האָט געקויפֿט 500 העקטאַר לאַנד. מען האָט אויסגעבויט ריזיקע געביידעס און מען איז שוין צוגעטראָטן צו

דער ארבעט פֿון קולטיווירן פֿאַרשיידענע טייערע פֿלאַנצונגען. די ארבעט אָבער האָט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן אין רעכטן מיטן צוליב מאַנגל אין געלט.

פֿוריע איז געשטאָרבן אין דער נאַכט פֿון דעם 7טן אויף דעם 8טן אָקטאָבער פֿון יאָר 1837, כמעט אַן איינזאַמער און אַ ניט־פֿאַרשטאַנענער פֿון זיין דור.

מיט זיבן יאָר שפּעטער האָט דער יונגער אַלעקסאַנדער הערצען, איבער־לייענענדיק דאָס ניי בוך פֿון פֿוריעס תלמיד קאָנסידעראַן, געשריבן, אַז פֿוריע און זיינע תלמידים האָבן פֿאָרויסגעזאָגט אין זייערע ווערק די גרעסטע נביאות וועגן דער צוקונפֿט. אָבער עפּעס פֿעלט אין זיי. „די פֿעלקער וועלן בלייבן קאַלט, אַזוי לאַנג ווי די פּראָפּאַגאַנדע וועט גיין מיט דעם וועג. אָבער די דאָזיקע לערער זיינען גרויס דערמיט, וואָס זיי וועלן ענדלעך אויפֿוועקן דאָס אמתע פֿאָלקס־וואָרט".

און דאָס איז טאַקע געשען.

5

ווי פֿיל אַנדערע גרויסע מענטשן איז פֿוריע באַרימט געוואָרן ערשט אין אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט.

ערשט אין די 40קער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט האָט דער פֿוריעריזם אָנגעהויבן צו באַאיינפֿלוסן די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ אין די אַנדערע לענדער אויסער פֿראַנקרייך, פֿריער אין דייטשלאַנד, דערנאָך אין ענגלאַנד, וווּ פֿוריעס אָנהענגער איז אויסגעקומען צו קאָנקורירן מיט די אָנהענגער פֿון ראָבערט אָוען. די פֿוריעריסטן און די אָנהענגער פֿון ראָבערט אָוען האָבן אַ סך דיסקוטירט וועגן די מעלות און דער פּראַקטישקייט פֿון ביידע לערעס. אָבער זייער אָפֿט פֿלעגן זיי אַרויסטרעטן פֿאַראייניקט קעגן זייערע געמיינזאַמע קעגנער. די פֿוריעריסטן האָבן אָפֿט באַשולדיקט ראָבערט אָוענען, אַז ער האָט גענגבעט אידייען ביי זייער לערער, וועמעס ווערק זיינען געווען געדרוקט פֿריער ווי אָוענס ווערק. אָבער ענגלישע היסטאָריקער פֿון סאָציאַליזם באַ־הויפּטן, אַז עס איז ניטאָ קיין שום באַווייז, אַז ראָבערט אָוען זאָל האָבן וועגן געהערט פֿוריעס נאָמען, ווען ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע וויכטיקסטע ווערק. פֿוריעס אידייען האָבן אָבער אָן צווייפֿל געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויף אָוענס שפּעטערדיקע תלמידים. אין ענגלאַנד איז דער וויכטיקסטער פּרעדיקער פֿון פֿוריעריזם געווען אַ געוויסער דאָוערטי, וועלכער האָט איבער־זעצט אין ענגליש אַ פּאָר פֿוריעס ווערק און האָט אין 1840 אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבן אַ פֿוריעריסטישע צייטונג, „די מאָרנינג סטאַר".

אַ פֿיל גרעסערן איינפֿלוס ווי אין ענגלאַנד און אַפֿילו ווי אין פֿראַנקרייך האָט דער פֿוריעריזם געהאַט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. דער

איינפּלוס־רייכסטער אמעריקאַנער פּרעדיקער פון פוריעריזם איז געווען אַלבערט בריסביין (1809־1890), דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַרימטן זשורנאַליסט, אַרטור בריסביין. האָראַס גרילי פון דער „ניו יאָרק טריביון" האָט געשטיצט בריסביינס פּראָפּאַגאַנדע, און אין די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשאַפן געוואָרן עטלעכע און צוואַנציק קאָלאָניעס לויט די פּרינציפּן פון פוריעריזם. קיינע אָבער פון יענע קאָלאָניעס האָט ניט עקזיסטירט לענגער ווי אַ פּאָר יאָר צייט. בריסביין האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אַמעריקאַנער שריפטשטע־לער, סי. ה. דאַנאַ, מאַרגאַרעט פולער, נאַטאַניעל האָוטאָרן, און ראַלף וו. עמערסאָן.

פוריעס אידייען האָבן, ווי שוין פריער דערמאָנט, שטאַרק באַאיינפלוסט אויך די רוסישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ פון די 40קער און 50קער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

פוריעס נאַאיווע קינדערשע פּלענער זיינען באַלד פאַרגעסן געוואָרן, אָבער זיינע טיפזיניקע געדאַנקען און נאָבעלע אידייען האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער אַרבעטער באַוועגונג און פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, און זיין ליכטיקער אָנדענק וועט אייביק געערט ווערן פון אַלע וואָס שטרעבן צו אַ שענערער, גליקלעכער און מענטש־לעכער אָרדענונג אויף דער וועלט.

#ווילהעלם וויטלינג
(1871 — 1808)

.1

ווילהעלם וויטלינג איז געווען איינער פון די פאָרלויפער פון דייטשן סאָציאַליזם און איינער פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. וויטלינגס הויפּט־ווערק „גאַראַנטיען דער האַרמאָניע אונד פרייהייט" איז דערשינען אין יאָר 1842, מיט פינף יאָר פאַר דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. די „גאַראַנטיען" זיינען באַלד איבערזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש, שוועדיש און נאָרוועגיש. קאַרל מאַרקס האָט געלויבט דאָס בוך אַלס אַ „בריליאַנטענער ליטעראַרישער דעביו פון דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס", און פרידריך ענגעלס האָט געפלאַנצט אויסגעוועבט אים אויך אין ענגליש. דער דייטשער פילאָזאָף פייערבאַך האָט אָנגערופן וויטלינגען „אַ פילאָזאָף פון זיין קלאַס". אַנדערע האָבן וויטלינגען פאַרגליכן מיטן פראַנצויזישן דענקער זשאַן זשאַק רוסאָ. דער גרויסער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פירער זשאַן זשאָרעס האָט נאָך אין 1901 אַליין ציטירט אין זיין צייטונג וויטלינגס בוך, און איינער פון די גאָר לעצטע היסטאָריקער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט וויטלינגען אָנגערופן „איינער פון אונדזערע גרעסטע און בעסטע. אַן אויסגעצייכנטער קאָנסטרוקטיווער קאָפּ און אַ ניט־אייגנוציקער כאַראַקטער, דער איינציקערווירקלעך גרויסער קאָמוניסט פון דער פאַר־מאַרקסיסטישער צייט".

פאַר דער רעוואָלוציע פון 1848 האָט וויטלינג געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די ראַדיקאַלע באַוועגונגען פון דייטשלאַנד, עסטרייך, שווייץ, פראַנקרייך און ענגלאַנד. דערנאָך איז ער געקומען קיין אַמעריקע. אין פאַרלויף פון פינף יאָר צייט האָט ער אין ניו יאָרק רעדאַקטירט אַן אַרבעטער צייטונג און ער האָט צוזאַמענגערופן

דעם ערשטן אַרבעטער־קאָנגרעס אין אַמעריקע. ער האָט אָרגאַניזירט די „ליג פֿון די אַרבייטנדע", וועלכע האָט די ערשטע אָנגעהייבן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַלער פאַרזיכרונג, פאַר קאָאָפּעראַטיוון און פאַר קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

ווילהעלם וויטלינג איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן אָקטאָבער, 1808, אין דער דייטשער שטאָט מאַגדעבורג, וועלכע איז דעמאָלט געווען אָקופּירט פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי.

וויטלינגס טאַטע איז געווען אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט. די מאַמע אַ דייטשע דינסט־מיידל. אינגיכן נאָכדעם ווי וויטלינג איז געבוירן געוואָרן, איז דער טאַטע אַוועק צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָנס אַרמיי קיין רוסלאַנד און מער האָט מען פון אים קיינמאָל ניט געהערט.

וויטלינג איז אויסגעוואַקסן אין גרויס אָרעמקייט. די מאַמע זיינע האָט געאַרבעט ווי אַ קעכין און הויז־דינסט. דעם קינד פלעגט זי איבערלאָזן אין אַ פּאַנסיאָן, וווּ פרעמדע מענטשן פלעגן אויף אים אַכטונג געבן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט די מאַמע אים אַריינגעגעבן אין אַ פאָלקס־שולע, ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. פֿון קינדווייז־אויף האָט ער אַ סך געליינט. ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער שטרענג־קאַטוילישער טראַדיציע. די ביבל האָט ער נאָך אַלס יונגער יינגל געקאָנט כמעט אויף אויסווייניק. מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו לייענען וועגן די מאַקאַבעער. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערע פֿעיִקייט אויסצולערנען זיך שנעל אַ פרעמדע שפּראַך. אַלס ייִנגל האָט ער גערעדט דייַטש און פֿראַנ־צויזיש. שפּעטער האָט ער אויך שנעל אויסגעלערנט זיך ענגליש, איטאַליעניש און לאַטיין. אין קיין גימנאַזיע האָט די אָרעמע מאַמע ניט געקאָנט אים שיקן, האָט זי אים אַוועקגעגעבן צו אַ שניידער, ביי וועמען ער האָט געוווינט און זיך געלערנט די מלאכה. אַרבעטן פלעגט מען דאָרט פון פאַרטאָג ביז אין אָוונט און די שפּייז, וואָס ער פלעגט דאָרט באַקומען, איז באַשטאַנען פון שוואַרצן ברויט מיט זויער־קרויט. פֿון דער שלעכטער נאַרונג האָט ער אָפּט גע־קרענקט. דערפאַר אָבער האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט די מלאכה. צו 18 יאָר איז ער שוין געווען אַן אויסגעצייכנטער שניידער סיי פון מענער־קליידער און סיי פון פרויען־קליידער, און ער האָט אָנגע־הייבן אַרומוואַנדערן פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון לאַנד צו לאַנד.

זיבן יאָר צייט האָט וויטלינג אַרומגעוואַנדערט פון איין דייטשער שטאָט אין אַ צווייטער. ער פלעגט אָפּאַרבעטן אַ קורצע צייט אין אַ שטאָט און דערנאָך אַוועקפאָרן אָדער אָפטמאָל אַוועקגיין צופוס אין

אַן אַנדער שטאָט. אין 1834 האָט ער געלעבט אין ווין. אין הערבסט 1835 האָט ער צום ערשטן מאָל געזען פּאַריז. ער איז דאָרט געווען נאָר ביז אַפּריל מאָנאַט, ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין ווין. אָבער אין 1837 איז ער צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך, ווו ער האָט פאַרבראַכט פיר יאָר צייט. אין פּאַריז איז ער צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיט דייטשע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט גערופן „קאָמוניסטן", און ער האָט אויך פלייסיק שטודירט די ווערק פון די פראַנצויזישע אַזוי־גערופענע סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן (סען סימאָן, פוריע, קאַבע, לאַמענע א"אַ).

אין די יאָרן, וואָס וויטלינג האָט געלעבט אין פּאַריז, איז די ליפט דאָרט געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע און אַ סך דענקענדיקע מענטשן. ניט נאָר אינטעליגענטן, נאָר אויך אַרבעטער, זיינען שטאַרק באאיינפלוסט געוואָרן פון די לערעס פון די סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן. נאָך דער אונטערדריקונג פון די אַרבעטער אויפשטאַנדן אין פּאַריז און אין ליאָן אין 1834, האָט אין פראַנקרייך זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג. פאַר ראַדיקאַלן איז דעמאָלט גיט געווען קיין אַנדער פּלאַץ, אויסער דער אונטערערדישער באַוועגונג.

אין פּאַריז איז נאָך אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געווען אַ גרויסע דייטשע קאָלאָניע פון פּאָליטישע פליכט־לינגע. זיי האָבן געהאַט זייערע געהיימע אָרגאַניזאַציעס. אין 1837 איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן דער „בונד פון די גערעכטע". וויט־לינג האָט זיך אינגיכן אָנגעשלאָסן אָן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, און טאַקע ווי איינער פון די מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַני־זאַציע האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער געשיכטע פון די ערשטע קאָמוניסטישע אָדער סאָציאַליסטישע טעטיקייטן אין פראַנק־רייך, דייטשלאַנד, בעלגיע, שווייץ און ענגלאַנד. ער איז אינגיכן געוואָרן דער איינפלוסרייכסטער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע.

די גאַנצע צייט, וואָס וויטלינג האָט געלעבט אין פּאַריז, האָט ער געאַרבעט ווי אַ שניידער צוועלף און פיל מאָל פערצן שעהן אַ טאָג און אויך זונטיק אַ האַלבן טאָג. פאַרדינט האָט ער אַרום 700 פראַנק אַ יאָר. דאָך האָט ער געהאַט גענוג געדולד און ענערגיע ניט נאָר צו לייענען אַ סך און באַקענען זיך גרינטלעך מיט דער וואַקסנ־דיקער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און צו דיסקוטירן דערנאָך וועגן דעם מיט זיינע חברים־אַרבעטער, נאָר אויך צו אָרגאַניזירן אַ קאָאָ־פּעראַטיווע גאַרקיך פאַר שניידער, ווו מען האָט געקענט באַקומען פאַר אַ קליינעם פּרייז אַן אָנשטענדיקן זאַטן מאָלצייט. ער האָט אין דער

זעלבער צייט אויך באוויזן איבערצוזעצן פון פראנצויזיש אויף דייטש לאַמענעס א בראָשור און צוצוגרייטן צום דרוק זיין אייגענעם ערשטן בוך וועגן סאָציאַלער רעפאָרם.

אין פּאַריז האָט דער יונגער שניידער זיך אַנטוויקלט ווי אַן איבערצייגטער קאָמוניסט און ער איז אינגיכן געוואָרן איינער פון די שענסטע רעדנער פון אַרבעטער־קלאַס. אין 1838 האָט דער „בונד פון די גערעכטע" וויטלינגען באַאויפטראָגט אָנצושרייבן די ערשטע בראָשור, אין וועלכער עס זאָל פאָרמולירט ווערן דער „אני מאמין" פון דער אָרגאַניזאַציע, און וועלכע זאָל פאַרשפּרייט ווערן ווי פּראָ־פּאַגאַנדע־מאַטעריאַל אין פראַנקרייך און איבערהויפּט אין דער שווייץ און אין די דייטשע מלוכות. וויטלינג האָט פאַר זיין אַרבעט ניט באַקומען קיין געצאָלט. דער טיטל פון דער בראָשור איז געווען „די מענטשהייט, ווי זי איז און ווי זי דאַרף זיין". דער באַרימטער פּאָעט היינריך היינע האָט די דאָזיקע בראָשור וויטלינגס אָנגערופן „דער קאַטעכיזים פון די דייטשע קאָמוניסטן". די בראָשור איז געשריבן געוואָרן אין גייסט פון אוראַלטן קריסטלעכן קאָמוניזם.

אין 1839 איז אין פּאַריז פּאָרגעקומען אַ רעוואָלוציאָנערער אויפ־שטאַנד, אין וועלכן עס זיינען אויך געווען פּאַרמישט די מיטגלידער פון דעם „בונד פון די גערעכטע". נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד, איז וויטלינג געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן פראַנק־רייך. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ, וועלכע איז דעמאָלט שוין געווען אַ צענטער פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

אין דער שווייץ האָט ער געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. ער האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטשריפט און שפּעטער האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ נייע בראָשור „די עוואַנגעליום פון דעם אָרעמען זינ־דיקן", אין וועלכער ער האָט געזוכט פאָרצושטעלן יעזוסן ווי אַ פּרע־דיקער פון קאָמוניסטישע לערעס. נעכטיקן פלעגט ער אין ביליקע גאַסט־הייזער, וועלכע זיינען שטענדיק געווען איבערגעפּאַקט און האָבן פיל מאָל געהאַט צו דריי מענטשן אין אַ צימער. שרייבן פלעגט ער אויף אַ ברעטל אויסגעשפּרייט איבער זיינע קני. גיין צו גאַסט פלעגט ער צו קיינעם ניט, ווייל ער איז געווען צו־אָרעם און צופיל פאַרנומען. ער פלעגט אויך ווינטער אַרומגיין אָן זאָקן, אָן העמדשקעס און אָן אונטערוועש. ער האָט אויך אויפגעהערט צו קויפן צוקער און אפילו זייף.

אין פאַרלויף פון 18 מאָנאַטן צייט האָט ער אָרגאַניזירט אין דער שווייץ צען אַרבעטער־פאַראיינען, וועלכע האָבן צוזאַמען פאַר־מאָגט אַרום טויזנט מיטגלידער. ער האָט געהאַפּט אין יאָר 1844

צו האָבן ארום 40 טויזנט מיטגלידער, גענוג אויף „אָנצוהייבן די רעוואָלוציע". ער האָט אויסגעארבעט א פּלאַן צו באפרייען פון די טורמעס די פּראָפעסיאָנעלע גנבים און מערדער און אויסנוצן זיי פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף אָפּשאפן אָרעמקייט, אומגלייכקייט און עקספּלואַטאַציע. ער האָט געפּרעדיקט טאָלעראַנץ און ברודער־ליבע. „מיר אַלע, — האָט ער געשריבן, — זיינען קינדער פון איין טאַטן און אַלע האָבן מיר א געמיינשאַפּטלעכן גורל, צו זיין גליקלעך דאָ און דערנאָך אויף אייביק אויף יענער וועלט".

וויטלינג האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו קריטיקירן די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע בארימט זיך מיט איר פרייהייט און האַלט די נעגערס אין שקלאַפעריי. ער האָט אויך כסדר אַטאַקירט די גלחים, וועלכע „פּרעדיקן גליק אין די הימלען צו די יעניקע, וועלכע זיינען צו־אָרעם צו קענען עס דערגרייכן אויף דער ערד". ער האָט באַטראַכט אייגנטום ווי „גנבה" און האנדל ווי „דער אויסטויש פון געגנבעטע סחורה".

מיט דער פאַרמערונג פון די פּראָדוקטן, האָט ער געשריבן, איז דער האנדל געוואָרן מער קאָמפּליצירט און די מענטשהייט האָט דערפונדן געלט ווי א מיטל פון אויסטויש. דערמיט איז געשאפן געוואָרן א באַזיס פאַר א נייער סאָרט שקלאַפעריי, וואָרום פון דאַן אָן האָבן מענטשן מער קיין ווערט ניט, אויסער אין טערמינען פון וואָס זיי קענען קויפן אָדער פאַרקויפן. געלט האָט ניט נאָר געבראַכט אומגלייכקייט, נאָר איז אויך געוואָרן א מיטל אויף אָנצוהאַלטן די אומגלייכקייט.

וויטלינג האָט געהאַלטן די סוחרים און קרעמער, וועלכע טוען ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר קויפן און פאַרקויפן די פּראָדוקטן, וועלכע ווערן געשאַפן פון די אַרבעטער, פאַר נוצלאָזע פּאַראַזיטן.

דער הויפּט־צוועק פון וויטלינגס טעטיקייט איז געווען צו העלפן דער מענטשהייט געפינען גליק און צופרידנקייט און דאָס, האָט ער געדענקט, קען דערגרייכט ווערן נאָר אונטער א סיסטעם פון גאַראַנטירטער גלייכקייט פאַר אַלעמען. כדי צו שאַפן א גלייכגעוויכט צווישן די איינגעבוירענע וואונטשן פון אַלע מענטשן און דער פעאיקייט צו באַפרידיקן די דאָזיקע וואונטשן דורך פיזישער און גייסטיקער אַרבעט, האָט ער געהאַלטן, איז נויטיק א קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. אָן דער עקאָנאָמישער גלייכבארעכטיקונג פון דער מענטשהייט קען מען ניט דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. פּאָליטישע פרייהייט און א רעפּובליקאַנישע אָרדנונג זיינען ווינטשנסווערט, אָבער די מענטש־

הייט וועט ניט זיין גליקלעך, אזוי לאַנג ווי די רייכע פאַרבלייבן רייך און די אָרעמע אָרעם.

„די הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט איבער דער מינאָריטעט", האָט ער געשריבן, „איז פונקט אַזוי אונטערדריקנד, ווי די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון אַ קעניג, און אַזוי ווי דער רעפּובליקאַניזם האָט ליקווי־דירט די מאָנאַרכיעס, אַזוי וועט קאָמוניזם אָפּשאַפן די טיראַניי פון דער מאַיאָריטעט... קאָמוניזם וועט זיין אַזוי שטאַרק און אומפּאַר־מיידלעך, ווי גאָטס קעניגרייך און אין דער זעלבער צייט וועט אונטער קאָמוניזם די דעמאָקראַטישע זעלבסט־רעגירונג פאַרפּולקאָמט ווערן ביז צו אַזאַ גראַד, אַז מענטשן וועלן גאָרניט פילן, אַז עס איז דאָ אַ רעגירונג, ווייל עס וועט הערשן פולשטענדיקע האַרמאָניע." אָבער פאַר אַ קורצער צייט, פאַר דער „איבערגאַנגס־צייט", האָט ער גע־זאָגט, וועט נויטיק זיין צו האָבן אַ דיקטאַטור.

און ווייל וויטלינג האָט שטאַרק געגלויבט אין דער וויסנשאַפט און אַז „וויסנשאַפט דאַרף אויפהערן צו זיין אַ פּריווילעגיע", האָט ער געוואָלט שאַפן אַזאַ סיסטעם, וואו די מענטשן, וועלכע זיינען אַמ־בעסטן קוואַליפיצירט צו זיין פירער, זאָלן האָבן דעם קאָנטראָל איבער דער מלוכה־פאַרוואַלטונג. ער האָט געהאַט אומענדלעכן גלויבן אין דעם, וואָס די וויסנשאַפט קען אויפטאָן פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז יעדע מלאכה קען דער־הויבן ווערן צו אַ וויסנשאַפט. דעריבער איז ער געווען צוגונסטן פון דעם, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן וואָס מער קונסט־און פאַך־שולן און אַן אוניווערזיטעט פאַר יעדן מיליאָן מענטשן, אויך אַז די לערער און געלערנטע זאָלן זיין פאַראייניקט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל העלפן דער רעגירונג ביים באַשטימען די פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע. אויף אַזאַ אופן וועלן וויסן און אינטעליגענץ, ניט פּריווילעגיע און מאַכט, רעגירן די נייע געזעלשאַפט. ער האָט געוואונטשן, אַז יעדע פאַמיליע זאָל האָבן איר אייגענעם ווינקל און גערטנדל. בלויז די קיכן, די סקלאַדן און די סעדער זאָלן זיין דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. פרויען זאָלן האָבן גלייכע שטימרעכט מיט די מענער און אויך דאָס רעכט אַנצוהאַלטן עמטער, אָבער זיי דאַרף מען אָנפאַרטרויען די לייכטערע אַרבעט.

וויטלינג האָט געגלויבט, אַז גטן דאַרפן פאַרלייכטערט ווערן, און אַז די הייראַט „דאַרף באַפרייט ווערן פון די עקזיסטירנדע קינסטלעכע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַגרענעצונגען". „ליבע, — האָט ער

געשריבן, — איז די יאָדרע, הייראַט איז דער שאָלעכץ און די געלט־סיסטעם איז דער וואָרעם. וואָס פרעסט זיך אַריין אין דער יאָדרע".

אין זיין בוך „די גאַראַנטיעס" באַשרייבט ווייטלינג ווי אַזוי די סיסטעם פון פּלאַנירטע ווירטשאַפט, וואָס איז רעגולירט דורך וויסנשאַפט און מאָטיווירט פון אַן אויפריכטיקן געפיל פון ברידערלעכקייט, מוז ברענגען גליק פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. ווייטלינג האָט געוווּסט, אַז אַזאַ סיסטעם קען ניט געשאַפן ווערן מיט אַמאָל. דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגן אויף דערווייל אַ פּראָגראַם־מינימום, ווי פרייע פאָלקס־בילדונג, פרייע פּרעסע, הילף פאַר די נויטליידנדע, שטייערן־רעפאָרם, קאָאָפּעראַטיוון און סאָציאַלע געזעצגעבונג. דאָס זיינען אָבער ניט מער ווי פּאַליאַטיוון, מיטלען וואָס קענען נאָר טיילווייז פאַרבעסערן די לאַגע. וואָס עס איז נויטיק, איז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. ניט אומבאַדינגט אַ בלוטיקע, הגם צוואַנציק יאָר פון כאַאָס וואָלט, לויט זיין מיינונג, ניט געווען קיין צו־גרויסער פּרייז צו באַצאָלן פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס זאָל זיין געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון גלייכקייט, גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט.

ער האָט גערעדט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע ווי וועגן דער „לעצטער גנבה", ווען עס וועט זיין דערלויבט צו באַרויבן די רייכע און העלפן די אָרעמע, ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטוואָפענען די רייכע, באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט, באַפרייען פון די טורמעס אַלע אַרעסטירטע און שאַפן אַ פאָלקס־מיליץ. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די רייכע וואָס וועלן פרייוויליק אָפּגעבן זייערע פאַרמעגנס, זאָלן באַקומען אַ פּענסיע. ער האָט צוגעגעבן, אַז די רייכע זיינען נאָר קרבנות פון אַ שלעכטער עקאָנאָמישער סיסטעם און ניט קיין פאַרדאָרבענע מענטשן, און ער האָט געהאַלטן, אַז קאָמוניזם קען אַפּעלירן אַפילו אויך צו די פאַרמעגלעכע קלאַסן.

ניט נאָר די רעגירונגען פון דייטשלאַנד און פון עסטרייך, נאָר אויך די שווייצאַרישע רעגירונג האָט געקוקט זייער קרום אויף ווייטלינגס טעטיקייט. דעם 9טן יוני, 1843, האָט די ציריכער פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע ביי ווייטלינגען אין צימער און אין דער דרוקעריי, וואו זיין צייטונג האָט זיך געדרוקט. אַ טייל פון זיין מאַנוסקריפּט „דער עוואַנגעליום פון דעם זינדיקן" און זיין קאָרעספּאָנדענץ זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן און ער אַליין איז אַרעסטירט געוואָרן. ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אַלס „פאַרשווערער קעגן קריסטנטום און קעגן דער סאָציאַלער אָרדנונג". נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן אַ פאָר מאָנאַטן אין טורמע, איז ער פאַראורטיילט געוואָרן פון אַ ציריכער

געריכט צו זעקס מאָנאַטן תּפיסה און דערנאָך דעפּאָרטירט צו ווערן פון דער שווייץ אויף פינף יאָר ציים.

די פּרייסישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אים ניט אַריינלאָזן אין לאַנד, ווייל ער האָט פאַרלוירן זיין פּרייסישע בירגערשאַפט צוליב דעם, וואָס ער האָט זינט 1828 געלעבט אין אויסלאַנד און האָט זיך ניט געשטעלט צום פּריזיוו. אויך די באַדענער פּאָליציי האָט אים ניט געוואָלט האָבן ביי זיך אין לאַנד און זי האָט אים אַרויסגעשיקט אין זיין געבורטס־שטאָט מאַגדעבורג. דאָרט האָט מען אים צוריק אַריינגעזעצט אין טורמע ביז אַ מיליטערישער דאָקטער האָט דערקלערט, אַז ער איז ניט פעאיק צו זיין אַ סאָלדאַט. ווייטלינג איז אַוועקגעפאָרן קיין בערלין, אָבער פון בערלין האָט מען אים אויך אַרויסגעשיקט. אין אויגוסט 1844 איז ער אָנגעקומען קיין האַמבורג און פון האַמבורג איז ער אינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

2

אין 1847 האָט ווייטלינג אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז גלייך געוואָרן טעטיק אין דעם דייטשן קאָמוניסטישן „באַפרייאונגס בונד".

אַזוי שנעל אָבער ווי עס האָט אין דייטשלאַנד אין 1848 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז ווייטלינג צוריקגעקומען קיין בערלין און האָט דאָרט אָנגעהייבן אַרויסגעבן אַ סאָציאַליסטישע צייטונג. אינגיכן האָט מען אים ווידער אַרויסגעשיקט פון בערלין. ער איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין האַמבורג, וואו עס איז אים געלונגען צוריק אויפצובויען פיל סעקציעס פון דעם „באַפרייאונגס־בונד", וועלכער האָט אָנגענומען אַ דורכאויס רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּראָגראַם. אויך אין האַמבורג האָט די פּאָליציי אים ניט צורו־געלאָזט און ער איז געווען געצוואונגען אַוועקצופאָרן צוריק קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט ער געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

נאָך אין 1843, ווען ווייטלינג האָט געלעבט אין דער שווייץ, איז אין דער שווייץ אָנגעקומען מיכאיל באַקונין, דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער, דער שפּעטערדיקער פאָטער פון אַנאַרכיזם. באַקונין איז געווען אַ העבסט־געבילדעטער מענטש און אַ גרינטלעכער קענער פון דער דייטשער פילאָזאָפיע. באַקונין האָט איבערגעלייענט ווייטלינגס ביכל „גאַראַנטיען פון האַרמאָני און פרייהייט", וואָס איז

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם דערשינען אין דער שווייץ, און דער בוך האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. „עס איז ווירקלעך אַ מערקווירדיק בוך", האָט באַקונין באַמערקט.

אין מאַי 1843 האָט וויטלינג באַזוכט באַקונינען און באַקונין האָט אים געגעבן אַן ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע. באַקונין האָט דער־נאָך געשריבן צו זיינעם אַ פריינט, אַז וויטלינג איז „אַן אונדיסציפּ־לינירטער פאַנאַטיקער, אָבער אַן ערנהאַפטער מענטש, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן גלויבן אין די מעגלעכקייטן פון דער מענטשלע־כער ראַסע". עס איז אַ סברה, אַז באַקונין איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט אונטער וויטלינגס איינפלוס.

באַקונין האָט געזוכט צו פאַראינטערעסירן וויטלינגען אין דער דייטשער פילאָזאָפיע. ער האָט פּרובירט לייענען מיט אים העגעלס ווערק, אָבער נאָך דער ערשטער לעקציע האָט וויטלינג מער ניט געוואָלט הערן פון די דייטשע פילאָזאָפן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אָט די „פוקסן און איזלען פון דער דייטשער פילאָזאָפיע", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „זאָלן ניט אַרויפלייגן זייערע שמוציקע הענט אויפן קאָמוניזם און צעטומלען דעם איינפאַכן פאָלק".

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין אויגוסט 1844, איז וויטלינג אין האַמבורג באַקאַנט געוואָרן מיט דעם פּאָעט היינריך היינע. אין אַ בריוו צו קאַרל מאַרקסן פון סעפּטעמבער 1844 האָט היינע דערציילט, אַז וויטלינג האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט ווי אַ „קאָלעגע", וועל־כער פּרעדיקט „די זעלבע אידעען פון רעוואָלוציע און אַטעאיזם", וואָס דער פּאָעט. היינע האָט זיך געפונען באַליידיקט פון דעם, וואָס אַ שניידער, וועלכער פּאָזירט ווי אַ סאָציאַלער פילאָזאָף, רופט אים „קאָלעגע" און ווייזט אַרויס אַזוי ווייניק רעספּעקט צו אים. מיט יאָרן שפּעטער אָבער האָט היינע באַצייכנט וויטלינגען ווי אַ „מענטש מיט טאַלאַנט" און זיינע „גאַראַנטיען" האָט ער אָנגערופן „דער קאַטעכיזיסם פון די דייטשע קאָמוניסטן". אין יענער צייט האָט היינע שוין געהאַסט דעם קאָמוניזם. ער האָט געגלויבט, אַז דער קאָמוניזם וועט פאַרניכטן „דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דער צי־ווילִיזאַציע".

אין 1845 איז וויטלינג אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. דאָרט איז ער דעם 22טן סעפּטעמבער אַרויסגעטראָטן אויף אַ גרויסער אינטערנאַ־ציאָנאַלער מאַסן־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון דעם געבורט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק אין 1792. די פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון מוזיק, כאָר־געזאַנג אין פאַרשיידענע שפּראַכן און פעסט־רעדעס פון פאָרטרעטער פון די דייטשע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע, פּוי־

לישע און שווייצארישע ראדיקאלן אין לאנדאן. די רעדעס זיינען געווען אין ענגליש, דייטש און פראנצויזיש. דער פארזיצער איז געווען טאמאס קופער, דער פירער פון די ענגלישע טשארטיסטן (די ערשטע ענגלישע סאציאליסטן). יעדער רעדנער האט פארדאמט נאציאנאלע קאנקורענץ און האט פארשפראכן צו ארבעטן פאר דער אויסראטונג פון טיראניי אומעטום. וויטלינג, וועלכער האט גערעדט אין נאמען פון די דייטשן, איז זייער ווארעם אויפגענומען געווארן פון די פארזאמלטע. ער האט גערופן צו ברידערלעכקייט, האט פארדאמט דעם מיליטאריזם און האט אויסגעדריקט זיין טיפסטע איבערציינונג, אז ווען מען זאל נאר געבן א געלעגנהייט די סאלדאטן פון די קעגנערישע ארמייען צו ריידן איינע צו די אנדערע איבער דער שלאכט-ליניע, איידער די שיסעריי הייבט זיך אן, וואלטן מלחמות פארוואנדלט געווארן אין מיטינגען פון פריינט און ברידער.

אין לאנדאן האט וויטלינג זיך צום ערשטן מאל געטראפן מיט קארל מארקסן. פרידריך ענגעלס, קארל מארקסעס נאענטסטער פריינט און מיטארבעטער, האט אין די „ריינישע יארביכער" מיט גרויס באגייסטערונג געשריבן וועגן דעם אינטערנאציאנאלן כאראקטער פון יענער לאנדאנער „ברידערלעכער דעמאנסטראציע".

אין 1846 איז וויטלינג געווען אין בריסעל און דארט איז ער נענטער באקאנט געווארן מיט קארל מארקסן. וויטלינג איז דעמאלט געווען א סך פאפולערער אין די קאמוניסטישע קרייזן ווי קארל מארקס. מיט צוויי יאר פריער האט מארקס, געלויבט וויטלינגס בוך „גאראנטיען" אלס „דער בריליאנטענער דעביו פון דעם דייטשן ארבעטערקלאס".

„וואו קען די בורזשואזיע, אריינרעכענענדיק אירע פילאזאפן און ליטעראריש פירער, אנווייזן אויף אן ענלעך ווערק?", האט מארקס געשריבן אין פאריזער „פארווערטס". מארקס איז דעמאלט נאך געווען פארהעלטנסמעסיק ניט פראדוקטיוו און איינער פון זיינע בעסטע פריינט האבן אים געהאלטן פאר א פוילענצער. וויטלינג, דאקעגן, האט שוין דעמאלט געהאט פארעפנטלעכט צוויי וויכטיקע ווערק וועגן קאמוניזם און איז פאר א קורצער צייט אויך געווען א רעדאקטאר פון א זשורנאל. זיין נאמען איז געווען גוט באקאנט צווישן די ארבעטער פון דייטשלאנד, פראנקרייך, שווייצאריע און ענגלאנד.

וויטלינג איז ניט געווען קיין אויסגעשפראכענער אטעאיסט און מאטעריאליסט ווי קארל מארקס. עד איז אבער אויך ניט געווען קיין פרומער קריסט. ער האט נאר געוואלט אויסנוצן דעם קריסטלעכן

גלויבן כדי אויפצורייצן די געפילן, וואָס זיינען נויטיק פאַר רעוואָלוציע. „קאַלטער שכל אַליין קען קיינמאָל ניט פּראָדוצירן אַ רעוואָלוציע", פלעגט ער כסדר טענהן. „וויסנשאַפט אַליין קען ניט לייזן אַלע פּראָבלעמען און קען אויך קיינמאָל ניט באַפרידיקן דעם שטאַרקן באַגער פון דעם מענטשלעכן גייסט. אַ סך פון לעבן וועט תמיד פאַרבלייבן אַ געהיימניס". „נאָר דאַן, ווען די לעצטע רעטעניש פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ איז געלייזט", האָט ער געשריבן, „קענען מיר וויסן וואָס איז גאָט" און דערווייל האָט ער געוואָלט, אַז דער מענטש זאָל בעסער גלויבן אין גאָט, איידער „צו זינקען זיינע געדאַנקען אין ליידיקן רוים".

וויטלינג איז געווען גייסטיק נאָענט צו מאָזעס העסן, איינעם פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד. העס, אַן אייניקל פון אַ באַרימטן רב, האָט צוזאַמען מיט וויטלינגען געהערט צו דעם „בונד פון די גערעכטע". העס איז געווען אַ סך געבילדעטער ווי דער שניידער־פילאָזאָף. פּונקט ווי העס, האָט אויך וויטלינג געגלויבט, אַז קאָמוניזם מוז זיין „אויסגעוויקט אין ליבע, מענטשן פריינטשאַפט און גערעכטיקייט".

קאַרל מאַרקסן האָט וויטלינג געהאַלטן פאַר אַ קאַבינעט־מענטש. „איך זע גאָרניט אין מאַרקסעס קאָפּ", האָט ער געשריבן צו העסן, „ער איז אַ גוטער ענציקלאָפּעדיסט, אָבער ניט קיין זשעניע".

וויטלינג איז ניט געווען קיין קאַבינעט־מענטש. ער האָט געוואוסט וועגן דער ביטערער לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן פון פּערזענלעכער דערפאַרונג. אויסער דעם, איז וויטלינג געווען מיט צען יאָר עלטער פון מאַרקסן.

וויטלינג האָט געוואוסט, אַז מאַרקס אָרגאַניזירט אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט אים אַליין אַלס פירער (די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אין יענע צייטן האָבן זיך גערופן „קאָמוניסטן"). וויטלינג איז איינגעלאַדן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין די פאַרלויפיקע דיסקוסיעס. עס איז געקומען צו אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס צווישן מאַרקסן און וויטלינגען.

די קריגעריי צווישן מאַרקסן און וויטלינגען האָט זיך אָנגעהייבן אויף אַ מיטינג, אויף וועלכן עס זיינען אויך אָנוועזנד געווען וועידעמייער, מאַרקסעס שוואָגער עדגאַר פאָן וועסטפאַלן און אַנדערע מאַרקסעס אָנהענגער. מאַרקס איז געזעסן אויבן אָן ביים טיש מיט אַ בלייפעדער און פּאַפּיר אין האַנט. מען האָט דיסקוטירט די פראַגע וואָס פאַר אַ סאָרט פּראָפּאַגאַנדע איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר דייטשלאַנד. מאַרקס איז שוין לאַנג געווען שטאַרק ניט צופרידן מיט

דעם סאָרט פּראָפּאַגאַנדע, וואָס וויַיטלינג האָט אָנגעפירט. איצט האָט מאַרקס זיך געווענדעט צו אים און געפאָדערט, אַז ער זאָל אין קורצן דערקלערן זיין פּראָגראַם פֿאַר דער צוקונפֿט און אויפֿווייזן פֿאַרוואָס זיינע מעטאָדן פֿון אַגיטאַציע זיינען די ריכטיקע. וויַיטלינג האָט קיין קלאָר־באַשטימטע פּראָגראַם ניט געהאַט. ער האָט אָנגעהייבן צו פֿאַרטיידיקן זיינע פּרינציפּן און מעטאָדן. מאַרקס האָט אים מיט כעס איבערגעריסן. ער האָט פֿאַרדאַמט זיין פּראָפּאַגאַנדע ווי אַ פֿאַנטאַסטישע און האָט דערקלערט, אַז וויַיטלינגס אידעען זיינען אפֿשר צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, אָבער ניט פֿאַר דייטשלאַנד, וועמעס אַרבעטער נויטיקן זיך אין אַ לערע, וואָס זאָל זיין אי וויסנשאַפֿטלעך און אי ספּעציפֿיש. מאַרקס האָט אַרגומענטירט צום גונסטן פֿון עוואָלוציאָנערן קאָמוניזם, און וויַיטלינג האָט געטענהט, אַז אַן אינטעלעקטואַל קען ניט באַגרייפֿן ווי געהעריק די ליידן פֿון דעם איינפֿאַכן פֿאָלק. מאַרקס האָט געמאַכט עטלעכע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען וועגן וויַיטלינגס אומוויסנהייט. וויַיטלינג האָט פֿאַרלאָרן די געדולד און האָט מאַרקסן באַליידיקט. ניט געקוקט אויף דעם, האָט וויַיטלינג נאָך דער ערשטער קריגעריי צוגעשיקט מאַרקסן אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט אים פֿאַרשפּראָכן, און מאַרקס האָט שפּעטער וויַיטלינגן איינגעלאַדן אויף מיטאָג.

מאָזעס העס האָט דערנאָך געשריבן צו מאַרקסן: „דו האָסט אים פֿולשטענדיק משוגע געמאַכט און איצט ביזטו דערשטוינט, וואָס ער איז משוגע". העס איז ניט געווען אויף יענער פֿאַרזאַמלונג און ווען ער האָט אויסגעפֿונען וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען, האָט ער אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע פֿאַר וויַיטלינגען. שפּעטער האָט אויך העס אָפּגעבראָכן זיינע באַציונגען מיט מאַרקסן און ענגעלסן. „מיט דיר פּערזענלעך", האָט ער געשריבן צו מאַרקסן, „וואָלט איך נאָך אַלץ געוואָלט זיין פֿאַרבונדן, אָבער איך וויל מער גאָרניט האָבן צו טאָן מיט דיין פּאַרטיי".

מאַרקס און ענגעלס האָבן אינגיכן אָנגעהייבן אַ קאַמף קעגן וויַיטלינגען און האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען אונטערצוגראָבן דעם איינפֿלוס, וואָס ער האָט נאָך אַלץ געהאַט אויף די דייטשע אַרבעטער. ענגעלס איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז און דאָרט האָט ער פֿאַר די אַרבעטער דערקלערט, אַז וויַיטלינג איז אַ רעאַקציאָנער און ער האָט אַפֿילו געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז אין דער אמתן גאָר ניט דער פֿאַרפֿאַסער פֿון די ביכער, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט.

וויַיטלינג איז דערנאָך אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע.

3

ווייטלינג איז איינגעקומען קיין ניו יאָרק דעם 25טן יאַנואַר, 1847, און ער האָט דאָרט אָנגעהייבן צו אַגיטירן פאַר זיינע פּרינציפּן. ער האָט אינגיכן געגרינדעט אין ניו יאָרק דעם „באַפרייאונגס־בונד" און האָט געמאַכט אַ טור איבערן לאַנד פון ניו יאָרק ביז ניו אָר־לינס פאַר דעם „באַפרייאונגס־בונד", וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר דעם יורש פון דעם „בונד פון די געררעכטע". ער האָט אָרגאַני־זירט אָפּטיילונגען פון דעם בונד אין ניו יאָרק, נוואַרק, פילאַדעלפיע און אַזוי ווייט ווי אין ניו אָרלינס און טעקסאַס.

אָבער באַלד ווי עס האָט אין 1848 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, איז ווייטלינג געקומען קיין בערלין און ער האָט דאָרט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג. נאָך דעם זיג פון דער רעאַק־ציע אין דייטשלאַנד איז ווייטלינג צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און מער האָט ער זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד.

באַלד נאָך זיין אָנקומען אין ניו יאָרק, האָט ווייטלינג דאָ גע־גרינדעט אַ צייטונג, „די רעפּובליק דער אַרבעטער", וואָס איז געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם „אַרבעטער בונד", וועלכן ער האָט געהאַט געגרינדעט. ניו יאָרק האָט דעמאָלט פאַרמאָגט אַ גרויסע דייטשע קאָלאָניע. די מערסטע דייטשן האָבן דעמאָלט געוואוינט אויף וויליאַם סטריט און אין די אַרומיקע גאַסן פון פּוירל ביז ביקמען סטריטס. דער שעקספּיר האָטעל אויף דוען און וויליאַם סטריטס איז געווען דער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון אַ סך דייטשע פאַראיינען. די מערסטע דייטשע צייטונגען האָבן זיך געדרוקט אין יענער געגנט. אויך העסטער סטריט איז דעמאָלט געווען אַ דייטשע גאַס. די דייטשן האָבן זיך אָבער שנעל אָנגעהויבן צו אַמעריקאַניזירן. שוין אין 1851 האָט פרידריך ענגעלס געשריבן צו ווידעמייערן, וועלכער איז גע־קומען קיין אַמעריקע ווי אַ מאַרקסיסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט: „דיין גרעסטע שטערונג וועט זיין דאָס, וואָס די דייטשן, וועלכע האָבן אַ וועלכן עס איז־וועלט, ווערן לייכט אַמעריקאַניזירט".

אין אָנהויב פון די 50קער יאָרן איז שוין געווען אין ניו יאָרק אויך אַ גרויסע איירישע קאָלאָניע. די איירישע האָבן געוואוינט צו צפון צו פון דער עלפטער גאַס ביז דער פערצנטער, צווישן בראָדוועי און דער באַוערי. צווישן די דייטשן און די איירישע פלעגן אָפט פאָר־קומען בלוטיקע געשלעגן.

דער ערשטער נומער פון דער „רעפּובליק דער אַרבעטער" איז דערשינען אין ניו יאָרק אין יאַנואַר 1850. די צייטונג פלעגט אין

אַנהויב דערשיינען איין מאָל אַ מאָנאַט. וויטלינג האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אין אַמעריקע צו אַגיטירן פאַר אַן ארבעטער־פּאַרטיי. די ציימונג האָט ער געגרינדעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון אָנדער־האַלבן דאָלאַר ($1.50). ער איז אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז צווישן די דייטשן און אין פּאַרלויף פון פיר טעג האָט ער געזאַמלט 400 אַבאָ־נענטן. שוין אין די ערשטע צוויי מאָנאַטן האָט ער געהאַט איבער אַ טויזנט אַבאָנענטן און צו סוף יאָר האָט די „רעפּובליק דער ארבע־טער" שוין געהאַט אַ צירקולאַציע פון פיר טויזנט. אַ געוויסע צייט האָט דער אָפיס פון דער ציימונג זיך געפונען אין 126 עלען סטריט.

וויטלינג האָט אין זיין ציימונג אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר דער געשיכטע פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן דאַן עקזיס־טירט אין אַמעריקע. וויטלינג האָט פּאָרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, צוליב דער שקלאַפעריי, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין דער סאַוט, צוליב דער „ווייסער שקלאַפעריי" פון די אימיגראַנטן־ארבעטער און צוליב דעם, וואָס די עפנטלעכע מאָראַל אין לאַנד פאַלט כסדר. פאַר אַלע עקזיסטירנדע איבלען האָט ער געהאַט נאָר איין סגולה: אַ פולשטענדיקע רעוואָלוציע, וואָס זאָל זיך ענדיקן מיט דער עטאַבלירונג פון אַ קאָמוניסטישער אָרדנונג, ווי זי איז געשילדערט געוואָרן אין זיין בוך „די גאַראַנטיעס".

וויטלינג האָט פּונקט ווי יעדער דייטש הנאה געהאַט פון אַ גלאָז ביר אָדער וויין, אָבער אין זיין ציימונג האָט ער זייער אָפּט בלאַמירט די דייטשן דערפאַר, וואָס זיי טרינקען צופיל ביר. ער האָט געהאַלטן, אַז אָט די „נאַציאָנאַלע שוואַכקייט" איז אַ גרויסע שטערונג פאַר דעם פּאָליטישן פּאָרטשריט פון דייטשן פאָלק, און ער האָט אָנגעוויזן, אַז דייטשלאַנד האָט אַרויסגעגעבן נאָר אַ פּאָר שטאַטסלייט, וואָס זאָלן זיך קענען פאַרגלייכן מיט די שטאַטסלייט פון די אַנדערע לענ־דער נאָר דערפאַר, וואָס די דייטשן טרינקען צופיל ביר. אפילו דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד אין 1848־1849 איז, לויט זיין מיינונג, אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון צו־פיל ביר און וויין. ער האָט אויסגעחשבונט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן דעמאָלט די דייטש־אַמעריקאַנער גרופּעס אויסגעגעבן 20 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר אויף ביר, אַ סומע, מיט וועלכער מען וואָלט געקענט אויפבויען אַ גרויסן נאַציאָנאַלן אוניווערזיטעט און פינאַנ־סירן אַ סך געוווּנטשטע רעפאָרמעס. דאָך, ווען די ניו יאָרקער לעדזשיס־לעיטשור האָט געוואָלט איינפירן „פּראָהיבישן" (דעם פאַרבאָט פון אַל־קאָהאָלישע געטראַנקען) האָט ער אַגיטירט קעגן דעם, ווייל ער האָט אין דעם געזען אַ פּאַרזוך צו באַגרענעצן די פּערזענלעכע פרייהייט.

ווייטלינג האָט כסדר געהאַלטן אין דערמאָנען די דייטשן, אַז אַמעריקע איז ווייט ניט קיין גן־עדן. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די ענגשאַפט פון די אַמעריקאַנער גרויסע שטעט און זייערע שמוציקע גאַסן און ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז מענטשן וועלן דאָ אייניגיכן אָנהויבן בויען ריזיקע הימל־קראַצערס, אַז „זיי וועלן געבאָרן ווערן און שטאַרבן, ניט אָנזעענדיק קיינמאָל אין זייערע אויגן אַ קאָרן־פעלד".

אין ניו העיווען, האַרטפאָרד און ספרינגפילד האָט ער אויסגעפונען, אַז אַ העלפט פון די דאָרטיקע דייטשן זיינען יידן, וועלכע זיינען אין ביזנעס, אָדער זיינען סאַלון־קיפּערס, און ער האָט געהאַלטן, אַז זיי האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויף די איבעריקע דייטשן.

ווי פיל פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין מערב־אייראָפּע, האָט ווייטלינג באַטראַכט געשעפטסלייט פאַר פּאַראַזיטן און אַזוי ווי קיין אַנדערע יידן, ווי סוחרים און קרעמער, האָט ער קיינמאָל ניט געזען ניט אין דייטשלאַנד און ניט אין אַנדערע לענדער, וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקענט באַפרייען אינגאַנצן פון די שפּורן פון אַנטיסעמיטיזם, אָבער ער האָט געשריבן, אַז „ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט באַפרייט ווערן, וועלן די פרוי און דער ייד אויך ווערן פריי".

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דעמאָלט געווען אַ סך קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. ווייטלינג האָט באַזוכט כמעט יעדע איינציקע פון זיי און ער האָט דערנאָך זיי באַשריבן אין זיין צייטונג. די קאָלאָניע „עבענעזער", וועלכע האָט זיך געפונען זעקס מייל פון באָפאַלאָ, נ. י., איז אים שטאַרק געפעלן. ער האָט אָבער קריטיקירט די קאָלאָניסטן דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט קיין שום אינטערעס אין קונסט און ליטעראַטור.

נאָך אַ שטאַרקערן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט די „קאָמוניאַ" אין אייאָוואַ סטעיט. „צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, האָט ער געשריבן, שטיי איך אויף דער הייליקער ערד פון אַ קאָמוניסטישער ברודערשאַפט".

אין ניו יאָרק האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך אין טרייד־יוניאָנס. די באַוועגונג איז געשטיצט געוואָרן פון דער טעגלעכער צייטונג „ניו יאָרק טריבון", וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ ראַדיקאַלע צייטונג. קאַרל מאַרקס איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. ער פלעגט באַקומען פינף דאָלאַר פאַר אַן אַרטיקל ביז דער פּאַניק פון יאָר 1857, ווען זיין האָנאָראַר איז געשניטן געוואָרן אויף אַ העלפט.

אין אָקטאָבער 1850 האָט וויטלינג אויפגעפאָדערט די דייטשע אַרבעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו שיקן דעלעגאַטן צו אַן אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 21טן אָקטאָבער אין פילאַדעלפיע. אָפיציעל איז דער אויפרוף אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעם נאָמען פון דעם „דייטשן צענטראַל־קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע טרעידס" און פון דער „דייטשיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער געזעלשאַפט פון פילאַדעלפיע". אויף דעם פאַרלאַנג פון דער „רעפּובליק דער אַרבעטער" האָבן אויך אַנדערע דייטשע צייטונגען פאַרעפנטלעכט דעם אויפרוף. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרבעטער קאָנגרעס, וואָס איז ווען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ פּלאַטפאָרמע אין דעם גייסט פון וויטלינגס לערע. צווישן אַנדערס האָט די פּלאַטפאָרמע אויפגעפאָדערט די איינפירונג פון אַ סיסטעם פון פרייע שולן פאַר אַלעמען, אָנהייבנדיק פון קינדער־גאָרטנס ביז אוניווערזיטעט.

וויטלינגס „אַרבעטער־בונד" האָט דעמאָלט פאַרמאָגט 967 מיטגלידער. ער האָט אָנאָנסירט, אַז קיין צווייטער קאָנגרעס וועט ניט אָפּגעהאַלטן ווערן ביז דער „אַרבעטער בונד" וועט האָבן ניט ווייניקער פון דריי טויזנט מיטגלידער. קיין צווייטער קאָנגרעס איז קיינמאָל ניט אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

די קאָנסטיטוציע פון „אַרבעטער־בונד" האָט געלויטעט, אַז זיינע טירן זיינען אָפן גלייך פאַר יעדן קאָמוניסט, סאָציאַליסט, דעמאָקראַט, רעפּובליקאַנער, קאַטאָליק, ייד, פּראָטעסטאַנט און אַטעאיסט, אויב ער נעמט אָן זיין פּראָגראַם און צאָלט רעגלמעסיק מיטגלידס־אָפּצאָל". מיט אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט וויטלינג דערוואַרט צו רעוואָלוציאָניזירן אַמעריקע אין עטלעכע יאָר צייט. פון זיינע האָפנונגען האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ טייך.

4

אין 1854 האָט וויטלינג פאַרעפנטלעכט אַ נייע בראָשור „דער קאַטעכיזמוס דער אַרבעטער", אין וועלכער ער האָט מיט ביטערקייט באַמערקט, אַז „דער אַרבעטער־קלאַס איז פּונקט אַזוי עגאָאיסטיש, איינגעבוציק, אונאינטעליגענט און זשעדנע, ווי יעדע אַנדערע גרופּע". ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז די עגאָאיסטישע אינסטינקטן זיינען טיף איינגעוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נשמה. וויטלינגס „רע־

פּובליק דער ארבעטער" איז אין יולי 1855 אונטערגעגאַנגען. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אַלע זיינע דורכפאַלן זיינען אַ רעזולטאַט ניט פון דעם, וואָס זיין „סיסטעם" טויג ניט, נאָר וואָס די מענטשן זיינען נאָך פאַרדאָרבן. „ווען אַלע וואָלטן מיר נאָכגעפאָלגט אַזוי ווי די קינדער פון ישראל האָבן נאָכגעפאָלגט משהן פון מצרים, וואָלט איך געווען דערפאָלגרייך", האָט ער געשריבן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער (אין 1890) האָט פרידריך ענגעלס גע־שריבן, אַז די „אַמעריקאַנער וועלן זיך ניט לאָזן ארײנשטאָפּן טעאָ־ריע אין זייערע העלזער", אַז מען מוז זיי לאָזן „גיין מיט זייער איי־גענעם וועג, לערנען פון זייערע אייגענע דערפאַרונגען, פון זייערע אייגענע טעותן און פון די רעזולטאַטן פון זיי".

ווען די „רעפּובליק דער ארבעט" איז אונטערגעגאַנגען, האָט וויטלינג זיך צוריק גענומען צו שניידעריי. נאָך אין 1854 האָט ער געהייראַט אַ דייטשע מיידל, וועלכע איז געווען צוויי מאָל יינגער פון אים. נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער צייטונג האָט ער זיך כמעט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן לעבן. ער האָט געלעבט מיט זיין פרוי און צוויי קינדער און דער פרוים אַ שוועסטער פריער אויף עלען סטריט. דערנאָך אויף עוועניו „בי" און צולעצט אויף סטענטאָן סטריט. וויטלינג און זיין פרוי זיינען ביידע געווען מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטיקער שניידער־יוניאָן, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1863. וויטלינג האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אויף שאַפן אַ נייע וועלט־שפּראַך. זיין מאַנוסקריפּט וועגן דעם איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין 1869. ער האָט אויך זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַסטראָנאָמיע. שפּעטער האָט ער אויך געמאַכט אַ רייע דערפינדונגען פאַר ניי־מאַשינען. ער האָט אויך דערפונדן אַ מאַשין פאַר עמבראָידערי.

דעם 24טן יאַנואַר 1871 איז וויטלינג אָנוועזנד געווען אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די דייטשע, פראַנצויזישע, טשעכישע און ענגלישע סעקציעס פון ארבעטער אינ־טערנאַציאָנאַל. אויף מאָרגן איז ער געשטאָרבן פון אַ בלוט־שטורץ. פון אַלע אַמעריקאַנער צייטונגען האָט נאָר די „ניו יאָרק טאַימס" אים געווידמעט אַ לאַנגן אַרטיקל אונטער דעם „קעפּל" — „ווילהעלם וויטלינג, אַ פּראָמינענטער פירער — אַ מערקווירדיקע קאַריערע". און איינע פון די דעמאָקראַטיקע וויכטיקסטע ניו יאָרקער דייטשע צייטונגען האָט וועגן אים געשריבן: „ווילהעלם וויטלינג איז דער נאָמען פון אַ פאַרגעסענעם מאַן, איינער פון די פיל, וועלכע זיינען נאָך אַ שטורמישער קאַריערע אין אייראָפּע, פאַרלאָרן און פאַר־

געסן געוואָרן און האָבן געפונען זייער לעצטן רו־פּלאַץ אין אַמעריקע, צעטומלטע פון זייערע אייגענע טעאָריעס... אָבער זאָל קיינער אויף אים קיין שטיין ניט וואַרפן. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שטאַרקער מאַן צווישן די לעבנס־שטורעמס, וואָס ער האָט דורכגע־מאַכט, און דער טרייבנדער מאָטיוו פון זיין לעבן איז געווען העכער ווי געוויינלעכע אַמביציעס און אייגן־ליבע"...

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז וויטלינגס ביכער האָבן געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויך אויף לענינען, דעם פאָטער פון באָלשעוויזם.



פּיער זשאָזעף פּרודאָן

(1865—1809)

.1

דעם 31טן אָקטאָבער 1956 האָט מען אין פֿראַנקרייך, אין דער שטאָט בעזאַנסאָן אויפֿגעדעקט אַ מאָנומענט פֿון דעם באַרימטן פֿראַנצויזישן דענקער און רעפֿאָרמאַטאָר פּיער זשאָזעף פּרודאָן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דער דאָזיקער שטאָט דעם 15טן יאַנואַר 1807 און איז געשטאָרבן אין יאָר 1865.

פּרודאָן איז געווען איינער פֿון די ערשטע סאָציאַליסטישע דענקער אין אייראָפּע. ער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפֿלוס אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג ניט נאָר אין פֿראַנקרייך, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. אויך קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פּרודאָנען שפּעטער שטאַרק באַקעמפֿט, האָט פֿריער אַ סך פֿון אים געלערנט. דער באַרימטער רוסישער דענקער־פּובליציסט און פֿרייהייטס־קעמפֿער אַלעקסאַנדער הערצען האָט וועגן פּרודאָנען געשריבן, אַז „מיט אים הייבט זיך אָן אַ נייע רייע פֿון פֿראַנצויזישע דענקער. זיינע ווערק שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן איבערקערעניש ניט נאָר אין דער געשיכטע פֿון סאָציאַליזם, נאָר אויך אין דער געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער לאָגיק".

ביי דער אויפֿדעקונג פֿון דעם מאָנומענט אין בעזאַנסאָן האָט דער דעמאָלסדיקער סאָציאַליסטישער פּרעמיער פֿון פֿראַנקרייך גי מאָלע געהאַלטן אַ רעדע וועגן פּרודאָנען, אין וועלכער ער האָט אונטערשטראָכן פּרודאָנס ראָלע אין דער דערציונג פֿון פֿאָלק און אין קאַמף פֿאַר גערעכטיקייט.

פּרודאָן איז געבוירן געוואָרן אין אַ פֿאָרשטעטל פֿון בעזאַנסאָן. זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער פּויער, וועלכער איז אויך געווען אַ באָנדאַר. די פֿאַמיליע האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און דער

יונגער זשאַזעף איז יינגלווייז געווען אַ פּאַסטוך אין דאָרף. ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָר, איז ער אָנגעקומען ווי אַ שיק־יינגל אין אַ האָטעל. אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון אַ צופעליקן באַקאַנטן האָט זיך אים איינגעגעבן אָנצוקומען אין אַ מיטל־שולע. געלערנט האָט ער זיך אויסגעצייכנט. ער איז די גאַנצע צייט געווען דער בעסטער שילער, כאָטש מאַכן זיינע לעקציעס אין הויז האָט ער געמוזט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. די עלטערן האָבן אים ניט געקאָנט קויפן קיין לערן־ביכער, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס יינגל איז צענד־ליקער מאָל באַשטראָפט געוואָרן פאַר דעם, וואָס ער פלעגט קומען אין שולע אָן זיינע לערן־ביכער. אין הויז פלעגט מען פאַר אים כסדר געפינען אַרבעט. זשאַזעף האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען אין וועלכע גינסטיקע אומשטענדן עס זיינען אַוועקגעשטעלט זיינע וויניקער פעאיקע אָבער רייכערע חברים, און ער האָט באַשלאָסן אָנצוזאַמלען וואָס מער קענטענישן און וויסן, כדי צו קאָנען מיט דער צייט פאַרזיכערן זיך מיט דערפאָלג אין לעבן. ער האָט מיט גרויס דורשט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף ביכער איבערלייענענדיק אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגן. די מערסטע ביכער, וואָס זיינען דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין פּרודאָנס הענט, זיינען געווען טעאָלאָגישע ווערק. דערמיט דערקלערט זיך וואָס דער יונגער זשאַזעף האָט פריער פון אַלץ זיך פאַראינטערעסירט מיט טעאָלאָגישע פּראָבלעמען און האָט זייער פיל געטראַכט וועגן רעליגיעזע פראַגן, ביז ער האָט אויסגע־קליבן פאַר זיך דעם קאַטוילישן גלויבן, וועלכער האָט אים דעמאָלסט פולשטענדיק באַפרידיקט.

ענדיקן קאָלעדזש האָט ער ניט געקאָנט, ווייל ער איז געווען געצ־וווּנגען אַוועקצוגיין אַרבעטן. צו 19 יאָר איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ דרוקעריי אין בעזאַנסאָן. אין דער דרוקעריי האָבן זיך געדרוקט הויפּטזעכלעך רעליגיעזע ביכער און אויף אַזאַ אופן האָט ער גע־קאָנט פאַרפולקאָמען זיין טעאָלאָגישן וויסן.

אין דער דרוקעריי האָט זיך געדרוקט אַ לאַטיינישע איבערזעצונג פון דער ביבל. פּרודאָן האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער ביבל און האָט זיך גענומען שטודירן פריער לאַטיין און דערנאָך — העברעאיש, כדי צו קאָנען לייענען די ביבל אין אָריגינאַל. אינגיכן האָט ער שוין געקאָנט פריי לייענען העברעאיש, פונקט אַזוי ווי לאַטיין. דער רעדאַקטאָר פון דער לאַטיינישער איבערזעצונג פון דער ביבל איז געווען אַ געוויסער פאַלאָ. אַ זעלטן פעאיקער געלערנטער. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם יונגן שריפטזעצער, וועלכער האָט באַמערקט אין דעם לאַטיינישן טעקסט פון דער ביבל גרייזן

וועלכע דער געלערנטער אַליין האָט ניט באַמערקט. פּאָלאַ האָט זיך באַפריינדעט מיט פּרודאָנען און ער האָט אים פּאָרויסגעזאָגט אַ גלענ־צנדע צוקונפט „איר וועט זיין אַ שריפטשטעלער און אַ פּראָפעסאָר" — האָט ער אים געשריבן אין אַ בריוו.

פּרודאָן האָט עטלעכע יאָר אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשיידענע גרויסע שטעט אין פראַנקרייך, אַרבעטנדיק אומעטום ווי אַ שריפטזעצער. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין בעזאַנסאָן און האָט צוזאַ־מען מיט איינעם פון זיינע חברים געעפנט אַן אייגענע קליינע דרוקעריי. אין דער זעלבער צייט האָט ער פאָרטגעזעצט אַ סך צו לייענען ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס איז אים נאָר אַריינגעפאַלן אין האַנט. איצט האָט ער זיך שוין אינטערעסירט ניט נאָר מיט טעאָלאָגיע, נאָר אויך מיט פילאָזאָפיע און שפּראַך־פאָרשונגען.

אין 1837 האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשט ווערק: „אַ פּרווו פון אַן אַלגעמיינער גראַמאַטיק". אין 1838 איז ער געצוווּנגען געווען אויפצוגעבן זיין דרוקעריי. אין זעלבן יאָר האָט ער באַקומען אַ קליינע יערלעכע סובסידיע פון דער אַקאַדעמיע אין בעזאַנסאָן צו קאָנען ווייטער שטודירן און שרייבן.

אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד האָט פּרודאָן דעמאָלסט גע־שריבן: „אַלע באַגריסן מיך מיט דעם, וואָס איך וועל איצט קאָנען מאַכן זיך אַ קאַריערע און קאָנען פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער העכערער געזעלשאַפט. קיינער אָבער זאָגט מיר ניט: „פּרודאָן, דו דאַרפסט זיין איבערגעבן די אינטערעסן פון די אָרעמע, דער באַ־פרייונג פון די אונטערדריקטע, דער אויפקלערער פון פאָלק. דיינע ברידער קוקן אויף דיר. זיי האָבן ניט מיט וואָס דיך צו באַלוינען, אָבער זייער דאַנקבאַרקייט איז טייערער פון גאָלד. לייד און שטאַרב, אויב עס וועט נייטיק זיין, אָבער זאָג די מענטשן דעם אמת און שטעל זיך אויך איין פאַר דעם פאַריתומטן".

פּרודאָן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן שטודירן געשיכטע, פילאָזאָפיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. שוין אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט ער פאַרענדיקט זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט, פאַר וועלכער ער האָט פון דער אַקאַדעמיע פון בעזאַנסאָן באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל. ער האָט זיך דאַן אַריבערגעקליבן קיין פּאַריז, וווּ ער האָט פאָרטגע־זעצט זיין שטודיום. אין פּאַריז האָט ער געלעבט אין שרעקלעכער אָרעמקייט. צייטנווייז איז אים געווען אַזוי שלעכט, אַז ער האָט געטראַכט וועגן באַגיין זעלבסטמאָרד. אונטער אָט די באַדינגונגען האָט ער אָנגעשריבן זיין בראָשור „וואָס איז אַזוינס אייגנטום"?, דורך וועלכער ער איז גלייך באַרימט געוואָרן. אין דער דאָזיקער

בראָשור אַנאַליזירט ער אַלע טעאָריעס וועגן אייגנטום און באַווייזט, אַז זיי האַלטן ניט אויס קיין קריטיק.

דאָס רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום — זאָגט ער — דאָס איז דאָס רעכט צו באַקומען איינקונפטן, ניט ברענגנדיק קיין נוצן דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע איינקונפטן קומען פון דעם, וואָס דער אַרבעטער פּראָדוצירט דורך זיין אַרבעט מער וויפל ער באַקומט אַלס אַרבעטס־לוין. אין דער בראָשור איז פאַראַן אַ פראַזע, אַז „אייגנטום איז גנבה". דורך דער פראַזע איז פּרודאָן באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט און ער איז פון די רעאַקציאָנערן פאַרדאַמט געוואָרן אַלס אַ שרעקלעכער רעוואָלוציאָנער. אין דער אמתן איז פּרודאָן ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער ניט אין פּאָליטיק און ניט אין סאָציאַלע פראַגן, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער.

אין יאָר 1843 איז פּרודאָן באַקאַנט געוואָרן מיט דעם יונגן קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט אויך דעמאָלסט געלעבט אין פּאַריז. מאַרקס איז געווען באַגייסטערט פאַר פּרודאָנען און ער פלעגט גאַנצע נעכט פאַרברענגען אין געשפּרעכן מיט אים. מאַרקס האָט דעמאָלסט געשריבן וועגן פּרודאָנען: „פּרודאָן שרייבט ניט נאָר אין די אינ־טערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר ער איז אַליין אויך אַ פּראָלעטאַ־ריער, אַן אַרבעטער. זיין ווערק איז אַ מאַניפעסט פון פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט".

אָבער אין דריי יאָר אַרום, ווען עס איז אַרויס פּרודאָנס ווערק „סיסטעם פון עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכן אָדער פילאָזאָפיע פון אָרעמ־קייט", איז מאַרקס אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן פּרודאָנען מיט זיין באַרימטער בראָשור „די אָרעמקייט פון פילאָזאָפיע". פּרודאָן האָט זיך געפילט אַזוי שטאַרק באַליידיקט פון מאַרקסעס קריטיק, אַז ער האָט פון דעמאָלסט אָן איבערגעריסן אַלע באַציונגען מיט מאַרקסן.

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון יאָר 1848 איז פּרודאָן, וועלכער איז שוין דעמאָלסט געווען גוט באַקאַנט, אויסגעקליבן גע־וואָרן פון די פּאַריזער אַרבעטער אַלס דעפּוטאַט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. איז די שרעקלעכע „יוני־טעג", ווען די בורזשואַזיע האָט דערטרונקען אין בלוט דעם אויפשטאַנד פון די אַרבעטער, האָט פּרודאָן זיך געהאַלטן זייער מוטיק און מיט גרויס ווירדע און דאָס האָבן די רעאַקציאָנערן אים ניט געקאָנט מוחל זיין.

אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט פּרודאָן זיך ווייניק אָנגעזען. ער איז אָבער געבליבן געטריי די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן. ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראַג צו רעפאָרמירן דעם שטייער־סיסטעם און אַז מען זאָל דורכפירן זיין פּלאַן פון פרייע

קרעדיטן פאַר די אַרבעטער, וועלכן ער האָט שפּעטער אַנטוויקלט אין זיינע ווערק. ער האָט דערביי געהאַלטן אַ שטאַרקע רעדע, אין וועלכער ער האָט באַשולדיקט די באַזיצנדע קלאַסן אין האַרצלאָזיקייט און אין גלייכגילטיקייט צו די לײַדן פון פאָלק און האָט אויפגעוויזן, אַז די גאַנצע עקזיסטירנדע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איז געבויט אויף אומוויסנהייט און שקלאַפעריי.

יענע רעדע האָט אים שטאַרק באַרימט געמאַכט, און זיין ציטונג אין זיך דעמאָלסט צעגאַנגען אין 70 טויזנט עקזעמפּליאַרן. פּרודאָן האָט דעמאָלסט געקאָנט ווערן אַ רייכער מאַן, אָבער ער האָט זיך באַנוגנט מיט זיין קליינעם מאַנאַטלעכן געהאַלט, וואָס ער פלעגט באַקומען אַלס רעדאַקטאָר, און דעם געהאַלט, וואָס ער פלעגט קריגן אַלס דעפּוטאַט, פלעגט ער אַוועקגעבן פאַר פאַרשיידענע וווילטעטיקע צוועקן.

די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט דאַן אָנגענומען אַ נייע קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האָט באַדאַרפט אויסגעקליבן ווערן דורך אַ פאָלקס־אָפּשטימונג. די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ דאַנקבאַרער באָדן פאַר דעמאַגאָגיע. אַלס פּרעזידענט איז אויסגעקליבן געוואָרן דער דעמאַגאָג נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועמענס פּאָליטיק איז געווען געריכטעט קעגן די רעפּובליקאַנער און די סאָציאַליסטן. פּרודאָן האָט שטאַרק אַטאַקירט דעם נייעם פּרעזידענט, באַשולדיקנדיק אים אין אַ פאַרשווערונג קעגן דער רעפּובליק, וואָס דאָס האָט זיך טאַקע שפּעטער באַשטעטיקט. פאַר אָט די אַרטיקלען איז פּרודאָן אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט און איז פאַראורטיילט געוואָרן צו דריי יאָר תּפיסה.

2.

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם האָט פּרודאָן געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַרווירקלעכן מיט זיינע אייגענע כּוחות יענעם פּלאַן פון פרייען קרעדיט, אין וועלכן ער האָט געזען די רעטונג פאַר דער געזעלשאַפט.

אין זיין ווערק „די לייזונג פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם", וואָס איז אַרויס אין 1848, האָט פּרודאָן געשריבן: „אין וואָס מיר נייטיקן זיך אַמשטאַרקסטן, וואָס איך פאָדער אין נאָמען פון די אַרבעטנדיקע, איז — קעגנזייטיקע הילף, גערעכטיקייט אין אויסטויש פון פּראָדוקטן און אין דער „אָרגאַניזאַציע פון קרעדיט".

פרודאָן האָט געשטרעבט צו שאַפן אַזוינע באַדינגונגען, ביי וועלכע די אַרבעטער זאָל פאַרזיכערט ווערן זייער אייגנטום, דער פּראָדוקט פון זייער אַרבעט, כדי די אַרבעטער זאָלן קאָנען אַרבעטן, ניט ווערנ־דיק דערביי עקספּלואַטירט, אָבער אָן אַ גוואַלטזאַמער רעוואָלוציע, אָן עקספּראָפּריאַציע פון דעם אייגנטום פון די קאַפּיטאַליסטן און אָן נאַציאָנאַליזאַציע פון דער אינדוסטריע.

פאַר דעם צוועק האָט ער געשאַפן דעם פּלאַן פון אַן „אומזיסטן קרעדיט". אויב יעדער אַרבעטער וועט קאָנען באַקומען קרעדיט פון אַ פאָלקס־באַנק — האָט פרודאָן גערעכנט — וועט ער קאָנען אַליין זיך איינשאַפן אייגענע מאַשינען און די נייטיקע רוי־שטאָפן און וועט קאָנען אויסקומען אָן דעם קאַפּיטאַליסט. אַזוי אַרום וועט די סאָ־ציאַלע פראַגע געלייזט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן.

פרודאָן און זיינע אָנהענגער זיינען אויך אַרויסגעטראָטן קעגן סטרייקס. פרודאָן האָט געהאַלטן, אַז סטרייקס פירן נאָר צו דעם, אַז די פּראָדוקטן זאָלן טייערער ווערן און די לאַגע פון די אַרבעטער ווערט דורך דעם פאַרערגערט.

אין 1849, ווען פרודאָן האָט אין איינעם פון די פּאַריזער פאַר־שטעט געעפנט זיין „פאָלקס־באַנק", דורך וועלכער ער האָט געהאָפט אויף אַ פרידלעכן אופן צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע און אָפּשאַפן אָרעמקייט, האָבן 12 טויזנט אַרבעטער געקויפט די אַקציעס פון דער דאָזיקער באַנק. אָבער ווען פרודאָן איז אַרעסטירט געוואָרן, איז די באַנק צוגעמאַכט געוואָרן. פרודאָנס צייטונג, אָבער, „די שטים פון פאָלק", איז ווייטער אַרויסגעגאַנגען. געהאָלפן אַרויסגעבן די צייטונג האָט אים אַלעקסאַנדער הערצען. הערצען איז אויך געווען אַ שטענ־דיקער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

באַקאַנט געוואָרן מיט פרודאָנען איז הערצען דורך זיין פריינד מיכאַיל באַקונין — דער פאָטער פון רוסישן אַנאַרכיזם. ער האָט דעמאָלסט געלעבט אין פּאַריז און פרודאָן פלעגט אים אָפט באַזוכן. באַקונין איז דעמאָלסט נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט, ניט קיין פולשטענדיקער אַנאַרכיסט. פרודאָן און באַקונין פלעגן גאַנצע נעכט דיסקוטירן פאַרשיידענע פילאָזאָפישע פראַגן.

הערצען דערציילט, אַז אַן ענגלישער טוריסט, וועלכער האָט באַ־זוכט פרודאָנען, האָט אים געזאָגט: „מיר געפעלט זייער אייער סיסטעם".

פרודאָן האָט מיט אומצופרידנקייט אים געענטפערט: „אָבער איך האָב דאָך ניט קיין שום סיסטעם". און הערצען באַמערקט, אַז פרודאָן האָט טאַקע געזאָגט דעם אמת.

זיצנדיק אין טורמע, האָט פּרודאָן אָנגעשריבן די פאָלגנדיקע ווערק: „אַ ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער", „די אַלגעמיינע אידעע פון אַ רעוואָלוציאָנער", און „די פילאָזאָפיע פון פּראָגרעס". אין זיין „ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער" האָט פּרודאָן געשריבן: „האַלט זיך צוריק, ווי ווייט מעגלעך, פון רעקוויזיציעס, קאָנפיסקאַציעס און איבערהויפּט פון צופיל געזעצגעבונג.

„מען דאַרף באַזייגן די מאַכט, ניט פאָדערנדיק פון איר קיין זאַך, מען דאַרף באַווייזן דעם פּאַראַזיטיזם פון קאַפּיטאַל, פאַרבייטן אים מיט פרייען קרעדיט, באַגרינדן די פרייהייט פון די איינצלנע מענטשן, אָרגאַניזירנדיק די איניציאַטיוו פון די מאַסן.

„אַנשטאָט פּאָליטישער צענטראַליזאַציע, זיינען מיר פאַר עקאָנאָמישער דעצענטראַליזאַציע און אַנשטאָט געזעצן רעקאָמענדירן מיר פרייע אָפּמאַכן אָדער קאָנטראַקטן".

שוין אַרויסגייענדיק פון טורמע, האָט פּרודאָן געשריבן:

„פּאָליטישע אַגיטאַציע פירט נאָר צו דעם אומבייט פון פּערזאָנען, אָבער קיינמאָל ניט צו דער ענדערונג פון דער סיסטעם".

„נאָר אַ פעדעראַציע וועט קאָנען באַפרידיקן די נויטן און די רעכט פון די אַרבעטנדיקע".

פּרודאָן האָט ניט געגלויבט אין פּאָליטישער דעמאָקראַטיע און אין אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. אים געהערט די פראַזע: „אַלגעמיינע וואַל־רעכט איז קאָנטר־רעוואָלוציע". דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס אין יענע יאָרן זיינען אין פראַנקרייך פאַרשידענע רעאַקציאָנערע דעמאַגאָגן געקומען צו מאַכט מיט דער צושטימונג פון פּאַרלאַמענטן, וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן דורך אַלגעמיינע וואַלן.

ווען מען האָט פּרודאָנען, אין יולי 1849, פאָרגעלייגט אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור אין פּאַרלאַמענט, האָט ער געענטפערט: „איך וויל ניט גיין העלפן דאָס, וואָס קאָן נאָר פאַרלענגערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון פּאַרטייען און פון רעגירונג. איך וויל ניט רעגירן און ניט רעגירט ווערן. אַרונטער מיט דער הערשאַפט פון איין מענטשן איבערן צווייטן דורך קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג".

זיין גאַנץ לעבן האָט פּרודאָן שטאָלצירט מיט זיין פּויערישן אָפּשטאַם ער פלעגט אָפט זאָגן אין שפּאַס, אַז ער שטאַמט פון דעם העכסטן אַדעל, ווייל 14 דורות פון זיינע אורעלטערן האָבן באַאַקערט די ערד, ד.ה., זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, וואָס דאָס קאָנען ווייט ניט זאָגן וועגן זייערע אורעלטערן זיינע קעגנער פון צווישן די הערשנדע קלאַסן.

זיצנדיק אין טורמע, האָט פּרודאָן חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטער אַרבעטערין, מיט וועלכער ער איז נאָך פריער באַקאַנט געוואָרן. זיין פרוי איז געווען אַן איינפאַכע, ניט־געבילדעטע פרוי. צו פרויען בכלל האָט פּרודאָן זיך באַצויגן ווי צו אַ נידעריקערן געשלעכט. ער האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון דער פרוי איז צו פירן די הויז־באַלעבאַטישקייט און האָדעווען די קינדער. מיט זיין פרוי האָט פּרודאָן געהאַט פיר טעכטער, און כאָטש ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער גאָרניט געטאָן, אַז זיי זאָלן באַקומען אַ וועלכע־עס־איז בילדונג.

אין 1854 איז פּרודאָן קראַנק געוואָרן אויף כאָלערא, פון וועל־כער ער איז שיער ניט געשטאָרבן. זיין יינגסטע טאָכטער איז טאַקע דעם זעלבן יאָר געשטאָרבן פון כאָלערא.

אין יאָר 1858 האָט מען פּרודאָנען ווידער אַמאָל אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר זיין בראָשור „וועגן גערעכטיקייט אין רעוואָלוציע און אין דער קירך". די בראָשור האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אין 4 טעג צייט זיינען פאַרקויפט געוואָרן 6 טויזנט עקזעמפּליאַרן. אָבער דער געריכט האָט געפונען, אַז זי אַנטהאַלט אַן אַטאַקע אויף דער קאַטוילישער רעליגיע און אויף דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, און דער געריכט האָט באַפוילן די בראָשור צו קאָנפיסקירן און פּרודאָנען ווײַטער איינשפּאַרן אין תפיסה פאַר דריי יאָר צײַט. פּרודאָן איז דעם מאָל אַנטלאָפן קיין בעלגיע. אינגיכן איז אַהין אויך געקומען זיין פאַמיליע. דאָרט האָט ער ווידער געלעבט אין גרויס נויט.

אין 1860 האָט פּרודאָן באַקומען אַ פּרעמיע פון דער לאָזאַנער אַקאַדעמיע פאַר אַ ווערק וועגן דער טעאָריע פון שטייערן. שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע צוויי בענד אונטערן טיטל „מלחמה און פרידן" אין ערשטן טייל אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז רעכט באַזירט זיך נאָר אויף מאַכט, אַז מלחמה האָט דעריבער אַ פולשטענ־דיקע באַרעכטיקונג, אַז אין פּראָצעס פון מלחמה אַנטוויקלען זיך די נאָבלסטע שטריכן פון מענטשלעכן כאַראַקטער, אַז מלחמה איז נייטיק פאַר דער ציוויליזאַציע. ווי אַ קלאָרן ביישפּיל פון דעם ווי טיף אַ מלוכה קען „זינקען" דורך שטענדיקן פרידן, ווייזט ער אָן אויף די פאַראייניקטע שטאַטן. „די אַמעריקאַנער, זאָגט ער, פאַר־שטייען אויסגעצייכנט ווי אַזוי צו פּראָדוצירן און מאַכן געלט, אָבער זיי האָבן ניט קיין אידעען, קיין פּאָעזיע, קיין רעליגיע, קיין סאָציאַלע אידעען".

אין צווייטן באַנד אָבער זאָגט ער, אַז מלחמה האָט צוויי זייטן, אַ שיינע, אַן דערהאַבענע און אַ העסלעכע און געמיינע, אַ פּנים

פֿון אַ מלאך און אַ פּנים פֿון אַ טייוול. דער מלאך־געשטאַלט, זאָגט ער, עקזיסטירט אין דער אידעע פֿון מלחמה, און דער טייוולשער געשטאַלט — אין דער פירונג פֿון קריג, ד.ה., אין דער ווירקלעכקייט.

„דער פרידן, וואָס ווערט אַרויסגעצווונגען מיט דעם שפּיץ שווערד, שרייבט פּרודאָן אין צווייטן באַנד, איז ניט מער ווי אַ וואָפנשטיל־שטאַנד... נאָר די אַרבעטנדע מענטשהייט איז אימשטאַנד צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות דורך דעם, וואָס זי וועט ווידער איינשטעלן די עקאָנאָמישע גלייכגעוויכט, וואָס פאַר דעם נאָר איז נייטיק אַ רע־וואָלוציע פֿון די אידעען און זיטן".

פּרודאָנען האָט מען אָנגערופֿן „רעוואָלוציאָנער קאָנסערוואַטאָר" און אין אַ געוויסן זין איז דאָס געווען ריכטיק.

ער איז געווען אַ סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט, וואָס איז קעגן רעוואָלוציעס, פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען, פאַר סאָציאַליזם אָן גוואַלד־זאַמע איבערקערענישן.

פּרודאָן, קען מען זאָגן, איז געווען דער פאָטער פֿון דער אידעע פֿון קרעדיט קאָאָפּעראַציע. ער איז געווען פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון. ער האָט אויך רעקאָמענדירט די אַרבעטער פֿון פּאַריז און פֿון די אַנדערע גרויסע שטעט צו פאַראייניקן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון, פאַרלאָזן די שטעט און באַזעצן זיך אויף דער ערד.

פּרודאָן האָט אַ סך געשריבן. ער האָט אָנגעשריבן אַרום 30 בענד וועגן פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן: ליטעראַטור־קריטיק, אַרטיק־לען וועגן די פּרינציפּן פֿון קונסט, ביכער וועגן עקאָנאָמישע, סאָ־ציאַלע און פילאָזאָפישע פראַגן און געשיכטע. ער איז געווען אַ גלענצנדער סטיליסט און, אָן צווייפל, אַן אָריגינעלער דענקער, כאָטש ער האָט זיך אָפֿט ווידערשפּראָכן.

פּרודאָן איז געשטאָרבן אין יאַנואַר, 1865. נאָך זיין טויט האָבן אַפילו זיינע ביטערסטע פיינד אָנערקענט זיין גרויסן טאַלאַנט. פּרודאָן האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט די אינטערעסן פֿון דעם פאָלק, פֿון דער אַרבעטנדער מענטשהייט. אַפילו אין קאַרל מאַרקס' ווערק איז ניט שווער צו געפינען אַ סך פֿון פּרודאָנס געדאַנקען, דורך וועלכע ער האָט אויף אייביק איינגעקריצט זיין נאָמען אין דער געשיכטע.



מאָזעס העס

(1875 — 1812)

1

מאָזעס, אָדער מאָריץ העס, דער גרויסער דייטשיש־יידישער סאָציאַליסטישער דענקער און קעמפער, וועלכער איז געווען אַ טיף־נאַציאָנאַלער ייד און וועלכער ווערט פֿון אַ סך באַטראַכט אַלס דער פֿאָטער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, איז געבוירן געוואָרן אין באָן, דייטשלאַנד, דעם 21טן יאַנואַר, 1812. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרטאָדאָקסישע יידן, וועלכע האָבן געגעבן דעם יונגן מאָריץ אַ גוטע יידישע דערציאונג. זיין טאַטע האָט ניט געהאַט קיין צייט אָפּצוגעבן זיך מיט דער דערציאונג פון די קינדער, האָט אים דערצויגן דער זיידע, דער מאַמעס טאַטע, וועלכער איז געווען אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט עמיגרירט פון פּוילן קיין מזרח־דייטשלאַנד. דער זיידע איז געווען אַ פרומער, געלערנטער און אומאָפּהענגיקער ייד, וואָס האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, און ער האָט אויף דעם קליינעם איניקל געהאַט די שטאַרקסטע ווירקונג.

העס אַליין האָט מיט פילע יאָרן שפּעטער געשריבן: „איך דערמאָן זיך מיט טיפער גערירטקייט אָן די אַלע טרויעריקע סצענעס, וועלכע איך האָב געזען ביי מיין זיידן אין הויז אין באָן, ווען עס פלעגט קומען תשעה באב, די „דריי וואָכן", די „ניין טעג" און דער שבת חזון. מיין זיידע האָט ניט געלעבט פון רבנות. ער האָט אָבער געהאַט די קענטענישן און דעם טיטול פֿון אַ רב. אַ גאַנצן יאָר פלעגט ער, נאָך די טעגלעכע געשעפטן, ביז האַלבער נאַכט שטודירן דעם תלמוד און זיינע מפרשים. נאָר אין די „ניין טעג" פלעגט ער, אַנשטאָט גמרא, לייענען פֿאַר זיינע איניקלעך די אגדות וועגן חורבן ירושלים. די שניי־ווייסע באָרד פון דעם אַלטן מאַן פלעגט באַנעצט ווערן מיט טרערן. אויך מיר קינדער פלעגן זיך ניט קאָנען איינהאַלטן פון געוויין, באַזונדערס ווען עס פלעגט דערציילט ווערן ווי

אזוי די מוטער רחל איז אויפגעשטאַנען פון איר קבר און האָט גע־קלאָגט אויף אירע אומגעקומענע קינדער".

דער אַלטער זיידע האָט אין דעם יונגן מאָריץ איינגעפּלאַנצט אַ טיפע ליבע ניט נאָר צו דעם יידישן פאָלק, נאָר אויך צו אַלץ, וואָס איז גוט און נאָבעל. גלייכצייטיק מיט דער גמרא, האָט מאָריץ אויך שטודירט וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אין יאָר 1830 איז ער אָנ־געקומען ווי אַ סטודענט אין באָנער אוניווערזיטעט, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט, כאָטש מען האָט אים שפּעטער אָפט גערופן „דאָקטאָר העס".

שוין ווי אַ סטודענט אין אוניווערזיטעט האָט העס זיך אריינגע־וואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יענער צייט, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם. העסעס פאָטער איז געווען שטאַרק ניט צופרידן פון דעם. עס איז געקומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס צווישן דעם טאַטן און זון און אין רעזולטאַט פון דעם האָט העס פאַרלאָזט דעם טאַטנס הויז און איז אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד. דאָרט האָט ער זיך אַ סך אָנגעליטן מאַטעריעל, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. אָבער אויך אין פּאַריז האָט זיך אים זייער שלעכט געלעבט און ער איז צופוס אַוועקגעגאַנגען קיין דייטשלאַנד, האָט זיך דאָרט איבער־געבעטן מיטן טאַטן און איז אָנגעקומען אַרבעטן ביי אים אין אָפיס.

די גאַנצע צייט האָט העס ניט אויפגעהערט צו לייענען און שטו־דירן פאַרשיידענע וויסנשאַפטן און באַזונדערס פילאָזאָפיע. ער איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פריער פון דעם דייטשן פי־לאָזאָף העגעל און דערנאָך פון דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף ברוך ספּינאָזאַ.

אין גיכן האָט העס זיך ווידער צעקריגט מיטן טאַטן. ער האָט פאַרלאָזט דעם טאַטנס אָפיס און האָט אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע שטודיעס. ער האָט דעמאָלסט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און נויט.

אין יאָר 1837 האָט העס פאַרעפנטלעכט זיין ערשט גרויס ווערק „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט", פון „ספּינאָזאַס אַ תלמיד". אין דעם דאָזיקן ווערק האָט העס זיך באַמיט צו פאַראייניקן ספּינאָזאַס פילאָזאָפישע סיסטעם מיט העגעלס. שוין אין זיין ערשט ווערק טרעט העס אַרויס ווי אַ סאָציאַליסט. אויף דער וועלט — זאָגט ער — דאַרף הערשן גליק. און ליבע און פרייהייט און גלייכקייט זיינען דער וועג דערצו. דאָס רייכטום פון דער געזעלשאַפט מוז גע־הערן צום שטאַט און קאָנטראָלירט ווערן פון שטאַט.

א באזונדער קאפיטל אין דעם ווערק איז געווידמעט געוועזן דעם יידנטום. העס טרעט נאָך דאָרט ארויס ווי אַן אסימילאַטאָר. יידנטום איז, לויט זיין מיינונג, די פאָדערשטופע צום קריסטנטום. „דאָס פון גאָט אויסגעוויילטע פאָלק — שרייבט ער — האָט באדארפט אויף אייביק פארשווינדן, כדי דורך זיין טויט זאָל קאָנען אנטשטיין א ניי מער ווערטפול לעבן". און העס רעדט דאָרט מיט באגייסטערונג וועגן קריסטנטום. אָבער בעת די מערסטע דעמאָלסטיקע יידישע ראַדיקאַלן אין דייטשלאַנד האָבן זיך געשמדט, איז העס פארבליבן א ייד און אים איז באשערט געווען שפעטער צו פארנעמען א באזונדערע שטעלונג צו דער יידן־פראַגע. די ערשטע צייט, אָבער, איז ער געווען אינגאַנצן אריינגעטאָן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

אין 1840 האָט העס חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעך מיידל, סיבילע פּריטש, וועלכער ער האָט ארויסגענומען פון א שאַנד־הויז, און וועלכע איז דערנאָך געוואָרן זיין טרייע פריינדין, מיטקעמפערין און ארויסהעלפערין אויף זיין גאַנצן לעבן. צוליב דער הייראַט מיט סיביליע פריטש האָט העס זיין פאָטער שוין קיינמאָל מער ניט געזען.

אין א בריוו, וואָס העס האָט אין 1841 געשריבן צו זיין פריינד, דעם בארימטן יידיש־דייטשן שריפטשטעלער בערטאָלד אויערבאַך, האָט ער אים דערציילט ווי אזוי ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט א וואונדערלעכן יונגן געלערנטן און פילאָזאָף, וואָס זיין נאָמען איז דר. קאַרל מאַרקס. ער רעקאָמענדירט דערביי אויערבאַכן, אז ער זאָל ניט אויסלאָזן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אים.

„דו קאָנסט זיין גרייט — האָט העס געשריבן — אז דו וועסט זיך באַקענען מיט דעם גרעסטן, אפשר דעם איין־איינציקן איצט לעבעדיקן פילאָזאָף, וועלכער וועט אין קורצן, אויפטרעטנדיק אין דער עפנטלעכקייט, ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דייטשלאַנד. ער שטייט לויט זיין פילאָזאָפישער גייסט־בילדונג ניט בלויז העכער פון שטראַוסן, נאָר אויך פון פייערבאַכן (צוויי דייטשע פילאָזאָפן פון יענער צייט — ד. ש.). וואָלט איך געקענט זיין אין באָן, ווען ער וועט האלטן אין אוניווערזיטעט זיינע לעקציעס איבער לאָגיק, וואָלט איך געווען זיין פלייסיקסטער צוהערער. אזא מענטשן האָב איך מיר שטענדיק געוווּנטשן צו האָבן פאַר א לערער פון פילאָזאָפיע...

ד"ר מאַרקס, אזוי הייסט מיין אָפּגאָט, איז נאָך א גאַנץ יונגער מאַן (ער איז העכסטנס 24 יאָר אַלט. ער וועט דער מילאַלטערלעכער רעליגיע און פּאָליטיק געבן דעם לעצטן קלאַפּ. ער פארבינדט מיט דער טיפסטער פילאָזאָפיע דעם שאַרפסטן וויץ. שטעל זיך פאָר

רוסאָ, וואָלטער, האָלבאך, לעסינג, היינע און העגעל פּאַראייניקט אין איין פּערזאָן. איך זאָג פּאַראייניקט, ניט צונויפגעמישט, און דו האָסט פאַר זיך דעם ד״ר מאַרקס״.

העס איז געווען מיט זעקס יאָר עלטער פון מאַרקסן און ער האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף מאַרקסן און אויך אויף מאַרקסעס פריינד און מיטקעמפער פרידריך ענגעלס. ענגעלס דערציילט אין איינעם פון זיינע בריוו, אַז העס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געצויגן מאַרקס׳ אויפמערקזאַמקייט צום סאָציאַליזם, אָדער, ווי מען האָט עס דעמאָלט אָנגערופן, קאָמוניזם.

דעם בריוו צו אויערבאַכן וועגן מאַרקסן האָט העס געשריבן שוין אין פיר יאָר אַרום נאָכדעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין גרויס ווערק „די הייליקע געשיכטע״. אין זעלבן יאָר, 1841, האָט העס פאַרעפנטלעכט אַ צווייט גרויס ווערק „די אייראָפּעאישע טריאַרכיע״, וואָס איז שוין אינגאַנצן געווידמעט פּאָליטישע פראַגן. אין יענעם ווערק אַנטוויקלט העס די אידעע פון פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע, וועלכע זאָלן באַשטיין פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. די אַלע דריי מערב־לענדער דאַרפן, אין נאָמען פון פרייהייט און פּראָגרעס, זיך פאַראייניקן און קעמפן קעגן רוסלאַנד, וועלכע איז דעמאָלסט געווען דער שטאַרקסטער זייל פון דער רעאַקציע אין אייראָפּע.

אייניקע שטעלן פון יענעם ווערק קלינגען ווי אַן אמתע נבואה.

„מעגלעך — שרייבט העס — אַז פראַנקרייך און דייטשלאַנד וועלן זיך אויסקעמפן פריינדשאַפט ערשט אויף די שלאַכט־פעלדער ביים רהיין. אָבער עס איז זיכער, אַז אין דער צוקונפט וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די שענסטע באַציונגען צווישן פראַנקרייך און דייטשלנאַד, וועלכע וועלן דויערן יאָרהונדערטער... דערווייל וועט זיך אפשר פראַנקרייך פאַרבינדן מיט רוסלאַנד זי וועט מאַכן הנחות צו די רוסן, וועלכע וועלן זי דערנידעריקן. זי וועט זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון אַ מאַכט, וואָס וועט שטענדיק דראָען מיט אָנפאַלן, וואָרים קיין זאַך וועט ניט שטערן רוסלאַנד צו שליסן אין אַ גינסטיקן מאָמענט אַ „פּרינציפּן־בונד״ מיט דייטשלאַנד און אויף אַזאַ אופן אונדז אייראָפּעער, ווען מיר וועלן בלייבן צוריסן, רוסיפיצירן אַזוי לאַנג גייסטיק און מאַטעריעל, ביז מיר וועלן אַריינפאַלן דעמאָראַליזירט און מאַכטלאָז אין רשות פון (דעם רוסישן) שקלאַפן־אימפּעראַטאָר״.

העס האָט שוין דעמאָלט פאָרויסגעזען די גרויסע געפאַר פאַר דער וועלט פון דער צוריסנקייט צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון פֿראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד, שרייבט העס, זיינען אויך מחויב צו געבן יידן פֿולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג אין איינקלאַנג מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער דעקלאַראַציע פֿון דעם מענטש און בירגער, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער די ווירקלעכע עמאַנציפּאַציע פֿון די יידן, זאָגט העס קען קומען נאָר דאַן, ווען עס וועלן פֿאַרשווינדן דער האַס און די פֿאַראַכטונג צו די יידן. כדי צו דערגרייכן וואָס שנעלער אָט דעם ציל, דאַרף מען די יידן געבן דאָס רעכט חתונה צו האָבן מיט קריסטן. דאָס וועט פֿירן צו פֿולשטענדיקער אַסימילאַציע און די יידן־פֿראַגע וועט אַזוי אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן געלייזט ווערן.

אַזוי האָט דעמאָלט העס געדענקט.

אייניקע אידעען פֿון העס' בוך „די אייראָפּעאישע טריאַרכיע" האָבן צו אים צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די דעמאָלסטדיקע ראַדיקאַלע פּאָליטישע טוער פֿון דייטשלאַנד, און ווען עס איז אין 1841 אָרגאַניזירט געוואָרן די ראַדיקאַלע „רהיינישע צייטונג", האָט מען אים, צוזאַמען מיט מאַרקסן, ברונאָ באַוערן, מאַקס שטירנערן און אַנדערע איינגעלאַדן צו ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון דער דאָזיקער צייטונג. עטלעכע מאָנאַטן האָט העס געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון דער „רהיינישער צייטונג", דערנאָך איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון דער דאָזיקער צייטונג, און ער האָט רעגולמעסיק קאָרעספּאָנדירט פֿון דאָרט, ביז וואַנען די צייטונג איז, אין מערץ 1843, אָפּגעשטעלט געוואָרן פֿון דער דייטשער מאַכט.

אין פּאַריז האָט העס זיך באַטייליקט אין די אַרבעטער זעלבסטבילדונגס־קרייזלעך, פּראָפּאַגאַנדירט דאָרט זיינע סאָציאַליסטישע אידעען. (ער איז אייגנטלעך דעמאָלט געווען מער אַנאַרכיסט, ווי סאָציאַליסט). ער האָט אויך געשריבן אין די דייטשע עמיגראַנטישע ראַדיקאַלע זשורנאַלן. די צוויי אַרטיקלען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ דייטשן רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל, וואָס האָט זיך געדרוקט איז דער שווייץ — „סאָציאַליזם און קאָמוניזם" און די „פֿילאָזאָפֿיע פֿון טאַט" — האָבן געגעבן אַ געלעגנהייט מאַרקסן צו באַשולדיקן אים, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט און אַז ער פֿאַרשטייט ניט דעם סאָציאַליזם.

העס איז דעמאָלט טאַקע געווען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם פֿראַנצויזישן אַנאַרכיסטישן דענקער פּרודאָן און ער האָט געשריבן

אַרטיקלען אין די פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן. ער פלעגט אויך אַרויסטרעטן אויף עמיגראַנטישע אַרבעטער פאַרזאַמלונגען. אין 1845 האָט ער, צוזאַמען מיט פרידריך ענגעלסן, אַנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל „דער געזעלשאַפטס־שפּיגל", וועלכער האָט אפילו קיין יאָר צייט ניט עקזיסטירט. דערנאָך האָט ער אַליין רעדאַקטירט אַ זשורנאַל, „דייטשעס בירגערבוך", וועלכער האָט אויך לאַנג ניט עקזיסטירט.

וואָס פאַר אַ ראָלע העס האָט געשפּילט אין די רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן פון 1948, איז עד היום ניט קלאָר. וואָס מען ווייס יאָ, איז, אַז ער איז פון אַ דײַטשן געריכט אונטער די אויגן פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף און, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון דער פּאָליציי, האָט ער צוערשט געוווינט אין סטראַסבורג, דערנאָך אין זשענעווו, און פון 1852 אָן — ווידער אין פּאַריז. ערשט אין יאָר 1862, נאָך דער אַמניסטיע, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד.

.2

נאָך אין 1847 האָט העס אָפּגעדרוקט אין דער „דייטשער ברי־סעלער צייטונג", וואָס איז געווען אונטער מאַרקס' איינפלוס, פיר אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען: „די פאָלגן פון דער רעוואָלוציע פון פּראָלעטאַריאַט". איניקע פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגע־זאָגט אין יענע אַרטיקלען, זיינען אַריין אין דעם „קאָמוניסטישן מאַ־ניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, כאָטש מאַרקס האָט דאָס ניט געוואָלט צוגעבן און אין דעם „קאָמוניסטישן מאַני־פעסט" קריטיקירט מאַרקס העסן.

אין 1851 האָט העס פאַרעפנטלעכט אַ קליינע בראָשור אין דער פראַנצויזישער שפּראַך — „דאָס לעצטע געריכט איבער דער אַלטער סאָציאַלער וועלט". אין דער דאָזיקער בראָשור זאָגט העס אויך אַרויס די פאָלגנדע נביאישע געדאַנקען וועגן די דייטשע סאָציאַ־ליסטן:

„די דייטשע סאָציאַליסטן, שרייבט ער, ווייסן אַלץ, אָבער זיי זיינען ניט מענטשן פון טאַט. זיי באַזיצן נאָר די וואָפן פון קריטיק, כדי אָנצופאַלן אויף דער אַלטער סאָציאַלער וועלט. זיי פאַרשטייען זייער גוט די קונסט ווי צו שניידן דעם קערפּער פון אונדזער גע־זעלשאַפט, צו אַנטוויקלען איר עקאָנאָמיע און באַווייזן איר קראַנקהייט.

אָבער זיי זיינען צו מאַטעריאַליסטיש, צו האָבן דעם פייער, וועלכער עלעקטריזירט, וועלכער רייסט מיט זיך מיט דאָס פאָלק... זיי האָבן פאַרביטן דעם נעפּלהאַפטן שטאַנדפּונקט פון די דייטשע פילאָזאָפן אויף דעם ענגן און קליינלעכן שטאַנדפּונקט פון דער ענגלישער עקאָנאָמיע"...

כאָטש העס האָט דעמאָלט נאָך געגלויבט אין אַסימילאַציע, האָט ער דאָך ניט נאָר ניט געטויפט זיך, ווי דאָס האָבן געטאָן היינריך היינע, לודוויג בערנע און אַנדערע יידישע אינטעלעקטואַלן פון דייטש־לאַנד, נאָר ער האָט אפילו ניט געענדערט זיין פאַמיליען־נאָמען אויף אַ דייטשן שטייגער, און האָט כסדר אַרויסגעשטעלט זיין יידישן נאָמען „מאָזעס" און שפּעטער, ווען ער האָט זיך „צוריקגעקערט אַהיים צום יידנטום", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פלעגט ער זאָגן אַז ער באַדויערט וואָס זיין נאָמען איז ניט „איציק", דעמאָלט וואָלט יעדער געזען, אַז ניט נאָר באַהאַלט ער ניט זיין יידישקייט, ווי דאָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צווישן די פאָרטגעשריטענע יידי־שע שריפטשטעלער פון דייטשלאַנד נאָר אַז ער אונטערשטרייכט דאָס שטאַרק.

אין יאָר 1840 איז אין דמשק, סיריע, פּלוצלונג פאַרשוווּנדן דער הויפּט־מאָנאַך פון אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר. פיינסטערע עלעמענטן האָבן באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט דעם מאָנאַך, כדי צו באַנוצן זיין בלוט אויף מצה. מען האָט אַרעסטירט אַ יידישן פּריזירער, אים שטאַרק געפּייניקט און געצוווּנגען אים, אַז ער זאָל אָנרופן אַ רייע אָנגעזעענע פירער פון דער יידישער קהילה ווי די מערדער פון דעם מאָנאַך. עס זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרן די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון די דאָרטיקע יידן און מען האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט. פיר פון זיי זיינען געשטאָרבן אין געפענגעניש פון די פּייניקונגען. דער רעזשיסאָר פון אָט דער דראַמע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, טראַגעדיע, איז געווען דער אַנטיסעמיטישער פראַנ־צויזישער קאָנסול אין דמשק. און אים האָבן געשטיצט אייניקע אַנדערע קאָנסולן. אַלע פאַרזוכן פון די פראַנצויזישע יידן צו דער־שלאָגן זיך אַ גערעכטן משפּט פאַר די אַרעסטירטע יידן פון דמשק האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ווידערשטאַנד ניט נאָר פון דעם פראַנצויזישן קאָנסול, נאָר אויך פון דעם דעמאָלסטדיקן הויפּט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג — טיער. און נאָר אַ דאַנק דעם קאָנפליקט צווישן די פראַנצויזישע און ענגלישע אינטערעסן אין סיריע, איז געלונגען צו פועלן ביי ענגלאַנד, אַז זי זאָל זיך אַריינ־מישן, און דעמאָלט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געריכט פון די קאָנ־

סולן פון די פארשיידענע לענדער און די יידן זיינען פריינעשפראכן געווארן. אבער א סך פון זיי זיינען נאך פארן פראצעס געשטארבן אין געפענגעניש.

דער בלוט-בלבול אין דמשק האט שטארק דערשיטערט העסן און האט אים געטריבן אנצוהויבן רעווידירן זיין וועלט-אנשויונג, זיינע אנזיכטן וועגן דעם מענטש בכלל און וועגן דעם גורל פון יידישן פאלק בפרט. העס אליין האט אין 1862 געשריבן וועגן דעם:

„מיט צוואנציק יאר צוריק, בעת דעם בלוט-בלבול פון דמשק, דעמאלט שוין אין מיטן פון מיין סאציאליסטישער טעטיקייט, האב איך דערפילט מיין צוגעהעריקייט צו אן עלנט, פארלאזן פאלק און האב שוין געוואלט אויסדריקן מיין יידיש-פאטריאטישן געפיל דורך א וויטיק-געשריי. דער געשריי איז אבער אונטערדריקט געווארן אין מיין ברוסט דורך דעם גרעסערן ווייטיק, וועלכן דער אייראפעאישער פראלעטאריאט האט אין מיר דערוועקט".

אבער שפעטער האט העס איבערגעלעבט אנדערע גרויסע אנטוישונגען. וואס ווייטער האט ער אלץ מער און מער איינגעזען, אז די מענטשהייט איז נאך זייער ווייט צוזאמענצוגיסן זיך אין איין פאמיליע, וואס וויים ניט פון קיין נאציאנאלע, רעליגיעזע און ראסן-אונטערשיידן, און אז דאס יידישע פאלק קען ניט און דארף ניט דורך אסימילאציע זיך אויפלייזן אין דעם אלמענטשלעכן ים.

יארן-לאנג האט מאזעס העס זיך געפונען אין דער שווערער לאגע פון א רעכטלאזן פאליטישן עמיגראנט, וועלכער האט אלע זיינע כוחות אפגעגעבן דעם רעוואלוציאנערן סאציאליסטישן קאמף. מען האט אים ארומגעיאגט פון איין לאנד אין א צווייטן. אבער דאס האט ניט אפגעקילט זיין ענטוזיאזם און באגייסטערונג פאר די אידעאלן פון פרייהייט, גלייכהייט און סאציאלער גערעכטיקייט.

ענדלעך האט העס אין יאר 1862, דורך דער אמנעסטיע, וואס איז דעמאלסט דערקלערט געווארן אין דייטשלאנד, באקומען דאס רעכט צוריקצוקערן זיך אין זיין היימלאנד, קיין דייטשלאנד, און דארט האט ער פארעפנטלעכט זיין בוך „רוים און ירושלים", וואס האט תיכף געצווינגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער יידישער אינטעליגענץ אין דייטשלאנד.

העס האט זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאנד גאר אן אנדערער, ווי ער איז געווען ווען ער האט פארלאזט דייטשלאנד. דעם גלויבן אין הומאניטארן סאציאליזם און אין זיין צוקונפטיקן זיג האט ער ניט פארלארן. אבער ער האט שוין מער ניט געדענקט ווי פריער,

אַז מען קאָן דורך פּראָפּאַגאַנדע שנעל איבעראַנדערשן דעם מענטשן, אויסראָטן שנאה און האַס אויף דער וועלט און ברענגען דערצו, אַז אַלע מענטשן זאָלן אָנהויבן באַטראַכטן איינע די אַנדערע ווי ברידער. העס האָט שוין מער ניט געהאָפט, אַז דער הומאַניטאַרער סאָציאַליזם וועט היינט־מאָרגן פאַרווירקלעכט ווערן. און אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט זיך אויך געענדערט זיין בליק אויף דער יידן־פראַגע. נאָך די דערפאַרונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער און נאָכדעם ווי ער האָט גרינדלעך געשטודירט די לאַגע פון די יידן אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע לענדער, איז ער געקומען צום שלוס, אַז דער האַס צו די יידן אין געוויסע קרייזן פון דער באַפעלקערונג ווערט אַרויסגערופן ניט בלויז פון רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון. דעריבער איז די אַסימילאַציע, אין וועלכער ער האָט פריער אַזוי שטאַרק געגלויבט, ניט קיין סגולה צום אַנטיסעמיטיזם.

ניט אַסימילאַציע און ניט שמד — האָט ער געזאָגט — לייזן די פראַגע. אַן אַסימילירטער און אַ געשמדטער ייד, פאַרבלייבט אַ ייד, ניט נאָר אין זיין אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך אין זיינע אינערלעכע כאַראַקטער־שטריכן און אין זיין באַציונג צו גאָט, ווי ער זאָל זיך ניט מאַכן פאַר אַ קריסט. און אין דעם פּרט — האָט העס באַהויפּטעט — זיינען אָפט די רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן מער גערעכט ווי אייניקע פון די אויפגעקלערטע ליבעראַלן, וועלכע דענקען, אַז ווען אַ ייד שמדט זיך און פאַרגעסט וועגן זיין יידישקייט, הערט ער אויף צו זיין אַ ייד.

העס הויבט אָן זיין בוך „רוים און ירושלים" מיט דעם, וואָס ער ווייזט אָן אויף דעם דורכפאַל פון די אַלע פאַרזוכן פון די דייטשע יידן צו דערשלאָגן זיך פולשטענדיקע מאָראַלישע און פּאָליטישע גלייכהייט מיט די דייטשן. אַפילו די גרעסטע דייטשע דענקער — זאָגט ער — זיינען דורכגעדרונגען מיט ראַסן־שאָוויניזם און זיי האַסן די יידן ניט פון אַ רעליגיעזן און ניט פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט, נאָר פון אַ ראַסן־שטאַנדפונקט.

„דער דייטשער ייד — שרייבט העס — זוכט צוליב דעם אַרומיקן יידן־האַס אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַלץ, וואָס איז יידיש, און פאַרלייקענען זיין ראַסע"... אָבער אַפילו שמד דערלייזט ניט דעם געבילדעטן דייטשן יידן פון דעם יידן־האַס.

„די דייטשן האַסן די רעליגיע פון די יידן ווייניקער, איידער זייערע נעזער. ניט די רעפאָרם, ניט שמד, ניט די עמאַנסיפּאַציע (גלייכבאַרעכטיקונג) עפענען פאַר דעם דייטשן ייד פולשטענדיק די

טויערן פון סאָציאַלן לעבן. זיי זוכן דערפאַר צו פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַם". דער דייטשער ייד דענקט, אַז אויב ער וועט וואָס ווייטער באַהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן פּנים און וועט אין אַלץ נאָכטאָן די דייטשן, וועט ער אַזוי־אַרום זיך ראַטעווען פון אַנטיסעמיטיזם. אָבער דאָס ייִדישע "פּנים" קאָן מען ניט באַהאַלטן און די פעלקער צווישן וועלכע די ייִדן קומט אויס צו לעבן רעספּעקטירן מער און אָנערקענען יענע ייִדן, וואָס היטן אָפּ זייער נאַציאָנאַליטעט, זייער רעליגיע און זייערע אייגנטימלעכע שטריכן און זיטן, איידער די יעניקע ייִדן, וועלכע קריכן פון דער הויט ניט צו אונטערשיידן זיך פון די דייטשן אָדער פראַנצויזן. און ניט דערגרייכנדיק דאָס, מאַכן זיי זיך נאָר צום נאַר. דעם ייִדיש־דײַטשן קאָמפּאָזיטאָר מייערבערן — זאָגט העס — האָט ניט געהאָלפן, וואָס ער האָט אין זיין מוזיק אויסגעמיטן ייִדישע מאָטיוון. דאָס דײַטשע אויער האָט זיי אויפגעכאַפּט און האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז מייערבער איז אַ ייִד און אַז זיין אמתער נאָמען איז יעקב מאיר ליבמאַן בעער.

אויך לודוויג בערנען האָט ניט געהאָלפן, וואָס ער האָט זיך געשמדט און ער האָט געענדערט זיין פאַמיליען־נאָמען פון ברוך אויף בערנע. ער אַליין האָט שפּעטער געשריבן: „ווען מײַנע קעגנער קאָנען גאָרניט מאַכן מיט מיין בערנע, כאַפּן זיי זיך אָן אָן מיין ברוך".

ייִדן — זאָגט העס — דאַרפן ניט באַהאַלטן זייער נאַציאָנאַל פּנים. פאַרקערט, זיי מעגן מיט אים שטאָלצירן. „פון יידנטום איז אַרויס־געוואַקסן אונדזער גאַנצע היינטיקע הומאַניטאַרע לעבנס־אָנשויונג. ס'איז גאָר ניטאָ אַזוינס אין דער קריסטלעכער מאָראַל, אין דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, וואָס די וואָרצלען דערפון זאָלן זיך ניט געפינען אין יידנטום. דאָס יידישע פאָלק איז ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געווען דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלן קולט צוזאַמען מיט אַ הומאַניטאַרן. דורך דעם יידנטום איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט געוואָרן אַ הייליקע געשיכטע..

„אַנטי־נאַציאָנאַלע, הומאַניטאַרע באַוועגונגען זיינען פונקט אַזוי פּרוכטלאָז, ווי די אַנטי־הומאַניטאַרע באַוועגונגען פון דער מיטל־אַלטערלעכער רעאַקציע... פונקט אַזוי ווי די נאַטור פּראָדוצירט ניט קיין סתם בלומען און סתם פּרוכטן, קיין סתם חיות און פלאַנצן, נאָר פלאַנצן־טיפּן און מינים און חיות־טיפּן און מינים, אַזוי האָט

דער באַשאַפער באַשאַפן ניט סתם מענטשן, נאָר באַשטימטע פאָלקס־טיפּן״...

„דאָס יידישע פאָלק איז ניט קיין רעליגיעזע גרופּע, נאָר אַ באַזונדער נאַציאָנאַליטעט און אַ באַזונדערע ראַסע. און דער מאָדערנער ייד, וואָס פאַרלייקנט זיין אָנגעהעריקייט צו דער דאָזיקער נאַציאָנאַליטעט, איז אַ פאַררעטער צו זיין פאָלק, זיין שטאַם און זיין ראַסע״.

צוויי מאָל — זאָגט העס — איז דאָס יידישע פאָלק אין גלות פון מצרים און פון בבל כמעט אונטערגעגאַנגען. צוויי מאָל האָט דאָס יידישע פאָלק ווידער אויפגעלעבט צום נייעם לעבן און האָט געקעמפט קעגן די מעכטיקסטע פעלקער פון אַלטערטום, קעגן די גריכן און רוימער. אין די לעצטע קאַמפן פון דער אַלטער וועלט האָט דאָס יידישע פאָלק באַפרוכפּערט מיט זיין גייסט די גאַנצע מענטשהייט. איצט, מיט דעם גייסטיקן ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט, הויבט דאָס יידישע פאָלק ווידער אָן אויפצולעבן.

„אין מזרח־אייראָפּע, אין רוסלאַנד, פּוילן, פּרייסן, עסטרייך און טערקיי — שרייבט העס — לעבן מיליאָנען פון אונדזערע ברידער, וועלכע בעטן צו גאָט פאַר דער דערלייזונג פון דעם יידישן פאָלק. זיי האָבן בעסער פאַרהיט דאָס לעבעדיקע קערנדל פון יידנטום, די יידישע נאַציאָנאַליטעט, איידער אונדזערע ברידער פון מערב, וועלכע ווילן אַלץ ניי באַלעבן אין יידנטום, אַ חוץ דער הויפּט־זאַך, די האָפענונג אויף דער גאולה. צו יענע מיליאָנען טרייע ברידער וואָלט איך וועלן זיך ווענדן און רופן צו זיי: טראָג הויך דיין פאָן, מיין פאָלק! אין דיר איז געבליבן דער לעבעדיקער זאָמען, וועלכער וועט נאָך ברענגען פרוכטן, ווען די האַרטע שאָלעכץ וועט צעבראָכן ווערן אין דער קולטורוויירטער ערד פון דער קעגנוואַרט״. (די אַלע ציטאַטן פון „רוים און ירושלים״ זיינען גענומען געוואָרן פון ד״ר נחמן סירקינס יידישער איבערזעצונג, פאַרלאַג טביה גראָהאַר, פּאַריז, 1948).

דעראָבערן ארץ־ישראל — זאָגט העס — קאָן מען דערוויי ניט. וואָס מען דאַרף איצט טאָן פאַר דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, איז דערהאַלטן ביים לעבן די האָפענונג אויפן פּאָליטישן ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק און דערוועקן די האָפענונג דאָרט וווּ זי שלאָפט און ער זאָגט פאָרויס, אַז „אויב שפּעטער וועלן די וועלט־פּאָסירונגען, וועלכע גרייטן זיך אין אָריענט, דערלויבן אַ פּראַקטישן אָנהויב פאַר דעם ווידערבוי פון דער יידישער מלוכה, וועט

דער דאָזיקער אָנהויב לכתחילה באַשטיין פֿון דער גרינדונג פֿון יידישע קאָלאָניעס אין אונדזער ארץ־אבותינו".

א נבואה, וואָס איז מקויים געוואָרן.

העס ווענדעט זיך צו די יידן, וואָס וועלן פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„א גרויסע מיסיע וואַרט אויף אייך. איר זענט א לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן דריי וועלטן און איר זאָלט טראָגן די ציוויליזאַציע צווישן די אַבערגלויבערישע פעלקער און צו זיי ברענגען די אייראָפּעאישע וויסנשאַפטן, וועלכע איר האָט אַזוי גוט דערוואָרבן. איר זאָלט זיין די פאַרמיטלער צווישן אייראָפּע און דער ווייטער אַזיע. איר זאָלט עפענען די וועגן, וועלכע פירן צו אינדיע און כינע, אין יענע אומבאַקאַנטע לענדער, וועלכע מוזן געעפנט ווערן פאַר דער ציוויליזאַציע. איר וועט אָנקומען אין לאַנד פון אייערע עלטערן מיט דער מאַרטירער־קרוין און מיט די צייכנס פון אייערע לאַנגיאָריקע וואַנדערן. ערשט דאָרט וועט איר פֿולשטענדיק געהיילט ווערן. אייערע קאַפּיטאַלן וועלן ווידער אויפבויען יענע אומפּרוכטבאַרע לענדער, אייער אַרבעט און אינדוסטריע וועלן גרין מאַכן יענעם באָדן, וועלכן דער מדבר האָט פֿאַרשאָטן מיט זיין זאַמד און די וועלט וועט באַוואונדערן דעם עלטסטן פֿון אַלע פֿעלקער...

„דער מאָמענט איז געקומען, אַז איר זאָלט אייער פאָטערלאַנד, וואָס איז ביז איצט פֿון טערקיי צעטראָטן געוואָרן, פֿאָדערן פֿאַר זיך אויף אַ פרידלעכן אופן, דורך געלט אָדער אויף אַ וועלכן עס איז אַנדער אופן. איר האָט גענוג געהאָלפן צו ציוויליזירן די פעלקער, אַרויפצוברענגען אייראָפּע אויפן וועג פון פּראָגרעס, אַרויסצורופן און צו אונטערשטיצן רעוואָלוציעס. איצט מוזט איר טראַכטן וועגן זיך אַליין, וועגן די בערג פֿון לבנון, וועגן דעם גרויסן לאַנד אַרום דעם כנרת".

העס האָט פאָרויסגעזען, אַז די מערסטע אייראָפּעאישע יידן וועלן ניט אויסוואַנדערן קיין ארץ־ישראל אפילו ווען עס וועט שוין זיין אַ יידישע מלוכה. אין אַלע צייטן — זאָגט ער — האָבן די יידן פון דער גאַנצער וועלט געפילט זייער סאָלידאַריטעט מיט די יידישע צענטערס. היינט איז עס פאַר אַ יידישער מלוכה קיין אונטערשייד ניט וויפל מיטגלידער פון יידישן פאָלק עס וועלן לעבן אין ארץ־ישראל אָדער אין אויסלאַנד. אין דער צייט פון דער אַמאָליקער יידישער מלוכה האָבן אויך אַ סך יידן געלעבט אין אויסלאַנד.

3.

קיין פּראַקטישע באַדייטונג האָט דעמאָלסט העס׳ „רוים און ירושלים״ ניט געהאַט. דאָס בוך איז געשריבן אין דער פאָרם פון בריוו מיט לאַנגע אָנמערקונגען און מיט אַן עפּילאָג. אין יעדן בריוו באַרירט ער פאַרשיידענע פראַגן און ער שפּרינגט אָפט שנעל אַריבער פון איין טעמע אויף אַ צווייטער. דערצו איז זיין סטיל ערטערווייז אַ שווערער. אַ חוץ דעם האָבן די מער אָדער ווייניקער געבילדעטע יידן דעמאָלסט געטרוימט ניט וועגן ציון, נאָר וועגן גלייכבאַרעכטיקונג אין די לענדער וווּ זיי האָבן געוווינט. אָבער די דייטש־יידישע פּרעסע איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן העסן. אַברהם גייגער, דער באַרימטער יידישער געלערנטער און איינער פון די פירער פון רעפאָרם־יידנטום. האָט אָנגערופן העסן „דער אַלטער ראָמאַנטיקער מיט נייע רעאַקציאָנערע פּלענער״. אָבער דאָס האָט העסן ניט אָפּגעשטעלט פון ווייטער צו אַנטוויקלען די געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין „רוים און ירושלים״. העסן האָט קיינמאָל ניט געפעלט מוט און אויפריכטיקייט צו אָנערקענען זיינע טעותן און לערנען פון דערפאַרונג. ער האָט אָנגעהויבן אַלס קאָמוניסט, דערנאָך איז ער אַ לענגערע צייט געווען אַן אַנאַרכיסט און אין 1863, ווען פערדינאַנד לאַסאַל האָט געגרינדעט אין דייטשלאַנד די ערשטע פּאָליטישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, האָט העס זיך אָנגעשלאָסן אָן איר און ער האָט עטלעכע מאָל פאַרטראָטן די דאָזיקע פּאַרטיי אויף די קאָנגרעסן פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכן קאַרל מאַרקס איז געווען דער פירער.

פונקט ווי מאַרקס, האָט אויך העס פון אָנהויב געהאַלטן, אַז דער הומאַניטאַרער סאָציאַליזם וועט ניט היינט־מאָרגן טריאומפירן און ער האָט פאַר יידן געפּרעדיקט אַסימילאַציע. אָבער בעת מאַרקס האָט וואָס ווייטער אַלץ מער אונטערשטראָכן די נויטווענדיקייט פון שאַרפן קלאַסן־קאַמף און סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז העס פאַרבליבן אַן אָנהענגער פון הומאַניטאַרן סאָציאַליזם און ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין אייראָפּע, וואָס האָט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די ראָלע פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער געשיכטע און די נויטווענדיקייט ביים בויען סאָציאַליזם צו רעכענען זיך מיט די נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, וואָס דאָס איז דעמאָלסט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שרעקלעכע אַפּיקורסות.

מאַרקס האָט חוזק געמאַכט פון העס׳ פילאָזאָפישן אידעאַליזם, פון זיין „אוטאָפיסטישע" סאָציאַליזם און איבערהויפּט האָט מאַרקס אויסגעלאַכט העס׳ יידישן נאַציאָנאַליזם. אין זיינע פּריוואַטע בריוו צו פרידריך ענגעלסן רופט מאַרקס אָפט אָן העסן „ראַבאַי מאָזעס", און זיין פרוי „די מאָזין". אָבער ווען העס איז אין 1868 געווען אַ דעלעגאַט צום בריסעלער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל און ער האָט דאָרט געהאַלטן אַ רעדע, האָט מאַרקס באַ־צייכנט די דאָזיקע רעדע אַלס „די בעסטע סאָציאַליסטישע רעדע, וואָס איז דאָרט געהאַלטן געוואָרן".

סוף 1863 האָט העס ווידער פאַרלאָזט דייטשלאַנד און זיך צוריק באַזעצט אין פּאַריז, פון וואַנען ער האָט קאָרעספּאָנדירט אין אייניקע ראַדיקאַלע דייטשע צייטשריפטן. ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער פראַנצויזיש־יידישער פּרעסע. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער פראַנצויזיש־דייטשער קריג, האָט מען העסן ווי אַ דייטשן בירגער, אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך קיין בריסעל, בעלגיע, טראָץ דעם, וואָס העס איז מיט לייב און לעבן געווען פאַר פראַנקרייך. אין אַ פראַנ־צויזישער בראָשור, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, האָט ער געשריבן, אַז דייטשלאַנד פירט מלחמה קעגן פראַנקרייך דערפאַר, וואָס פראַנק־רייך איז דער צענטער פון רעוואָלוציע און די דייטשן האַסן איר דערפאַר, וואָס זי האָט אַזוי פיל גוטס געטאָן פאַר דער מענטשהייט. יידן — האָט ער געשריבן — דאַרפן באַזונדערס ליב האָבן פראַנק־רייך, דאָס וויגעלע פון פרייהייט און ברידערלעכקייט".

אין זיין לעצטן אַרטיקל, וואָס העס האָט פאַרעפנטלעכט אין גרעצס זשורנאַל, האָט ער גערופן די יידן, אַז זיי זאָלן צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע פעלקער און פּאַרטייען זיך אָנשליסן אָן דער באַוועגונג צו גרינדן אַ נייע וועלט פון פרייהייט און סאָציאַליזם.

אין דעם זעלבן אַרטיקל האָט ער שאַרף קריטיקירט די יידישע בורזשואַזיע, וועלכע „יאָגט זיך נאָך רייכטימער און פּוסטן כבוד, וועלכע איז דער היפּוך פון די ענוים און צדיקים און וועלכע האָט פון די עלטסטע צייטן אָן ביז היינט, ניט אָן אַ גרונט, אַרויסגערופן דעם פאַרדאַכט פון אַלע פעלקער צו יידן".

דער זיג פון דייטשלאַנד איבער פראַנקרייך, אין 1871, האָט העסן פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. ער האָט אין די בעלגישע סאָציאַליס־טישע צייטשריפטן פאַרעפנטליכט אַ רייע אַרטיקלען וועגן פראַנק־רייך און דער מלחמה. די אַרטיקלען זיינען דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בריסעל אין אַ בוך־פאָרם.

דאָרט שרייבט העס, אַז פּרייסן האָט גאָרניט געטאָן פאַר דער מענטשהייט און פאַר דער פרייהייט. פאַרקערט, אומעטום, ווו מען האָט אונטערדריקט פעלקער „זיינען די דייטשן געווען דערביי". אָבער עס וועט קומען דער טאָג — האָט העס פאָרויסגעזאָגט — ווען די פרייע פעלקער פון איראָפּע וועלן פאַרניכטן פּרייסן און פאַר־ווירקלעכן דעם גרויסן געדאַנק פון פאַראייניקטע שטאַטן פון איראָפּע.

אין מאַי 1871 האָט העס זיך צוריקגעקערט פון בריסעל קיין פּאַריז.

נאָך אין 1868 האָט ער זיך גענומען איבערזעצן אויף פראַנ־צויזיש קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל". ער האָט אָבער די איבערזעצונג ניט פאַרענדיקט.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט העס געאַרבעט אויף אַ גרויס וויסנשאַפטלעך ווערק, אונטער דעם נאָמען „דינאַמישע שטאָף־לערע".

דעם 6טן אַפּריל, 1875, איז העס געשטאָרבן אין עלטער פון 63 יאָר. לויט זיין צוואה האָט מען אים מקבר געווען אין דייטש אַם רהיין, אין דייטשלאַנד, לעבן די קברים פון זיינע עלטערן. דייטשע, פראַנצויזישע און פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן באַגלייט דעם אָרון פון זיין וווינונג איו פּאַריז צום וואַקזאַל קיין דייטשלאַנד. ביים אָפּשייד זיינען געהאַלטן געוואָרן רירנדיקע רעדעס, אין וועלכע עס איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז זיין אָנדענק וועט אייביק לעבן אין האַרץ פון דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט.

די דעמאָלסטדיקע יידישע פּרעסע האָט וועגן העס' טויט אפילו ניט דערמאָנט.

אין צוויי יאָר אַרום נאָך העס' טויט האָט זיין פרוי אַרויסגע־געבן דעם ערשטן טייל פון זיין „דינאַמישע שטאָף־לערע".

אין אַ בריוו צו העס' אלמנה, דאַטירט דעם 25טן אָקטאָבער 1877, האָט קאַרל מאַרקס געשריבן: „איך בין אייך טיף דאַנקבאַר אין מיין אייגענעם נאָמען און אויך אין ענגעלס' נאָמען פאַר די צוגעשיקטע צוויי עקזעמפּליאַרן „דינאַמישע שטאָף־לערע", מירביידע האַלטן, אַז די אַרבעט פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם פריינד האָט אַ זייער באַדייטנדיקן וויסנשאַפטלעכן ווערט און איז אַ כבוד פאַר אונדזער פּאַרטיי. דעריבער גאַנץ אָפּגעזען פון אונדזער פּערזענלעכער באַציונג צו אונדזער לאַנגיאָריקן מיטקעמפער, האַלטן מיר פאַר אונ־דזער פליכט צו דערקלערן די באַדייטונג פון זיין אַרבעט און ווי וויים מעגלעך זי צו פאַרשפּרייטן".

אין אַ צווייטן בריוו צו העס' פרוי, דאַטירט דעם 29טן נאָוועמבער 1877, שרייבט מאַרקס, אַז „אָט דער בוך אַנטהאַלט גוניאַלע אָנזיכטן".

(ביידע בריוו זיינען געדרוקט אין 26טן באַנד פון דער סאָוויעטישער אויסגאַבע פון די „געזאַמלטע ווערק פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס״). קאַרל מאַרקס האָט, ווי באַוווּסט, זיך ניט געוואָרפן מיט קיין קאָמפּלימענטן, איבערהויפּט בנוגע מענטשן, וועלכע זיינען מיט אים אָפּט ניט געווען איינשטימיק.

דער אויסגעלאַכטער אידעאַליסט און „אָפּטימיסט״ מאָזעס העס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פיל־גרעסערן רעאַליסט ווי די וואָס האָבן אים אויסגעלאַכט.

העס איז געווען ניט נאָר דער פאָטער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. ער איז אויך געווען אַן אָריגינעלער דענקער און אַ מוטיקער קעמפער פאַר אמת, גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט און אויך אַן אויפריכ־טיקער און אויסגעהאַלטענער אינטערנאַציאָנאַליסט. ערשט איצט זעט מען ווי אַ סך פון זיינע נביאות זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן.



קאַרל מאַרקס

(1883—1818)

.1

קאַרל מאַרקס איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן מאַי, 1818, אין דער פּרייסישער שטאָט טריר. זיין טאַטע, הירשעל מאַרקס, איז געווען אַ זון פון אַ רב מיטן נאָמען מאַרקס לעווי, וועלכער איז שפּעטער געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען מאַרקס. הירשעלס מאַמע, קאַרל מאַרקס׳ באָבע, חוה מאָזעס־לוואָוו, האָט אויך געשטאַמט פון דורות רבנים. אייניקע פון איר משפּחה זיינען געווען באַרימטע רבנים, ווי צ. ב. ר׳ מאיר קאַצענעלנבאָגען, דער ראש ישיבה פון פּאַדואַ, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1569, אָדער ר׳ יוסף בן גרשון הכוהן, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1591, אָדער דער באַוווּסטער תלמיד חכם ר׳ יהושע הערשעל לוואָוו, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1771. די גאַנצע משפּחה האָט פריער געוווינט אין העססיא. שפּעטער האָט זי אויסגעוואַנדערט קיין פּוילן (לוואָוו איז דער פּוילישער נאָמען פון לעמבערג), פון פּוילן האָבן זיי זיך שפּעטער אַריבערגעקליבן קיין דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין דער שטאָט טריר.

מאַרקס לעווי, קאַרל מאַרקסעס זיידע האָט געהאַט דריי זין. דער עלטערער פון זיי, שמואל, איז פּונקט ווי זיין טאַטע, אויך געוואָרן אַ רב. ער איז געשטאָרבן אין טריר אין יאָר 1827. הירשעל מאַרקס, קאַרל מאַרקס׳ טאַטע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1772. ער איז געווען אַ גאַנץ געבילדעטער מענטש. ער האָט פאַרלאָזן די עלטערנס הויז, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. ווען נאַפּאָלעאָן האָט פאַרנומען רהיינלאַנד, איז הירשל מאַרקס אָנגעקומען אויף אַ מלוכה־שטעלע. שפּעטער, ווען די פראַנצויזן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון רהיינלאַנד, און פרידריך ווילהעלם דער דריטער איז געוואָרן דער הערשער פון פּרייסן, האָט מען אַלע יידן באַזייטיקט פון זייערע

מלוכה־שטעלעס. אויך הירשעל מארקס האט פארלוירן זיין שטעלע, ווייל ער איז געווען א ייד און אזוי ווי פון זיין משפחה און פון יידנטום בכלל איז ער שוין געווען לאנג אפגעפרעמדט, האט ער כדי צו קאנען מאכן זיך א קאריערע ווי אן אדוואקאט, אנגענומען דעם פראטעסטאנטישן גלויבן און האט באקומען דעם נאמען הייגריך מארקס. דאס איז געשען אין יאר 1817, מיט א יאר פאר דעם איידער זיין זון קארל איז געבארן געווארן.

קארל מארקס׳ מאמע, וועלכע האט געשטאמט פון אן אונגאריש־יידישער פאמיליע, וועמענס אור־עלטערן האבן זיך נאך געהאט באזעצט אין רהיינלאנד, האט זיך ניט געוואלט שמדן אזוי לאנג ווי אירע עלטערן האבן געלעבט. זי האט אויך ניט געלאזט אפשמדן די קינדער. ערשט אין יאר 1824, ווען קארל איז שוין אלט געווען זעקס יאר, האט היינריך מארקס אפגעשמדט אלע זיינע זעקס קינדער — סאפיע, קארל, הערמאן, הענריעטע, לואיזע, עמיליע און קאראלינע. זיי זיינען געווארן מיטגלידער פון דער עוואנגעלישער קירך. די מאמע האט זיך געשמדט מיט א יאר שפעטער, ווען אירע טאטע־מאמע זיינען געשטארבן.

ווי די מערסטע קינדער פון געשמדטע עלטערן, האט אויך דער יונגער קארל מארקס קיין גרויסע ליבע צו יידישקייט און יידנטום ניט ארויסגעוויזן. „דער יידישער גלויבן״ — האט ער געשריבן ווען ער איז אלט געווען 25 יאר — „איז מיר אפשטויסנד״.

אויך וועגן יידנטום האט ער דעמאלסט געהאט ניט גאר קיין געהויבענע מיינונג. שפעטער האט ער זיינע מיינונגען געענדערט. נאר וועגן מארקס׳ באציונג צו יידן און יידישקייט שפעטער.

די מארקס־פאמיליע איז געווען א פארמעגלעכע, א קולטורעלע, אבער א קאנסערוואטיווע. ווען מארקס האט געענדיקט די גימנאזיע אין טריר, איז ער אנגעקומען אין אוניווערזיטעט פריער אין באן, דערנאך אין בערלין. דארט האט ער שטודירט יורידישע וויסנשאפטן, געשיכטע און פילאזאפיע.

אין יאר 1841 האט מארקס פארענדיקט דעם אוניווערזיטעט און ער האט זיך אריבערגעקליבן קיין באן, וואו ער האט געהאפט צו ווערן א פראפעסאר. אבער ער האט זיך באלד איבערצייגט, אז די רעאקציאנערע רעגירונג וועט ניט צולאזן אזא ראדיקאל ווי ער איז געווען צו לייענען לעקציעס אין באנער אוניווערזיטעט.

אין 1842 האט א גרופע בירגערלעכע ראדיקאלן אנגעהויבן ארויסגעבן אין קעלן אן אפאזיציאנעלע צייטונג — די „רהיינישע

צייטונג". מאַרקס און זיין פריינד ברונאָ באַוער זיינען איינגעלאַדן געוואָרן ווי מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין דעם 1טן יאַנואַר, 1842 און אין אָקטאָבער 1842, איז מאַרקס שוין געוואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן פון באָן קיין קעלן. אונטער מאַרקסעס רעדאַקציע האָט די צייטונג וואָס ווייטער אָנגענומען אַלץ אַ מער אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע ריכטונג. די רעגירונג האָט פון אָנהויב אונטערוואָרפן די צייטונג אונטער אַ דאָפּלטער און דרייפאַכער צענזור. דערנאָך האָט זי באַשלאָסן, דעם 1טן יאַנואַר 1843, זי אינגאַנצן צו פאַרמאַכן. מאַרקס איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן די צייטונג און אין מערץ 1843, איז די צייטונג צוגעמאַכט געוואָרן.

אין 1843 האָט מאַרקס חתונה־געהאַט מיט דער יונגער פרײַלין דזשעני פאָן וועסטפאַלן. נאָך אַלס קליינע קינדער פלעגן קאַרל און דזשעני זיך שפּילן צוזאַמען. דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרליבט. זי איז געווען מיט 4 יאָר עלטער פון אים. ווען קאַרל איז אַלט געוואָרן 17 יאָר און זי 21 זיינען זיי געוואָרן חתן־כלה. אָבער פונקט ווי יעקב אָבינו און רחל, אַזוי האָט אויך קאַרל מאַרקס געדאַרפט וואַרטן גאַנצע 7 יאָר ביז וואַנען דזשעניס עלטערן האָבן צוגעשטימט, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן.

דזשעניס פאָטער, באַראָן עדגאַר פאָן וועסטפאַלן, איז געווען אַ העכסט קולטורעלער אַריסטאָקראַט. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון שעקספּירן. ער האָט געקאָנט דעקלאַמירן אויף אויסווייניק פיל פּאָעמעס פון דעם גריכישן פּאָעט האָמער. אויך די מערסטע דראַמעס שעקספּירס האָט ער געקאָנט אויף אויסווייניק אויף דייטש און אויף ענגליש.

דזשעניס עלטערער ברודער איז אין די יאָרן 1850־1855 געווען מיניסטער פון אינערן אין פּרייסן, אַ צווייטער ברודער האָט שפּעטער, אין דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג, געקעמפט אין לינקאָלנס אַרמיי פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגערס.

זיין גאַנץ לעבן איז דערנאָך קאַרל מאַרקס געווען בוכשטעבלעך פאַרליבט אין זיין פרוי. זיין טאָכטער עלעאָנאָראַ שרייבט אין אירע דעראינערונגען: „אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן איז מאַרקס, וועלכער האָט, זייענדיק אַ סטודענט אין בערלין, צוגעשיקט דער פרײַלין, אין וועלכער ער איז געווען פאַרליבט, גאַנצע דריי העפטן מיט זיינע לידער, בוכשטעבלעך געווען פאַרליבט אין זיין פרוי... אַט ליגט פאַר מיר מיין פאָטערס אַ ליבעס־בריף. פון דעם ליידנשאַפטלעכן יוגנטלעכן

ברען, מיט וועלכן דער בריף איז געשריבן געוואָרן, וואָלט מען געקאָנט דענקען, אַז דער שרייבער איז אַן 18־יאָריקער בחור'ל. אָבער דעם דאָזיקן בריף האָט מאַרקס געשריבן אין יאָר 1856, ווען זיין הייס־געליבטע דזשעני האָט שוין אים מזכה געווען מיט זעקס קינדער".

„אָן דזשעני פֿאָן וועסטפֿאַלן" — שרייבט עלעאָנאָראַ מאַרקס — „וואָלט קאַרל מאַרקס קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן דאָס וואָס ער איז געווען. קיינמאָל זיינען צוויי לעבנס אַזוי ניט געווען ענג פֿאַרבונדן און דערגאַנצט איינע די אַנדערע".

דזשעני פֿאָן וועסטפֿאַלן האָט זיך אויסגעצייכנט פֿון טויזנטער אַנדערע מיט איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט — אַ שיינקייט, מיט וועלכער מאַרקס האָט שטענדיק שטאָלצירט און וועלכע האָט מיט איר קלאָרן קאָפּ און שאַרפֿזיניקייט — פּונקט ווי מיט איר שיינקייט — באַצויבערט אַזעלכע מענטשן ווי געאָרג הערוועג (אַ באַוואוסטער דייטשער דיכטער), היינריך היינע און פֿערדינאַנד לאַסאַל.

אין הערבסט, 1843, איז מאַרקס געקומען קיין פּאַריז, כדי אַרויס־צוגעבן אין אויסלאַנד, צוזאַמען מיט אַן אַנדער דייטשן ראַדיקאַל אַרנאָלד רוגע, אַ ראַדיקאַלן זשורנאַל — די „דייטש־פֿראַנצויזישע יאָרביכער", פֿון וועלכן עס איז אַרויס נאָר איין נומער. אין זיינע אַרטיקלען אין דעם דאָזיקן זשורנאַל טרעט מאַרקס צום ערשטן מאָל אַרויס ווי אַ רעוואָלוציאָנער און ער אַפּעלירט צו די מאַסן, צום פּראָלעטאַריאַט.

אין סעפּטעמבער, 1844, איז קיין פּאַריז געקומען אויף עטלעכע טעג פֿרידריך ענגעלס, וועלכער איז פֿון דעמאָלסט אָן געוואָרן מאַרקסעס נאָענטסטער פֿריינד. אין 1845 איז מאַרקס, אויף דער דרינגנדער פֿאָדערונג פֿון דער פּרייסישער רעגירונג, ווי אַ געפֿערלע־כער רעוואָלוציאָנער אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון פּאַריז. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין בריסעל, בעלגיע.

אין אירע אויטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצן, דערציילט קאַרל מאַרקסעס פֿרוי, דזשעני, אַז אין פּאַריז, אין יאָר 1844, זיינען זיי געווען נאָענט באַפֿריינדעט מיט היינען, מיט מאָזעס העסן און מיט הערוועגן. דעם 1טן מאַי, 1844, האָט זי געבאָרן איר ערשטע טאָכטער, זשעני. זעקס וואָכן נאָך דער קימפּעט איז זי אַוועקגעפֿאָרן מיט דעם קראַנקן קינד קיין טריר. אין סעפּטעמבער האָט זי זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז. דורך דער צייט פֿון איר אָפּוועזנהייט האָט מאַרקסן באַזוכט פֿרידריך ענגעלס. אַ גאַנצן הערבסט און ווינטער האָט מאַרקס געאַרבעט אויף זיין בראָשור: „די קריטיק פֿון קריטישער קריטיק", וועלכע איז פֿאַר־ענטפֿלעכט געוואָרן אין פֿראַנקפֿורט. „מאָזעס העס און זיין פֿרוי,

און איבערהויפּט היינע און הערוועג" — שרייבט זי — „האָבן צוזאַמענגעשטעלט אונדזער קרייז. פּלוצלונג אָנהויב 1849, איז צו אונדז געקומען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר מיט אַ באַפעל, וואָס האָט גע־לויטעט: „קאַרל מאַרקס דאַרף אין 24 שעה פאַרלאָזן פּאַריז". מיר פאַרזענלעך האָט מען דערלויבט צו פאַרבלייבן דאָרט אַ קורצע צייט און איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם אויסצופאַרקויפן די מעבל און אַ טייל פון אונדזערע וועש. צוויי טעג האָב איך געוואוינט ביי די הערוועגס, אָנפאַנג פעברואַר, אַ קראַנקע, אין אַ שרעקלעכער קעלט, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין בריסעל".

שפּעטער האָט מען מאַרקסן אַרעסטירט אין בריסעל און אַרויס־געשיקט פון בעלגיע. אין בריסעל האָט דזשעני געבוירן איר צווייטע טאָכטער לאַאוראַ.

„איך האָב שנעל איינגעפּאַקט אונדזערע זאַכן" — שרייבט דזשעני — „האָב פאַרקויפט דאָס, וואָס מען האָט נאָך געקענט פאַרקויפן, אָבער די טשעמאָדאַנעס מיטן זילבער (וואָס זי האָט געקראָגן פון אירע עלטערן אין נדן — ד. ש.) און מיט די בעסערע וועש האָב איך איבערגעלאָזט צייטווייליק אין בריסעל ביי דעם בוך־הענדלער פעגלער. אַזוי זיינען מיר אַוועקגעפאָרן פון בריסעל, נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָרט אָפּגעלעבט דריי יאָר צייט. עס איז געווען אַ זייער פינס־טערער, קאַלטער טאָג און אונדז איז זייער שווער אָנגעקומען אָנצור־וואַרעמען די קינדער, דאָס יינגסטע איז קוים אַ יאָר אַלט געווען".

פון בריסעל זיינען זיי דעמאָלסט געקומען קיין פּאַריז. דאָרט פלעגט זיי אָפט באַזוכן היינריך היינע. דער גרויסער סאַטיריקער היינע האָט אַ ביסל מורא געהאַט פאַר מאַרקסעס איראָניע און ער האָט זייער הויך געשעצט דעם שאַרפן דינעם מוח פון מאַרקסעס פרוי. מאַרקס האָט זייער הויך געשעצט היינען ווי אַ פּאָעט און שריפטשטעלער. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז זיינע וואונדערבאַרע לידער וועגן ליבע זיינען געווען בלויז אַ פּראָדוקט פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע. היינע האָט אין דער אמתן קיינמאָל ניט געהאַט קיין איין גליקלעכע ליבע און ווייניקער פון אַלץ האָט ער געפונען גליק אין זיין הייראַט.

מאַרקס האָט באַזוכט היינען אין פּאַריז אין דער לעצטער פעריאָדע פון זיין קראַנקייט. היינע איז געווען פּאַראַליזירט. ווען מאַרקס איז אַריינגעקומען האָט מען גראָד היינען איבערגעבעט דאָס געלעגער. ער איז געווען אַזוי קראַנק, אַז מען האָט זיך קוים צו אים געקאָנט צורירן. די קראַנקן־שוועסטער האָבן אים דעריבער געטראָגן אין בעט אין אַ ליילעך. היינען האָט אפילו אין דעם מאָמענט ניט פאַרלאָזן זיין הומאָר. מיט אַ זייער שוואַכער שטים האָט ער באַגריסט מאַרקסן:

„איר זעט, טייערער מארקס, דאָמען טראָגן מיר נאָך אַלץ אויף די הענט...״

2

אין יאָר 1844 האָט מארקס פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל אויף דער טעמע „צור יודען־פֿראַגע״. מארקס איז נאָך דעמאָלסט ניט געווען קיין סאָציאַליסט. ער איז געווען אַן איינפֿאַכער ראַדיקאַל און פֿריידענקער.

מאַרקס האָט דעם אַרטיקל געשריבן קעגן אַ צווייטן דייטשן ראַדיקאַל און פֿריידענקער, ברונאָ באַוער, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז אַזוי לאַנג ווי די יידן וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פֿון זייער רעליגיע, קאָנען זיי ניט און טאָרן ניט באַקומען קיין גלייכבאַרעכטיקונג אין דער קריסטלעכער מלוכה. באַווייזט מארקס אין יענעם אַרטיקל, אַז מען קאָן ניט פֿאַרבינדן די רעליגיעזע פּראָבלעם מיט פּאָליטישע פֿאָדערונגען, און אַז אויב עס איז אַפילו אמת, אַז מען מוז פריער פֿאַרניכטן די רעליגיע, כדי דער מענטש זאָל ווערן פולשטענדיק באַפרייט, איז עס אָבער ניט קיין מוז־זאַך ווען עס האַנדלט זיך וועגן געבן די יידן גלייכבאַרעכטיקונג מיט די דייטשן.

ברונאָ באַוער האָט אַרונטערגעריסן דאָס קריסטנטום, האָט מאַרקס אַרונטערגעריסן די יידישע רעליגיע. דער יונגער מאַרקס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם דייטשן פילאָזאָף לודוויג פֿייערבאַך. זיין ווערק „דאָס וועזער פֿון קריסטנטום״, איז פֿון מאַרקסן, ענגעלסן און פֿון די מערסטע אַנדערע דעמאָלסטיקע ראַדיקאַלן געלעזן געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג און מאַרקס רייד וועגן דער יידישער רעליגיע און וועגן דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס קלינגען היינט אַזוי מאָדנע, כמעט אַנטיסעמיטיש, זיינען צום גרעסטן טייל אַן איבערחזרונג פֿון דעם, וואָס פֿייערבאַך האָט וועגן דעם געשריבן.

אָבער דאָס איז דעמאָלסט ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַנטיסעמיטיזם. דר. יום־טוב ליפּמאַן צונץ, דער באַגרינדער פֿון דער וויסנשאַפֿט פֿון יידנטום, האָט מיט 17 יאָר פריער פֿאַר מאַרקסן, אין יאָר 1827, געשריבן: „די יידן און דאָס יידנטום, וועלכע מיר ווילן איבערבויען, איז צעריסן און איז געוואָרן דער רויב פֿון באַרבאַרן, נאַראָנים, געלט־וועקסלער, אידיאָטן, פרנסים... זיי זיינען פֿאַרפֿרעמדט צו דער אידעע און שקלאַפֿן פֿון עגאָאיזם״ (ציטירט אין דר. נחמן סירקינס פֿאָררעדע צו דער יידישער איבערזעצונג פֿון מאָזעס העסעס „רוים און ירושלים״).

דער פּייערדיקער ייִדישער נאַציאָנאַליסט, דער פֿאָטער פֿון סאָ־ציאַליסטישן ציוניזם, מאָזעס העס, וועלכער האָט פּאָלעמיזירט מיט מאַרקסן וועגן פאַרשיידענע פראַגן, האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט ניט אין זיינע אַרטיקלען און ניט אין זיינע פּריוואַטע בריוו מאַרקסעס „אַנטיסעמיטיזם" און דר. נחמן סירקין, דער באַגרינדער פון סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קענער סיי פון יידישער געשיכטע און סיי פון דער געשיכטע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, באַצייכנט אין דער זעלבער פאַררעדע צו העסעס בוך „רוים און ירושלים" מאַרקסעס „צור יודען־פראַגן" ווי אַ „גלענצנדע שריפט, וואָס איז פֿאַר אַ סך עד היום נאָך געבליבן אומפֿאַרשטענדלעך און שלעכט פֿאַרשטאַנען" (זייט 42).

אין פֿרילינג 1847, זיינען מאַרקס און ענגעלס צוגעשטאַנען צו דער געהיימער פּראָפּאַגאַנדע־געזעלשאַפֿט — דער „קאָמוניסטן־פֿאַר־איין". זיי האָבן אָנטיילגענומען אין דעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דעם דאָזיקן פֿאַראיין, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין נאָוועמבער, 1847, אין לאָנדאָן און אויפֿן אויפֿטראָג פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר האָבן זיי פֿאַרפֿאַסט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט", וועלכער איז דערשינען אין פֿעברואַר 1848. דער דאָזיקער „מאַניפֿעסט" האָט געזאָלט דינען ווי אַ פּראָגראַם פֿון טעטיקייט פֿון דעם „קאָמוניסטן־פֿאַראיין". דע־מאָלט האָט כמעט קיינער דעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" ניט באַ־מערקט. מיט יאָרן שפּעטער, אָבער, איז עס געוואָרן די פֿאָן פֿון די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען פֿון דער גאַנצער וועלט.

ווען עס איז אין פעברואַר 1848, אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין פּאַריז, איז מאַרקס אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בעלגיע. ער איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז און ווען עס האָט אין אַ מאָנאַט אַרום אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין קעלן. דאָרט איז פֿון 1טן יוני 1848, ביז דעם 19טן מאַי 1849, אַרויסגעגאַנגען די „נייע רהיינישע צייטונג", פֿון וועלכער מאַרקס איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. דעם 16טן מאַי 1848, האָט די פּרוי־סישע רעגירונג מאַרקסן אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד. ער איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, אָבער נאָך דער דעמאָנסטראַציע אין פּאַ־ריז, דעם 13טן יוני 1849, האָט מען אים פֿון פּאַריז אויך אַרויסגע־שיקט.

אפילו נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, ווען מאַרקס איז געווען אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, האָט ער אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן די פאַרשיידענע מויל־העלדן און רעוואָלוציאָנערע אוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן באַשולדיקט מאַרקסן און זיינע פריינד, אַז זיי האַלטן צוריק

די מאַסן פון מאַכן גלייך די סאָציאַלע רעוואָלוציע און איינפירן תיכף אַ קאָמוניסטישע אָרדענונג. מיט איינעם פון זיי, אַנדרעיוס גאָטשאַלק, אַ זון פון אַ יידישן קצב פון דיסעלדאָרף, וועלכער האָט געפּרעדיקט באָלשעוויסטישע אידעען און מעטאָדן, איידער לענין איז נאָך געבוירן געוואָרן, האָט מאַרקס אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף נאָך אין די פּערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען מאַרקס אַליין האָט נאָך געגלויבט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וועט ניט היינט־מאָרגן צוזאַמענברעכן. נאָך אין די פּערציקער יאָרן האָט מאַרקס געפּרעדיקט, אַז די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד קאָן זיין נאָר ווי אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, און אַז כדי די רעוואָלוציע זאָל זיגן, איז נויטיק אַ פאַראייניקונג פון אַלע דעמאָקראַטישע קרעפטן. און ערשט נאָך דעם ווי די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע וועט זיגן, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אָנהויבן אַ קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע מיטן צוועק איבערצונעמען די מאַכט אין זיינע הענט און איינפירן סאָציאַליזם. אַזוי האָט מאַרקס געדענקט אין 1850. און לענין האָט אין 70 יאָר אַרום אויף אים זיך באַרופן, ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן די מאַכט און איינפירן אַ קאָמוניסטישע דיקטאַטור. אָבער מאַרקס אַליין האָט שפּעטער געענדערט זיין מיינונג.

נאָך אין די פּערציקער יאָרן האָט מאַרקס ביטער באַקעמפט דעם דייטשן אַרבעטער ווילהעלם ווייטלינג, וועלכער האָט אויך געפּרעדיקט אַ מין באָלשעוויזם, און נאָך מער האָט מאַרקס שפּעטער באַקעמפט מיכאַאיל באַקונינען, דעם פאָטער פון אַנאַרכיזם, ווי אויך די אַלע וואָס האָבן געפּרעדיקט, אַז דער צוועק הייליקט די מיטלען, און אַז מען קאָן דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון אַ מינדערהייט, איינפירן סאָציאַליזם. דערפאַר טאַקע האָבן די דעמאָלסטיקע באָלשעוויקעס, די אַזוי גערופענע „בלאַנקיסטן", די אָנהענגער פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט אויגוסט בלאַנקי, ביי וועמען לענין האָט שפּעטער גענומען זיינע הויפּט־אידעען, אַזוי ביטער געהאַסט מאַרקסן. איינער פון זיי, באַרטעלמיע, האָט וועגן מאַרקסן געשריבן, אַז ער איז אַ פאַררעטער און „פאַרדינען דעם טויט".

אין 1849 האָט מאַרקס זיך איבערגעקליבן קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ער געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. אין 1850 יאָט מען זיי אַרויסגעזעצט פון דער דירה, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין מעבלירטע צימערן, פריער אויף לעסטער סטריט און שפּעטער אַ ביסל אויף דין סטריט, וווּ די קוואַרטיר איז געווען נאָך אַן אָרימערע: איין גרויסער צימער

און אַ צווייט קליין צימערל, וואָס האָט געדינט גלייכצייטיק ווי אַ קיך קאַבינעט און אויפנאַם־צימער.

איו 1851 האָט מאַרקס געשריבן צו ענגעלסן נאָכדעם ווי עס איז געבוירן געוואָרן זיין דריטע טאָכטער פראַנציסקאַ: „מיין פרוי האָט דעם 28טן מערץ געבוירן אַ קינד. דער קימפּעט איז געווען אַ לייכ־טער, אָבער איצט איז זי קראַנק, גיכער צוליב מאַטעריעלע סיבות איידער פיזישע. און ביי מיר אין הויז איז בוכשטעבלעך קיין פּעני נישטאָ. דערפאַר זיינען פאַראַן אַ סך רעכענונגען פון די קרעמערס, פון קצב, פון בעקער א. אַ... דו וועסט מסכים זיין, אַז דאָס אַלץ צוזאַמענ־גענומען איז ניט זייער קיין אָנגענעמער ענין און אַז איך בין ביז די אויערן פאַרזונקען אין אָט דעם קליינבירגערלעכן זומפּ, און אַלס צוגאַב צו דעם באַשולדיקט מען מיך נאָך, אַז איך האָב עקספּלואַטירט די אַרבעטער און געשטרעבט צו דיקטאַטור! עס איז שרעקלעך!"

אין יאָר 1851 האָט לואי נאַפּאָלעאָן דורכגעפירט אַ מלוכה־אי־בערקערעניש אין פראַנקרייך, און דעם נעקסטן פרילינג האָט מאַרקס אָנגעשריבן דעם בוך „דער 18טער בריומער פון לואי באָנאַפּאַרט", וואָס איז דערשינען אין ניו יאָרק. ער האָט געאַרבעט אויף דעם ווערק אין דעם קליינעם צימערל, אונטער די קינדערשע געשרייען און דעם הויזיקן הו־האַ.

„אויף איסטער פון זעלבן יאָר 1852, שרייבט דזשעני מאַרקס,

איז אונדזער אָרעמע קליינינקע פראַנציסקאַ קראַנק געוואָרן אויף בראָנכיט אין אַ שווערער פאָרם. דריי טעג האָט דאָס קינד זיך געמאַ־טערט. דאָס קליינינקע אָטעמלאָזע קערפּערל פון דער פאַרשטאָרבענער איז געלעגן אין קליינעם צימערל. מיר אַלע זיינען אַריבער אין פאָ־דער־צימער און ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכט, האָבן מיר זיך אויסגעבעט אויפן דיל — די דריי לעבעדיקע קינדער זיינען געלעגן צוזאַמען מיט אונדז. מיר אַלע האָבן באַוויינט דעם קליינעם מלאכעל, וואָס האָט גערוט אַ קאַלטע און בלייך געוואָרענע לעבן אונדז. דער טויט פון דער טייערער מיידעלע איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דעם פּע־ריאָד פון דער סאַמע ביטערסטער נויט אין אונדזער לעבן. אונדזערע דייטשע פריינט זיינען גראָד אין אָט דעם מאָמענט ניט געווען אימ־שטאַנד אונדז צו העלפן. בין איך דאַן אַ פאַרלוירענע אַוועקגעלאָפן צו אַ פראַנצויזישן עמיגראַנט, וועלכער האָט געוואוינט ניט ווייט פון אונדז און וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט פריער אונדז באַ־זוכט. ער האָט תיכף מיט דעם סאַמע פריינטלעכסטן מיטגעפיל מיר געגעבן צוויי פונט סטערלינג. פון דעם געלט האָבן מיר באַצאָלט פאַר

דעם קליינעם טרונעלע, אין וועלכן עס האָט ענדלעך גערוט אונדזער טייער קינד".

דעם 8טן סעפּטעמבער, 1852, האָט מאַרקס געשריבן צו ענגעלסן.

„מיין פרוי איז קראַנק, זשעניכען (די עלטערע טאָכטער) איז קראַנק. קיין דאָקטער האָב איך ניט געקאָנט און קאָן ניט רופן, ניט האָבנדיק קיין געלט אויף מעדיצינען. אין פאַרלויף פון 8־10 טעג האָט מיין פאַמיליע זיך געשפּייזט מיט ברויט און קאַרטאָפל און היינט איז נאָך צווייפלהאַפט צי איך וועל קאָנען קריגן אפילו דאָס".

3

אין יאָר 1851 איז מאַרקס געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער ניו יאָרקער טעגלעכער צייטונג „טריביון". אין יאָר 1846 איז דער נייער־רעדאַקטאָר פון דער „טריביון" געוואָרן דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער אַמעריקאַנער רעדאַקטאָר טשאַרלז א. דאַנאַ. ער און זיין פריינד אַלבערט בריסבעין (דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַוווּסטן לייט־אַרטיקל שרייבער פון די הוירסט־צייטונגען אַרטור בריסבעין), און רעווערענד דזשאָרדזש דזשעי. ריפּלי זיינען געווען אָנהענגער פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט שאַרל פוריע. אין „טריביון" האָבן דעמאָלט מיטגעאַרבעט די בעסטע ליטעראַרישע כוחות פון אַמעריקע און אויך פון אייראָפּע. אין יאָר 1848 האָט די צייטונג אַוועקגעשיקט דאַנאַן ווי אַ ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט קיין אייראָפּע. דאַנאַ איז געווען אין פּאַריז אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד, אין יוני 1848. פון דאָרט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין בערלין און פון בערלין קיין קעלן, וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און וואו מאַרקס איז נאָך פריער געווען טעטיק. בריסבעין האָט זיך נאָך פריער געהאַט באַקענט מיט מאַרקסן אין פּאַריז. האָט ער גערעטן דאַנאַן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט אויך מיט אים זיך באַקענען. דאַנאַ האָט באַזוכט מאַרקסן און פאַרבראַכט מיט אים אַן אַנגענעמען אָוונט. מאַרקס האָט אויף אים געמאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק. ווען דאַנאַ האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניו יאָרק, האָט ער עטלעכע מאָל געשריבן מאַרקסן, אַז ער פאָלגט שטענדיק נאָך מיט גרויס אינטערעס זיין טעטיקייט און ער האָט אים איינגעלאַדן צו קומען קיין אַמעריקע (מיט יאָרן שפּעטער האָט מאַרקס זיך געקליבן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע).

אין יאָר 1851 האָט דאַנאַ איינגעלאַדן מאַרקסן צו קאָרעספּאָנדירן פון אייראָפּע פאַר דער „ניו יאָרק טריבון". אין פאַרלויף פון אויגוסט, 1851, ביז סעפּטעמבער 1852, זיינען אין דער „טריביון" דערשינען 18 אַרטיקלען וועגן דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. זיי זיינען אַלע געווען אונטערגעשריבן מיט קאַרל מאַרקסעס נאָמען און זיינען שפּע־טער אַרויס אין אַ באַזונדערער בראָשור ווי קאַרל מאַרקסעס אַ ווערק. איצט אָבער ווייסן מיר, אַז מאַרקס האָט אַפילו קיין איינציקן פון אָט די 18 אַרטיקלען ניט געשריבן. מאַרקס איז דעמאָלט גראָד געווען שטאַרק פאַרנומען מיט שרייבן זיין ריזיק ווערק „קאַפּיטאַל", וועלכן ער האָט זיך געאיילט צו פאַרענדיקן וואָס שנעלער. האָט ער דעריבער געבעטן ענגעלסן, אַז ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן די אַרטיקלען פאַר דער „טריבון" און ענגעלס האָט עס געטאָן.

שפּעטער האָט ענגעלס פיל מאָל געשריבן פאַר מאַרקסן אַנדערע אַרטיקלען אינגאַנצן אָדער טיילווייז, פון אָנהויב האָט מאַרקס נאָך ניט געקענט גענוג ענגליש, פלעגט ער זיינע אַרטיקלען פאַר דער „טריבון" שרייבן אין דייטש און ענגעלס פלעגט זיי איבערזעצן אויף ענגליש.

אין פאַרלויף פון דעם ערשטן יאָר האָט מאַרקס געשיקט צו דער „טריבון" ניט ווייניקער ווי 60 אַרטיקלען. פאַר אַן אַרטיקל פלעגט ער אין אָנהויב באַקומען 1 פונט סטערלינג (5 דאָלאַר), שפּעטער האָט מען אים גענומען צאָלן 10 דאָלאַר פאַר אַן אַרטיקל, אָבער ניט אַלע אַרטיקלען האָט דער רעדאַקטאָר געדרוקט און פאַר די ניט־געדרוקטע פלעגט מאַרקס ניט באַקומען באַצאָלט.

„אין יאָר 1853 האָט מאַרקס אָנגעהויבן צו שרייבן צוויי אַרטיק־לען אַ וואָך פאַר דער „ניו יאָרק טריביון". זיי האָבן אין אַמע־ריקע אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. אַ דאַנק אָט דעם רעגולערן איינ־קונפט, האָט די מאַרקס־פאַמיליע געקענט ביז אַ געוויסן גראַד אויס־צאָלן די אַלטע חובות און לעבן רואיק.

אין יאַנואַר, 1855, איז געקומען אויף דער וועלט מאַרקסעס זעקסטע קינד. איר האָט מען אַ נאָמען געגעבן עלעאָנאָראַ, אָבער גערופן האָט מען זי פאַרצויגן „טוסי". זי איז געווען אַזאַ שוואַכע, אַז מען האָט יעדן טאָג דערוואַרט איר טויט. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מאַרקס דורכגעלעבט איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס אין זיין לעבן. זיין איינציקער זון עדגאַר, אָדער „מוש", ווי מען האָט אים גערופן פאַרצויגן, איז געשטאָרבן ביים טאַטן אויף די הענט. אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן האָט דאָס קינד געקעמפט מיטן טויט. אָט פלעגט אים ווערן בעסער און אָט ווידער ערגער. מאַרקס

איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דעם יינגל. דאָס יינגל איז געווען זייער באַגאַבט.

דעם 12טן אַפּריל, 1855, האָט מאַרקס געשריבן צו ענגעלסן:

„דאָס הויז איז, פאַרשטייט זיך, פאַריתומט געוואָרן מיטן טויט פון דעם טייערן יינגל, וועלכער איז געווען די נשמה פון הויז. מען קאָן ניט אויסדריקן מיט ווערטער ווי אַזוי אונדז פעלט אויף יעדן שריט אָט דאָס קינד. איך האָב שוין אריבערגעטראָגן פאַרשיידענע אומגליקן. איך פיל זיך איינגאַנצן אַ צעבראָכענער. צום גליק, איז פון דעם טאָג אָן פון דער לוויה ביי מיר אַזאַ שרעקלעכער קאָפּ־ווייטאָק, אַז איך קאָן ניט טראַכטן ניט הערן און ניט זעען".

אין מיטן פון יאָר 1857 — דערציילט דזשעני מאַרקס, אין אירע דעראינערונגען, — איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעבראָכן אַן עקאָנאָמישער קריזיס. די „ניו יאָרק טריביון" האָט געלאָזט וויסן מאַרקסן, אַז זי קאָן מער ניט דרוקן צוויי מאָל אַ וואָך זיינע אַרטיקלען. איז מאַרקס ווידער געבליבן אָן אַ שטענדיקן איינקונפט. צום גליק האָט דאַנאַ דעמאָלט אַרויסגעגעבן די „נייע אַמעריקאַנער ענציקלאָפּעדיע" און ער האָט מאַרקסן פאַרגעלייגט צו שיקן אַרטיקלען פאַר דער ענציקלאָפּעדיע וועגן מיליטערישע און עקאָנאָמישע פראַגן. אָבער אַזוי ווי דאָס איז פאַרגעקומען זייער ניט רעגלמעסיק, האָט מאַרקס ווידער געמוזט אָנקומען צו הלוואות, כדי צו קאָנען ווי עס איז דורכקומען. אין יענעם יאָר האָט מאַרקסעס פרוי, נאָכן טויט פון איר מוטער, באַקומען אַ קליינע ירושה און די מאַרקס־פאַמיליע איז געווען אימשטאַנד אַריבערצוקלייבן זיך אין אַ גראַמערער דירה, אויף גרעפטן סקוועַר.

„דעם 6טן יולי" — שרייבט דזשעני מאַרקס — „איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן דאָס זיבעטע קינד, אָבער בלויז כדי נאָר איין מאָל אָן אָטעם צו טאָן און אוועקגעטראָגן צו ווערן אויפן בית־עולם צו די איבעריקע טייערע ברידער און שוועסטער".

„יענעם ווינטער" — שרייבט דזשעני מאַרקס — „האָט קאַרל געאַרבעט אויף זיין בוך „צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע", פאַר וועלכן ער האָט שוין לאַנג געזאַמלט מאַטעריאַל. לאַסאַל, מיט וועמען ער איז געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען פון 1848טן יאָר אָן, האָט געפונען אין בערלין אַ פאַרלעגער פאַרן בוך... אין פרילינג, 1859, האָט קאַרל אַוועקגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט, וועלכן איך האָב איבערגעשריבן, און פון בערלין האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די קאָרעקטור־ליסטן. דעריבער האָט דאָס דרוקן דעם בוך זיך שטאַרק פאַרצויגן".

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויסגעבראָכן דער גרויסער בירגער־קריג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַלטע אייראָפּע האָט אויפגע־הערט צו אינטערעסירן אַמעריקע און די „טריביון" האָט געלאָזט וויסן מאַרקסן, אַז צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן קאָן זי ווייטער ניט דרוקן זיינע קאָרעספּאָנדענצן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר דער מאַרקס־פאַמיליע. עס האָבן זיך צוריקגעקערט די ליידן, זאָרגן און נויט פון מיט צען יאָר צוריק, מיט דעם אונטער־שייד, וואָס דעמאָלט זיינען די קינדער געווען קליינע און זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר אין הויז. איצט אָבער זיינען דאָס געווען דריי באַוווסטזיניקע בליענדע 15־16 יאָריקע מיידלעך.

„אויף אַזאַ אופן" — שרייבט דזשעני מאַרקס — „האָבן מיר זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דעם דייטשן שפּריכוואָרט: „קליינע קינדער — קליינע זאָרגן; גרויסע קינדער — גרויסע זאָרגן".

אין פרילינג 1860, איז קאַרל אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, ווייל עס איז געווען דרינגנד נויטיק צו קריגן געלט. אין בערלין האָט ער געוואוינט ביי לאַסאַלן און ער האָט זיך אָפּט געטראָפן מיט דער גרעפין האַטצפעלד (לאַסאַלס אַ נאָענטע פריינדין — ד. ש.), פון דאָרט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין האָלאַנד צו זיין אָנקל לעאָן פיליפּס, וועלכער האָט ווירקלעך גרויסמוטיק אים געליען געלט אָן פּראָצענטן...

אין סעפּטעמבער, 1861, האָט קאַרלען זיך איינגעגעבן דורך דער פאַרמיטלונג פון דאַנאַן צו באַנייען די פאַרבינדונגען מיט דער „ניו יאָרק טריביון". ער האָט זיי געדאַרפט שיקן איין אַרטיקל יעדע וואָך. גלייכצייטיק איז ער דורך לאַסאַלס אַ קוזין באַקאַנט געוואָרן מיטן רעדאַקטאָר פון דער ווינער צייטונג „פּרעסע", וועלכער האָט אים פאָרגעשלאָגן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער פון אָט דער ליבעראַ־לער צייטונג. צום באַדויערן האָט אין פרילינג, 1861, קאַרל אויפגע־הערט צו אַרבעטן פאַר דער „טריביון" און זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער ווינער „פּרעסע" האָט אויך לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. איצט האָט קאַרל פלייסיק זיך גענומען אַרבעטן אויף צו פאַרענדיקן זיין גרויסע ווערק („קאַפּיטאַל") און ער האָט געקראָגן פאַר דעם אַ פאַר־לעגער אין האַמבורג".

נאָך אין דעצעמבער 1853, האָט דזשעני מאַרקס געשריבן צו אַ באַקאַנטן, אַז קאַרל אַרבעט בייטאָג פאַרן שטיקל ברויט, שיקענדיק צוויי קאָרעספּאָנדענצן אַ וואָך צו דער „ניו יאָרק דעילי טריביון" און ביינאַכט זיצט ער איבער ביכער, כדי צו פאַרענדיקן זיין „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", ער גרייט צו דעם ערשטן באַנד פון זיין „קאַפּיטאַל", און זי האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועט זיך געפינען אַ

פֿאַרלעגער פֿאַר זיין ווערק. מאַרקס אַליין אָבער האָט ניט געטיילט איר האָפֿענונג.

„קאַפּיטאַל", פֿלעגט מאַרקס זאָגן, „וועט מיר ניט אומקערן אַפֿילו דאָס, וואָס עס האָבן מיר אָפּגעקאָסט די סיגאַרן, וועלכע איך האָב אויסגערויכערט אַרבעטנדיק אויף אים".

(מאַרקס איז געווען אַ לײַדנשאַפֿטלעכער רויכערער).

4

די ערשטע יאָרן אין לאָנדאָן האָט מאַרקס, ווי געזאָגט, געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און נויט. עס זיינען געווען צייטן, ווען די מאַרקס־פֿאַמיליע פֿון פֿינף פּערזאָן האָט געלעבט אין צוויי קליינע צי־מערן און מאַרקס האָט ניט געקאָנט אַרויסגיין פֿון הויז, ווייל זיינע קליידער זיינען געווען פֿאַרזעצט אין לאָמבאַרד. און ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, האָט מען ניט געקאָנט רופֿן אַ דאָק־טער, ווייל עס איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן דעם דאָקטער און קויפֿן מעדיצין.

דעם 11טן מערץ, 1861, האָט דזשעני מאַרקס געשריבן פֿון לאָנ־דאָן צו איר פֿריינדין לואיזע ווײַדעמייער אין אַמעריקע:

„מיין טייערע פֿרוי ווײַדעמייער! „היינט אין דער פֿרי האָב איך באַקומען אייער ליבלעכן בריוו און כדי איר זאָלט וויסן ווי איך האָב זיך פֿון גאַנצן האַרצן דערפֿרייט מיט אים, זעץ איך זיך גלייך אַוועק און שרייב אייך אויספֿירלעך וועגן אַלץ.

„אין די ערשטע יאָרן פֿון אונדזער זיין דאָ איז אונדז געווען זייער שווער. נאָר איך וויל זיך היינט ניט אָפּשטעלן אין געדאַנק אויף די אַלע טרויעריקע דערפֿאַרונגען, אויף די אַלע פֿאַרלוסטן, וואָס מיר האָבן געליטן. איך וויל זיך ניט דערמאָנען וועגן אונדזערע טייע־רע קינדער, וואָס זיינען פֿון אונדז אַוועק, וואָס זייערע געשטאַלטן האַלטן מיר אין טיפֿן טרויער שטענדיק אין האַרצן.

„דערלויבט מיר היינט דערציילן אייך וועגן דעם נייעם פּעריאָד אין אונדזער לעבן, און וועלכן עס זיינען צוגלייך מיט די פֿילע פֿינסטערע זייטן נאָך פֿאַראַן אויך אייניקע פֿרייליכע, זוניקע מאָמענטן.

„אין יאָר 1856 בין איך מיט מיינע דריי לעבעדיק־פֿאַרבליבענע טעכטערלעך אַוועקגעפֿאָרן קיין טריר (איר געבורטס־שטאָט אין דייטשלאַנד) מיין מאַמע האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט ווען זי האָט מיך דערזען און די אייניקלעך, אָבער די פֿרייד האָט, לײַדער,

לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די סאַמע איבערגעבנסטע און בעסטע פֿון די מאַמעס איז קראַנק געוואָרן און נאָך עלף־טאָגיקע ליידן האָט זי צו־געמאַכט אירע ליבלעכע, מידע אויגן, וועלכע האָבן אין דער לעצטער מינוט בענטשנדיק געקוקט אויף מיר און אויף די קינדער. אייער מאַן, וועלכער האָט גוט געקענט מיין צערטלעכע מוטער, וועט בעסער ווי ווער עס איז פֿאַרשטיין מיין ווייטאָג. מיר האָבן מקבר־געווען די היים־געליבטע מאַמע און איך בין ווידער אַוועק פֿון טריר, נאָכדעם ווי איך האָב געבראַכט אין אָרדענונג דער מאַמעס קליינער ירושה און זי צעטיילט צווישן מיין ברודער עדגאַר און מיר.

„אין לאָנדאָן האָבן מיר ביז דעמאָלסט געלעבט אין צוויי אָרעמע מעבלירטע צימערן. מיט עטלעכע הונדערט טאַלערן פֿון דער מאַמעס ירושה האָבן מיר געדונגען אַ קליינע הייזקע ניט ווייט פֿון דעם פּראַכטפֿולן העמפּסטעד הים, אין וועלכער מיר וואוינען עד היום. דאָס איז ווירקלעך אַ פּריצישע וואוינונג, אין פֿאַרגלייך מיט די פֿריער־דיקע לעכער, אין וועלכע עס איז אונדז אויסגעקומען צו וואוינען... די גאַנצע וועש און די אַנדערע רעשטלעך פֿון דעם פֿריערדיקן גאַרדע־ראָב אונדזערן האָבן מיר אויסגעקויפֿט פֿון לאָמבאַרד, ווו זיי זיינען געווען פֿאַרזעצט... איבעריקנס האָט דער יום־טוב לאַנג ניט געדויערט. אינגיכן איז אונדז אויסגעקומען ווידער צו טראָגן איין זאַך נאָך דער צווייטער אין „פּאָפּ־האַוז" (אַזוי רופֿן די קינדער דעם לאָמבאַרד). דאָך זיינען מיר אַ געוויסע צייט געווען אימשטאַנד צו פֿרייען זיך מיט דעם לעבנס־קאָמפֿאָרט, וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט. אָבער מיטאַמאָל איז אָנגעקומען דער ערשטער אַמעריקאַנער קריזיס און ער האָט פֿאַרקלענערט אונדזערע אייננאַמעס אויף אַ העלפֿט. ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס אָרעמע לעבן מיט די חובות. מיר זיינען געצוואונגען געווען צו באָרגן געלט, כדי צו קאָנען פֿאָרטזעצן ווי פֿריער די נאָרוואָס אָנגעהויבענע דערציאונג פֿון די מיידלעך.

און איצט גיי איך אַריבער צו דעם שענסטן אין אונדזער עקזיס־טענץ, צו דער ליכטיקער זייט פֿון אונדזער לעבן — צו אונדזערע ליבע קינדער. איך בין זיכער, אַז אייער מאַן, וועלכער האָט ליב געהאַט אונדזערע מיידלעך ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער, וואָלט זיך איצט נאָך מער געפֿרייט, זעענדיק זיי ווי שלאַנקע, בליענדע יונגע פֿריילינס. זשעני וועט דעם 1טן מאַי ווערן 17 יאָר. לאַאוראַ איז געוואָרן 15 יאָר. ביידע פֿאַרמאָגן זיי טייערע הערצער, גוטע נייגונ־גען, באַשיידנקייט און מיידלשע שעמעוודיקייט. אין שולע האָבן זיי ביידע שטענדיק געקראָגן די ערשטע פּרייזן. זיי באַהערשן פֿריי

די ענגלישע שפּראַך און קענען גאַנץ גוט אויך פראַנצויזיש. אויף איטאַליעניש פאַרשטייען זיי דאַנטען און לייענען אויך אַ ביסל שפּאַניש. נאָר מיט דער דייטשער שפּראַך קומט עס זיי אָן שווער, הגם איך באַמי זיך פון צייט צו צייט צו רעדן מיט זיי אויף דייטש. זיי גייען תמיד ניט גערן איין אויף דעם און דאָ העלפט אַפילו ניט מיין אויטאָריטעט און זייער רעספּעקט פאַר מיר. זשעני האָט ספּעציעלע פעיקייטן צו צייכענען און די שענסטע באַצירונגען פון אונדזערע צימערן זיינען אירע בלייפעדער עסקיזן. לאַאורא לערנט זיך פּלייסיק שפּילן פּיאַנאָ און זי זינגט זייער ליבלעך מיט דער שוועסטער דייטשע און ענגלישע דועטן. ליידער, האָבן די מיידלעך אָנגעהויבן זייער שפּעט לערנען מוזיק, אומגעפער מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק. קריגן געלט פאַר דעם איז געווען איבער אונדזערע כוחות. דערצו נאָך האָבן מיר ניט געהאַט קיין פּיאַנאָ און די איצטיקע פּיאַנאָ, וועלכע איך האָב גענומען אויף פּראָקאַט, איז אַן אמתע חורבה.

„די מיידלעך פאַרשאַפן אונדז אַ סך פרייד מיט זייער ליבלעכן באַשיידענעם כאַראַקטער און זייער יינגערע שוועסטערל ווערט פשוט פאַרגעטערט פון דער גאַנצער פאַמיליע. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן פּונקט דאַן ווען עס איז געשטאָרבן אונדזער אָרעמער טייערינקער עדגאַר. די גאַנצע ליבע צום ברודער, די גאַנצע צערטלעבקייט צו אים איז איצט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער קליינער שוועסטערל, וועמען די עלטערע מיידלעך האָבן געניאַנטשעט כמעט מיט אַ מוטערלעכער געטריישאַפט. דאָס קינד רעדט דייטש אויסערגעוויינלעך קאָרעקט און פּינקטלעך. דאָס מיידעלע איזווירקלעך קאַרלס (מאַרקסעס) ליבלינג און מיט איר געלעכטער און צוויטשערן מאַכט זי אים פאַרגעסן זיינע זאָרגן.

„פאַר אַ יאָרן האָב איך מיטאַמאָל דערפילט זייער שלעכט. ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע היץ. מען האָט געמוזט רופן אַ דאָקטער. ער איז געקומען דעם צוואַנציקסטן נאָוועמבער, האָט לאַנג און זאָרגפעליק מיך אויסגעהערט און נאָך אַ לענגערן שווייגן האָט ער געזאָגט: „טייערע פרוי מאַרקס, מיט באַדויערן מוז איך אייך זאָגן, אַז איר האָט פּאָקן. די קינדער דאַרפן תיכף פאַרלאָזן דאָס הויז”. איר קאָנט זיך פאַרשטעלן די שרעק, וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן. וואָס טוט מען? די ליבקנעכטס האָבן פאַרגעלייגט אַריינצונעמען צו זיך די קינדער און בייטאָג זיינען די מיידלעך מיט זייערע קליינע פּעקלעך אַוועק אין „גלות”.

„מיר איז מיט יעדער שעה געוואָרן אַלץ ערגער. עס האָבן זיך באַוויזן די שרעקלעכע סימנים פון פּאָקן. איך האָב זייער, זייער פיל געליטן...

„איך האָב נאָך ניט באַוויזן אויפצושטייען פון בעט ווי עס איז קראַנק געוואָרן מיין טייערער קאַרל. די אויסערגעוויינלעכע שרעק און די פאַרשיידענע זאָרגן און צרות האָבן געבראַכט דערצו, אַז ער האָט זיך געמוזט אַוועקלייגן. צום ערשטן מאָל האָט זיין כראָנישע לעבער־קראַנקייט אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער. אָבער נאָך פיר וואָכן פון ליידן איז ער, גאָט צו דאַנקען, צוריקגעקומען צו זיך. דערהוייל האָט די „ניו יאָרק טריביון" אונדז צוריק אַריבערגעפירט אויף האַלבן געהאַלט. דערצו נאָך די מוראַדיקע אויסגאַבן ביי דער שרעקלעכסטער פון אַלע קראַנקייטן. מיט איין וואָרט, איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ ווינטער דאָס איז געווען פאַר אונדז. אין רעזולטאַט פון די אַלע געשיכטעס האָט קאַרל באַשלאָסן צו מאַכן אַ „האָלד־אַפּ" אויף האָלאַנד, דאָס לאַנד פון זיינע אבות, פון טאַבאַק און פון קעז. ער וויל פּרובירן אַרויסנאַרן ביי זיין אָנקל אַ ביסל געלט. אויף אַזאַ אופן בין איך אין דער מינוט אַ שטרויענע אַלמנה און איך וואַרט, צי וועט זיך איינגעבן אָט די גרויסע האָלענדישע עקספּעדיציע. שבת האָב איך פון אים באַקומען דעם ערשטן האָפֿע־נונגספולן בריוו צוזאַמען מיט זעכציק גולדן. נאַטירלעך, אַזאַ זאַך מאַכט זיך ניט אַזוי שנעל: מען דאַרף זיין אַ דיפּלאָמאַט און האַנדלען פאָרזיכטיק. דאָך האָף איך, אַז קאַרל וועט פון דעם לאַנד אַריינקריגן אַ סאָלידן צינז. אַזוי שנעל ווי קאַרל וועט דערגרייכן אַ געוויסן דערפאָלג אין האָלאַנד, וועט ער זיך אין געהיים אַריבערכאַפּן קיין בערלין, אָנצוטאַפּן דאָרט דעם באָדן און אויב מעגלעך אָרגאַניזירן אַ מאָנאַט־שריפט, אָדער אַ וואָכנבלאַט. די דערפאַרונג פון דער לעצטער צייט האָט אונדז גענוג איבערצייגט, אַז אָן אַן אייגענעם אָרגאַן קאָן מען זיך ניט באַגיין".

פון דעם האָט זיך דעמאָלסט גאָרניט אויסגעלאָזט. מאַרקס האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן. ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט, קען מען זאָגן. שלאָפן פלעגט ער גיין שפּעט אין דער נאַכט, אָבער צווישן אַכט און ניין אין דער פרי איז ער שוין געווען אויף, האָט געטרונקען שוואַרצע קאַווע, ליינענדיק די צייטונגען און דערנאָך פלעגט ער אַוועק אין זיין אַרבעטס־צימער, וווּ ער פלעגט אַרבעטן אָפט ביז דריי אַ זייגער אין דער נאַכט. ער פלעגט נאָר מאַכן איבער־רייסן פאַרן עסן און אין אָוונט צו מאַכן אַ שפּאַציר, אויב דער וועטער האָט עס דערלויבט. ביי טאָג פלעגט ער אַ שעה אָדער צוויי

שלאָפֿן אויף זיין סאָפֿע. אין דער יוגנט פֿלעגט מארקס אַמאָל אָפּזיצן ביי דער אַרבעט גאַנצע נעכט. אַרבעט איז געוואָרן מאַרקסעס לײדנ־שאַפֿט. ער איז אַזוי שטאַרק געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, אַז ער פֿלעגט אָפֿט פֿאַרגעסן וועגן עסן. ניט זעלטן פֿלעגט מען אים דאַרפֿן רופֿן צו מיטאָג עטלעכע מאָל, ביז וואַנען ער פֿלעגט ענדלעך אַרונטערקומען אין עס־צימער, און אַזוי שנעל ווי ער פֿלעגט פֿאַרענ־דיקן עסן, פֿלעגט ער תיכף צוריקגיין צו זיך אין קאַבינעט.

מאַרקסעס אָרגאַניזם האָט געמוזט זיין זייער אַ שטאַרקער צו קאָנען אַריבערטראָגן אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אַרט לעבן און אַזאַ אויסמאַטערנדיקע גייסטיקע אַרבעט. זיין איידעם, פּאָל לאַפֿאַרג, שרייבט, אַז ווען מאַרקס וואָלט אין דער יוגנט זיך אַ סך פֿאַרנומען מיט גימנאַסטיק, וואָלט ער געווען אַ זייער שטאַרקער מענטש. אָבער די איינציקע פֿיזישע איבונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט רעגולער, זיינען געווען זיינע שפּאַצירן. ער פֿלעגט קאָנען גיין צופֿוס שעהען־לאַנג, שמועסנדיק און רייכערנדיק און ער פֿלעגט קיינמאָל ניט מיד ווערן. אַפֿילו אין זיין קאַבינעט פֿלעגט ער אַרבעטן מערסטנס אַרומ־גייענדיק הין און צוריק. ער פֿלעגט זיך צוזעצן נאָר פֿאַר אַ קורצער צייט, כדי צו פֿאַרשרייבן דאָס, וואָס ער האָט דורכגעטראַכט ביים אַרומגיין איבערן צימער. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן אַרומ־גייענדיק און נאָר פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלן, ווען דער געשפּרעך איז געוואָרן באַזונדערס לעבהאַפֿטיק, אָדער זייער ערנסט.

מאַרקסעס קאַבינעט האָט זיך געפֿונען אויפֿן צווייטן שטאָק. ביי די ווענט פֿון ביידע זייטן פֿון קאַמין און אַנטקעגן פֿענסטער זיינען געשטאַנען ביכער־שראַנקן, וועלכע זיינען געווען אָנגעפּילט מיט ביכער, מיט פּעקלעך צייטונגען און מאַנוסקריפּטן. אַנטקעגן קאַמין זיינען געשטאַנען צוויי טישן, וועלכע זיינען געווען אָנגעוואַלגערט מיט פּאַפּירן, ביכער, צייטונגען. אין מיטן צימער, וווּ עס איז געווען אַ סך ליכט, איז געשטאַנען ניט קיין גרויסער אַרבעטס־טיש און אַ הילצערנע שטול. צווישן דער שטול און די ביכער־שראַנקן, אַנטקעגן פֿענסטער, איז געשטאַנען אַ לײדיקע סאָפֿע, אויף וועלכער מאַרקס פֿלעגט פֿון צייט צו צייט זיך צוליגן אָפּרוען.

מאַרקס פֿלעגט קיינעם ניט לאָזן ברענגען אין אָרדענונג זיינע ביכער און פּאַפּירן. עס האָט זיך נאָר אויסגעדוכט, אַז זיי זיינען געלעגן אין אומאָרדענונג. אין דער אמתן איז יעדעס פּאַפּירל געווען אויף זיין באַשטימטן פּלאַץ און מאַרקס האָט ניט זוכנדיק תיכף געקאָנט נעמען דעם בוך אָדער דעם העפֿט, וועלכן ער האָט נויטיק

געהאַט. אַפּילו אין אַ געשפּרעך פּלעגט ער זיך אויך אָפּט אָפּשטעלן כדי אָנצוווייזן אין אַ בוך אַ געוויסע ציטאַטע, אָדער אַ ציפער.

ביכער זיינען פאַר אים געווען גייסטיקע אינסטרומענטן, ניט קיין לוקסוס־אַרטיקלען. „זיי זיינען מיינע שקלאַפן" — פלעגט ער זאָגן — „און זיי דאַרפן מיר דינען אַזוי ווי איך וויל". ער האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם איינבונד, דעם פאָר־מאַט, אָדער דער שיינקייט פון דעם פּאַפּיר פון בוך. און ער האָט די ביכער צעשטעלט אין אַ געוויסער אָרדענונג, אַז ער זאָל קאָנען גלייך געפינען יעדן בוך, ווען ער האָט אים נויטיק געהאַט פאַר זיין אַרבעט. קיין אויפשריפטן אויף די ביכער האָט ער ניט געמאַכט, אָבער זייער אָפט פלעגט ער זיך ניט קאָנען איינהאַלטן צו שטעלן פראַגע־צייכנס אָדער אויסרוף־צייכנס דאָרט, וווּ ער האָט געדענקט, אַז דער פאָר־פאַסער איז ניט גערעכט.

מאַרקס איז געווען אַ גרויסער לינגוויסט. ער האָט געלייענט אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן — דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש האָט ער אַפּילו געשריבן אַזוי, אַז אַלע קענער פון די דאָזיקע שפּראַכן האָבן אים פּשוט באַוווּנדערט. היינעס און געטעס ווערק, וועלכע ער פלעגט אָפט ציטירן, האָט ער געקאָנט אויף אויסווייניק. ער האָט שטענדיק געלייענט פּאָעזיע. אַלע יאָר פלעגט ער נאָך אַ מאָל איבער־לייענען אין אָריגינאַל דעם גריכישן דיכטער עסכילעס. אים און שעקספּירן האָט ער ליב געהאַט ווי די צוויי גרעסטע דראַמאַטישע זשעניען, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעגעבן. שעקספּירן האָט ער באַזונדערס ליב געהאַט און האָט אים ספּעציעל שטודירט. דער איטאַליענישער דיכטער דאַנטע און דער ענגלענדער בוירנס זיינען געווען זיינע באַליבטסטע פּאָעטן.

מאַרקס האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט צו לייענען ראָמאַנען. העכער פון אַלע ראָמאַניסטן האָט ער געשטעלט דעם שפּאַניער סער־וואַנטעסן, דעם פאַרפאַסער פון „דאָן־קיכאָט" און דעם פראַנצויז באַלזאַקן.

צו 50 יאָר האָט מאַרקס אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר צייט זיך אויסגעלערנט רוסיש. פון די רוסישע שריפטשטעלער האָט ער באַ־זונדערס געשעצט פּושקינען, לערמאָנטאָוון, גאָגאָלן, טורגעניעוון און סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען.

טורגעניעוו, האָט ער געהאַלטן, האָט אויסערגעוויינלעך ריכטיק געשילדערט די אייגנאַרטיקייט פון דעם רוסישן פאָלק מיט זיין סלאַ־ווישער איינגעהאַלטענער עמאָציאָנעלקייט. אין דער באַשרייבונג פון דער נאַטור, האָט ער געהאַלטן, האָט קיין אַנדער שריפטשטעלער פון

דער וועלט־ליטעראַטור ניט איבערגעשטיגן לערמאָנטאָוון. יעדנפֿאַלס האָט זעלטן ווער דערגרייכט אַזאַ מייסטערשאַפֿט. פֿון די שפּאַנישע שריפֿטשטעלער האָט ער באַזונדערס ליב געהאַט קאַלדעראָנען. ער האָט געהאַט ביי זיך איינציקע פֿון זיינע ווערק און ער פֿלעגט זיי אָפֿט לייענען הויך אויפֿן קול.

מאַרקס איז אויך געווען אַ גרויסער און ליידנשאַפֿטלעכער מאַטע־מאַטיקער. ער האָט געהאַלטן, אַז די וויסנשאַפֿט וועט נאָר דאַן דער־גרייכן פֿולקומענקייט, ווען איר וועט זיך איינגעבן צו באַנוצן זיך מיט מאַטעמאַטיק (וואָס דאָס איז טאַקע אין צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט געשען).

אַפֿילו מאַרקס ביטערע קעגנער האָבן געמוזט אָנערקענען זיינע גרויסע און טיפֿע קענטעניש ניט נאָר אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נאָר אויך אין געשיכטע, פֿילאָזאָפֿיע און אין דער ליטעראַטור פֿון אַלע פֿעלקער.

מען האָט אָבער געדאַרפֿט זען מאַרקסן ביי זיך אין הויז, אין קרייז פֿון זיין פֿאַמיליע, ווען ער פֿלעגט אַוועקלייגן אָן אַ זייט זיינע ביכער און העפֿטן און פֿאַרברענגען מיט דער ווייב און קינדער, אָדער מיט גוטע פֿריינד. אין יענע מאָמענטן איז ער געווען אַ זייער אָנגענעמער שמועסער אַ פֿריילעכער, שאַרפֿזיניקער פֿול מיט הו־מאָר, און ער האָט געקאָנט זיך קייכן פֿון געלעכטער.

5

דער וועלט־באַרימטער רוסישער געלערנטער, היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, פּראָפֿעסאָר מאַקסים קאָוואַלעווסקי, וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלעבט אין לאָנדאָן און איז געווען אַן אָפֿטער אריינגייער צו מאַרקסן אין הויז, האָט אין יאָר 1910 געשריבן אין דעם פּעטערבורגער ליבעראַלן זשורנאַל „וועסטניק יעוראָפּי“:

„די מערסטע מענטשן האָבן ניט קיין ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פֿון דעם מענטשן, וועלכער האָט געפּרעדיקט קלאַסן־קאַמף ווי דעם איינציקן מיטל פֿאַר די אַרבעטער צו דערשלאָגן זיך סאָציאַלע גערעכטיקייט. געוויינלעך שטעלט מען זיך פֿאָר מאַרקסן ווי אַן אָנגעבלאָזענעם גרויסהאַלטער, וואָס האָט אָפּגעלייקנט די בור־זשואַזע וויסנשאַפֿט און די בורזשואַזע קולטור. אין דער אמתן איז מאַרקס געווען אַ העכסט־דערצויגענער ענגליש־דייטשער דזשענטעל־מאַן, וועלכער האָט פֿון זיין נאָענטסטער פֿריידנשאַפֿט מיט היינען

אַרויסגעטראָגן אַ פרייַלעכקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פּאָעזיע פון שאַרפזיניקער סאַטירע... איך בין אַליין אַ מאָל געווען דערביי ווי מאַרקס האָט פלינק דורכגעמאַרשירט מיט זיינע דאַמען אונטער די קלאַנגען פון מוזיק אין אַ פייערלעכן טאַנץ. ער האָט ליב געהאַט צו גיין מיט באַקאַנטע אין טעאַטער צו הערן סאַלוויניען (אַ באַרימטער אַקטיאָר) אין דער ראָלע פון שעקספּירס „האַמלעט", אָדער אָטעלאָ, וועמען ער האָט געשטעלט העכער פון סאַלוויניען".

מאַרקס איז געווען אַ צאַרטער, גוטער פאָטער. „קינדער" — פלעגט ער זאָגן — „דאַרפן דערציען זייערע עלטערן". אין זיין באַציאונג צו זיינע טעכטער איז ניט געווען קיין שאָטן פון פאָטערלעכער מאַכט. די טעכטער זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אים. ער האָט קיינמאָל קיין זאַך זיי ניט באַפוילן. ווען ער האָט געוואָלט עפּעס פון זיי, פלעגט ער זיי בעטן, אַז זיי זאָלן אים טאָן אַ געפעליקייט, אָדער ער פלעגט מיט זיי איינטענהן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דעם וואָס אים איז ניט געווען ווינטשנסווערט. אין די אויגן פון די טעכטער איז ער געווען אַ פריינד און זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ חבר. זיי האָבן אים גערופן, ניט „פּאַפּאַ", נאָר „מאָאָר" — אַזוי האָט מען מאַרקסן אַ צונאָמען געגעבן פאַר דעם טונקעלן קאָליר פון זיין פּנים און פאַר זיינע פעך־שוואַרצע האָר און באָרד. די מיטגלידער פון „קאָמוניסטן־פאַראיין" האָבן גראָד נאָך אין 1848 אים גערופן „פּאַפּאַ מאַרקס", כאָטש ער איז נאָך דעמאָלסט קיין דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען.

מאַרקס פלעגט אַמאָל גאַנצע שעהן פאַרברענגען מיט די קינדער זונטיק פלעגן די קינדער אים ניט לאָזן אַרבעטן, ער איז דעם גאַנצן טאָג געווען אין זייער רשות. אויב דער וועטער איז געווען גוט, פלעגט די גאַנצע פאַמיליע אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט. אויפן וועג פלעגן זיי אַריין אין אַן איינפאַכן סאַלאָן, (שיינק) אויסטרינקען אַ גלאָז ביר און פאַרבייסן מיט ברויט און קעז. ווען די טעכטער זיינען נאָך געווען קליינע, פלעגט מאַרקס, כדי צו פאַרקירצן דעם לאַנגן וועג, זיי דערציילן צויבערהאַפטע מעשהלעך, וואָס פלעגן זיך ציען אָן אַ סוף. ער פלעגט די מעשהלעך אַליין אויסטראַכטן, און די קינדער פלעגן אַזוי פאַרכאַפּט ווערן פון זיי, אַז זיי פלעגן פאַרגעסן וועגן זייער מידקייט.

מאַרקס האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע פּאָעטישע פאַנטאַזיע. זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס זיינען געווען לידער. מאַרקסעס פרוי האָט זאָרגפעליק אָפּגעהיט די יוגנט־לידער פון איר מאַן, אָבער זי האָט זיי קיינעם ניט געוויזן.

מאַרקסעס עלטערן האָבן געטרוימט וועגן אַ ליטעראַרישער אָדער פּראָפעסאָרישער קאַריערע פאַר זייער זון. לויט זייער מיינונג האָט ער זיך דערנידעריקט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און האָט אויסגעקליבן פאַר זיין קענג־שטאַנד פּאָליטישע עקאָנאָמיע, צו וועלכער מען האָט אין דעם דעמאָלסטיקן דייטשלאַנד זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג. מאַרקס האָט געהאַט אַ סך פּלענער, וועלכע זיינען געבליבן ניט פאַרווירקלעכט.

נאָך אין יאָר 1848 איז קאַרל מאַרקס באַפריינדעט געוואָרן מיט לאַסאַלן זיי זיינען געוועז אויף „דו" און האָבן דערנאָך, ביז לאַסאַלס טויט פון אַ דועל, אין 1864 זיך דורכגעשריבן. מאַרקס האָט אַ קורצע צייט געוואוינט ביי לאַסאַלן אין בערלין און לאַסאַל האָט אין 1862 באַזוכט מאַרקסן אין לאָנדאָן. לאַסאַל, וועלכער איז געוועזן פאַרמעגלעך, האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעהאָלפן מאַרקסן. אָבער כאָטש מאַרקס האָט אָנערקענט לאַסאַלס טאַלאַנטן ווי אַן אָראַטאָר און שריפטשטעלער, איז לאַסאַל אים דאָך ניט געוועזן סימפּאַטיש. און מאַרקסעס אינטימסטער פריינד, פרידריך ענגעלס, האָט לאַסאַלן שטאַרק ניט ליב געהאַט. לאַסאַל האָט זיך באַטראַכט פאַר מאַרקסעס אַ תלמיד. אין יאָר 1858 האָט מאַרקס געשריבן פון לאָנדאָן צו לאַסאַלן אין דייטשלאַנד: „די געשיכטע מיינע זינט מיין פרוים לעצטן בריוו צו דיר איז געוועזן אַזאַ: נאָכדעם ווי איך בין עטלעכע וואָכן געוועזן קראַנק און אַבסאָלוט ניט געוועזן אימשטאַנד צו שרייבן, ניט נאָר איז ליטעראַריש, נאָר אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, און מאַכנדיק אומזיסטע אָנשטרענגונגען צו קעמפן מיט דער קראַנקייט, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעשטאָפּט מיט רפואות און אָן שום נוצן, האָט דער דאָקטער מיר פעסט דערקלערט, אַז פאַר מיר איז נויטיק צו בייטן דעם קלימאַט; צווייטנס, אַז איך מוז פאַר אַ גע־וויסער צייט זיך אָפּזאָגן פון וועלכער עס איז גייסטיקער אַרבעט, און ענדלעך, אַז דער וויכטיקסטער הייל־מיטל פאַר מיר איז רייטן אויף אַ פערד יעדן טאָג. מיין קראַנקייט — אַן און פאַר זיך — אַ פאַרגרעסערונג פון דער לעבער — איז ניט געפערלעך, אָבער דאָס מאָל איז דאָס באַגלייט געוואָרן מיט ספּעציפיש עקלהאַפטע סימפּטאָ־מען און אַ חוץ דעם האָט די דאָזיקע קראַנקייט אַ זייער טרויעריקע רעפּוטאַציע ביי מיין פאַמיליע, דערפאַר וואָס זי איז געוועזן דער אָנ־הייב פון דער קראַנקייט, וואָס האָט פאַרטריבן אין קבר אַריין מיין פאָטער. מיט דעם גרעסטן אומגערן האָב איך ענדלעך נאָכגעגעבן דעם דאָקטער און מיין פאַמיליע און בין אַוועקגעפאָרן קיין מאַנ־טשעסטער צו ענגעלסן. דאָרט בין איך יעדן טאָג געפאָרן רייטן און

האָב זיך פאַרנומען מיט אַנדערע קערפּערלעכע איבונגען און נאָכדעם ווי איך האָב דאָרט פאַרבראַכט פיר וואָכן צייט, האָב איך זיך צוריק־געקערט קיין לאָנדאָן פולשטענדיק געזונט. קראַנקייט אונטער מיינע אומשטענדן איז בכלל אַ זייער טייערער ביסן...

„...וועגן מיין גייסטיקן צושטאַנד דורך דער צייט פון דער קראַנקייט, קענסטו זיך לייכט פאָרשטעלן, ווען דו ווערסט זיך דערמאָנען אַז אַט די לעבער־ווייטיקן פאַר זיך אַליין וואַרפן אַריין דעם מענטשן אין אַ מרה־שחורההדיקער שטימונג, און דאָ איז צו די פאַרשיידענע הויזיקע אומשטענדן נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די דערשיינונג פון מיין ווערק האָט זיך פאַרשפּעטיקט. דאָס אַלץ האָט מיר פּשוט פאַרסמט דאָס לעבן. איצט האָט זיך צו מיר צוריקגעקערט מיין פריערדיקע שטימונג".

דעם זעלבן יאָר האָט מאַרקס געשריבן לאַסאַלן, אַז ער איז גרייט מיטצואַרבעטן אין דער ליבעראַלער ווינער „פּרעסע", וואָס לאַסאַלס אַ קוזין האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים פריער צושיקן עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון דער צייטונג, כדי ער זאָל קאָנען זיך איבערצייגן צי די ריכטונג פון דער צייטונג איז אין איינקלאַנג מיט זיינע אנשויאונגען, און ער האָט פאַרלאַנגט פאַר אַ וואָכנטלעכן אַרטיקל אַ פונט סטערלינג (פינף דאָלער).

„יעדנפאַלס" — האָט מאַרקס געשריבן — „באַדאַנק אין מיין נאָמען דיין קוזין דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי פריינטלעך און האָט זיך דערמאָנט אָן מיר אין דעם פאַל. איצט וויל איך דיר דערציילן ווי עס האַלט מיט מיין עקאָנאָמישן ווערק. איך בין ווירקלעך צוגעטראָטן מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק צו באַאַרבעטן עס ענדגילטיק. נאָר די אַרבעט גייט אָן זייער לאַנגזאַם... דערצו בין איך ניט אַזוי דער באַלעבאָס, ווי דער שקלאַף פון מיין צייט. פאַר זיך אַליין בלייבט מיר איבער נאָר די נאַכט און די אָפטע אָנפאַלן פון דער לעבער־קראַנקייט שטערן מיר אין דער דאָזיקער אַרבעט".

6

אין פרילינג 1862טן יאָר האָט זיך מאַרקסעס מאַטעריעלע לאַגע ווידער שטאַרק פאַרערגערט.

„מיין פרוי" — האָט ער געשריבן ענגעלסן — „חזרט מיר יעדן טאָג איבער, אַז זי וואָלט געוואָלט צוזאַמען מיט די קינדער ליגן אין קבר, און איך קאָן איר ווירקלעך ניט טאַדלען דערפאַר, ווייל

די דערנידערונגען, די ליידן און די שרעק, וועלכע אונדז קומט אוים איבערצולעבן אין אזא לאגע, זיינעןווירקלעך ניט צו באשרייבן".

פונקט אין יענער צייט האט לאסאל געלאזט וויסן מארקסן, אז ער קלייבט זיך ענדלעך צו קומען צו אים קיין לאנדאן אויף א באזוך. מארקס האט אים געענטפערט, אז ניט נאר אים אליין, נאר אויך זיין פאמיליע וועט זיין זייער אנגענעם זיין קומען. אז ביי מארקסן אין הויז פייפט ווידער דער דלות, האט לאסאל שוין געוווסט פון א בריוו, וואס מארקס האט אים געשריבן מיט א קורצער צייט פריער. אין יענעם בריוו האט מארקס פאר אים זיך מודה געווען, אז ער מיט דער פאמיליע זיינען געשטאנען אויף דער שוועל פון א הונגער־טויט און אז ער איז פון דעם שיער פון זינען ניט ארונטער. ווען לאסאל איז געקומען קיין לאנדאן, האט מארקס אין זיין ערשטן געשפרעך מיט אים געקאנט אים דערציילן דעם אמת און ניט לאזן דער ווייב זיינער פארזעצן אלץ אין לאמבארד, כדי צו קאנען „ווי געהעריק איז" אויפנעמען דעם גאסט. מארקס האט אבער ניט געהאט דעם מוט דאס צו טאן. ביי זייערע באגעגענישן כמעט יעדן טאג, האט מארקס נאר געגעבן לאסאלן אנצוהערן, אז זיין פינאנציעלע לאגע איז ניט קיין גלענצנדיקע. נאר אין דעם לעצטן אוונט פאר לאסאלס אוועקפארן האט מארקס זיך אנטשלאסן אים צו דערציילן דעם אמת און ער האט געבעטן ביי אים א הלוואה. וואס עס איז צווישן זיי דעמאלסט פארגעקומען, ווייסט מען ניט אויף זיכער. לאסאל האט וועגן דעם ניט געשריבן און האט אויך קיינעם ניט דערציילט. אבער פון מארקסעס א בריוו צו ענגעלסן ווייסן מיר, אז מארקס איז געווען שרעקלעך אויפגעבראכט אויף לאסאלן און ער האט געשריבן, אז „דער דאזיקער סוביעקט וועט גיכער ארייןווארפן געלט אין בלאטע, איידער צו אנטלייען עס א „פריינט", אפילו ווען אים זיינען גאראנטירט די פראצענטן און דער קאפיטאל".

איבערהויפט האט מארקס זיך געפילט באליידיקט פון דעם, וואס לאסאל, וויסנדיק וואס פאר א קריזיס זיין פריינד לעבט איבער, האט ער אים געפרעגט צי וועט איינע פון זיינע טעכטער ניט אונטערנעמען זיך צו זיין א קאמפאניאנקע פון דער גרעפין האטצפעלד (לאסאלס א נאענטע פריינדין — ד. ש.), און צי וואלט ער, מארקס, ניט גע־וואלט, אז ער זאל אים געבן א „פראטעקציע" צו זיין יוגנט־פריינד, דעם באנקיר גערסטענבערג?

גוסטאוו מייער, אליין א מארקסיסט און א גרויסער פארערער פון מארקסן, שרייבט פונדעסטוועגן אין זיין ארייננפיר צו דער קארעס־

פאַנדערנץ צווישן לאַסאַלן מיט מאַרקסן און ענגעלסן, אַז „עס איז קיין צווייפל ניט, אַז לאַסאַל האָט די ביידע פאַרשלאָגן געמאַכט פון ריינעם האַרצן און אַז אויב מאַרקס האָט ניט געוואָלט באַנוצן זיך מיט זיי, וואָלט ער אין אַ מער רואיקן צושטאַנד געקאָנט זיי צוריקווייזן אָן דעם מינדעסטן געפיל פון באַליידיקונג".

אין דעם דערמאָנטן בריוו צו ענגעלסן, האָט מאַרקס אויך אים דערציילט, אַז לאַסאַל האָט מיט אים גערעדט וועגן די גרויסע פּאָליטישע פּלענער, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבעט פאַריקן הערבסט אין דער שווייץ און אין איטאַליע. „לאַסאַל" — שרייבט מאַרקס — „איז שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף מיר און אויף מיין פרוי פאַר וואָס מיר האָבן חוזק געמאַכט פון זיינע פּלענער, האָבן זיך גערייצט מיט אים א. אז. וו. ער האָט געשריען, געטופּעט מיט די פיס, איז כסדר אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און צום סוף איז ער געקומען צו דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז איך בין צו „אַבסטראַקט" צו פאַרשטיין פּאָליטיק".

לאַסאַל איז אַוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן מיט דער איבערצייגונג, אַז פאַר דער גרויסער פּאָליטישער קאַמפּאַניע, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט, און אויף וועלכער ער האָט געלייגט אַזוינע גרויסע האָפע־נונגען, קאָן ער פון מאַרקסן גאַרניט דערוואַרטן.

אין אירע דעראינערונגען, שרייבט וועגן לאַסאַלס יענעם באַזוך אין לאָנדאָן קאַרל מאַרקסעס פרוי, דזשעני:

„אין יולי 1862, האָט אונדז באַזוכט פערדינאַנד לאַסאַל. ער האָט מיט גרויס שוועריקייטן געטראָגן דעם יאָך פון רום, וועלכן ער האָט זיך דערוואָרבן ווי אַ געלערנטער, דענקער, פּאָעט און פּאָליטישער טוער. דער פרישער לאָרבער קראַנץ האָט נאָך גערוט אויף זיין אָלימפּישן שטערן... ער האָט ווי אַ שטורעמווינט זיך געטראָגן איבער אונדזערע צימערן, דעקלאַמירנדיק הויך, זשעסטיקולירנדיק און אָפט אויפהויבנדיק זיין שטים אַזוי הויך, אַז אונדזערע צעשראָקענע שכנים זיינען אַריינגעקומען צו אונדז פרעגן וואָס עס איז ביי אונדז געשען...

„די נייעם וועגן זיין טאַטנס קראַנקייט האָט לאַסאַלן געטראָפן טיע צו זיך און אַ גרויסע פאַרערונג. דערנאָך האָט ער זיך צוריק־אין לאָנדאָן. ער האָט זיך צוגעאיילט אַוועקצופאָרן פון אונדז, ווי ער האָט אַרויסגערופן ווייניק סימפּאַטיע, קיין שווייצאַריע. דאָרט, אין דעם קרייז פון די „גרויסע מענער", האָט ער געפונען דאָס, נאָך וואָס זיין נשמה האָט געדורשט: אַ טיפע סימפּאַ־געקערט קיין בערלין און, אָנשטאָט זיך אויסצוצייכענען ווי אַן

עגיפּטאָלאָג, פּאָליטישער טוער, פּאָעט אָדער דענקער, האָט ער אויס־געקליבן פֿאַר זיך נאָך אַ ניט־אויסגעטראָטענעם וועג — דעם וועג פֿון אַ משיח פֿון די אַרבעטער. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ „נייע עפּאָכע פֿון דער עמאַנציפּאַציע פֿון די אַרבעטער" — אַ באַוועגונג וועלכע אייראָפּע האָט נאָך ניט געזען, אַ גרויסע, די איינציק־מעגלעכע באַפֿרייונג פֿון די אונטערדריקטע קלאַסן דורך דירעקטן וואַל־רעכט און אַלגעמיינער גלייכבאַרעכטיקונג. לאַסאַל איז אַרומגעפֿאָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד ווי אַ משיח און אַפּאָסטאָל. ער האָט אַרויסגעלאָזט אין בראָשורע נאָך דער צווייטער און עס איז אַנטשטאַנען אַן אַר־בעטער־באַוועגונג, וועלכע די רעגירונג האָט שווייַגנדיק געדולדעט און אויף אַזאַ אופֿן זי אומדירעקט געשטיצט, ווייל די דאָזיקע באַ־וועגונג איז פּאַקטיש געווען אַ שטיצע פֿאַר דער רעגירונג אין איר פּאָליטישן קאַמף מיט דער פּאַרטיי פֿון די פּראָגרעסיסטן, וואָס איז געוואַקסן און איז געווען אַ שטערונג פֿאַר דער רעגירונג.

„וואָס שייך „לאַסאַלס לערע" — שרייבט דזשעני מאַרקס — „איז זי באַשטאַנען פֿון אַ געוויסנלאָזן פּלאַגיאַט פֿון די לערעס, וועלכע קאַרל (מאַרקס) האָט אויסגעאַרבעט אין פֿאַרלויף פֿון צוואַנציק יאָר און פֿון עטלעכע אייגענע צוגאַבן פֿון אַ ריין רעאַקציאָנערן כאַראַקטער, פֿון וואָס עס האָט זיך באַקומען אַן אייגנאַרטיקע אויסמישונג פֿון אמת און פֿאַנטאַזיע. און דאָך האָט דאָס אימפּאָנירט דעם אַרבעטער־קלאַס. די מער אַנטוויקלטע פֿון די אַרבעטער האָבן ריכטיק פֿאַרשטאַ־נען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אָבער די איבעריקע מאַסע, וואָס איז נאָך דורכגעדרונגען געווען מיט דעם קליינבירגערלעכן גייסט, האָט מיט פֿאַנאַטישער באַגייסטערונג זיך איבערגעגעבן דער נייער לערע, זייענדיק פֿאַרבלענדעט פֿון איר פֿאַלשן גלאַנץ, און האָט זיך געצויגן צו דעם נייעם משיח, פֿאַר וועמען עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קולט, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע. דער הייליקער ווייַרויך, וואָס ווערט פֿאַרשפּרייט פֿון אָט די עלעמענטן, האָט פֿאַרטשאַדעט די מוחות פֿון אַ האַלב דייטשלאַנד, און אַפֿילו נאָך איצט, ווען לאַסאַל רוט שוין אויף דעם יידישן בית־עולם אין ברעסלאַו, נאָכדעם ווי ער איז דערשאָסן געוואָרן אין אַ דועל מיט אַ רומענישן יונגערמאַן, רויכערט מען נאָך אַלץ אים ווייַרויך, מאַר־שירנדיק מיט פֿאָנען און לייגנדיק לאָרבער־קראַנצן אויף זיין קבר. לאַסאַל האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, לויט וועלכער ער האָט באַשטימט די גרעפֿין האַצפֿעלד פֿאַר זיין הויפּט־יורשטע און האָט איבערגעלאָזט באַדייטנדע סומעס פֿאַר זיינע אַנדערע „שווייצאַרישע פֿריינד". לאַ־

כאַלם מאַמע און שוועסטער האָבן דערקלערט אַ פּראָטעסט קעגן דער צוואה, און דער פּראָצעס וועגן דעם איז נאָך ניט פאַרענדיקט".

מאַרקס אַליין איז ניט געווען אַזוי שטרענג צו לאַסאַלן.

דעם 7טן סעפּטעמבער 1864, האָט ער געשריבן צו ענגעלסן: „לאַסאַלס אומגליקלעכער טויט גייט מיר ניט אַרויס פון קאָפּ די טעג. ער איז דאָך געווען איינער פון דער אַלטער גוואַרדיע און אַ שונא פון אונדזערע שונאים. איבערהויפּט טוט מיר וויי וואָס אין די לעצטע יאָרן זיינען אונדזערע באַציאונגען געוואָרן פאַרוואָלקנט. די שולד איז, אמת, געווען זיינע. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, בין איך צופרידן, וואָס איך האָב זיך ניט געלאָזט אויפהעצן פון אַלע זייטן און בין קיין איין מאָל ניט אָנגעפאַלן אויף אים אין דעם יאָר פון זיין „טריומף". אונדזער קרייז ווערט אַלץ קלענער און קיין נייע קומען ניט צו".

לאַסאַלס אויפפירונג אין באַצוג צו העלענע דעניגעס (די פריילן צוליב וועלכער לאַסאַל איז אומגעקומען אין אַ דועל) האָט מאַרקס שטאַרק געטאַדלט. דער דועל, וועלכן לאַסאַל זאָל האָבן, לויט מאַרקסעס מיינונג, פּראָוואָצירט צוליב אַ פּערזאָן, וועלכע ער האָט אין דער אמתן פאַראַכטעט — האָט מאַרקס געזאָגט זיין פריינד קוגעלמאַנען — איז געווען „אַ פולשטענדיקע אומזיניקייט". מאַרקס איז געווען מיט דער מיינונג, אַז לאַסאַל האָט אין דער דאָזיקער גע־שיכטע געוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַן אַריסטאָקראַט. אָבער ער האָט דערביי באַוויזן, אַז ער האָט אויסגעקליבן אַ דורכאויס שלעכטן מיטל נאָכצומאַכן די אַריסטאָקראַטן. אויב ער וואָלט ווירקלעך זיך באַצויגן ערלעך צו זיין מיסיע פון פירן דעם אַרבעטער־קלאַס צו זיין באַפרייאונג — האָט מאַרקס געזאָגט — וואָלט ער ניט אוועקגע־שטעלט און קאָן זיין לעבן צוליב אַזאַ פאַרס.

קוגלמאַנס טאָכטער, פראַנציסקאַ, דערציילט אַז מאַרקס האָט זיך ביי זיי אין הויז אויסגעדריקט, אַז ביי לאַסאַלס אומגעהייערער כבוד־זוכעריי איז שווער צו זאָגן ווי אַזוי ער וואָלט זיך אויפגעפירט ווען ער וואָלט געלעבט לענגער. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים — האָט מאַרקס געזאָגט — איז געווען זיין טרוים אַריינצומאַרשירן אין בערלין אין שפּיץ פון אַרבעטער באַטאַליאָנען זייט ביי זייט מיט דער „געלהאָריקער העלענע" (דעניגעס).

מאַרקס, וועלכער האָט נאָך אין 1865 זייער שאַרף קריטיקירט לאַסאַלס פּראָגראַם, האָט אין 1868, אין אַ בריוו צו שווייצערן (דעם שפּעטערדיקן פירער פון די לאַסאַליאַנער אין דייטשלאַנד) דאָך

אנערקענט לאַסאַלס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם דייטשן אַרבעטער קלאַס. „נאָך אַ פּופּצן־יאַריקן שלאָף" — האָט מאַרקס געשריבן — „האָט לאַסאַל ווידער אויפגעוועקט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד און דאָס וועט פאַרבליבן זיין אומשטערבלעכער פאַרדינסט. אָבער ער האָט געמאַכט גרויסע טעותן... אויף דעם האָב איך אים אָנגעוויזן, ווען ער איז געקומען קיין לאָנדאָן און ער האָט מיך געבעטן צו שטעלן זיך מיט אים צוזאַמען אין שפּיץ פון דער נייער באַוועגונג".

פראַנציסקאַ קוגעלמאַן דערציילט, אַז מאַרקס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן באַרימערייַ, אַקטיאָרסקע שטיק, פּוסטע רייד, היפּאָקריטסטווא און סענטימענטאַליטעט. ער פלעגט אָפט ציטירן געטעס ווערטער „איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין הויכע מיינונג וועגן סענטימענטאַלע מענטשן. אין פאַל פון אַ וועלכער עס איז ערנסטער געשעניש ווייזן זיי זיך שטענדיק אַרויס פאַר שלעכטע חברים".

זי דערציילט, אגב, אויך, אַז מאַרקס איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון קלאַסישער מוזיק, ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט באַכס מוזיק. אויסער באַכן זיינען זיינע באַליבטסטע קאָמפּאָזיטאָרן געווען בעטהאָווען, הענדעל און וואַגנער.

פראַנציסקאַס מוטער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט אויך מיט פילאָזאָפיע, און ווען מאַרקס איז אין 1867 געווען ביי זיי צוגאַסט אין האַנאָווער, האָט ער מיט איר מוטער אַ סך געשמועסט וועגן די דייטשע פילאָזאָפן: קאַנט, פיכטע, שאָפּענהויער און העגעל. וועגן העגעלן האָט ער געזאָגט, אַז העגעל אַליין זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז פון אַלע זיינע תלמידים האָט קיינער, אויסער ראָזענקראַנצן, אים ניט פאַרשטאַנען, און אויך ראָזענקראַנץ האָט אים ניט ריכטיק פאַרשטאַנען...

מאַרקס האָט ליב געהאַט קינדער — פרעמדע אַזוי גוט ווי די אייגענע — און קינדער האָבן אים ליב געהאַט. ווען ער פלעגט זיצן אין דרויסן אויפן בערגל, ניט ווייט פון זיין הויז, אָדער אין איינעם פון די לאָנדאָנער פּאַרקן, פלעגן אים גלייך אַרומרינגלען קינדער, וועלכע האָבן ליב געהאַט דעם הויכן מאַן מיט די לאַנגע האָר, מיט דער גרויסער באָרד, מיט די גוטע קאָרע אויגן. גאַנץ אומבאַקאַנטע קינדער פלעגן צוקומען צו אים, אָפּשטעלן אים אין מיטן גאַס. מאַרקסעס טאָכטער עלעאָנאָרא דערציילט אין אירע דעראינערונגען, אַז זי געדענקט ווי איין מאָל האָט אַ יינגל פון אַ יאָר צען אָפּגעשטעלט מאַרקסן אין מיטלענד פּאַרק און אים פאָרגעלייגט „טו סוואָפּ נאַיפס"

(בייטן זיך מיט די מעסערלעך). נאָכדעם ווי ער האָט מאַרקסן דער־קלערט וואָס ער מיינט, האָבן ביידע אַרויסגעשלעפּט פֿון די קעשענעס זייערע מעסערלעך און האָבן זיי פֿאַרגליכן. דעם יינגלס מעסערל איז געווען נאָר מיט איין קלינגל, מאַרקסעס מעסערל האָט געהאַט צוויי קלינגלעך, נאָר ביידע טעמפּע. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז דער מסחר געשלאָסן געוואָרן. זיי האָבן זיך געביטן מיט די מע־סערלעך און דער „שרעקלעכער" רעוואָלוציאָנערער פֿירער האָט נאָך דעם יינגל צוגעצאָלט אַ פּעני, ווייל זיין מעסערל איז שוין געווען זייער טעמפּ.

מאַרקס האָט אויך זייער ליב געהאַט צו שפּאַסן און קיין זאַך האָט אים ניט פֿאַרשאַפֿט אַזאַ פֿאַרגעניגן ווי אַ שאַרפֿער וויץ. אויך זיין פֿרוי האָט ליב געהאַט אַ וויץ. ביידע זיינען געווען זייער לעבנס־לוסטיקע און גרויסע לאַכערס. זיי האָבן זיך געקאָנט קייכן פֿון גע־לעכטער ביז טרערן פֿלעגן אָנהייבן רינען איבער זייערע באַקן.

7

הגם מאַרקס האָט אַ געוויסע צייט געדענקט אינגאַנצן אָפּ־צוגעבן זיך מיט וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז אים איז פֿאַר אַ משך פֿון עטלעכע יאָר אויסגעקומען צו פֿאַרנאַכלעסיקן זיין וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, כדי צו קאָנען שאַפֿן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין יאָר 1862 האָט אין לאָנדאָן זיך געעפֿנט די צווייטע וועלט אויסשטעלונג. צווישן די פֿראַנצויזן, וועלכע זיינען געקומען צו דער אויסשטעלונג, האָט זיך געפֿונען אַ גרופּע ראַדיקאַלע פֿראַנצויזישע אַרבעטער. זיי האָבן באַקומען אַ שיינע אויפֿנאַמע פֿון די מער אויפֿגע־קלערטע ענגלישע אַרבעטער. אין צוויי יאָר אַרום איז קיין לאָנדאָן ווידער געקומען אַ דעלעגאַציע פֿון פֿראַנצויזישע אַרבעטער. אויף דער פֿאַרזאַמלונג, וואָס די ענגלישע אַרבעטער האָבן לכבוד זיי אָר־גאַניזירט דעם 27טן סעפּטעמבער, 1864, האָט דער הויפּט פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרבעטער־דעלעגאַציע, ענטפֿערנדיק אויף די באַגרי־סונגס־רעדעס פֿון די ענגלענדער, געזאָגט, אַז דער קאַפּיטאַליזם שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלן אומגליק און דעריבער איז אויך צו באַקעמפֿן אים נויטיק אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער.

באַלד נאָכדעם זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ רייע באַראַטונגען אויף וועלכע עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וועלכער איז באַאויפ־טראַגט געוואָרן אויסצואַרבעטן די סטאַטוטן פון דער נײַ־געשאַפענער געזעלשאַפט. די ענגליש־פראַנצויזישע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נייער געזעלשאַפט האָבן געהאַט אַריינצוציען אין איר מיט דער צייט ענ־לעכע גרופעס אויך פון אַנדערע לענדער. ווי אַן ערשטן שריט אין דער ריכטונג האָט מען איינגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין די פאַר־האַנדלונגען אַ גרופע סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן פון אַלע לענדער. וואָס האָבן דעמאָלסט געלעבט אין לאָנדאָן. קאַרל מאַרקסן האָט מען איינגעלאַדן אויף דער רעקאָמענדאַציע פון זיינע צוויי פריינד: דעם דייטשן שניידער געאָרג עקאַריוס, און דעם שווייצארישן זייגערמאַכער הערמאַן יונג, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער ענגלישער טרעיד יוניאָן באַוועגונג. מאַרקס איז דערנאָך אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם קאָמיטעט אויף אויסצואַרבעטן די סטאַטוטן פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. אויף איינער פון די שפּעטערדיקע זיצונ־גען זיינען אָנגענומען געוואָרן די סטאַטוטן און דער פּראָיעקט פון דעם אויפרוף צו די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט. אין זיי איז געזאָגט געוואָרן, אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער קאָן קומען נאָר דורך זייערע אייגענע הענט, אַז אַלע זייערע ביז איצטיקע באַוועגונגען זיינען געווען אַ דורכפאַל צוליב דעם מאַנגל אין גייסט פון סאָלידאַריטעט און פון ברידערלעכער אייניקייט; אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז ניט קיין לאָקאַלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע; אַז עס איז נוי־טיק איינצושטעלן אַ דירעקטע פאַרבינדונג צווישן די ביז איצטיקע אָפּגעזונדערטע שטרעבונגען פון די אַרבעטער פון די פאַרשיידענע לענדער און פאַר דעם צוועק מוז געשאַפן ווערן אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער פאַרבאַנד פון די אַרבעטער.

די ווענדונג צו די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט — דער אַזוי גערופענער „גענעראַל אַדרעס”, וואָס מאַרקס האָט פאַרפאַסט איז געווען געשריבן אין אַ מער איינגעהאַלטענעם טאָן ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט”, וועלכן מאַרקס און ענגעלס האָבן פאַר־עפנטלעכט אין יאָר 1848. אָבער אויך אין דעם „גענעראַל־אַדרעס” איז דורכגעפירט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיין די דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט.

אין דעם „גענעראַל אַדרעס" פֿון 1864 זאָגט מאַרקס זיך אָפּ אַרויס פֿאַר דעם, אַז די מלוכה דאַרף זיך אַריינמישן אין די באַציאונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעטער און ער באַגריסט דעם געזעץ וועגן דעם 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס איז איינגעפֿירט געוואָרן אין ענגלאַנד, ווי אַ זיג ניט נאָר אַ פּראַקטישן, נאָר אויך אַ פּרינציפּיעלן. „צום ערשטן מאָל" — שרייבט מאַרקס — „איז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פֿון דער בורזשואַזיע באַזיגט געוואָרן פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פֿון די אַרבעטנדע קלאַסן".

דער ערשטער קאָנגרעס פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אַסאָציאַציע", וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע ווי דער „ערשטער אינטערנאַציאָנאַל", איז פֿאַררופֿן געוואָרן אין זשענעוואַ, שווייץ, דעם 3טן סעפּטעמבער 1866. מאַרקס, וועלכער איז דעמאָלסט געווען פֿאַרנומען מיט צוגרייטן צום דרוק דעם ערשטן באַנד פֿון זיין „קאַפּיטאַל", האָט ניט געקאָנט אַוועקפֿאָרן פֿון לאָנדאָן און ער איז צום קאָנגרעס ניט געקומען. אין אַ בריוו צו זיין פֿריינד קוגעלמאַן האָט מאַרקס, דערקלערנדיק די סיבה וואָס ער איז ניט געקומען קיין זשענעוואַ, אים געשריבן: „איך האַלט, אַז דאָס ווערק, וואָס איך גרייט צו, איז וויכטיקער פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי אַלץ וואָס איך וואָלט געקאָנט אויפֿטאָן אויף אַ וועלכן עס איז קאָנגרעס".

אויפֿן זשענעוווער קאָנגרעס האָבן די ערשטע פֿידל געשפּילט די שווייצאַרער. אין אַ יאָר אַרום, אויפֿן בריסעלער קאָנגרעס, איז די מערהייט דעלעגאַטן באַשטאַנען פֿון בעלגער. צווישן די דייטשן איז געווען נאָר איין פּראָמינענטער סאָציאַליסט, דער ייד מאָזעס העס, וואָס האָט דעמאָלט געלעבט ניט אין דייטשלאַנד, נאָר אין פּאַריז. אויפֿן קאָנגרעס פֿון אינטערנאַציאָנאַל, אין 1869, איז צום ערשטן מאָל געווען אַ דעלעגאַט אויך דער רוס מיכאַאיל באַקונין. ער האָט אָבער דאָרט פֿאָרטראָטן ניט רוסלאַנד, נאָר איטאַליע.

מיכאַאיל באַקונין, דער פֿאָטער פֿון רעוואָלוציאָנערן אַנאַרכיזם, האָט געשטאַמט פֿון אַ רייכער פּריצישער משפּחה. ער האָט געענדיקט אַ מיליטערישע שול. ער איז געווען אַ הויך געבילדעטער מענטש, אַ ווונדערבאַרער העלד, אַן אייביקער קעמפֿער, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿון פֿיל לענדער. ער איז געזעסן אין תּפֿיסה אין פֿיל לענדער, איז געווען פֿאַראורטיילט צום טויט אין זאַקסן און איז אַנטלאָפֿן פֿון אַ סך פֿעסטונגען. ער איז דערנאָך געזעסן פֿיל יאָרן אין דעם שרעקלעכן אַלעקסיעווער ראַוועלין פֿון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג אין פּעטערבורג.

דערנאָך איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אויף אייביק קיין סיביר, פֿון וואַנען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון די זעכציקער יאָרן אַנהויב.

אין פֿאַרלויף פֿון דרייסיק יאָר האָבן מאַרקס און באַקונין שטענדיק אָדער זיך געצויגן איינער צום אַנדערן, אָדער ביטער באַקעמפֿט איינער דעם צווייטן, באַקונין איז אין די פֿערציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון די „דייטשיש־פֿראַנצויזישע יאָר־ביכער", פֿון וועלכע מאַרקס איז געווען דער הויפּט־מיטאַרבעטער. דערנאָך האָט ער זיך צעקריגט מיט מאַרקסן. אין זומער, 1848, האָט די „נייע ריינישע צייטונג", פֿון וועלכער מאַרקס איז געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן, באַשולדיקט באַקונינען, אַז ער איז אַן אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג. אָבער די צייטונג האָט באַלד איינגעזען איר טעות און זי האָט צוריקגעצויגן די דאָזיקע באַשולדיקונג. די דערקלערונג האָט פֿולשטענדיק צופֿרידנגעשטעלט באַקונינען, און ווען מאַרקס און באַקונין האָבן זיך שפּעטער געטראָפֿן אין בערלין, האָבן זיי באַנייט זייער אַלטע פֿריינדשאַפֿט און די „נייע ריינישע צייטונג" איז ענערגיש אַרויסגעטראָטן פֿאַר באַקונינען, ווען מען האָט אים אַרויסגעשיקט פֿון פּריסן. די צייטונג האָט, אמת, שטאַרק קריטיקירט זיין פּאַן־סלאַוויסטישע אַגיטאַציע, אָבער זי האָט גלייכצייטיק דערקלערט, אַז „באַקונין איז אונדזערער אַ פֿריינד", אַז ער האַנדלט אויס דעמאָקראַטישע מאָטיוון און מען קאָן אים פֿולקאָם מוחל זיין זיינע פּאַן־סלאַווישע בלאָנדזשעניש".

באַקונין איז דעמאָלסט נאָך ניט געווען קיין אַנאַרכיסט, ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט.

אין 1861 איז באַקונין, נאָכדעם ווי ער האָט „פֿאַרבראַכט" זעכצן יאָר אין פֿאַרשיידענע טורמעס און אין סיביר, אַנטלאָפֿן פֿון סיביר און איז דורך יאַפּאַן און אַמעריקע אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט באַקונין איבערזעצט אויף רוסיש דעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" פֿון קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס און אים פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם רוסישן זשורנאַל „קאָלאָקאָל" (דער גלאָק), וועלכן דער באַוווּסטער רוסישער שריפֿט־שטעלער און פֿרייהייטס־קעמפֿער אַלעקסאַנדער הערצען האָט דאָרט אַרויסגעגעבן. אין לאָנדאָן האָבן מאַרקסעס שונאים דערציילט באַקונינען, אַז מאַרקס זאָל האָבן פֿאַרשפּרייט וועגן אים דעם קלאַנג, אַז ער איז אַ שפּיאָן פֿון דער רוסישער רעגירונג. מאַרקס איז תיכף אַוועק צו באַקונין און האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז ניט נאָר האָט ער ניט געמאַכט דעם בילבול

אויף אים, נאָר ער האָט כסדר געקעמפט קעגן די יעניקע, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אָט דעם קלאַנג.

זיי האָבן זיך געזעגנט ווי פריינד. באַקונין איז געווען באַגייס־טערט פאַר דעם פּלאַן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. און מאַרקס האָט דעם 4טן נאָוועמבער, 1866, געשריבן צו ענגעלסן: „באַקונין לאָזט דיך גרוסן. ער איז היינט אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע, ווו ער וואוינט איצט (אין פלאָרענץ). איך מוז דיר זאָגן, אַז ער איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, נאָך מער ווי פריער... אין אַלגעמיין איז ער איינער פון די ווייניקע מענטשן, וועלכע זיינען אַוועק פאָרווערטס און זיינען ניט אָפּגעשטאַנען אין זייער אַנטוויקלונג פאַר די פאַרגאַנגענע זעכצן יאָר".

אָבער די פריינד, מיט וועלכער באַקונין האָט באַגריסט דעם אינטער־נאַציאָנאַל, האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין איטאַליע האָט זיך אין אים צוריק דערוועקט דער „רעוואָלוציאָנער פון אַלטן דור", און ער איז געוואָרן אַלץ מער אַנאַרכיסט. באַקונין איז געקומען צום שלום, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע אומגערעכטיקייטן און גוואַלד־טאַטן נעמען זיך דערפון, וואָס עס זיינען פאַראַן רעגירונגען אויף דער וועלט, וועלכע אונטערדריקן דעם איינצלנעם מענטשן. ווייל מען באַפרייען דעם מענטשן פון דער גייסטיקער, עקאָנאָמישער און פאָליטישער שקלאַפעריי, פון וועלכער ער ליידט, דאַן מוז מען פריער פון אַלץ דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאַרניכטן דעם שטאַט.

באַקונין האָט דעריבער געפּרעדיקט די „צעשטערונג פון דעם שטאַט, די פאַרניכטונג פון דער גאַנצער בורזשואַזער ציוויליזאַציע און די באַשאַפונג פון אַ נייער וועלט דורך אַ פרייוויליקער פאַר־איייניקונג פון דער גאַנצער באַפרייטער מענטשהייט".

אויף די ווייטערדיקע קאָנגרעסן פון אינטערנאַציאָנאַל איז באַ־קונינען געלונגען צונויפצוזאַמלען אַרום זיך אַ גרופּע דעלעגאַטן. וועלכע האָבן אָפן זיך געשטעלט די אויפגאַבע אָנצוהייבן אַ קאַמף קעגן דער עצם־עקזיסטענץ פון שטאַט און רעגירונג.

די אַנטגילטיקע שפּאַלטונג צווישן די אָנהענגער פון באַקונינען און פון קאַרל מאַרקסן איז פאָרגעקומען אויפן קאָנגרעס פון אינ־טערנאַציאָנאַל אין האַאַג, אין יאָר 1872. דער קאָנגרעס האָט אָנגע־נומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט געלויטעט, אַז אין קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג דאַרפן די אַרבעטער זיך פאַראייניקן אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי און אָפּגרעניצן זיך פון אַלע אַלטע פּאַרטייען. ביז איצט האָבן די אַרבעטער געפירט נאָר אַן עקאָנאָמישן קאַמף. עס איז אָבער

נויטיק אויך צו קעמפן קעגן דעם פאָליטישן איינפלוס פון די גוטס־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן.

די באַקוניסטן זיינען אויף יענעם קאָנגרעס אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אינטערנאַציאָנאַל און זיי האָבן געשאַפן אַן אייגענעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, די „אַליאַנס פאַר סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע״.

איידער באַקונין איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אייניקע פריינד מאַרקסעס כסדר פאַרשפּרייט וועגן אים קלאַנגען, אַז ער איז אַן אַגענט פון דער רוסישער רעגירונג. מאַרקס אַליין איז פון אָנהויב געווען קעגן דעם. און ווען הערצען האָט באַקוּנינען פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס ער אַטאַקירט די „דייטשע יידן״ באָרקהיים און העס, אַנשטאָט צו אַטאַקירן מאַרקסן, וועלכער איז דער הויפּט־אינספּיראַטאָר פון די אַלע אינטריגעס קעגן אים, האָט באַקונין אים געענטפערט: „איבערלאָזנדיק אַן אַ זייט די אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס ער (מאַרקס) האָט אונדז פאַרשאַפט, קאָנען מיר ניט, אָדער ווייניקסטנס קאָן איך נישט, ניט רעכענען זיך מיט זיינע ריזיקע פאַרדינסטן פאַרן סאָציאַליזם. אין משך פון צוואַנציק יאָר דינט ער אים מיט פאַרשטאַנד, ענערגיע און ריינקייט, און ער איבערשטייגט אונדז אַן צווייפל אין דעם פּרט. ער איז איינער פון די ערשטע און אומצווייפלהאַפט דער הויפּט־גרינדער פון אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס איז אין מיינע אויגן אַ גרויסער פאַרדינסט, וואָס איך וועל שטענדיק אָנערקענען, ווי אַזוי ער זאָל ניט האַנדלען אין באַצוג צו אונדז״.

ווייטער האָט באַקונין געשריבן:

„איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט מוחל געווען, ווען איך וואָלט אַפילו נאָר געמאַכט אַ פאַרזוך אונטערצוגראָבן זיין גוטן איינפלוס, אָדער אַפילו נאָר אָפּשוואַכן אים מיטן נאַרישן צוועק צו נעמען נקמה פאַר זיך״.

שפּעטער, נאָכדעם ווי באַקונין איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער אין זיין בוך „גאָסודאַרסטווענגאָסט אי אַנאַרכיאַ״ (מלוכהשאַפט און אַנאַרכיע), געשריבן וועגן מאַרקסן:

„לויט זיין אָפּשטאַם איז דער הער מאַרקס אַ ייד. ער פאַראייניקט אין זיך, קאָן מען זאָגן, אַלע מעלות און חסרונות פון אָט דער פעיקער ראַסע. אַ נערוועזער, ווי אייניקע זאָגן, ביז פחדנות, איז ער אויסערגעוויינלעך עקשנותדיק און זייער שטאָלץ ביי זיך, קריגעריש, אומטאָלעראַנט און אַבסאָלוט ווי יעהאָווא, דער גאָט פון זיינע אורעלטערן, און פונקט ווי יעהאָווא, אויך אַזוי נקמה־גיריק ביז משוגעת....

„דאָס זיינען זיינע חסרונות. אָבער ער באַזיצט אויך זייער אַ סך מעלות. ער איז קלוג און אויסערגעוויינלעך אַלזייטיק געלערנט... אין 1843 אָדער 1844 האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל פּאַרקערט אין דער געזעלשאַפט פון פראַנ־צויזישע און דייטשע קאָמוניסטן און זיך געטראָפן מיט זיין לאַנדס־מאַן, דעם דייטשן ייד מאָזעס העס, וועלכער איז פריער פאַר אים שוין געווען אַ געלערנטער עקאָנאָמיסט און סאָציאַליסט און ער האָט דעמאָלסט געהאַט אַ באַדייטנדן איינפלוס אויף דער וויסנשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג פון הער מאַרקסן. מען קאָן זעלטן געפינען אַ מענטשן, וואָס ווייס אַזוי פיל, האָט אַזוי פיל געלייענט און קלוג געלייענט ווי דער הער מאַרקס".

מאַרקס איז געווען דורכאויס גערעכט, ווען ער האָט קריטיקירט באַקונינס לאָזונג: „אַלץ דאַרף צעשטערט ווערן". מאַרקס האָט גע־זאָגט, אַז „עס איז פּשוט אומזיניק צו צעשטערן ווערטן, פאַרניכטן די אייגענע און פרעמדע הייזער, אַנטלויפן פון זיי, ניט וויסנדיק וווהין און ניט וויסנדיק ווי אַזוי מען קאָן צוריק עפּעס ווידער אויפ־בויען".

אָבער באַקונין איז געווען גערעכט, ווען ער האָט שאַרף קריטי־קירט מאַרקסעס טעאָריע וועגן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין זיין דערמאָנטן בוך שרייבט באַקונין:

„זיי (מאַרקס און זיינע אָנהענגער) האַלטן, אַז אַ מלוכה־דיקטאַטור איז אַ נויטיקער איבערגאַנגס־מיטל צו דערגרייכן די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון פאָלק, אַז דער ציל איז אַנאַרכיע, אָדער פרייהייט, און אַז שטאַט אָדער דיקטאַטור איז נאָר אַ מיטל. אַלזאָ, פאַר דער באַפרייאונג פון די פאָלקס־מאַסן דאַרף מען זיי פריער פאַרשקלאַפן... זיי זאָגן, אַז נאָר אַ דיקטאַטור, פאַרשטייט זיך, זייערע קען אויסדריקן דעם פאָלקס־ווילן. מיר ענטפערן: „קיין דיקטאַטור קאָן ניט האָבן קיין אַנדער ציל ווי נאָר זיך אַליין צו פאַראייביקן און אַז זי איז פעאיק אַרויסצורופן און דערציען אין אַ פאָלק, וואָס טראָגט זי אַריבער, נאָר שקלאַפעריי. פרייהייט קאָן געשאַפן ווערן נאָך דורך פרייהייט. דאָס הייסט דורך אַן אויפשטאַנד פון גאַנצן פאָלק און דורך אַ פרייער פאַראייניקונג פון די אַרבעטנדע מאַסן פון אונטן אַרויף".

מאַרקס האָט דערנאָך אַטאַקירט באַקונינען. באַקונינס יוגנט־חבר און פריינד אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער האָט באַקעמפט באַ־קונינס אַנאַרכיזם האָט וועגן אים געשריבן:

„באקונין האט געהאט א סך חסרונות, אבער די חסרונות זיינען געווען קליינע, בעת זיינע שטארקע מעלות זיינען געווען גרויס... דאס איז א הערויאישע נאטור, וועמען די געזעלשאפט האט איבער־געלאזט אן א שטאך ארבעט. ער האט אפט פארשווענדעט זיינע כוחות אויף נארישקייטן, פונקט ווי א לייב פארשווענדעט זיינע טריט אין שטייג, אלץ טראכטנדיק וואס וועט פון דעם ארויסקומען... זיין טע־טיקייט, זיין פוילקייט, זיין אפעטיט, ווי זיין גיגאנטישער וווקס און דער אייביקער שוויס — אלץ איז געווען ניט לויט דער מענטש־לעכער מאס, ווי ער אליין — דער ריז מיטן ליבן־קאפ און דער צעפאטלטער גריווע... ער איז געבוירן געווארן צו זיין א גרויסער היימלאזער וואנדערער... אין אים איז געווען עפעס קינדערישעס, גוטמוטיקעס און פשוטקייט און דאס האט אים צוגעגעבן אן אויסער־געוויינלעכע פרעכטיקייט און האט צוגעצויגן צו אים שוואכע מענטשן און שטארקע, אפשטויסנדיק פון אים נאר די צו שטריינגע קליינבירגער"....

פראנץ מעהרינג, דער אפיציעלער, קען מען זאגן, ביאגראף פון קארל מארקס, וועלכער איז ביז זיין טויט פארבליבן אן ארטאדאקסא־לער מארקסיסט, שרייבט, אז מארקס איז ניט געווען אינגאנצן גערעכט צו באקונינען, פונקט ווי ער איז ניט געווען גערעכט צו לאסאלן.

מעהרינג האלט, אז א סך שולדיק אין דעם איז געווען ניקאלאי אוטין, א זון פון א רוסישן געשמדטן ייד, וועלכער איז אין דער צייט פון אינטערנאציאנאל געווען נאענט מיט מארקסן און ער האט אים צוגעשטעלט פאלשע ידיעות וועגן באקונינען און אים כסדר געהעצט קעגן אים.

8

נאך אין נאוועמבער 1866, האט מארקס אוועקגעשיקט קיין האמבורג צו א באוווסטן ליבעראלן פארלעגער דעם מאנוסקריפט פון דעם ערשטן טייל פון זיין „קאפיטאל". און אין אפריל 1867, האט ער אליין געבראכט מיט זיך קיין האמבורג דעם איבעריקן טייל פון מאנוסקריפט. און דער פארלעגער איז באלד צוגעטראטן צו דרוקן דאס ווערק. מארקס האט, פארשטייט זיך, גלייך געלאזט וויסן וועגן דעם זיין פריינט פרידריך ענגעלסן. און ענגעלס האט דעם 27טן אפריל אין זיין ענטפער צו מארקסן געשריבן: „מיר האט זיך אלעמאל געדוכט, אז דאס פארדאמטע בוך, וואס דו האסט אויסגעטראגן

אַזוי פיל צייט, איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון דיינע צרות און אַז דו וועסט קיינמאָל זיך ניט אַרויספּלאָנטערן פון די אַלע פּראָבלעמען, ביז וואַנען דו וועסט ניט אַרונטערשליידערן אים פון זיך. אַט דאָס אייביק ניט פאַרענדיקטע ווערק האָט דיך געדריקט פיזיש, גייסטיק און אין מאַטעריעלן זין. און איך פאַרשטיי איצט זייער גוט, אַז איצט, ווען דו האָסט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך אַט דעם באַרג, ביסטו געוואָרן אַ פולשטענדיק אַנדערער מענטש, איבערהויפּט, ווען דו וועסט אויסגעפינען, בעת דו וועסט צוריק אַריין אין לעבן, אַז די וועלט איז ניט אַזוי פינסטער ווי עס האָט זיך דיר פריער געדוכט".

אויף דעם האָט אים מאַרקס געענטפערט מיט אַ בריוו, דעם 7טן מאַי:

„איך האָף און איך גלויב אויפריכטיק, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט זיך מיר איינגעבן איינצואָרדענען מיינע געשעפטן אַזוי, אַז עס זאָלן זיך גרינטלעך ענדערן מיינע עקאָנאָמישע באַציאונגען און איך זאָל ענדלעך זיך שטעלן אויף מיינע אייגענע פיס. אָן דיר וואָלט איך קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרענדיקן מיין ווערק. איך פאַרזיכער דיר, אַז אויף מיין געוויסן איז שטענדיק ווי אַ שטיין געלעגן דער באַוווּסטזיין, אַז דו האָסט פאַרשווענדעט דיינע ווונדערבאַרע פעאיקייטן אויף קאָמערציעלע ענינים הויפּטזעכלעך צוליב מיר. און אַ חוץ דעם ביסטו נאָך געווען געצוווּנגען איבערצולעבן מיט מיר אַלע מיינע קליינלעכע צרות".

דעם 16טן אויגוסט, 2 אַזייגער ביינאַכט, האָט מאַרקס געלאָזט וויסן ענגעלסן, אַז ער האָט פאַרענדיקט לייענען די קאָרעקטור פון זיין ווערק: „אַלזאָ, איך בין פאַרטיק. נאָר דיר אַליין האָב איך צו פאַרדאַנקען פאַר דעם, וואָס דאָס איז מעגלעך געוואָרן. אָן דיין קרבן פאַר מיר וואָלט איך ניט געקאָנט פאַרענדיקן די ריזיקע צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר די דריי בענד. איך נעם דיר אַרום מיט האַרציקן דאַנק. אַ גרוס דיר, מיין טייערער געטרייער פריינד".

אָבער שטעלן זיך אויף זיינע אייגענע פיס איז מאַרקסן ניט געלונגען, ניט אין אַ יאָר אַרום און אויך ניט שפּעטער.

אין יאָר 1872 איז אויפן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכן קאַרל מאַרקס איז געווען דער פירער, באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן דעם „גענעראַל ראַט" פון אינטערנאַציאָנאַל פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק. פאַקטיש איז דער אינטערנאַציאָנאַל דעמאָלסט שוין געווען טויט, און שולדיק אין דעם אונטערגאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל איז געווען ניט אַזוי דער קאַמף צווישן מאַרקסן און באַקונינען און זייערע אָנהענגער, ווי די פּאַריזער קאָמונע; דאָס

וואָס מאַרקס האָט פֿאַרטיידיקט די קאָמונע און די האַנדלונגען פֿון אירע פֿירער. די ענגלענדער האָבן באַלד צוליב דעם פֿאַרלאָזט דעם אינטערנאַציאָנאַל און נאָך דער אונטערדריקונג פֿון דער קאָמונע האָט אין גאַנץ אייראָפּע טריאומפֿירט די רעאַקציע.

קאַרל מאַרקסעס אינטימסטער פֿריינד איז זיין גאַנץ לעבן פֿאַרבליבן פֿרידריך ענגעלס. ענגעלס האָט ניט נאָר מאַטעריעל געשטיצט מאַרקסן. ווען ניט ענגעלס וואָלט אפֿשר די גאַנצע מאַרקס־פֿאַמיליע אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער און זיכער וואָלט מאַרקס ניט באַוויזן אָנצושרייבן זיין „קאַפּיטאַל".

אויף זיין „קאַפּיטאַל" האָט מאַרקס געאַרבעט פֿערציק יאָר און געאַרבעט נאָר אַזוי ווי מאַרקס האָט געקאָנט אַרבעטן. רעדנדיק מיט דעם באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין וועגן זיין „קאַריערע" אין דייטשלאַנד, האָט מאַרקס זיך פֿאַר אים ניט איינמאָל באַקלאָגט אויף דעם וואָס די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האָבן אינגאַנצן פֿאַרשוויגן זיינע ווערק.

„איר ווייסט וואָס פֿאַר אַ קאַפּיטאַל איך האָב אָנגעקליבן פֿון מיין „קאַפּיטאַל"? — האָט מאַרקס איינמאָל געפֿרעגט ביי לאָפּאַטינען — „אָנו, טרעפֿט!" און ער האָט צוזאַמענגערעכנט די אַלע הכנסות פֿון דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל":

„פֿונקט 85 מאַרק!"

מאַרקס האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק פֿון בריטישן מוזעאום. ער פֿלעגט שעהנלאַנג אויך אָפּגעבן אויף צו לייענען ציַיטונגען, ניט גאָר ענגלישע, נאָר די ציַיטונגען פֿון דער גאַנצער וועלט. ער איז אויך געווען אַ גלענצנדער דאָמינאָ־שפּילער. אַמאָל פֿלעגט ער אויך שפּילן שאַך. אָבער קיין גרויסער שאַכמאַטיסט איז ער ניט געווען און ווען ער פֿלעגט פֿאַרלירן, פֿלעגט ער ווערן שטאַרק אין כעס.

צו מאַרקסן אין הויז פֿלעגן אָפֿט קומען געסט. אויסער די דייטשע און אַנדערע עמיגראַנטן פֿלעגן מאַרקסן אָפֿט באַזוכן די פֿירער פֿון דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג: דזשאָרדזש דזשוליען גאַרני, ערנסט דזשאָונס, אַ טאַלאַנטפֿולער זשורנאַליסט און אַ פֿייערדיקער רעדנער, די לעצטע צוויי פֿאַרשטייער פֿון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג. צו מאַרקסן פֿלעגט אויך אָפֿט קומען דער אַלטער ענגלישער סאָציאַליסט ראָבערט אָוען. מאַרקס איז געווען אויף דער פֿאַרזאַמלונג ווען מען האָט אין לאָנדאָן געפֿייערט אָוענס 80־יאָריקן געבורטסטאָג.

פֿון זיין סאַמע יוגנט אָן האָט מאַרקס געהאַלטן, אַז דער רוסישער צאַריזם איז דער שטאַרקסטער זייל פֿון דער אייראָפּעאישער רעאַק־

ציע. דעריבער האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן „אָט דער באַרבאַרישער מלוכה" — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — „וואָס איר קאָפּ געפינט זיך אין פּעטערבורג און אירע הענט זיינען אין יעדן מיניסטאַרן־קאַבינעט פון אייראָפּע". די סאַמע עקזיסטענץ פון צאַריזם האָט ער געהאַלטן פאַר אַ שטענדיקער געפאַר פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דעם אייראָפּעאישן אַרבעטער־קלאַס.

דאָס איז דעמאָלסט אויך געווען דער שטאַנדפּונקט פון אַלע רוסישע ראַדיקאַלע דענקער און שריפטשטעלער פון יענער צייט. דעריבער זיינען מאַרקסעס ווערק שוין אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן דער רוסישער ראַדיקאַלער יוגנט. מאַרקס אַליין האָט זיך מודה געווען פאַר זיינעם אַ פריינד, אַז ער איז איבערראַשט פון דער אָנערקענונג, וואָס די רוסן ווייזן אים אַרויס. אין אָקטאָבער 1868, האָט מאַרקס געשריבן צו זיין פריינד קוגעלמאַן: „די איראָניע פון גורל איז, וואָס די רוסן, קעגן וועלכע איך בין שוין 25 יאָר אַרויסגעטראָטן ניט נאָר אין דער דייטשער, נאָר אויך אין דער פראַנצויזישער און ענגלישער שפּראַך, זיינען אַלע מאָל געווען מיינע גוטווינטשער. אין די יאָרן 1843־1844 אין פּאַריז האָבן רוסישע אַריסטאָקראַטן מיך געטראָגן אויף די הענט. מיינע ווערק קעגן פּרודאָנען, דאָס הייסט „די אָרמוט פון פילאָזאָפיע", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1847 און די „קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע", וואָס איז אַרויס אין 1859 האָבן אין קיין אַנדערן לאַנד זיך ניט בעסער פאַרקויפט ווי אין רוסלאַנד. די ערשטע אויסלענדישע נאַציע, וואָס האָט איבערזעצט „קאַפּיטאַל", איז די רוסישע. דאָס אַלץ דאַרף מען אָבער ניט צופיל איבערשעצן... די רוסישע אַריסטאָקראַטיע לערנט זיך אין די יונגע יאָרן אין די דייטשע אוניווערזיטעטן און אין פּאַריז. זי יאָגט זיך שטענדיק נאָך די עקסטרעמסטע אידעען אין די מערב־לענדער. דאָס איז פאַר איר אַן איינפאַכע גאַסטראָנאָמיע (אַ גאַסטראָנאָם איז איינער וואָס האָט ליב צו לעבן אַ גוטן טאָג דורך עסן און טרינקען — ד. ש.), דאָס איז די זעלבע גאַסטראָנאָמיע, מיט וועלכער עס האָט זיך פאַרנומען אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע פון 18טן יאָרהונדערט".

מאַרקס האָט אָבער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך אין דעם, אַז זיינע געדאַנקען האָבן אַרויסגערופן אַ סימפּאַטיע און אַן ערנסטן אינטערעס ניט בלויז ביי די פאָרשטייער פון דער העכסטער רוסישער אַריסטאָקראַטיע. אין יאָר 1867 האָט ער באַקומען אַ בריוו פון פּעטערבורג פון אַן אַרבעטער פון אַ לעדער־פאַבריק, מיטן נאָמען

יאָסיף דיצגען. „אייער בוך „די קריטיק פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע" — האָט דיצגען געשריבן — „האָב איך גרינדלעך דורכשטודירט און איך ביז זיך מודה, אַז קיין אַנדער ווערק האָט מיר ניט געגעבן אַזוי פֿיל פּאָזיטיוון וויסן און אַזאַ פֿאַרשטענדיקונג פֿון דעם קעגנשטאַנד".

דער ערשטער באַנד פֿון „קאַפּיטאַל" האָט ביי דיצגענען אַרויס־גערופֿן דעם גרעסטן ענטוזיאַזם.

פֿון די בריוו, וואָס מאַרקס האָט דערנאָך באַקומען פֿון פּעטערבורג פֿון דאַניעלסאָנען, דעם איבערזעצער פֿון ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", און פֿון די פּראָפֿעסאָרן קאַופֿמאַן און זיבער, האָט מאַרקס זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז די יונגע עקאָנאָמיסטן אין רוסלאַנד באַציען זיך מיט גרויס אינטערעס און אַכטונג צו זיינע געדאַנקען און זיינען גרייט נאָכצופֿאָלגן אים אין זיין קריטיק פֿון דער דעמאָלסט הערשנ־דער עקאָנאָמישער לערע.

די צאַרישע צענזור האָט דערלויבט אַרויסצוגעבן לעגאַל אין פּעטערבורג מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", וויסנדיק גאַנץ גוט אַז מאַרקס איז אַ סאָציאַליסט.

דער פּעטערבורגער הויפּט קאָמיטעט פֿון דער צענזור האָט אין זיין באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק, געשריבן: „הגם דער פֿאַרפֿאַסער איז לויט זיינע איבערצייגונגען דורכאויס אַ סאָציאַליסט און זיין גאַנצער בוך טראָגט אַ פֿולשטענדיק באַשטימטן סאָציאַליסטישן כאַראַקטער (וואָס מען קאָן עס זעען פֿון די און די זייטן) — דאָך נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס ווערק איז געשריבן אין אַ שפּראַך, וואָס איז ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן ברייטן עולם, און די באַווייזן זיינען אויסגעדריקט אומעטום אין אַ שטרענג מאַטעמאַטישער פֿאָרם, געפֿינט ניט דער קאָמיטעט פֿאַר מעגלעך צו פֿאַרפֿירן אַ פּראָ־צעס (קעגן דעם אַרויסגעבער) און באַשליסט דורכצולאָזן דעם בוך".

דעם 4טן יוני 1870, האָט דער דערמאָנטער דאַניעלסאָן (ניט קיין ייד), דער רוסישער איבערזעצער פֿון „קאַפּיטאַל", געשריבן צו מאַרקסן פֿון פּעטערבורג:

„דערלויבנדיק אייער בוך, האָט דער הויפּט־צענזור קאָמיטעט גערעכנט, אַז קיינער וועט אַזאַ בוך ניט אָנהויבן לייענען. אָבער אָט זיינען די פֿאַקטן וועגן דעם: דאָס בוך איז אַרויס דעם 27סטן מערץ און ביז דעם 15טן מאַי זיינען שוין פֿאַרקויפֿט געוואָרן 900 עקזעמפּ־לאַרן (געדרוקט האָט מען אינגאַנצן דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן)".

אַרום יענער צייט האָט מאַרקס זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט רוסלאַנד. אין 1871 איז קיין לאָנדאָן געקומען דער באַוווּסטער רו־סישער סאָציאַליסטישער דענקער פּיאָטר לאַוראָוו. ער איז געקומען

ווי אַ שליח פֿון דער פּאַריזער קאָמונע, וועלכע האָט אים באַאויפֿטראַגט צו ווירקן אויפֿן גענעראַל־ראַט פֿון אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער זאָל אָנהייבן אַן ערנסטע אַגיטאַציע צווישן די ענגלישע אַרבעטער און ראַדיקאַלן צוגונסטן פֿון דער קאָמונע. לאַווראָוו האָט קודם כּל זיך געווענדעט צו מאַרקסן. זייער באַקאַנטשאַפֿט האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ פֿריינשאַפֿט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פֿיל יאָרן. איבערהויפּט איז לאַווראָוו געווען נאָענט באַפֿריינדעט מיט מאַרקסן אין די צוויי יאָר, פֿון 1875 און 1876, וואָס לאַווראָוו האָט געלעבט אין לאָנדאָן. מאַרקס האָט געשריבן וועגן לאַווראָוון, אַז „דאָס איז פּונקט דער מענטש, וואָס איז פּעאיק מיך צו צווינגען צו שמועסן מיט אים גאַנצע שעהען".

דעם זעלבן יאָר, 1871, איז פֿון פּאַריז קיין לאָנדאָן געקומען דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנערער העלד הערמאַן לאָפּאַטין. לאָפּאַטין איז דעמאָלסט געווען 25 יאָר אַלט, מאַרקס — 52. לאָפּאַטין האָט גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש סיי אויף מאַרקסן אַליין, סיי אויף זיין פֿרוי און זיינע טעכטער געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אַ גאַנצן טאָג האָט לאָפּאַטין פֿאַרבראַכט ביי מאַרקסן אין הויז און פֿון דעמאָלסט אָן איז ער געוואָרן אַן אָפֿטער אַריינגייער דאָרט און ער איז שטאַרק באַפֿריינדט געוואָרן מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע.

שפּעטער האָט מאַרקס זיך אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך. ער האָט אויך זיך באַקענט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און מיט די ווערק פֿון דעם באַרימטן רוסישן דענקער און שריפֿטשטעלער ני־קאָלאַי טשערנישעווסקי און ער איז געוואָרן זיינער אַ גרויסער פֿאַרערער. ער האָט ניט איינמאָל געזאָגט לאָפּאַטינען, אַז פֿון די אַלע מאָדערנע עקאָנאָמיסטן שטעלט „טשערנישעווסקי מיט זיך ווירקלעך פֿאָר דעם איינציקן אָריגינעלן דענקער, בעת די איבעריקע עקאָנאָמיסטן זיינען נאָר קאָמפּילאַטאָרס". אין טשערנישעווסקיס ווערק — האָט מאַרקס געזאָגט — פֿילט זיך אויף שריט און טריט אָריגינאַליטעט, קראַפֿט, און טיפֿקייט פֿון געדאַנק. „די רוסן דאַרפֿן זיך שעמען" — האָט מאַרקס געזאָגט — „וואָס קיינער פֿון זיי האָט ביז איצט ניט גענומען זיך די מי צו באַקענען אייראָפּע מיט אַזאַ מערקווירדיקן דענקער".

טשערנישעווסקי האָט דעמאָלסט געשמאַכט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן סיבירער דאָרף, ווו די צאַרישע רעגירונג האָט אים געהאַט פֿאַרשיקט אויף אייביק פֿאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע ווערק און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

„טשערנישעווסקים פּאָליטישער טויט" — האָט מאַרקס געזאָגט לאָפּאַטינען — „איז אַ פאַרלוסט פאַר דער וויסנשאַפטלעכער וועלט ניט בלויז פון רוסלאַנד, נאָר פון גאַנץ אייראָפּע".

אונטער דעם איינפלוס פון זיינע געשפרעכן וועגן טשערנישעווסקין מיט מאַרקסן, האָט לאָפּאַטין ביי זיך פעסט באַשלאָסן אַליין צו פאָרן קיין סיביר און פּרובירן העלפן טשערנישעווסקין אַנטלויפן פון סי־ביר. מיט אַ פּאָר יאָר פריער האָט ער אויף אַזאַ אופן ארויסגעפירט פון אַ פאַרוואָרפן צפון־רוסיש דערפל דעם פאַרשיקטן פּיאָטר לאַוור־ראָוו. לאָפּאַטין איז אַוועקגעפאָרן קיין סיביר. אָבער דאָרט איז ער באַלד אַרעסטירט געוואָרן און איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע. מאַרקס האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט לאָפּאַטינס גורל און ער האָט כסדר זיך נאָכגעפרעגט ביי דאַניעלסאָנען אין פּעטער־בורג וועגן „אונדזער געמיינזאַמען פריינד". אין אַ בריוו צו דאַניעל־סאָנען אין 1872 האָט מאַרקס געשריבן וועגן לאָפּאַטינען: „עס זיינען דאָ אויף דער וועלט וויניק מענטשן, וועלכע איך האָב אַזוי ליב און רעספּעקטיר אַזוי ווי אים".

מאַרקס האָט יאָרן־לאַנג שטאַרק געליטן פון אַ לעבער־קראַנקייט. אין האַרבסט, 1878, האָט ער געשריבן זיין פריינד זאָרגע אין אַמע־ריקע: „מיין פרוי פילט זיך זייער ניט גוט". מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער ישוין געשריבן: „מיין פרוי איז נאָך אַלץ געפערלעך קראַנק און איך אַליין בין נאָך אויך ניט געקומען אינגאַנצן צו זיך".

אַ לענגערע צייט האָט מען ניט געוווּסט וואָס עס איז מיט מאַרקסעס פרוי. אָבער שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז זי ליידט פון אַ קענסער. זי האָט געליטן שרעקלעכע ווייטאָגן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי שווער מאַרקס האָט געוויייטאָקט פון דעם, ווען מען דערמאָנט זיך וואָס די דאָזיקע פרוי איז פאַר אים געווען דעם גאַנצן לעבן. זי אַליין האָט זיך געהאַלטן מוטיקער ווי איר מאַן און ווי אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט.

דעם 19טן סעפּטעמבער 1879, האָט מאַרקס געשריבן דאַ־ניעלסאָנען:

„איך האָב נאָר וואָס צוריקגעקערט זיך קיין לאָנדאָן, נאָך אַ צוויי־מאָנאַטנדיקן אָפּרו אויף דזשערזי אינזל און אין אַנדערע פּלעצער ביים ים. איך בין געצוווּנגען געווען דאָס צו טאָן און אָפּ־שטעלן צוויי־טוויייליק יעדע אַרבעט אויף דעם ראָט פון די דאָקטוירים צוליב דער נערוון־דערשיטערונג. צוליב דער זעלבער סיבה בין איך אויך ניט געווען אימשטאַנד צו געניסן פון דער גייסטיקער שפּייז, וואָס איר זענט געווען אַזוי פריינטלעך מיר צוצושיקן. אָבער

איצט פיל איך, אַז איך בין באַדייטנדיק שטאַרקער געוואָרן און איך וועל גערן זיך צוריק אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט. קאָוואַלעווסקים בוך האָב איך באַקומען פון אים אַליין. ער (פּראָפעסאָר מאַקסים קאָ־וואַלעווסקי — ד. ש.) ער איז איינער פון מיינע „וויסנשאַפטלעכע" פריינד און ער קומט יעדן יאָר קיין לאָנדאָן צו באַנוצן זיך מיט די אוצרות פון בריטישן מוזעאום".

מאַרקס האָט זיך גוואַלדיק אינטערעסירט מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ער האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער באַרימטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אין דעצעמבער 1880, איז קיין לאָנדאָן געקומען איינער פון די פירער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ניקאָלאַי מאָראָזאָוו. מיט איניקע מאָנאַטן פריער איז געקומען קיין לאָנדאָן אַ צווייטער טע־טיקער מיטגליד פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" לעוו האַרטמאַן, וועל־כער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד נאָך זיין באַטייליקונג אין אַ ניט־געלונגענעם אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט צוגעגרייט. האַרטמאַן איז געקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" צו קאַרל מאַרקסן. מאַרקס האָט אים פריינדלעך אויפגענומען און ער האָט דערנאָך עטלעכע מאָל באַזוכט מאַרקסן. ווען מאָראָזאָוו איז געקומען קיין לאָנדאָן, האָט אים האַרטמאַן באַלד אַוועקגעפירט צו מאַרקסן.

„איך געדענק" — האָט מיט פיל יאָרן שפּעטער געשריבן מאָ־ראָזאָוו — „אַז מיין ערשטער איינדרוק פון מאַרקסן איז געווען: ווי ענלעך ער איז אויף זיין פּאָרטרעט! און נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַגריסט און אויסגעזעצט זיך אַרום אַ קליין טישל מיט אַ דיוואַן ביי דער וואַנט, האָב איך דאָס אים לאַכנדיק געזאָגט. מאַרקס האָט זיך אויך צעלאַכט און געענטפערט, אַז מען זאָגט עס אים זייער אָפט און עס איז עפּעס טשיקאַווע צו פילן זיך ווי אַ מענטש, אויף וועלכן ניט דער פּאָרטרעט זיינער איז ענלעך אויף אים, נאָר ער אַליין איז ענלעך אויף זיין פּאָרטרעט.

„אַ חוץ עלעאָנאָראָן (מאַרקסעס יינגסטע טאָכטער) איז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זיינען דאָרט געזעסן, קיינער אין צימער ניט אַריינגעקומען. און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז צו יענער צייט איז אין הויז קיינער פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע ניט געווען. עלעאָנאָראַ איז אַלע ווײַלע אַריינגעלאָפן צו אונדז און זיצנדיק אויפן דיוואַן אַ ביסל אָן אַ זייט, האָט זי זיך אויך באַטייליקט אין אונדזער געשפּרעך. זי האָט אונדז מכבד געווען מיט טיי און ביסקוויטן.

„דער געשפּרעך צווישן אונדז איז פֿאַרגעקומען הויפּטזעכלעך וועגן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". מאַרקס האָט זיך אויסערגעוויינלעך שטאַרק אינטערעסירט מיט אונדז. ער האָט געזאָגט, אַז אונדזער קאַמף מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפֿט שטעלט זיך אים, פּונקט ווי אַלע אייראָפּעער, פֿאַר עפּעס אַזוי ווי אַ צוביבער־געשיכטע, וואָס איז מעגלעך נאָר אין אַ פֿאַנטאַסטישן ראָמאַן".

ווען מאָראָזאָוו איז אין צוויי טעג אַרום פֿאַרן אַוועקפֿאָרן פֿון לאָנדאָן ווידער געקומען צו מאַרקסן, האָט ער דאָרט פֿאַרבראַכט אַ היפּשע צייט מיט אים און מיט זיין טאָכטער. פֿאַרן אַוועקגיין האָט אים מאַרקס דערלאַנגט אַ 5־6 ביכלעך זיינע, וועלכע ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פֿאַר אים. מאַרקס האָט אים אויך צוגעזאָגט אָנ־צושרייבן אַ ספּעציעלע פֿאָררעדע צו דעם ביכל, וועלכע מאָראָזאָוו און לאַווראָוו וועלן אויסקלייבן צו דרוקן אַזוי שנעל ווי זיי וועלן אים צושיקן די קאָרעקטור פֿון דער רוסישער איבערזעצונג.

„ביים געזעגענען זיך" — שרייבט מאָראָזאָוו — „ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום קער איך זיך אום קיין רוסלאַנד, האָט ער מיר שטאַרק דריקנדיק די האַנט צוגעווונטשן:

„איך ווינטש אייך, אַז איר זאָלט אינגיכן זיך צוריקקערן צו אונדז נאָכאַמאָל מיט אַ זיג. אייער צאַר, וועלכער איז פֿריער געווען דער זייל פֿון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, זיצט איצט אין זיין פּאַלאַץ אַ געפֿאַנגענער פֿון דער רעוואָלוציע און רוסלאַנד איז איצט דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע".

זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט און זיך צוגעזאָגט צו שרײַבן איינע די אַנדערע. (מאָראָזאָוו איז אינגיכן אַוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד, ווו ער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. דערנאָך האָט מען אים די טויט־שטראָף פֿאַרביטן אויף אייביקער קאַטאָרגע אין דער שרעקלעכער שליסלבורגער פֿעסטונג, ווו ער איז אָפּגעזעסן גאַנצע 25 יאָר און איז אַרויסגעקומען פֿון דאָרט אין יאָר 1905 ווי אַ גרויסער געלערנטער).

וועגן האַרטמאַנען האָט מאַרקס גראָד געהאַט ניט קיין זייער הויכע מיינונג. אין אַ בריוו צו זיין טאָכטער זשעני אין פּאַריז האָט מאַרקס, אין יוני 1881, געשריבן:

„האַרטמאַן איז לעצטן פֿרייטיק אָפּגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק. איך בין צופֿרידן, וואָס ער איז איצט אין זיכערקייט. אָבער שטעל זיך פֿאָר דאָס משוגעת: מיט אַ פּאָר טעג פֿאַר זיין אָפּפֿאָר האָט ער ביי ענגעלסן געבעטן „פּאָמפּס" האַנט (פּאָמפּס" איז געווען דער פֿאַרצויגענער נאָמען פֿון ענגעלס' פּלימעניצע — ד. ש.) און געטאָן

האָט ער עם שריפטלעך, ווי ער האָט דערקלערט, אַז ער גלויבט, אַז ער מאַכט קיין טעות ניט, ווען ער נעמט אָן, אַז פּאַמפּס וועט זיכער צושטימען צו הייראַטן מיט אים. אין דער אמתן האָט זי (פּאַמפּס) מיט אים נאָר געפלירטעוועט, כדי צו מאַכן אייפערזיכטיק קאוטס־קין (דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם טעאָרעטיקער פון מאַרק־סיזם — ד. ש.). איצט דערוויס איך זיך פון טוסין (אַזוי האָט מען גערופן פאַרצויגן מאַרקס׳ ייִנגסטע טאָכטער עלעאָנאָרען — ד. ש.), אַז האַרטמאַן האָט אויך איר געמאַכט אַ פאָרשלאַג פאַר איר אָפּפאָרן אויפן דזשוירזי אינדזל. נאָך ערגער אָבער איז, וואָס סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ, אָט די איידעלע מאַרטירערין פון דער רוסישער באַ־וועגונג, האָט געלעבט אין „פרייער ליבע" מיט האַרטמאַנען און ערשט דאָ ניט לאַנג (דעם 15טן אַפּריל פון זעלבן יאָר — ד. ש.) איז זי געשטאָרבן אויפן עשאַפאָט. פון דער פּעראָווסקאַיאַ צו פּאַמפּס — דאָס איז צו פּאַסקודנע און מאַמאַ (מאַרקס׳ פרוי — ד. ש.) האָט דערפאַר באַקומען אַן עקל צו דעם גאַנצן מענער־געשלעכט" . . .

ווען אין זומער, 1881, האָט די קראַנקהייט פון מאַרקס׳ פרוי זיך שטאַרק פאַרערגערט, האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּאַריז זען אירע צוויי פאַרהייראַטע טעכטער מיט די אייניקלעך. מאַרקס איז געפאָרן מיט איר און זי איז דערנאָך בשלום צוריקגעקומען. אָבער מאַרקס איז קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג. די קראַנקהייט איז געווען אַ געפערלעכע. עלעאָנאָרא האָט דעמאָלסט געשריבן: „אין גרויסן צימער איז געלעגן די מאַמעניו, אין דעם קליינעם שכנישן צימער — מאָאָר (מאַרקס). זיי זיינען געווען אַזוי צוגעוווינט איינע צו די אַנדערע, זיינען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן איינע מיט די אַנדערע — און איצט טאָרן זיי אַפילו ניט זיין צוזאַמען אין איין צימער. „מאָאָר" האָט ביינעקומען זיין קראַנק־הייט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך דערפילט שטאַרק גענוג אַריינצוקומען אין דער מאַמעס צימער. זיי זיינען ווידער יונג געוואָרן — זי, אַ ליבנדע יונג מיידל, און ער ,אַ פאַרליבטער יונגערמאַן. עפּעס ווי זיי וואָלטן ערשט צוריק אַריין אין לעבן, פאַרגעסנדיק ווענן דעם, אַז איינער פון זיי איז אַן אַלטער מאַן און די צווייטע — אַ שטאַרבנדע אַלטע פרוי, און אַז זיי זעגענען זיך אויף אייביק איינע מיט דעם אַנדערן".

ווען דעם 2טן דעצעמבער, 1881, איז מאַרקס׳ פרוי געשטאָרבן, איז ער אַליין נאָך געווען אַזוי שוואַך, אַז דער דאָקטאָר האָט אים

פֿאַרבאָטן צו באַגלייטן זיין היים־געליבטע לעבנס־באַגלייטערין צו איר אייביקער רו.

„איך האָב זיך אונטערוואָרפֿן דעם דאָזיקן פֿאַרבאָט" — האָט מאַרקס געשריבן צו זיין טאָכטער זשעני — „דערפֿאַר וואָס די טייערע האָט נאָך מיט א פּאָר טעג פֿאַר איר טויט אויסגעדריקט דעם ווונטש אַז איר באַגרעבעניש זאָל פֿאָרקומען אָן וועלכע עס איז צערעמאָניעס".

מאַרקס האָט איבערגעלעבט זיין פֿרוי אויף פֿופֿצן מאָנאַטן.

9.

דער ענגלישער סאָציאַליסט העטרי מ. היינדמאַן האָט זיך באַקאַנט מיט מאַרקסן אין יאָר 1880, מיט א קורצער צייט פֿאַר דעם טויט פֿון מאַרקס' פֿרוי און ער איז דערנאָך געוואָרן אַן אָפֿטער אריינגייער צו מאַרקסן אין הויז.

„ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען מאַרקסן" — שרייבט היינדמאַן — „איז מיין ערשטער איינדרוק געווען: א שטאַרקער, קאָלטענוואַטער זקן, וועלכער קאָן זיך נישט באַהערשן, שטרעבט אָדער יעדנפֿאַלס איז גרייט אריינצוּוואַרפֿן זיך אין א ווערטער־שלאַכט און איז געשטימט מיט א געוויסער פֿאַרדעכטיקייט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט באַדאַרפֿט תיכף אויסהאַלטן אַן אַטאַקע. אָבער ער האָט מיך העפֿלאַך באַגריסט און פּונקט אַזוי העפֿלאַך זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער".

ווען היינדמאַן האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט גרויס פֿאַרגעניגן און פֿילט זיך געשמייכלט צו האָבן די ערע צו דריקן די האַנט פֿון דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון „קאַפּיטאַל", האָט מאַרקס געענטפֿערט, אַז ער האָט מיט פֿאַרגעניגן געלייענט זיינע, היינדמאַנס, אַרטיקלען וועגן אינדיע און ער האָט שטאַרק געלויבט זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין די צייטונגען.

„ווען מאַרקס האָט גערעדט מיט גרויס אַנטריסטונג וועגן דער פּאָליטיק פֿון דער ענגלישער ליבעראַלער פּאַרטיי, איבערהויפּט וועגן איר באַציונג צו איירלאַנד" — שרייבט היינדמאַן — „האָבן זיך זיינע קליינע, טיף אריינגעזעצטע אויגן אָנגעצונדן. די שווערע ברעמען האָבן זיך געכמורעט, די גרויסע נאָז און דאָס פּנים האָבן זיך בסדר באַוועגט און פֿון זיינע ליפּן האָבן זיך געגאָסן פֿייערדיקע

שטורמישע אָנקלאַגן, וועלכע האָבן מיר געוויזן די גאַנצע ליידנ־שאַפט פון זיין טעמפעראַמענט און זיין אויסגעצייכנטע באַהערשונג פון דער ענגלישער שפּראַך".

אין 1880 האָבן די דאָקטוירים פאַרבאָטן מאַרקסן צו אַרבעטן אין די אָוונטן און היינדמאַן האָט עס אויסגענוצט צו פאַרברענגען אָפט ביי אים אין הויז און שמועסן מיט אים.

„אונדזער אופן פון שמועסן איז געווען אַ גאַנץ אָריגינעלער, — שרייבט היינדמאַן — מאַרקס האָט געהאַט אַ טבע אַרומצושפּאַצירן שנעל אַהין און צוריק איבערן צימער, ווען ער פלעגט האָבן מיט אימעצן אַ וויכוח. ער פלעגט דאַן אַזוי ווי שפּאַצירן אויפן דעק פון אַ שיף. איך אַליין האָב אין דער צייט פון מיינע לאַנגע רייזעס (קיין אַמעריקע, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער) אויך באַקומען אַזאַ געוווינהייט אַרומצושפּאַצירן אַהין און צוריק ווען דער קאָפּ איז געווען מיט עפּעס באַזונדערס פאַרנומען. איז אָט האָט מען געקאָנט צוזען אַזאַ סצענע, ווי דער רבי און דער תּלמיד שפּרייזן אַרום צו צוויי־דריי שעה אַהין און צוריק איבערן צימער, אַרום דעם טיש, דיסקוטירנדיק פראַגן פון דער איצטיקער עפּאָכע און פון די פאַרגאַנגענע יאָרן".

עס איז קיין פראַגע ניט — זאָגט היינדמאַן — אַז דער האָט צו דער סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און לוין־שקלאַפעריי, וואָס האָט מאַרקסן אַרומגערינגלט, איז ביי אים געווען ניט נאָר אַן אינטעלעקטועלער און פילאָזאָפישער, נאָר אויך אַ ליידנשאַפטלעך־פּערזענלעכער.

„איך געדענק — שרייבט היינדמאַן — „אַז איינמאָל האָב איך געזאָגט מאַרקסן, אַז ווערנדיק עלטער דוכט זיך מיר, אַז איך ווער מער טאָלעראַנט. „מער טאָלעראַנט? מער טאָלעראַנט? — האָט מאַרקס אויסגערופן מיט פאַרוווּנדערונג. עס איז קלאָר געווען, אַז ער אַליין ווערט ניט טאָלעראַנטער. איך דענק, אַז טאַקע אָט דער טיפער האַס מאַרקס' צו דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג און זיין פאַרניכטנדיקע קריטיק פון זיינע קעגנער. האָבן געשטערט אַ סך פון די געבילדעטע מענטשן פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס אָפּצושאַצן די גאַנצע באַדייטונג פון זיינע גרויסע ווערק".

פּאָפּולאַריטעט ביי דעם המון איז ביי מאַרקסן געווען אַ באַוויז, אַז דער מענטש איז אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג. זיין באַליבטער שפּריכוואָרט איז געווען דאַנטעס ווערטער: „גיי מיט דיין אייגענעם וועג און זאָלן מענטשן וועגן דיר זאָגן וואָס זיי ווילן".

„איך בין געווען דערשטוינט — שרייבט היינדמאַן אין זיינע דערינערונגען — ווען איך האָב געלייענט מאַרקס' „קאַפּיטאַל", און באַזונדערס די קלענערע ווערק זיינע, וועגן דער פּאַריזער קאָמונע און „דער 18טער בריומער", ווי אַזוי ער האָט געקאָנט פֿאַראייניקן די סאַמע פּינקטלעכסטע און קאַלטבלוטיקסטע פֿאָרשונג פֿון די עקאָנאָמישע אורזאַכן און פֿון די סאָציאַלע רעזולטאַטן מיט דעם ברענענדיקסטן האַס צו קלאַסן און אַפֿילו צו איינצעלנע פּערזאָנען, ווי צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, אָדער צו טיערן (אַ רעאַקציאָנערער מיניסטער פֿון פֿראַנקרייך — ד. ש.), וועלכע זיינען לויט זיין אייגענער טעאָריע דאָך געווען ניט מער ווי פֿליגן אויף דעם ריזיקן וואָגן פֿון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. דאָס דערקלערט זיך נאָר מיט דעם, וואָס מאַרקס איז געווען אַ ייד און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט פֿאַראייניקט אין זיך — אין זיין כאַראַקטער, אין זיין פֿיגור, מיט זיין איינדרוקספֿולן שטערן, מיט די גרויסע אַראָפּהענגענדיקע ברעמען, מיט די גליענדיקע פֿינקלענדיקע אויגן, מיט דער ברייטער נאָז און באַוועגלעכן מויל, מיט אַ פּנים אַ פֿאַרוואַקסענעם פֿון אַלע זייטן מיט צעשויבערטע האָר — דעם געֶרעכטן צאָרן פֿון די נביאים פֿון זיין ראַסע און דעם קאַלטן אַנאַליטישן מוח פֿון ספּינאָזאַן און פֿון די יידישע תנאים. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרשיידענע פֿעיקייטן, וועלכע איך האָב ניט באַגעגנט ביי קיין אַנדער מענטשן".

מאַרקס' אייניקל עדגאַר לאָנגע שרייבט וועגן זיין יידישער אָפּשטאַמונג:

„מאַרקס איז געבוירן געוואָרן אין טריר, אין 1818. זיין טאַטע איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון אַ גאַנצער רייע רבנים. ער האָט אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, וואָס דאָס האָט, לויט זיין מיינונג, געזאָלט לייכטער מאַכן פֿאַר אים צו באַשעפֿטיקן זיך מיט אַדוואָקאַטור".

מאַרקס' ייִנגסטע טאָכטער, עלעאָנאָרע, דערציילט, אַז מאַרקס איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זיין פֿאָטער. ער פֿלעגט ניט מיד ווערן צו דערציילן די קינדער וועגן אים און ער האָט זיין גאַנצן לעבן אַרומגעטראָגן מיט זיך זיין פֿאָטאָגראַפֿישן בילד.

„אָבער אומבאַקאַנטע מענטשן" — שרייבט עלעאָנאָרע — „האָט ער דאָס בילד ניט געוויזן. ער פֿלעגט זאָגן, אַז דאָס בילד איז זייער ווייניק ענלעך צום אָריגינאַל. דאָס פּנים האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין זייער אַ שיינס. דער שטערן און די אויגן די זעלבע וואָס ביי דעם זון, אָבער די ליניעס אַרום מויל און דער

גאַמבע — ווייכער. אויף אַלץ איז געווען אַ שטעמפּל פון אַ קלאָר אויסגעדריקטן שיינעם יידישן טיפּ. ווען קאַרל מאַרקס האָט, נאָך דעם טויט פון זיין פרוי אונטערגענומען אַ לאַנגע טרויעריקע רייזע, כדי צו פאַרבעסערן זיין געזונט־צושטאַנד, האָט ער מיטגענומען אָט די פאָטאָגראַפיע פון זיין טאַטן, צוזאַמען מיט אַן אַלטער פאָטאָגראַפיע פון מיין מאַמען און אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין פאַרשטאָרבענער שוועסטער זשעני. ווען מאַרקס איז געשטאָרבן האָט מען די דאָזיקע בילדער געפונען ביי אים אין בוזים־קעשענע. ענגעלס האָט זיי אריינגעלייגט מיט אים אין קבר״.

פאַר די עטלעכע און פערציק יאָר, וואָס מאַרקס איז געווען טעטיק ווי אַ רעוואָלוציאָנער, ווי אַ שריפטשטעלער, ווי אַ געלערנטער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג און ווי דער גרינדער און פירער פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז ער געשטאַנען אין צענטער פון דער ראַדיקאַלער, רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אייראָפּע. ער האָט כסדר געפירט מלחמות ניט נאָר קעגן רעאַקציאָנערע רעגירונגען און פּאָליטיקער און געלערנטע. ער האָט גלייכצייטיק אויך ביטער באַקעמפט די ליבעראַלן און דעמאָקראַטן, מיט וועלכע ער איז ניט געווען איינשטימיק, און האָט אויך ניט געשאַנעוועט די אַלע אַנדערש־דענקנדע סאָציאַליסטן.

מאַרקס האָט נאָך ביי זיין לעבן געהאַט אַ גרויסע צאָל פאַרערער און אַ סך אַ גרעסערע צאָל קעגנער און פיינט. זיינע קעגנער און פיינט האָבן אָפט אים אויפגעוואָרפן זיין „יידישקייט״.

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקער קאַפּיטל ציטירט וואָס דער פאָטער פון רוסישן אַנאַרכיזם, מיכאַאיל באַקונין, וועלכער האָט די יידן באַטראַכט פאַר די טרעגער פון קאַפּיטאַליזם און פאַר אַגענטן פון דער פון אים פאַרהאַסטער בורזשואַזער מלוכה און קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע האָט אין די 70ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געשריבן וועגן מאַרקסן אין זיין בוך „גאָסודאַרסטווענאָסט אי אַנאַרכיאַ״ (מלוכהשאַפט און אַנאַרכיע).

אין אַ שפּעטערדיקער שריפט, וועלכן באַקונין האָט ביי זיין לעבן ניט פאַרעפנטלעכט, האָט ער געשריבן, אַז מאַרקס איז אַרומגערינגלט „מיט אַ גאַנצער כאָפּטע יידעלעך, מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטע, ספּעקולאַנטן, ווי אַלע יידן אומעטום, באַנק־אַגענטן, פּאָליטישנס און צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן פון אַלע ריכטונגען, וועלכע שטייען מיט איין פוס אין דער באַנקן־וועלט און מיט דעם צווייטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג... אָט די יידישע וועלט דינט פון איין זייט מאַרקסן און פון דער צווייטער ראָטשילדן. איך

בין איבערצייגט, אַז פֿון איין זייט שעצן די ראָטשילדס מאַרקס׳ לייס־טונגען און פֿון דער צווייטער זייט פֿילט מאַרקס אַן אינסטינקטיווע נייגונג און אַ טיפֿן רעספּעקט צו ראָטשילדן״ *)

באַקונינס כעס אויף מאַרקסן און זיינע יידישע פֿריינד האָט זיך גענומען הויפּטזעכלעך פֿון דעם וואָס מאַרקס און זיינע נאָענטע מענטשן האָבן פֿאַרשפּרייט ווענן אים קלאַנגען, אַז ער איז אַן אַגענט פֿון דער צאַרישער רעגירונג.

דער דייטשער פֿילאָסאָף־אַנטיסעמיט אייגען דיורינג האָט באַ־שולדיקט מאַרקסן, אַז ער טראַכט נאָר וועגן איין זאַך: ווי אַזוי צו פֿאַראייניקן אַלע יידן. „מאַרקס — שרייבט דיורינג אין זיין בוך „סאָציאַלע רעטונג״ — הגם ער איז געווען אַ געשמדטער, האָט ער אָבער געפֿירט אַלע זיינע געשעפֿטן און אַגיטאַציעס דורכוים אויף דעם זעלבן שטייגער ווי די „אַליאַנס איזראַעליט״ (די באַוווּסטע יידישע אָרגאַניזאַציע פֿון פֿראַנקרייך — ד. ש.) — מיט אַ פֿאַר־מאַסקירטן פּאַראָל: „יידן פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט זיך *).

ביי מאַרקס׳ לעבן און אויך נאָך זיין טויט, ביז דעם אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, האָט קיין פֿאַראַנטוואָרטלעכער יידישער אָדער ניט־יידישער געלערנטער אָדער שריפֿטשטעלער מאַרקסן ניט באַשולדיקט אין אַנטיסעמיטיזם.

אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז דער רוסישער פּראָפֿעסאָר סערגעי בולגאַקאָוו געווען דער ערשטער וואָס האָט אין 1906 אין זיין אַרטיקל „מאַרקס קאַק רעליגיאָזני טיפּ״ (מאַרקס ווי אַ רעליגיעזער טיפּ) באַצייכנט מאַרקס אַרטיקל „צור יודען־פֿראַגע״ ווי אַן אַנטי־סעמיטישן און נאָך בולגאַקאָוון האָבן עס שוין געטאָן אויך דובנאָוו און אַנדערע.

בולגאַקאָוו, וועלכער איז אין די 90ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָר־הונדערט געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע לעגאַלע מאַרקסיסטי־שע טעאָרעטיקער אין רוסלאַנד, איז שפּעטער געוואָרן אַ ביטערער קעגנער פֿון מאַרקסיזם און אַ פֿרומער פּראַוואָסלאַוונער קריסט. אין 1906 איז ער שוין געווען לאַנג אויס מאַרקסיסט און אויך אויס סאָציאַליסט. ער איז טאַקע דעם זעלבן יאָר געוויילט געוואָרן

*) זע באַקונינס „געזאַמלטע ווערק״ אין דייטש. בערלין, 1924. דריטער באַנד, ז״ז 204־206.

זע די רוסישע אויסגאַבע פֿון דיורינגס בוך „סאָציאַלנאַיאַ ספּאַ־סעניע״, פּעטערבורג, 1909, ז׳ 111.

ווי א דעפּוטאַט אין דער דומאַ ווי אַ מיטגליד פון דער קאַדעטישער (קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי). בולגאַקאָוו האָט גע־האַלטן, אַז מאַרקס האָט געשריבן זיין אַרטיקל „צור יודען־פראַגע" ווי אַן אַטעאיסט און דערמיט האָט ער דערקלערט מאַרקס' „אַנטי־סעמיטיזם".

די, וואָס זוכן צו מאַכן מאַרקסן פאַר אַ געפערלעכן אַנטיסעמיט, פאַררופן זיך נאָך אויף אַ ציטאַטע פון מאַרקס' אַן אַרטיקל, וואָס איז 1855 געווען געדרוקט אין דער „ניו־יאָרק טריביון" און וואָס איז נאָך זיין טויט אַריין אין אַ זאַמלבוך, וואָס הייסט „דהי איסטערן קוועסטשאָן". מאַרקס איז דעמאָלט געווען גענוואַלדיק אויפגעבראַכט אויף אַ גרופּע יידישע באַנקירן, וועלכע האָבן אין 1856 געגעבן דער צאַרישער רעגירונג אַ גרויסע הלוואה. האָט מאַרקס געשריבן: „די אַמביציעס פון די אונטערדריקער וואָלטן געווען האָפנונגסלאָז און מלחמות וואָלטן געוואָרן אוממעגלעך, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אַרמיי פון יעזואיטן צו אונטערדריקן געדאַנקען און אַ הייפל יידן צו באַגנבענען די קעשענעס". אין דעם זעלבן אַרטיקל אַטאַקירט מאַרקס אויך די רויבערישע אַריסטאָקראַטישע לאַנד באַזיצער, וועל־כע ער האַלט אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מלחמות. מאַרקס האָט אַטאַקירט די יידישע פּראָצענטניקעס, ניט דאָס יידישע פאָלק.

מאַרקס רעכנט דאָרט אויס אַ גאַנצן צעטל פון יידישע באַנקירן אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע. וועגן אייניקע פון זיי שרייבט מאַרקס, אַז זיי געהערן „צום נידעריקסטן קלאַס פון יידישע געלט טוישער". דאַקעגן, שרייבט ער, אַז „די מענדעלסאָנס פון בערלין שטאַמען פון דעם גוטן און געלערנטן מאָזעס מענדעלסאָן און זיי ציילן צווישן די מער מאָדערנע מיטגלידער פון דער פאַמיליע דעם באַוווסטן קאָמפּאָזיטאָר. זיי, ווי די לעסינגס און אייניקע אַנדערע פאַמיליעס אין פראַנקפורט, בערלין און האַמבורג שטייען אַ סך העכער אין כאַראַקטער („אַר פאַר סופּיריאָר אין קערעקטער") ווי די אַלגעמיינע קליקע פון די געלט־טוישער".

די בישאָפסהיימס, זאָגט מאַרקס, איז נאָך ראָטשילדס די גרעסטע באַנק אין בעלגיע און אין האָלאַנד.

„דער בעלגישער בישאָפסהיים", שרייבט ער, „איז איינער פון די בכבודיקסטע באַנק דירעקטאָרן". „די באַנקירן האָלענדער און לעהרען זיינען פּאָרטוגעזישע יידן און זיי פּראַקטיצירן באַשיינפּער־עך זייער געטרייקייט צו דער רעליגיע פון זייער ראַסע. לעהרען,

פּונקט ווי דער גרויסער ענגלישער ייד סער מאָזעס מאָנטעפּיאָרע, האָט זייער פֿיל געטאָן פֿאַר די יידן, וואָס קוועלן זיך נאָך אין ירושלים. זיין אָפּיס, לעבן אמסטעל, אין אמסטערדאַם, איז איינער פֿון די קאָלירפֿולסטע וואָס מען קען זיך נאָך פֿאַרשטעלן". און דאָ באַשרייבט מאַרקס די יידן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, וועלכע ריידן אויף פֿאַר־שיידענע שפּראַכן, וואָס דרייען זיך אַרום שטענדיק אַרום אַט דער באַנק פֿון דעם יידישן פֿילאַנטראָפּ לעהרען: „רעדלעך פֿון אַט די יידישע אַגענטן פֿאַרזאַמלען זיך דאָ יעדן טאָג, צוזאַמען מיט אַ צאָל יידישע טעאָלאָגן, און אַרום די טירן שטייען אַלע מאָרטן בעטלער פֿון אַרמעניע, ירושלים, דערבערען און פּוילן אין לאַנגע זשופּיצעס און אין אָריענטאַלע טורבאַנען, וואָס זייער שפּראַך שמעקט מיט בבל און דער פּאַרפֿום, וואָס באַהערשט דאָס דאָזיקע אָרט, איז ניט דער סאַמע אויסדערווײַלטסטער".

מאַרקס שרייבט ניט, אַז אַלע יידן פֿון אמסטערדאַם זיינען הענד־לער און ספּעקולאַנטן. ער שרייבט אויסדריקלעך, אַז אין אמסטערדאַם זיינען פֿאַראַנען 35 טויזנט יידן און אַז „פֿילע פֿון זיי זיינען ספּע־קולאַנטן און מעקלער", וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען אמת.

מאַרקס אַטאַקירט דאָרט אויך די אַריסטאָקראַטישע אָרגאַניזאַ־ציעס פֿון די גוט־באַזיצער.

„די יידישע געלט־טוישער טוען בלויז אויף אַ גרעסערן און מער אָפּשיילעכן אופֿן דאָס וואָס עס טוען אַ סך אַנדערע אויף אַ קלענערן און ווייניקער אָנזעעוודיקן אופֿן. אָבער נאָר דערפֿאַר, וואָס די יידן זיינען אַזוי שטאַרק, איז ראַטזאַם אויפֿצודעקן און באַקעמפֿן זייער אָרגאַניזאַציע". *)

„דער פֿאַקט וואָס קריסטוס האָט מיט 1855 יאָר צוריק אַרויס־געטריבן די יידישע געלט־טוישער פֿון טעמפּל און וואָס היינט זיינען די געלט־טוישער, וועלכע שטיצן טיראַנען, אויך צום גרעסטן טייל יידן — שרייבט מאַרקס — איז אפֿשר ניט מער ווי אַ צופֿאַל".

אין זעלבן זאַמלבוך „דהי איסטערן קוועסטשאָן" געפֿינט זיך אַן אַנדער אַרטיקל „מוסולמאַן און ייד" אין וועלכן מאַרקס רעדט וועגן די אונטערדריקטע און פֿאַרפֿאָלגטע יידישע מאַסן אין ירושלים, ווי

*) זע קאַרל מאַרקס, „דהי איסטערן קוועסטשאָן", אַ זאַמלונג פֿון זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין דער ניו־יאָרקער „טריביון" פֿון די 50ער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַק־טירט פֿון זיין טאָכטער עלעאַנאָראַ מאַרקס־עוועלינג, לאָנדאָן, 1897, ז"ז 605־606.

עס לעבן אַכט טויזנט יידן. איז אַט וואָס ער שרייבט דאָרט: „קיין זאַך קאָן ניט פאַרגליכן ווערן מיט דעם עלנד און די יסורים פון די יידן אין ירושלים. זיי באַוווינען דעם שמוציקסטן קוואַרטאַל פון שטאָט און זיי זיינען דער אייביקער קרבן פון מוסולמאַנער אונטער־דריקונג און אומטאָלעראַנץ. זיי ווערן באַליידיקט פון די גריכן, פאַרפאָלגט פון די לאַטיינער און זיי לעבן בלויז פון די קליינע נדבות, וואָס זיי באַקומען פון זייערע אייראָפּעישע ברידער. צו מאַכן די דאָזיקע יידן נאָך אומגליקלעכער, האָבן ענגלאַנד און פּרייסן, אין יאָר 1840, באַשטימט פאַר ירושלים אַ בישאָפּ, וועמענס אמתע אויפגאַבע עס איז געווען אָפּצושמדן די יידן".

דאָס וואָס מאַרקס האָט אין זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ מיט ענגעלסן אָנגערופן לאַסאַלן מיט אַזוינע צונעמען ווי „באַראָן איציק", „אפרים געשיידט", „פּאָלנישער יודע", אָדער ווען זיי האָבן אַנדערע קעגנער זייערע, יידן און אויך ניט־יידן, אין זייערע פּריוואַטע בריוו אָנגערופן „יודכען", „דער פּאָלנישער שמול", „דאָס קליינע יודכען", איז טאַקע געווען ניט שיין פון זייער זייט. אָבער דאָס איז פאָרט ניט אַנטיסעמיטיזם.

אין דער פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַרקסן און ענגעלסן געפינט איר אַזוינע אויסדרוקן, ווי „די לויזיקע יענקים", די „פאַר־פלוכטע ענגלענדער", די „פראַנצויזישע אייזלען", די „פּרייסישע הינט", די „נידערטרעכטיקע פּרייסן", „דער אייזל ליובעק", דער „סלאַווישער שמוץ" אאַז"וו.

באַקונין איז ניט געווען אינגאַנצן אומגערעכט ווען ער האָט געשריבן, אַז מאַרקס איז געווען אַ נערוועזער, פאַרביטערטער מענטש, אַ כעסן, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין קריטיק און איז געווען אָפּט אומגערעכט ניט נאָר צו זיינע קעגנער, נאָר אַפילו אויך צו זיינע פריינד. מאַרקס האָט אַרונטערגעריסן ניט נאָר יידן, נאָר אויך אַנדערע פעלקער און מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. אין די בריוו ווערן אָפּט דערמאָנט פילע אַנדערע יידן, וועגן וועלכע מאַרקס זאָגט ניט קיין שום שלעכט וואָרט, און ווען לאַסאַל איז געשטאָרבן האָט מאַרקס אין אַ בריוו צו ענגעלסן שטאַרק באַדויערט זיין טויט.

נאָר אפשר האָבן נאָר סאָציאַליסטן ניט באַמערקט מאַרקס' אַנטי־סעמיטיזם? איז אַט וואָס מיר לייענען אין 10טן באַנד פון דער פּעטערבורגער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע, וועלכע איז אַרויס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטער דער רעדאַקציע פון די צוויי גרויסע יידישע געלערנטע און העברעיש־רוסישע שריפטשטעלער

פּראָפ. אַברהם אליהו הרכבי און ד״ר י. ל. קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי):

„מארקס האָט ניט געפילט קיין שום שנאה צו יידן און האָט צווישן זיינע פריינד געהאַט ניט ווייניק יידן. אָבער ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס יידנטום ווי אַ פאַרקערפּערונג פון קאַפּיטאַליס־טישן גייסט, צו וועלכן ער האָט ווי אַ סאָציאַליסט ניט געקאָנט ניט באַציען זיך פיינדלעך. פאַר מאַרקסן איז יידנטום ניט קיין רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער באַגריף, נאָר אַ קלאַסן־באַגריף, וואָס איז דאָס זעלבע ווי בורזשואַזיע. מארקס געברויכט אָפט דאָס וואָרט קאַפּיטאַליזם דאָרט, וווּ ער וויל זאָגן יידנטום און פאַרקערט, פּונקט ווי סלאַווענטום האָט פאַר מאַרקסן געמיינט צוריקגעשטאַנען פּויער־טום, דער פאַרגליווערטער ערד־אַרבעטער קלאַס, אַזוי איז יידנטום פאַר אים געווען דאָס זעלבע, וואָס דער שנעל־וואַקסנדער קאַפּיטאַ־ליסטישער גייסט און דערפאַר ווערט מאַרקס פון פילע באַצייכנט פאַר אַנטי־סלאַוו און אַנטי־סעמיט, הגם אין דער אמתן קאָן צו אים, ווי צו אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, ניט אָנגעווענדט ווערן ניט דער ערשטער און ניט דער צווייטער צונאָמען. דאָס וואָס פאַר מאַרקסן איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס געווען איינס און דאָס זעלבע, קאָן דערקלערט ווערן מיט דעם, וואָס מאַרקס איז לחלוטין ניט געווען באַקאַנט מיטן לעבן ניט נאָר פון די רוסישע, רומענישע און גאַליציאַנער יידן, נאָר אַפילו פון די דייטשע יידן האָט ער געקאָנט נאָר די יעניקע פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן אין די 40קער יאָרן (פון 19טן יאָרהונ־דערט) אָנגעהויבן שפּילן אין דייטשלאַנד און אין די אַנדערע מערב־אייראָפּעישע לענדער אַ געוויסע ראָלע אין האַנדל, אינדוסטריע און פינאַנץ. מאַרקס האָט די קליינע גרופּע פון יידישן פאָלק אָנגענומען פאַרן גאַנצן יידנטום. צוליב אָט דער סיבה זיינען מאַרקסעס אָנזיכטן אויף דער יידן־פראַגע ניט אָנגענומען געוואָרן פון דער פּאַרטיי, וועל־כע ער האָט געשאַפן. דער אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט קאַוטסקי טיילט ניט מאַרקס׳ מיינונגען וועגן דער „יידן־פראַגע״ („יעווריעס־קאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״, באַנד 10, ז׳ 633).

איך וויל נאָך צו דעם צוגעבן, אַז אויך קיין אַנדער מאַרקסיסט טיילט ניט די מיינונג, וואָס מאַרקס האָט געהאַט וועגן דער יידן־פראַגע, אין יאָר 1844, איידער ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט און אַ „מאַרקסיסט״. אַפילו מאַרקס אַליין האָט שפּעטער קיינמאָל ניט דערמאָנט זיין אַרטיקל „וועגן דער יידן־פראַגע״.

איז טאַקע אמת, אַז פראַנץ מעהרינג, וועלכער האָט אַליין געהאַט פאָראורטיילן קעגן יידן, האָט אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַרום נאָך מאַרקס׳ טויט געשריבן, אַז מאַרקס׳ אַרטיקל „צור יודען־פראַגע" איז דאָס בעסטע און גענ׳אַלסטע ווערק וואָס מאַרקס האָט געשריבן. אָבער אויך ד״ר נחמן סירקין, דער באַגרינדער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, האָט אין זיין פאָרוואָרט צו משה העס׳ „רוים און ירושלים" מאַרקסעס „צור יודען־פראַגע" באַצייכנט ווי „אַ גלענצנדעס שריפט וואָס איז פאַר פיל עד היום נאָך געבליבן אומפאַרשטענדלעך און מיספאַרשטענדלעך" און גראָד קאַרל קאַוטסקי, דער וויכטיקסטער און אויטאָריטעטישסטער טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם נאָך פרידריך ענגעלסן, האָט נאָך אין די 70טער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געשריבן, אַז מען דאַרף דאָס יידישע פאָלק גיכער פאַררעכענען פאַר אַזוינעם וואָס שטייט נענטער צו דעם פראָלעטאַריאַט, ווי צו דער בורזשואַזיע און אין 1904 האָט קאַוטסקי אין זיין באַגריסונג צו דער לאָנדאָנער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ציטונג „נייע צייט" געשריבן:

„עס איז אַ פאַקט: אַ גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון יידנטום עקזיס־טירט און זי דערשיינט הויפּטזעכלעך אין אַן אויסערגעוויינטלעכן כח פון אַבסטראַקציעס און אַ שאַרף אויסגעדריקטער קריטישער מענ־טאַליטעט. אַ דאַנק אָט דעם פאַקט, האָבן יידן, זינט זיי זיינען צו־געשטאַנען צו דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, געגעבן אַפשר מער דענקער, ווי וועלכער־עס־איז אַנדער פאָלק און אַזעלכע נעמען ווי שפּינאָזאַ, ריקאַרדאָ און מאַרקס באַדייטן גאַנצע עפּאָכן אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק. אָבער אַזוי ווי די יידן פון דער צייט אָן, וואָס זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציע, געהערן אין אַלגעמיין צו די אונטערדריקטע קלאַסן, האָבן זיי אָנגעווענדט זייער כח פון אַבסטראַקציע, זייערע קריטישע פעאי־קייטן הויפּטזאַכלעך צו דינען דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. זיי צייכענען זיך דעריבער אויס מיט גרויסע אויפטואונגען פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַלע לענדער" (זע דזשאָן מיל, פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו יאָרק 1949, ז. 137).

ווען קאַרל מאַרקס וואָלט טאַקע געווען אַן אַנטיסעמיט, וואָלט דער גרויסער יידישער היסטאָריקער היינריך גרעץ ניט געשריבן צו מאַרקסן דעם 1טן פעברואַר 1877: „הויך געערטער פריינד! ווען איר וואָלט אַפילו באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעך — דעם לעצטן פון די מלכים געהאַט אויפגעהאַנגען אויף די געדערים פון דעם לעצטן פון די כהנים, וואָלט איך אייך אויך מוחל געווען — אַזוי שטאַרק

האָבן מיר אונטערגעקויפֿט אייער בריוו, די בייגעלייגטע בילדער און די געשעצטע שריפֿטן. יע, איר האָט מיר פֿאַרשאַפֿט דערמיט גרויס פֿרייד, וואָס איז נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם לאַנגן וואַרטן אויף אַ ידיעה פֿון אייך. די ביידע פֿאָטאָגראַפֿיעס דערמאָנען מיך כסדר די אַנגענעמע, הגם קורצע צייט פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט אין קאַרלסבאַד. נעמט אָן מיין דאַנק דערפֿאַר". (דער גאַנצער בריוו איז צוערשט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה אין די „היסטאָרישע שריפֿטן" פֿון דער איוואָ).

אַז מאַרקס האָט ניט ליב געהאַט די יידן פֿון דייטשלאַנד פֿון זיין צייט, קען מען זיך פֿאָרשטעלן, אָבער קיין אַנטיסעמיט איז ער דאָך ניט געווען, פּונקט ווי ער איז ניט געווען קיין אַנטי־פֿראַנצויז, קיין אַנטי־רוס אָדער אַנטי־ענגלענדער. מען דאַרף גאָר ניט זיין קיין מאַרקסיסט און אַפֿילו ניט קיין סאָציאַליסט און פֿאַרערער פֿון מאַרקסעס פּערזענלעכקייט צו אַנערקענען, אַז ער איז געווען אַן אויפֿריכטיקער אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפֿט פֿאַר גערעכטיקייט, פֿאַר גלייכקייט און פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון אַלע אונטערדריקטע.

10

מאַרקסעס פֿרוי, דזשעני, איז געשטאָרבן דעם 2טן דעצעמבער 1881. דעם 23סטן יאַנואַר 1882 האָט מאַרקס, אין אַ בריוו צו דעם רוסישן סאָציאַליסטישן דענקער, פּיאָטר לאַוראָוו, געשריבן:

טייערער פֿריינד!

„איך האָב ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן. אין רעזולטאַט פֿון אַ פּלעווריט און פֿון אַ בראָנכיט, אויף וועלכע איך בין קראַנק געווען, איז ביי מיר פֿאַרבליבן אַ כראָנישער בראָנקיטיס. מיין דאָקטער האָט געהאַפֿט מיך אויסצוהיילן אָוועקשיקנדיק מיך קיין ווענטנאָר (אויפֿן אינזל ווהאַיט), אַ פּלאַץ, וווּ עס איז געווייינלעך וואַרעם אַפֿילו ווינטער. אָבער דאָס מאָל איז אין די דריי וואָכן, וואָס איך בין געווען אין ווענטנאָר דער וועטער געווען אַ נאַסער און קאַלטער און דער הימל איז כסדר געווען פֿאַרוואָלקנט. אין לאָנדאָן איז גראָד אין דער זעלבער צייט געווען כמעט זומער. אָבער דער זומער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַזוי שנעל ווי איך בין צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן.

„איצט האָט מען בדעה מיך אַוועקצושיקן ווו ניט איז קיין דרום פֿיליכט קיין אַלזשיר. אויסקלייבן האָב איך ניט פֿון וואָס. קיין איטאַליע קאָן איך נישט פֿאָרן (אין מילאַן איז אַ מאַן אַרעסטירט געוואָרן; דערפֿאַר וואָס זיין פֿאַמיליע־נאָמען איז ענלעך אויף מיינעם). איך קאָן אַפֿילו פֿון דאַנען ניט פֿאָרן אויף דער שיף דורכן גיבראַלטאַר, ווייל איך האָב ניט קיין פּאַספּאָרט און דאָרט פֿאָדערן אַפֿילו די ענגלענדער אַ פּאַספּאָרט. ניט געקוקט אויף די אַלע פֿאָדערונגען פֿון די דאָקטוירים און פֿון מיינע נאָענטע, וואָלט איך ניט צוגעשטימט צו אַזאַ רייזע, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ גרויסן צייט־פֿאַרלוסט, ווען אָט די „ענגלישע" קראַנקייט וואָלט ניט געווירקט אויפֿן מאַרך. אַ חוץ דעם, ווען די קראַנקייט זאָל זיך צוריקקערן, וואָלט עס אָפּגענומען ביי מיר נאָך מער צייט. ניט קוקנדיק אויף דעם, וועל איך פּרובירן אונטערנעמען וואָס ניט איז דאָ".

דעם 20סטן פֿעברואַר 1882, איז מאַרקס אָנגעקומען קיין אַלזשיר. אָבער אויפֿן וועג האָט ער, צוליב דעם שלעכטן וועטער, זיך ווידער אַמאָל פֿאַרקילט און איז קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגן־אַנטצינדונג. צום אומגליק איז דער וועטער יענעם ווינטער און פֿרילינג אין אַלזשיר געווען ערגער ווי אַלע מאָל. דעם 2טן מאַי איז מאַרקס אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָנטע קאַרלאָ. ער איז געקומען אַהין נאָך אַ פֿאַרקילטער און דער וועטער איז אויך דאָרט געווען אַ שלעכטער. זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פֿאַרבעסערט, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין אַרזשענטייל, ביי זיין טאָכטער, זשעני לאָנגע.

דערנאָך האָט ער זעקס וואָכן פֿאַרבראַכט אין וועווע, שווייץ, וווּהין ער איז אַוועקגעפֿאָרן מיט זיין טאָכטער לאַוראַ (מאַדאַם לאַפֿאַרג) און ווען ער האָט אין סעפּטעמבער, 1882, זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן, האָט ער אויסגעקוקט זייער מונטער. ער האָט זיך שוין געקליבן צוריקצונעמען זיך צו זיינע אַרבעטן, ווייל די דאָקטוירים האָבן אים דערלויבט צו פֿאַרברענגען דעם ווינטער אמת ניט אין לאָנדאָן, נאָר אין איינעם פֿון די דרום־ענגלישע שטעט ביים ים. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די באַרימטע לאָנדאָנער נאָוועמבער „פֿאָגס" (טומאַנען) איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין ווענטאָר, אָבער דאָרט איז דעם מאָל, פּונקט ווי אין אַלזשיר, דער וועטער געווען זייער אַ שלעכטער. ער האָט זיך ווידער פֿאַרקילט און איז געצווונגען געווען צו זיצן פֿאַרשפּאַרט אין הויז. וועגן וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט האָט ער שוין גאָרניט געקאָנט טראַכטן אַפֿילו, הגם ער האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט אויך מיט פֿאַרשידענע וויסנשאַפֿטלעכע אַנט־

דערקוננגען, אפילו מיט אזוינע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט זיינע אַרבעטן.

אין אַלגעמיין האָט זיך אין זיינע בריוו פון יענער צייט געפילט אַן אומעטיקע געדריקטע שטימונג. וועגן זיינע צוויי איידעמס, לאַנגע און לאַפאַרג, וועלכע זיינען ביידע געווען טעטיקע סאָציאַליסטן אין פראַנקרייך, האָט ער זיך אויסגעדריקט: „לאַנגע רעדט ווי דער לעצטער פרודאָניסט (אָנהענגער פון דעם פראַנצויזישן אַנאַרכיסט פרודאָן) און לאַפאַרג ווי דער לעצטער באַקוניסט, דער טייוול זאָל זיי נעמען".

דעמאָלסט האָט זיך עס ביי מאַרקסן אַרויסגעריסן פון מויל דאָס באַרימטע ווערטל: „איך בין יעדנפאַלס ניט קיין מאַרקסיסט".

דעם 11טן יאַנואַר 1883 איז פלוצלינג געשטאָרבן זיין עלטערע טאָכטער זשעני לאַנגע. דאָס איז פאַר אים געווען דער גרעסטער קלאַפּ נאָך דעם טויט פון זיין פרוי. שוין אויף מאָרגן האָט מאַרקס זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן מיט אַן ערנסטן בראָנכיט, צו וועלכן עס איז נאָך צוגעקומען אַן אַנטצינדונג אין האַלדז, צוליב וועלכער ער האָט ניט געקאָנט שלינגען. אין פעברואַר האָט ער באַקומען אַ געשוויר אויף אַ לונג. די רפואות האָבן שוין ניט געהאַט קיין ווירקונג אויפן קערפּער. זיי האָבן נאָר אָפּגעשוואַכט דעם אַפּעטיט און געשטערט די פאַרדייאונג פון די שפייז. מיט יעדן טאָג איז דער קראַנקער מאַרקס געוואָרן אַלץ דאַרער. אָבער די דאָקטוירים האָבן ניט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן, מחמת דער בראָנכיט איז כמעט פאַראיבער און שלינגען איז אים געוואָרן אַ סך לייכטער. אָבער דער סוף איז געקומען אומגעריכטערהייט. דעם 14טן מערץ, 1883, בייטאָג האָט קאַרל מאַרקס שטיל און אַן ווייטיקן זיצנדיק אויף זיין שטול, אויסגעהויכט זיין אָטעם.

דעם 17טן מערץ האָט מען אים מקבר געווען לעבן זיין פרוי אויף דער האַי געיט סעמעטערי אין לאָנדאָן אָן שום צערעמאָניעס. נאָר עטלעכע איבערגעגעבענע פריינד און די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. ביים אָפענעם קבר האָבן גערעדט ווילהעלם ליבקנעכט, אין נאָמען פון די דייטשע אַרבעטער; מאַרקס' איידעם פאָל לאַפאַרג, אין נאָמען פון די סאָציאַליסטן פון פראַנקרייך און מאַרקס' אינטימסטער לעבנספריינד און מיטקעמפער פרידריך ענגעלס, „פאַר די אַרבעטער פון דער וועלט". ענגעלס האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון דעם פאַרשטאָרבענעם. צווישן אַנדערס האָט ענגעלס געזאָגט:

„דעם 14טן מערץ, אַ פערטל צו דריי בייטאָג, האָט אויפגעהערט דענקען דער גרעסטער דענקער פון אונדזער צייט. אין צוויי מינוטן אַרום, נאָך דעם ווי מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אין זיין צימער, האָבן מיר אים געפונען אַ רויק־איינגעשלאָפענעם אויף אייביק אין זיין שטול. מיר קאָנען ניט אָפּמעסטן דאָס וואָס דער קעמפנדי־קער אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַריאַט און די וויסנשאַפט האָבן פאַרלאָרן אין זיין פּערזאָן".

און נאָכדעם ווי ענגעלס האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון מאַרקסן דעם וויסנשאַפטסמאַן, דעם פּאָליטיקער, דעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער און מענטשן, האָט ער פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„ער איז געשטאָרבן, דערוועראבנדיק פאַר זיך דעם רעספּעקט, די ליבע און דעם צוטרוי פון מיליאָנען זיינע רעוואָלוציאָנערע מיט־אַרבעטער, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער גאַנץ אייראָפּע און אַמע־ריקע, פון די סיבירער קאַטאָרזשנע טורמעס אַזש ביז קאַליפאָרניע און איך קאָן דרייסט זאָגן: ער האָט געהאַט אַ סך קעגנער, אָבער איך צווייפל צי אַפילו איין פּערזענלעכן פיינט. זיין נאָמען וועט אַריבערלעבן יאָרהונדערטער, זיי וועט אַריבערלעבן אויך זיין ווערק".

אַזוי האָט געדענקט און געפילט וועגן מאַרקס' אין 1883 זיין לעבנס־חבר און מיטקעמפער פרידריך ענגעלס, כאָטש ניט נאָר אין אַנדערע לענדער, נאָר אַפילו אין ענגלאַנד האָבן דעמאָלט זייער ווייניק אַרבעטער געהערט מאַרקס' נאָמען.

און אָט וואָס עס האָט מיט 34 יאָר שפּעטער געשריבן וועגן מאַרקסן און זיין לערע און זיין ווערק „וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן אידעאַל", דער באַוווּסטער רוסישער געלערטער, פּראָפעסאָר פּאַוועל נאָווגאָראָדצעוו, ניט קיין סאָציאַליסט, אַ קעגנער פון מאַרקסיזם, אָבער אַ גרויסער קענער פון דער מאַרקסיסטישער און סאָציאַליסטי־שער ליטעראַטור:

„ווען מאַרקס וואָלט זיך באַגרענעצט נאָר מיט פעסטשטעלן באַ־שטימטע טענדענצן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָלטן זיינע אָנשווייזונגען פאַרבליבן זייער ווערטפולע, אָבער דאָך נאָר פאַר דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. די היסטאָרישע באַדייטונג פון זיינע ווערק באַשטייט נעמלעך אין דעם, וואָס זיין לערע גייט אַרויס ווייט איבער די גרענעצן פון עקאָנאָמישער טעאָריע און ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַן אויסטייטשונג פון דעם זין פון דער געשיכטע און דעם זין פון מענטשלעכן לעבן. די צוקונפט און די פאַרגאַנגענהייט, דער באַרוף פון דעם מענטשן און דער גורל פון דער געזעלשאַפט,

די באַציִונג פֿון דעם מענטשן צו דער וועלט און פֿון דער וועלט צום מענטשן — דאָס אַלץ ווערט אַרומגענומען און דערקלערט מיט די ברייטע פֿאָרמולעס פֿון קלאַסישן מאַרקסיזם און אין רעזולטאַט ברענגען די דאָזיקע פֿאָרמולעס דעם מענטשן די גוטע בשורה וועגן אַ גוטן און גערעכטן סוף פֿון דער געשיכטע, וועגן דעם טריומף פֿון פֿאַרנונפֿט איבער די בלינדע סטיכישע כוחות פֿון דער אויסער־לעבער נאַטור און איבער די איראַציאָנעלע (אומפֿאַרנינפֿטיקע) כוחות פֿון געזעלשאַפֿטלעכע לעבן".

אויף ווי ווייט דער מאַרקסיזם איז געווען אַ מין סאָרט רעליגיע — זאָגט פּראָפֿ. נאַוואָגאָראָדצעוו — האָט ער געקאָנט געבן אַ געוויסע טרייסט די יעניקע, וואָס האָבן אין אים געגלויבט. מיט זיינע אַלץ אַרומנעמענדיקע פֿאַרשפּרעכנס איז ער געווען אַמבעסטן צוגע־פּאַסט צו ווירקן אויף די מאַסן און אָנצינדן זייער פֿאַנטאַזיע. אָבער ער אַליין (דער מאַרקסיזם) האָט געוואָלט זיין ניט קיין רעליגיע, נאָר אַ וויסנשאַפֿט און ווירקן ניט אויף דער פֿאַנטאַזיע, נאָר אויפֿן געדאַנק. זיינע רעליגיעזע פֿאַרשפּרעכנס און האָפֿענונגען האָט ער איינגעוויקלט אין דער פֿאָרם פֿון וויסנשאַפֿטלעכע אויספֿירן און פֿעסטע כּללים.

„אויב קאַרל מאַרקס וואָלט געווען נאָר אַ געלערנטער" — שרייבט נאַוואָגאָראָדצעוו — „וואָלט ער זיך דערוואָרבן אַזאַ נאָמען ווי אַדאַם סמיט, דעיווויד ריקאַרדאָ, ראָבערטוס און אַנדערע באַרימטע געוואָרענע עקאָנאָמיסטן, אָבער ער וואָלט ניט געהאַט אָט די אויסער־געוויינלעכע באַדייטונג, וועלכע געהערט אים אין דער ווירקלעכקייט און וועלכע איז באַגרינדעט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אויך אַ פֿירער און אַ נביא".

איך האָב שוין פֿריער אָנגעוויזן, אַז מאַרקס האָט נאָך אין זיינע יונגע יאָרן באַקעמפֿט די רעוואָלוציאָנערע מויל־העלדן, די „באַל־שעוויקעס" פֿון זיין צייט. ענטפֿערנדיק וויליכן און שאַפּערן, די צוויי אָנפֿירער פֿון דער „רעוואָלוציאָנערער" מינאָריטעט אין דעם „קאָמוניסטן־פֿאַריין", האָט מאַרקס, אין נאָוועמבער 1850, געשריבן אין דער „נייע רהיינישע רעוויו" (איבערגעדרוקט אין פֿראַנץ מעה־רינגס „געשיכטע פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", באַנד 2, זייט 192):

„מיר זאָגן צו די אַרבעטער: איר דאַרפֿט 15, 20, 50 יאָר פֿירן בירגער־קריגן און אינטערנאַציאָנאַלע מלחמות ניט בלויז כּדי צו ענדערן די אויסערלעכע באַדינגונגען, נאָר אויך כּדי צו ענדערן זיך

אַליין און מאַכן זיך פּעאיק צו פּאָליטישער הערשאַפט. איר אָבער זאָגט פאַרקערט: מיר דאַרפן תיכף אַרײַנקריגן די מאַכט, ווען ניט קענען מיר זיך גיין לייגן שלאָפן. אין דער צייט, ווען מיר ווייזן אָן ספּעציעל די דייטשע אַרבעטער אויף דעם ניט אַנטוויקלטן צושטאַנד פון דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט, קיצלט איר אויפן סאַמע גראָב־סטן אופן זיין נאַציאָנאַלן געפיל און די קלאַסן־פאָראורטיילן פון די דייטשע באַלמעלאָכעס, וואָס איז, נאַטירלעך, פּאָפּולערער. פּונקט ווי די דעמאָקראַטן האָבן פאַרוואַנדלט דאָס וואָרט „פאָלק" אין עפּעס אַ הייליקטום, אַזוי טוט איר מיטן וואָרט פּראָלעטאַריאַט. פּונקט ווי די דעמאָקראַטן, רוקט איר אונטער אויפן אָרט פון רעוואָלוציאָ־נערער אַנטוויקלונג די רעוואָלוציאָנערע פראַזע".

מאַרקס האָט טאַקע געפּרעדיקט "דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" ניט נאָר אין זיינע יונגע יאָרן. אין די יאָרן 1850-1852 האָט מאַרקס געהאַלטן דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט אויגוסט בלאַנקין פאַר דעם ווירקלעכן פירער פון פּראָלעטאַריאַט און ער האָט אַריינגענומען אין זיין פּראָגראַם בלאַנקיס פאָדערונג פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין יאָר 1852 האָט מאַרקס באַהויפּטעט, אַז „דער קלאַסן־קאַמף פירט אומפאַרמיידלעך צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". און אַפילו שפּעטער אין זיין „קריטיק פון דער גאָטהאַ פּראָגראַם פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" האָט מאַרקס געשריבן, אַז אינעם איבערגאַנגס־פּעריאָד צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם וועט עק־זיסטירן אַ רעזשים פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער ווי עס ווייזט ריכטיק אָן דער נים־סאָציאַליסט און קעגנער פון מאַרקסיזם פּראָפ. נאָוואָגראָדצעוו, קען מען פון מאַרקס' ווערק ברענגען אַר־גומענטן סיי פאַר דעמאָקראַטיע און סיי פאַר דיקטאַטור. „מאַרקס, שרײַבט ער, האָט אין זינען געהאַט די איינפירונג פון דער הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט פון פאָלק. ער האָט, נאַטירלעך, קיינמאָל ניט פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון אַ מינדערהייט צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אומאָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דער מער־הייט פון פאָלק. ער האָט דאָך געדענקט, אַז די פּראָלעטאַרישע רע־וואָלוציע וועט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג וועט מאַכן אומפאַרמיידלעך דעם קראַך פון דער הערשאַפט פון דער מינדערהייט".

מאַרקס און ענגעלס האָבן ביידע אָנגעוויזן אויף דער פּאַריזער קאָמונע פון 1871 ווי אויף אַ ביישפּיל פון דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט. אָבער אין דער קאָמונע זענען געווען פאַרטראָטן פאַרשיי־

דענע גרופּעס און פּאַרטייען, צווישן וועלכע די אָנהענגער פֿון קאַרל מאַרקסן זיינען געווען אין אַ מינאָריטעט. אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" האָט מאַרקס געשריבן, אַז „די קאָמוניסטן שטעלן מיט זיך ניט פֿאָר קיין ספּעציעלע פּאַרטיי איבער און העכער פֿון אַלע אַנדערע פּאַרטייען פֿון אַרבעטער־קלאַס". מאַרקסן איז קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלן צו פּרעדיקן, אַז איין פּאַרטיי זאָל האָבן דעם פֿולשטענדיקן קאָנטראָל איבער דעם לעבן און טעטיקייט פֿון אַלע בירגער און אַז דער דאָזיקער קאָנטראָל זאָל דורכגעפֿירט ווערן פֿון דער פּאַרטיי אַליין אָדער פֿון איר צענטראַל־קאָמיטעט. וועגן דעם קען מען ניט געפֿינען קיין שום אָנצוהערעניש אַפֿילו אין די סאַמע עקסטרעמסטע אַרויסזאָגונגען פֿון מאַרקסן אין זיינע יונגע יאָרן. די דאָזיקע טעאָריע און סיסטעם האָט געשאַפֿן ניט מאַרקס, נאָר לענין.

מיט פֿינף יאָר פֿאַר זיין טויט, אין יאָר 1887, האָט מאַרקס אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין אַמסטערדאַם געזאָגט: „מיר האָבן קיינמאָל ניט באַהויפּטעט, אַז די וועגן צו דערגרייכן אָט דעם ציל (די דעראָבערונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט דורך דעם אַרבעטער קלאַס) זיינען אומעטום איין און דיזעלבע. מיר ווייסן, אַז מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט די אינסטיטוציעס, די מנהגים און געוווינהייטן פֿון די פֿאַרשיידענע פּלעצער און מיר לייקענען ניט, אַז עס זיינען דאָ לענדער, ווי אַמעריקע און ענגלאַנד — און אויב איך וואָלט בעסער געקענט אייערע אינסטיטוציעס, וואָלט איך אפֿשר צוגעגעבן צו זיי אויך האָלאַנד — ווו די אַרבעטער קענען דערגרייכן זייער ציל אויף אַ פֿרידלעכן וועג. אָבער דאָס איז דער פֿאַל ניט אין אַלע לענדער".

אין די מערסטע לענדער פֿון אייראָפּע האָט דעמאָלט נאָך ניט עקזיסטירט קיין דעמאָקראַטישע אָרדנונג.

מאַרקס האָט טאַקע אונטערשעצט דעם ווערט פֿון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, אָבער נאָר פּאָליטיש אומוויסנדע מענטשן קענען מאַכן פֿאַראַנטוואָרטלעך מאַרקסן פֿאַר די גרויזאַמקייטן פֿון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור אין רוסלאַנד. מאַרקס' אידעאַל איז געווען: „אַ געזעלשאַפֿט, ווו די פֿרייהייט פֿון דעם איינצלנעם מענטשן איז די פֿאָרבאַדינגונג פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט".

מאַקסים קאָוואַלעווסקי, פּונקט ווי פּראָפֿ. נאָוואָגאָראָדצעוו, אַ ניט־סאָציאַליסט און אַ קעגנער פֿון מאַרקסיזם, וועלכער האָט פּערזענלעך גוט געקאָנט קאַרל מאַרקס' און האָט אָפֿט פֿאַרבראַכט ביי אים אין הויז אין לאָנדאָן, האָט אין יאָר 1910 געשריבן וועגן אים:

„אין זיין פּערזאָן האָב איך געהאַט דאָס גליק צו באַגעגענען זיך מיט איינעם פון יענע גייסטיקע און מאָראַלישע פירער פון דער מענטשהייט, וועלכע קאָנען מיט רעכט באַטראַכט ווערן פאַר אירע גרויסע טיפן, ווייל זיי זיינען אין זייער צייט געווען די גרעסטע אויסדריקער פון די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע שטרעבונגען".

הערבערט ספּענסער און קאַרל מאַרקס, האָט קאָוואַלעווסקי געשריבן, קענען באַטראַכט ווערן ווי די צוויי שאַרפסטע קעגנער. ספּענסער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט; מאַרקס האָט פאַרטיידיקט די רעכט פון די אַרבעטנדע מאַסן. ביידנס ציל איז געווען צו פאַרזיכערן דעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. זיי האָבן ביידע געזען ניט דעם גאַנצן אמת. זיי האָבן אָבער ביידע געטאָן אַלץ וואָס עס איז געווען אָפּהענגיק פון זיי, איבערצוגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן געוווּסט, צו זייערע צייט־חברים און דער וואָס האָט געלעבט פאַר די בעסערע מענטשן פאַר זיין צייט, האָט, ווי געטהע האָט זיך אויסגעדריקט, געלעבט פאַר אַלע צייטן".

אזוי האָט געשריבן וועגן קאַרל מאַרקסן 27 יאָר נאָך מאַרקס' טויט, אַ גרויסער געלערנטער. איינער פון די אַלזייטיק געבילדטסטע מענטשן אין דער וועלט, וואָס האָט גוט געקענט מאַרקסן און זיין לערע און וואָס איז געווען אַ ליבעראַל און אַ קעגנער פון מאַרקסיזם.

היינט־צו־טאָג איז אפשר קאַרל מאַרקס דער פּאָפּולערסטער נאָמען אויף דער וועלט, כאָטש די מערסטע נביאות זיינע זיינען ניט מקוים געוואָרן און דער מאַרקסיזם שפּילט איצט אַ קליינע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אייראָפּע און אזיע. מען קען אָבער זיכער זיין, אַז אַפילו ווען די מערסטע טעאָריעס מאַרקס' וועלן אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן, וועט זיין נאָמען נאָך אַלץ אָפּקלינגען דורות לאַנג.

פרידריך ענגעלס

(1895 — 1820)

1

פֿרידריך ענגעלס איז געבוירן געוואָרן דעם 28סטן נאָוועמבער, 1820, אין דער דייטשער שטאָט בארמען אויפֿן רהיין. זיין פֿאָטער איז געווען א רייכער פֿאבריקאנט. ער אַליין האָט שטודירט אין א דייטשער גימנאזיע, וועלכע ער האָט צוליב געוויסע פֿאמיליען־אנגעלעגנהייטן ניט געענדיקט. די רהיין־פּראָווינץ איז דעמאָלט סיי אינדוסטריעל און סיי פּאָליטיש געווען דער סאמע פֿאָרטגעשריטנסטער טייל פֿון דייטשלאַנד. דאָרט זיינען שוין דעמאָלט געווען גרויסע פֿאבריקן און צאָלרייכער ארבעטער־קלאס. אין דער רהיין־פּראָווינץ האָבן פֿאַר א משך פֿון יאָרן געהערשט די פֿראנצויזן. די דאָרטיקע באַפֿעלקערונג האָט זיך געפֿונען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער פֿראנצויזישער רעוואָלוציע, און זי איז געווען א סך פּראָגרעסיווער ווי די באַפֿעלקערונג פֿון די אַנדערע טיילן פֿון דייטשלאַנד.

נאָך זייענדיק אין גימנאזיע, האָט ענגעלס א סך געלייענט. ער האָט שטודירט פֿילאָסאָפֿיע און איז געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט צו דער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרדנונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דייטש־לאַנד. צו 18 יאָר האָט ער פֿאַרלאָזן די גימנאזיע און איז אָנגעקומען אויף א שטעלע אין א האנדלס־פֿירמע אין ברעמען. דערנאָך האָט ער א יאָר צייט געדינט אין דער ארמיי אין בערלין. אין יאָר 1842 איז ער אוועק־געפֿאָרן קיין מאנטשעסטער, ענגלאַנד, און איז דאָרט געוואָרן אַן אָנגע־שטעלטער אויף א פֿאבריק, אין וועלכער זיין טאטע האָט געהאַט אקציעס.

צוויי יאָר צייט האָט ענגעלס פֿאַרבראַכט אין מאנטשעסטער. דאָרט איז ער צום ערשטן מאָל באַקאנט געוואָרן מיט דעם גאנצן מעכאניזם פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿטס־סיסטעם און מיט דער לאַגע פֿון די אַר־בעטנדע מאסן. און די לאַגע פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס איז דעמאָלט אַפֿילו אין דער קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטער און פֿרייער ענגלאַנד געווען א

שרעקלעכע. ענגעלס האָט זיך דאָרט באַלד שטאַרק פֿאַראינטערעסירט פֿון איין זייט מיט דער יונגער אַרבעטער באַוועגונג און פֿון דער צווייטער זייט מיט דער לערע פֿון די ערשטע ענגלישע סאָציאַליסטן, אין שפּיץ פֿון וועלכע עס איז געשטאַנען ראָבערט אָוען. ענגעלס האָט אָט־די ביידע באַוועגונגען גרינטלעך שטודירט און אינגיכן איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער צייטונג „נאָרדהערן סטאַר", אָרגאַן פֿון די טשאַרטיסטן (די ערשטע פּאָליטישע אַרבעטער באַוועגונג אין ענגלאַנד) און אין ראָבערט אָוענס זשורנאַל „ניו מאָראַל וואָירלד".

מיט קאַרל מאַרקסן האָט ענגעלס שוין דאַן זיך דורכגעשריבן. אָבער פּערזענלעך איז ער מיט אים באַקאַנט געוואָרן ערשט אין יאָר 1844 אין פּאַריז, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג, ווען ער איז געפֿאָרן פֿון מאַנטשעסטער צוריק אַהיים קיין דייטשלאַנד. פֿון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן זייער אינטימע פֿריינדשאַפֿט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן לעבן און וועלכע האָט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג פֿאַר זיי ביידע.

וועגן זייער פֿריינדשאַפֿט האָט שפּעטער געשריבן דער באַרימטער פֿראַנצויזישער סאָציאַליסט, פּאָל לאַפֿאַרג, וועלכער איז געווען אַן איידעם פֿון קאַרל מאַרקס, אַז „מאַרקס און ענגעלס האָבן פֿאַרווירקלעכט אין 19טן יאָרהונדערט דעם אידעאַל פֿון פֿריינדשאַפֿט, וואָס איז געשילדערט געוואָרן פֿון די פּאָעטן פֿון אַלטערטום. פֿון דער פֿריסטער יוגנט אָן האָבן זיי צוזאַמען זיך אַנטוויקלט, געלעבט אין די זעלבע געדאַנקען און געפֿילן און זיך באַטייליקט אין דער זעלבער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע, און ווען זיי האָבן נאָר געקענט ניט שיידן זיך, האָבן זיי אויך געאַרבעט צוזאַמען".

שוין אין יאָר 1844 האָבן מאַרקס און ענגעלס צוזאַמען אָנגעשריבן אַ היסטאָריש־פֿילאָזאָפֿיש ווערק, „די הייליקע פֿאַמיליע", וואָס איז דערשינען אין פֿראַנקפֿורט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ענגעלס פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך „וועגן דער לאַגע פֿון אַרבעטער קלאַס אין ענגלאַנד", אַ ווערק וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין גאַנץ אייראָפּע.

ווי געזאָגט, האָבן אין ענגלאַנד דעמאָלט עקזיסטירט צוויי ראַדיקאַלע באַוועגונגען — די טשאַרטיסטישע באַוועגונג און דער „אָועניזם" (די באַוועגונג פֿון די אַזוי גערופֿענע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן, וואָס איר הויפּט־פֿירער איז געווען ראָבערט אָוען). די טשאַרטיסטן האָבן געקעמפֿט פֿאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, פֿאַר דער פֿרייהייט צו אָרגאַניזירן זיך אין פֿאַראייניגען, פֿאַר אַלגעמיינע שטימרעכט צום פּאַרלאַמענט און פֿאַר אַנדערע אַזוינע רעפֿאָרמען. וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער מאַסן. פֿון סאָציאַליזם האָבן זיי ניט געוואָלט הערן אַפֿילו.

די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן, ווידער, די אָנהענגער פון ראָבערט אָוען, האָבן ניט געוואָלט הערן ניט פון סטרייקס, ניט פון דער ארבעטער באַוועגונג און ניט פון פּאָליטישן קאַמף. זיי האָבן געוואָלט אָפּשאַפן אָרעמקייט און נויט אויף דער וועלט דורך גרינדן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, און דורך איבערדערציען די ארבעטער מאַסן.

פרידריך ענגעלס האָט אין זיין בוך קריטיקירט די איינזייטיקייט פון דיביידע באַוועגונגען און ער האָט געפּאָדערט די פאַראייניקונג פון ביידע ריכטונגען. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די ארבעטער באַוועגונג דאַרף ווערן יענע קראַפט, וואָס וועט עפענען דעם וועג פאַרן סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם, ווידער, דאַרף ווערן דער ציל, וועלכן די ארבעטער באַוועגונג דאַרף זוכן צו פאַרווירקלכן.

„ווען דער סאָציאַליזם וועט זיך צוזאַמענגיסן מיט דער ארבעטער באַוועגונג", האָט ענגעלס געשריבן אין יאָר 1844, „וועט דער ארבעטער־קלאַס ווערן דער הערשער פון ענגלאַנד".

דאָס איז איינע פון די נביאות ענגעלסעס, וואָס זיינען מיט יאָרן שפּעטער מקוים געוואָרן.

די ענגלענדער אַליין האָבן שפּעטער שטאַרק אָפּגעשאַצט ענגעלסעס בוך און ער איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין ענגלאַנד. דעם דאָזיקן בוך האָט ענגעלס אָנגעשריבן נאָך זיין צוריקקער פון מאַנטשעסטער קיין באַרמען, ווען ער איז אַלט געווען 24 יאָר. אין באַרמען האָט ענגעלס לאַנג ניט געקענט פאַרבלייבן. ער האָט אינגיכן אויפגעגעבן זיינע געשעפטן און איז אַוועקגעפאָרן קיין בריסעל, ווו קאַרל מאַרקס האָט דעמאָלט געלעבט. דאָרט האָבן זיי ביידע זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „פאַראיין פון די גלייכע", פון וועלכן עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער „קאָמוניסטן־בונד". אויף דעם אויפטראָג פון דעם „קאָמוניסטן־בונד" האָבן מאַרקס און ענגעלס אין יאָר 1847 אָנגעשריבן דעם באַרימטן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" וואָס איז אין פאַרלויף פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט באַטראַכט געוואָרן ווי די „ביבל פון מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם".

אין יאָר 1848 איז ענגעלס געווען אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דער „נייע רהיינישע צייטונג", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין קעלן. דאָס איז געווען די טאַלאַנטפולסטע און די מוטיקסטע רעוואָלוציאָנערע צייטונג, וואָס איז דערשינען אין דייטשלאַנד. נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד, וואָס איז פאַרגעקומען אין מאַי 1849 אין אַ רייע אינדוסטריעלע צענטערס פון דער רהיין־פּראָווינץ, איז אונטערדריקט געוואָרן, איז די צייטונג צוגעמאַכט געוואָרן פון דער רעגירונג. קאַרל מאַרקס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער רהיין־פּראָווינץ און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. ענגעלסען האָט די רעגירונג געזוכט צו אַרעסטירן פאַר באַטייליקן זיך אין אויפשטאַנד. ער

האָט זיך אַ געוויסע צייט אויסבאַהאַלטן אין קעלן. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּפאַלץ, ווו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דאָרטיקער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין דריי שלאַכטן צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און דער רעגולערער פּרייסישער קייזערלעכער אַרמיי. געזיגט האָט, ווי מען האָט לכתחילה געקענט דערוואַרטן, די פּרייסישע אַרמיי. ענגעלס איז געווען איינער פון די לעצטע רעוואָלוציאָנערן צו פאַרלאָזן די שלאַכט־פעלד. ער איז אַנטלאָפן קיין שווייץ, ווו ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע מאָנאַטן. מאַרקס איז פון דער פראַנצויזישער רעגירונג געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. אינגיכן איז ענגעלס אויך אַוועקגעפאָרן אַהין.

נאָך דעם דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד האָבן מאַרקס און ענגעלס שוין מער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שרייבן פאַר דייטשע צייטשריפטן, אָדער אַרויסגעבן זייערע ווערק אין דייטשלאַנד. אַלע צייטונגען האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זייערע אַרטיקלען און קיין פאַרלאַג האָט ניט געוואָלט אָננעמען זייערס אַ ווערק. ביידע זיינען אינגיכן געקומען צום שלוס, אַז די רעוואָלוציעס אין אייראָפּע זיינען פאַרלויפיק פאַרענדיקט, אַז וועגן אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד אין דער נאָענטער צוקונפט קען מען גאָר אַפילו ניט טראַכטן. און זיי האָבן געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן אָפן די דאָזיקע מיינונג זייערע. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין דעם „קאָמוניסטישן בונד" און צו דעם, אַז די מערסטע זאָלן זיך אָפּקערן פון מאַרקסן און ענגעלסן.

מאַרקס האָט אַלץ מער פון זיין צייט אָנגעהויבן צו פאַרברענגען אין דער ביבליאָטעק פון בריטישן מוזעום, ווו ער האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר זיין צוקונפטיק ריזיקן ווערק „דאָס קאַפּיטאַל". אין דער זעלבער צייט איז ער געוואָרן דער אייראָפּעאישער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו יאָרק טריבון", וועלכע איז דעמאָלסט געווען אַ העכסט ליבעראַלע צייטונג. אין פאַרלויף פון 20 יאָר איז מאַרקס פּאַקטיש געווען דער אייראָפּעאישער רעדאַקטאָר פון דער „ניו יאָרק טריביון". די מערסטע פּאָליטישע בראָשורן פון קאַרל מאַרקס זיינען צוערשט דערשינען אין דער פאָרם פון קאָרעספּאָנדענצן פון לאָנדאָן אין דער „ניו יאָרק טריביון". ניט אַלע ווייסן אָבער, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן זיינען געשריבן געוואָרן ניט פון מאַרקסן, נאָר פון ענגעלסן.

ענגעלס איז אין יאָר 1850 אַוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין מאַנטשעסטער. ער האָט דאָרט ווידער אָנגענומען אַ שטעלע אין דער טעקסטיל פאַבריק, וואָס האָט טיילווייז געהערט צו ענגעלסעס פאָטער. מיט 14 יאָר שפּעטער

איז ער אַליין געוואָרן אַ שותף פון דער פאַבריק, וואָס איז געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען „ערמען ענד ענגעלס”.

קארל קאוטסקי באַמערקט אין זיין ביאָגראַפיע פון ענגעלסן, אַז ענגעלסעס נאָמען איז דעמאָלט געווען באַוווּסט צו די ענגלישע ארבעטער־פרויען נאָר פון דער פירמע „ערמען ענד ענגעלס”, וואָס האָט זיך געפונען אויף די פּאַדים־שפּולן.

פאַר די 19 יאָר, וואָס ענגעלס האָט געלעבט אין מאַנטשעסטער, איז ער נאָר אַ פאָר מאָל געווען אין לאָנדאָן ביי מאַרקסן. זיי האָבן זיך אָבער די גאַנצע צייט דורכגעשריבן און האָבן כמעט יעדן טאָג זיך אויסגעטוישט מיט זייערע מיינונגען וועגן די אַלע וויכטיקע געשעענישן אין דער וועלט־פּאָליטיק, אין דער ליטעראַטור און אין דער וויסנשאַפט. ענגעלס האָט די גאַנצע צייט מאַטעריעל געשטיצט מאַרקסן. ווען ניט די שטיצע, וואָס ער האָט געקראָגן פון ענגעלסן, וואָלט מאַרקס קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד צו שאַפן זיין ריזיק ווערק, וואָס האָט אים מיט יאָרן שפּעטער באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט און פאַראייביקט זיין נאָמען.

אין מאַנטשעסטער האָט ענגעלס שטודירט שפּראַכן, געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט און אויך קריגס־וויסנשאַפט. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויך איבער מיליטערישע פראַגן. אין דער צייט פון דעם דייטשיש־פראַנצויזישן קריג האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ רייע אַרטיקלען אין דער דעמאָלסט באַוווּסטער לאָנדאָנער צייטונג „פּאָל מאָל גאַזעט”, אין וועלכע ער האָט פאָרויסגעזאָגט די קומענדע שלאַכט ביי סעדאַן, וועלכע וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ נידער־לאַגע פאַר דער פראַנצויזישער אַרמיי.

מיט אַ קורצער צייט פריער, אין יאָר 1869, האָט ענגעלס אויפגעגעבן זיין געשעפט אין מאַנטשעסטער און איז אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וווּ ער איז שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק. אין לאָנדאָן האָט ער די גאַנצע צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט מאַרקסן. ער האָט אַליין פיל געשריבן און האָט אויך אַ סך אַרויסגעהאָלפן מאַרקסן אין זיין אַרבעט. ער איז אויך געווען דער יעניקער, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט די עקאָנאָמישע לערע פון קאַרל מאַרקס צווישן די סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט.

2

אין יאָר 1870, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פּרייסן און פראַנקרייך, זיינען מאַרקס און ענגעלס געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער „אַריינגעטריבן דייטשלאַנד אין אַ מלחמה פאַר איר עקזיסטענץ”. ווי באַלד עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן

נאָך עטלעכע חדשים, אַז די מלחמה האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ פּרייסישן רויב אָנפֿאַל אויף פֿראַנקרייך, האָבן זיי תיכּף געביטן זייער מיינונג. אויף דער פֿראַנצויזישער זייט איז דאָס געוואָרן אַן אמתע פֿאָלקס־מלחמה, אויף דער פּרייסישער זייט — אַ מלחמה פֿאַר דער אַנעקסיע פֿון עלזאַס־לאָטרינגען. ענגעלס האָט אַזוי ווייט געביטן זיין מיינונג לטובת פֿראַנקרייך, אַז ביים סוף פֿון יאָר 1870 האָט ער אָנגעוואָרפֿן אַ סטראַטעגישן פּלאַן, וואָס וואָלט, לויט זיין מיינונג, געווען מעגלעך געמאַכט צו באַפֿרייען פּאַריז פֿון דער באַלאַגערונג און צו באַזיגן די פּרייסישע אַרמיי. (אַ קאָפּיע פֿון אָט דעם פּלאַן האָט מען שפּעטער געפֿונען צווישן ענגעלסעס פּאַפּירן). ענגעלס איז נאָך ווייטער געגאַנגען. ער איז אין די ענגלישע צייטונגען („פּאָל־מאָל גאַזעט" און אַנדערע), אין וועלכער ער האָט מיטגעאַרבעט ווי אַ מיליטערישער זאַך־קענער, אָפֿן אַרויסגעטראָטן דערפֿאַר, אַז ענגלאַנד זאָל אַריין אין מלחמה אויף דער פֿראַנצויזישער זייט. אויף אַ זיצונג פֿון גענעראַל־ראַט פֿון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, דעם 31סטן יאַנואַר 1871, איז ער אַרויסגעקומען מיטן פֿאַרלאַנג, אַז די ענגלישע אַר־בעטער־באַוועגונג זאָל מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו ווירקן, אַז די בריטישע רעגירונג זאָל אָנערקענען די פֿראַנצויזישע רעפּובליק וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן נאָך דער מפּלה פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, און זאָל אַריינטרעטן אין דער מלחמה אויף דער זייט פֿון פֿראַנקרייך.

אָט די פֿאָרשלאַגן פֿון ענגעלסן וואָס זיינען אין דער ליטעראַטור נישט באַקאַנט געווען, ביז עס איז אַרויסגעקומען די ביאָגראַפֿיע פֿון גוסטאַוו מאַיער, זיינען אַ ביישפּיל דערפֿאַר, ווי ענגעלס און מאַרקס האָבן זיך גע־שטעלט צו פֿראַגן פֿון אויסלאַנדישער פּאָליטיק: זיי האָבן געהאַט נאָר דעם איינעם ציל פֿאַר די אויגן, אַז יענע מלוכות זאָלן אונטערדריקט אָדער צע־בראָכן ווערן וואָס זיינען געווען די שטאַרקסטע פּאָזיציע פֿון דער רעאַקציע.

וואָס ס'איז שייך ספּעציעל דייטשלאַנד, איז ענגעלס אין יאָר 1871 געשטאַנען אויף דעם אייגענעם שטאַנדפּונקט ווי אין יאָר 1848, אַז אַן אייראָפּעאישע מלחמה קעגן פּרייסן וואָלט געהאַט דעם איינעם גרויסן דער־פֿאָלג, אַז עס וואָלט נישט דערלאָזט געוואָרן דערצו, אַז אין דייטשלאַנד זאָל זיך פֿאַרפֿעסטיקן די ממשלה פֿון דער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע און די מיליטערישע און יונקער־קליקע און אַז זיי זאָלן ווערן אַלמעכטיק איבער גאַנץ אייראָפּע.

ענגעלס איז געווען צוויי מאָל פֿאַרהייראַט. ביידע פֿרויען זיינע זיינען געווען איירישע און ביידע זיינען געשטאָרבן פֿאַר דער צייט. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט.

אין לאָנדאָן, ווי אין מאַנטשעסטער, האָט ענגעלס געהאַט אַ ברייטע באַ־קאַנטשאַפֿט. ער האָט ליב געהאַט געזעלשאַפֿט. יעדן זונטיק אָוונט פֿלעגט

מען ביי ענגעלסן אין הויז קענען טרעפן ענגלישע, דייטשע, פראַנצויזישע, רוסישע און פוילישע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן פון פאַרשידענע ריכטונגען, ווי אויך געלערטע. קאַרל קאַוטסקי, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט ענגעלסן אין יאָר 1881 אין לאָנדאָן, דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז דעמאָלט איז שוין ענגעלסעס צווייטע פרוי אויך געווען טויט און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט אין הויז האָט געפירט דער פאַר־שטאָרבענער פרויס אַ פּלימעניצע, וועלכע האָט זיך פון קינדווייז אָן אויפ־געהאָדעוועט ביי ענגעלסן. כמעט יעדן זונטיק אָוונט פלעגט מען ביי ענ־געלסן אין הויז טרעפן קאַרל מאַרקסעס יינגסטע טאָכטער, עלעאַנאָר אָדער „טוסי”, ווי מען פלעגט איר רופן פאַרצויגן און איר שוועסטער לאָורא צו־זאַמען מיט איר מאַן, פאָל לאַפאַרג. זייער אָפט פלעגן צו די זונטיק־אָוונטן ביי ענגעלסן אין הויז אויך קומען צוויי פריינד ענגעלסעס פון מאַנטשעס־טער: דער פּראָפעסאָר פון מאַנטשעסטער אוניווערזיטעט, קאַרל שאָרלעמער, און דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, סעם מור.ביידע האָבן זיך שטאַרק אינ־טערעסירט מיט דער טעאָריע פון סאָציאַליזם, ווי אויך מיט דער פּראַקטישער אַרבעטער באַוועגונג.

„די געסט ביי ענגעלסן אין הויז”, שרייבט קאַוטסקי, „האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין קליינעם אינטערנאַציאָנאַל. לעבן דעם רום האַרטמאַן איז געזעסן דער פראַנצויז לאַפאַרג. לעבן דעם ענגלענדער מור — דער זון פון דעם באַוווּסטן דייטשן סאָציאַליסט זאָרגע, וועלכער איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַמעריקע. פון מאַרקסעס טעכטער איז די עלטסטע, דזשעני, געבוירן געוואָרן אין פאַריז, די צווייטע, לאָורא — אין בריסעל, און די דריטע, עלעאַנאָר — אין לאָנדאָן. אויפגעוואַקסן זיינען אַלע דריי אין ענגלאַנד, אָבער דערצויגן זיינען זיי געוואָרן פון דייטשע עלטערן און פון פרוי העלענאַ דעמוט, וועלכע איז געווען די דייטשע נשמה פון דער מאַרקס־פאַמיליע. ענגעלס און פּראָפעסאָר שאָרלעמען זיינען גרויס געוואָרן אין דייטשן דענקען. ביידע אָבער זיינען געווען שטאַרק אַנג־ליזירט. ענגעלס האָט זיך נאָך אַ חוץ דעם שטאַרק אינטערעסירט מיט איי־רישע ענינים, ניט בלויז אַלס פרייהייטס־קעמפער, נאָר אויך צוליב זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען. ענגעלסעס ערשטע פרוי, פונקט ווי די צווייטע, זיינען געווען איירישע. קאַוטסקי ווידער, איז געווען אַן עסטרייכער פון טשעכישער אָפּשטאַמונג.

די געשפּרעכן פלעגן געוויינלעך געפירט ווערן אין דריי שפּראַכן: דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. יעדער האָט גערעדט אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער עס איז אים איז לייכטער געווען אויסצודריקן זיינע געדאַנקען”.

ענגעלס איז, ווי קאַוטסקי גיט איבער, ניט געווען קיין גלענצנדער רעד־נער. ער האָט זיך קיינמאָל אויך ניט געריסן צו דער פּלאַטפאָרמע. דאָך איז

ער געווען א מייסטער ניט נאָר פון דעם געשריבענעם, נאָר אויך פון דעם געשפּראָכענעם וואָרט. דאָס האָט ער אַרויסגעצייגט אַמבעסטן אין די דיס־קוסיעס, וואָס פלעגן פאָרקומען ביי אים אין הויז. ער האָט פאַרמאָגט א באַזונדערע פעאיקייט צו קענען קלאָר און איבערצייגנט פאָרמולירן זיין געדאַנק. אַמאָל פלעגט ער אויך ריידן זייער לײדנשאַפטלעך און וויציק. פוסטע פּראַזן האָט ער געהאַסט ווי דעם טויט. זיינע רעדעס זיינען כמעט שטענדיק געווען גלענצנד אין פאָרם און רייך אין אינהאַלט.

„אין גאַנץ אייראָפּע", שרייבט קאַוטסקי, „איז אין יענער צייט געווען שווער צו געפינען נאָך א מענטשן, אויסער מאַרקסן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזויפיל וויסן און איז גלייכצייטיק געווען אַזוי שטאַרק באַהאַוונט אין געשיכטע, אין עקאָנאָמיקס, אין נאַטורוויסנשאַפט, אין פילאָזאָפיע און אין מיליטערישער קונסט, ווי ענגעלס".

3

עדואַרד בערנשטיין, וועלכער האָט צוועלף יאָר צייט געלעבט אין לאָנדאָן און איז געווען א שטענדיקער באַזוכער פון די זונטיק־אָוונטן ביי ענגעלסן אין הויז, דערמאָנט אין זיינע דעראינערונגען צווישן די געסט, וועלכע ער האָט דאָרט פיל מאָל געטראָפן, אויך די פאָלגנדע: די רוסישע סאָציאַליסטן פּיאָטר לאַווראָוו, סערגעי קראַווטשינסקי־סטעפּניאַק, געאָרג פּלעכאַנאָוו און וועראַ זאַסוליטש, דעם באַרימטן רוסישן געלערנטן מאַקסים קאָוואַלעווסקי, די פּוילישע סאָציאַליסטן פעליקס מענדעלסאָן און זיין פרוי מאַריאַ יאַנקאָווסקאַ, דעם ענגלישן דיכטער און סאָציאַליסט וויליאַם מאָריס, די יונגע ענגלישע אַרבעטער־פירער טאָם מאַן, דזשאָן בוירנס און וויל טהאָרן, די דייטשע סאָציאַליסטן ווילהעלם ליבקנעכט און אויגוסט בעבעל, די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן זשול געד און שאַרל לאָנגע, און פיל אַנדערע.

ביי ענגעלסן אין הויז האָט מען זיך ניט פאַרנומען שטענדיק בלויז מיט דיסקוסיעס וועגן די טיפסטע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט. ענגעלס איז געווען זייער א לעבנסלוסטיקער מענטש. זיין האַרץ האָט שטענדיק געשלאָגן מיט סימפּאַטיע און מיטגעפיל פאַר אַלע ליידנדע. ער פלעגט ווערן שטאַרק אויפגערעגט פון יעדער נידערטרעכטיקייט, וואָס איז נאָר ווו ניט איז באַגאַנגען געוואָרן. ער איז געווען א מוטיקער קעמפער. ער האָט זיך אָבער אויך ניט אָפּגעזאָגט פון די פאַרגעניגנס פון לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן און דערציילן פאַרשידענע שפּאַסיקע עפּיזאָדן פון זיין פאַרגאַנגנהייט. ער פלעגט זינגען לידער און פלעגט אויך זיינע געסט אויפ־

פֿאָדערן צו זינגען, איבערהויפּט ווען ער איז געווען אין אַ פֿריילעכער שטימונג.

ביי זייער גאַנצער איינשטימיקייט, האָבן זיך מאַרקס און ענגעלס אַלס מענטשן גוואַלדיק אונטערשיידט איינער פֿון דעם צווייטן אין אַ סך הינזיכטן.

קודם כּל אין אויסערלעכן אויסזען: ענגעלס איז געווען הויך און שלאַנק. מאַרקס, וועלכער איז אויך ניט געווען קיין נידעריקער, איז דאָך געווען פֿיל קלענער און אַ ביסל איינגעבויגן. זייערע געוווינהייטן זיינען אויך געווען פֿאַרשיידענע. ענגעלס איז געווען אַ ספּאָרט. ער האָט ביזן טויט געמאַכט גימנאַסטישע איבונגען און פֿלעגט אַ סך שפּאַצירן אויף דער פֿרייער לופֿט. שטענדיק פֿלעגט ער זיך באַקלאָגן פֿאַר פֿריינד אויף מאַרקסן, וואָס אים קומט אָן שווער צו ענטשליסן זיך צו פֿאַרלאָזן זיין שטודיר-צימער און נעמען אַ שפּאַציר. כאָטש ענגעלס איז געווען סך הכּל מיט צוויי יאָר יינגער פֿון מאַרקסן, האָט מאַרקס אויסגעקוקט אַ סך עלטער פֿון אים.

ענגעלס איז בכלל געווען אַ מער וועלטלעכער מענטש. אויב ער איז עס נאָך ניט געווען אין דייטשלאַנד, איז ער עס שפּעטער געוואָרן אין מאַנ-טשעסטער, ווו ער האָט אין פֿאַרלויף פֿון אַ סך יאָרן געהאַנדלט אויף דער בירזשע. ער האָט דאָרט אַפֿילו געהאַלטן אַ רייט-פֿערד און פֿלעגט אויך אָפֿט אַרויספֿאָרן אויף יאַגד. ער איז שטענדיק געווען שיין געקליידעט, ווי אַן עכטער ענגלישער דזשענטלמאַן, און האָט אויך זיין אַרבעטס-צימער גע-האַלטן אין דער בעסטער אָרדנונג.

מאַרקס, דאַקעגן האָט אויסגעזען ווי אַ בכבֿודיקער פּאַטריאַרך, וועלכער איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אויסערלעכקייטן. ער האָט זיך ניט געזאָרגט פֿאַר דעם פּאַסאָן פֿון זיינע קליידער. און אויף זיין שרייב-טיש און אויף איינציקע שטולן פֿון זיין קאַבינעט זיינען געווען אָנגעוואָרפֿן אין גרויס אומאָרדענונג פּעק מיט ביכער און בלעטלעך פֿון פֿאַרשיידענע מאַנוסקריפּטן.

פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַרקסן און ענגעלסן, וועלכע איז מיט יאָרן שפּעטער נאָך זייער טויט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, ווייסן מיר ווי אַזוי ענגעלס פֿלעגט פֿירן אַ חשבון וועגן יעדן שילינג, וואָס ער האָט איינגענומען און אויסגעגעבן. דאָס האָט ער געטאָן ניט אויס קאַרגשאַפֿט, נאָר דערפֿאַר, וואָס ער איז אין אַלע הינזיכטן געווען זייער אַ פּינקטלעכער מענטש. מאַרקס איז אין דער הינזיכט געווען פּונקט דער היפּוך פֿון ענ-געלסן. ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט פֿון קיין חשבון אין געלט-ענינים. און ניט קוקנדיק אויף דעם איז מאַרקס געווען דער גרעסטער עקאָנאָמיסט פֿון זיין צייט ניט נאָר אַלס טעאָרעטיקער, נאָר אויך אַלס דער גרעסטער

קענער פֿון דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור פֿון אַלע צייטן און אין אַלע שפּראַכן.

ענגעלס האָט פֿאַרמאָגט אַ רייכערע פֿאַנטאַזיע פֿון מאַרקסן און זיינע גייסטיקע אינטערעסן זיינען געווען מער אַלוועלטלעכע ווי מאַרקסעס. מאַרקס איז געווען פֿיל קריטישער און מער איבערלעגט ווי ענגעלס. דערפֿאַר האָט ער געאַרבעט אַ סך לאַנגזאַמער און שווערער פֿון ענגעלס — מיט גרעסערער לייכטקייט. ענגעלס אַליין האָט קאַוטסקין געזאָגט, אַז זיין גרעסטער פֿעלער איז געווען זיין ניט־איבערגעלעגטקייט. אָבער אַ דאַנק מאַרקסן האָט ער זיך אָפּגעוווינט פֿון דעם.

מאַרקס האָט פֿאַרשטאַנען בעסער ווי ענגעלס די קונסט ווי אַזוי צו באַהאַנדלען מענטשן. אָט די קונסט איז זייער וויכטיק פֿאַר דעם דערפֿאָלג פֿון יעדן פּראַקטישן פּאָליטיקער. קיין גרויסע מענטשן־קענער אָבער, זאָגט קאַוטסקי, זיינען זיי ביידע ניט געווען.

דער ערשטער און וויכטיקסטער ענגלישער סאָציאַליסט, וואָס איז באַקערט געוואָרן צום מאַרקסיזם, איז געווען העגרי הייגדמאַן. אין יאָר 1880 איז היינדמאַן געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער צו מאַרקסן אין הויז און ער האָט זיך באַקענט מיט זיינע אידעען. אינגיכן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָשורע — „אינגלענד פֿאַר אַלל”, אין וועלכער ער האָט אין אַ פּאָפּולערער פֿאָרם איבערגעגעבן די הויפּט־פּונקטן פֿון דער עקאָנאָמישער לעהרע פֿון קאַרל מאַרקס. קאַרל מאַרקס וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, געווען העכסט צופֿרידן פֿון דעם, ווען היינדמאַן וואָלט אין דער בראָשורע ניט פֿאַרשוויגן אינגאַנצן דעם נאָמען פֿון דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „קאַפּיטאַל”, פֿון וואַנען ער האָט ציטירט גאַנצע שטיקער.

היינדמאַן האָט ניט געהאַט אין זינען צו„ באַגאַנווענען” מאַרקסן. ער האָט אויסדריקלעך דערקלערט אין דער פֿאָררעדע, אַז ער האָט פֿאַר די אידעען פֿון דעם צווייטן און דריטן קאַפּיטל פֿון דער בראָשורע זייער פֿיל צו פֿאַרדאַנקען אַ „גרויסן דענקער און אייגנאַרטיקן שריפֿטשטעלער”. אין אַ בריוו צו מאַרקסן האָט ער זיך אַנטשולדיקט פֿאַר דעם וואָס ער האָט ניט אָנגעגעבן דעם נאָמען פֿון דעם דאָזיקן שריפֿטשטעלער דערמיט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען די לעזער וועלן זיך דערוויסן, אַז דער שריפֿטשטעלער, וועמענס עקאָנאָמישע לעהרע ער גיט איבער, איז אַ דייטש און דערצו נאָך דער אַזוי שטאַרק פֿאַרהאַסטער מאַרקס, וועט עס שטערן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער בראָשורע.

מאַרקס אַליין האָט די זאַך גענומען ניט זייער טראַגיש. היינדמאַן דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז מיט אַ קורצער צייט פֿאַר מאַרקסעס טויט, זיינען זיי צוריק גוט געוואָרן און פֿלעגן זיך אָפֿט באַגעגענען. ענגעלס אָבער האָט עס ביזן טויט היינדמאַנען ניט געקענט מוחל זיין.

4

שוין אין אָנהייב פון די אכציקער יאָרן, בעת קאַרל מאַרקס האָט נאָך געלעבט, איז אין ענגלאַנד געגרינדעט געוואָרן אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגענומען אַ מאַרקסיסטישע פּראָגראַם. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אָבער אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די טרעיד־יוניאָנס, וועלכע זיינען דאַן געווען זייער קאָנסערוואַטיוו. עס האָט געהייסן, אַז די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, — די „סאָשעל דעמאָקראַטיק פעדערעישאָן", אונטער דער פירערשאַפט פון ה. מ. הייינדמאַן, האָט געקעמפט נאָר קעגן די „רעאַקציאָנערע פירער" פון די אַרבעטער־פאַראייניקונגען. אין דער אמתן האָבן די סאָציאַליסטן פון דער ס. ד. פ. זיך באַצויגן מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי און אפילו מיט פיינדשאַפט צו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיי האָבן דערוואַרטעט, אַז די ישועה וועט קומען פון די אַרבעטסלאָזע און פון די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. ענגעלס, וועלכער האָט אויך ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר די דעמאָלסטיקע טרעיד־יוניאָן פירער, האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן אין איין קריטיקירן די ס. ד. פ. און ער האָט ניט אויפגעהערט צו אונטערשטרייכן, אַז אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס באַציט זיך פיינדלעך צו די טרעיד־יוניאָנס, איז פאַראורטיילט אויף שטענדיק צו פאַרבלייבן מאַכטלאָז. אין יאָר 1887 האָט ענגעלס אין אַ בריוו צו קאַוטסקין געשריבן: „די סאָשעל דעמאָקראַטיק פעדערעישאָן איז ווי פריער אַ ריינע סעקטע (קלייזל). זי האָט דעם מאַרקסיזם פאַרוואַנדלט אין אַ דאָגמע און דערמיט, וואָס זי באַקעמפט יעדע אַרבעטער באַוועגונג, וועלכע איז ניט פרום־מאַרקסיסטיש מאַכט זי פאַר זיך אוממעגלעך צו ווערן עפּעס אַנדערש ווי אַ סעקטע".

אין אַ יאָר אַרום, ווען קיר האַרדי האָט געגרינדעט די אינדעפּענדענט לעיבאָר פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו געווינען די פריינדשאַפט פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און האָט אַלע אירע האָפענונגען געלייגט אויף די טרעיד־יוניאָנס, האָט ענגעלס באַגריסט די דאָזיקע פּאַרטיי, כאָטש זי איז ניט געווען קיין מאַרקסיסטישע פּאַרטיי און ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז איר געהערט די צוקונפט.

ווי באַוווּסט, איז די איצטיקע לעיבאָר פּאַרטיי פאַקטיש אַרויסגעוואַקסן פון יענער פּאַרטיי, וואָס קיר האַרדי האָט אין 1888 געגרינדעט.

נאָך אין 1890 האָט פרידריך ענגעלס אין אַ בריוו צו אַן עסטרייכישן סאָציאַל־דעמאָקראַט געשריבן:

„אַנטיסעמיטיזם איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַ צוריקגעשטאַנענער קולטור און מען טרעפט אים דעריבער נאָר אין פּרייסן, עסטרייך

און רוסלאַנד. דער יעניקער, וואָס וואָלט פּרובירט פּראַקטיצירן אַנטיסעמיטיזם אין ענגלאַנד אָדער אין אַמעריקע, וואָלט איינפאַך אויסגעלאַכט געוואָרן"...

ווייטער האָט ענגעלס געשריבן אין דעם זעלבן בריוו, אַז צווישן די גרויסע מיליאָנערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, „אין פאַרגלייך מיט וועלכע די ראָטשילדס זיינען איינפאַך בעטלער, איז ניטאָ קיין איין איינציקער ייד".

„דער אַנטיסעמיטיזם", האָט ער געשריבן, „איז ניט מער ווי אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג פון די אָפּשטאַרבנדע מיטלאַלטערלעכע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס קעגן דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט הויפּטזאַכלעך פון קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער, און דערפאַר דינט דער אַנטיסעמיטיזם נאָר רעאַקציאָנערע צילן אונטער אַ כלומרשט סאָציאַליסטישער מאַסקע...

„די אַנטיסעמיטן קאָנען גאָר אַפילו ניט די יידן אויף וועמען זיי האַוקן. ווען ניט וואָלטן זיי געוווּסט, אַז אין ענגלאַנד און אַמעריקע זיינען — אַ דאַנק די אַנטיסעמיטן פון מזרח־אייראָפּע און אין טערקיי, און אַ דאַנק דער שפּאַנישער אינקוויזיציע — פאַראַן טויזנטער און טויזנטער יידישע פּראָלעטאַריער און עס איז אַ פאַקט, אַז די דאָזיקע פּראָלעטאַריער זיינען די אַמשטאַרקסטן עקספּלואַטירטע און די אומגליקלעכסטע. דאָ, אין ענגלאַנד, האָבן מיר געהאַט דריי סטרייקס פון יידישע אַרבעטער אין פאַרלויף פון די לעצטע צוועלף מאָנאַטן. דאַרפן מיר דערפאַר, הייסט עס, פּראַקטיצירן אַנטיסעמיטיזם אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל?

„אַ חוץ דעם זיינען מיר אַ סך שולדיק די יידן. היינע, בערנע און מאַרקס זיינען געבוירן געוואָרן יידן. לאַסאַל איז געווען אַ ייד און אַ סך פון אונדזערע בעסטע מענטשן איצט זיינען יידן. מיין פריינט, וויקטאָר אַדלער, וועלכער באַצאָלט איצט מיט אַ טורמע־טערמין אין וויען פאַר זיין איבערגעבנקייט צו דער זאַך פון פּראָלעטאַריאַט; עדוואַרד בערנשטיין, דער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַלדעמאָקראַט" אין לאָנדאָן; פּאַול זינגער, איינער פון אונדזערע בעסטע מענער אין רייכסטאַג, מיט וועמעס פריינטשאַפט איך שטאָלציר, זיי אַלע זיינען יידן! מיך אַליין האָט די קאָנסערוואַטיווע צייטונג „גאַרטענלאַובע" געמאַכט פאַר אַ יידן. צו זיין זיכער, אויב איך וואָלט דאַרפן אויסקלייבן, וואָלט איך גיכער אויסגעקליבן צו זיין אַ ייד איידער „הערר פאָן!"...

דער דאָזיקער בריוו איז מיט ענגעלסעס דערלויבעניש אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ווינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער צייטונג" פון 9טן מאַי, 1890, און איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין וויקטאָר אַדלערס געזאַמלטע אַרטיקלען, רעדעס און בריוו, וואָס זיינען דערשינען אין אַ באַזונדער בוך אין וויען אין יאָר 1922.

ענגעלס, קען מען זאָגן, איז געווען דער ערשטער רעאַליסטישער סאָציאַ־ליסט אין איראָפּע. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, אין דער פּאָלעמיק מיט דעם רוסישן סאָציאַליסט טקאַטשאָוו, אויפגעוויזן, אַז מען קען ניט מיט דער־פּאָלג איינפירן סאָציאַליזם אין אַ לאַנד, וווּ עס זיינען ניטאָ די נויטיקע פאָרבאַדינגונגען פאַר דעם: אַ הויך־אַנטוויקלטע אינדוסטריע און אַ באַ־וווּסטזיניקער און דיסציפּלינירטער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער זאָל מיט זיך פאָרשטעלן די מאַיאָריטעט פון פאָלק. ענגעלס האָט אויך כסדר גע־האַלטן אין איין אונטערשטרייכן, אַז רעוואָלוציעס קענען ניט געמאַכט ווערן „צו אָרדער" און אַז דער גרעסטער אומגליק, וואָס קען טרעפן אַ סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי איז, ווען זי זאָל פאַרכאַפּן די מאַכט און פּרובירן איינפירן סאָציאַליזם אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט רייף פאַר דעם.

נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט ענגעלס געשריבן, אַז דער פּרייז, וואָס דייטשלאַנד באַצאָלט פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע דייטשע לענדער אין איין גרויסער מלוכה און פאַר איר ראַשיקן אינדוסטריעלן פּראָגרעס, איז „דער פאַרלוסט פון וויסנשאַפטלעכער ערלעכ־קייט און אינטערלעקטועלער פירערשאַפט". ער האָט געהאַלטן, אַז וואָס רייכער עס ווערן די הערשנדע קלאַסן פון דייטשלאַנד, אַלץ אָרעמער ווערט דייטשלאַנד גייסטיק, און ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דאָס וועט זיך סוף־כל־סוף ענדיקן מיט אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, אויב דער אַרבעטער־קלאַס זאָל באַצייטנס ניט איבערנעמען די מאַכט אין דייטשלאַנד. אין דעם טריומף פון דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס האָט ער געזען דעם איינציקן וועג צו דער ווידער־אויפלעבונג פון דעם שאַפנדן גייסט ביי דעם דייטשן פאָלק.

ענגעלס האָט אַריבערגעלעבט זיין פריינט מאַרקסן מיט 12 יאָר. מאַרקס איז געשטאָרבן אין יאָר 1883. ענגעלס איז געשטאָרבן דעם 5טן אויגוסט, 1895. בלויז זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן געוווּסט, אַז ער ליידט פון אַ קענסער. ער אַליין האָט פון דעם ניט געוווּסט און אויך זיינע פריינט האָבן ניט פאָרדעכטיקט, אַז ער זאָל אַזוי שנעל שטאַרבן. מיט 3 טעג פאַר זיין טויט איז ביי ענגעלסן געווען וויקטאָר אַדלער, דער פירער פון די עסטריי־כישע סאָציאַליסטן, און ער איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין וויען, ניט פאַר־דעכטנדיק, אַז ענגעלסעס טעג זיינען געציילטע. נאָר איין עדואַרד בערענ־שטיין איז געווען ביי ענגעלסעס בעט, ווען ער איז אויסגעגאַנגען.

אויסער קאַרל מאַרקסן איז ניטאָ נאָך איינער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַאיינפלוסט די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון איראָפּע אין סוף פון דעם 19טן און אָנהויב פון דעם 20טן יאָרהונדערט, ווי פרידריך ענגעלס. אַ סך פון זיינע נביאות זיינען ניט

מקוים געוואָרן. ער האָט ניט געקענט פֿאָרויסזען די קאָלאָסאַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אויף דער וועלט אין די לעצטע 50 יאָר. אַ סך אָבער פֿון די געדאַנקען, וועלכע ענגעלס האָט אַרויסגעזאָגט, קלינגען אייך היינט פּראָפֿעטיש. זיין נאָמען וועט אייביק לייכטן אין דער געשיכטע פֿון דעם קאַמף פֿון די אַרבעטנדע און אונטערדריקטע מאַסן פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר דעמאָקראַטיע, פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און פֿאַר מענטשלעכקייט.

פערדינאַנד לאַסאַל

(1864 — 1825)

1

פּערדינאַנד לאַסאַל, וועלכער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ פּילאָסאָף, יוריסט, עקאָנאָמיסט, פּאָליטישער דענקער און פּירער און גרינדער פון דער ערשטער דייטשער אַרבעטער פּאַרטיי, איז געבוירן געוואָרן דעם 11טן אַפּריל, 1825, אין דער דייטשער שטאָט ברעסלאָו, וואָס געהערט איצט צו פּוילן און הייסט וראָצלאַוו. היימאַן לאַסאַל, זיין טאַטע, איז געווען אַ רייכער יידישער סוחר, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט זייד. ער איז געווען זייער אַ קלוגער און זייער אַ פּעאיקער מענטש און ער איז אין ברעסלאָו רעספּעקטירט געוואָרן פון די ניט־יידן, פּונקט ווי פון די יידן. זיין ווייב, פּערדינאַנדס מאַמע, איז געווען אַ פּראָסטע יידענע און אַ ווייניקער סימפּאַטישע. פון איר, זאָגט עדואַרד בערנשטיין, האָט עס פּערדינאַנד געירשנט אַ טייל פון זיינע חסרונות. היימאַן לאַסאַל האָט שטאַרק ליב געהאַט זיינע קינדער: דעם זון פּערדינאַנד און די טאָכטער פּרעדעריקע, וועלכע איז געווען אַ גרויסע שיינקייט.

פּערדינאַנד לאַסאַל האָט זיך געלערנט אין דער ברעסלאַוער גימנאַזיע. שוין אַלס קינד האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פּעאיקייטן. דער ערשטן שטויס אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט פּערדינאַנד באַקומען פון דעם טאַלאַנטפולן פּרעדיקער און קלוגן ראַבינער דאָקטאָר גײגער, וועמען פּערדינאַנד פלעגט הערן יעדן שבת אין שול און וועלכער איז געווען אַ נאָענטער פּריינט פון די לאַסאַלס.

פּערדינאַנד לאַסאַל האָט אַ סך געלייענט און האָט זיך שנעל אַנטוויקלט. שוין צו 15 יאָר האָט ער געקענט פּירן אַ געשפּרעך ווי אַ דערוואַקסענער מענטש און די דערוואַקסענע האָבן זיך צו אים צוגעהערט, ווי צו זייערס אַ גלייכן.

דעם 1טן יאַנואַר, 1840, ווען ער איז נאָך קיין פופצן יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער אָנגעהויבן פירן אַ טאָג־בוך, וועלכן ער האָט דערפירט ביזן פרילינג פון יאָר 1841. דער דאָזיקער „טאָגבוך" דעקט פאַר אונדז אויף דעם פאַמיליען־לעבן אין לאַסאַלס הויז און זיין אייגענע גייסטיקע אַנטוויקלונג און אין דער זעלבער צייט באַקענט ער אונדז מיטן קולטורעלן לעבן פון יענער עפּאָכע.

ווען מען הייבט אָן לייענען דעם „טאָגבוך" ווערט מען איבערראַשט פון דער גרעניצלאָזער לייכטזיניקייט פון אָט דעם אויסערגעוויינלעך טאַלאַנט־פולן יונגן פערדינאַנד.

„נאָך אַ פריילעך פאַרבראַכטער נאַכט, שרייבט ער, דעם 1טן יאַנואַר, 1840, בין איך אויפגעשטאַנען ווי געוויינלעך אַכט אַזייגער אין דער פרי. איך האָב זיך אָנגעטאָן און בין אַוועק צו איזידאָר גערשטענבערגן אין זיין ביוראָ. איך האָב זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף דעם, וואָס איך האָב קיין געלט ניט, ווייל איך האָב פאַרשפּילט צו סילוועסטערן מיין געלט, ביז די לעצטע פינף גראָשן. איזידאָר האָט מיר פאַרגעלייגט אַ הלוואה, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. דערנאָך בין איך אַוועק צו מאַנאַשטעלן פרישטיקן, האָב „אויפגעגעסן" דריי זילבער גראָשן און איבערגעלייענט דעם „זשורנאַל דע דעבא" (אַ פאַריזער צייטונג). אין די פריערדיקע צייטן פלעג איך גיין צו העסן שפּילן ביליאַרד. איצט האָב איך עס ניט געקענט טאָן, ווייל אין דער צייט פון גאָטעסדינסט איז עס פאַרבאָטן. פון מאַנאַשטעלן בין איך אַוועק אַהיים און פון דאָרט צו סאַמועל גערסטענבערגן. ער איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף. ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן, איז ער אַוועק מיט מיר אין „געזעל" שפּילן ביליאַרד. מיר ביידע האָבן שלעכט געשפּילט און די שפּיל האָט זיך לאַנג געצויגן".

און אַזוי טאָג איין, טאָג־אויס! ווען מען וואָלט פערדינאַנדן צורו געלאָזט, וואָלט ער, דאַכט זיך, וועגן קיין אַנדער זאַך ניט געטראַכט, ווי נאָר וועגן ביליאַרד, קאָרטן־שפּיל און רעסטאָראַנען, ווו מען קען גוט פרישטיקן און אָפּעסן אַ גוטן מיטאָג.

דער הייס־בלוטיקער פערדינאַנד איז דערצו נאָך געווען אַ שיינער יונג און ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביי פרויען, וועלכע האָבן זיך געוויינלעך ניט אומגעקוקט אויף יונגנלייטלעך פון זיין עלטער. ער איז אויך געווען זייער שאַרפזיניק. קיין ווונדער ניט, וואָס אונטער אַזוינע אומשטענדן האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ זייער הויכע מיינונג וועגן זיך אַליין און דאָס האָט אים אָפט געטריבן צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן נישט נאָר אין גימנאַזיע, נאָר אויך ביי זיך אין הויז. נאָך איין אַזאַ צוזאַמענשטויס האָט ער

אפילו באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. צוריקגעהאַלטן פון דעם האָט אים נאָר זיין הייסע ליבע צו זיין פאָטער.

אין אפריל, 1840, האָט לאַסאַלס טאַטע אויסגעפונען, אַז פערדינאַנד לערנט זיך שלעכט אין גימנאַזיע און אַז ער האָט די גאַנצע צייט געפעלשט די באַריכטן פון גימנאַזיע וואָס יעדער שילער פלעגט באַקומען פון דעם שול־דירעקטאָר און האָט עס געמוזט ווייזן די עלטערן, כדי זיי זאָלן זעען ווי אַזוי ער לערנט זיך. היימאַן לאַסאַל האָט זיך שטאַרק געערגערט פון דעם און ער האָט פערדינאַנדן, לויט זיין אייגענעם פאַרלאַנג, טראַנספערירט פון דער ברעסלאַוער גימנאַזיע, אין דער לייפּציגער קאָמערץ־שולע. דאָרט האָט ער זיך אויך שלעכט געלערנט און כסדר זיך געקריגט מיט די לערער און מיט די שול־חברים, דערפאַר אָבער האָט ער זיך גייסטיק וואָס ווייטער אַלץ מער אַנטוויקלט. פון אויגוסט, 1841, אָן האָט ער אָנגעהויבן אויך פליסיקער צו לערנען די וויכטיקסטע קענגשטאַנדן.

שפּעטער האָט לאַסאַל געשריבן, אַז שוין צו 15 יאָר איז ער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. אַזוי לייענען מיר אין זיין „טאָגבוך" פון 3טן און 4טן יולי, 1840; „קיינע נייעס, אַ חוץ דעם, וואָס איך האָב אָנגעהויבן לייענען עלזנערס ווערק: „באַרימטע טעג אין נאַפּאָלעאָנס לעבן". וואָס פאַר אַ שטאַרקע שפּראַך, וואָס פאַרא אַנטריסטונג קעגן דער דעספּאָטיע פון טיראַנען! עס גלויבט זיך כמעט ניט, אַז ביי אַ דייטש זאָל זיין אַזוי שטאַרק די ליבע צו פרייהייט! אַן אויסגעצייכנט ווערק"!

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער פאַרשריבן אין זיין „טאָגבוך":

„הגם איך בין געשטימט רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַניש, פיל איך דאָך, אַז אויף גראַף לאַוואַנים אָרט (אַ העלד אין שילערס אַ ווערק), וואָלט איך געהאַנדלט אַזוי ווי ער און זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דער ראָלע פון דעם ערשטן בירגער פון דער שטאָט גענוא, נאָר איך וואָלט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער קעניגלעכער קרוין. פון דעם איז געדרונגען, אַז ווען מען זאָל זיך בעסער אַריינטראַכטן אין דער זאַך, בין איך איינפאַך אַן עגאָאיסט. ווען איך וואָלט געבוירן געוואָרן אַ פּרינץ אָדער אַ גראַף, וואָלט איך געווען מיט לייב און לעבן אַן אַריסטאָקראַט, אָבער אַזוי ווי איך בין אַ זון פון אַן איינפאַכן בורזשואַר, וועל איך אין דער געהעריקער צייט זיין אַ דעמאָקראַט".

צו 15 יאָר איז לאַסאַל געווען אַ פאַרברענטער יידישער נאַציאָנאַליסט, וואָס האָט היים ליב געהאַט זיין פאָלק און זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס דאָס יידישע פאָלק ליידט אַזוי.

„מיר דוכט זיך, שרייבט ער אין זיין „טאָגבוך", פון 1840, אַז איך בין איינער פון די בעסטע יידן, וועלכע זיינען נאָר פאַראַן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך היט ניט אָפּ די רעליגיעזע דינים. איך וואָלט פּעאיק

געווען, ווי די יידן אין בולווערס ראמאן „לעילא", צו ריזיקירן מיטן לעבן כדי צו באפרייען מיין פאלק פון זיין איצטיקער שווערער לאגע. איך וואלט אפילו זיך ניט אפגעשראקן פארן עשאפאט, אויב איך וואלט נאר געקענט ווידער מאכן די יידן פאר א געאכטעטן פאלק. אלס קינד האב איך שטענדיק געטרוימט צו פירן די יידן מיט א שווערד אין האנט צו זייער באפרייאונג".

מיט א פאר מאנאטן שפעטער, ווען עס איז באקאנט געווארן די נייעס וועגן דעם פאגראם אויף יידן אין דמשק (אין יאר 1840), האט לאסאל געשריבן אין זיין טאגבוך:

„אך, דאס איז שרעקלעך צו לייענען, שרעקלעך צו הערן. די האר שטעלן זיך קאפויר און אלע געפילן פארוואנדלען זיך אין איין געפיל פון ווילדן צארן! א פאלק, וואס טראגט דאס אלץ אריבער, איז אבשייליך... גערעכט, שרעקלעך גערעכט זיינען די ווערטער פון דעם קארעספאנדענט: די יידן פון דער שטאט שטייען אויס גרויזאמקייטן, וועלכע נאר שקלאפן קענען אריבערטראגן אן דעם, אז דאס זאל ארויסרופן שרעקלעכע נקמה־אקטן פון זייער זייט". דאס מיינט, אז אפילו די קריסטן זיינען איבערראשט פון דעם, וואס מיר רעאגירן ניט און ציען ניט פאר א טויט אויפן שלאכטפעלד, איידער צו שטארבן אין א פייניקונגס־קאמער... שרעקעדיק פאלק, דו האסט ניט פארדינט קיין בעסערן גורל. דו ביזט ניט פעאיק צו שטארבן ווירדיק. דו ווייסט ניט וואס אזוינס עס איז נקמה. דו קענסט ניט פארניכטן, שטארבן צוזאמען מיט די פיינט און ארונטעררייסן זייער פלייש פון זייערע ביינער אין דעם לעצטן גסיסה־קאמף. דו ביזט געבוירן פאר שקלאפעריי"...

אין די שפעטערדיקע יארן האט לאסאל זיך דערוווייטערט פון יידישקייט און ער איז אפילו געווען גרייט צו שמדן זיך, כדי צו קענען חתונה האבן מיט א קריסטלעך מיידל, אין וועלכער ער איז געווען שטערבלעך פארליבט, און „שטערבלעך פארליבט" איז פערדינאנד לאסאל געווען ניט אין איין פרוי. ער האט געהאט אין זיין לעבן פיל ראמאנען מיט מיידלעך און פארהייראטע פרויען. מאנכע פון די דאזיקע ראמאנען האבן אנגעהאלטן ניט מער ווי א פאר חדשים. אנדערע — עטלעכע יאר. קיין רעקארד פון זיינע ליבעס איז ניט פארבליבן. א יאר נאך לאסאלס טויט האט בוכער, איינער פון זיינע ליטעראַרישע יורשים, געשריבן צו דער גרעפין האטצפעלד: „איך האב פארניכטעט געוויסע בריוו צו לאסאלן פון א צאל פרויען און מיידלעך. איך האב זיי פארברענט, ווייל זיי זיינען קאמפראמיטירנד פאר די שרייבערינס, געפערלעך פאר דעם געמיט־צושטאנד פון זייערע פאמיליעס און טיילווייז פון אזא אומאנשטענדיקן כאראקטער, אז עס וואלט געווען אוממעגלעך זיי איבערצוגעבן צו א דאמע".

די גרעפין האַטצפעלד האָט גראַד פריער געלייענט יענע בריוו און זי איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף בוכערן פאַרוואָס ער האָט אָן איר דערלויבעניש די דאָזיקע בריוו פאַרניכטעט.

אין לייפציג, ווי אַ שילער פון קאָמערץ־שולע, האָט לאַסאַל זיך צום ערשטן מאָל פאַרליבט אין אַ מיידל. דעמאָלט האָט ער פאַרשריבן אין זיין „טאָגבוך":

„איך וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט גיין צו אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט איר קערפער; איך מוז זיין באַצויבערט פון דער פרוים שיינקייט. איך דאַרף איר ליב האָבן אָדער, וואָס דאָס איז דאָס זעלבע — דענקען, אַז איך האָב איר ליב. איך מעג האָבן אַ ווונטש צו באַזיצן נאָר איין פרוי, אָבער איך וואָלט קיינמאָל ניט געקענט געטריבן ווערן פון נידעריקע, ריין־חיהשע אינסטינקטן. דאָס וואָלט געווען פאַר מיר צו גראָב. איך וואָלט קיינעם ניט פאַרגעוואָרפן, ווען ער וואָלט געוואָלט באַזיצן אַ פרוי, וועלכע ער האָט ליב און וואָלט מיט אַלע מיטלען, וואָס נאָר מעגלעך, ערלעכע, פאַרשטייט זיך, געשטרעבט צו דערגרייכן דאָס".

צו יענער צייט זיינען לאַסאַלס באַליבטסטע שריפטשטעלער שוין געווען לודוויג בערנע און היינריך היינע (ביידע יידן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געשמדט, אָבער זיינען אין גייסט פאַרבליבן יידן). לאַסאַל לייענט בערנעס „פּאַריזער בריוו", און איז אַנטציקט פון זיי און שטעלט בערנען ווי אַ מוסטער פאַר זיך.

„איך האָב ליב — שרייבט ער, אָט דעם היינען. ער איז מיין צווייטער „איך". ער איז איבערצייגט, אַז היינע שפּאַסט, ווען ער זאָגט: „איך בין אַ מאָנאַרכיסט, ניט קיין דעמאָקראַט". אַ סימן, אַז ער (היינע) נעמט אַזוי נאָענט צום האַרצן דעם טויט פון די נאָבעלע רעפּובליקאַנער".

אין 1841 פאַרלאָזט לאַסאַל, מיט דער צושטימונג פון זיין פאָטער, די לייפּציגער קאָמערץ־שולע. אָבער ער וויל ווייטער שטודירן. אויף דעם פאָטערס פראַגע, וואָס וויל ער שטודירן, ענטפערט לאַסאַל:

„די העכסטע און ברייטסטע וויסנשאַפט אין דער וועלט, וועלכע איז זייער ענג פאַרבונדן מיט די הייליקסטע אינטערעסן פון דער מענטשקייט, — די וויסנשאַפט פון געשיכטע". אויף דעם פאָטערס באַמערקונג, אַז ווי אַ ייד קען ער ניט האָפן צו באַקומען שפּעטער אַ קאַטעדרע (דאָס הייסט, ווערן אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע), אָדער בכלל אַ וועלכע עס איז רעגירונגס־שטעלע, ענטפערט לאַסאַל: „אַ דאָקטער, ווי אַן אַדוואָקאַט זיינען סוחרים, וועלכע האַנדלען מיט זייערע קענטענישן". ער, לאַסאַל, אָבער וויל אַרבעטן פאַר דער זאַך און ער דערקלערט דעם טאַטן, אַז ער טרוימט ווערן ווערן מיט דער צייט אַ פּובליציסט. „איצט, זאָגט ער, איז געקומען די צייט ווען

מען דאַרף קעמפֿן פֿאַר די הייליקע צילן פֿון דער מענטשהייט. ביזן סוף פֿון 18טן יאָרהונדערט האָט די וועלט זיך געפּלאָגט אין די קייטן פֿון אַבער־גלויבן... אין יעדן לאַנד, אין יעדער נאַציע שטייען איצט אויף מענטשן, וועלכע קעמפֿן מיטן וואָרט, זיי פֿאַלן אין שלאַכט, אָדער זיי זיגן".

„מיין טאַטע", שרייבט לאַסאַל אין זיין „טאָגבוך", האָט לאַנג געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „זון מיינער, איך לייקן ניט אָפּ דעם אמת פֿון דיינע רייד, אָבער פֿאַרוואָס ווילסטו גראד זיין דער מאַרטירער — דו, אונדזער איינציקע האָפֿענונג און אָנשפּאַר? פֿרייהייט דאַרף דערגרייכט ווערן, אָבער דאָס קען געשען אויך אָן דיר. פֿאַרבלייב מיט אונדז, זיי אונדזער גליק, וואַרף זיך ניט אין שלאַכט. אויב אַפֿילו דו וועסט אַרויסקומען דער זיגער, וועלן מיר דאָך אומקומען. מיר לעבן נאָר פֿאַר דיר. באַלוין אונדז. דו ביזט דאָך איינער אַליין. דו קענסט דאָך גאָרניט אויפֿטאָן. זאָלן קעמפֿן די מענטשן, וועלכע האָבן ניט וואָס צו פֿאַרלירן, און „אין ווען שיקזאַל עס נעמט ניט אָנטייל די האַרץ פֿון די עלטערן".

„אָ, יאָ, — שרייבט לאַסאַל אין דעם „טאָגבוך" — ער איז גערעכט! פֿאַרוואָס טאַקע דאַרף איך גראד זיין דער מאַרטירער? פֿאַרוואָס? דערפֿאַר וואָס גאָט האָט מיר אַריינגעלייגט אין האַרצן אַ שטים, וואָס רופֿט מיך צום קאַמף. דערפֿאַר וואָס גאָט האָט מיר געגעבן די כּוחות — דאָס פֿיל איך — וואָס מאַכן מיר פֿעאיק צום קאַמף! דערפֿאַר, וואָס איך קען קעמפֿן און ליידן פֿאַר אַן דערהויבענעם ציל. דערפֿאַר וואָס איך וויל ניט אָפּנאַרן גאָט פֿאַר די כּוחות, וואָס ער האָט מיר געגעבן מיט אַ באַשטימטן צוועק, מיט איין וואָרט, דערפֿאַר וואָס איך קאָן אַנדערש ניט".

צו זעכצן יאָר ווערט פֿערדינאַנד לאַסאַל אַ פֿאַרענדיקטער און ליידנשאַפֿטלעכער רעוואָלוציאָנער. און אין 1843 איז ער שוין געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט.

ער שטודירט פֿריער אין בערלינער אוניווערזיטעט גריכישע פֿילאָלאָגיע און פֿילאָסאָפֿיע. אין 1845 פֿאָרט ער אַוועק קיין פּאַריז. דער צוואַנציקיאָריקער לאַסאַל באַקענט זיך דאָרט מיט דעם 46־יאָריקן קראַנקן היינריך היינע און היינע ווערט אַנטציקט פֿון אים. היינע איז גראד ניט געווען פֿון די מענטשן, וועמען מען קען אָפּנאַרן. אין אַלע בריוו צו לאַסאַלן רופֿט היינע אים אָן „מיין טייערער באַליבטער פֿריינט", אָדער „טייערער חבר אין קאַמף". אין איינעם פֿון היינעס בריוו צו לאַסאַלן איז דאָ אַזאַ פֿראַזע: „אין פֿאַרגלייך מיט אייך בין איך אַ באַשיידענע פֿליג".

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט אים היינע: „זאָל זיך אייך גוט לעבן און זייט זיכער, אַז איך האָב אייך שטאַרק ליב! ווי צופֿרידן איך בין, וואָס איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט אין אייך. צו קיינעם האָב איך ניט געהאָט

אַזאַ צוטרוי, ווי צו אייך. איך בין אַ מענטש, וואָס פֿאַרדעכטיקט שטענדיק, ניט צוליב מײַנע נאַטירלעכע אייגנשאַפֿטן, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער־פֿאַרונג. ווי נאָר איך באַקום אַ בריוו פֿון אייך, אַזוי שטייגט מײַן מוט און איך פֿיל זיך בעסער".

אין יאַנואַר, 1846, האָט לאַסאַל זיך צוריקגעקערט קיין בערלין. פֿון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן זײַן פּראַקטישע טעטיקייט. פֿון דער צײַט אָן טרעט ער אַרויס אַלס אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער.

2

אין יאַנואַר 1846 האָט פֿערדינאַנד לאַסאַל זיך צוריקגעקערט פֿון פּאַריז קיין בערלין מיטן פֿעסטן באַשלוס אײַנקצוזעצן זיך אַרבעטן אויף זײַן ווערק וועגן דעם אַלטן גריכישן פֿילאָסאָף הערַאַקליט, וועלכער האָט צוגעצויגן לאַסאַלן מיט זײַן ווירקלעך־רעוואָלוציאָנערער הויפּט־אידעע, אַז די וועלט געפֿינט זיך אין אַ שטענדיקן פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג. לאַסאַל איז קיין פּאַריז געפֿאָרן דער עיקר צו זאַמלען אין די דאָרטיקע ביבליאָטעקן מאַטעריאַל פֿאַר זײַן ווערק.

דער שיקזאַל האָט אָבער פֿאַר אים צוגעגרייט עטוואָס אַנדערש. ער האָט זיך אין בערלין צופֿעליק געטראָפֿן מיט דער גרעפֿין סאָפֿיע האַטצ־פֿעלד, וועלכע האָט אין פֿאַרלויף פֿון פֿילע יאָרן געפֿירט אַן אומערמידלעכן קאַמף מיט איר טיראַנישן מאַן, פֿון וועמען זי האָט געפֿאָדערט אַ גט. אָבער דער מאַן האָט, אַ דאַנק זײַן קאָלאָסאַלן רײַכטום און זײַנע פֿאַרבינדונגען אין די הויכע פֿענסטער, געוווירקט, אַז די פּרייסישע געריכטן זאָלן צוריק־ווײַזן איר פֿאַרלאַנג. דער געזעץ איז געווען אויף דער זײַט פֿון דער גרעפֿין, אָבער די מאַכט איז געווען אויף דער זײַט פֿון איר מאַן, און דאָס איז גע־ווען גענוג, אַז לאַסאַל זאָל זיך פֿאַראינטערעסירן מיט איר ענין אויסשלים־לעך אויס רײַנע נאָבעלע מאָטיוון.

די גרעפֿין איז דעמאָלט אַלט געווען 39 יאָר. זי איז געווען זייער אַ שיי־נע, איידעלע פֿרוי. ווען לאַסאַל האָט זיך מיט איר באַקענט, איז זי געווען שרעקלעך פֿאַרצווייפֿלט, איבערהויפּט נאָכדעם ווי דער מאַן האָט אין פֿרי־לינג 1846 געוואָלט אַוועקנעמען בײַ איר דאָס לעצטע קינד, דעם 14־יאָריקן יינגל. לאַסאַל האָט איר פֿאַרגעלייגט זײַן הילף. לאַסאַל איז ניט געווען קיין יוריסט, אָבער ער האָט געפֿילט, אַז ער איז אימשטאַנד צו פֿירן דעם פּראָצעס פֿון דער גרעפֿין. אין זײַנע אויגן איז די גרעפֿין געווען אַ קרבן פֿון פֿאַרפֿאַלגונג און די ראָלע פֿון דעם פֿאַרפֿאָלגער האָט דאָ גע־שפּילט דער קלאַס, צו וועלכן לאַסאַל האָט פֿון זײַן פֿריסטער יוגנט אָן

געפֿילט אַ טיפֿן האַס. דער גרעפֿינס פּראָצעס האָט זיך אין לאַסאַלס אויגן פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישער געשעעניש פֿון גרויסער וויכטיקייט. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אין אַ בריוו געשריבן, אַז צו דער גרעפֿינס פּראָצעס האָט ער זיך באַצויגן אַזוי ווי דאָס האָט געפֿאָדערט דער עקסטרעמער רעוואָלוציאָנער פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע ראָבעספּיער אין זיין קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט געלויטעט, אַז די אונטערדריקונג פֿון איין איינציקן מענטש מיינט שוין די אונטערדריקונג פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט.

דער קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון דער גרעפֿין איז פֿאַר אים געווען אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן די פּריווילעגיעס פֿון דער אַריסטאָקראַטיע אין דער מלוכה.

אין זומער 1846 האָט לאַסאַל אונטערגעשיקט צוויי פֿון זיינע פֿריינט, דעם דאָקטער מענדעלסאָן און דעם ריכטער אָפּענהיים צו דעם גראַפֿס געליבטע אויסצוגעפֿינען ביי איר וועגן אַ געוויסן קאָמפּראָמיטירנדן דאָקומענט פֿון דעם גראַף, וואָס האָט זיך געזאָלט געפֿינען ביי איר. אין קעלן האָט זיך אָפּענהיימען איינגעגעבן צו באַקומען דאָס שאַכטעל, אין וועלכן דער דאָזיקער דאָקומענט האָט זיך געפֿונען. ער האָט אים פּשוט צוגעגנבעט ביי דעם גראַפֿס געליבטער און האָט אים איבערגעגעבן מענדעלסאָנען. אָבער מענדעלסאָן האָט ניט באַוויזן צו באַהאַלטן דאָס שאַכטעל, ווי די פּאָליציי האָט זיך דערפֿון דערוווּסט. אָפּענהיים איז באַלד אַרעסטירט געוואָרן און איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט. ער האָט זיך אין אַלץ מודה געווען און האָט אָנגעוויזן אויף די מאָטיוון, וואָס האָבן אים געטריבן צו באַגיין אַזאַ טאַט. דער געריכט האָט אים פֿרייגעשפּראָכן. שפּעטער, ווען מענדעלסאָן האָט זיך צוריקגעקערט פֿון אויסלאַנד, איז ער גלייך געשטעלט געוואָרן צום געריכט. אין יאַנואַר 1848 האָט אַ דזשורי אין קעלן מענדעלסאָנען געפֿונען שולדיק און ער איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צו 5 יאָר טורמע. אָבער דער גראַף האַטצפֿעלד האָט זיך ניט צופֿרידנגעשטעלט מיט דעם, וואָס מענדעלסאָן איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע. ער האָט אָנגעקלאָגט לאַסאַלן אין „אינטעלעקטועלער אויפֿהעצונג צו גנבה" און האָט געקראָגן פֿאַרשיידענע עדות. דער גראַף האָט געשאָטן מיט געלט רעכטס און לינקס און האָט אַפֿילו אונטערגעקויפֿט לאַסאַלס באַדינער, אַז ער זאָל פֿאַלש עדות זאָגן קעגן לאַסאַלן. דער פּראָצעס האָט געדויערט זיבן טעג. לאַסאַל האָט זיך אַליין פֿאַרטיידיקט. זיין שלום־רעדע האָט געדויערט זעקס שעה. ער האָט באַוויזן צו פֿאַרוואַנדלען דעם פּראָצעס קעגן אים אין אַן אָנקלאַגע קעגן דעם גראַף. דער געריכט האָט לאַסאַלן פֿרייגעשפּראָכן.

א דאַנק דעם דאָזיקן פּראָצעס איז לאַסאַל געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין גאַנץ דייטשלאַנד. די גאַנצע דעמאָקראַטישע פּרעסע פון דייטשלאַנד איז געווען אויף זיין זייט. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין דיסעל־דאָרף, ווו ער האָט זיך דעמאָלט באַזעצט, האָט א ריזיקער עולם אים באַגעגנט מיט הילכיקע אויסגעשרייען. דער עולם האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון זיין קאַרעטע און לאַסאַל איז ווי א זיגער דורכגעפאָרן די גאַנצע שטאָט.

איצט האָט ער אַלע זיינע כוחות אָפּגעגעבן דעם קאַמף פאַר דעמאָ־קראַטיע. ער איז געוואָרן איינער פון די פירער פון די דיסעלדאָרפער דעמאָ־קראַטן. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די דעמאָקראַטן אין רהיינלאַנד, וועלכער האָט זיך געפונען אין קעלן. דער פירער פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען קאַרל מאַרקס. מאַרקס און ענגעלס האָבן אין קעלן אַרויסגעגעבן א רעוואָלוציאָנערע צייטונג, „די נויע רהיינישע צייטונג", און לאַסאַל איז געוואָרן א מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג. לאַסאַל איז אָפט געפאָרן קיין קעלן און איז אייניגיכן אַרי־בער מיט מאַרקסן אויף „דו". אָבער קיין פריינט אין ווירקלעכן זין פון וואָרט זיינען זיי ניט געווען און זיינען שפּעטער אויך ניט געוואָרן. לאַסאַל האָט זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צו מאַרקסן ווי א דענקער, וועלכער איז געווען עלטער פון אים מיט זיבן יאָר. ווי א סאָציאַליסט האָט לאַסאַל געפילט אַן ענגע גייסטיקע נאָענטקייט צו מאַרקסן. ער איז געבליבן זיינער א געטרייער פריינט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

אין נאָוועמבער 1848 האָט די פּרייסישע רעגירונג אויפגעלייזט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג (דעם פּאַרלאַמענט) און האָט דערקלערט קריגס־צושטאַנד אין בערלין. דער צענטראַל קאָמיטעט פון די רהיינלאַנדער דע־מאָקראַטן האָט אויפגעפאָדערט אַלע מיטגלידער פון די דעמאָקראַטישע פאַראיינען, אַז זיי זאָלן אויפהערן צאָלן שטייערן און אָרגאַניזירן א באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד. די ענטוזיאַסטישע רעוואָלוציאָנערן האָבן דער־וואַרט, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג וועט זיך ווענדן מיט אַזא אויפרוף צו אַלע בירגער. לאַסאַל האָט זיך תיכף אָנגעשלאָסן אָן דער דיסעלדאָרפער בירגערלעכער מיליץ און האָט אָנגעפירט אַן אַקטיווע אַגיטאַציע פאַר א באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון דיסעל־דאָרפער קרייז. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָבער ניט אַרויסגעלאָזן דעם דערוואַרטעטן אויפרוף צו אַלע בירגער, און דעם 22טן יאַנואַר 1849 איז לאַסאַל צוזאַמען מיט עטלעכע חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די אויספאָרשונג האָט זיך געצויגן מאָנאַטן. וואָס לענגער לאַסאַל האָט פאַר־עסטירט אין טורמע קעגן זיין אַרעסט, אַלץ מער האָט ער געוווּנען אויף זיין זייט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די מערסטע אַרעסטירטע האָט מען

באַפֿרייט. לאַסאַלן אָבער און זיינעם אַ חבר האָט מען געהאַלטן אין טורמע. אַזוי ווי די ריכטער האָבן געפּלאַנעוועט, אַז לאַסאַלס פּראָצעס זאָל פֿאָר־קומען ביי פֿאַרמאַכטע טירן, האָט לאַסאַל מיט אַ טאָג פֿאַרן משפּט פֿאַרעפֿנט־לעכט זיין פֿאַרטיידיקונגס־רעדע. דער פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען דעם 3טן און 4טן מאַי, 1849. דער געריכט פֿון די געשוואָרענע האָט ביידן — לאַ־סאַלן און זיין חבר — פֿרייגעשפּראָכן. אָבער לאַסאַלן האָט מען ניט באַפֿרייט. מען האָט אים גלייך אָנגעקלאָגט אין אַ צווייטן פֿאַרברעכן און ער איז געבליבן זיצן אין טורמע. דאָס מאָל האָבן אים געמשפּט פּראָפֿעסיאָ־נעלע פּרייסישע ריכטער און זיי האָבן אים פֿאַראורטיילט צו זעקס מאָ־נאַטן טורמע.

די טורמע האָט ניט געשטערט לאַסאַלן צו פֿירן מיט גרויס ענערגיע די פּראָצעסן פֿון דער גרעפֿין האַטצפֿעלד. ער האָט געפּועלט, אַז מען זאָל אים דערלויבן צו פֿאַרלאָזן די טורמע יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפֿט אַרויסטרעטן אין געריכט. ער האָט געהאָפֿט צו פֿאַרענדיקן דעם פּראָצעס אין צוויי יאָר צייט. אָבער ער האָט געמוזט פֿאַרשווענדן גאַנצע 9 יאָר פֿון זיין לעבן אויף דעם קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון דער גרעפֿין האַטצפֿעלד. וואָס עס זיינען ווירקלעך געווען די באַציאונגען צווישן לאַסאַלן און דער גרעפֿין, האָט דעמאָלט קיינער ניט געוווּסט באַשטימט. יעדנפֿאַלס האָבן די דאָזיקע באַציאונגען נאָר איינגיכן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿריינט־שאַפֿט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אונטער אונגעוויינלעכע אומשטענדן צווישן אַ יונגן בחור און אַ פֿרוי, וועלכע איז געווען אַ סך עלטער פֿון אים.

הטלענאַ פֿאָן דעניגעס, די העלדין פֿון לאַסאַלס לעצטער ליבע, צוליב וועלכער ער איז שפּעטער אומגעקומען אין אַ דועל, דערציילט, אַז לאַסאַל האָט איר איינמאָל פּלוצלונג אַ פֿרעג געטאָן: „וואָס דענקט איר זיינען גע־ווען מיינע באַציאונגען מיט דער גרעפֿין האַטצפֿעלד?” העלענאַ האָט געענטפֿערט: „איך שטעל מיר פֿאָר, אַז זי איז נאָך געווען שיין דעמאָלט און איר זייט געווען זייער יונג, האָט איר זיך פֿאַרליבט און געהאַט איג־טימע באַציאונגען מיט איר. איצט איז זי אַלט און איר זייט נאָך אַלץ יונג, זייט איר דעריבער נאָר פֿריינט”. לאַסאַל האָט אויף דעם געענטפֿערט: „דאַנקן גאָט, וואָס איר נעמט עס אָן אַזוי פֿאַרנינפֿטיק. עס איז געווען מער אָדער ווייניקער אַזוי ווי איר זאָגט. אָבער עס איז דאָ צווישן אונדז איין באַנד, וואָס פֿאַראייניקט אונדז — דאַנקבאַרקייט”.

אין משך פֿון די אַלע יאָרן, וואָס דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן, האָט די גרעפֿין ניט געהאַט קיין שום איינקונפֿט און לאַסאַל האָט זיך געטיילט מיט איר מיט דער קליינער סומע, וועלכע ער פֿלעגט יעדן יאָר באַקומען פֿון זיינע עלטערן. דערפֿאַר האָט זי זיך שריפֿטלעך פֿאַרפֿליכטעט, אַז אין

פאַל זי וועט געווינען דעם פּראָצעס, וועט זי לאַסאַלן דעם גאַנצן לעבן צאָלן א יערלעכע פּענסיע פון עטלעכע טויזנט טאַלער.

אין אָנהויב פון דעם פּראָצעס זיינען די סימפּאַטיעס פון פּובליקום און אויך פון די ריכטער געווען אויף דער גרעפינס זייט. אָבער נאָך דעם זיג פון דער רעאַקציע אין פּרייסן האָט זיך אויך די שטימונג פון די ריכטער געענדערט. זיי זיינען געווען פול מיט האַס צו דער רעוואָלוציע און צו אַלץ, וואָס האָט זיי דערמאָנט אָן דער רעוואָלוציע. לאַסאַל האָט פאַרלאָרן איין פּראָצעס נאָכן צווייטן, אָבער ער האָט ניט פאַרלאָרן דעם מוט. ער האָט שטענדיק געפונען נייע פּונקטן פאַר נייע אַפּילס. אים איז אויסגעקומען ארויסצוטרעטן אין א פּאָר צענדליק געריכטן. ענדלעך, אין זומער 1854, איז לאַסאַלן געלונגען צו ברעכן די עקשנות פון דעם גראַף האַטצפעלד, לאַסאַל האָט וועגן דעם געשריבן:

„ענדלעך האָב איך געבראָכן אָט דעם אַריסטאָקראַטישן הער! ענדלעך ליגט ער ביי מיינע פיס! איך האָב איך דיקטירט אזוינע פרידנס־באַדינ־גונגען, וועלכע האָבן אים ניט נאָר דערנידעריקט. נאָר אים אויך באַרויבט פון זיין עהרע. ענדלעך האָב איך אַרויסגעריסן פון זיין מאַכט אָט די פרוי און אים געצוווּנגען אָפּצוגעבן איר א זייער גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן".

א גרויסן טייל פון אָט דעם פאַרמעגן האָט די גרעפין דערנאָך פאַר־לאָרן צוליב דעם קראַך אויף דער בירזשע אין יאָר 1857. א צווייטן טייל פון פאַרמעגן האָט זי אָפּגעגעבן איר זון. אָבער עס איז איר דאָך פאַרבליבן גענוג געלט, אַז זי זאָל קענען לעבן רייך און אומאָפּהענגיק איר גאַנצן לעבן און לאַסאַל האָט יעדן יאָר באַקומען פון איר אַזאַ באַדייטנדע סומע, אַז ער האָט געקענט לעבן כמעט אין לוקסוס.

אויב דער פּראָצעס פון דער גרעפין האַטצפעלד האָט זיך פאַרענדיקט גינסטיק פאַר לאַסאַלן, האָט ער אָבער אין אייניקע אַנדערע הינזיכטן געהאַט א שלעכטע ווירקונג אויף אים. וואָס עס זאָלן ניט געווען זיין זיינע באַצי־אונגען מיט דער גרעפין, האָבן אָבער א סך מענטשן, און ניט נאָר בורזשוא־זע היפּאָקריטן, נאָר אויך פיל דעמאָקראַטן, געקוקט קרום אויף אים פאַר זיין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער גרעפין. און שולדיק אין דעם, זאָגט עדוואַרד בערנשטיין, איז געווען די גרעפין מיט איר אַרויסרופנדיקער אויפפירונג. אין משך פון די יאָרן, וואָס דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן, איז לאַסאַלן אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט פאַרשיידענע טונקעלע פּערזאָנען, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי די נויטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער געשלעכטלעכער צולאָזנקייט פון דעם גראַף. און אזוינע באַגעגענישן האָבן ניט געקענט האָבן קיין גוטע ווירקונג אויף לאַסאַלס כאַראַקטער.

„סוף־כל־סוף, שרייבט בערנשטיין, קען מען דענקען, אז די פריינטשאפט מיט דער גרעפין פאן האטצפעלד האט ניט געקענט האבן א באזונדערס גוטן איינפלוס אויף לאסאלס גאנצער וויטערדיקער טעטיקייט".

סאפיע פאן האטצפעלד איז געווען א קלוגע, געבילדעטע און באגאבטע פרוי. אירע גרויסע פארבינדונגען און אירע מיינונגען ווי אן אריסטאקראטישע דאמע זיינען געווים ניט איינמאל צוניץ געקומען לאסאלן.

לאסאל אליין האט מיט יארן שפעטער געשריבן צו א רוסישער פריילין, אין וועלכער ער איז געווען שטארק פארליבט און געהאפט צו הייראטן מיט איר:

„זי (די גרעפין האטצפעלד) האט מיר געמאכט בעסער, ווי איך בין ביז דאן געווען. איך קען, נאטירלעך, זאגן, אז איך האב פארמאגט אן אויסגעצייכנט גוט הארץ, אבער אין מיר זיינען אויך געווען אלע שלעכטע זימן פון קראפט. אין מיר זיינען געווען ווילדע אינסטינקטן. איך בין געווען פעאיק צו ווערן מיט אמאל שרעקלעך אין כעס. טיילמאל פלעגט מיר ארומכאפן אזא אומקאנטראלירבארע לײדנשאפט, אז איך האב געקענט ווערן שרעקלעך גרויזאם און געקענט פארגעסן וועגן יעדער רחמנות. פון דעם אלעם האט זי מיך אפגעוואוינט. זי האט אין מיר אויפגעוועקט די גוטע אינסטינקטן און אונטערדריקט די שלעכטע".

ער איז, זאגט ער, ניט אימשטאנד „גענוג אפצושעצן די גרויסקייט פון אירע געפילן" און ער פאדערט פון זיין צוקונפטיקער פרוי, אז זי זאל ליב האבן סאפיע פאן האטצפעלד ווי איר אייגענע מאמע „מיט דערווירקלעכער דעליקאטקייט פון א טאכטער". „אויב דאס וועט ניט זיין, שרייבט ער, קען איך ניט זיין גליקלעך".

קיין צווייפל ניט, זאגט בערנשטיין, אז לאסאל האט טאקע אזוי געפילט. עס איז אויך קיין פראגע ניט, זאגט ער, אז די גרעפין איז דורכגעדרונגען געווארן מיט לאסאלס סאציאליסטישע אידעען.

אין די שפעטערע יארן האט די גרעפין זיך באצויגן צו לאסאלן ווי א צווייטע מאמע און זי פלעגט אים רופן אין געשפרעכן און אין אירע בריוו „קינד".

אויך אין די יארן פון דער רעאקציע האט לאסאל זיך ניט דערווייטערט פון דער דעמאקראטישער און סאציאליסטישער באוועגונג. לאסאלס בריוו פון יענע יארן ווייזן, אז ער איז געבליבן געטריי דער באוועגונג און האט א סך געהאלפן פילע פון זיינע פאליטישע פריינט און האט זיך אויפריכטיק באמיט צו שטיצן די באוועגונג. איבערהויפט האט ער אין די יארן פון רעאקציע א סך געהאלפן קארל מארקסן. ער האט, אגב, געהאלפן ארייננשמוגלען קיין דייטשלאנד אומלעגאלע מארקסעס ווערק, וועלכע זיינען דארט

געוועזן פאַרבאָטן. דורך דער צייט פון דער קרימער מלחמה, אין די יאָרן 1856-1854 האָט לאַסאַל געהאַט די מעגלעכקייט אַריבערצושיקן צו מאַרקסן געוויסע זייער וויכטיקע ידיעות וועגן דיפּלאָמאַטישע ענינים. אָט די ידיעות האָבן געדינט מאַרקסן ווי מאַטעריאַל פאַר זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין דער „ניו יאָרק טריביון". אייניקע פון די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס מאַרקסעס זיינען פשוט אַן איבערזעצונג פון לאַסאַלס בריוו.

שוין אין פרילינג 1857 האָט לאַסאַל באַקומען אַ מעגלעכקייט אַריבער־צוקלייבן זיך קיין בערלין. אַ לאַנגע צייט איז ער נאָך דאָרטן געשטאַנען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. אין יאָר 1858 איז דערשינען זיין ערשטע גרויסע וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע אַרבעט וועגן דעם אַלטן גריכישן פילאָסאָף העראַקליט. דאָס בוך האָט אים גלייך געשאַפן אַ נאָמען אין די געלערנטע קרייזן.

צו דער צייט ווען לאַסאַל האָט זיך באַזעצט אין בערלין, האָט זיך אין פּרייסן אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. די קרימער מלחמה האָט שטאַרק אונטער־גראָבן דעם פּרעסטיזש פון רוסלאַנד, וועלכע איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־זייל פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער איז געשטאָרבן און זיין געטרייער פאַרבינדעטער, דער קעניג פון פּרייסן פרידריך־ווילהעלם דער פערטער, איז אַראָנטער פון זינען. אין גאַנץ אייראָפּע האָבן גענומען בלאָזן נייע פרישע ווינטן. און ווען עס האָט אין פרילינג 1859 אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פראַנקרייך, אי־טאַליע און עסטרייך, האָט זיך גענומען שטאַרק רודערן אויך אין פּרייסן. אַלע דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע עלעמענטן אין פּרייסן האָבן געפילט אַ סימפּאַטיע צו די איטאַליענער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דאָס רעכט פון זייער פאָלק אויף זעלבסטבאַשטימונג. אָבער אין שפּיץ פון די איטאַ־ליענער האָט זיך געשטעלט נאַפּאָלעאָן דער דריטער, דער מערדער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, וועמען אַלע רעפּובליקאַנער פון דער גאַנצער וועלט האָבן טיף געהאַסט. אַ חוץ דעם איז די מלחמה געפירט געוואָרן קעגן עסטרייך, וועלכע האָט דעמאָלט געהערט צום דייטשן בונד. אַלע רעאַקציאָ־נערן אין דייטשלאַנד האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן מיט עסטרייך. לאַסאַל האָט געהאַלטן מיט די איטאַליענער. די פּאָליטיק, וועלכע לאַסאַל האָט גע־פּרעדיקט, האָבן מאַרקס און ענגעלס באַטראַכט, אַז דאָס איז פאַקטיש די פּראָגראַם וועלכע נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט פּראָפּאַגאַנדירט אין דייטש־לאַנד דורך זיינע אַגענטן. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט איזאָלירן עסטרייך. מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פּאַראַליזירן נאַפּאָלעאָנס מאַכינאַציעס. צוליב דעם זיינען אַנשטאַנען זייער שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן מאַרקסן און ענגעלסן פון איין זייט און לאַסאַלן פון דער צווייטער זייט. און הגם דער וויכוח וועגן דעם האָט זיך

אינגיכן פֿארענדיקט, איז אָבער פֿון דעמאָלט אָן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן לאַסאַלן און מארקסן געוואָרן ווייניקער הארציק, ווי פֿריער, און נאָך לאַ־סאַלס באַזוך אין לאָנדאָן, אין 1862, האָט זיך די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.

כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס לאַסאַל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין בראָשור „די איטאַליענישע מלחמה און די אויפֿגאַבע פֿון פּרייסן", איז דערשינען לאַסאַלס דראַמע „פֿראַנץ פֿאָן־זיקינגען". זי איז פֿאַרענדיקט גע־וואָרן אין יאָר 1858. אין אָנהייב האָט לאַסאַל פֿאַרגעלייגט דעם קייזער־לעכן טעאַטער פֿון בערלין זי אויפֿצופֿירן. אָבער דער טעאַטער האָט זי צוריקגעוויזן. פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון טעאַטראַלע פֿאָדערונגען איז די דראַמע ווירקלעך ניט פֿריי פֿון טעכנישע חסרונות. אָבער ווי אַ ליטעראַ־ריש־פֿילאָזאָפֿיש ווערק איז דאָס פֿון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַדייטנד ווערק. אין איין פּלאַץ פֿון דער דראַמע זאָגט דער הויפּט־העלד פֿאָן־זיקינגען:

„ווייז מיר אָן ניט נאָר דעם ציל נאָר אויך דעם וועג וואָס פֿירט צו אים. דער וועג איז אַלע מאָל אַזוי ענג פֿאַרבונדן מיטן ציל, אַז מען קען ניט אָפּטיילן איינס פֿון דעם אַנדערן. ענדערנדיק דעם וועג, ענדערן מיר דורכדעם אויך דעם ציל".

דאָס זיינען געניאַלע ווערטער, וועלכע האָבן זיך מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי נביאישע. עס איז געווען אָנצווייזן אויף דעם גורל פֿון דעם רוסישער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע...

אין די יאָרן 1860־1861 האָט לאַסאַל פֿאַרעפֿנטלעכט צוויי גרויסע אַרטיקלען: „פֿיכטעס פּאָליטישע צוואה און די איצטיקע נייעסטע צייט" (פֿיכטע איז געווען אַ באַרימטער דייטשער פֿילאָסאָף) און „גאָטהאָלד אפֿרים לעסינג" (לעסינג איז געווען אַ באַרימטער דייטשער שריפֿטשטעלער, אַ ראַדיקאַל, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער דראַמע „נאַטאַן דער ווייזע").

אין זעלבן יאָר 1861 האָט לאַסאַל פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרויס צוויי בענדיק ווערק „די סיסטעם פֿון דערוואָרבענע רעכט", וואָס ער האָט געווידמעט זיין טאַטן צו זיין זיבעציקסטן געבורטסטאָג מיט דער אויפֿשריפֿט „ווי אַ צייכן פֿון ליבע און אכטונג".

„די סיסטעם פֿון דערוואָרבענע רעכט" ווערט באַטראַכט פֿאַר לאַסאַלס וויכטיקסטער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. דאָס דאָזיקע ווערק האָט שטאַרק אויפֿגעהויבן לאַסאַלס פּרעסטיזש אין די אויגן פֿון דער בערלינער געביל־דעטער געזעלשאַפֿט. די דייטשע געלערנטע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אכטונג. אָבער לאַסאַלס אויפֿפֿירונג האָט אָפּגעשטויסן פֿון אים אַ סך מענטשן. לאַסאַל האָט געקענט באַצויבערן מענטשן. אין דער זעלבער

צייט אָבער האָט ער שטענדיק גערן אונטערשטראָכן, אַז ער שטייט העכער פון אַלע ארומיקע און דורך דעם האָט ער זיך געשאַפן אַ סך פיינט. אָט דער שטריך אין זיין כאַראַקטער האָט זיך ארויסגעוויזן שוין אין זיין פּריס־טער יוגנט, ווי מען קען עס זען פון זיין „טאָגבוך".

אין די אויגן פון אַ סך מענטשן, שרייבט בערנשטיין, איז לאַסאַל גע־ווען אַ מין לאַוועלאַס (אַזאַ וואָס יאָגט זיך שטענדיק נאָך פרויען). אָט די רעפּוטאַציע האָט ער באַקומען אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך געקליידט ווי אַ פראַנט און האָט שטענדיק געהאַט דערפאָלג ביי פרויען. מען קען אים אָבער דורכאויס גלייבן, ווען ער האָט דעם 20טן מערץ, 1860, געשריבן אין אַ בריוו צו קאַרל מאַרקסן: „איך האָב קיין מאָל ניט געוווּסט פון קיין אויסגעלאַסנקייט". ער האָט טאַקע געפירט ניט ווייניק ראָמאַנען. אָבער ווען מען האָט אין זינען וויפל ער האָט פאַר דעם בערך גאָר קורצן פעריאָד פון זיין לעבן אויפגעטאָן אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט און אויף דעם געביט פון פּאָליטיק, דאַן מוז מען קומען צום שלוס, אַז די אַלע ליבעס־געשיכטעס זיינע זיינען פאַר אים געווען אַ מין אָפּרו פון דער אָנגע־שטרענגטער אַרבעט, געווידמעט די העכערע צילן פון דער מענטשהייט.

3

פון 1858טן יאָר אָן האָט לאַסאַל געוווינט אין בערלין אויף איינער פון די אַריסטאָקראַטישע גאַסן. מיט די 700 טאַלער (אַרום 5 טויזנט דאָ־לאַר) אַ יאָר, וואָס ער פלעגט באַקומען פון דער גרעפין האַצפעלד האָט ער געקענט לעבן אין לוקסוס. ער האָט געהאַט דעם פאַרגעניגן אויפצונעמען ביי זיך אין הויז אַ סך העכסט געבילדעטע, טאַלאַנטפולע מענטשן, צווי־שן זיי, אויך שיינע אַריסטאָקראַטישע פרויען, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אויך מיט זייער קלוגשאַפט אָדער טאַלאַנט. לאַסאַל האָט געהאַלטן אַ פראַנצויזישן קוכער און האָט געטרונקען נאָר טייערן רויטן וויין („פאַרוואָס איבערלאָזן דעם גוטן וויין, נאָר פאַר אַ ווילהעלמען?" פלעגט ער אָפט זאָגן). די אָוונטן, וועלכע ער פלעגט איינאָרדענען ביי זיך אין הויז, אין בערלין, האָבן געהאַט אַ שם פאַר די טייערע מאכלים און ווייגען, וואָס מען פלעגט דאָרט דערלאַנגען צום טיש און פאַר דער פריי־לעכקייט, וואָס האָט דאָרט געהערשט צווישן די געסט, פונקט, ווי מיט דעם אידעאַליזם און פריידנקעריי, מיט וועלכער עס זיינען געווען דורכגעדרונגען שמועסן אין דעם הויז.

ביי לאַסאַלן אין הויז פֿלעגן זיך באַגעגענען מענטשן, וועלכע האָבן געהערט ניט נאָר צו זיין דור. אים פֿלעגן באַזוכן אויך פֿילע באַרימטע פֿער־זענלעכקייטן פֿון דעם עלטערן דור.

אָבער דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָט לאַסאַל, געהאַט ביי פֿרויען. אין זיין בוך וועגן לאַסאַלן שרייבט דער באַרימטער דענישער קריטיקער געאָרג בראַנדעס, אַז לאַסאַל פֿלעגט זיך שנעל פֿאַרליבן אין אַ פֿרוי, אָבער די ליבע זיינע פֿלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן. די טיפֿסטע ליבע, וואָס ער האָט אַמאָל געפֿילט צו אַ פֿרוי, איז געווען צו דער גרעפֿין האַטצפֿעלד. איר איז ער פֿאַר־בליבן געטריי זיין גאַנצן לעבן. די גרעפֿין האָט אים הויך אָפּגעשאַצט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחורל, וועלכער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט. זי האָט געגלויבט אין אים, האָט איבערגעגעבן איר שיקזאַל אין זיינע הענט און ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פֿאַרגעסן, אַז זי האָט די ערשטע אים געזאָגט: „איך גלויב אין אייך". אָבער דער דאָזיקער געפֿיל איז ביי אים געווען, נאָר אַ פֿריינשאַפֿט, אַ שטאָלץ. נאָר ביים סאַמע אָנהויב פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט האָט ער מסתמא אויך געפֿילט אַ שטיקל ליבע צו איר.

פֿון דאַן האָט ער געפֿירט אַ סך ראָמאַנען, אָבער ס'איז צווייפֿלהאַפֿט צי ער האָט ווען טאַקע אויף אַן אמת ליב געהאַט אַ וועלכע עס איז פֿרוי.

אין ווינטער 1858־1859 איז די גרעפֿין האַטצפֿעלד געקומען קיין בער־לין (זי האָט ביז דאַן געוווינט אין דיסעלדאָרף). אין בערלין האָט מען כמעט געהאַט פֿאַרגעסן וועגן איר עקזיסטענץ. אָבער לאַסאַל האָט איר ניט פֿאַרגעסן. לאַסאַלס נייע באַקאַנטע האָבן אויסגעפֿונען, אַז זי איז אַן אָנגע־נעמע און סימפּאַטישע פּערזאָן. מיט לאַסאַלן האָט זי זיך געהאַלטן ווי אַ מאַמע. זי פֿלעגט פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דער באַלעבאָסטע ביי זיין טיש, הגם, זי האָט געוווינט אין אַן אַנדער הויז. זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן פֿון אייפֿערזוכט, ווען לאַסאַל פֿלעגט „אוכאַזשעווען" נאָך אינגע־רע און שענערע פֿרויען. צי 54 יאָר האָט די גרעפֿין האַטצפֿעלד מיט איר געעקסטער פֿיגור און די וווּנדערבאַרע אַקסלען, וועלכע זי האָט ניט ליב געהאַט צו באַהאַלטן, מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פֿרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ סך ענטוזיאַסטישע פֿאַרערער און זי איז ווייט ניט געווען גלייכגילטיק צו די געפֿילן, וואָס זי האָט ביי זיי אַרויסגערופֿן. לאַסאַל האָט פֿון זיין פֿריסטער יוגנט אָן געליטן פֿון אַ כראָנישער קראַנקייט. איצט האָט זיך זיין געזונט־צושטאַנד פֿאַרערגערט און ער האָט זיך באַדאַרפֿט קורירן. אין 1860 איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין קוראָרט אַכען. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ יונגער רוסישער פֿריילין, סאָפֿיאַ סאָלנצעוואַ, אין וועלכער ער האָט זיך באַלד פֿאַרליבט. סאָפֿיע סאָלנצעוואַ איז געווען אַ טאָכטער פֿון דעם וויטעבסקער וויצע־גובערנאַטאָר. זי איז געקומען קיין אַכען מיט איר פֿאָ־

טער, וועלכער איז געווען ניט געזונט. סאָפיע סאָלנצעווא איז ניט געווען קיין גרויסע שיינקייט, אָבער זי האָט קענטיק געמאַכט אויף לאַסאַלן אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו געווינען איר ליבע און האָט אַפילו איר געמאַכט אַ הייראַטס־פאָרשלאַג. אָבער זי האָט ניט צוגעשטימט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר. צווישן לאַסאַלס בריוו צו איר, וועלכע זי האָט מיט יאָרן שפּעטער פאַרעפנטלעכט, גלייכצייטיק אין דריי שפּראַכן, איז פאַראַן איינער, וואָס פאַרנעמט גאַנצע 36 געדרוקטע זייטן. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט לאַסאַל, צווישן אַנדערעס, איר געשריבן:

„ביז אהער איז מיין ליבע געווען נאָר אַ פאַרצוקנדיקער פלאַם, אין וועלכן פרויען האָבן זיך געוואָרפן. איך ווייס ניט פון קיין איינציקער פרוי, וועלכע, ווען זי וואָלט אַפילו נאָר אויף אַ מינוט זיך איבערצייגט, אַז מיך שרעקט ניט אָפּ דער געדאַנק צו הייראַטן מיט איר, וואָלט זי ניט געסטאַרעט זיך מיך צו פאַרכאַפּן. איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב שטענדיק אויסגעמיטן יונגע מיידלעך. צוויי מאָל נאָר האָב איך גערעדט וועגן ליבע צו יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן מיך ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט און זיי האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ געפיל זיי צו באַזיצן. און אין ביידע פאַלן האָב איך אָנגעהויבן מיט דער דערקלערונג, אַז איך וועל מיט זיי קיינמאָל ניט הייראַטן. מיט דער אויסנאַם פון די צוויי פאַלן, האָב איך אַלע מאָל געהאַט באַציאונגען נאָר מיט פאַרהייראַטע פרויען, וועלכע האָבן מיר, ווי איר האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, „צעבאַלעוועט". און אייניקע פון זיי האָבן מיר באמת ליב געהאַט. איר ווייסט, אַז פרויען, ווען זיי ליבן, האָבן אַ געוווינהייט שטענדיק צו שטעלן פראַגן און עס איז ניט געווען קיין איינציקע, וועמען איך האָב ניט געענטפערט מיט מיין געוויינלעכער אָפנהאַרציקייט, אַז ווען זי וואָלט געווען פריי, וואָלט איך אויך מיט איר ניט געהייראַט. ניט געקוקט אויף דעם — און אפשר טאַקע דערפאַר — האָט מען מיך שטאַרק ליב געהאַט. איך האָב געוואָלט נאָר נעמען, אָבער ניט זיך איבערגעבן".

די סאָפיע סאָלנצעווא האָט מיט יאָרן שפּעטער באַשריבן ווי אַזוי לאַסאַל האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע:

„ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, וווּ איך בין געשטאַנען און האָט פּלוצלונג דערקלערט זיין גרעניצלאָזע און ליידנשאַפטלעכע ליבע צו מיר. ער האָט געזאָגט, אַז זיין גאַנצע נשמה געהערט צו מיר און אַז ער קען ניט לעבן אָן מיר. איך בין, האָט ער געזאָגט, ניט סתם אַ געוויינלעכע שיינע מיידל, איך בין העכער פון דעם. איך בין געבענטשט פון גאָט מיט אַ געפיל פאַר אַלץ, וואָס איז נאָבעל און הייליק. דאָס אַלץ איז אַרויסגעקומען

אין אַ שטראָם פֿון ליידנשאַפֿטלעכע ווערטער. יעדער אָדער אויף זיין פּנים האָט רעפֿלעקטירט וואָס ער האָט געזאָגט. איך בין דאָרט געשטאַנען אַ נעפּלעפּטע. דאַן איז אַריינגעקומען מיין פֿאָטער...

„אין אָוונט האָבן מיר געהאַט טיי מיט דער גרעפֿין האַטצפֿעלד. זי האָט אָוועקגענומען אַן אַ זייט מיין פֿאָטער — אַן צווייפֿל, ווי זי האָט פֿריער נעהאַט אָפּגעמאַכט מיט לאַסאַלן. לאַסאַל האָט געפֿאָדערט פֿון מיר אַן ענטפֿער. ער איז געווען בלאַס און האָט אויסגעזען זייער מיד. אין זיין בליק איז געווען אַזוי פֿיל ליבע און אַזוי פֿיל אַנגסט אין זיין שטימע, אַז איך האָב רחמנות געקראָגן אויף אים און האָב אים געזאָגט, אַז אפֿשר שפּעטער אַמאָל, וועל איך אים ליב האָבן. אָבער איך האָב עס אַרויסגעזאָגט אַזוי רואיק און קאַלטבלוטיק, אַז איך האָב געפֿילט, אַז איך וועל אים קיינ־מאָל ניט ליב האָבן. בעת ער האָט גערעדט, האָט ער געהאַלטן מיין האַנט אין זיין האַנט. אָבער ווען ער האָט דערהערט מיין ענטפֿער, האָט ער אָפּ־געלאָזן מיין האַנט. זיין פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער און ער איז געוואָרן שטייף און קאַלט. איך האָב געזען, אַז ער האָט ניט געגליכן מיין ענטפֿער, אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו זאָגן עפּעס מער, ווייל מיין פֿאָטער האָט זיך צוריקגעקערט. דעם גאַנצן אָוונט יענעם איז לאַסאַל געווען זייער אויפֿגערעגט. איך בין געווען צו יונג צו קענען אָפּשאַצן די טיפֿקייט פֿון זיינע געפֿילן. ווען איך בין געזעסן ביים טיי־טיש, האָב איך זיך געערגערט פֿון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט. ביז דאַן בין איך געווען אַזוי גליקלעך מיט אים. איך האָב אָנערקענט און אָפּגעשאַצט זיין שאַרפֿן מח, זיין ענער־גיע, זיין געניאַליטעט. איך האָב זיך געפֿילט ווי זיינע אַ תּלמידה אפֿילו ווי אַ ייִנגערע חברטע זיינע און דאָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן. זיין אָנווייזנקייט האָט מיך שטאַרק געפֿרייט. איך האָב געפֿילט אַ קרובהשאַפֿט צו אים. איצט אָבער האָט זיך אַלץ געענדיקט. ער איז פֿאַר מיר געוואָרן ווי אַ פֿרעמדער".

ווען לאַסאַל האָט זיך צוריקגעקערט קיין בערלין, האָט ער איר געשריבן דעם בריוו, וועלכן איך האָב פֿריער ציטירט. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט ער, אגב, איר אויך געשריבן, אַז ער איז אַ ייִד. „מיין פֿאָטער און מוטער זיינען ייִדן, כאָטש אינערלעך בין איך ניט מער ייִד, ווי איר זייט — אפֿילו ווייניקער, אויב דאָס וואָלט מעגלעך געווען. איך האָב ביז אַהער ניט אָפּגע־זאָגט זיך פֿון מיין רעליגיע, ווייל איך האָב ניט געוואָלט אָננעמען אַן אַנ־דער רעליגיע. איך קען זאָגן אויפֿריכטיק, אַז איך בין מער ניט קיין ייִד, אָבער עס וואָלט געווען פֿאַלש צו פּרעטענדירן, אַז איך בין געוואָרן אַ קריסט. ביי אונדז איז קיין אונטערשייד ניט ווען מען איז אַ ייִד. אין דייטשלאַנד, אין פֿראַנקרייך, אין ענגלאַנד, איז דאָס ניט מער ווי אַ רעליגיע, ניט קיין נאַ־ציאָנאַליטעט. זיין אַ ייִד איז דאָס זעלבע ווי צו זיין אַ פּראָטעסטאַנט אָדער

אַ קאַטאָליק. ספּעציעל דאָ, אין דייטשלאַנד, לײַדט ניט אַזאַ מאַן ווי איך, מיט מײַן רעפּוטאַציע פֿון טאַלאַנט און אינטעליגענץ, פֿון קיין שום דיסקרימינאַציע".

ווײַטער שרײַבט ער אין זעלבן בריוו, אַז אין דייטשלאַנד זײַנען התונות צווישן ייִדן און קריסטן ניט פֿאַרבאָטן. אין רוסלאַנד אָבער איז עס פֿאַרבאָטן. און „אויב דאָס איז אַבסאָלוט נויטיק, קען איך ברענגען אײַך דעם קרבן צו ווערן אַ קריסט. דאָס וואָלט געווען שווער פֿאַר מיר", שרײַבט ער כאָטש ער האָט ניט ליב ייִדן. „איך באַטראַכט זיי אַלס זון פֿון אַ גרויסער, אָבער לאַנג פֿאַרשווּנדענער פֿאַרגאַנגענהייט".

דאָס אַלץ האָט לאַסאַל געשריבן, כדי צו געווינען איר האַרץ. אָבער זי האָט צוריקגעוויזן זײַן הייראַטס-פֿאָרשלאַג.

לאַסאַלס בריוו ווײַזן, אַז זײַן ליבע צו סאָפֿיע סאָלנצעווא איז פֿאַרשווּנדן פּונקט אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך צעפֿלאַקערט.

עס איז אַריבער אַ יאָר, זינט לאַסאַל האָט באַקומען פֿון סאָפֿיע סאָלנצעווא אַן אַנטשיידענעם אָפּזאָג. אין יענער צײַט איז ער אין בערלין, אין הויז פֿון זײַנעם אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט, באַקאַנט געוואָרן מיט פֿרײַלין העלענע פֿאָן דעניגעס, אַ טאָכטער פֿון אײנעם פֿון די העכסטע רעגירונגס-באַאַמטע אין בײַערן. דאָס איז געווען זײַן לעצטע ליבע. ווען אירע באַציאונגען מיט לאַסאַלן האָט זי שפּעטער אָנגעשריבן מעמואַרן. זי דערציילט דאָרט, אַז געמיינזאַמע באַקאַנטע האָבן זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי פּאַסן פֿאָלקם אײנע צו די אַנדערע און אַז לאַסאַל האָט איר גלײַך, בײַ דער ערשטער באַגעגעניש, געגעבן צו פֿילן, אַז זי געפֿעלט אים שטאַרק.

עס זײַנען אַריבער גאַנצע צוויי יאָר, אײדער אָט די לעבנסלוסטיקע מיידל מיט די גאָלדן-געלע האָר, האָט געשפּילט אַזאַ פֿאַטאַלע ראָלע אין לאַסאַלס גורל.

4

פֿון אײן בריוו לאַסאַלס צו קאַרל מאַרקסן, זעט מען, אַז ער איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט אַזוינע מענטשן, ווי דער פֿראַנצויזישער היסטאָריקער מישלע, מיטן באַרימטן דייטשן געלערנטן אַלעקסאַנדער פֿאָן הומבאָלדט און מיט אַנדערע גרויסע געלערנטע, קינסטלער און מוזיקער. אויף זײַנע רייזעס איבער אייראָפּע האָט ער געשלאָסן פֿאַרבינדונגען מיט די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געלעבט אין פֿראַנקרײַך, שווייץ, איטאַליע. איבערהויפּט, האָט ער זיך באַפֿרײַנט מיטן דייטשן דיכטער, געאָרג הערוועג, און זײַן פֿרוי. ער האָט אויך באַזוכט דעם באַרימטן איטאַליענישן פֿרײַהייטס-קעמפֿער גאַריבאַלדין אויפֿן אינדזל קאַפּרי.

אין דייטשלאַנד איז אין 1861 דערקלערט געוואָרן אַן אַמניסטיע צו דער געלעגנהייט פֿון דעם, וואָס ווילהעלם דער ערשטער איז אַרויף אויפֿן פּרייסישן טראָן. ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער אַמניסטיע האָבן זיך אַ סך פּאָלי־טישע עמיגראַנטן צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד, צווישן זיי אויך לאַסאַלס פּריינט און באַקאַנטע. לאַסאַל האָט זיך משתדל געווען ביי די פּרייסישע מיניסטאָרן, אַז מען זאָל אויך דערלויבן קאַרל מאַרקסן זיך אומצוקערן קיין דייטשלאַנד. אָבער זיין שתדלנות האָט ניט געהאָלפֿן: מאַרקס איז ניט אַמניסטירט געוואָרן און ער איז ביז זיין טויט פֿאַרבליבן אין לאָנדאָן ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. צוליב דעם איז גאָרניט געוואָרן פֿון לאַסאַלס פּלאַן אַרויסצוגעבן אין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט מאַרקסן און ענגעלסן, אַ נייע גרויסע ראַדיקאַלע צייטונג אין גייסט פֿון דער „נויע רהיינישע צייטונג", וואָס האָט געזאָלט זיין דער אָרגאַן פֿון דער פּראָגרעסיווער דעמאָקראַטיע.

דעם 19טן מאַי, 1862, האָט לאַסאַל אין בערלין געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דעם דייטשן פֿילאָסאָף פֿיכטע, צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג. די לעקציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון דער פֿילאָסאָפֿישער געזעלשאַפֿט און דעם וויסנשאַפֿטלעך־קינסטלערישן פֿאַראיין. דער פֿאַקט גופֿא, וואָס מען האָט לאַסאַלן באַשטימט צו האַלטן די דאָזיקע לעקציע, זאָגט עדות, וועגן דעם גרויסן רעספּעקט, וואָס מען האָט צו אים געפֿילט אין די בערלינער געלערטע קרייזן. דעם זעלבן יאָר איז לאַסאַל אַרויסגעטראָטן מיט דריי רעדעס, בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע פֿאַר דעפּוטאַטן פֿון דעם פּרייסישן פּאַר־לאַמענט. אין דער ערשטער לעקציע, וועגן דעם „עיקר פֿון קאָנסטיטוציע", האָט ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז קאָנסטיטוציאָנעלע פֿראַגן זיינען קודם כּל פֿראַגן פֿון מאַכט און ניט פֿון רעכט. מיט אַ רייע היסטאָרישע ביישפּילן באַווייזט לאַסאַל ווי אַזוי געשריבענע קאָנסטיטוציעס זיינען נאָר דעמאָלט לעבנס־פֿעאיק, ווען זיי דינען ווי אַן אויסדרוק פֿון די פֿאַקטישע כּוחות־פֿאַרהעלטענישן אין לאַנד.

די לעקציע וועגן דעם „עיקר פֿון קאָנסטיטוציע" — האָט עדואַרד בערנ־שטיין געשריבן מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר שפּעטער — געהערט צו לאַסאַלס בעסטע קלענערע ווערק און זי האָט ניט פֿאַרלאָרן איר אינטערעס ביז היינטיקן טאָג". אין דער דאָזיקער לעקציע האָט לאַסאַל שטאַרק קרי־טיקירט די דייטשע ליבעראַלן און אָט די פּאָלעמיק מיט די ליבעראַלן האָט פֿאַר אים אויף שטענדיק געשלאָסן די טירן פֿון די ליבעראַלע און פּראָגרע־סיווע פֿאַרזאַמלונגען. זיין ענטפֿער אויף די אָנפֿאַלן אויף אים פֿון די ליבע־ראַלן האָט ער געגעבן אין אַ צווייטער לעקציע, וועלכע ער האָט שפּעטער אָפּגעדרוקט אין אַ בראָשור אונטערן טיטל „מאַכט און רעכט". דאָרט שרייבט ער צווישן אַנדערס: „אין מיין בראָשור וועגן דעם „עיקר פֿון קאָנסטיטוציע",

האָב איך זיך געשטעלט דעם ציל צו דערקלערן ניט דאָס, וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין, נאָר דאָס וואָס עס איז, ווירקלעך פּאַראַן. די בראָשור איז ניט א מאָראַלישער טראַקטאַט, נאָר א היסטאָרישע פאָרשונג".

דיביידע לעקציעס האָבן צוגעצויגן צו לאַסאַלן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער.

די דריטע בארימטע לעקציע האָט לאַסאַל געהאַלטן אין בערלין, דעם 12טן אַפּריל, 1862, אויף א פאַרזאַמלונג פון די פאַראיינען פון די בערלינער באַלמעלאָכעס. די טעמע פון דער לעקציע איז געווען: „וועגן דער באַזונדערער פאַרבינדונג פון דעם איצטיקן היסטאָרישן פעריאָד מיט דער אידעע פון דעם אַרבעטער שטאַנד". אויך די דאָזיקע לעקציע האָט ער באַלד אַרויסגעגעבן אין א באַזונדערער בראָשור אונטער דעם טיטל „די אַרבעטער פּראָגראַם". דאָרט אַנאַליזירט ער די לאַגע פון דעם אַרבעטער קלאַס אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. ער באַווייזט ווי אַזוי דער פּראָגרעס פון דער טעכניק און די איינפירונג פון נייע מאַשינען האָבן געהאָלפן און העלפן דעם וווּקס פון דעם אַרבעטער קלאַס און ער ווייזט אָן דעם וועג, אויף וועלכן די אַרבעטער מאַסן דאַרפן גיין, כדי צו קענען אויף דעם צוועקמעסיקסטן אופן דערגרייכן זייערע צילן (די איינפירונג פון אַלגעמיינער, גלייכער און געהיימער וואַל־רעכט, די אָפּשאַפונג פון אַלע פּריווילעגיעס און פולע גלייכבארעכטיקונג פאַר אַלעמען און „דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן זאָל זיין געבויט אויפן פונדאַמענט פון סאָלידאַריטעט, פון געמיינשאַפט און קעגנזייטיקייט אין איר אַנטוויקלונג"). דאָס אַלגעמיינע, גלייכע און געהיימע וואַל־רעכט, זאָגט ער, דאַרף דאָס פאָלק באַטראַכטן ווי זיין אומפאַרמיידלעכן פּאָליטישן קאַמפּס־מיטל, ווי די פונדאַמענטאַלסטע און וויכטיקסטע פאָדערונג זיינע. ער פאָדערט „די דערציאונג און די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין צו פרייהייט, די פולשטענדיקסטע אַנטוויקלונג פון דער קולטור, אויף וועלכער די מענטשהייט איז נאָר פעאיק". ער פאָדערט די אָפּשאַפונג פון די אומדירעקטע שטייערן, וועלכע פאַלן ווי א שווערע לאַסט אויף די פּלייצעס פון דעם אָרעמען פאָלק. דער אַרבעטער קלאַס שטרעבט אָפּצושאַפן די אַלע באַגרענעצונגען. א דאַנק דעם געפינען זיך די אַרבעטער אין א גליקלעכער לאַגע. דאָס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר זייער אמתער אינטערעס, פאַלט צוזאַמען מיט דעם לעבנס־פּרינציפּ, וואָס באַוועגט די מאָראַלישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. די אַרבעטער דאַרפן דורכגעדרונגען ווערן מיט אָט־דעם געדאַנק.

„איר זייט יענער פעלז — האָט לאַסאַל, ווענדענדיק זיך צו די אַרבעטער, אויסגערופן, — אויף וועלכן עס וועט אויפגעבויט ווערן דער טעמפּל פון דער מאָדערנער מענטשהייט!"

די דאָזיקע רעדע לאַסאַלס האָט געמאַכט א געוואַלדיקן איינדרוק.

לאַסאַלס בראַשור „די אַרבעטער פּראָגראַם", איז אין משך פֿון פֿיל צענדליקער יאָרן אין גאַנץ אייראָפּע און באַזונדערס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און דער דייטשער שווייץ באַטראַכט געוואָרן ווי דער „שיר השי־רים" פֿון סאָציאַליסטישן אַרבעטער קלאַס, ווי איינער פֿון לאַסאַלס ביאָ־גראַפֿן דריקט זיך אויס. אָט די בראַשור איז געווען דער אינהאַלט פֿון זיינער אַ באַרימטע רעדע.

פֿאַר דער דאָזיקער רעדע איז לאַסאַל אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט. די באַשולדיקונג קעגן אים איז געווען, אַז ער האָט גערופֿן די אַרבעטער צו אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, וואָס דאָס איז געווען ניט אמת. דעם 16טן יאַ־נואַר, 1863, האָט לאַסאַל אין געריכט געהאַלטן זיין גלענצנדע פֿאַרטיידי־קונגס־רעדע, וועלכע איז שפּעטער אויך אַרויס אין אַ באַזונדערער בראַשור אונטערן טיטל — „די וויסנשאַפֿט און די אַרבעטער". אין געריכט האָבן בעתן פּראָצעס זיך אָפּגעשפּילט אַ רייע שטורמישע סצענעס. אָבער די טירן פֿון געריכט האָבן די ריכטער ניט געוואָגט צו שליסן. לאַסאַל איז פֿאַראור־טיילט געוואָרן צו דריי מאָנאַטן טורמע און צו באַצאָלן די קאָסטן פֿון פּראָצעס.

אין יענער צייט האָבן די ראַדיקאַלע אַרבעטער פֿון דייטשלאַנד געפּלאַ־נעוועט אויפֿצורופֿן אַן אַלדייטשן אַרבעטער קאָנגרעס. די ליבעראַלן אָדער פּראָגרעסיסטן האָבן געראַטן די אַרבעטער צוריקצוהאַלטן זיך פֿון וועלכע עס איז פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען. אַ טייל אַרבעטער האָבן זיך געווענדעט צו לאַסאַלן מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם. ווי אַן ענטפֿער אויף דעם האָט לאַסאַל זיי צוגעשיקט „אַן אָפֿענעם ענטפֿער צום צענטראַל קאָמיטעט אויף צוזאַמענרופֿן דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער קאָנגרעס אין לייפּציג". אין דעם דאָזיקן ענטפֿער אַטאַקירט לאַסאַל ווידער זייער שטאַרק די טעטיקייט פֿון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי און ער אַנטוויקלט דאָרט ווייטער זיינע געדאַנקען און אָנשויאונגען, וואָס אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ניט־וויסנשאַפֿטלעך און ניט פּראַקטיש. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער אין דאָזיקן „אָפֿענעם ענט־פֿער" געשריבן אַז עס עקזיסטירט אַן „אייזערנעם געזעץ" פֿון אַרבעטסלוין, לויט וועלכן דער אַרבעטסלוין, דאָס הייסט די שכירות פֿון די אַרבעטער, קענען ניט שטייגן פֿיל העכער פֿון דעם, וואָס דער דורכשניטלעכער אַרבע־טער האָט נויטיק פֿאַר זיין איינפֿאַכער עקזיסטענץ.

ער איבערשאַצט דאָרט אויך זייער שטאַרק די ראָלע פֿון קאָאָפּעראַטיווע פֿאַבריקן, אויף וועלכע ער האָט געלייגט גאָר גרויסע האָפֿנונגען. די ליבע־ראַלן זיינען פֿאַר דער דאָזיקער בראַשור אויך שטאַרק אָנגעפֿאַלן אויף לאַסאַלן און ער איז, פֿאַרשטייט זיך, זיי ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער.

אין דער זעלבער צייט האָט לאַסאַל געפירט א גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיטן צוועק צוציציען צו דעם „אַלגעמיינעם דייטשן ארבעטער פאַראיין", וועלכן ער האָט געפּלאַנעוועט צו גרינדן, פאַרשידענע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט.

דעם 17טן און 19טן מאַי, 1863, איז אויף א צוזאַמענפאָר פון אַר־בעטער אין פראַנקפורט אַם מאַין באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם „אַלגע־מיינעם דייטשן אַ־בעטער פאַראיין", די ערשטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אייראָפּע, פון וועלכער לאַסאַל איז געוועזן דער פירער.

דעם 23טן מאַי, 1863, איז אין לייפּציג פאָרגעקומען די אָפיציעלע דער־רעפנונג פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשן ארבעטער פאַראיין". אין דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר האָבן אָנטייל גענומען 12 דעלעגאַטן, פאַרטרעטער פון די ארבעטער אָרגאַניזאַציעס פון עלף שטעט. אין די דעבאַטן האָבן זיך באַטייליקט, א חוץ לאַסאַלן, אויך א רייע פּראָמינענטע געסט, וועלכע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צום צוזאַמענפאָר. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערוויילן א פּרעזידענט פון דעם ניי־געגרינדעטן „פאַראיין", אָדער פּאַרטיי אויף א טערמין פון פינף יאָר צייט. און לאַסאַל איז דערוויילט גע־וואָרן אַלס פּרעזידענט מיט אַלע שטימען קעגן איינער. עס איז אויך באַ־שלאָסן געוואָרן צו דערוויילן א פאַרוואַלטונג אָדער אַן עקזעקוטיווע פון 24 מיטגלידער. 14 זיינען דערוויילט געוואָרן גלייך אויפן אָרט און די אי־בעריקע 10 פּלעצער זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר פאַרטרעטער פון די אַנדערע שטעט, וואָס וועלן שפּעטער זיך אָנשליסן אין דעם „פאַראיין".

דאָס אַלץ איז באַשלאָסן געוואָרן אויף א פאַרמאַכטער זיצונג. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען 600 ארבעטער און דאָ איז פייערלעך דערעפנט געוואָרן דער „אַלגעמיינער דייטשער ארבעטער פאַראיין".

אין 14 טעג אַרום, דעם 7טן יוני, 1863, האָט זיך אין פראַנקפורט אַם מאַין געעפנט דער קאָנגרעס פון די אַנדערע דייטשע פאַראיינען, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די ליבעראַלן. דאָרט זיינען 54 פאַראיינען געווען פאַרטראָטן דורך 110 דעלעגאַטן. די בירגערלעכע צייטונגען האָבן עס דעריבער אויסגענוצט חוזק צו מאַכן פון לאַסאַלס „טויט־געבאָרענעם קינד". די מיטגלידער פון „פאַראיין" האָבן ניט געקענט מיט זייערע אייגענע מיטלען אויסהאַלטן די אָרגאַניזאַציע, ארויסשיקן רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרן אין אַנדערע שטעט. די אָרגאַניזירער פון דעם „אַלגעמיי־נעם דייטשן ארבעטער פאַראיין" האָבן געהאָפט, אַז לאַסאַל אַליין וועט פינאַנ־סירן די אָרגאַניזאַציע. אָבער לאַסאַל האָט געפירט א ברייט לעבן און אַלץ וואָס ער פלעגט באַקומען פון דער גרעפין האַטצפעלד פלעגט ער אויסגעבן פאַר זיינע פּערזענלעכע הוצאות. דעם „פאַראיין" האָט ער ניט געקענט

העלפֿן. אייניקע מיטגלידער פֿון „פֿאראיין״ האָבן געמורמלט, אַז לאַסאַל איז זייער „קאַרג״. דאָס איז געווען ניט אמת. לאַסאַל האָט טאַקע געלעבט ווי אַ בורזשואַזער אַריסטאָקראַט, הגם ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג. מיט געלט האָט ער זייער ווייניק געהאָלפֿן דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פֿאַראיין״, אָבער ער האָט זייער ענערגיש געאַרבעט צוצוציען צו דער נייער אָרגאַניזאַציע באַרימטע פּערזענלעכקייטן. ער האָט געפֿירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ סך אַלטע דעמאָקראַטן פֿון 1848טן יאָר און האָט זיך שטאַרק באַמיט זיי צו איבערצייגן, אַז זיי זאָלן צושטיין צום „פֿאַראיין״. צווישן די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פֿאַראיין״ זיינען געווען דער דייטשער דיכטער געאָרג הערוועג און מאָזעס העס, איינער פֿון די ערשטע קעמפֿער פֿאַר סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד און דער פֿאָטער פֿון ציוניסטישן סאָציאַליזם.

5

דעם 26טן, 27טן און 28טן סעפּטעמבער, 1863, איז לאַסאַל אַרויסגע־טראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען אין באַרמען, אין זאָלינגען און אין דיסעלדאָרף מיט אַ פּאָליטישער רעדע. צוגרייטנדיק די דאָזיקע רעדע אין דיסעלדאָרף, האָט ער באַמערקט צו זיין פֿריינט גוסטאַוו לעווי: „דאָס וואָס איך שרייב דאָ, שרייב איך נאָר פֿאַר צוויי־דריי הערן אין בערלין״. געמיינט האָט ער פֿאַר דעם הויפּט־מיניסטער ביסמאַרקן און פֿאַרן פּרייסישן קעניג. אָבער פֿון דעם האָט מען זיך דערוווּסט ערשט מיט פֿיל יאָרן שפּעטער.

„נאָר נעמענדיק דאָס אין אַכט, שרייבט עדואַרד בערנשטיין, קען מען ווי נעהעריק פֿאַרשטיין אָט די רעדע און זי ריכטיק אָפּשאַצן״.

די גאַנצע רעדע איז פֿון אָנהויב ביזן סוף אַ פֿייערדיקע אַטאַקע אויף דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. די פּראָגרעסיווע פּרעסע איז ווירקלעך לאַסאַלן דערגאַנגען די יאָרן. זי האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט באַקעמפֿן זיינע אַנשוי־אונגען און זיין טעטיקייט. זי האָט אים פּערזענלעך שטאַרק אָנגעגריפֿן. זי האָט אים געשילדערט ווי אַ האַלב־געבילדעטן מענטשן און ווי אַ פּאָלי־טישן אַוואַנטיוריסט. זי האָט אַפֿילו אים פֿאַרדעכטיקט, אַז ער איז אַ גע־היימער אַגענט פֿון דער רעגירונג. און דאָס האָט לאַסאַלן שטאַרק דערצאָרנט.

לאַסאַל האָט שוין דעמאָלט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אויסצו־נוצן פֿאַר זיינע צוועקן דעם קאַמף צווישן דער רעגירונג, דאָס הייסט, צווי־שן די קאָנסערוואַטאָרן מיט דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. לאַסאַל האָט, אמת, סוף כל סוף זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר שטיצן די פּראָגרעסיווע קאַנדי־

דאַטן אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, וואָס זיינען דעמאָלט נאָר וואָס באַשטימט געוואָרן. אין די וואַל־קרייזן, ווו עס וועט אויסקומען אויסצו־קלייבן צווישן אַ קאַנדידאַט פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי און אַ רעגי־רונגס־קאַנדידאַט, האָט לאַסאַל רעקאָמענדירט צו שטימען פאַר דעם פּראָ־גרעסיוון קאַנדידאַט. אָבער אַזוי ווי דער „אַלגעמיינער דייטשער אַרבעטער פאַראיין" איז דעמאָלט נאָך געווען זייער שוואַך, האָט לאַסאַלס עצה ניט געהאַט קיין שום פּראַקטישן ווערט. דערפאַר אָבער האָבן זיינע אַטאַקעס אויף דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי פיל געהאָלפן דער רעגירונג.

„עס קען קיין צווייפל ניט זיין, שרייבט בערנשטיין, אַז לאַסאַלן האָט זיך אַפילו ניט געחלומט צו פאַרבינדן זיך אויף אַ וועלכן עס איז אופן מיט דער רעגירונג. נאָר ריין־טאַקטישע פּאָליטישע מאָטיוון האָבן אים געטריבן צו האַלטן אַזוינע רעדעס, וואָס האָבן, ווי זיסע מוזיק געמוזט לאַסטשען דעם אויער פון דער בערלינער רעגירונג".

לאַסאַל, זאָגט בערנשטיין, האָט אָנגעהויבן אַ ריזיקאַלישן שפּיל. אמת, ער האָט ניט גענומען אויף זיך קיינע פאַרפליכטונגען, אָבער אין זיינע רעדעס איז ער אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט אויפגעדעקט פאַר אַנדערע זיינע שוואַכע זייטן און די שוואַכע זייטן פון זיין פּאַרטיי. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס די בערלינער אַרבעטער האָבן אָפּגעבראָכן לאַסאַלס פאַרזאַמלונגען און זיינען געווען פיינדלעך צו אים.

ווי אַ פירער פון אַ פּאַרטיי, וואָס האַלט זיך ערשט אין בויען, זאָגט בערנשטיין, האָט לאַסאַל זיך באַדאַרפט רעכענען מיט די פּאָליטישע געפילן פון די מאַסן, וועלכע ער האָט געזוכט צו געווינען און מיט זייער פּאָליטי־שער דערציאונג. אָבער וועגן דעם האָט לאַסאַל ניט געטראַכט. ער האָט ניט געהאַט גענוג געדולד צו בויען די פּאַרטיי דורך לאַנגזאַמער אַרבעט. ער האָט זיך אויך מודה געווען פאַר דער גרעפין האַטצפעלד, אַז ער פילט זיך צו־גרוים פאַר אַזאַ קליינער אַרבעט אין די אינטערעסן פון דעם „פאַר־איין". ער האָט געוואָלט דערשלאָגן זיך דערפאָלג דורך אַ שנעלן ריזיקאַ־לישן שפּיל. אויף דער פאַרזאַמלונג אין זאָלינגען, ווו לאַסאַל האָט גערעדט, זיינען אָנוועזנד געווען עטלעכע טויזנט מענטשן. די פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ שטורמישע. עס איז געקומען צו אַ בלוטיקן געשלעג צווישן לאַסאַלס אָנהענגער און קעגנער. לאַסאַל האָט געהאַלטן אין מיטן פון זיין רעדע, ווען אַ זשאַנדאַרם האָט דערקלערט, אַז די פאַרזאַמלונג איז גע־שלאָסן. לאַסאַל האָט פּראָטעסטירט. אין פינף מינוט אַרום נאָכדעם איז געקומען דער בירגערמייסטער פון שטאָט אין דער באַגלייטונג פון באַוואָ־פנטע זשאַנדאַרן און פּאָליציסטן און ער האָט געצוווּנגען צו שליסן די פאַרזאַמלונג. אין דער באַגלייטונג פון אַ ריזיקן עולם איז לאַסאַל אַוועק

צו דער טעלעגראַף סטאַנציע און האָט אוועקגעשיקט דעם מיניסטער־פּרע־זידענט פאָן ביסמאַרקן די פאָלגנדע טעלעגראַמע:

„דער פּראָגרעסיווער בירגעמייסטער, אין דער באַגלייטונג פון צען באוואָפנטע מיט ביקסן זשאַנדאַרן און פּאָליציסטן מיט הוילע שווערדן, האָט נאָר וואָס, אָן א וועלכן עס איז געזעצלעכן גרונד, אויפגעלייזט א פאַרזאַמלונג, וואָס איך האָב אַדרעסירט. איך האָב אומזיסט פּראָטעסטירט פאַררופנדיק זיך אויפן געזעץ וועגן פאַראייננען. איך האָב קוים צוריקגע־האַלטן פון גוואַלדטאָטן אַן עולם פון 5 טויזנט מענטשן, וואָס זיינען גע־ווען אין גרויסן זאַל און עטלעכע טויזנט, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסן. מיך האָבן צו דער טעלעגראַף־סטאַנציע באַגלייט זשאַנדאַרן און אַן עולם פון צען טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז איך בין אַרעסטירט. די פאָן פון די עלבערוועלדער אַרבעטער איז קאָנפיסקירט געוואָרן. איך בעט וועגן א שטרענגסטער און שנעלסטער באַפרידיקונג.

פערדינאַנד לאַסאַל".

„עס איז שווער צו גלויבן, אַז לאַסאַל אַליין האָט זיך באמת צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע טעלעגראַמע, שרייבט בערנשטיין. וואָס גייט־אָן דעם מיניסטער־פּרעזידענט ביסמאַרקן די פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט פון בירגע־מייסטער? און וואָס פאַר א שייכות האָט די דאָזיקע געשעעניש צום מי־ניסטער־פּרעזידענט? און וואָס פאַרא „שטרענגסטע" און „שנעלסטע" באַ־פרידיקונג פאָדערט ער פון אים!" קיין גרעסערע טאַקטלאָזיקייט, זאָגט בערנשטיין, קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן. קיין ווונדער ניט, וואָס לאַסאַלס קעגנער האָבן דורך דעם אַלעמען פון זיין אייגענער האַנט באַ־קומען אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט לאַסאַלן אין די אויגן פון די דעמאָקראַטישע מאַסן אַלס א פאַרבינדעטן פון דער רעגירונג. לאַסאַל האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס דער עולם וועט וועגן דעם דענקען און ער האָט אויך געוווּסט, אַז ביסמאַרק קען זיך ניט אַריינמישן אין אַזוינע ענינים. אָבער ער האָט געהאַט אין זינען עטוואָס אַנדערש. פאַר אים איז דאָס געווען א געלעגנהייט צו שיקן צו ביסמאַרקן די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן און וואָס איז דערשינען אין דער „דיסעלדאָרפער צייטונג" און דעם באַריכט וועגן דעם גרויסן עולם, וואָס איז אים געקומען הערן און וואָס האָט אים באַגלייט צו דער געביידע פון טעלעגראַף. ער האָט געוואָלט דורך דעם שאַפן דעם איינדרוק אויף ביסמאַרקן, אַז ווייניקסטנס אין רהיינלאַנד פאַרמאָגט לאַסאַל שוין איצט א גרויסע צאָל אָנהענגער.

פון דיסעלדאָרף איז לאַסאַל צוריקגעקומען קיין בערלין. „די פּראָגרע־סיסטן, — האָט ער געשריבן צו זיינעם א פריינד, — זיינען דאָ נאָך צו שטאַרק, אָבער בערלין מוז געהערן מיר, איידער עס וועלן פאַראיבער זעקס מאָנאַטן! איך וועלן דורכפירן א באַלאַגערונג פון בערלין". ער האָט

אָפּגעדרוקט אין 16 טויזנט עקזעמפּלאַרן אַ בראָשור אונטערן טיטל: „צו די בערלינער אַרבעטער, אַ ווענדונג פֿון דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פֿאַראיין". אין דער דאָזיקער בראָשור האָט ער שאַרף אַטאַקירטביידע פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע צייטונגען פֿון בערלין — די „פֿאָלקס־צייטונג" און די „רעפֿאָרמאַ", וועלכע האָבן געדרוקט, לויט זיין מיינונג, פֿאַלשע באַריכטן וועגן זיינע פֿאַרזאַמלונגען אין רהיינלאַנד. לאַסאַל האָט שוין באַוויזן צו פֿאַרשפּרייטן אַרום 13 טויזנט עקזעמפּלאַרן פֿון זיין בראָשור, ווען די פּאָליציי האָט קאָנפֿיסקירט די פֿאַרבליבענע עקזעמפּלאַרן און אים ווידער אַ מאָל אָנגעקלאָגט אין געריכט אויף דער באַשולדיקונג אין מלוכה פֿאַרראַט און אין באַליידיקן דעם קעניג און די מיניסטאָרן.

אויף די בערלינער אַרבעטער האָט לאַסאַלס בראָשור געמאַכט פּונקט אַ פֿאַרקערטן איינדרוק, ווי ער האָט דערוואַרטעט. אַ סך פֿון זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען זיין בראָשור אַפֿילו אומזיסט. צו זיינע פֿאַרזאַמלונגען אין בערלין פֿלעגט, אמת, קומען אַן עולם, אָבער דאָס זיינען מערסטנס געווען פּראָגרעסיסטן, וואָס פֿלעגן קומען אַרונטעררייסן די פֿאַרזאַמלונג. אין פֿעברואַר, 1864, איז די צאָל מיטגלידער פֿון דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פֿאַראיין" אין בערלין אַרונטערגעפֿאַלן ביז 35. פֿון לאַסאַלס פּלאַן צו „נעמען בערלין מיט שטורם", האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט.

גלייכצייטיק מיט זיינע אַטאַקעס אויף די דעמאָקראַטישע פּראָגרעסיסטן אין בערלין, האָט לאַסאַל אָנגעהויבן אין ווינטער פֿון 1864-1863 געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיטן פּרייסישן מיניסטער פֿאָן ביסמאַרק, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי דער „אייזערנער קאַנצלער" פֿון דער פֿאַראייניקטער דייטשלאַנד. לאַסאַל האָט געהאַט בדעה צו פֿאַראינטערעסירן ביסמאַרקן, אַז אין פּרייסן זאָל איינגעפֿירט ווערן אַלגעמיינע, גלייכע וואַלרעכט, וואָס איז אויך אין די אינטערעסן פֿון דער מאָנאַרכיע.

מיט פֿילע יאָרן שפּעטער האָט די גרעפֿין האַטצפֿעלד דערציילט, אַז דער פֿאַרמיטלער צווישן לאַסאַלן און ביסמאַרקן איז געווען אַ פּרייסישער פּרינץ, וועלכער האָט געלעבט אין רהיינלאַנד. אָבער ביסמאַרק אַליין האָט אויף אַ זיצונג פֿון דייטשן רייכסטאַג, דעם 17טן סעפּטעמבער, 1878, דאָס געלייקנט. ער האָט אויך געלייקנט אַ צווייטע באַהויפּטונג פֿון דער גרעפֿין האַטצפֿעלד, אַז ער האָט זיך אָפֿט געטראָפֿן מיט לאַסאַלען. שפּעטער אָבער האָט ביסמאַרק מודה געווען, אַז ער האָט ניט איינמאָל זיך געטראָפֿן מיט לאַסאַלן און האָט שטענדיק לאַנג מיט אים געשמועסט. דעם גאַנצן אמת וועגן די באַציונגען צווישן לאַסאַלן און ביסמאַרקן האָט מען זיך דערוווּסט ערשט מיט אַ 90 יאָר שפּעטער.

אין 1954 האָט האַנס הירשעל, אַ זון פֿון לאַסאַלס אַ פֿלימעניק, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג „נויע פֿאָרווערטס" אַן אַרטיקל וועגן לאַסאַלס באַציונגען מיט ביסמאַרקן. ער האָט דערציילט ווי אַזוי לאַסאַל איז באַקאַנט געוואָרן מיט ביסמאַרקן. אין זיין „טאָג־בוך" דערמאָנט דער יונגער לאַסאַל אָפֿט זיין פֿעטער באַרשאַל. פֿעטער באַרשאַלס זון, לודוויג באַרשאַל, לאַסאַלס אַ קוזין, האָט געהייראַט מיט מאַריאַ פֿראַנציסקאַ פֿאָן פוטקאַמער־וועריין. זי איז געווען אַ לייבלעכע קוזינע פֿון יאָהאַנאַ פֿאָן ביסמאַרק, ביסמאַרקס פֿרוי. לודוויג באַרשאַל איז געווען דער דירעקטאָר פֿון אַ שטראָף־אַנשטאַלט אין בראַנדענבורג און אַ קאָנסערוואַטיווער דעפּוטאַט פֿון דער פּרייסישער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען אין בראַנדענבורג. ביסמאַרק, וועלכער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין מיניסטער, האָט זיך באַמיט דערוויילט צו ווערן ווי אַ דעפּוטאַט אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג. האָט ער אַ געוויסע צייט געוווינט אין בראַנדענבורג, ביי „לודוויגן און פֿראַנציסקאַן". אין באַרשאַלס הויז האָבן זיך ביסמאַרק און לאַסאַל צום ערשטן מאָל געטראָפֿן ווי נאָענטע קרובים פֿון דער פֿאַמיליע. ביסמאַרק איז דעמאָלט געווען אַזאַ פֿאַרברענטער רעאַקציאָנער, אַז די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי פֿון זיין וואַל־קרייז האָט אין 1849 ניט געלאָזט אים אַרויסשטעלן ווי איר קאַנדידאַט אין די וואַלן צו דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג. ער איז דעריבער אוועקגעפֿאָרן קיין בראַנדערבורג, האָט דאָרט אַרויפֿגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור און איז מיט באַרשאַלס אונטערשטיצונג דערוויילט געוואָרן. לאַסאַל האָט דעמאָלט געהאַט וועגן ביסמאַרקן אַ זייער ניט געהויבענע מיינונג. דאַקעגן האָט לאַסאַל שוין דעמאָלט געמאַכט אַן איינדרוק אויף ביסמאַרקן.

ווי האַנס הירשעל דערציילט, האָט מיט יאָרן שפּעטער לאַסאַל, אויף ביסמאַרקס פֿאַרלאַנג, אים געהאַט צוגעשטעלט אַ גרויסן פּאָליטישן מעמאָראַנדום, וואָס איז געווען באַזירט אויף אַ גרינטלעכער אָפּשאַצונג פֿון דער פּאָליטישער לאַגע און די מעגלעכע רעפֿאָרמס, וואָס קענען און דאַרפֿן דורכגעפֿירט ווערן, כדי צו ברענגען צו אַ פֿאַראייניקטער דייטשלאַנד. דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום האָט מען ניט געפֿונען אין ביסמאַרקס אַרכיוון. הירשעל איז מיט דער מיינונג, אַז ביסמאַרק האָט זיך באַנוצט מיט אַ סך פֿון לאַסאַלס רעקאָמענדאַציעס, אָבער דעם מאַטעריאַל האָט ער פֿאַרניכטעט.

ווען ביסמאַרק איז אין 1862 געוואָרן מיניסטער־פּרעזידענט פֿון פּרייסן, האָט לאַסאַל, וועלכער האָט אים געקאָנט נאָך פֿון די אַמאָליקע יאָרן, אים באַצייכנט ווי אַ „דורכויס רעאַקציאָנערן יונג און יונקער". אָבער שוין אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט לאַסאַל באַשלאָסן ביי זיך, אַז עס איז ווערט צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט צו זיך פֿון אָט דעם הויפּט פֿון דעם פּרייסישן

מיליטאַריסטישן יונקער שטאַט. אין זיין צווייטער רעדע וועגן קאָנסטיטוציע, וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטן דעם 19טן נאָוועמבער, 1862, האָט ער דערקלערט, אַז דער מיניסטער פּרעזידענט, וועלכער איז „אַ טיפער, פיינער קענער פון דעם עיקר פון קאָנסטיטוציע", שטייט אינגאַנצן אויפן באָדן פון זיין, לאַסאַלס טעאָריע און אַז ער ווייסט אויסגעצייכנט, ווי אַזוי די „ווירקלעכע קאָנסטיטוציע פון אַ לאַנד באַשטייט ניט אין דעם פּאַפּיר, אויף וועלכן זי איז געשריבן, נאָר אין די פאַקטישע מאַכט־פאַרהעלטענישן און נאָר דאָס באַשטימט די פּראַקטיק פון מלוכה־רעכט".

אין דער בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג „אונזער שטימע" פון 1954, האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שריפטשטעלער, וו. ג. אַשילעווסקי, אויף דעם גרונט פון די אַלטע דאָקומענטן וועגן די באַציונגען צווישן לאַסאַלן און ביסמאַרקן, וואָס זיינען פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דייטשלאַנד, פעסטגעשטעלט, אַז ביסמאַרק האָט דעם 11טן מאַי. 1863, איינגעלאַדן לאַסאַלן אָפּצושטאַטן אים אַ וויזיט צו אינפאָרמירן אים וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטנדע קלאַסן. אַשילעווסקי שרייבט, אַז עס איז מעגלעך, אַז די איניציאַטיווע איז געקומען ניט פון ביסמאַרקן, נאָר פון לאַסאַלן און אַז די גרעפין האַטצפעלד האָט באַאיינפלוסט לאַסאַלן, אַז ער זאָל זיך טרעפן מיט ביסמאַרקן. די גרעפין האָט אים אין אַ בריוו געשריבן, אַז זי גלויבט, אַז „מיט דעם מיניסטער־פּרעזידענט קען מען פירן פּאָליטישע געשעפטן פון גרויסן פאַרנעם". עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דער האַס צו דער בורזשואַזיע האָט זיי ביידן, לאַסאַלן און ביסמאַרקן, צונויפגעפירט. ביידע האָבן אויך געהאַסט די דייטשע ליבעראַלן, הגם, צוליב גאַנץ פאַרשיידענע מאָטיוון. לאַסאַל, וועלכער האָט זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער קלאַס אין אַ זעלבסטשטענדיקער פּאַרטיי, האָט געפאָדערט, אַז דער אַרבעטער קלאַס זאָל זיך באַפרייען פון דעם איינפלוס פון דעם בירגערלעכן ליבעראַליזם. ביסמאַרק, דער געטרייער דינער פון דעם קעניגלעכן הויף, דער פאָרשטייער פון דער העכערער ביוראָקראַטיע, פון דער מיליטאַריסטישער קאַסטע און פון די גרויסע גוטבאַזיצער האָט געזען אַ געפאַר אין דעם וואַקסנדן איינפלוס פון די פּראָגרעסיווע ליבעראַלן. האָבן ביידע פּאָליטיקער, לאַסאַל און ביסמאַרק, זיך פאַראייניקט אין דעם ווילן צו ברעכן די מאַכט פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי.

ווי אָפט לאַסאַל האָט באַזוכט ביסמאַרקן ווייסט מען ניט. אָבער פון די בריוו, וואָס מען האָט געפונען אין ביסמאַרקס אַרכיוו, קען מען זיך אנשטויסן, אַז ניט ווייניקער ווי אַ צען מאָל. פון די בריוו קען מען זען,

אז זיי האָבן דיסקוטירט ניט נאָר פּאָליטיק אין אַלגעמיין, נאָר אויך די באַציונג פון די ארבעטער צו דעם קאָנסערוואַטיוון שטאַט; די פראַגע וועגן שטייערן־רעפאָרם, וועגן אַלגעמיינעם, גלייכן און דירעקטן וואַל־רעכט; וועגן קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן און דעם פּרינציפּ פון מלוכה־הילף פאַר זיי און אַנדערע פראַגן.

לאַסאַל האָט געגלויבט, אַז ער קען דורך דיפּלאָמאַטישע מיטלען דערגרייכן רעוואָלוציאָנערע צילן.

אז לאַסאַל האָט אויף ביסמארקן אין די אַלע געשפרעכן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן איינדרוק, קען מען זען פון דעם, וואָס ביס־מארק האָט דעם 16טן סעפּטעמבער, 1878, געזאָגט וועגן אים אין זיין רעדע אין רייכסטאַג.

„וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ביסמארק געזאָגט, איז געווען עטוואָס, וואָס האָט מיך ווי אַ פּריוואַט־מענטש אויסערגעוויינלעך צוגעצויגן צו אים. ער איז געווען איינער פון די גייסטרייכסטע און ליבנסווירדיקסטע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך ווען געטראָפן. לאַסאַל איז געווען אַן ענערגישער און גייסטרייכער מענטש, מיט וועמען עס איז געווען זייער אַנגענעם צו שמועסן. אונדזערע געשפרעכן האָבן געדויערט שעהן לאַנג און איך האָב שטענדיק באַדויערט ווען זיי פלעגן זיך ענדיקן. איך באַדויער, וואָס זיין פּאָליטישע שטעלונג און מיינע האָבן מיר ניט געגעבן די געלעגנהייט אָפטער צו טרעפן זיך מיט אים. אָבער איך וואָלט זיך שטאַרק געפרייט צו האָבן אַן ענלעכן מאַן פון זיין באַגאַבטקייט און גייסטיקער נאַטור פאַר אַ גוטן שכן".

ווען לאַסאַלס לעצטע געליבטע, פרײַלין העלענע פאָן דעניגעס, האָט אין 1864 געפרעגט ביי לאַסאַלן, צי עס איז אמת, אַז ער האָט זיך גע־טראָפן מיט ביסמארקן, האָט לאַסאַל איר געענטפערט: „יאָ, איך האָב זיך געטראָפן מיט ביסמארקן. דער „אייזערנער מאַן" האָט מיך געוואָלט אַריבערגעווינען אויף זיין זייט... אָבער עס איז קיין זאַך ניט געשען און האָט ניט געקענט געשען. מיר זיינען ביידע געווען צו קלוג. יעדער האָט געזען די קלוגשאַפט פון דעם צווייטן. די זאַך האָט זיך פּאָליטיש געקענט ענדיקן מיט דעם, וואָס מיר וואָלטן איינע די אַנדערע אויסגע־לאַכט אין פּנים אַריין. מיר זיינען געווען צו גוט דערצויגן פאַר דעם. האָט זיך עס געענדיקט מיט וויזיטן און אינטעלעקטועלע געשפרעכן".

לאַסאַל איז געווען צו שטאָלץ ביי זיך צוצוגעבן אַ נידערלאַגע.

.6

אָנהייב מאַי, 1864, האָט לאַסאַל פאַרלאָזן בערלין. ער האָט זיך געקליבן באַזוכן די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַר־בעטער פאַראיין" און דערנאָך פאָרן אין קור־אָרט עמס היילן זיך.

דעם 8טן מאַי איז ער געקומען קיין לייפּציג און דאָרט האָט ער אין אָוונט געהאַלטן אַ באַגריסונגס־רעדע צו די מיטגלידער פון „פאַראיין". אויף מאָרגן האָט ער געהאַט אַן עפנטלעכע לעקציע פאַר אַ ברייטערן עולם. דעם 12טן מאַי איז ער שוין געווען אין דיסעלדאָרף. דאָרט האָבן אים באַגריסט די מוזיקאַלישע געזעלשאַפטן. די פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַ־שטימט געוואָרן אויפן 13טן מאַי, האָט ניט געקענט אָפּגעהאַלטן ווערן, מחמת דער באַלעבאָס פון דעם זאַל, וווּ די פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאָרקומען, האָט אין דער לעצטער מינוט זיך אָנטזאָגט צו געבן דעם זאַל פאַר דעם צוועק. דעם 14טן מאַי האָט לאַסאַל גערעדט אין זאָלינגען, דעם 15טן — אין באַרמען, דעם 16טן — אין קעלן, דעם 18טן, אין ווערמעלסקירכען און דעם 22טן מאַי, אין ראָנסדאָרף. אין די אַלע שטעט האָט מען לאַסאַלן באַגעגנט מיט שטורמישע אָוואַציעס. פון רהיינלאַנד איז לאַסאַל פריער אַוועקגעפאָרן קיין עמס קורירן זיך. ער האָט שטאַרק געליטן פון אַ פאַרעלטערטן קאַפּוויטאַק. נאָך דעם ווי ער פלעגט האַלטן עפנטלעכע רעדעס, פלעגט ער זיך ווידער פילן קראַנק.

דעם 27סטן יוני איז אין דיסלדאָרפער אַפּעלאַציע־געריכט פאָרגעקומען לאַסאַלס פּראָצעס פאַר דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט אייניקע מאָנאַטן פריער און פאַר וועלכער ער איז אין אַ נידעריקסטן געריכט פאַראורטיילט געוואָרן אונטער די אויגן צו אַ יאָר טורמע. אין דיסעלדאָר־פער אַפּעלאַציע געריכט האָט לאַסאַל זיך אַליין פאַרטיידיקט אין אַ פיר שעהדיקער רעדע. די גאַנצע רעדע זיינע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ בראָשור. דער אַפּעלאַציע־געריכט האָט אים אויך געפונען שולדיק, נאָר האָט פאַרקלענערט זיין שטראָף פון אַ יאָר טורמע אויף זעקס מאָנאַטן. אַזוי ווי ער איז שוין אין בערלין געווען פאַראורטיילט צו 4 מאָנאַטן טורמע, איז די נייע שטראָף פאַר אים געווען אַ שווערער קלאַפּ.

„איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַן, האָט ער געזאָגט דעם רעדאַקטאָר פון דער „דיסעלדאָרפער גאַזעט" — איך קען זיך מער ניט לאָזן איינ־שפּאַרן אין טורמע אויף אַ יאָר אָדער אַפילו אויף זעקס מאָנאַטן. איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן. איך וועל בעסער אַוועק אין גלות. מיינע נערוון זיינען אין גאַנצן דערשיטערט".

די גייסטיקע און פיזישע מידקייט, וואָס האָט אים באַהערשט, האָט אים אין יולי מאָנאַט געצוווּנגען צו פאָרן צום ים, אין ריגי־קאַלטבאַד, ווו ער פלעגט געוויינלעך יעדן זומער פאָרן באָדן זיך. פאָרן אַוועקפאָרן דעם 3טן יולי, האָט ער נאָך אין קעלן געהאַלטן אַ לעקציע פאַר די מיטגלידער פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין". דאָס איז געווען די לעצטע לעקציע אין זיין לעבן.

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז דאָ, אין ריגי־קאַלטבאַד, זאָל לאַסאַל זיך נאָך אַמאָל טרעפן מיט העלענאַ פאָן דעניגעס, די פריילין, צוליב וועלכער ער איז אין דריי מאָנאַטן אַרום אומגעקומען.

העלענאַ פאָן דעניגעס איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם בייערישן דיפּלאָמאַט. איר טאַטע איז געווען אַן איינפלוסרייכער ראַטגעבער פון דעם קעניג מאַקסימיליאַן און ער איז געווען באַוווּסט ווי אַ געפּער־לעבער פיינט פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. איר מאַמע איז געווען אַ זייער שיינע יידישע טאָכטער פון אַ רייכער פאַמיליע, וועלכע האָט אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, כדי צו קענען חתונה האָבן מיט פאָן דעניגעסן. די עלטערן האָבן העלענאַן שטאַרק צעבאַלעוועט פון קינדרווייז אָן. זי האָט זיך שנעל אַנטוויקלט פיזיש. צו צוועלף יאָר האָט זי שוין אויסגעזען ווי אַ צוואַנציק יאָריקע פריילין. זי איז געווען זייער אַ שיינע, אַ לעבעדיקע און טעמפּעראַמענטפולע. פון אירע יונגע חברטעס, די צפון־דייטשע מייד־לעך, האָט זי זיך פונקט אַזוי אונטערשיידט, ווי לאַסאַל האָט זיך אונטער־שיידט פון די מענער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. נאָך אין יאָר 1861, איז זי אין בערלין באַקאַנט געוואָרן מיט לאַסאַלן און ער האָט אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זי האָט זיך באַלד פאַרליבט אין אים און ער צו איר איז אויך ניט געבליבן גלייכגילטיק. געאָרג בראַנדעס, אין זיין בוך וועגן לאַסאַלן, האָט געשריבן, אַז ער ווייסט פון אַבסאָלוט זיכערע קוועלן, אַז נאָך אין בערלין פלעגן זיי זיך אין געהיים טרעפן אַ סך אָפּ־טער, ווי זי דערציילט אין אירע מעמואַרן.

ווען העלענאַ פאָן דעניגעס האָט זיך אין יולי, 1864 דערוווּסט, אַז לאַסאַל געפינט זיך אין ריגי־קאַלטבאַד, איז זי באַלד געקומען אַהין און דאָרט האָט זי זיך געטראָפן מיט לאַסאַלן. העלענאַ איז שוין דעמאָלט געווען פאַרקנסט צו דעם רומענישן אַריסטאָקראַט, יאַנקאָ פאָן ראַקאָווידאַ. לאַסאַל האָט זיך אין איר תיכף ווידער שטאַרק פאַרליבט.

העלענאַ האָט נאָך אין בערלין געזאָגט יאַנקאָ פאָן ראַקאָוויצן, אַז אויב לאַסאַל וועט וועלן חתונה האָבן מיט איר, וועט זי מיט אים גלייך חתונה האָבן.

דעם 28סטן יולי האָט לאַסאַל געשריבן צו דער גרעפין האַטצפעלד:

„אַך, ווי ווייניק איר קענט מיר אייגנטלעך! איך וויל קיין זאַך ניט אַזוי שטאַרק ווי ענדגילטיק באַפרייען זיך פון דער פּאָליטיק. צו קענען אָפּגעבן זיך דער וויסנשאַפט, אַנהאַלטן פריינטשאַפט און געניסן פון דער נאַטור. איך בין מיד פון פּאָליטיק, זי קריכט שוין מיר פון האַלדז. אמת, איך וואָלט ווידער אַמאָל אַנגעצונדן זיך מיט נאָך אַ גרעסערער לײדנשאַפט צו דער פּאָליטיק, ווען עס וואָלטן אָנגעקומען ערנסטע געשעענישן, אָדער ווען איך וואָלט באַקומען די מאַכט אָדער וואָלט געהאַט אין זינען אַ מיטל ווי אַזוי זי אַריינצוקריגן — אַזאַ מיטל, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר מיר. ווארים אָן אַ העכערער מאַכט קען מען גאָרניט אויפטאָן און פאַר קינדער־שפּיל בין איך שוין צו אַלט און צו גרויס. דערפאַר האָב איך אַזוי ניט גערן אָנגענומען דעם אמט פון פּרעזידענט (פון דעם „אַלגעמיי־נעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין”). איך האָב עס געטאָן נאָר דערפאַר, וואָס איר זייט צו מיר שטאַרק צוגעשטאַנען, און דערפאַר דריקט מיר די לאַגע איצט אַזוי שטאַרק. אַך, ווען איך וואָלט געקאָנט אָפּטשעפּן זיך פון דעם! אין דעם מאָמענט וואָלט איך גערן געפאָרן מיט אייך קיין נעאַפּאָל (אָבער ווי באַפרייט מען זיך?!)

„איך האָב מורא, אַז די געשעענישן וועלן זיך אַנטוויקלען לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם, און מיין לײדנשאַפטלעכע נאַטור קען ניט פאַרטראָגן אָט די קינדער־קראַנקהייטן און כראָנישע פּראָצעסן. פּאָליטיק פאַר מיר איז אַקטיווע טעטיקייט פאַר דער איצטיקער מינוט. אַלץ אַנדערס קען מען טאָן, פאַרבייגייענדיק אין די ראַמען פון וויסנשאַפט.

„אַך, ווען איך וואָלט געקענט אַלץ אַוועקוואַרפן!

„די שורות האָב איך שוין געהאַט אויפגעשריבן, ווען איך האָב באַקו־מען אַ בריוו פון העלענאַן. אַ העכסט ערנסטער בריוו! די לאַגע ווערט ערנסט, זייער ערנסט און דאָס פאַלט ווידער ווי אַ שווערע לאַסט אויף מיר. און אין דער זעלבער צייט קען איך שוין ניט צוריקטרעטן, אָבער איך פאַר־שטיי אויך ניט פאַר וואָס זאָל איך דאַרפן צוריקטרעטן! זי איז אַ פּרעכטיקע פרוי און לויט איר אינדיווידואַליטעט איז זי די איינציקע פרוי, וואָס פּאַסט דורכויס פאַר מיר. איר אַליין וואָלט עס אויך צוגעגעבן. די לאַגע איז זייער פאַרפּלאָנטערט. מיר נעמט ווידער אַרום אַ שטאַרקע ניינער, ווי אַזוי וועל איך דאָס אַלץ דערפירן ביזן סוף”.

לאַסאַלס אַ פריינד האָט אים געהאָלפן, אַז ער זאָל זיך אַריבער־קלייבן קיין זשענעווע, וווּ אין צוויי יאָר אַרום וועט ער שוין קענען ווערן

א שווייצארישער בירגער. לאסאל האָט גלייך צוגעשטימט צו דעם און דעם 11טן אויגוסט, 1864, איז ער אָועקגעפאָרן קיין זשענעווע.

העלענאָס עלטערן זיינען געווען דורכויס קעגן דעם, אַז זי זאָל הייראַטן מיט לאַסאַלן, ניט אַזוי צוליב זיין פּאָליטישן ראַדיקאַליזם, ווי צוליב זיין רעפּוטאַציע ווי אַ פרויען־יעגער, וועלכער ווערט אויסגעהאַלטן פון דער גרעפין האַטצפעלד. לאַסאַל צוזאַמען מיט העלענאַן האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אַ קאַמפּאַניע ווי אַזוי צו געווינען אויף זייער זייט אירע עלטערן. אָבער לאַסאַל האָט נאָך ניט באַוויזן קיין זאַך צו אונטערנעמען צו קענען אַריבערטרעטן די שוועל פון הער פאָן דעניגעס, ווי העלענאַ איז צוליב געוויסע אומשטענדן געווען געצוווּנגען צו דערציילן אירע עלטערן וועגן אירע באַציונגען מיט לאַסאַלן. העלענאָס פאָטער האָט תיכף דערקלערט, אַז ער וויל ניט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט לאַסאַלן און האָט גערעדט וועגן אים מיט אַ שרעקלעכן האַס. פון פאַרצווייפלונג איז העלענאַ אַנטלאָפן פון הויז צו לאַסאַלן און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי גיט איבער איר גורל אין זיינע הענט. אַנשטאָט צו אַנטלויפן מיט העלענאַן צו דער פראַנצויזישער גרענעץ און פון דאָרט זיך באַמיען צו קריגן פון אירע עלטערן אַ דערלויבעניש צו הייראַטן, האָט לאַסאַל אָוועקגעפירט העלענאַן צו אַ באַקאַנטער דאַמע און האָט איר דאָרט איבערגעגעבן צו איר מוטער. לאַסאַל איז געווען זיכער, אַז אַ דאַנק דעם צויבער פון זיין פּערזענלעכקייט, וועט ער לייכט קענען בייקומען די פאָרורטיילן פון אירע עלטערן. וועלנדיק באַוויזן זיך פאַר העלענאָס מוטער ווי אַ זייער גרויסמוטיקער מענטש, האָט ער באַפוילן העלענאַן, אַז זי זאָל זיך צוריקקערן אַהיים, ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט גיין. לאַסאַל האָט געוואָלט וויזן העלענאָס עלטערן זיין גרענעצלאָזע מאַכט איבער איר. אָבער דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז העלענאַ האָט גאָר אָנגעהויבן צו צווייפלען אין אירע אייגענע געפילן. די עלטערן אירע האָבן איר ניט אַרויסגעלאָזט פון הויז, ביז וואַנען עס איז געקומען יאַנקאָ פאָן ראַקאָוויצאַ, צו וועמען זי איז שוין פריער געווען פאַרלאָבט. איצט איז זי שוין געווען ענדגילטיק פאַרבונדן מיט אים.

לאַסאַל האָט איבערגעקערט וועלטן צו ווירקן אויף העלענאָס עלטערן, אַז זיי זאָלן געבן זייער צושטימונג, אַז זי זאָל הייראַטן מיט אים. דענקענדיק, אַז העלענאַ איז אַ קאַטאָליקין, האָט לאַסאַל אָוועקגעשיקט די גרעפין האַטצפעלד צום בישאָף קעטעלער פון מאַינץ, אַז זי זאָל אים דערמאָנען, ווי וואַרים לאַסאַל האָט אין איינער פון זיינע רעדעס זיך אָפּגערופן וועגן דעם בישאָפס סאָציאַלע שטרעבונגען און פאַראייניגונגס בעטן אים, אַז ער זאָל אויסאיבן אַ מאָראַלישן איינפלוס אויף העלענאָס

עלטערן. די גרעפין האָט אויך געזאָלט איבערגעבן דעם בישאָף, אַז לאַסאַל איז גרייט, כדי צו קענען הייראַטן מיט העלענאַן, אַנצונעמען דעם קאַטוילישן גלויבן. אָבער די ווענדונג צו בישאָף קעטעלערן איז געווען נוצלאָז, ווייל העלענאַ איז גאָר געווען אַ פּראָטעסטאַנטין.

דערווייל האָט לאַסאַל באַקומען אַ בריוו פון העלענאַן, אין וועלכן זי האָט אים געשריבן, אַז זי האָט שטאַרק חרטה אויף דעם, וואָס זי איז אַנטלאָפן פון הויז צו אים און אַז זי האָט ווידער שלום געמאַכט מיט איר חתן, דעם הער יאַנקאָ פאָן ראַקאָוויצאַ, זי האָט צוריקגעוואונען זיין ליבע און מחילה! זי זאָגט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּ פון לאַסאַלן און זי האָט פעסט באַשלאָסן „אַוועקגעבן איר ליבע און געטרייקייט צו איר באַשערטן חתן". זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרעפן זיך פּערזענלעך מיט לאַסאַלן. ווען דער מענטש, וועלכער איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן לאַסאַלן און העלענאַן, האָט לאַסאַלן איבערגעגעבן אירע ווערטער, איז לאַסאַל געוואָרן אַזוי ווילד פון כעס, אַז ער האָט העלענאַן אָנגערופן „פאַרדאָרבענע מויד" און ער האָט באַלד אַרויסגערופן אויף אַ דועל העלענאַס פאָטער און אויך איר חתן, יאַנקאָ ראַקאָוויצאַן. פאָן דעניגעס האָט פאַרלאָזן זשענעווע, אָבער יאַנקאָ ראַקוויצאַ האָט דעם אַרויסרוף אָנגענומען און דער דועל איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 28טן אויגוסט אין דערפרי.

.7

דעם 27טן אויגוסט, 1864, האָט לאַסאַל אָנגעשריבן אַ צוואה. אין איר האָט ער דעם סעקרעטאַר פונעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין", וועלכער איז געווען זייער איבערגעגעבן צו לאַסאַלן, איבערגעלאָזט אַ יערלעכע פּענסיע פון 150 טאַלער (עטלעכע טויזנט דאָלער אויף אונדזערע איצטיקע אַמעריקאַנער געלט). אַ הוץ דעם האָט ער אין פאַרלויף פון 5 יאָר צייט באַדאַרפט באַקומען יעדן יאָר פינף טויזנט טאַלער פאַר אַגיטאַציע-צוועקן. ווייטער איז אין דער צוואה געזאָגט געוואָרן „דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין" ראַט איך אויסצוקלייבן פאַר מיין נאָכפאָלגער דעם פראַנקפורטער באַפולמעכטיקן בערנהאַרד בעקער. זאָל דער „פאַראיין" פעסט באַשטיין אויף אָרגאַניזאַציע. זי וועט דערפירן דעם אַרבעטער שטאַנד צום זיג".

מיט אַ פאָר טעג פאַרן דועל האָט לאַסאַל אין דער לאַבי פון זיין האָטעל זיך צופעליק געטראָפן מיטן באַוווסטן רוסישן נאָוועליסט איוואַן טורגעניעוו. ווען לאַסאַל האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז טורגעניעוו און

האָט געזען, אַז טורגעניעוו קוקט אויף אים אויפמערקזאַם, האָט ער דער ערשטער זיך געלאָזט גיין צו טורגעניעוון, און טורגעניעוו איז אים אַנט־קעגנגעקומען. לאַסאַל האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט אָנ־געהייבן רעדן מיט אים. לאַסאַל האָט אויף טורגעניעוון געמאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק. דער געשפּרעך צווישן לאַסאַלן און טורגעניעוון איז געפירט געוואָרן אין פראַנצויזיש. לאַסאַל האָט פאַרגעלייגט טורגעניעוון אַוועקזעצן זיך ביי אַ קליינעם טישל, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער. דאָרט איז שוין געזעסן אַ מאַן, מיט וועמען לאַסאַל האָט פריער גע־שמועסט. לאַסאַל האָט געהייסן דעם קעלנער דערלאַנגען קאַווע. ביים קאַווע איז דער געשפּרעך פאַרטגעזעצט געוואָרן. טורגעניעוו האָט זיך באַמיט צו האַלטן רואיק. לאַסאַל אָבער איז געווען ווי פאַרזאָרגט. און ער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן זיין בליק אויף דער טיר. דער געשפּרעך האָט געדויערט ניט מער ווי אַ מינוט צען, ווי עס איז אַריינגעקומען דער קעלנער און געפינענדיק דעם הער, וועלכער איז געזעסן מיט לאַסאַלן, האָט ער אים דערלאַנגט אַ פאַרזיגלטן פּאַקעט. יענער האָט דעם פּאַקעט שנעל געעפנט און האָט עפּעס אַ שושקע געטאָן לאַסאַלן. לאַסאַל איז געוואָרן בלייך און, אויפשטעלנדיק זיך, האָט ער אָנגעהויבן אַנטשולדיקן זיך פאַר טורגעניעוון, אַז ער האָט צו דערלידיקן אַ וויכטיקן ענין, וועלכן ער קען ניט אָפּלייגן, ער מוז גלייך גיין צו זיך אין צימער. טורגעניעוו האָט מיט גרויס פאַרדרוס הייס געדריקט לאַסאַלס האַנט און ווען לאַסאַל איז, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרנייגט מיט אַ פריינדלעכן שמייכל, פאַר־שוווּנדן הינטער דער טיר, האָט טורגעניעוו אים באַגלייט מיט זיין בליק און אין טורגעניעווס אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן. צו זיינע פריינד, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אים געווען אין האָטעל, האָט טורגעניעוו געזאָגט:

„לאַסאַל איז אַ געניאַלער מענטש"!

אַ טאָג פאַרן דועל האָט לאַסאַלס פריינד, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע סעקונדאַנטן, זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל כאָטש אָביסל זיך איבן אין שיסעריי און ער האָט אים אָנגעוויזן דעם אָרט, ווו ער קאָן דאָס טאָן. אָבער לאַסאַל האָט אַפילו ניט געוואָלט הערן וועגן דעם. זיין קעגנער אָבער האָט אין יענעם אָוונט אויסגעשאָסן 150 מאָל.

דעם 28טן אינדערפרי איז דער דועל פאַרגעקומען הינטער דער שטאָט. דער ערשטער האָט אויסגעשאָסן פאָן ראַקאָוויצאַ. ס'איז ניט פאַראיבער קיין רגע און לאַסאַל האָט אויסגעשאָסן. ער האָט אָבער ניט געטראָפן, האָבנדיק שוין אין זיין קערפּער דעם טויט. עס איז געווען אַ וווּנדער ווי אַזוי לאַסאַל האָט אַ טויטלעך־פאַרווונדעטער נאָך געקענט אויסשיסן.

איינער פון די סעקונדאַנטן איז צו אים צוגעקומען און געפרעגט ביי אים: „איר זייט פאַרווונדעט?" לאַסאַל האָט געענטפערט: „יע"!

מען האָט אים אָפּגעפירט אַן אַ זייט, אַוועקגעלייגט אויף אַ קאָלדרע און אים פאַרבונדן די ווונד. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעפירט אין שטאָט אריין. לאַסאַל איז דעם גאַנצן וועג געזעסן שטיל. ווען מען איז געקומען אין האָטעל אריין, האָט לאַסאַל, ניט קוקנדיק אויף די ווייטאָגן, מיט פעסטע שריט אַליין זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפ פון האָטעל, כדי ניט איבערצושרעקן די גרעפין האַטצפעלד, וועלכע האָט געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דועל.

אין משך פון דריי טעג האָט לאַסאַל אריבערגעטראָגן די גרעסטע ווייטאָגן, וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן דורך איינגעמען גרויסע דאָזעס מאָרפיום. אַז די ווונד איז אַ טויטלעכע, האָט ער אויף איין מינוט ניט געצווייפלט. דעם 31טן אויגוסט, 1864, איז ער געשטאָרבן.

אויף זיין ברוסט האָט מען געפונען אַ צעטעלע מיט דער פאָלגנדער אויפשריפט:

„איך דערקלער, אַז איך האָב אַליין געמאַכט אַ סוף צו מיין לעבן.

פ. לאַסאַל".

דאָס איז פאָרמעל ניט געווען אמת. אָבער אין אַ ברייטן זינען פון וואָרט איז לאַסאַל אַליין טאַקע געווען שולדיק אין זיין טויט.

ווי נאָר די נייעס וועגן לאַסאַלס טויט האָט זיך פאַרשפרייט, האָט זיך אין זשענעווע געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון רעפּובליקאַנער און רעוואָלוציאָנערן פון אַלע לענדער צו אָרגאַניזירן זיין לוויה. די פאָרטרעטער פון די רוסישע רעפּובליקאַנער אין דעם קאָמיטעט זיינען געווען די צוויי באַרימטע רוסישע פרייהייטס-קעמפער אַלעקסאַנדער הערצען און מיכאַיל באַקונין. מספּיד געווען לאַסאַלן האָט מען אין דעם גרויסן יידישן טעמפל פון זשענעווע, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער 4 טויזנט מענטשן.

די גרעפין האַטצפעלד האָט געהיימן פאַרבאַלזאַמירן לאַסאַלס קערפער און זי האָט אים אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד מיטן צוועק אַרויסצושטעלן אים אין די אַלע פלעצער, ווו ער האָט געווירקט און געהאַט אָנהענגער. אָבער די פּרייסישע רעגירונג און אויך לאַסאַלס פאַמיליע האָבן עס ניט דערלאָזן. דאָך זיינען אין אַ סך שטעט פאָרגעקומען טרויער-פאַרזאַמלונגען צו זיין אָנדענק. דעם 14טן סעפּטעמבער איז זיין קערפער געבראַכט געוואָרן קיין ברעסלאַו, ווו ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפן דאָרטיקן יידישן בית עולם אין דעם פאַמיליען-קבר פון די לאַסאַלס. אויף זיין מצבה האָט מען געלאָזט אויסקריצן די פאָלגנדע ווערטער:

„היר רוהט וואָס שטערבליך וואַר אין פֿערדינאַנד לאַסאַל, דעם דענקער און דעם קעמפֿער".

לאַסאַל האָט ניט דערלעבט צו זען פֿאַרווירקלעכט קיין איינע פֿון זיינע אידעען.

פֿרידריך ענגעלס, וועלכער האָט לאַסאַלן קיינמאָל ניט ליב געהאַט, האָט, ווען ער האָט זיך אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, דערוווּסט וועגן לאַסאַלס טויט, געשריבן צו קאַרל מאַרקסן: „קענסט זיך פֿאָרשטעלן ווי די נייעס האָט מיך איבעררעאשט. וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגן לאַסאַלן, פּערזענלעך, אָדער ווי אַ דענקער, אָדער ווי אַ שריפֿטשטעלער, איז ער אָבער דאָך, אָן צווייפֿל געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע מענער אין דייטשלאַנד... וואָס פֿאַרא שמחה דאָס וועט אַרויסרופֿן ביי די פֿאַבריקאַנטן און ביי די פּראָגרעסיווע (ליבעראַלן)! לאַסאַל איז, נאָך אַלעמען, געווען דער איינציקער מאַן, פֿאַר וועמען זיי האָבן אין דייטשלאַנד גופֿא מורא געהאַט".

אין דריי טעג אַרום האָט קאַרל מאַרקס אים געענטפֿערט:

„לאַסאַלס אומגליק גייט די גאַנצע צייט מיר ניט אַרויס פֿון קאָפּ. נאָך אַלעמען איז ער געווען איינער פֿון דעם אַלטן סטאַק און אַ פֿיינט פֿון אונדזערע שונאים... מיר פֿאַרדריסט וואָס דעם לעצטן יאָר זיינען אונדזערע באַציִונגען פֿאַרוואָלקנט געוואָרן, הגם דאָס איז געווען זיין שולד. איך בין צופֿרידן, וואָס איך בין ביינעשטאַנען די אַרויסרופֿן פֿון פֿאַרשיידענע זייטן און האָב זיך צוריקגעהאַלטן פֿון אַטאַקירן אים אין זיין יובילײ־יאָר".

אין דעם אַריינפֿיר צו זיין „קאַפּיטאַל" האָט מאַרקס געגעבן אָנצוהערן, אַז לאַסאַל האָט אים „באַגנבעט", אָנגעבנדיק מאַרקס' אידעען פֿאַר זיינע אייגענע. דער פֿאָטער פֿון אַנאַרכיזם, מיכאַעל באַקונין, וועלכער איז פֿריער געווען נאָנט באַפֿריינדעט מיט מאַרקסן און איז שפּעטער געוואָרן זיין ביטערסטער קעגנער, האָט דעמאָלט געשריבן, אַז ער פֿאַרשטייט ניט ווי אַזוי אַ סאָציאַליסט. וועלכער פּרעדיקט קאָלעקטיווע אייגנטום, פֿאַרשטייט ניט, אַז אַן אידעע, אַזוי שנעל ווי זי ווערט אַרויסגעזאָגט, הערט זי אויף צו זיין דאָס אייגנטום פֿון איין פּערזאָן. ווען לאַסאַל וואָלט איבערגעשריבן פֿון מאַרקס' ווערק אַ זייטל, אָדער עטלעכע זייטלעך, וואָלט עס דעמאָלט געווען גנבה. „לאַסאַל אָבער, האָט באַקוניז געשריבן, איז געווען צו קלוג און צו זעלבסטשטענדיק, אַז ער זאָל זיך האָבן געניייטיקט אין אַזעלכע אומעטישע מיטלען אויף צו ציען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פּובליקום. ער איז געווען ערנגייציק, זייער ערנגייציק, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יידן. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ער געווען באַגאַבט

מיט אַזוינע גלענצנדע פעאיקייטן, אַז ער האָט געקענט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דעם שטאַרקסטן ערגייץ. ער איז געווען קלוג, געלערנט, רייך, פלינק און זייער דרייסט. לאַסאַל איז ווי אומישנע באַשאַפן גע־וואָרן פאַר דעם אָפענעם קאַמף אויפן פּראַקטישן פעלד... ער האָט אויס־סערגעוויינלעך שטאַרק געווירקט אויפן פּראָלעטאַריאַט, אָבער ער איז ווייט ניט געווען קיין מענטש פון פאָלק. מיט זיין גאַנצן לעבן, סביבה, געוווינהייטן און געשמאַקן האָט ער געהערט צו דעם בורזשואַזן קלאַס, צו דער אַזוי־גערופענער „גאָלדענער יוגנט”. ער איז, פאַרשטייט זיך, מיט זיין קאָפּ און שאַרפן מוח געשטאַנען פיל העכער פון די אַרומיקע און אַ דאַנק אָט־דעם מוח זיינעם, האָט ער זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר האָט ער דערגרייכט אַ ריזיקע פּאָפּולאַריטעט. די גאַנצע ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע בור־זשואַזיע האָט אים טיף געהאַסט און זיינע חברים — די סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן און דער רבי אַליין, מאַרקס, האָבן אויף אים קאָנצענטרירט זייער גאַנצע קנאה”...

די גרעפין האַטצפעלד האָט געשריבן צו לאַסאַלס מוטער: „איך האָב אָנגענומען פערדינאַנדס קאַלטע האַנט און זיך געגעבן אַ שבועה, אַז איך וועל נקמה נעמען פון זיינע מערדער, פאַרטיידיקן זיין אָנדענק קעגן זיינע פיינט און פאַרזעצן זיין אַרבעט. אַלץ וואָס איך וויל איז, צו זיין אימשטאַנד, אויב עס איז פאַראַן אַ יענע וועלט, צו זאָגן אים, אַז איך האָב געטאָן מיין פליכט צו אים”.

די גרעפין האָט זיך שטאַרק באַמיט, אַז יאַנקאָ פון ראַקאָוויצאַ זאָל אויסגעוויזן ווערן פון דער שווייץ און געמשפּט ווערן פאַר אַ מאָרד, זי האָט אויך געטאָן אַלץ מעגלעכעס צו שאַפן אַ פּערזאָנען־קולט פאַר לאַסאַלן אין דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין” און אויסערן „פאַר־איין”. זי האָט אויך אָפּגעירשנט אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן, ביכער און בריוו. זי איז געשטאָרבן אין 1881 אָן איינזאַמע, אָבער אומדערשראָ־קענע פרוי.

8.

ווי אַן אַגיטאַטאָר איז לאַסאַל געווען נענטער צו מאַרקסן, ווי צו וועלכן עס איז אַנדער סאָציאַליסט. אָבער ווי אַ דענקער איז ער געווען ווייט פון אים. צווישן לאַסאַל דעם רעדנער אויף אַרבעטער פאַרזאַמ־לונגען און לאַסאַל, דעם דענקער און טעאָרעטיקער, איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד. לאַסאַל האָט געפּרעדיקט שטאַטס־סאָציאַליזם. ער האָט דער־

ווארט הילף פאַר די אַרבעטער פון דעם מאָדערנעם שטאַט. דער מאָדערנער שטאַט, לויט לאַסאַלס מיינונג, דערציט די מענטשהייט צו פרייהייט. דאָקעגן האָט מאַרקס זיך באַציגן נעגאַטיוו צום שטאַט. לאַסאַל האָט געגלויבט, אַז מען קען אַ סך דערגרייכן דורך סאָציאַלע רעפאָרמען. מאַרקס האָט מער געטראַכט וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע. לאַסאַל איז אויך ניט געווען קיין אָנהענגער פון מאַרקס'ס מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון געשיכטע און ענדלעך איז לאַסאַל געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, בעת מאַרקס איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט.

לאַסאַלס נאָמען ווי אַ טעאָרעטיקער־עקאָנאָמיסט איז פאַרבונדן נאָר מיט דעם אַזוי־גערופענעם „אייזערנעם געזעץ" פון אַרבעטס־לוין. אָבער שפּעטער האָבן זיך אַפילו אַלע סאָציאַליסטן אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער טעאָריע.

די רעפאָרמעס פאַר וועלכע לאַסאַל האָט אַגיטירט זיינען געווען אַל־געמיינע, גלייכע און געהיימע וואַל־רעכט אויפן פּאָליטישן געביט און קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן, וואָס זאָלן געשטיצט ווערן פון דער רעגירונג, אויפן עקאָנאָמישן געביט. אַלגעמיינע וואַל־רעכט וואָלט, לויט לאַסאַלס מיינונג, געגעבן די אַרבעטער די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון דעם איינפלוס פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי און דורך זיינע אייגענע דעפּוטאַטן באַקומען אַן איינפלוס אין דער מלוכה.

אַזוי לאַנג ווי לאַסאַל האָט געפירט דעם קאַמף פאַר באַזיצן העלענאַ פאָן דעגינעס, שרייבט עדואַרד בערנשטיין, איז ער געווען מער אַ זונדל פון אַ רייכן סוחר מיט יונקערישע מאַניערן, ווי אַ וויסנשאַפטלעכער און דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט. נאָר ווען ר'איז געפאַלן פון ראַקאָוויצאַס קויל און איז געלעגן אויפן טויטן בעט, איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן און זיין טויטער קערפּער איז געווען דער גוף פון אַ גרויסן קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון די אַרבעטער, אַ קעמפער פאַר סאָציאַלער דעמאָקראַטיע. אויב לאַסאַל איז געווען גענייגט, כדי צו דערגרייכן אַלגעמיינע וואַל־רעכט, פּאָליטיש צו פּרובירן אַפילו פלירטעווען מיט ביסמאַרקן, איז דערביי נייטיק צו געדענקען, אַז ער האָט געהאַנדלט אין נאָמען פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין", וועלכן ער האָט ביז אַ געוויסן גראַד געהאַט אַ רעכט צו באַטראַכטן ווי זיין ווערק. ער האָט געשאַפן דעם „פאַראיין" מיטן ציל צו דערגרייכן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. ווי זיין אָנפירער האָט ער געהאַט ברייטע פולמאַכטן און האָט טיף געגלויבט אין דער רעוואָלוציאָנערער שאַפנדיקער קראַפט פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. ווען מען נעמט דאָס אַלץ אין אַכט, שיינען לאַסאַלס טאַקטישע מעטאָדן, פון אַ פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, צו זיין גענוג באַגרינדעט. מען דאַרף

זיי שאַצן נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון די מאָטיוון, וואָס האָבן אים דיקטירט די אָדער יענע טאַקטיק, לאַסאַל הויפּט טעות איז געווען, וואָס ער האָט צופיל איבערשאַצט זיינע כוחות.

„לאַסאַל, האָט בערנשטיין געשריבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז איצט אונדז אמנאָענטסטן מיט יענע רעדעס זיינע, אין וועלכע ער האָט אָנגעוויזן די אַרבעטער אויף דער באַדייטונג פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. געוויס, איז ער ניט געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג. דאָס האָבן פאַר אים געטאָן די ענגלישע „טשאַרטיסטן” און דאָס זעלבע האָבן געפאָדערט אין פראַנקרייך, אין יאָר 1848, די אָנ־הענגער פון רעפאָרמען. און לאַסאַל האָט פאַנאַנדערוויקלענדיק די פאָן פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט אין דייטשלאַנד, אין די יאָרן 1862־1863, נאָר איבערגענומען זייער פאָדערונג. זיין אייגענער פאַרדינסט אָבער איז געווען, וואָס ער איז אַרויסגעקומען מיט אָט דער פאָדערונג אין אַזאַ צייט, ווען די דעמאָקראַטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן אָנגעהויבן אַנטווישן זיך אין אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. עטלעכע ניט געלונגענע וואַל־רעזולטאַטן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, האָבן לאַסאַלן ניט אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג. ער האָט בעסער ווי אַנדערע אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אַל־געמיינעם וואַל־רעכט פאַר דער פּאָליטישער דערציאונג פון די פאָלקס־מאַסן.

„היינט־צו־טאָג, האָט בערנשטיין פאַרענדיקט זיין ביאָגראַפיע פון לאַ־סאַלן, שטייט באַזונדערס לעבעדיק אויף פאַר די אויגן פון די אַרבעטנדע מאַסן דער גרויסער וועלט־היסטאָרישער אויפטו לאַסאַלס, ווען ער האָט מיט דעם גאַנצן פלאַם־פייער פון זיין מעכטיקער פערזענלעכקייט זיך גע־שטעלט אין דער שפּיץ פון דער דייטשער אַרבעטער באַוועגונג און האָט זיך געווענדט צו די אַרבעטער מיט דעם רוף:

„אַלגעמיינע און גלייכע וואַל־רעכט — דאָס איז ניט נאָר אייער פּאָ־ליטישע, נאָר אויך אייער פונדאַמענטאַלע באַדינגונג פאַר יעדער סאָציאַ־לער פאַרבעסערונג”.

צוויי באַרימטע שריפטשטעלער פון 19טן יאָרהונדערט, דער ענגלענדער דזשאָרדזש מערעדיט און דער דייטשער פרידריך שפּילהאַגען האָבן פּרו־בירט שילדערן אים אין זייערע ראָמאַנען. לאַסאַלס טויט, אין 1864, איז געווען אַ וועלט־סענסאַציע.

לאַסאַלס „טאָג־ביכער” זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1891. אין יאָר 1919 איז אונטער דער רעדאַקציע פון עדוואַרד בערנשטיין אַרויס אין בערלין אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון לאַסאַלס ווערק מיט בערנשטיינס באַמערקונגען.

דוד שוב

ביאָגראַפיעס פֿון לאַסאַלן אין דייטש און אין אַנדערע שפּראַכן זיינען אַרויס נאָך מיט אַ סך יאָרן פֿריער. נאָך אין יאָר 1879 זיינען אין דייטש־לאַנד אַרויס די מעמואַרן פֿון העלענאַ פֿאָן ראַקאָוויצאַ (געוועזענע העלענאַ פֿאָן דעניגעס), די פֿרוי, צוליב וועלכער לאַסאַל איז אומגעקומען אין דעם דועל.

אַ גרויסער טייל פֿון לאַסאַלס בריוו זיינען ביים סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה געזאַמלט און פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פֿון עדואַרד בערנשטיין, פֿראַנץ מעהרינג, גוסטאַוו מאַיער און אַנדערע דייטשע סאָציאַליסטישע היסטאָריקער. אָבער די מערסטע פֿון לאַסאַלס בריוו און אַנדערע דאָקומענטן זיינען פֿאַרבליבן אין די הענט פֿון דער פֿאַמיליע פֿון דער גרעפֿין האַטצ־פֿעלד, וועלכע איז ביז לאַסאַלס טויט געווען זיין אינטימסטע פֿריינדין. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת די פֿראַנצויזן האָבן געהאַט אָקופּירט דעם רוהר־געביט אין דייטשלאַנד, האָט גוסטאַוו מאַיער זיי דאָרט אויפֿגעזוכט און זיי פֿאַרעפֿנטלעכט אין זעקס בענדער — „פֿערדינאַנד לאַסאַל: נאָכגעלאַסענע בריוו און שריפֿטן", די דאָזיקע זעקס בענד אַנטהאַלטן פֿיל זייטן פֿון לאַסאַלס „טאָג־ביכער", וואָס זיינען אין די פֿריערדיקע אויסגאַבן ניט אַריין, ווי אויך אַ גאַנצע ריי נייע בריוו.

מיט 4 יאָר שפּעטער, נעמלעך, אין יאָר 1928, האָט דער זעלבער מאַיער פֿאַרעפֿנטלעכט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן לאַסאַלן און ביסמאַרקן, וועלכע מען האָט געפֿונען אין ביסמאַרקס אַרכיוון.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען אין מערב־דייטשלאַנד פֿאַרעפֿנט־לעכט געוואָרן נייע וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן לאַסאַלן און וועגן דער פֿרוי, צוליב וועלכער לאַסאַל איז אומגעקומען.



אַלעקסאַנדער הערצען

(1870 — 1812)

אַלעקסאַנדער הערצען איז געווען איינער פֿון די גרעסטע שריפֿטשטעלער, אָריגינעלסטע דענקער און ליכטיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס רוסלאַנד האָט געגעבן דער וועלט. דער באַרימטער רוסישער נאָוועליסט איוואַן טורגעניעוו האָט אין יאָר 1876 געשריבן צו אַ פֿריינט: „די אַלע טעג האָב איך זיך געפֿונען אונטער דעם איינדרוק פֿון הערצענס „בילאָיע אי דומי' (מיין פֿאַרגאַנגנקייט און געדאַנקען), אין וועלכן ער דערציילט די געשיכטע פֿון זיין פֿרוי, איר לעבן און איר טויט. דאָס אַלץ איז געשריבן מיט טרערן, מיט בלוט. דאָס ברענט און בראָט. אַזוי שרייבן האָט געקענט נאָר ער אַליין פֿון אַלע רוסן".

טאָלסטאָי האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער געשריבן וועגן הערצענען: „ווי אַ שריפֿטשטעלער, ווי אַ שריפֿטשטעלער־קינסטלער, איז ער אויב ניט העכער, קען ער זיך דאָך זיכער פֿאַרגלייכן מיט אונדזערע גרעסטע שריפֿט־שטעלער".

ווען מ'האָט ביי טאָלסטאָיען געפֿרעגט ווער זיינען, לויט זיין מיינונג, די גרעסטע רוסישע שריפֿטשטעלער, האָט ער געענטפֿערט: „פּושקין, גאָגאָל, לערמאָנטאָוו, הערצען, דאָסטאָיעווסקי, נו... איך (אָן פֿאַלשער באַשיידנ־קייט). אַנדערע גיבן נאָך צו טורגעניעוון און גאָנטשאַראָוון".

מיט אייניקע יאָר שפּעטער, אין 1893, האָט טאָלסטאָי געזאָגט: „ווען מען זאָל וועלן אויסדריקן די באַדייטונג פֿון די רוסישע שריפֿטשטעלער אין פּראָצענטן, אין ציפֿערן, דאַרף מען פּושקינען געבן 30 פּראָצענט, גאָגאָלן — 20 פּראָצענט, טורגעניעוון — 10 פּראָצענט, גריגאָראָוויטשן און אַלע איבעריקע — אַרום 20 פּראָצ. דאָס איבעריקע געהערט הערצענען. ער איז אַ ווונדערבאַרער שריפֿטשטעלער. ער איז טיף, גלענצנד און דורכדרינגנט".

טאָלסטאָי האָט ביזן טויט כסדר געלייענט און ווידערגעלייענט הערצענס ווערק, וואָס די מייסטע פֿון זיי זיינען ביז נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1905 געווען פֿאַרבאָטן אין רוסלאַנד. מיט אַ קורצער צייט פֿאַרן טויט האָט

טאָלסטאָי געזאָגט: „הערצען שטייט ניט נידעריקער פֿון פּושקינען. ווי איר זאָלט ניט אָן עפֿן־טאָן (אין זיינע ווערק) איז אומעטום אויסגעצייכנט. הערצען — דאָס איז אַ פּאָעטישע נאַטור און אַ פֿילאָזאָפֿישע".

טאָלסטאָי האָט אַליין געזאָגט, אַז הערצען האָט אויף אים געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס און ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס הערצענס ווערק זיינען געווען פֿאַרבאָטן אין רוסלאַנד. טאָלסטאָי איז געווען טיף איבער־צייגט, אַז די געשיכטע פֿון רוסלאַנד וואָלט אַוועק גאָר אויף אַן אַנדער וועג, ווען די אינטעליגענטע יוגנט פֿון רוסלאַנד וואָלט געהאַט די מעג־לעכקייט צו לייענען הערצענס אַלע ווערק.

„הערצענס שפּראַך", האָט געשריבן מאַקסים גאָרקי, „איז אויסערגע־וויינלעך, לויט איר שיינקייט און גלאַנץ".

„קיין מער גלענצנדער, שאַרפֿזיניקער און דעליקאַטער שריפֿטשטעלער ווי הערצן", האָט וועגן אים געשריבן אַ שפּעטערדיקער רוסישער קריטיקער, „איז ביי אונדז קיינמאָל ניט געווען".

אָבער אַלעקסאַנדער הערצען איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער שריפֿט־שטעלער, אַ טאַלאַנטפֿולער נאָוועליסט, אַ גלענצנדער פּאָליטישער פּובלי־ציסט און אַ טיפֿער דענקער; ער איז אויך געווען אַ גרויסע נאָבעלע פּערזענ־לעכקייט. „עס איז ניטאָ קיין מער איידעלער נשמה און קיין מער נאָבעלער גייסט ווי אַלעקסאַנדער הערצען", האָט אין יאָר 1858 געשריבן וועגן אים דער גרויסער פֿראַנצויזישער דיכטער און שריפֿטשטעלער וויקטאָר הוגאָ. די זעלבע מיינונג האָבן וועגן אים געהאַט אַ סך פֿון די באַרימטסטע איי־ראָפּעער פֿון די 50ער און 60ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן געלייענט זיינע ווערק, זיינען געווען באַקאַנט מיט זיין טעטיקייט און גע־קומען מיט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט דורך די 23 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין פֿראַנקרייך, אין לאָנדאָן און אין דער שווייץ ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

הערצען האָט זיין גאַנצן לעבן געקעמפֿט פֿאַר אַ פֿרייער רוסלאַנד אין אַ פֿרייער, דעמאָקראַטישער אייראָפּע. ער איז געווען, קען מען זאָגן, דער ערשטער רוסישער סאָציאַליסט און דער איינציקער סאָציאַליסט אין גאַנץ אייראָפּע, וועלכער האָט נאָך מיט הונדערט יאָר פֿריער פֿאָרויסגעזאָגט, אַז אַ פֿאַרזוך איינצופֿירן סאָציאַליזם אָן פֿרייהייט וועט פֿירן דערצו, אַז אַנ־שטאָט סאָציאַליזם וועלן מיר האָבן „קאָמוניסטישע שקלאַפֿעריי". הערצען קען מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי דער נביא פֿון דעם פֿרייהייטלעכן, הו־מאַניטאַרן סאָציאַליזם.

איצט, ליייענענדיק זיינע ווערק, ווערט מען איינפֿאַר דערשטוינט ווי אזוי א סך פֿון זיינע נביאות וועגן רוסלאַנד, וועגן אייראָפּע און אַמעריקע און וועגן דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם זיינען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

אַלעקסאַנדער הערצען איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין יאָר 1812, מיט א פּאָר מאָנאַטן פֿריער, איידער נאַפּאָלעאָן מיט זיין אַרמיי זיינען אַריין אין דער אַלטער רוסישער קרוינשטאָט. ער איז געווען א ניט־געזעצלעכער זון פֿון א רייכן רוסישן פּריץ. א פֿאַרשטייער פֿון דער העכסטער רוסישער אַריסטאָקראַטיע מיטן נאָמען איוואַן יאַקאָוולעוו. ווי אַלע רוסישע אַריסטאָ־קראַטן פֿון יענער צייט, האָט אויך איוואַן יאַקאָוולעוו געדינט אין דער גוואַרדיע. ער איז אַרויס פֿון דער אַרמיי, ווען ער איז שוין געווען א קאַ־פּיטאַן. אויף איינער פֿון זיינע רייזעס איבער דייטשלאַנד האָט ער זיך אין שטוטגאַרט באַקענט מיט א 16־יאָריקער דייטשער מיידל, א טאָכטער פֿון א דאָרטיקן רעגירונגס־באַאַמטן, לואיזע האַאַג. ער האָט זי מיטגענומען קיין רוסלאַנד, ווו זי איז געוואָרן זיין געליבטע און שפּעטער אויך זיין הויז־ווירטין. זי האָט אים אין גיכן געבאָרן א זון, וועלכן מען האָט א נאָ־מען געגעבן אַלעקסאַנדער. אזוי ווי ער איז געווען ניט קיין געזעצלעך קינד, האָט מען אים געגעבן אַן אַנדער פֿאַמיליע־נאָמען — הערצען.

אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט געהערשט שקלאַפֿעריי. די פּויערים זיינען געווען דאָס אייגנטום פֿון די פּריצים, און מ׳האָט זיי געקויפֿט און פֿאַר־קויפֿט, פּונקט אזוי ווי פֿי. הערצענס פֿאָטער האָט פֿאַרמאָגט א גרויסע צאָל פּויערים־שקלאַפֿן. ווי א יינגל האָט אַלעקסאַנדער ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט די קינדער פֿון די פּויערים־שקלאַפֿן. דער פֿאָטער האָט זיך געזאָרגט פֿאַר דעם, אז אַלעקסאַנדער זאָל באַקומען א גוטע דערציאונג. און אַלעקסאַנדער האָט זיך זייער פֿרי גייסטיק אַנטוויקלט.

א גוואַלדיקע ווירקונג האָט אויף אים געהאַט דער ערשטער רעוואָלוציאָ־נערער אויפֿשטאַנד אין רוסלאַנד, דער אויפֿשטאַנד אין פּעטערבורג פֿון די אזוי־גערופֿענע „דעקאַבריסטן” אין דעצעמבער, 1825, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז אַרויף אויפֿן טראָן. דער אויפֿשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן און אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון הויך־געבילדעטע אַריסטאָקראַטישע אָפֿיצערן אידעאַליסטן, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּשאַפֿן שקלאַפֿעריי און איינפֿירן אין רוסלאַנד א פֿרייע דעמאָקראַטישע אָרדנונג, ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. „דאָס דונערן פֿון די קאַנאָנען אויפֿן סענאַט סקווער איז פּעטערבורג (ווו עס איז פֿאָרגעקומען די שלאַכט צווישן די אויפֿשטענד־לער און דער אַרמיי, וואָס איז געבליבן טריי דעם צאַר) — האָט הערצען שפּעטער געשריבן — האָט איבערגעריסן דעם קינדערשן שלאָף פֿון מיין נשמה”.

מיט אַ טיפֿן וויטאָג אין האַרצן האָט דער דרייצן־יאָריקער ייִנגל איבערגעלעבט די מפּלה פֿון די אויפֿשטענדלער, דעם משפּט איבער די פֿירער פֿון אויפֿשטאַנד און די הינריכטונג פֿון די פֿינף הויפּט־פֿירער פֿון די דעקאַבריסטן, און ער האָט זיך געגעבן אַ נדר צו גיין אין די וועגן פֿון די אומגעקומענע פֿאַר דער פֿרייהייט. ווען אַלעקסאַנדער האָט שפּעטער פֿאַרטרויט פֿאַר זיין רוסישן לערער, וועלכע געדאַנקען עס מאַטערן אים, איז דער לערער געווען טיף גערירט פֿון זיינע רייד, און פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער אַרומגענומען דעם ייִנגל און געזאָגט: „זאָל גאָט געבן, אַז אָט־די געפֿילן זאָלן צייטיק ווערן אין אייך און פֿאַרפֿעסטיקן זיך".

נאָכדעם האָט דער לערער אים אָנגעהויבן ברענגען די פֿאַרבאָטענע לידער פֿון די פֿרייהייטס־ליבענדע רוסישע פּאָעטן, וועלכע הערצען פֿלעגט איבערשרייבן פֿאַר זיך.

אינגיכן נאָכדעם האָט ער אין זיין פֿאָטערס ביבליאָטעק אין קעלער געפֿונען אַ געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע אויף פֿראַנצויזיש. די דאָזיקע געשיכטע איז געשריבן געוואָרן פֿון אַ פֿראַנצויזישן מאָנאַרכיסט. אַלעקסאַנדער האָט איבערגעלייענט דעם בוך, וועלכער האָט אויף אים געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט אָבער ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס האָט מען פֿאָרט דעם פֿראַנצויזישן קעניג לואי דעם 16טן אַרונטערגעהאַקט דעם קאָפּ. האָט ער זיך געווענדט מיט דער פֿראַגע צו זיין פֿראַנצויזישן לערער. „דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿאַרראַטן זיין פֿאָטערלאַנד" האָט דער לערער, אַ פֿראַנצויזישער עמיגראַנט און געוועזענער רעוואָלוציאָנער, אים געענטפֿערט. דער לערער האָט הערצענען פֿריער ניט ליב געהאַט. ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ פּוסטן שטיפֿער דערפֿאַר, וואָס ער פֿוילט זיך צוצוגרייטן די לעקציעס. ער פֿלעגט אָפֿט זאָגן: „פֿון אייך וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען". אָבער נאָך יענעם געשפּרעך וועגן דער הינריכטונג פֿון דעם קעניג לואי דעם 16טן, האָט דער לערער מיט אַ שמייכל געזאָגט: „איך האָב באמת געמיינט, אַז פֿון אייך וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אָבער אייערע נאָבעלע געפֿילן וועלן אייך ראַטעווען".

צו 17 יאָר איז הערצען אָנגעקומען שטודירן אין מאָסקווער אוניווערזיטעט. ער איז שוין דאַמאָלט געווען אַן איבערצייגטער ראַדיקאַל. נאָך איידער ער איז געקומען אין אוניווערזיטעט, האָט ער זיך שטאַרק באַפֿריינט מיט אַ ייִנגל ניקאָלאַי אָגאַריאָוו, וועלכער איז געווען מיט צוויי יאָר ייִנגער פֿון אים, און פּונקט אַזאַ ראַדיקאַל ווי ער. (אָגאַריאָוו איז דערנאָך געוואָרן אַ באַוווּסטער פּאָעט, אַ רעוואָלוציאָנער און אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין הערצענס לעבן. זיי זיינען ביזן טויט פֿאַרבליבן די אינטימסטע פֿריינט).

אין זיינע מעמואַרן באַשרייבט הערצען ווי אַזוי ער און אָגאַריאָוו האָבן נאָך ווי יינגלעך איינמאָל, שפּאַצירנדיק אויף די בערג הינטער מאָסק־ווע, זיך אַרומגענומען און געגעבן זיך אַ שבועה צו אָפּפּערן מיט זייערע לעבנס אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט. פון יענעם טאָג אָן פלעגן זיי ביידע עטלעכע מאָל אַ יאָר באַזוכן אָט־דעם פּלאַץ, און אַלע מאָל אַליין.

אין מאָסקווער אוניווערזיטעט, וווּהין אָגאַריאָוו איז אויך אינגיכן אָנ־געקומען שטודירן, האָבן זיי זיך אַרומגערינגלט מיט אַזוינע סטודענטן, וועלכע האָבן זיך פּונקט אַזוי ווי זיי שטאַרק אינטערעסירט ניט נאָר מיט ריינער וויסנשאַפט, נאָר אויך מיט דעם אַרומיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן געלייענט פאַרבאָטענע ליטעראַטור און פלעגן דיסקוטירן פאַרשי־דענע פראַגן. זיי האָבן געפּרעדיקט, אַז מ׳דאַרף אין רוסלאַנד מאַכן אַזאַ רעוואָלוציע ווי מען האָט אין 1789 געמאַכט אין פראַנקרייך. זיי האָבן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ קאָנסטיטוציע און פון אַ רעפּובליק אין רוסלאַנד. זיי האָבן אַגיטירט פאַר דעם, אַז מען זאָל לייענען די פאַר־באָטענע ליטעראַטור און פאַראייניקן אַלע ראַדיקאַלע כוחות אין איין גע־זעלשאַפט. „אָבער מער פון אַלץ, — האָט שפּעטער הערצען אַליין געשריבן, — האָבן מיר געפּרעדיקט האַס צו יעדער גוואַלדטאַט און צו יעדן ווילקיר".

זיי האָבן אויך שטודירט די ווערק פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט סען־סימאָן און זיינע געוואָרן זיינע הייסע אָנהענגער. פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט האָט אויף הערצענען און זיין גרופּע געהאַט אַ גרויסע ווירקונג סען־סימאָנס געדאַנק, אַז אַלע „געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס דאַרפן האָבן אַלס זייער ציל די מאָראַלישע, גייסטיקע און פיזישע פאַרפאָלקאָמונג פון דעם גרעסטן שטאַנד (קלאַס) און דעם אָרעמסטן". אָט דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער אויספיר וואָס זיי האָבן געמאַכט פון סען־סימאָנס לערע.

אין מאָסקווע האָט הערצען געהאַט אַ קוזינע, וועלכע איז פּונקט אַזוי ווי ער געווען אַן אומגעזעצלעך קינד. איר פאָטער, הערצענס טאַטעס אַן על־טערער ברודער, איז אויך געווען ניט פאַרהייראַט. ער איז אַ געוויסע צייט געווען דער הויפּט פון דעם הייליקן סינאָד און אַן אָפטער באַזוכער פון צאַ־רישן הויף. ער איז געווען זייער אַן אויסגעלאַסענער. ער האָט געהאַט אין זיין הויף אַ גאַנצן האַרעם פון שיינע פּויערישע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט געלעבט און כמעט יערערע פון זיי האָט אים געבאָרן קינדער. שפּעטער, ווען ער איז געשטאָרבן, איז איינע פון זיינע מיידלעך, די 7־יאָריקע נאַטאַ־ליע, אָדער נאַטאַשאַ, שטאַרק געפעלן געוואָרן זיין שוועסטער, פירשטין כאַ־וואַנסקאַיאַ, אַן אַלמנה, וועלכע האָט קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט. זי האָט נאַטאַשאַן צוגענומען צו זיך קיין מאָסקווע. דאָס מיידעלע איז געווען

זייער אַ באַגאַבטע. זי איז אויסגעוואַקסן אַן אויסערגעוויינלעך שיינע און אינטערעסאַנטע פֿריילין.

אַנגאַריאַוס צוקונפֿטיקע פֿרוי, וועלכע האָט שפּעטער אויך געשפּילט אַ גרויסע און טראַגישע ראָלע אין הערצענס לעבן, האָט וועגן נאַטאַליען שפּעטער געשריבן: „איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ סימפּאַטישע פֿרוי ווי נאַטאַליע: אַ שיינער אָפֿענער שטערן, פֿאַרטראַכטע טונקל־בלויע אויגן, טונקעלע געדיכטע ברעמען, אַ געוויסע רואיקייט און שטאָלץ אין אירע באַוועגונגען און צוזאַמען מיט דעם אַזוי פֿיל פֿרויענשאַפֿט, איידלקייט און ווייכקייט".

אין מאָסקווע פֿלעגט הערצען אָפֿט באַזוכן זיין טאַנטע און פֿאַרברענגען מיט זיין יונגער שיינער און אינטערעסאַנטער קוזינע. אין יולי, 1834, איז הערצען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ „פֿאַרשווערונג" קעגן דער רעגירונג. נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעזעסן אַרום 9 מאָנאַטן אין טורמע, איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אין דער ווייטער פּראָווינציעלער שטאָט וויאַטקאַ, וווּ מען האָט אים געגעבן אַ קליינע שטעלע אין דער דאָרטיקער אַדמיניסטראַציע.

אין דער צייט וואָס הערצען איז געזעסן אין טורמע און אין די ערשטע צוויי יאָר פֿון זיין פֿאַרשיקונג האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט זיין קוזינע אין מאָסקווע. הערצען איז געווען מיט פֿינף יאָר עלטער פֿון איר, און אַזוי האָט זיך דורך דער קאָרעספּאָנדענץ אַנטוויקלט צווישן זיי אַ הייסע ליידנשאַפֿטלעכע ליבע.

אין יאָר 1838 האָט מען הערצענען טראַנספֿערירט פֿון וויאַטקאַ קיין וולאַדימיר, וואָס איז פֿיל נענטער צו מאָסקווע. הערצען איז געקומען אומלעגאַל קיין מאָסקווע צו זען זיך מיט זיין געליבטער. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די פֿירשטין האָט פּרובירט חתונה מאַכן נאַטאַליען פֿאַר אַן אַנדערן. ער האָט נאַטאַליען אַן דעם וויסן פֿון דער טאַנטע צוגענומען צו זיך אין וולאַדימיר און דאָרט געהייראַט מיט איר. ביידע זיינען געווען שטערבלעך פֿאַרליבט איינע אין די אַנדערע. זיי זיינען געווען אויפֿן זיבעטן הימל פֿון דעם וואָס זייער טרוים איז ענדלעך פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. ביידע זיינען געווען איבערצייגט, אַז קיין גליקלעכערע ווי זיי זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

2

הערצען איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס רוסישע פֿאָלק. ער איז אָבער ניט געווען קיין ענגער נאַציאָנאַליסט. ער האָט געהאַלטן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין שלעכטע פֿעלקער און קיין אויס־

דערוויילטע פֿעלקער, נאָר עס זיינען פֿאַראַן שלעכטע מענטשן און גוטע מענטשן. זיין האַרץ האָט געשלאָגן מיט אַ טיפֿער הייסער סימפּאַטיע פֿאַר די אונטערדריקטע און ליידנדע מענטשן פֿון אַלע פֿעלקער.

מיט יידן איז ער אין מאָסקווע פֿריער קיינמאָל ניט געקומען אין קיין באַרירונג. אָבער אויפֿן וועג פֿון מאָסקווע קיין וויאַטקא האָט ער אין יאָר 1835 אין אַ דאָרף געזען אַ פּאַרטיע יידישע קאַנטאָניסטן (יונגע יינגלעך פֿון 8 ביז 12 יאָר, פֿון פּוילן און ליטע, וועלכע מען פֿלעגט אַוועקכאַפּן פֿון זייערע עלטערן און אַוועקפֿירן זיי קיין סיביר אָדער אין טיף רוסלאַנד, און דאָרט זיי אָפּגעבן פֿאַר סאָלדאַטן, וווּ זיי האָבן געדאַרפֿט דינען 25 יאָר. אַ סך פֿון זיי האָט מען געצוווּנגען זיך צו שמדן). די פּאַרטיע קאַנטאָניסטן, וועלכע הערצען האָט באַגעגנט אויף זיין רייזע קיין וויאַטקע, האָט מען געפֿירט קיין קאַזאַן. דער אָפֿיצער, וואָס האָט געפֿירט די קינדער, איז גראַד געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ און אין געשפּרעך מיט הערצענען האָט ער געזאָגט, אַז ער קען ניט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס מען פּייניקט די קינדער. הערצען האָט שפּעטער אין זיינע מעמואַרן דערציילט:

„איך האָב דערנאָך געזען ווי מען האָט געבראַכט די קינדער און זיי אויסגעשטעלט אין פֿראָנט. דאָס איז געווען איינע פֿון די שרעקלעכסטע בילדער, וואָס איך האָב געזען. אומגליקלעכע, אומגליקלעכע קינדער! די יינגלעך פֿון 13-12 יאָר האָבן זיך נאָך ווי עס איז געהאַלטן, אָבער די עופּהלעך פֿון 9-8 יאָר... דעם דאָזיקן שווידער קען ניט אויסמאָלן אַפֿילו דער שוואַרצסטער פּענדזל. בלייכע, אויסגעמאַטערטע, מיט דערשראָקענע פּנימלעך זיינען זיי געשטאַנען אין אומגעלומפּערטע, גראָבע סאָלדאַטסקע „שינעלן" מיט די שטייפֿע קאָלנערס, וואַרפֿנדיק עפּעס הילפֿלאָזע, קלאָגנדיקע בליקן אויף די סאָלדאַטן... פֿון זייערע בלייכע ליפּן, פֿון די בלויע צייכנס אונטער זייערע אויגן איז געווען קאָנטיק, אַז עס האָט זיי געפֿיבערט, אַז זיי זיינען געווען פֿאַרקילט. עס האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט און די קראַנקע קינדער, האָבן אָן הילף און אָן לאַסקע מאַרשירט אין קבר אַריין... איך האָב גענומען דעם אָפֿיצער פֿאַר דער האַנט, אים געזאָגט: „פּילעוועט זיי!" און האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיין קאַרעטע. טרערן האָבן מיך געשטיקט. איך האָב געפֿילט, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטן... וואָסערע אוממענטשלעכע געהיימע פֿאַרברעכנס עס ליגן טיף באַגראָבן אין די אַרכיוון פֿון ניקאָלאַיס מערדערישער, געוויסנלאָזער מלוכה!"...

פֿון וולאַדימיר איז הערצען אינגיכן טראַנספֿערירט געוואָרן אויף אַ שטעלע אין דער קאַנצעלאַריע פֿון דעם אינערן־מיניסטער אין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער זיך שנעל דערדינט צו אַ העכערן אַמט און עס האָט שוין

געהאַלטן ביי דעם, אַז מען זאָל אים באַשטימען פֿאַר אַ וויצע־גובערנאַטאָר, ווען די געהיים־פּאָליציי האָט איבערגעכאַפּט זיינעם אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין פֿאָטער, אין וועלכן ער האָט קריטיקירט די פּעטערבורגער פּאָליציי. די זשאַנדאַרן האָבן אים ווידער אַמאָל אַרעסטירט. אָבער דער אינערן מיניסטער, וועלכער האָט ליב געהאַט הערצענען, האָט אויסגע־פֿירט, אַז מען זאָל אים בלויז פֿאַרשיקן אויף אַ קלענערער שטעלע קיין נאָווגאָראָד. ווי אַ באַאַמטער האָט הערצען געטאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צו פֿאַרטיידיקן די פּויערים־שקלאַפֿן.

אין אַפּריל, 1842, האָט הערצען אַנגעגעבן אַ ביטע, אַז מען זאָל אים „צוליב קראַנקייט" באַפֿרייען פֿון זיין אַמט. מען האָט זיין פֿאַרלאַנג באַווי־ליקט און איינגיכן האָט מען אים דערלויבט צוריק צו באַזעצן זיך אין מאָסקווע. די איינציקע מעגלעכע טעטיקייט פֿאַר אים אין רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען ליטעראַטור. שוין אין 1843 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פּעטערבורגער און מאָסקווער זשורנאַלן אַ רייע אַרטיקלען און נאָוועלן, וואָס האָבן אים גלייך געשאַפֿן אַ גרויסן נאָמען. אין יאָר 1846 איז זיין פֿאָטער געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אים אַ גרויסע ירושה. הערצען האָט פֿאַר זיך דערזען אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן פֿון דער דעספּאָטישער רוסלאַנד, כאָטש פֿאַר אַ קורצער צייט. ער האָט בדעה געהאַט צו פֿאַרבלייבן אין אויסלאַנד נאָר איניקע מאָנאַטן. פֿאַרבליבן איז ער אָבער דאָרט אויפֿן גאַנצן לעבן, כדי פֿון אויסלאַנד אָנצופֿירן דעם קאַמף פֿאַר אַ פֿרייער רוסלאַנד.

דעם 19טן יאַנואַר, 1847, האָט אַ פּאַרטיע רייזנדע אין צוויי פֿאַרמאַכטע קאַרעטן באַדעקט מיט פֿוטערווארג פֿאַרלאָזן מאָסקווע. די פּאַרטיע איז באַ־שטאַנען פֿון צען פּערזאָנען: אַלעקסאַנדער הערצען, זיין פֿרוי נאַטאַליע, זייערע דריי קינדער (אַלעקסאַנדער אָדער סאַשאַ, זיבן יאָר אַלט; קאָליאַ, דריי יאָר אַלט, אַ טויבשטומער, און נאַטאַליע אָדער סאַטאַ, צוויי יאָר אַלט); הערצענס מאַמע, לואיזאַ האַאַג; צוויי יונגע פֿרויען, פֿריינט פֿון דער פֿאַ־מיליע; אַן אַלטער באַלטישער דייטש, הערצענס אַן אַמאָליקער לערער, און די קינדערס אַ ניאַנקע. אין דעם אויסלענדישן פּאַס, וועלכן הערצען האָט מיט גרויס שוועריקייט באַקומען, איז געווען געזאָגט, אַז ער פֿאָרט מיט דער פֿאַמיליע קיין דייטשלאַנד און איטאַליע צוליב דער ווייבס קראַנקהייט. גע־פֿאָרן איז ער אין דער אמתן קיין פּאַריז.

„בערלין, קעלן, בעלגיע — דאָס אַלץ האָט שנעל דורכגעשוועבט פֿאַר אונדזערע אויגן", האָט שפּעטער געשריבן הערצען. „מיר האָבן אויף אַלץ געקוקט האַלב־צושטרייט, פֿאַרביייגנדיק. מיר האָבן זיך געאיילט וואָס שנע־לער צו דערפֿאָרן און מיר זיינען ענדלעך דערפֿאָרן... קיין פּאַריז. איך בין,

אַלזאָ, ווירקלעך אין פּאַריז, ניט אין חלום, נאָר אויפן וואָר. וועגן דער מי־נוט האָב איך געטרוימט פון קינדוויי־אָן".

גאַנצע טעג האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן פון פּאַריז, באַ־טראַכטנדיק די אַלע היסטאָרישע פּלעצער, ווו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער שוין אין זיינע בריוו פון פּאַריז אין 1847 פילט זיך אַן אַנטוישונג אין פראַנקרייך.

„פראַנקרייך", האָט ער געשריבן אין איין בריוו, „איז אין מאָראַלישן הינזיכט קיינמאָל ניט געווען אַזוי געפאַלן ווי איצט. די דעמאָראַליזאַציע, די אויסגעלאַסנקייט איז אַריינגעדרונגען אומעטום: אין דער פאַמיליע, אין דער געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט, אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע. און אָט־די אויסגעלאַסנקייט איז ניט קיין ריטערישע, נאָר אַ קליינלעכע, אַ קרעמערישע".

די פּאַריז, איז וועלכער הערצען האָט זיך געפונען, איז ניט געווען די פּאַריז, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט — די פּאַריז פון רעוואָלוציע און פון מענטשן־רעכט, נאָר די פּאַריז פון דעם טריומפירנדן בורזשואַ און פון דער רעאַקציאָנערער מאָנאַרכיע. יעדער קלאַס פון פּאַריז, האָט ער זיך באַקלאָגט, איז פאַרטאָן נאָר אין זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן און וויל פון קיין אַנדער זאַך ניט וויסן. נאָכדעם ווי הערצען איז אָפּגעווען זעקס מאָנאַטן אין פּאַריז, האָט ער באַשלאָסן אויסצוואַנדערן מיט דער פאַמיליע קיין איטאַליע, וועלכע האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ פּאָליטישן פרילינג.

די הערצענס האָבן זיך באַזעצט אין רוים. דעם 2טן יאַנואַר, 1848, האָבן זיי דורך די פענסטער פון זייער ווילא געזען אַ ריזיקע פאָלקס־דעמאָנסטראַ־ציע, אין וועלכער דער עולם האָט הויך געפאָדערט פרייע פּרעסע. אין צען טעג אַרום האָט אין פּאַלערמאָ אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע און מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן די סאָלדאַטן פון סיציליע רעוואָלטירט. דער קעניג פערדינאַנד פון נעאַפּאָל האָט זיך דערשראָקן און האָט באַוויליקט דעם פאָלק אַ קאָנסיטוציע. הערצען איז געווען אין נעאַפּאָל און געזען ווי אַזוי דער קעניג האָט פון באַלקאָן פון זיין פּאַלאַץ זיך גענויגט פאַרן אויפגעשטאַנע־נעם פאָלק. דער ביישפּיל פון נעאַפּאָל איז געווען אָנשטעקנד. אין פאַרלויף פון די נעקסטע פּאָר טעג האָבן דער פּאַפּסט פּיוס דער 9טער און די קעניגן פון טאָסקאַנאַ און פון פּיעמאָנט אויך באַוויליקט קאָנסטיטוציעס אין זייערע קעניגרייכן (קיין פאַראייניקטע איטאַליע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען).

אין פעברואַר מאָנאַט איז אָנגעקומען די נייעס אַז אין פּאַריז האָט אויסגעבראָכן אַ נייע רעוואָלוציע און אַז דער קעניג לואי פיליפּ האָט אָפּגע־

ראנקט פֿון טראָן און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ רעפּובליק. הערצען האָט זיך שוין געהאַט איינגעלעבט אין איטאַליע. ער האָט שטאַרק ליב באַקומען דאָס דאָזיקע לאַנד און די איטאַליענישע מאַסן, אָבער ער האָט די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין ערשטער ליבע. זיין האַרץ איז געווען אין פּאַריז.

נאָך איידער עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע אין פֿראַנקרייך, האָבן די הערצענס געמאַכט אַ רייזע איבער די פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פֿון איטאַליע. זיי זיינען געפֿאָרן נישט אַליין, נאָר צו־זאַמען מיט אַ צווייטער רוסישער פֿאַמיליע מיטן נאָמען טוטשקאָוו, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון דעם פֿאָטער אַלעקסעי טוטשקאָוו, און זיינע צוויי טעכטער, יעלענאַ, 19 יאָר אַלט, און נאַטאַליע, 18 יאָר אַלט. אַלעקסעי טוטשקאָוו איז געווען אַ געבילדעטער ליבעראַלער פּריץ, וועלכער איז גע־ווען באַקאַנט מיט הערצענען נאָך פֿון רוסלאַנד. ער איז געווען אַ שכן פֿון הערצענס טייערסטן פֿריינט ניקאָלאַי אָגאַריאָוו. אין דער יוגנט איז אַלעקסעי טוטשקאָוו געווען אַ מיטגליד פֿון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט שפּעטער אָרגאַניזירט דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטאַנד אין רוסלאַנד, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע ווי דער אויפֿשטאַנד פֿון די דעקאַבריסטן. כאָטש טוטשקאָוו האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם אויפֿ־שטאַנד, האָט מען אים דאָך געהאַט אַרעסטירט, אָבער נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן אַ געוויסע צייט אין טורמע, האָט מען אים באַפֿרייט.

אין רוים האָבן די טוטשקאָווס זיך נאָענט באַפֿריינדעט מיט די הערצענס. טוטשקאָוו האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו הערצען און הערצענס פֿרוי, נאַטאַליע, האָט זיך פּשוט פֿאַרליבט אין טוטשקאָווס יינגערע טאָכטער, וועלכע האָט אויך געהייסן נאַטאַליע.

טוטשקאָוו, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין פֿראַנקרייך און האָט גוט געקענט די פֿראַנצויזישע ליטעראַטור, האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן וואָס הערצען רייסט אַזוי אַרונטער פֿראַנקרייך. „דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש", האָט ער איינמאָל אים געזאָגט, „אַז איר קענט נישט דאָס דאָזיקע לאַנד. עס וועט געגנוג זיין, אַז עס זאָל דאָרט פֿאַלן איין עלעקטרישער פֿונק און אַלץ וועט זיך ענדערן. וואָס ערגער עס דוכט זיך אונדז אויס, אַלץ שנעלער וועט קומען די רעוואָלוציע". און ער האָט טאַקע געטראָפֿן. סוף אַפּריל זיינען די הערצענס צוזאַמען מיט די טוטשקאָווס אָוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז.

הערצען איז געפֿאָרן קיין פֿראַנקרייך מיט אַ נייעם גלויבן אין איר רעוואָלוציאָנערער מיסיע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריז, דעם 5טן מאַי, איז די רעוואָלוציע שוין געווען צען וואָכן אַלט. שוין דעם 15טן מאַי

האָט הערצען געזען, אַז די רעוואָלוציע איז, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „טויטלעך פֿאַרוווּנדעט". יענעם טאָג האָבן 17 טויזנט אַרבעטלאָזע אַרבעטער מאַרשירט איבער די גאַסן פֿון פּאַריז, זינגענדיק די „מאַרסעליעזע" און פֿאָדערנדיק אַרבעט. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט דראָענדע אויסרופֿן קעגן דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך געעפֿנט דעם 4טן מאַי. די רעפּובליקאַנער אין דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זיינען געווען צוטיילט אין צוויי באַזונדערע לאַגערן און דערצו האָבן זיי נאָך געהאַט קעגן זיך אַ מעכטיקע אָפּאָזיציע פֿון אויסגעשפּראָכענע מאָנאַרכיסטן און רעאַקציאָנערן. די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע איז צוטריבן געוואָרן פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און אַ סך אַרבעטער פֿירער — די מענער, וועלכע זיינען געווען די העלדן פֿון דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע — זיינען אָן אַ משפּט איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע.

אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אָנהויב. דאָס ערגסטע איז געקומען מיט פֿינף וואָכן שפּעטער. דעם 23טן יוני האָבן אויסגעבראָכן אַרבעטער־אומרוען אין פּאַריז. די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו האַנדלען ענערגיש קעגן די אַרבעטער. די געהאָרכזאַמע מאַיאָריטעט פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג האָט פּראָקלאַמירט קריגס־צושטאַנד, האָט אויפֿגעלייזט די נאַציאָנאַלע פֿאַבריקן, וואָס זיינען איינגעפֿירט געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע מיטן צוועק צו שאַפֿן אַרבעט פֿאַר די אַרבעטסלאָזע, און דער גענעראַל קאַוועניאַק האָט באַקומען די פֿולמאַכט איינצושטעלן אָרדענונג. די שלאַכטן צווישן די אויפֿגעשטאַנענע אַרבעטער און דער רעגירונגס־מיליטער האָבן אָנגעהאַלטן דריי טעג צייט. דעם 25טן יוני, ווען הערצען איז אַרויס אויף דער גאַס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן פֿון אַן אָפּטיילונג פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. מען האָט אים אַרומגעשלעפּט פֿון איין פּאָסטן צום צווייטן און עס האָט קיין סך ניט געפֿעלט, אַז מען זאָל אים דערשיסן, פּונקט ווי מען האָט דעמאָלט דערשאָסן הונדערטער אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין דעם אויפֿשטאַנד דירעקט ניט באַטייליקט. ווען עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן ווער ער איז, האָט מען אים באַפֿרייט.

פֿון זייער האָטעל האָבן די הערצענס געהערט ווי די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט כסדר געשאָסן אין די אַרבעטער. טויזנטער אַרבעטער זיינען אויף אַזאַ אופֿן אויסגעשאָסן געוואָרן. עטלעכע טויזנט פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פֿון טויט, זיינען דערנאָך פֿאַראורטיילט געוואָרן צו קאַטאָרזשנער אַרבעט.

די זיגרייכע בורזשואַזיע האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מערער זיך באַפֿעסטיקט אין מאַכט. אין דעצעמבער, 1848, האָט די טראַגי־קאָמעדיע פֿון דער צוויי־

טער רעפּובליק זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס פּרינץ לואי נאַפּאָלעאָן איז דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק.

הערצען איז נאָך פֿריער געקומען צום שלוס, אַז די רעוואָלוציע האָט ניט אויף וואָס אָנצושפּאַרן זיך. „פֿון אונטן, — האָט ער געשריבן, — אַ מאַסע מיט אַ קינדערשער פּסיכאָלאָגיע און פֿון אויבן פּוסטע פּראַזעאָלאָגן מיזעראַבעלע „פֿאָלקס־פֿריינט" מיט לײדיקע נשמות".

נאָך די יוני־טעג זײנען די הערצענס פֿאַרבליבן אַליין אין פּאַריז. די טוטשקאָווס זײנען אין אויגוסט אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. אויך די אַנדערע רוסישע פֿריינט הערצענס האָבן פֿאַרלאָזן פּאַריז. נאָר דער נאָ־וועליסט איוואַן טורגעניעוו איז פֿאַרבליבן דעם ווינטער פֿון 1848־1849 אין פּאַריז. טורגעניעוו איז געווען אַן אײפֿריכטיקער ליבעראַל און הער־צענס אַ פֿריינט נאָך פֿון רוסלאַנד. אַזוי לאַנג ווי די טוטשקאָווס זײנען געווען אין פּאַריז, פֿלעגט טורגעניעוו קומען צו הערצענען שפּילן שאַכמאַט מיט טוטשקאָוון און געבען קאָמפּלימענטן נאַטאַליע הערצען. נאָך זייער אַוועקפֿאָרן פֿלעגט ער ווייטער קומען צו די הערצענס, אָבער אין אַלגעמיין איז הערצענען געווען זייער אומעטיק אויפֿן האַרצן. די רעאַקציע האָט געזיגט אין גאַנץ אייראָפּע. אין עסטרייך, אין דייטשלאַנד — אומעטום האָט מען פֿאַרפֿאָלגט די פֿרייהייטס־ליבנדע מענטשן און זיי זײנען געלאָפֿן פֿון דאָרט. אַ טייל זײנען געקומען קיין פּאַריז. נאָך פֿריער איז קיין פּאַריז גע־קומען דער אַנטלאָפֿענער פֿון דייטשלאַנד רעוואָלוציאָנער און דיכטער געאָרג הערוועג, אַ פֿריינט פֿון קאַרל מאַרקס. ער איז געווען אַ הויכער, שיינער יונגערמאַן און זייער אַ באַלעזונער. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין פֿילאָזאָפֿיע, געשיכטע און ליטעראַטור און האָט געקענט שיין ריידן. זיין פֿרוי איז געווען פּונקט דער היפּוך פֿון אים: פֿון מיטעלן וווּקס און זייער אַ מיאוסע. איר פֿאָטער איז געווען אַ רייכער דייטשער זיידן־סוחר, אַ געשמדטער ייד. קיין פּאַריז איז הערוועג געקומען מיט דעם אָרעאָל פֿון אַ קעמפֿער פֿאַר דעמאָקראַטיע. הערוועגס פֿרוי, עמאַ, האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס און קיין געלט האָט איר אויך ניט געפֿעלט, האָט זי באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אין פּאַריז אַ לעגיאָן פֿון דייטשע, פּוילישע און אַנדערע דעמאָקראַטן, וואָס זאָל אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון איר מאַן מאַרשירן קיין דייטשלאַנד צו קעמפֿן דאָרט פֿאַר אַ רעפּובליק. אָזאַ לעגיאָן איז טאַקע באַלד געשאַפֿן געוואָרן. הערוועג און עמאַ האָבן זיך געשטעלט אין שפּיץ פֿון אים און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן קיין באַדן. ביי דעם ערשטן צוזאַמענ־שטויס אָבער מיט דער אַרמיי פֿון באַדען האָט זיך דער לעגיאָן צוריקגע־צויגן. עמאַן האָט זיך קוים מיט צרות איינגעגעבן צו ראַטעווען איר מאַן. הייַנריך היינע, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אין פּאַריז און האָט ניט

ליב געהאַט הערוועגן, האָט זיך דערנאָך געוויצלט, אַז הערוועג קען ניט פֿאַרטראָגן דעם ריח פֿון פּולווער, פּונקט ווי געטע האָט ניט געקענט פֿאַר־טראָגן דעם ריח פֿון טאַבאַק.

קיין פּאַריז האָט הערוועג זיך צוריקגעקערט אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. קיין רעוואָלוציאָנערער פֿירער איז ער ניט געוואָרן און עמאַס קאַפּיטאַלן האָבן זיך אויך אויסגעשעפּט. עמאַס טאַטע, וועלכער איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער מענטש, האָט אויפֿגעהערט צו שטיצן די טאָכטער ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי מיט איר מאַן זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן לעגיאָן וואָס האָט מאַרשירט אויף באַדען.

אָט אין יענער צייט איז דער שיינער, בלאַסער פּריוויטס־פּאָעט, וועלכער האָט געקענט אַזוי שיין ריידן און דיסקוטירן איבער פֿאַרשיידענע פֿראַגן, געוואָרן אַן אָפֿטער אַריינגייער צו הערצענען אין הויז. מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם איז אין דער שווייץ אַרויס אַ זאַמלונג פֿון הערוועגס לידער און דאָס ביכל האָט אים שנעל באַרימט געמאַכט אין די רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע קרייזן פֿון גאַנץ אייראָפּע.

מיט אַ צוויי יאָר איידער הערצען האָט פֿאַרלאָזן מאָסקווע, האָט ער דאָרט אָפּגעדרוקט אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „קטאָ ווינאָוואַט?" (ווער איז שולדיק?). אין דעם ראָמאַן האָט ער געשילדערט ווי אַזוי אַ ראָמאַנטישער יונגערמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ ראָמאַנטישער פֿריילין, און אין אייניקע יאָר אַרום נאָך זייער חתונה איז אויף דער סצענע דערשינען אַ רייכער, אינטעליגענטער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך פֿאַרליבט אין איר און זי אין אים און זיי זיינען ניט בכוח צו באַהאַלטן זייער ליידנשאַפֿט פֿון איר מאַן. הערצען האָט געשילדערט אַזאַ לאַגע, וועלכע ווערט אין דער מאָדערנער אַמעריקאַנער בעלעטריסטיק אָנגערופֿן „אַ טראַיענגעל" (אַ דריי־עק). הערצען האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי צו לייזן דעם דאָזיקן „טראַיענגעל", דערפֿאַר האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „ווער איז שולדיק?" אים האָט זיך זיכער דעמאָלט ניט געחלומט, אַז אין פֿינף יאָר אַרום וועט ער אַליין ווערן דער העלד פֿון אַזאַ ראָמאַן.

הערוועג האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו די הערצענס אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער. ער פֿלעגט קומען מערסטנס אַליין, אָן דער ווייב. נאָך זעקס יאָר פֿון פֿאַרהייראַטן לעבן האָט ער באַמערקט, אַז זי רעדט צו הויך און אַז אירע מאַניערן זיינען אָפֿט צו אַגרעסיוו. זי איז, אגב, שוין איצט געווען דעם דריטן מאָל שוואַנגעריק. הערוועג איז געקומען צום שלום, ווי ער האָט שפּעטער געזאָגט הערצענען, אַז ער האָט „ווייניק געשמאַק און נאָך ווייניקער טאַלאַנט" פֿאַר אָט דער העסלעכער אינסטיטוציע, וואָס הייסט „פֿאַמיליען־לעבן". הערצען האָט ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן און פֿאַר־

ברענגען, און ער האָט אים דערמוטיקט צו קומען צו זיי וואָס אָפטער. אָבער נאָך מער ווי הערצענען איז הערוועג געפעלן נאַטאַליען. איר האָט פון אָנהויב זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז אַ שוואַך קינד, וואָס איז נעבעך געשטראָפט געוואָרן מיט אַ ווייב וועלכע פאַרשטייט אים ניט, און אַז ער נויטיקט זיך שטאַרק אין לאַסקע און אין שוץ, און ביסלעכווייז האָט זי זיך אין אים פאַרליבט. זי האָט אין אים געזען די פאַרקערפּערונג פון איר אידעאַל פון מענערשער שיינקייט און דאָס וואָס ער איז געווען אַ באַרימטער דיכטער, האָט פאַרפאָלקאָמט איר בילד פון דעם ראָמאַנטישן העלד.

3

נאַטאַליע האָט ליב געהאַט הערצענען, אָבער נאָך אין מאָסקווע האָט זי זיך ניט געפילט גליקלעך אין איר פאַמיליען־לעבן. הערצען פלעגט פאַרברענגען די צייט אין מאָסקווער סאַלאָנען, אויף פאַרזאַמלונגען מיט זיינע פריינט און אין פילאָזאָפישע דיסקוסיעס. פאַר דער אייגענער הויז און דער אייגענער פאַמיליע פלעגט ביי אים פאַרבלייבן ווייניק כחות און נאָך ווייניקער פרייע צייט. ער פלעגט אַליין איר זאָגן, אַז ער איז ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר אַ פאַמיליען לעבן. ער האָט איר אויפריכטיק און שטאַרק ליב געהאַט, אָבער קיין ליבע, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין, קען ניט ענדערן די געבוירענע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ מענטש.

נאַטאַליע, ווידער, האָט קיינמאָל ניט געקענט שלום מאַכן מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. זי איז אין האַרצן געווען אויפגעבראַכט אויף אים דערפאַר וואָס ער איז קיין מאָל אין הויז ניטאָ, און זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס ער איז שטענדיק צושטרייט. זי האָט דורך דער צייט פון זייער צוזאַמענלעבן גייסטיק זיך אַנטוויקלט און אין דער צייט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט איינזיצן אין הויז, איז זי געווען ווי צוגעשמידט צו דער הויז. זי איז כמעט שטענדיק געווען אָדער שווענגעריק אָדער זי האָט געקרענקט. אינגיכן נאָך דעם ווי זיי זיינען אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער פאַרצווייפלונג ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס זי האָט צוויי מאָל מפּיל געווען און ניט אַפילו צוליב דעם, וואָס הערצען האָט איר ניט געשענקט גענוג אויפמערקזאַמקייט, נאָר צוליב איין געשעעניש, וואָס האָט שטאַרק פאַרווונדעט איר צאַרטע נשמה. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איר אַלעקסאַנדער, ווען זי האָט אַזוי פאַרגעטערט, האָט איר פאַרראַטן, און מיט וועמען? מיט דער הויז־מיידל, וואָס האָט ביי זיי געדינט. הערצענען האָט נאָך דעם דער געוויסן שטאַרק געפּלאָגט און ער האָט די

דינסט דערוווּיטערט פון זיך. אויס נקמה צו אים האָט די דינסט אַלץ דערציילט דער באַלעבאָסטע. נאַטאַליע האָט זיך געמאַכט, אַז זי ווייסט פון קיין זאַך נישט. הערצען אָבער האָט באַמערקט, אַז זי איז שטענדיק פאַרומערט און פאַרטראַכט. ער האָט געדענקט, אַז דאָס קומט פון איר קראַנקייט. מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם האָט זי געבוירן אַ קינד, וואָס האָט געהאַט וואַסער אין קאָפּ, און דאָס קינד איז אין פינף טעג אַרום געשטאָרבן. נאַטאַליע האָט כסדר געהאַלטן אין וויינען. די אמתע סיבה פון דעם איז געווען וואָס די געשיכטע, וואָס די דינסט האָט איר דערציילט, האָט איר ווי אַ דונער געטראָפן. איר האָט זיך געדוכט, אַז זייער ריינער, איי־דעאַלער פאַמיליען־לעבן איז אויף שטענדיק צושטערט און פאַרשמוצט געוואָרן, און איר באַליבטער אַלעקסאַנדער איז אין אירע אויגן נידעריק געפאַלן.

הערצען האָט אינגיכן פאַר איר אַליין זיך מודה געווען. ער האָט איר מיט אַלע איינצעלהייטן דערציילט אונטער וועלכע אומשטענדן דאָס איז געשען און ווי אַזוי זיין געוויסן האָט דערנאָך אים שטאַרק געמאַטערט, וואָס ער האָט איר אַזוי פאַרראַטן, און ער האָט געבעטן ביי איר מחילה. אינגיכן האָט זי פאַרשוווּנגערט צום פינפטן מאָל און הערצען האָט געהאָפט, אַז דער טרויעריקער אינצידענט איז ליקווידירט און האָט נישט איבער־לאָזט נאָך זיך קיינע שפּורן אין איר נשמה.

הערוועג האָט זיך באַוויזן אויף זייער האָריזאָנט אין אַ זייער קריטישן מאָמענט פון זייער פאַמיליען־לעבן. הערצען האָט אויך אין פּאַריז די מערסטע צייט פאַרבראַכט נישט אין הויז. אירע אָנגעשטרענגטע גייסטיקע איבערלעבונגען האָט ער נישט באַמערקט. ער איז געווען צופרידן און רואיק. אָנהויב יוני האָט די פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע אין דער וווינונג, וועלכע הערצען האָט געדונגען פאַרן זומער. הערצען האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים נישט אַרעסטירן, איז ער אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט תיכף אַנטלאָפן קיין זשענעוואַ. נאַטאַליע מיט די קינדער האָבן געדאַרפט אים נאָכפאָלגן אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך. הערוועג האָט געפילט, אַז ער איז אויך אין געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, אַ חוץ דעם האָט ער זיך נישט גע־וואָלט שיידן מיט די הערצענס. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז אויך אַנט־לויפן, און וואָס קען נאָך זיין באַקוועמער פאַר אים ווי באַגלייטן נאַטאַ־ליען מיט אירע קינדער אויף זייער אויסמאַטערנדער רייזע. פאַר זייער אַוועק־פאָרן קיין זשענעוואַ האָבן זיי געהאַט אַ פאַמיליען־פּיקניק, און דאָרט האָט הערוועגס פרוי, עמאַ, מיט איר שאַרף אויג צום ערשטן מאָל באַמערקט אין איר מאַן די באַקאַנטע סימפּטאָמען פון אַ סענטימענטאַלן אינטערעס אין נאַטאַליען. זי האָט עס אים נאָך אין דער זעלבער נאַכט פאָרגעוואָרפן, אָבער

ער האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז זי האָט ניט קיין שום אורזאַך אים צו פֿאַר־דעכטיקן אין דעם. אין צוויי טעג אַרום זיינען זיי אָפּגעפֿאָרן פֿון פּאַריז. עמאַן האָט מען ניט איינגעלאַדן מיטצופֿאָרן מיט זיי. דעם 10טן יולי זיי־נען די רייזנדע מיט דער פּאָסט־פֿור אָנגעקומען קיין זשענעוואַ אין מיטן פֿון אַ שרעקלעכן געוויטער־שטורעם.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט נאַטאַליע אַוועקגעשיקט אַ לאַנגן בריוו צו עמאַן, אין וועלכן זי האָט איר געשריבן:

„אייער טייערער איז ווירקלעך גרויסאַרטיק. איר קענט זיך גאָרניט פֿאָר־שטעלן ווי פֿריינטלעך ער איז געווען צו אונדז, איבערהויפּט צו טאַטן. עס פֿרייט מיך וואָס איך האָב אים קענען געלערנט אין דער באַציאונג. וואָס פֿאַר אַ רייכע נאַטור! איך זאָג דאָס ניט אייך צו חנפֿנען".

הערצען, וועלכער איז געווען אַריינגעטאָן אין פּאָליטיק, איז שטענדיק געווען פֿאַרנומען, קאָנפֿערירנדיק מיט זשענעווער פּאָליטיקער און מיט פּאָליטישע עמיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און מיט קאָרעספּאָנדירן מיט זיינע פֿריינט אין פּאַריז.

„איך באַוויין די רעוואָלוציע פֿון 24טן פֿעברואַר, וואָס האָט זיך אַזוי גרויסאַרטיק אָנגעהויבן און איז אַזוי באַשיידן אומגעקומען", האָט ער געשריבן צו איינעם פֿון זיינע פֿריינט. „די רעפּובליק איז געווען מעגלעך — איך האָב זי געזען, איך האָב געאָטעמט מיט איר לופֿט. די רעפּובליק איז געווען ניט קיין טרוים, נאָר אַ פֿאַקט, און וואָס איז פֿון איר געוואָרן? איך האָב אויף איר מיטלייד, פּונקט ווי איך האָב מיטלייד אויף איטאַליע, וועלכע האָט דערוואַכט, כדי אויפֿן צווייטן טאָג אַזוי באַזיגט צו ווערן, און פּונקט אַזוי ווי מיך פֿאַרדריסט פֿאַר דייטשלאַנד, וועלכע איז אויפֿגע־שטאַנען אין איר גאַנצן וווּקס, כדי דערנאָך צו פֿאַלן צו די פֿיס פֿון אירע דרייסיק אַדעליגע. מיך פֿאַרדריסט וואָס די מענטשהייט האָט זיך ווידער אָפּגערוקט אויף צוריק אויף אַ גאַנצן דור, וואָס די באַוועגונג איז ווידער אָפּגעשטעלט געוואָרן".

נאָך מיט אַ צייט פֿריער האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן אין אויסלאַנד.

אין אַ בריוו צו זיין פֿריינד האָט ער געשריבן:

„די פֿרייהייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איז די גרעסטע זאַך. אויף איר און נאָר אויף איר קען אויסוואַקסן אַ ווירקלעכער פֿאָלקס־ווילן...

„די צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד איז געפֿערלעך פֿאַר איראָפּע און פֿול מיט געפֿאַר פֿאַר איר אַליין... נאָך אַ יאָרהונדערט פֿון אַזאַ דעספּאָטיזם ווי איצט, און אַלע גוטע אייגנשאַפֿטן. פֿון דעם רוסישן פֿאָלק וועלן פֿאַרשווינדן.

„אויב איר זייט אין דעם איבערצייגט, וועט איר איינשטימען, אַז פֿאַרבלייבן דאָ איז מיין רעכט, מיין פֿליכט. דאָרט, ווו דאָס וואָרט איז ניט אָפּגעטויט, איז די זאַך ניט פֿאַרלוירן. פֿאַר אָט דעם אָפֿענעם קאַמף, פֿאַר אָט דער פֿרייער רעדע פֿאַרבלייב איך דאָ. פֿאַר איר גיב איך אַוועק אַלץ, אַ טייל פֿון מיין פֿאַרמעגן און פֿיליכט וועל איך אויך אַוועקגעבן מיין לעבן אין די רייען פֿון דער ענערגישער מינדערהייט פֿון די „פֿאַרפֿאָלגטע, אָבער ניט נידערגעשלאָגענע".

ער האָט זיך געגרייט אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג דורך דער הילף פֿון אַ פֿרייער פּרעסע און אין דער זעלבער צייט באַקענען אייראָפּע מיט דער לאַגע אין רוסלאַנד.

הערצען און נאַטאַליע זיינען געווען מער פֿאַראינטערעסירט אין „פֿאַר-פֿאָלקאָמען" זיך אַליין. יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגט הערוועג קומען צו נאַטאַליען אין צימער פֿאַר אַ רוסישער לעקציע. „איך פֿאַרברענג אַ האַלבן טאָג, לער-נענדיק די רוסישע שפּראַך", האָט ער געשריבן אין איינעם פֿון זיינע זעלטע-נע בריוו צו עמאַן. „איך האָב אין דעם געפֿונען אַ נייעם קוואַל פֿון פּאָעזיע". נאָך פֿרישטיק פֿלעגט נאַטאַליע מיט סאַשאַן (איר יינגל) גיין צו הערוועגן פֿאַר אַ לעקציע אין באָטאַניק. די איבעריקע צייט פֿון טאָג פֿלעגן זיי פֿאַר-ברענגען אין שפּאַצירן.

אין אויגוסט האָבן נאַטאַליע און הערוועג זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַן עקסקורסיע קיין מאָנטרע און געקלעטערט דאָרט אויף די בערג. דאָ האָט הערוועג געגעבן נאַטאַליען אַ צווייגל מיט גלאַנציקע בלעטער, וועלכע זי האָט אַריינגעשטעקט אין איר הוט און דערנאָך עס דאָרט שטענדיק געהאַלטן. דאָרט האָבן זיי צוזאַמען געגעסן „פֿיליבכען" (אַזוינע ניסלעך מיט צוויי יאָדרעס) און דאָ האָבן זיי אַ לענגערע צייט פֿאַרבראַכט, דערקלערנדיק זיך איינע די אַנדערע אין ליבע.

דאָ, אויפֿן באַרג אין מאָנטרע, האָט זיך אָנגעהויבן הערצענס גרויסע פֿאַמיליע-טראַגעדיע, מיט וועלכער עס האָט שפּעטער געקלונגען די גאַנצע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע אייראָפּע, די איינצלהייטן פֿון וועלכער עס זיינען באַקאַנט געוואָרן ערשט אין די לעצטע יאָרן.

דעם גאַנצן הערבסט פֿון 1849 זיינען נאַטאַליע הערצען און איר געליב-טער, דער דייטשער דיכטער געאָרג הערוועג געווען פֿאַרזונקען אין די נעגנבעטע מאָמענטן פֿון לײדנשאַפֿט. הערצען איז געווען שטאַרק פֿאַרטאָן אין זיינע פּאָליטישע און ליטעראַרישע ענינים און ער האָט קיין זאַך ניט באַ-מערקט. ער האָט אין פֿאַרלויף פֿון יענע מאָנאַטן אָנגעשריבן אַ וויכטיקן פּאַמפֿלעט אין פֿראַנצויזיש „וועגן רוסלאַנד" און דער פּאַמפֿלעט איז געווען געווידמעט צו „ג. ה.", דאָס הייסט, צו גוסטאַוו הערוועגן נאָך הערוועגס

פֿרוי, עמאַ, האָט עפּעס יאָ פֿאַרדעכטיקט און ניט פֿאַרדעכטיקט און האָט זיך געפֿילט זייער ניט־גליקלעך אין פּאַריז.

אין אָקטאָבער איז נאַטאַליע ווידער שוואַנגעריק געוואָרן, אָבער זי האָט אינגיכן מפּיל געווען. הערזוועג האָט געדענקט, אַז דאָס קינד איז געווען זײַנס.

אין דעצעמבער האָבן די הערצענס זיך אַריבערגעקליבן קיין ציריך, ווו מען האָט דעם טויב־שטומען יינגל קאָליאַ אַרײַנגעגעבן אין אַ ספּעציעלער שולע. הערזוועג איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בערן. מיט אַ פּאָר טעג קריסט־מעס איז הערצען אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער באַזוכט עמאַן און זי האָט זיך פֿאַר אים שטאַרק באַקלאָגט אויף איר מאַן, אַז ער פֿאַר־נאַכלעסיקט זי. הערצען האָט גלייך אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו הערזוועגן, אין וועלכן ער האָט אים שטאַרק געטאַדלט פֿאַר דעם.

הערזוועג איז דערווײַל געקומען קיין ציריך צו נאַטאַליען און עס האָט געראָד אַזוי פּאַסירט, אַז דעם זעלבן טאָג, וואָס הערצען האָט אַוועקגעשיקט דעם בריוו צו הערזוועגן, האָט ער פֿון נאַטאַליען באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט אויסגעדריקט איר גרויסע באַגײַסטערונג פֿאַר הערזוועגן. צום ערשטן מאָל האָט הערצען אַ טראַכט געטאָן אַז נאַטאַליע און הערזוועג געפֿינען זיך איצט צוזאַמען אין ציריך און ער אַליין איז אין פּאַריז. ער האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ער האָט אָבער ניט געוואָגט מודה צו זײַן זיך אַפֿילו נאָר פֿאַר זיך אַליין, אַז ער פֿאַרדעכטיקט נאַטאַליען אין אומטרייהייט. אָבער דער געדאַנק, אַז נאַטאַליע איז פֿאַרליבט אין הערזוועגן, האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט. דעם 9טן יאַנואַר, 1850, האָט ער איר אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער האָט איר באַשריבן וואָס ער פֿילט און ער האָט איר געבעטן, אַז זי זאָל גוט „עקזאַמענירן" איר האַרץ און זי זאָל זײַן אויפֿריכטיק מיט זיך אַליין און מיט אים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער באַקומען פֿון נאַטאַליען אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן זי האָט אים דערציילט, אַז זי זיצט כסדר און טראַכט און וויינט. קיין קלאָרן ענטפֿער אויף זײַן פֿראַגע האָט זי אים אָבער ניט געגעבן. ער האָט דערפֿאַר באַשלאָסן צו ריידן מיט איר אָפֿענע דיבורים. „אין דײַן בריוו", האָט ער איר געשריבן, „איז דאָ אַ נייער טאָן, אַ טאָן ניט פֿון פֿאַר־דרוס, נאָר פֿון עפּעס אַנדערש... די צוקונפֿט איז נאָך אַלץ אין אונדזערע הענט און מיר דאַרפֿן האָבן דעם מוט צו גיין ביז אַרונטער. געדענק, אַז אַזוי שנעל ווי דער סוד, וואָס פּלאָגט אונדזערע הערצער, וועט אַרויסגע־בראַכט ווערן אין דער עפֿנטלעכקייט, וועט אָדער הערזוועג דערשײַנען ווי אַ פֿאַלשער טאָן אין אונדזער האַרמאָניע אָדער איך... איך בין גרייט מיט סאַשאַן (זייער עלטערן יינגל — ד. ש.) אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע און דעמאָלט וועלן מיר זען וואָס עס וועט פּאַסירן... דאָס וועט זײַן שווער פֿאַר

מיר, אָבער איך וועל זיך באַמיען דאָס אַריבערצוטראָגן. פֿאַרבלייבן וועט דאָ וואָלט געוועזן נאָך שווערער און איך קען עס ניט אַריבערטראָגן".

נאַטאַליען האָט דעם מאַנס בריוו ווי אַ דונער געטראָפֿן. זי האָט ניט געקענט טראַכטן אַפֿילו וועגן פֿאַרלאָזן הערווען. זי האָט אָבער אויך ניט געקענט אַפֿילו נאָר חלומען וועגן איבערלאָזן אַלעקסאַנדערן און אירע קינדער. זי האָט דעריבער באַשלאָסן ווייטער צו נאַרן דעם מאַן. הערווען האָט זי קיין זאַך ניט דערציילט. זי האָט תיכף איינגעפּאַקט אירע זאַכן און איז צוזאַמען מיט די קינדער אַוועקגעפֿלויגן קיין פּאַריז. הערווען האָט זי געזאָגט, אַז אַלעקסאַנדער איז קראַנק און ער האָט קיין מאָל ניט געוווּסט די אמתע סיבה פֿאַרוואָס זי איז פּלוצלונג אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז.

אין פּאַריז האָט נאַטאַליע זי באַמיט צו באַרויקן הערצענען. זי איז ווידער אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דעם מאַנס איינפֿלוס. די לײַדנשאַפֿט צו איר געליבטן איז פֿון דער ווייטנס אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן. אין גיכן איז זי ווידער אַמאָל שוואַנגעריק געוואָרן און הערצען האָט זיך צוריק פֿולשטענדיק באַרויִקט.

נאַטאַליע האָט אויך שטאַרק מיטגעפֿילט עמאַס לײַדן און זי האָט, פּונקט ווי הערצען, געטאַדלט פֿאַר דעם הערווען, פֿאַרגעסנדיק דערבײַ, אַז זי אַליין איז טיילווײַז שולדיק אין דעם וואָס הערווע האָט פֿאַרנאַכלעסיקט זײַן פֿרוי. נאַטאַליעס פֿאָרוווּרף האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף הערווען. אין פֿעברואַר, 1850, האָט הערווע איינגעלאַדן עמאַן, אַז זי זאָל אים באַזוכן אין ציריך. פֿאַר עמאַן איז ניט געווען קיין נײַעס, אַז איר מאַן זאָל זיך פֿאַרליבן אין אַן אַנדער פֿרוי און פֿירן מיט איר אַ ראָמאַן. זי איז שטענדיק געווען זיכער, אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך צוריק אומקערן צו איר, ווײַל נאָר זי אַליין פֿאַרשטייט אים, איז אים איבערגעבען מיט לײַב און לעבן און היט אים אָפּ ווי די אויג אין קאָפּ.

עמאַ האָט הערווען ניט געזען אַכט מאָנאַטן צײַט, זינט ער האָט צוזאַמען מיט נאַטאַליען פֿאַרלאָזן פּאַריז. זי האָט דערוואַרטעט, אַז ער זאָל פֿאַר איר זיך מודה זײַן אין פֿיזישער אומטרייהייט צו איר. צו אַזוינע זאַכן איז זי שוין געוווינט געווען. דעם מאָל, אָבער, האָט זי דערפֿילט, אַז ער איז געוואָרן עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש און אַז ער באַהאַלט עפּעס פֿון איר. ענדלעך האָט ער די לעצטע נאַכט פֿאַר איר אָפּפֿאָרן פֿון ציריך איר אַלץ דערציילט וועגן זײַן ליבע צו נאַטאַליען און וועגן זייערע אינטימע באַציאונגען. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני פֿאַר עמאַן און זיך געבעטן בײַ איר, אַז זי זאָל אים ניט פֿאַרראַטן און אויך ניט פֿאַרלאָזן און ער האָט צוגעגעבן, אַז ווען זי זאָל עס טאָן, וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד, ווײַל ער קען אָן איר, אָן עמאַן, ניט לעבן.

עמאַ איז געווען שטאַרק גערירט פֿון דעם מאַנס „ווידוי”. זיינע ווער־טער זיינען געווען ווי אַ באַלזאַם אויף איר פֿאַרווונדעטער האַרץ. קומענדיק קיין פּאַריז האָט זי גלייך געפֿונען פֿאַר נויטיק צו לאָזן וויסן נאַטאַליען, אַז זי ווייסט אַלץ און אַז זי קען מיט איין וואָרט צושטערן דעם פֿאַלשן גן־עדן, וועלכן נאַטאַליע האָט געשאַפֿן פֿאַר הערצענען. אָבער עמאַ האָט ניט בדעה געהאַט דאָס צו טאָן. זי איז אויף דעם ניט געווען פֿעאיק. זי האָט אַנשטאָט דעם פֿאָרגעלעגט צו זיין די פֿאַרמיטלערין צווישן הערווען און נאַטאַליען. זי וועט איר איבערגעבן די געהיימע בריוו, וואָס הערוועג וועט איר שיקן. נאַטאַליע האָט פֿון אָנהויב ניט געוואָלט הערן פֿון דעם, אָבער עמאַ האָט איר שטאַרק צוגערעדט צו דעם און צו הערווען האָט זי געשריבן: „איך בין דאָך ניט קיין פֿרעמדע. מיין ראָלע קען זיין אַ דערנידערונג פֿאַר אייך ביידע. אָבער ווייניקסטן וועט אַלעקסאַנדער ניט ליידן”. נאַאַטליען האָט זי געזאָגט, אַז עס איז איר, נאַטאַליעס פֿליכט, „אָדער אויסצוהיילן געאָרגן אָדער מאַכן אים גליקלעך” און אויב זי האָט אים ווירקלעך ליב, דאַרף זי פֿאַרלאָזן דעם מאַן און די קינדער און פֿאַרבינדן איר גורל אויף שטענדיק מיט אים. ווען נאַטאַליע האָט געענטפֿערט, אַז זי וועט קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזן הערצענען, האָט עמאַ אויסגערופֿן טריאומפֿירנדיק, אַז זי האָט אַלעמאָל געדענקט, אַז „נאַטאַליעס געפֿילן צו הערווען זיינען בלויז ליידנשאַפֿטלע־כער עקסטאַז, נישט קיין אמתע ליבע”.

פֿאַר איין גאַנג האָט זי שוין אויך דערציילט נאַטאַליען, אַז זי איז נאָר איינע פֿון אַ גאַנצער רייע פֿרויען, מיט וועלכע הערוועג האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אַ גוטן טאָג און דערנאָך זיי אַוועקגעוואָרפֿן. זי האָט איר פֿאַרויסגעזאָגט, אַז אויך זי וועט הערוועגן שנעל דערעסן און ער וועט זיך צוריקקערן צו איר, צו עמאַן, ווי דאָס איז שוין פֿריער פֿיל מאָל געשען.

ווען עמאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז נאַטאַליע שוואַנגערט, האָט זי גלייך געלאָזט וויסן וועגן דעם הערווען. און דער איינדרוק, וואָס דאָס האָט גע־מאַכט אויף הערוועגן, איז געווען אַזאַ ווי זי האָט דערוואַרט. הערוועג איז געוואָרן שטאַרק אייפֿערזיכטיק און האָט אָנגעשריבן נאַטאַליען אַ בריוו, וואָס האָט איר „צו שטאַרק, צו גרויזאַם וויי געטאָן”. און זי האָט אים גלייך געענטפֿערט: „מיין קינד, מיין טייערער מלאך,” האָט זי גע־שריבן, „איך פֿאַרשטייט דיך. ווען איך וואָלט געווען אַ מאַן, דענקסטו, וואָלט איך אַנדערש געפֿילט? געדענקסטו ווי דו האָסט געזאָגט, אַז דו וועסט דערקענען דיין קינד אָן אַ קליינעם צייכן, וואָס דו האָסט אויף דיין אונטערשטער ליפּ? דו האָסט דעמאָלט צוגעלאָזן די מעגלעכקייט פֿון אַן אַנדער קינד, וואָס וועט ניט זיין דיינס — און ווירקלעך, אָן אַט דער מעג־לעכקייט, קען דען דער אַנדערע עקזיסטירן? געאָרג, מיין ליבע איז מער

זעלבסטשטענדיק, גרעסער און געוואַגטער... דו האָסט געזאָגט, אַז קיינער אין דער וועלט טאָר ניט וויסן, אַז דאָס איז דיין קינד, אַפילו ניט דאָס קינד איצט, ווען דו ביסט ניטאָ און איך וועל עס תמיד זיין, אַפילו ווען איך געזאָגט, אַז איך האָב קיינמאָל זיך ניט איבערגעגעבן צו קיינעם אַזוי ווי צו דיר? איך בין געווען אַ מיידל איידער איך האָב דיך דערקאָנט, איך בין דאָס איצט, ווען דו ביסט ניטאָ און איך וועל עס תמיד זיין, אַפילו ווען איך זאָל האָבן נאָך צען קינדער. איז דאָס נישט גענוג פאַר דיר?"...

דער בריוו איז איינער פון די 150 בריוו, וואָס נאַטאַליע האָט געשריבן, צו הערווען אין די זיבן מאָנאַטן, פון יאַנואַר ביז אויגוסט, 1850, ווען זיי זיינען געווען צושיידט. אייניקע פון די בריוו זיינען געשריבן געוואָרן מיט דעם ציל אַז הערצען זאָל זיי פריער לייענען. די מערסטע, אָבער, זיינען געווען געהיימע ליבעס־בריוו.

הערוועג האָט איר פאַרגוואָרפן, וואָס זי גיט ניט אויף אַלץ און קומט ניט צוריק צו אים קיין ציריך. און זי האָט אים געענטפערט:

„דו רעדסט אויף דער ערשטער זייטל פון דיין בריוו אַזוי ווי דו וואָלסט פרובירט זיך רעכטפערטיקן פאַר דיין ליבע צו מיר, אַזוי ווי דו וואָלסט פרובירט באַשולדיקן מיך און מיך אַליין פאַר דעם. אָה, איך דאַנק דיר! גיב מיר אַלץ, איר נעם אַלץ אויף זיך. איך וויל אַלץ, איך וויל זיין איך אַליין די סיבה פון מיין ליבע צו דיר און פון דיין ליבע צו מיר. יע, אויב דאָס איז אַ פאַרברעכן, וויל איך זיין די פאַרברעכערין, איך אַליין, אַלץ, אַלץ! אַפליי־קענען דאָס וואָלט געמיינט צו פאַרלייקענען מיין עצם עקזיסטענץ".

אין יעדן בריוו האָט זי אָבער ניט פאַרפעלט צו פאָדערן פון אים, אַז קיין זאַך וואָס עס איז צווישן זיי פאַרגעקומען און קיין איינציק וואָרט פון דעם וואָס זי האָט אים ווען געזאָגט אָדער געשריבן זאָל קיינמאָל ניט דער־גיין צו הערצענען. כמעט אין איר יעדן ליבעס־בריוו פלעגט זי אים דערמאָנען, אַז ער זאָל למען השם דעם בריוו תיכף פאַרברענען. „איך וויל נישט, אַז אַן אַנדער האַנט, אויסער דיינע, זאָל ווען־עס־איז אַפילו נאָר צורירן זיך צו דעם".

הערוועג האָט אָבער קיין איינציקן פון אירע בריוו ניט פאַרברענט. אין קעגנטייל, ער האָט זיי ביז זיין טויט זאָרגפעליק אָפּגעהיט. ווען הער־צענס טעכטער האָבן מיט יאָרן שפּעטער נאָך נאַטאַליעס טויט געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיי אָוועקגעבן אירע בריוו, האָט ער זיי געענטפערט, אַז טעכטער דאַרפן ניט לייענען דער מאַמעס ליבעס־בריוו. ערשט אין עטלעכע און אַכציק יאָר אַרום איז דעם ענגלישן שריפטשטעלער און היסטאָריקער עדוואַרד קאַר געלונגען אַרויסצוקריגן ביי הערוועגס יורשים נאַטאַליע הערצענס אַלע בריוו און ער האָט אַ טייל פון זיי פאַרעפנטלעכט. (אויף

רוסיש זיינען זיי עד היום נישט דערשינען). ערשט איצט דערוויסט מען זיך פֿון די דאָזיקע בריוו דעם אמתן אמת וועגן נאַטאַליעס באַציאונגען סיי מיט איר מאַן און סיי מיט איר געליבטן.

4

הערצען האָט נאַטאַליען שטאַרק אימפּאָנירט מיט זיין קלוגשאַפֿט, מיט זיין אינטעלעקט און מיט זיין מאָראַלישער קראַפֿט און זי האָט שטענדיק אויף אים געקוקט פֿון אונטן אַרויף. צו דעם שיינעם, בלאַסן הערוועגן האָט זי געפֿילט הויפּטזעכלעך אַ פֿיזישע לײַדנשאַפֿט. אין די ערשטע מאָמענטן אין זשענעווע, ווען זי איז געווען פֿאַרזונקען אין די אָרעמס פֿון איר געליבטן, האָט זי כמעט אינגאַנצן פֿאַרגעסן וועגן הערצענס עקזיסטענץ. אָבער איצט, לעבנדיק מיט אים אין פּאַריז און זייענדיק אָפּגעזונדערט **פֿון איר** געליבטן, האָט זי ניט אויפֿגעהערט טאָג און נאַכט צו טראַכטן וועגן דער פּראָבלעם פֿון איר דאָפּעלטן לעבן. זי האָט געפֿילט, אַז זי קאָן הערצענען ניט פֿאַרלאָזן און זי קאָן אים אויך ניט דערציילן דעם אמת. זי האָט געזוכט צו באַרעכטיקן איר אָפּנאַרעריי מיט דעם אַרגומענט, אַז דאָס איז נויטיק ניט אין אירע אינטערעסן, נאָר אין די אינטערעסן פֿון אַלעקסאַנדערן און די קינדער.

„איך וויל אויסמיידן אַרויסצורופֿן ביי אים דעם מינדעסטן פֿאַרדאַכט", האָט זי געשריבן הערוועגן. „דאָס איז פּונקט אַזוי נויטיק פֿאַר זיי ווי פֿאַר אונדז. שטעל זיך נאָר פֿאָר די שרעק, אויב... נאָר דו ווייסט אַלץ. איך ציטער אויף ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט וועגן דעם".

יעדעס מאָל ווען עס איז איר אויסגעקומען אין אירע בריוו צו הערוועגן צו דערמאָנען הערצענס נאָמען, האָט זי גערעדט וועגן אים מיט גרויס רעספּעקט און צערטלעכקייט. זי האָט קיין מאָל אים ניט קריטיקירט. פֿאַרקערט, זי האָט ניט איין מאָל אים פֿאַרטיידיקט, ווען הערוועג האָט אים קריטיקירט. דאָקעגן קען מען אין אירע בריוו צו הערוועגן ניט געפֿינען קיין אויסדרוק פֿון באַוווּנדערונג אָדער רעספּעקט פֿאַר זיין כאַראַקטער. נאָך אין פֿעברואַר, 1851, איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז אַזוי שנעל ווי הערצען וועט דערליידיקן זיינע געשעפֿטן אין פּאַריז און קענען אַנטלויפֿן פֿון דאָרט, וועלן די הערצעס און די הערוועגס זיך צוזאַמען באַזעצן אין ניצע, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַן איטאַליענישע שטאָט. סוף מאַי זיינען עמאַ מיט אירע קינדער געקומען קיין ניצע. אין מיטן יוני זיינען אָנגעקומען אַהין די הערצענס. הערצען האָט דאָרט געדונגען אַ פּראַכטפֿולע צוויי־שטאָקיקע

ווילא. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די הערווענס זאָלן אָפּדינגען דעם אויבער־טשן שטאָק און כדי צו שפּאָרן די אויסגאַבן זאָלן ביידע פאַמיליעס עסן צו־זאַמען. עמאַ האָט צוליב סיבות, וועלכע הערצען האָט ניט געקענט פאַר־שטיין, אָבער וועלכע נאַטאַליע האָט צו־גוט פאַרשטאַנען, לכתחילה ניט געוואָלט הערן אַפילו וועגן דעם. אָבער אַזוי ווי מיט דער קליינע סומע, וואָס זי פלעגט באַקומען פון איר פאָטער אין בערלין, האָט זי ניט געקענט אויסקומען, איז זי סוף כל סוף געצוווּנגען געווען אָנצונעמען הערצענס פאָרשלאָג און זי האָט שפּעטער נאָך געבאָרגט ביי הערצענען 10 טויזנט פראַנק אויף צוויי יאָר צייט.

הערוועג איז אָבער געזעסן אין ציריך און האָט זיך דערוויילע ניט גע־איילט צו קומען קיין ניצע. ער האָט געשריבן עמאַן אַז ער וועט ניט קענען פאַרטראָגן צו זען נאַטאַליען אַ שוואַנגעריקע פון אַן אַנדער מאַנספּערזאָן און עמאַ האָט עס באַלד אָפּגעטראָגן נאַטאַליען. נאַטאַליען אַליין האָט הערוועג פאָרגעוואָרפן, אַז זי איז קאַלט געוואָרן צו אים און אַז ער צווייפלט צי זי וויל אים שטאַרק האָבן אין ניצע. הערצענען, ווידער, האָט הערוועג גע־שריבן, אַז ער קומט ניט דערפאַר, וואָס עס איז צו־היים צו אונטערנעמען איצט אַזאַ רייזע און ער איז קראַנק. עמאַ, ווידער, וועלכע האָט אים גוט געקענט, האָט פאַרדעכטיקט, אַז די אמתע סיבה וואָס ער וויל ניט קומען קיין ניצע איז, וואָס ער האָט אין ציריך געמוזט קריגן אַ נייע געליבטע. און זי האָט וועגן איר פאַרדאַכט אויך דערציילט נאַטאַליען. נאַטאַליע האָט זיך פון דעם שטאַרק געערגערט און זי האָט געשריבן הערוועגן:

„איך האָב דיר געזאָגט, אַז עמאַ ווייסט פאַרוואָס דו קומסט ניט. אויב דאָס איז די סיבה, ווידערהאָל איך, אַז איך קען ניט קומען נאָענט צו דיר אַפילו אין בריוו. איך וועל אויפהערן שרייבן צו דיר, אַפילו ווען דאָס זאָל מיר קאָסטן מיין לעבן". אָבער זי האָט באַלד חרטה געקראָגן אויף אירע רייד. און אין אַ וואָך אַרום האָט זי אים געשריבן:

„אַלץ איז פאַר דיר, ווי דו ווינטשט. מיינע אָרעמס זיינען אָפן. איך וואַרט אויף דיר, קום!"

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי אים געשריבן, אַז זי האָט אין זייער גאָרטן אויסגעקליבן אַ ווינקל, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן „אונדזער ווינקל". „אַך, ווי איך וועל דיך דאָ קושן!" — האָט זי אים געשריבן.

הערוועג האָט שוין לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן און אין צוויי מאָ־נאַטן אַרום, נאָכדעם ווי די הערצנס האָבן זיך באַזעצט אין ניצע, איז ער ענדלעך אויך געקומען צופאָרן אַהין.

דעם 20טן נאָוועמבער האָט נאַטאַליע געבאָרן איר טעכטערל אַלגאַ. אויך פֿון איר קינפּעט־בעט האָט נאַטאַליע יעדן טאָג געשריבן צו הערוועגן, וועלכער האָט געוווינט אין דער זעלבער הויז, הייסע ליבס־בריוו. עס האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז הערצען האָט צו יעדער מינוט זיך געקענט דערוויסן זייער סוד. הערוועג האָט דעריבער געמאָנט ביי איר, אַז זי זאָל זיך ענדלעך אָננעמען מיט קוראַזש און אָפֿנהאַרציק אים דערציילן אַלץ. נאַטאַליע האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז זי איז אויך פֿאַר „פֿולשטענדיקער אָפֿנהאַרציקייט”, נאָר איצט איז ניט דער פּאַסנדער מאָמענט פֿאַר דעם.

באַלד ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון קימפּעט האָט זי זיך ווידער געוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון איר געליבטן. הערצען האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו פֿאַרדעכטיקן, אַז זי און אים אומטריי, אָבער ער האָט געזוכט צו פֿאַרטרייבן פֿון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק. ענדלעך אָבער האָט ער מער ניט געקענט אויסהאַלטן און עס איז געקומען צו אַ טראַגישער סצענע צווישן אים און נאַטאַליען. איינמאָל, אין מיטן נאַכט. ווען ער האָט שטאַרק געליטן און ניט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן, האָט ער אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף נאַטאַליען און איר איינגעלאַדן אַרונטערצוקומען אין אויפֿנאַם־צימער. ער האָט איר געשטעלט עטלעכע פֿראַגן.

„מיר זיינען ביידע געזעסן אויף דער סאָפֿע — האָט מיט יאָרן שפּעטער הערצען דערציילט — און געדאַנקען פֿון זעלבסטמאָרד זיינען צום ערשטן מאָל דורכגעלאָפֿן אין מיין מוח. איך האָב געוואָלט אויסטרינקען דעם ביטערן כוס ביזן דעק. איך האָב געשטעלט עטלעכע פֿראַגן. זי האָט גענענטפֿערט און מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. איך בין געווען פֿאַרניכטעט. פֿון כעס, פֿון שאַנדע און ווייטאָג האָט זיך ביי מיר געיאָוועט אַ געדאַנק צו דערמאָרדן נאַטאַליען. מיט אַ געפֿיל פֿון פֿרייד האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם געדאַנק...

„דער שווייגן האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. ענדלעך האָב איך אויפֿגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף איר. איר פּנים איז געוואָרן בלוי, די ליפּן זיינען געוואָרן בלאַס און די געזיכטסטשיקע האָבן זיך אויסגעקרימט. זי האָט ניט גערעדט, נאָך געקוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין מיט איר פֿרעגנדיקן מוטנעם בליק. איר אויסזען האָט אַזוי ווייטיקדיק געווירקט אויף מיר, אַז איך האָב, פֿאַרגעסנדיק אָן אַלץ, גענומען איר האַנט, אַרונטערגעלאָזט מיין קאָפּ אויף איר אַקסל און האָב מיט אַ וויכער שטים, וואָס איז געקומען טיף פֿון האַרצן, איר אָנגעהויבן צו טרייסטן. דאָ איז אין נאַטאַליען פֿאָרגעקומען אַן אמתער קריזיס. יאָמערענדיק האָט זי זיך אַ וואָרף־געטאָן מיר אויפֿן האַלדז. איך האָב איר אַרונטערגעלאָזן אויף דער סאָפֿע. זי איז געווען כמעט באַוווּסטלאָז און האָט געהאַט כח נאָר צו

זאָגן: „האָב קיין מורא ניט, דאָס זיינען גוטע טרערן, טרערן פֿון אַנטציקונג פֿאַר דיר... ניין, ניין, איך וועל דיך קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן, אויב דו קענסט מיך נאָר דולדן, פֿאַרגעסן די פֿאַרגאַנגנהייט".

אויף מאָרגן האָט הערצען פֿאָרגעלייגט, אַז ער אַליין וועט אַוועקפֿאָרן פֿון ניצע און וועט איבערלאָזן אַלעמען איינצואָרדענען זיך אַזוי ווי זיי וועלן געפֿינען פֿאַר נויטיק. נאַטאַליע האָט ניט געוואָלט הערן פֿון דעם, אַז ער זאָל אַוועקפֿאָרן. האָט הערצען פֿאַרלאַנגט, אַז הערוועג זאָל אין פֿאַרלויף פֿון 24 שעה פֿאַרלאָזן די הויז, ווען ניט, גאַראַנטירט ער ניט, אַז ער וועט אים ניט דערהרגענען. הערוועג האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין צימער אויפֿן צווייטן שטאָק און איז ניט אַרונטערגעקומען ניט אין זאַל און ניט אין עס־צימער, נאָר ער האָט אַרונטערגעשיקט עמאַן און זי האָט פֿאָרגעשלאָגן הערצענען, אַז ער זאָל אָפּלאָזן נאַטאַליען, אַז זי זאָל אַוועק מיט הערוועגן און זי, עמאַ, וועט פֿאַרבלייבן מיט אים. הערצען האָט ווידער אַמאָל דערקלערט, אַז ער איז גרייט אַוועקצופֿאָרן, אויב נאַטאַליע וויל עס נאָר. עמאַ איז גלייך אַוועקגעלאָפֿן צו נאַטאַליען מיט איר פֿאָרשלאַג, אָבער נאַטאַליע האָט דערקלערט, אַז זי וועט הערצענען ניט פֿאַרלאָזן.

הערוועג איז געווען שרעקלעך פֿאַרצווייפֿלט. עמאַ האָט געמעלדעט הערצענען, אַז געאָרג בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל אים מוחל זיין, אַניט וועט ער זיך דערשיסן. „ער רייניקט שוין דעם רעוואָלווער", האָט זי געזאָגט. ניט קוקנדיק אויף דער טראַגישער לאַגע, האָט הערצען ניט אויסגעהאַלטן, האָט זיך צולאַכט און איר פֿאַרזיכערט, אַז פֿון אָט דער זייט „דראָט ניט קיין געפֿאַר דעם העלד פֿון דער באַדענער שלאַכט, וועלכער קען ניט פֿאַרטראָגן דעם ריח פֿון פּולווער". עמאַ האָט אים דאַן געזאָגט, אַז זיי האָבן ניט מיט וואָס צו פֿאָרן, האָט הערצען איר פֿאָרגעלייגט 500 פֿראַנק. דאָס איז אָבער געווען ניט אַלץ. די הערוועגס האָבן דורך דער צייט אַ סך אָנגעבאָרגט אין די דאָרטיקע קראָמען. „זאָרגט זיך ניט", האָט איר הערצען באַרואיקט, „אַלץ וועט באַצאָלט ווערן". עמאַ האָט זיך שוין אַזוי דערנידעריקט, אַז אויף מאָרגן אינדערפֿרי איז זי שטילערהייט אַוועקגעלאָפֿן אין די קראָמען און האָט אָנגענומען אויף באָרג קליידער, שיך און אַנדערע זאַכן פֿאַר אירע קינדער, זאָגנדיק אַז הערצען וועט פֿאַר אַלץ באַצאָלן. ענדלעך זיינען די הערוועגס אַוועקגעפֿאָרן קיין גענוא.

„נאַטאַליע", האָט הערצען געשריבן, „האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אים (הערוועגן) ניט טרייבן צו פֿאַרצווייפֿלונג, און זי האָט ביי מיר געבעטן דערלויבעניש צו שרייבן אים אַמאָל. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב אַ גאַנץ אַנדער מיינונג וועגן דעם, אָבער זי קען האַנדלען אַזוי ווי זי וויל. די קאָ־

רעספּאַנדענץ, וועלכע איז דורכגעגאַנגען דורך מיינע הענט, האָט געפֿירט צו ווייטערע שרעקן. נאַטאַליע האָט אים געגעבן אַ צוזאָג צו באַגעגענען זיך מיט אים אין אַ יאָר אַרום מיט דער באַדינגונג, אַז ער וועט ניט מיסברויכן דאָס רעכט (דורכצושרייבן זיך מיט איר). ער אָבער האָט איר פֿאַרוואָרפֿן מיט בריוו. נאַטאַליע האָט צוריקגעצויגן איר צוזאָג און ענדלעך האָט זי אין אויגוסט אָדער אין נאָוועמבער אינגאַנצן אויפֿגעהערט אים צו שרייבן. זי האָט אים פֿאַראַכטעט, זי האָט זיך געשעמט".

הערצן האָט ניט געוווּסט, אַז אויסער די בריוו וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט, האָט נאַטאַליע אין געהיים געשריבן צו הערוועגן אַנדערע בריוו מיט אַ גאַנץ אַנדער אינהאַלט.

נאָך הערוועגס אַוועקפֿאָרן גיין גענוע האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט פֿון הערצענס גרויסער פֿאַמיליען־טראַגעדיע.

5

דורך די דריי מאָנאַטן, וואָס די הערוועגס זיינען געווען אין גענוע, האָבן הערוועג און נאַטאַליע הערצען זיך כסדר דורכגעשריבן. הערוועגס וויב, עמאַ, האָט ניט אויפֿגעהערט אַריינצוטענהן מיט נאַטאַליען, אַז זי מוז זיך צוריקקערן צו איר געליבטן, צו הערוועגן. נאַטאַליע האָט איר פֿעסט געענטפֿערט, אַז זי קען עס ניט טאָן, זי קען ניט „דערהרגענען" אַלעקסאַנדערן און אָנהויבן אַ נייעם לעבן, „אַריבערשפּרייזנדיק איבער זיין טויטן קערפּער". זי קען אָבער אויך מיטאַמאָל ניט ווערן גלייכגילטיק צו דעם מאַן, צו וועלבן זי האָט זיך אָפּגעגעבן. זי קען ניט חרטה האָבן אויף יענע גליקלעכע מאָמענטן פֿון איר ליבע צו הערוועגן, אָדער זיי באַטראַכטן ווי נאָר אַ צייטווייליקן אַרונטערגיין פֿון גלייכן וועג, וואָס זי קען איצט איבערלאָזן הינטער זיך און פֿאַרגעסן אָן דעם אַלץ. נאַטאַליע האָט צו הערוועגן געשריבן אַלע צוויי וואָכן, ווען זי האָט נאָר געקענט, „ווייל זי קען אַנדערש ניט עקזיסטירן", האָט זי געזאָגט. זי האָט געהאַט צוגעזאָגט הערוועגן צו טרעפֿן זיך מיט אים אין אַ יאָר אַרום. אָבער איצט קען זי גאָרניט טאָן. זי וויל רוה אין פֿרידן אין מער פֿון אַלץ וויל זי טראַכטן, פֿאַרשטיין און דערקלערן. זי האָט געטראַכט וועגן דער יונגער נאַטאַליע טוטשקאָוו, מיט וועלכער זי האָט מיט צוויי יאָר פֿריער זיך אַזוי שטאַרק באַפֿריינט, ווען די טוטשקאָווס האָבן געוווינט צוזאַמען מיט די הערצענס אין רוים און אין פּאַריז. און זי האָט דערנאָך זיך דורכגעשריבן מיט איר, ווען די טוטשקאָווס זיינען צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד. איצט איז נאַטאַליע טוטשקאָוו

אַלט געווען 21 יאָר און זי האָט געלעבט מיט הערצענס בעסטן פֿריינט ניקאָלאַי אָגאַריאָוו, ווי זיין פֿרוי. (אָגאַריאָוו האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט הייראַטן מיט איר געזעצלעך דערפֿאַר, וואָס זיין ערשטע פֿרוי, מיט וועלכער ער איז געווען געשיידט, האָט אים ניט געוואָלט געבן קיין גט).

נאַטאַליע הערצען האָט געשריבן הערוועגן, אַז נאַטאַליע טוטשקאָוו איז דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, וואָס וואָלט „אַלץ פֿאַרשטאַנען", זי האָט אַפֿילו אַ געוויסע צייט געטראַכט וועגן פֿאָרן קיין רוסלאַנד, כדי איר אַלץ צו דערציילן.

אויף מאָרגן נאָך דעם ווי די הערוועגס האָבן פֿאַרלאָזן ניצע האָט הערצען געשריבן עמאַן, אַז ער וועט איר האַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם, אויב עמיצער פֿון זיינע באַקאַנטע וועט זיך עפּעס דערוויסן וועגן דעם וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישן אים און הערוועגן.

הערוועג אַליין האָט געשריבן אַ לאַנגן בריוו הערצענען אין וועלכן ער האָט אים איינגעלאַדן צו טייטן אים. אָבער הערצען האָט דעם בריוו אים צוריקגעשיקט, ניט עפֿענדיק אים אַפֿילו. האָט עמאַ דאַן אַוועקגעשיקט הערצענען אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט איבערגעחזרט אין קורצן אַלץ וואָס הערוועג האָט געשריבן אין זיין בריוו, וועלכן הערצען האָט זיך ענטזאָגט צו לייענען. פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע, האָט זי געשריבן, איז נאַטאַליעס עגאָאיזם. נאַטאַליע איז געווען די, וואָס האָט געאָרגן איינגעלאַדן איר צו ליבן. דאָס איז נאַטאַליע באַשטאַנען אויף דעם, אַז זייערע אינטימע פֿאַרהעלטענישן זאָלן אויף שטענדיק פֿאַרבלייבן אַ סוד, אַז קיין לעבעדיקער מענטש אין דער וועלט זאָל זיך קיינמאָל ניט דערוויסן וועגן דעם. און איצט „האָט די זעלבע נאַטאַליע, די אמתע שולדיקע, איבערגעלאָזן געאָרגן אַליין צו טראָגן אויף זיינע פּלייצעס די שווערע לאַסט פֿון הערצענס גערעכטער אויפֿרעקונג".

הערצען האָט אין זיין ענטפֿער איר, אגב, אויך דערמאָנט, אַז זי און איר מאַן האָבן מאָנאַטן לאַנג געלעבט אויף זיין חשבון און אַז זי איז אים שולדיק 10 טויזנט פֿראַנק. הערוועג האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר נאַטאַליען, אַז זיי האָבן „געקרייציגט" עמאַן און ער האָט אַ ר דערמאָנט, אַז עמאַ האָט „געבענטשט" זייער ליבע. נאַטאַליע האָט אים אויף דעם גלייך געענטפֿערט:

„איך האָב קיין מאָל ניט געבעטן איר ברכה און ווען האָט זי דיך „געבענטשט" איז עס געווען דעמאָלט ווען זי האָט דיך דעם לעצטן מאָל פֿאַרטיידיקט פֿאַר אַלעקסאַנדערן זאָגנדיק אים, אַז דו האָסט אַלעמאָל אים געוואָלט דערציילן אַלץ, נאָר איך האָב נישט דערלאָזן ... אָדער זי האָט אונדז געבענטשט, ווען זי האָט געשריבן צו מיר און אַלעקסאַנדערן, אַז איך האָב דיך אויפֿגערייצט מיך צו ליבן. (מיר האָט דאָס געזיכט געפֿלאַמט פֿאַר דיר,

ווען אַלעקסאַנדער האָט עס געלייענט. איך וואָלט זיך גיכער אָפּגעשניטן די צונג, איידער צו זאָגן אַזאַ זאַך...) איך דאַנק דיר פֿאַר דער לעצטער באַשולדיקונג. יאָ, יאָ! דאָס האָב איך דיך אויפֿגערייצט!... דו דאַרפֿסט זיך, אַלזאָ, מער ניט פֿאַרטיידיקן ניט פֿאַר מיר און ניט פֿאַר עמיצן אַנדערש. דו דאַרפֿסט ניט זוכן קיין אַדוואָקאַטן. איך וועל דיך פֿאַרטיידיקן".

אויב פֿריער האָט הערוועג פֿאַרגעלייגט הערצענען, אַז ער זאָל אים טויטן, האָט איצט נאַטאַליע זיך געבעטן ביי הערווען, אַז ער זאָל איר טויטן. אויב זי קען ניט לעבן פֿאַר אים, קען זי „שטאַרבן פֿאַר אים און דורך זיין האַנט".

הערצען האָט איר אַלץ מוחל געווען ער האָט געוווּסט, אַז זי שרייבט זיך דורך מיט הערווען. אָבער וועגן דעם אינהאַלט פֿון אירע בריוו צו אים האָט ער קיין אָנונג ניט געהאַט. ער האָט זיך אַליין באַרואיקט, אַז זי האָט הערווען מער נישט ליב; אַז זי האָט אין אמתן זין פֿון וואָרט אייגנטלעך אים גאָר קיינמאָל ניט ליב געהאַט: זי האָט נאָר ניט געהאַט דעם מוט איבערצולאָזן הינטער זיך די פֿאַרפּלאָנטערטע דערינערונגען פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט.

אָנהויב יוני איז הערצען אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז. פֿון דאָרט האָט ער איר געשריבן:

„פֿאַרוואָס האָסטו באַהאַלטן פֿון מיר ווי פּוסט די פֿאַרגאַנגנהייט איז געווען פֿאַר דיר? פֿאַר מיר איז דאָס שטענדיק געווען אַזאַ שיינענדע דעראינערונג; איצט איז דאָס אַלץ צוטראָטן אונטער די פֿיס און איך האָב מורא דאָס צוריק אויפֿצוהייבן, איך בין דאָך דעמאָלט געווען אַזוי גליקלעך, ווייל איך האָב פֿעסט געגלויבט אין דיין גליק ווי אין מיין אייגענעם".

ער האָט געמאַכט פּלענער פֿאַר דער צוקונפֿט, ער האָט גערעכנט וועגן באַזעצן זיך אין ענגלאַנד ביים ברעג ים. נאַטאַליע האָט צו אַלץ צוגעשטימט. זי וועט אים נאָכפֿאָלגן אומעטום. אָבער זי איז ניט געווען אימשטאַנד צו צעשטרייען זיינע ביטערע געדאַנקען.

„איך וויל דאָס אומעגלעכע", האָט ער איר געשריבן אין אַ צווייטן בריוו, „איך וויל די ליבע פֿון יאָר 1838, אין וועלכער איך האָב געגלויבט... יאָ, איך בין נאָך יונג און איך דורשט נאָך ליבע פֿאַר מיר אַליין און איך וועל עס צוריק ניט געפֿינען. איך דאַרף אָפּדאַנקען, אָבער ווי שווער עס איז אַוועקצולעגן די קרוין נאָך עלף יאָר!".

פֿון פּאַריז איז הערצען אַוועקגעפֿאָרן קיין שווייץ. דאָרט האָט ער זיך געטראָפֿן מיט זיין אַלטן פֿריינט סאַזאָנאָוו און פֿון סאַזאָנאָוון האָט ער זיך דערוווּסט, אַז הערוועג האָט אין דער שווייץ שוין אַלעמען דערציילט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישן אים און הערצענען. ער האָט דערציילט,

אַז נאַטאַליע האָט ניט פאַרלאָזן הערצענען און איז נישט אַוועקגעפאָרן מיט אים, איר געליבטן, נאָר דערפאַר וואָס הערצען האָט אויסגעאיבט אויף איר „אַ שטאַרקן מאָראַלן דרוק". זי האָט אָבער פאַרשפּראָכן צו קומען צו אים אין דער שווייץ אַזוי שנעל ווי הערצען וועט זיך נאָר בארויקן. סאַזאָנאָווס דערציילונג האָט הערצענען ווי אַ דונער געטראָפן. דעם זעלבן טאָג האָט ער אַוועקגעשיקט נאַטאַליען דעם פאָלגנדן בריוו:

„וואָס עס קומט פאַר מיט מיר און ווי אַזוי — אורטייל אַליין! ער (הערוועג) האָט אַלץ דערציילט סאַזאָנאָוון. אַזוינע איינצלהייטן, אַז איך האָב אָן אַן אָטעם נאָר געהאָרכט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט „מיטלייד אויף מיר, נאָר אַז די זאַך איז אָפּגעטאָן, אַז דו האָסט אים געגעבן צו שווייגן, אַז דו וועסט אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום, ווען איך וועל זיין רו־איקער, מיך פאַרלאָזן.

„פריינט מיינער! איך וועל ניט צוגעבן קיין איין וואָרט. איך בין גע־ווען אַ טויטער ווען ער האָט גערעדט. דאָס האָט איבערגעשטיגן די גע־וואַגטסטע טרוימען. סאַזאָנאָוו ווייס אַלץ, אַלץ... איך פאָדער דעם אמת... ענטפער גליידן!... יעדעס וואָרט וועל איך אָפּוועגן. די האַרץ ווערט צופּלאַצט... אַזוי טיף בין איך נאָך קיינמאָל ניט געפאַלן. דעם ענטפער צו מיר אַדרע־סיר קיין טורין... צי דען רעדט מען עס וועגן דיר?... אָ, גאָטעניו, גאָטעניו, וויפל ליידן עס איז מיר באַשערט אויסצושטיין פאַר מיין ליבע...

„וואָס־זשע נאָך?... אַן ענטפער, אַן ענטפער אין טורין!..."

נאַטאַליע האָט אים גלייך געענטפערט מיט אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט געשריבן:

„פריינט מיינער, פריינט מיינער, ווען איך וואָלט געהאַט פליגלען, וואָלט איך גלייך אַוועקגעפלויגן צו דיר. עס איז אונערטרעגלעך. איך ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר נאָך דיין לעצטן בריוו און איך קען דיר גאָר־נישט זאָגן. איך ווייס נאָר, פריינט מיינער, אַז איך האָב דיך ליב מיט דער גאַנצער פעאיקייט פון ליבע אין מיר; אַז נאָר דער טויט אַליין קען מיך אַוועקרייסן פון דיר. די לעצטע צייט האָט דאָס מיר נאָר קלאָרער איבער־צייגט. מיין שיקזאַל איז באַשלאָסן: לעבן און שטאַרבן פאַר דיר... די קינ־דער... זיי זיינען אויך דו. דו וועסט מאַכן פון דעם וואָס דו ווילסט. איך נעם דיר אַרום, אַלעקסאַנדער. זיי געזונט און רואיק!"

אויף מאָרגן האָט זי אים ווידער געשריבן:

„אַלעקסאַנדער, מיין אַלעקסאַנדער, לאָמיר ליידן צוזאַמען! פריינט מיינער, ווי שווער עס איז! ווי איך האָב רחמנות אויף דיר, מיין פריינט! איז וואָס־זשע קען איך טאָן? איך וואָלט אַזוי געשטאָרבן צוזאַמען מיט דיר, אויב דו ווילסט מער ניט לעבן אָדער דו גלויבסט מיר ניט, אויב איך בין

פֿאַר דיר גאָרניט. עס אי זשווער צו לעבן, מיין פֿריינד, אומערטרעגלעך, ווען איך ווייס, אַז דו ליידסט אַזוי״...

מיט דריי טעג שפּעטער האָט זי ווידער געשריבן:

„איך ווייס גאָרנישט וואָס צו זאָגן אויף דיינע פֿאָרוואורפֿן, נאָך אַלעם דעם וואָס איך האָב שוין געזאָגט. מיר דוכט זיך, אַז נאָך זיי (נאָך די פֿאָרוואורפֿן — ד. ש.) האָב איך אייגנטלעך ניט צוליב וואָס צו פֿאָרן... פֿאַר דיר... איך זאָג אָבער: „איך וויל בעסער שטאַרבן מיט דיר, איידער בלייבן אָן דיר״ — און איך זאָג עס אַזוי שטיל צו זיך אַליין... דעם מאָל וועל איך האַנדלען ענגאָאיסטיש: אויב ניט פֿאַר דיר, וועל איך פֿאָרן פֿאַר זיך. איך מוז דיך זען און הערן, מיין פֿריינד, מיר איז אַזוי שווער.

„אַלזאָ, אַמווידערזען, אַלעקסאַנדער... צוליב וואָס פֿאַר איך? דיין לעצטער בריוו איז דאָך אַזאַ קאַלטער!...״

נאַטאַליע איז אָוועקגעפֿאָרן קיין טורין צו באַגעגענען זיך מיטן מאַן. אָבער איידער זי האָט פֿאַרלאָזן ניצע האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו צו הערצן. דאָס איז געווען איינער פֿון אירע לעצטע בריוו צו איר געליבטן:

„געאָרג, איך קום ווידער אַ מאָל פֿאַר דיר אַזאַ ווי איך בין״, האָט זי אים געשריבן, „איך האָב אין דיר געפֿונען די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַלע מיינע טרוימען. איך בין געווען פֿאַרבלענדעט, בין איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַזוינע פֿלעצער, וווּ די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע קען קוים דורכדרינגען. דערנאָך האָבן מיר זיך געמוזט שיידן און הגם איך האָב געדאַנקט דיר און דעם שיקזאַל פֿאַר מיין גרענעצלאָזן גליק וועל איך זיך צו דיר ניט אומקערן, זעענדיק, אַז דאָס קען ניט פֿאַראייניקט ווערן מיט הערצענס גליקזעליקייט.... נאָך ניט־דערציילטע קאַמפֿן האָב איך איינגעזען, אַז איך צעשטער אַלעקסאַנדערס גייסטיקע רו, ניט זייענדיק אימשטאַנד ווען עס איז דיך צופֿרידנצושטעלן. איך האָב דערזען, אַז דו ביסט ניט געווען פֿעאיק צו ברענגען דעם קלענסטן קרבן, אַז דו האָסט ליב געהאַט נאָר זיך אַליין... מיין אידעאַל איז צוריבן געוואָרן אין שטויב. אַלץ וואָס איך האָב געהאַלטן פֿאַר דאָס הייליקסטע איז צוטראָטן געוואָרן אונטער די פֿיס. אַלע דיינע צוזאָגן, אַלע מיינע געבעטן זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן. דו האָסט מיך פֿאַרניכטעט. אָבער אַלעקסאַנדערס ליבע איז דערווייל געוואַקסן אין איר גאַנצער נאָבלקייט, איבערגעבנקייט, אונענדלעכקייט — און זיינע ליידן! ער און די קינדער האָבן מיך צוריקגעהאַלטן פֿון אָנצונעמען דעם טויט, וועלכן דו האָסט מיר געבראַכט. זיי האַלטן מיך נאָך איצט צוריק און אויב דער טויט וועט ניט קומען פֿון זיך אַליין, אָדער אויב דו, געאָרג, וועסט מיר אים ניט שיקן, כדי אָפּצורייסן מיך פֿון מיין פֿאַמיליע, וועל איך מיין פֿאַמיליע ניט פֿאַרלאָזן. איך בין אויפֿגעלייזט אין איר. אויסער איר עקזיסטיר איך מער

ניט. איך לייד מיט דיינע ליידן נאָך מער דערפֿאַר, וואָס איך בין שולדיק אין זיי. אָבער איך קען מער גאָרניט טאָן. אָט דאָ בין איך — שטראָף מיך, טויט מיך, אויב דאָס קען דיר באַרואיקן, אויב דו קאָנסט. איך קען ניט מער״...

עס איז געווען אַ הייסער טאָג, ווען נאַטאַליע איז אָנגעקומען קיין טורין. זי איז געווען געקליידעט אין ווייסן. און אָט די ווייסע קלייד אירע האָט הערצענען דערמאָנט זייער חתונה, ווען זיי זיינען געווען אַזוי גליקלעך. דורך דער נאַכט, וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין האָטעל אין טורין, האָבן זיי אַלץ אַרומגערעדט. אַלץ איז פֿאַרגעסן געוואָרן און אַלץ איז פֿאַרגעבן געוואָרן. זיי האָבן דערנאָך ביידע געפֿילט אַזוי ווי זיי וואָלטן אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט, דעם מאָל שוין אויף שטענדיק, קיין מאָל זיך מער ניט צו שיידן. זייער רייזע פֿון טורין קיין ניצע איז געווען ווי אַ צווייטע האָנימון־רייזע. זיי זיינען איצט ניט געווען אַזוי שטורעמדיק און יונג, אַזוי גליקלעך ווי מיט אַ סך יאָרן צוריק, אָבער ביידע האָבן זיי געשיינט מיט אַ שטילן, צייטיקן און רואיקן גליק. נאָר זייער גליק האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

אין נאָוועמבער מאָנאַט זיינען הערצענס מאַמע, זייער טויב־יינגל קאָליאַ און זיין דייטשער לערער, אומקערנדיק זיך מיטן שיף פֿון פּאַריז קיין ניצע, אויפֿן וועג דערטרונקען געוואָרן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר נאַטאַליען.

הערוועג איז דערווייל געווען ווילד פֿון אייפֿערזוכט. אים האָט דאָס האַרץ געקאָכט אויף הערצענען. ער האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן וואָס הערצען און נאַטאַליע לעבן אַזוי רואיק און פֿרידלעך, בעת ער איז אַזוי אין גאַנצן פֿאַרשטויסן געוואָרן. ער פֿלעגט פֿאַר אַלע זיינע באַקאַנטע באַריידן הערצענען, אַז ער איז אַ טרום און אַ היפּאָקריט און אַז נאַטאַליע געהערט על פּי יושר און, לויט איר אייגענער דערקלערונג, צו אים, צו איר געליבטן, ניט צו איר מאַן. איר איצטיקער צוזאַמענלעבן מיט הערצענען איז אַן „אַקט פֿון פּראָסטיטוציע״, צו וועלכער הערצען האָט איר געטריבן מיט געוואַלד, פֿלעגט ער טענהן. און ער האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע נקמה צו נעמען פֿון הערצענען. ער האָט אים געשיקט בריוו פֿול מיט די נידערטרעכטיקסטע באַשולדיקונגען. הערצען האָט אים די בריוו צוריקגעשיקט ניט עפֿענענדיק זיי אַפֿילו. האָט הערוועג אַוועקגעשיקט עמאַן קיין ניצע, אַז זי זאָל אַוועקוואַרפֿן דעם מאַן און קומען צו אים.

ערב ניי־יאָר איז נאַטאַליע קראַנק געוואָרן אויף פּלעוורית. אָנהויב יאַנואַר, ווען איר געזונט־צושטאַנד האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו פֿאַרבעסערן, האָט הערצען געפֿונען ביי זיך אין קאַבינעט אַ פּאַקעט מיט אַן אויפֿשריפֿט: „אַן ערן־זאַך — אַן ארויסרוף״. הערצען איז געצוווּנגען גע־

ווען צו עפענען דעם פאַקעט. עס איז געווען אַ בריוו פון הערווענן פול מיט די עקלהאַפטסטע רייד וועגן נאַטאַליען. „איר ווייסט אַליין", האָט הערוועג געשריבן, „אַז זי האָט קיינמאָל צו קיינעם ניט־געהערט, אויסער צו מיר; אַז זי איז פאַרבליבן אַ מיידל אין אייערע אָרעמס, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זי האָט געהאַט קינדער פון אייך. ווען זי פלעגט קומען צו אייך, זיינען אירע ליפן געווען הייס פון די קושן, מיט וועלכע זי האָט באַדעקט מיין גאַנצן קערפער. אין דעם עקסטאַז פון ליבע צו מיר האָט זי פאַרשווענ־גערט. אָבער איר קענט נאָר באַליידיקן פרויען און מיט ליגנס, היפּאָ־קריטסוואָ און פאַרשיידענע אַנדערע פאַלשע שטיק האָט איר זי אַוועקגענו־מען פון מיר".

געענדיקט האָט זיך דער בריוו מיט אַן אַרויסרוף אויף אַ דועל. הערצען האָט דעם בריוו פאַרניכטעט. (אַ קאָפּיע פון דעם בריוו האָט מען מיט עט־לעכע און אַכציק יאָר שפּעטער געפונען צווישן הערוועגס פּאַפּירן).

נאַטאַליע איז איצט געווען גרייט אויסצושטיין אירגענד וועלכע דער־נידערונג, אַבי נאָר צו באַשיצן דעם כבוד פון איר מאַן. און הערצען האָט איר דערמוטיקט צו שרייבן הערוועגן אַ בריוו. אין וועלכן זי האָט דער־קלערט, אַז „מיין אומגליקלעכע פאַרקאַכטקייט (אין אייך) האָט געדינט נאָר ווי אַ נייער פּידעסטאַל אויף אויפצוהייבן נאָך העכער מיין ליבע צו אים (צו הערצענען — ד. ש.) אָט דעם פּעדיעסטאַל האָט איר געוואָלט באַ־וואַרפן מיט בלאָטע. אָבער אייך וועט זיך ניט איינגעבן צו צושטערן אונ־דזער בונד, וועלכער קען איצט נאָך מער ווי פריער ניט אויפגעלייזט און צוטרייסלט ווערן... אייערע מסירות און רכילות אויף אַ פרוי רופן ביי אַלעקסאַנדערן אַרויס נאָר פאַראַכטונג צו אייך. איר האָט זיך אַליין געשענ־דעם מיט אָט דער נידערטרעכטיקייט... צווישן מיר און אייך איז ניטאָ מער קיין בריק. איר האָט געמאַכט, אַז איך זאָל אַפילו די פאַרגאַנגנהייט האַסן".

הערוועג האָט איר דעם בריוו צוריקגעשיקט. פאַר באַקאַנטע האָט ער געזאָגט, אַז הערצען האָט איר געצוווּנגען שרייבן צו אים אַזאַ בריוו.

נאַטאַליע איז דעמאָלט געווען שוואַנגעריק. אין מיטן אַפּריל האָט זי געשיקט קיין פּאַריז נאָך פרוי רייכל די איינציקע פריינדין אירע, וועמען זי וואָלט נאָך נאַטאַליע טוטשקאָוון געקענט אַנפאַרטרויען אירע קינדער, אין פאַל זי וועט שטאַרבן. דעם 26סטן אַפּריל האָט זי צונויפגענומען אירע לעצטע כחות, האָט גענומען אַ פען און האָט אין אַ קלאָרער, פעסטער האַנט־שריפט אָנגעשריבן איר לעצטן געהיימען בריוו צו הערווענן:

„אַ צייכן פון לעבן" — און פאַר וועלכן צוועק? שטענדיק צו רעכט־פערטיקן דיך דורך באַדעקן מיך אַליין מיט פאַרוווּרפן, דורך באַשולדיקן מיך אַליין. זיי רואיק, הגם דו האָסט גענוג חשק און גענוג מיטלען צו

האָבן דערפֿאָלג אין דעם אָן מיין הילף — זיי רואיק. אויב איך וועל אמאָל ריידן פֿאַר עמיצן, וואָס איז פֿעאיק צו פֿאַרשטיין (אַנדערש וועל איך ניט ריידן, אַנדערש וואָלט עס געווען די גרעסטע פֿאַרשוועכונג פֿון דעם וואָס איז דאָס הייליקסטע פֿאַר מיר), וועט עס ניט זיין צו רעכטפֿערטיקן זיך אַליין. האָסטו מיר ווייי געטאָן? דו דאַרפֿסט עס בעסער וויסן ווי איך. איך ווייס נאָך, אַז מיינע ברכות וועלן דיך באַגלייטן אומעטום און שטענדיק. צו זאָגן מער וואָלט געווען איבערפֿליסיק".

פֿון דעם בריוו האָט הערצען קיינמאָל ניט געוווּסט. ער וואָלט ניט געווען „פֿעאיק צו פֿאַרשטיין"...

דעם 29טן אַפּריל האָט נאַטאַליע געבאָרן אַ ייִנגל, צוויי מאָנאַטן פֿאַר דער צייט. די געבורט־ווייען האָבן אָנגעהויבן ביי איר די לעצטע כוחות. זי האָט זיך דריי טעג געמאַטערט, דאָס קינד איז געשטאָרבן, אָבער זי האָט פֿון דעם ניט געוווּסט. זי האָט אויסגעדריקט דעם ווּנטש, אַז נאַטאַליע טוטשקאָוו זאָל קומען פֿון רוסלאַנד און אויפֿהאָדעווען אירע קינדער. זי האָט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אָנצינדן ליכט, ווייל איר איז פֿינסטער אין די אויגן, כאָטש ביי איר בעט האָבן געברענט צוויי ליכט. דערנאָך איז זי געוואָרן באַוווּסטלאָז און אויף מאָרגן, דעם 2טן מאַי, 1852, איז זי געשטאָרבן.

הערצען איז געווען שרעקלעך דערשלאָגן, איז אַרומגעלאָפֿן הין און צוריק ווי אַ צעמישטער. די קינדער האָבן געוויינט און אויך זייער דינער איז געלעגן אויפֿן גראָז און האָט געיאָמערט אויפֿן קול ווי אַ קינד.

מיט אַמאָל איז צו זיי אין הויז אַריינגעקומען אַן אומבאַקאַנטע דאַמע געקליידט אין שוואַרצן צוזאַמען מיט איר צוויי קינדער. זי האָט געבעטן ביי הערצענען דערלויבעניש צו זאָגן אַ קאַטוילישע תּפֿילה פֿאַר דער נשמה פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער נאַטאַליע. נאַטאַליע איז פּונקט ווי הערצען געווען ניט קיין גלויביקע. הערצען אָבער האָט דער דאַמע דערלויבט. „איך אַליין בין געווען גרייט תּפֿילה צו טאָן צוזאַמען מיט איר", האָט הערצען שפּעטער געשריבן. די דאַמע האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני פֿאַר דער בעט, וווּ די פֿאַרשטאָרבענע איז געלעגן. אויך די קינדער האָבן זיך געשטעלט אויף די קני. זי האָט געשעפּטשעט אַ לאַטיינישע תּפֿילה און די קינדער האָבן שטיל נאָכגעזאָגט. דערנאָך האָט זי געזאָגט הערצענען: „זיי האָבן אויך ניט קיין מאַמען און זייער טאַטע איז ווייט. איר האָט באַגלייט צו איר אייביקער רו זייער באָבען".

דאָס זיינען געווען די קינדער פֿון דעם באַרימטן איטאַליענישן פֿרייהייטס־קעמפֿער גאַריבאַלדי, וועלכער איז געווען הערצענס אַ פֿריינט און דעמאָלט, פּונקט ווי ער, אויך אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

מען האָט נאַטאַליען באַערדיקט אויפֿן בית עולם אין ניצע. הערצען איז געווען אַזוי דערשלאָגן און פֿאַרצווייפֿלט, אַז ער האָט געטראַכט וועגן באַגיין זעלבסטמאָרד. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך נאַטאַליעס לוויה האָט געאַרג הערווענ אַרויסגערופֿן הערצענען אויף אַ דועל. כמעט אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, וועלכע האָבן דאַן געלעבט אין ניצע, אין בעלגיע און אין דער שווייץ, האָבן געהאַלטן מיט הערצענען, נאָר דער צוקונפֿטיקער דייטשער קאָמפּאָזיטאָר ריכאַרד וואַגנער, וועלכער איז אין זיינע יונגע יאָרן אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער און אַ פּאָליטישער עמי־גראַנט, האָט אין אַ ביוו צו הערצענען זיך באַמיט צו פֿאַרטיידיקן ביז אַ געוויסן גראַד הערווענ. הערצען האָט אים געענטפֿערט, אַז ער וועט קיין מאָל ניט איינשטימען צו שלאָגן זיך אויף אַ דועל מיט הערווענ. „מיר זיינען ניט קיין גלייכע", האָט הערצען געשריבן, „איך בין זיין ריכטער. איך קען זיין נאָר זיין הענקער, אָבער ניט זיין קעגנער"...

6

הערצען האָט אַ געוויסע צייט געטראַכט וועגן עמיגרירן קיין אַמעריקע. אָבער סוף יולי האָט ער איבערגעלאָזן זיינע טעכטער אין פּאַריז ביי דער מאַדאַם רייכל און אַליין איז ער צוזאַמען מיט זיין יינגל סאַשאַ אַוועקגע־פֿאָרן קיין לאָנדאָן. „געדענקט האָב איך צו פֿאַרבלייבן נאָר אַ מאָנאַט צייט", האָט ער שפּעטער געשריבן, „אָבער ביסלעכווייז האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן, אַז איך האָב אייגנטלעך ניט וווּהין צו פֿאָרן און צוליב וואָס". ער האָט באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן אין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ער גע־טראָפֿן פֿיל פֿון זיינע אַלטע פֿריינט, דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן און רע־וואָלוציאָנערן פֿון פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און פּוילן. מיט אַ סך פֿון זיי האָט ער זיך נאָך באַפֿריינט אין פּאַריז און אין דער שווייץ.

נאָך אין מאָסקווע, איידער ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז, האָט הער־צען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פֿראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַ־ציאונגען צווישן דעם יחיד און דעם כּלל, צווישן דעם איינצלנעם מענטשן און דער געזעלשאַפֿט אין פֿאַרבינדונג מיט אָט דער פֿראַגע האָט ער מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט נאָכגעפֿאָלגט די אַנטוויקלונג פֿון דעם סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק אין אייראָפּע. ער האָט געלייענט די ווערק פֿון די דע־מאָלסטיקע פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן לואי בלאַן, סען סימאָן, שאַרל פֿוריע, קאָנסידעראַן און אַנדערע. און ער איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פֿון פֿוריעס טעאָריעס.

פוריע האָט אין זיינע ווערק קריטיקירט די בורזשואַזע אָרדענונג און גע־פּרעדיקט, אַז דער ציל פון דער מענטשהייט איז גליק, וואָס באַשטייט אין באַפרידיקן זייערע נאַטירלעכע אינסטינקטן. ניט פירן צו קיינע שלעכטע רעזולטאַטן. פאַר דער פולשטענדיקער אַנטוויקלונג פון אַלע זייערע פעאי־קייטן איז נויטיק פאַר די מענטשן צו פאַראייניקן זיך אין גרויסע קאָמונעס אָדער „פאַלאַנגען", ווי ער האָט עס אָנגערופן, וועלכע זאָלן באַשטיין פון 15 ביז 18 הונדערט מענטשן יעדע. יעדע קאָמונע באַאַרבעט אַ באַ־שטימטן שטח ערד אויף אַ קאָמוניסטישן שטייגער; די מיטגלידער פון דער קאָמונע לעבן אַלע אין איין געביידע, וועלכע ווערט אָנגערופן „פאַלאַנס־טער". די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט ווערט צוטיילט גלייך אויף גלייך צווישן אַלע מיטגלידער. די באַזונדערע „פאַלאַנגען" אָדער קאָמונעס טוישן זיך מיט די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט איינע מיט די אַנדערע. אויף אַזאַ אופן וועט סוף־כּל־סוף אייננעשמעלט ווערן אַן אַלגעמיינע האַרמאָניע.

ווען דער יונגער הערצען האָט אין 1844 איבערגעלייענט פוריעס ווערק, האָט ער פאַרשריבן ביי זיך אין טאָגבוך: „גוט, זייער גוט, אָבער ניט קיין פולשטענדיקע לייזונג פון דער פראַגע. אין זייער ברייטן, פּרעכטיקן פאַ־לאַנסטער איז ענגליך; דאָס איז די איינאָרדנונג בלויז פון איין זייט פון לעבן, די איבעריקע איז ניט באַקוועם".

געמיינט, האָט ער דערמיט צו זאָגן, אַז דעם מענטשלעכן גייסט וועט דאָרט זיין ענג.

מיט דריי יאָר שפּעטער האָט ער אין איינעם פון זיינע „בריוו פון פראַנקרייך און איטאַליע" געשריבן: „פאַרשטיין די מענטשלעכע פּערזענ־לעכקייט, פאַרשטיין די גאַנצע הייליקייט, די גאַנצע ברייטקייט פון די ווירק־לעכע רעכט פון דעם איינצלנעם — איז די שווערסטע אויפגאַבע, און אַ חוץ אין איינצלנע פאַלן און אויסנאַמען איז זי דורך קיינע פריערדיקע היסטאָ־רישע פאָרמען ניט געלייזט געוואָרן. פאַר איר איז נויטיק אַ גרויסע דער־וואַקסנהייט, וועלכע דער מענטש האָט נאָך ניט דערגרייכט".

„קיין צווייפל ניט", האָט הערצען געשריבן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, „אַז די סען־סימאָניסטן (די אָנהענגער פון סען סימאָן) און די פוריעריסטן האָבן אַרויסגעזאָגט גרויסע נביאישע געדאַנקען וועגן דער צוקונפט. אָבער עפּעס פעלט ביי זיי. פוריעס פאַלאַנסטער איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי די רוסישע דאָרפס־קאָמונע און אַן אַרבעטס־קאַזאַרמע, אַ מיליטערישע קאָ־לאָניע אויף אַ ציווילן שניט, אַן אינדוסטריעלער רעגימענט. עס איז באַמערקט געוואָרן, אַז ביי דער אָפּאָזיציע, וועלכע קעמפט אָפּן קעגן אַ רע־גירונג, איז תמיד פאַראַן עפּעס פון איר (דער רעגירונגס) כאַראַקטער, נאָר אין אַ פאַרקערטן זין, און איך דענק, אַז עס איז דאָ אַ שטיקל אמת אין

דער שרעק וואָס די רוסישע רעגירונג הייבט אָן צו פילן פאַרן קאָמוניזם. קאָמוניזם — דאָז איז די רוסישע זעלבסטשטהערשונג איבערגעקערט אויף דער אַנדער זייט".

די דאָזיקע נביאישע ווערטער האָט הערצען געשריבן מיט איבער הונ־דערט יאָר צוריק אין זיין אַרטיקל „די אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערע אידעען אין רוסלאַנד". ער האָט זיך צו דער פראַגע שפּעטער נאָך פיל מאָל אומגעקערט.

ערשט אין לאָנדאָן האָט זיך הערצענס טאַלאַנט צעבליט, און ערשט דאָרט האָט ער דורך זיינע ווערק און דורך זיין טעטיקייט פאַראייביקט זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד און פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם.

דעם 25סטן אויגוסט 1852 איז הערצען אַרונטער פון שיף אין לאָנדאָן. ער האָט ניט געדענק צו פאַרבלייבן דאָרט מער ווי אַ מאָנאַט. אָבער בים־לעכווייז האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן, אַז ער האָט ניט וווּהין צו פאָרן און צוליב וואָס צו פאָרן.

זיבן יאָר איז פאַראַבער זינט ער האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד, און וואָס פאַר אַ זיבן יאָר זיינען דאָס געווען! אין די זיבן יאָר האָט ער דורכגעלעבט די רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך פון 1848, די מפּלה פון די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס אין די אַנדערע לענדער, און זיין אייגענע פאַמיליען־טראַגעדיע.

באַשליסנדיק צו פאַרבלייבן אין לאָנדאָן, האָט הערצען אָנגעהויבן פון דעם, וואָס ער האָט געדונגען אַ הויז אין איינעם פון די ווייטסטע טיילן אין שטאָט. די צוויי טעכטערלעך זיינע זיינען פאַרבליבן אין פּאַריז. דער עלף־יאָריקער יינגל סאַשאַ איז געווען מיט אים. די ערשטע צייט האָט הערצען זיך געפילט זייער איינזאַם אין לאָנדאָן. שפּעטער אָבער האָט ער געטראָפן דאָרט אַ סך פון זיינע אַלטע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן, דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, מיט וועלכע ער האָט מיט יאָרן צוריק זיך באַפריינדעט אין פּאַריז, אין ניצע און אין דער שווייץ. זיי זיינען פונקט ווי ער, איצט געווען פּאָליטישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן. צווישן זיי זיינען געווען דער באַרימטער איטאַ־ליענישער פרייהייטס־קעמפער מאַדזיני, די פראַנצויזן וויקטאָר הוגאָ, לואי בלאַן און לעדרו ראָלען, דער אונגאַרישער קעמפער פאַר פרייהייט קאָשוט, דער פּאָליאַק וואָרצעל און פיל אַנדערע.

אין פּאַריז האָט הערצען זיך געהאַט באַפריינדעט מיטן באַוווּסטן פראַנ־צויזישן היסטאָריקער מישלע און מיט דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן פּובלי־ציסט און עקאָנאָמיסט פּרודאָן. פאַר די זיבן יאָר צייט, וואָס הערצען איז

געווען אין אויסלאַנד, האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רייע בראָשורן און אַרטיקלען אין פֿראַנצויזישע, דייטשע און רוסישע זשורנאַלן. (אַ סך פֿון זיינע אַרטיקלען האָט ער געשריבן אונטער דעם פּסעוודאָנים „איסקאַנדער").

ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן, איז הערצען, נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, געוואָרן אַן איבערצייגער סאָציאַליסט. אָבער זיין סאָציאַליזם איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, אַן אָריגינעלער.

„אַ ציל, וואָס איז אומענלעך ווייט, איז ניט קיין ציל, נאָר אַ פֿאַרנאַרונג", האָט ער געשריבן נאָך אין 1852טן יאָר. „אַ ציל דאַרף זיין נעענטער. דער ציל פֿון יעדן דור איז ער (דער דור) גופֿא. די נאַטור מאַכט ניט קיין דורות פֿאַר מ טלען צו דערגרייכן אַ צוקונפֿט. די נאַטור זאָרגט זיך אינגאַנצן ניט וועגן דער צוקונפֿט". אָבער יעדער דור דאַרף לעבן אַ מענטשלעכן לעבן. דאָס מיינט, לעבן אין אַ געזעלשאַפֿטלעכער סביבה, ווו די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז פֿריי און אין דער זעלבער צייט איז די געזעלשאַפֿט ניט צושטערט.

אין דער סאָציאַליסטישער אידעע האָט הערצען געזען צוויי פּראָבלעמען: אַן עקאָנאָמישע און אַ גייסטיקע. די עקאָנאָמישע פּראָבלעם איז, פֿאַרשטייט זיך, זייער אַ וויכטיקע. „אַזוי לאַנג ווי די „מאָגן־פֿראַגע" וועט ניט געלייזט ווערן", האָט הערצען געשריבן, „וועט אַלץ איבעריקעס קלינגען פֿאַר די אַרבעטנדע מאַסן ניט מער ווי חוזק־מאַכעריי איבער זייער לאַגע. מיט פֿאַרענטפֿערן אָבער בלויז די „מאָגן־פֿראַגע" וועט די הויפּט־פּראָבלעם פֿון סאָציאַליזם נאָך ניט געלייזט ווערן. און די הויפּט־פּראָבלעם פֿון סאָציאַליזם איז: די פֿרייהייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט".

באַלד נאָך זיין קומען קיין לאָנדאָן האָט הערצען באַשלאָסן צו עפֿענען אַ פֿרייע רוסישע דרוקעריי און אָנהויבן דאָרט דרוקן פֿאַר רוסלאַנד ביכער און בראָשורן פֿריי פֿון צענזור. דער קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די פּויערים פֿון שקלאַפֿעריי איז געוואָרן זיין הויפּט־ציל. עפֿענענדיק די פֿרייע דרוקעריי, האָט ער געזוכט אַריינצוציען אין זיין פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט זיינע פּעטערבורגער און מאָסקווער פֿריינט. ער האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים רעגלמעסיק צושיקן מאַטעריאַל, וואָס זאָל אויפֿדעקן די פֿאַרברעכערישקייט און פֿאַרדאָרבנקייט פֿון דעם דעספּאָטישן רעזשים פֿון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן.

הערצענס ערשטע אויסגאַבע אין לאָנדאָן איז געווען דער ליפֿלעט „די פֿרייע רוסישע דרוקעריי אין לאָנדאָן. צו די ברידער אין רוסלאַנד". ווענדנדיק זיך צו די רוסישע ליבעראַלן, האָט הערצען געשריבן, „די טיר איז פֿאַר אייך איצט אָפֿן. ווילט איר זיך באַנוצן מיט איר אָדער ניט? — דאָס וועט פֿאַרבלייבן אויף אייער געוויסן. אויב מיר וועלן גאָרניט באַקומען פֿון רוס־

לאַנד, וועט עס זיין ניט אונדזער שולד. אויב אייך איז אייער אייגענע רוח טייערער ווי דאָס פֿרייע וואָרט, שווייגט... צו זיין אייער אָרגאַן, אייער פֿרייע טריבונע — דאָס איז מיין ציל".

הערצענס פֿריינט אין רוסלאַנד האָבן זיך אינגיכן גענומען אָפּרופֿן און צושיקן אים פֿאַרשיידענע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אין רוסלאַנד ניט געקענט געדרוקט ווערן.

אין נאָוועמבער 1853 האָבן די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן אין לאָנדאָן געפּייערט מיט אַ גרויסער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג דעם יאָר־צייט פֿון דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד פֿון 1830. דער פֿאָרזיצער פֿון מיטינג איז געווען וואָרצעל און די רעדנער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן גערעדט וועגן די ליידן פֿון פּוילישן פֿאָלק און וועגן דער קומענדיקער אויפֿלעבונג פֿון אַ באַפֿרייטער פֿאַראייניקטער פּוילן.

די פּאָליאַקן האָבן איינגעלאַדן הערצענען, אַז ער זאָל זיין איינער פֿון די רעדנער, און ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. דאָס איז געווען זיין ערשטער עפֿנטלעכער אַרויסטריט אויף אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג. הערצען האָט זיין רעדע געלייענט פֿון אַ מאַנוסקריפּט אין פֿראַנצויזיש. קיין ענגליש האָט ער נאָך דעמאָלט ניט געקענט. זיין רעדע האָט געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק. ער האָט פֿאַרענדיקט מיט דעם אויסרוף: „פֿאַר אַן אומאָפּהענגיקער פּוילן און פֿאַר אַ פֿרייער רוסלאַנד!"

ווען ער האָט פֿאַרענדיקט די רעדע, איז דער פֿאָרזיצער צוגעקומען צו אים און האָט זיך צוקושט מיט אים. דער 1500־קעפּיקער עולם האָט שטורמיש אַפּלאָדירט. אויף מאָרגן האָט די גאַנצע ענגלישע פּרעסע באַריכטעט וועגן דעם מיטינג, ווי וועגן אַ דעמאָנסטראַציע פֿון „רוסיש־פּוילישער פֿריינטשאַפֿט".

אין דריי מאָנאַטן אַרום, אין פֿעברואַר 1854, איז הערצען געווען איינער פֿון די געסט אויף אַ באַנקעט, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנסול סאַונדערס האָט געגעבן פֿאַר די סאַמע אָנגעזעענסטע פּאָליטישע פּליטים אין לאָנדאָן. צוזאַמען מיט הערצענען זיינען דאָרט געווען די איטאַליענער גאַריבאַלדי, מאַדזיני און אָרסיני (אָרסיני איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום הינגעריכטעט געוואָרן אין פֿראַנקרייך פֿאַר אַ פּרוּוו צו טויטן נאַפּאָלעאָן דעם דריטן), דער אונגאַר קאָשוט, דער געוועזענער מיטגליד פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג פֿון 1848, לעדריו־ראָלען, דער פֿירער פֿון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן וואָרצעל און אַ פּאָר אַנדערע ווייניקער באַרימטע פּאָליטישע עמיגראַנטן. עס איז דאָרט אויך אָנוועזנד געווען אַ ראַדיקאַלער מיטגליד פֿון ענגלישן פּאַרלאַמענט. קיינעם פֿון די דייטשע פּאָליטישע עמיגראַנטן האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסול ניט איינגעלאַדן צום

באַנקעט, און דאָס האָט שטאַרק געערגערט די דייטשן. צום באַנקעט איז ספּעציעל געקומען דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר ביוקענען (ער איז שפּעטער געוואָרן פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן) צוזאַמען מיט אַלע באַאַמטע פֿון דער אַמבאַסאַדע.

קיין רעדעס זיינען דאָרט ניט געהאַלטן געוואָרן. דער צוקונפֿטיקער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט נאָר יעדן איינעם פֿון די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן געדריקט די האַנט און באַשאָטן זיי מיט קאָמפּלימענטן. הערצענען האָט ער נאָר געזאָגט, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין רוסלאַנד און האָט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד מיט דער איבערצייגונג, אַז זי האָט אַ גרויסע צוקונפֿט. הערצען האָט אים דערציילט, אַז ער געדענקט אים נאָך פֿון דער צייט, ווען מען האָט אין מאָסקווע געקרוינט דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. „איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל", האָט אים הערצען געזאָגט, „אָבער איר האָט זיך דאָרט אַזוי שטאַרק אָנגעזען אין אייער איינפֿאַכן שוואַרצן פֿראַק און אין דער רונדער הוט צווישן דעם אַריסטאָקראַטישן עולם אין די באַגילטע מונדירן".

נאָכן באַנקעט, ווען דער אַמבאַסאַדאָר איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט דער קאָנסול איינגעלאַדן די געסט צוריק אין עס־צימער און מען האָט דאָרט געטרונקען טאָסטן פאַר אַ דריי־פיר פון די געסט. דעם קאָנסולס פרוי האָט געשפּילט אויף אַ גיטאַר די „מאַרסעליעזע", וואָס איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ רעוואָלוציאָנערע ליד, און מאַדזיני און וואָרצעל האָבן געזונגען די ווערטער. דאָ אויפֿן באַנקעט איז געמאַכט געוואָרן אַ פֿאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס זאָל פֿאַראייניקן די ענגלישע אַרבעטער מיט די אייראָפּעאישע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דעם 27טן פֿעברואַר 1855 צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־מיטינג אין סט. מאַרטינס האָל צום אָנדענק פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 4טן פֿעברואַר 1848. הערצען איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט".

אין 1854 האָט הערצען געשריבן אין אַן ענגלישן זשורנאַל: „אויב דער סאָציאַליזם וועט ניט זיין בכח איבערצובויען די צופֿאַלנדע געזעלשאַפֿט און דערפֿירן צום סוף איר גורל, וועט עס רוסלאַנד טאָן. איך זאָג ניט, אַז דאָס איז נויטיק, אָבער דאָס איז מעגלעך. רוסלאַנד קען פּונקט אַזוי באַהערשן גאַנץ אייראָפּע ביזן אַטלאַנטישן אָקעאַן, ווי זי קען פֿון איר זייט באַזיגט ווערן ביזן אוראַל". דאָס ערשטע קען געשען, ווען אייראָפּע וועט זיין צוריסן און צוטיילט. דאָס צווייטע קען געשען, ווען „גאַנץ אייראָפּע וועט זיין פֿעסט פֿאַראייניקט".

אין דעם זעלבן יאָר האָט הערצען געשריבן צו אַ פֿראַנצויזישן עמי־גראַנט, וועלכער האָט אין לאָנדאָן אַרויסגעלאָזט אַן אַנאַרכיסטישן ביכל אונטערן נאָמען: „הוראַ׳ס אָדער אַ רעוואָלוציע וואָס וועט געמאַכט ווערן פֿון קאָזאַקן”: „דערלויבט מיר אייך צו דערקלערן, וואָס עס איז דער ציל פֿון מיינע שרייבערייען — דייטשע און פֿראַנצויזישע — וועגן רוסלאַנד. נאָך דעם ווי איך האָב זיבן יאָר פֿאַרבראַכט אין פֿאַרשיקונג, ביז איך געקומען צופֿאָרן קיין אייראָפּע, קענענדיק זי נאָר טעאָרעטיש. די יוני־טעג פֿון 1848 האָבן פֿאַר מיר אַנטפּלעקט דעם אינערלעכן צושטאַנד פֿון אייראָפּע. וואָס מער איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, אַלץ מער האָב איך געפֿילט אַ באַדערפֿעניש אַרויסצוזאָגן פֿאַר דער וועלט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז רוסלאַנד איז ניט נאָר אַ קאַזאַרמע און אַ צאַרישע קאַנצעלאַריע, נאָר אַז אין דער טיפֿעניש פֿון איר זיינען באַהאַלטן רעוואָלו־ציאָנערע עלעמענטן: אַנאַרכיסטישע צווישן דעם אָדעל און קאָמוניסטישע אין פֿאָלק. צווייטנס, אַז דער מערב איז גאָר ניט אַזוי געוואַלדיק רעוואָלו־ציאָנער ווי ער שטעלט זיך פֿאָר. דער ענדגילטיקער רעזולטאַט איז איין און דער זעלבער — אַ סאָציאַלע מעטאַמאָרפֿאָזע (אַן איבערגאַנג פֿון איין פֿאָרם אין אַ צווייטער). וואָס איז שייך ניקאָלאַיען און זיין רעזשים — איז דאָרט ניטאָ קיין שום סלאַווישעס און קיין נאַציאָנאַל־רוסישעס”.

דעם 27טן פֿעברואַר 1855 האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער מיטינג צום אָנדענק פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1848. אין דעם אַנאָנס וועגן דעם מיטינג איז געווען געמעלדעט, אַז צווישן אַנ־דערע וועלן דאָרט ריידן וויקטאָר הוגאָ, לואי בלאַן, לעדריו־ראָלען, קאָשוט, קאַרל מאַרקס, מאַדזיני, הערצען א. א. מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם מי־טינג אָבער האָט דער פּרעזידענט פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט”, דער ענגלענדער דזשאָנס באַקומען אַ בריוו פֿון אַ דיימש, וועלכער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס הערצען איז איינגעלאָדן געוואָרן צו זיין איינער פֿון די רעדנער. הערצען, האָט דער דייטש געשריבן, איז אַ פּאַנ־סלאַוויסט. ער פֿאַרטיידיקט די רוסישע לייב אייגנשאַפֿט (די שקלאַפֿעריי פֿון די פּויערים) ווי אַן אידעאַל פֿאַר דער ערד־באַאַרבעטנדער באַפֿעלקערונג.

דזשאָנס האָט ניט געשענקט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט דעם דאָזיקן פּאַסקוויל. אויף דער נעקסטער זיצונג אָבער פֿון קאָמיטעט האָט קאַרל מאַרקס דערקלערט, אַז ער האַלט, אַז דער אויסוואַל פֿון הערצענען ווי איינעם פֿון די רעדנער איז „ניט אין איינקלאַנג מיט די צילן פֿון קאָמיטעט”. דזשאָנס האָט פֿאַרגעלייגט מאַרקסן, אַז ער זאָל דערקלערן וואָס ער האָט אויסצוזעצן קעגן הערצענען און דער קאָמיטעט וועט גלייך פֿאַרהאַנדלען די פֿראַגע. מאַרקס האָט געענטפֿערט, אַז ער איז מיט הערצענען פּערזענלעך ניט באַ־

קאַנט, אַז ער האָט ניט קענען אים קיין שום פּריוואַטע באַשולדיקונג; נאָר עס איז געגאַנגען וואָס הערצען איז אַ רוס, וועלכער האָט אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן פּאַרטיידיקט רוסלאַנד. צום סוף האָט מאַרקס דערקלערט, אַז אויב מען וועט הערצענען ניט אויסשליסן, וועט ער צוזאַמען מיט אַלע זיינע פריינט זיין געצוואונגען ארויסצוטרעטן פון קאָמיטעט. דזשאָונס, צוזאַמען מיט אַלע פראַנצויזן, פּאָליאַקן איטאַליענער, ווי אויך אַ צוויי דריי דייטשן האָבן געשטימט פאַר הערצענען. מאַרקס איז פּאַרבליבן אין אַ קלענער מינאָריטעט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט צוזאַמען מיט אַ פּאָר פון זיינע פּאַרלאָזט דעם קאָמיטעט.

אין אַ בריוו צו פרידריך ענגעלסן האָט מאַרקס געשריבן: „איך וועל אין ערגעץ און קיינמאָל ניט דערשיינען אויף דער זעלבער פּלאַטפאָרמע מיט הערצענען, ווייל איך בין ניט מיט דער מיינונג, אַז די „אַלטע אייראָפּע" קען צוריק יונג ווערן דורך רוסישע בלוט".

מאַרקס און זיינע פריינט האָבן שטאַרק באַקעמפט דער פּאָטער פון דעם רוסישן אַנאַרכיזם, מיכאַאיל באַקונין, וועלכער איז געווען הערצענס אַ יוגנט־פריינט. די דייטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו מאַרקסן, האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז באַקונין איז אַ שפּיאָן פון דער צאַרישער רעגירונג. הערצען האָט ניט נאָר אַליין שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם אין דער ענגלישער פּרעסע, נאָר ער האָט אויך איינגעלאַדן מאַדזיניען און וואָר־צעלן, אַז זיי זאָלן זיך אונטערשרייבן אונטער זיין פּראָטעסט־בריוו, און זיי האָבן עס גערן געטאָן. מאַרקס האָט עס הערצענען ניט געקענט מוחל זיין.

איין פריינט מאַרקסעס האָט געשריבן וועגן הערצענען ווי וועגן „אַ פּרעכן באַרבאַר, וועלכער וואַגט צו קוקן אויף דייטשלאַנד פון אויבן אַרונטער".

אַ צווייטער דייטש, וועלכער איז דעמאָלט אויך געווען מאַרקסעס אַ פריינט, האָט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין אַ ניו־יאָרקער זשורנאַל געשריבן וועגן דעם דערמאָנטן לאָנדאָנער באַנקעט ביים אַמעריקאַנער קאָנסיל, אַז אויף דעם מיטאָג „איז געווען אַ רוס, א. ה. וועלכער גיט זיך אָן פאַר אַ סאָציאַליסט און רעפּובליקאַנער. דער דאָזיקער א. ה. (הערצען ד. ש.) שטייט אין נאָענטע באַציאונגען מיט מאַדזיניען און סאַפּין. פאַר מענטשן, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, איז עס זייער ניט פּאַרזיכטיק וואָס זיי לאָזן־צו דעם רוס אַזוי נאָענט צו זיך. מיר ווינטשן זיי, אַז עס זאָל זיי ניט אויסקומען צו־שפּעט חרטה צו האָבן אויף דעם"...

הערצען אַליין האָט שפּעטער געשריבן, אַז דער האָס צו אים פון מאַרקסן און זיינע פריינט איז געווען „אַ ריין־פּלאַטאָנישער". זיי האָבן אים „גע־בראַכט ווי אַ קרבן זייער פאָטערלאַנד אויס פּאַטריאָטיזם".

הערצען האָט אויף דעם מאַס־מיטינג אין סט. מאַרטינס האָל געהאַלטן אַ גלענצנדע רעדע. די לאָנדאָנער „טאַימס" האָט אויף מאָרגן אין איר באַריכט געשריבן, אַז „הערצען איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם" און זיין רעדע איז געווען „די מערקווירדיקסטע פֿון אַלע". ער האָט גערעדט וועגן דער קומענדיקער רעוואָלוציע און וועגן סאָציאַליזם ווי דעם „יונגן יורש פֿון דעם אָפּשטאַרבנדן אַלטן רעזשים", און ווען ער האָט פֿאַרענדיקט די רעדע, האָט דער עולם אים געמאַכט אַן אָוואַציע און אַ יונגע דאַמע האָט אים דערלאַנגט אַ בוקעט בלומען.

הערצען איז ניט געווען קיין פּאַנסלאַוויסט און אויך ניט קיין רוסישער נאַציאָנאַליסט. פֿאַרקערט, ער איז געווען אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַליסט. די דייטשן זיינען אויף אים געווען אָנגעשטויסן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיי קריטיקירט, פּונקט ווי ער האָט ניט געשאָנעוועט אַנדערע פֿעלקער און אויך זיין אייגענעם פֿאָלק. איבערהויפּט האָבן די דייטשן אים ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט קריטיקירט די דייטשע רעוואָלוציאָנערן.

„אַלע דייטשע רעוואָלוציאָנערן", האָט הערצען געשריבן, „זיינען גרויסע קאָסמאָפּאָליטן. זיי „זיינען אַריבערגעוואַקסן דעם שטאַנדפּונקט פֿון נאַציאָנאַליטעט" און אַלע זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט דעם סאַמע אויפֿגערעגטסטן און סאַמע עקשנותדיקן פּאַטריאָטיזם. זיי זיינען גרייט אָנצונעמען אַן אַלוועלטלעכע רעפּובליק, אָפּצווישן די גרענעצן צווישן די מלוכות, אָבער טריעסט און דאַנציג מוזן געהערן צו דייטשלאַנד. ביי איר פֿאַרביסענעם און מיליטאַנטישן פּאַטריאָטיזם קוקט דייטשלאַנד מיט שרעק סיי אויף רעכטס און סיי אויף לינקס. איר דוכט זיך כסדר, אַז דאָ גייט פֿראַנקרייך מיט פֿלאַטערנדע פֿאָנען אַריבער דעם רהיין און דאָרט גייט רוסלאַנד אַריבער דעם ניעמאַן, און דאָס דייטשע פֿאָלק פֿון 25 מיליאָן נפֿשות פֿילט זיך ווי אַ קיילעכדיקער יתום. ער זידלט זיך פֿון שרעק, האַסט פֿון שרעק און באַווייזט טעאָרעטיש, לויט געוויסע קוואַלן, כדי זיך צו באַרואיקן, אַז פֿראַנקרייכס עקזיסטענץ איז שוין ניט קיין עקזיסטענץ און רוסלאַנדס עקזיסטענץ איז נאָך ניט קיין עקזיסטענץ".

די דאָזיקע ווערטער האָט הערצען געשריבן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק...

אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן צום פֿראַנצויזישן היסטאָריקער מישלע, אַז „דער סלאַוו איז אַ פֿוילער פֿאָלק, וועלכער שלעפּערט זיך אַליין אין מיט זיין אייגענעם ליד, און אַז ער נויטיקט זיך אין דעם שטאַרקן און ענערגישן געדאַנק פֿון מערב", אַז די סלאַווישע וועלט וועט קיינמאָל ניט קענען „אַנטוויקלען איר סאָציאַליסטישן פֿונדאַמענט — דעם ווילדן איינגעבוירענעם — אין דער רעוואָלוציאָנערער אידעע, וועלכע שוועבט

איבערן מערב, ווי זיין אומשטערבלעכע נשמה". און אַז די „סאָציאַלע אידעע, וועלכע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם מערב, איז דער איינציקער מיטל ראַציאָנאַל צו אַנטוויקלען די פעאיקייטן און די סאָציאַלע זײַטן פון די סלאַוון".

„איך דענק", האָט הערצען געשריבן „אַז אַן דעם אַנטייל פון די מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע אידעען וועט ביי די סלאַווישע פעלקער קיינמאָל ניט קלעקן קיין אימפעט צו קענען, פון פּאַטריאַרכאַלן קאָמוניזם אַריבערגיין צום באַוווסטזיניקן סאָציאַליזם".

רוסלאַנד, האָט ער געשריבן, נויטיקט זיך אין סימפּאַטיע און הילף פון די אייראָפּעאישע פעלקער, אָבער פון דער אַנדער זייט איז ער אַריבערציינט, אַז אייראָפּע וועט ניט ווערן אויף אַן אמת פריי, כּל־זמן רוסלאַנד וועט פאַרבלייבן פאַרשקלאַפט.

7

דעם 9טן אַפּריל, 1856, זיינען קיין לאָנדאָן אָנגעקומען פון רוסלאַנד דער פּאָעט ניקאָלאַי אָגאַריאָוו, הערצענס אינטימסטער יוגנט־פריינט, צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי נאַטאַליע אַלעקסעיעוונאַ טוטשקאָווו, וועלכע איז געווען דער פאַרשטאָרבענער נאַטאַליע הערצענס אינטימסטע פריינדין. די אָגאַריאָווס האָבן זיך באַזעצט ביי הערצענען אין הויז. פאַר די אַכט יאָר, וואָס זיינען פאַראיבער זינט הערצענס ערשטער באַגעגעניש מיט נאַטאַליע טוטשקאָוו אין רוים, זיינען אין הערצענס לעבן פאָרגעקומען פיל טראַגישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט אַ שווערן שטעמפּל אויף אָט דעם שטאַרקן מאַן.

די פיר יאָר, וואָס זיינען פאַראיבער נאָך נאַטאַליעס טויט, האָבן ניט אָפּגעשוואַכט הערצענס טרויער און טיפע בענקשאַפט נאָך איר. אין אַ בריוו צו דער דערציערין פון זיינע קינדער, אַ דייטשע שריפטשטעלערין, האָט הערצען געשריבן: „איך באַקלאָג זיך קיינמאָל ניט, אויסער אין יענע פאַלן, ווען אַ פריינטלעכע האַנט לייגט אַרויף אַ פינגער אויף מיין וווּנד. געוויינלעך רייד איך וועגן רעוואָלוציעס, וועגן דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן א. אַז. וו., און עס זיינען דאָ מענטשן, וועלכע באַטראַכטן מיך פאַר דעם גליקלעכסטן מענטש אין דער וועלט... אָבער עס זיינען דאָ מינוטן, ווען אין האַרצן איז אַ שטורעם, ווען דו פילסט אַ פלאַמענדיקן ווונטש צו האָבן אַ פריינט, דריקן אַ האַנט, אַרויסרופן אַ טרער. עס איז פאַראַן אַזוי פיל צו זאָגן!"

דאָס אָנקומען פון זיין פריינט מיט זיין יונגער פרוי האָבן אויפגעוועקט הערצענען פון זיין שווערן שלאָף. נאַטאַליע אַלעקסעיעוונאַ האָט זיך איצט געטראָפן מיט הערצענען צום ערשטן מאָל נאָכן טויט פון זיין פרוי, איר

חברטע. די דערציערין פֿון הערצענס קינדער האָט גלייך באַמערקט, אַז מיט זייער אָנקומען „האָט זיך אין הערצענס לעבן אַריינגעריסן אַ גאַנצע וועלט פֿון גליקלעכע און ווייַמוטיקע דעראינערונגען". הערצען האָט דערפֿילט לעבן זיך צוויי וואַרעמע הערצער, וואָס האָבן געשלאָגן מיט ליבע צו אים, הערצער פֿון מענטשן, וועמען ער האָט געקענט אַלץ דערציילן, אַלץ וואָס איז די אַלע יאָרן ווי אַ שווערער שטיין אים געלעגן אויפֿן האַרצן און וואָס האָט אים שטאַרק געדריקט.

די ערשטע וואָכן נאָך זייער אָנקומען זיינען זיי אָפּגעזעסן אַ סך נעכט און הערצען האָט זיי דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט אים און זיין פֿאַמיליע אין די אַלע יאָרן, זינט ער האָט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

נאַטאַליע האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען פֿאַר זיך דעם אמתן הערצען — זיין מעכטיגן גייסט און פֿייערדיקן טעמפּעראַמענט. הערצען איז דעמאָלט אַלט געווען 44 יאָר. פֿיר יאָר צייט האָט הערצען געלעבט אין איינזאַמקייט, אָן אַ ליבנדער פֿרויען־נשמה לעבן זיך. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, אָבער דער געפֿיל פֿון פּערזענלעכער ניט־באַפֿריד קונג האָט אים כסדר געמאַטערט. איצט האָט ער מיט אַמאָל דערזען פֿאַר זיך אַ 29־יאָריקע פֿרוי, ניט קיין גרויסע שיינקייט, אָבער אַ קלוגע און אינטעליגענטע, מיט אַן אָריגינעלן כאַראַקטער, פֿילייכט אויך אַ קאָפּעטיש, וואָס האָט אַזוי באַצויבערט אי די דעליקאַטע נשמה פֿון אָגאַריאָוון, אי די טיף־פֿילענדע נאַטאַליען, אי הערצענען און אי דעם וווּנדערבאַרן דיכטער פֿון ליבע, דעם גרויסן נאָוועליסט איוואַן טורגעניעוו.

ווען די טוטשקאָווס זיינען אין יאָר 1848 געווען אין פּאַריז, האָט טורגעניעוו אָנגעהויבן „אוכאַזשעווען" נאָך דער דעמאָלט צוואַנציק־יאָריקער נאַטאַשאַ. ער האָט זאָגאַר געפֿרעגט ביי איר, צי זי וואָלט צוגעשטימט חתונה צו האָבן מיט אים. ווען די טוטשקאָווס זיינען אָוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד, האָט נאַטאַליע הערצען געשריבן איר חברטע וועגן טורגעניעוון: „ער האָט געזאָגט, אַז ער דערמאָנט דיך אָפֿט", און אָגאַריאָוו האָט איר אויך געשרבן: „אַך, ווי ער האָט אייך ליב!" טורגעניעוו האָט דערנאָך איר געווידמעט זיינע אַ קאָמעדיע.

די דערציערין פֿון הערצענס קינדער האָט ניט ליב געהאַט נאַטאַליען. זי האָט איר כאַראַקטעריזירט ווי אַ „מאָדנע פּערזאָן", „עפּעס אַ ווילדע נאַטור", און דאָס איז געווען ניט ווייט פֿון אמת. זי איז געווען ניט קיין געזעצטער מענטש, גייסטיק ניט דיסציפּלינירט, אַ פֿרוי מיט אַ לײַדנשאַפֿטלעכן טעמפּעראַמענט, וואָס אָט איז זי געווען פֿריילעך און לעבעדיק, און אָט פֿלעגט זי אַריינפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה. אַ נאַטור פֿול מיט ווידער־

שפּרעכן. מען האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסן וואָס עס וועט איר אין דער נעקסטער מינוט איינפאַלן צו טאָן.

נאַטאַליע אָגאַריאָוו האָט געהערט צו דעם סאָרט פרויען, וועלכע מען דאַרף דערראָבערן, וועלכע עס איז שווער צופרידנצושטעלן; אַ פרוי, וועלכע האָט געדורשט נאָך אַ מאַן וואָס איז פיל שטאַרקער פון איר. אפשר דערפאַר האָט זי גלייך אַזוי שטאַרק באַצויבערט הערצענען און האָט תיכף אַליין זיך פאַרליבט אין אים, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טראַגעדיע.

ווען הערצענס יוגנט פריינט ניקאָלאַי אָגאַריאָוו, צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי נאַטאַליע טוטשקאָוו, זיינען אין אַפּריל, 1856, אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, איז הערצען געווען אויפן זיבעטן הימל פאַר פרייד. הערצען און אָגאַריאָוו זיינען געווען ניט בלויז יוגנט-פריינד. זיי זיינען ממש געווען פאַרליבט איינער אין דעם צווייטן. הערצען האָט געפילט אַ נויטווענדיקייט אויס-צוגיסן זיין האַרץ פאַר זיי, דערציילן זיי די אַלע איינצלהייטן פון דער שרעק-לעכער דראַמע, וועלכע האָט, ווי ער האָט זיך דעמאָלט פאַר זיי אויסגע-דריקט, „פאַרענדיקט מיין פּערזענלעכן לעבן".

„די ערשטע פאַר טעג, האָט נאַטאַליע שפּעטער דערציילט, זיינען מיר געווען אַלע דריי צוזאַמען. מיר האָבן געשמועסט גאַנצע טעג. און שפּעט אין אָוונט, ווען די קינדער און זייער דערציערין פלעגן אַוועקגיין שלאָפן, פלעגט הערצען אונדז זאָגן: „איך ווילט זיך ניט שלאָפן? לאָמיר נאָך זיצן, איך וויל אייך אַלץ דערציילן". גאַנצע נעכט זיינען מיר אַזוי געזעסן און אים אויסגעהערט. איך האָב איבערגעלעבט צוזאַמען מיט אים אָט די שרעקלעכע עפּאָכע. אָבער איך האָב ניט געוויינט. עס פלעגט שוין טאָגן, ווען מיר פלעגן זיך צוגיין. הערצען פלעגט אונדז באַגלייטן מיט אַ ליכט און ביים געזעגענען זיך פלעגט ער קושן אָגאַריאָוון און אויך מיך. קושנדיק מיך דעם ערשטן מאָל, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אָגאַריאָוון: „דו האָסט דאָך גאָר נ״ט קעגן דעם וואָס איך קוש דיין ווייב?" און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דעמאָלט זיך דערשראָקן. עפּעס אַ מאָדנער מאַגנעטישער געפיל האָט מיך צוגעצויגן צו אים. קיינער האָט קיין זאַך ניט באַמערקט, אָבער אינגיכן האָב איך אומקלאָר אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז איך האָב זיי ביידן ליב".

צוויי טעג האָבן זיי געוווינט ביי הערצענען אין הויז. אויפן דריטן טאָג האָבן זיי גענומען אַ וווינונג אין אַ דערבייאיקער הויז, נאָר זיי פלעגן כסדר זיין ביי הערצענען.

איצט איז נאַטאַליע טוטשקאָוו שוין געווען זיבן יאָר צייט פאַרהייראַט צו אָגאַריאָוון. אָגאַריאָוו האָט געליטן פון עפּילעפּסיע (די פאַליגע). קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. אָבער אָגאַריאָוו איז נאַטאַליען געווען טייער

ווי די אויגן אין קאָפּ, און ער אין איר געווען שטאַרק פֿאַרליבט. אין רוס־לאַנד האָט ער אַ סך געשריבן און זי איז געווען די ערשטע פֿאַר וועמען ער פֿלעגט פֿאַרלייענען יעדע געדיכט, וואָס ער פֿלעגט אויפֿשרייבן. ער האָט, אויסער פּאָעזיע, אויך שטאַרק ליב געהאַט מוזיק און האָט זיך אויך פֿאַר־נומען מיט כעמיע און נאַטאַליע פֿלעגט אַרבעטן מיט אים אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע.

„איך האָב אַ סך געלייענט און געשפּילט קלאַוויר, האָט זי געשריבן אין איר „ווידוי", וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט מיט פֿיל צענדליקע יאָרן שפּעטער, אָבער דאָס אַלץ איז געווען פֿאַר מיר ווייניק. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן צוליב פֿאַרגעניגן, אָדער סתם צוליב צייט־פֿאַרטרייב. אַ חוץ אָגאַריאָוון האָב איך ניט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל קענען מיך באַוועגן צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ נוצלעכער אָדער אינטערעסאַנטער טעטיקייט און דורך דעם צו פֿאַרמיידן די מעגלעכקייט פֿון גרויסע טעותן אין דער צו־קונפֿט. אָפֿט האָב איך זיך שטאַרק געלאַנגווייליקט. אויך שפּעטער, ווען עס איז אונדז אויסגעקומען צו וווינען אין שטאָט, איבערהויפּט אין פּעטער־בורג. אָגאַריאָוו האָט געטאָגט און גענעבטיקט אין דער גנזעלשאַפֿט פֿון דעם ליטעראַרישן קרייזל, ווו עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר פֿרויען. דאָרט פֿלעגן, אמת, פֿאָרקומען אינטערעסאַנטע פֿאַרלעזונגען און געשפּרעכן, אָבער דערביי האָט מען דאָרט אָן אַ שיעור געטרונקען.

„טראַכטנדיק איצט וועגן אָגאַריאָוון, וווּנדער איך זיך ווי אַזוי האָט ער ביי זיין גאַנצן הומאַניזם און גרענצלאָזער ליבע צו מיר, ניט געטראַכט וועגן מיין פֿולשטענדיקער איינזאַמקייט. דאָס לעבן האָט אים פֿאַרכאַפּט און ער האָט פֿאַרבראַכט די צייט ווי אַ ניט־פֿאַרהייראַטער מאַן, ניט באַ־מערקנדיק זיין עגאָאיזם".

נאַטאַליע האָט געבענקט נאָך אַ מאַן, וואָס איז פֿיל שטאַרקער פֿון איר קומענדיק קיין לאָנדאָן, האָט זי ניט געקענט ניט באַמערקן דעם קאָנטראַסט צווישן דעם ווייכהאַרציקן, ליבלעכן, ווילענלאָזן און שטענדיק פֿאַרחלומטן אָגאַריאָוון און דעם נאָרמאַלן, קרעפֿטיקן הערצענען מיט דעם כאַראַקטער פֿון אַ הערשער.

„הערצען, האָט זי שפּעטער געשריבן, איז אין זיין קרייז געווען דאָס, וואָס די זון אין דער נאַטור. ווי נאָר ער פֿלעגט אַריינקומען, פֿלעגט זיך אַלץ ענדערן, אַלץ פֿלעגט אויפֿלעבן, און עס פֿלעגן זיך אָנהויבן גיסן אינטערעסאַנטע געשפּרעכן, דיסקוסיעס און אינטערעסאַנטע נייעס".

אָגאַריאָוו, ווידער, איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט פֿאַר זיך אַליין. מענטשן האָבן אים געשטערט. ער פֿלעגט אינסטינקטיוו זיך דער־ווייטערן פֿון מענטשן.

ווען די דערציִערין פֿון הערצענס קינדער איז אַוועקגעפֿאָרן, איז נאַטאַליע מיטן מאַן צוריק געצוווּנגען געווען אַריבערצוקלייבן זיך צו הערצענען, כּדי אויפֿצופּאַסן אויף הערצענס קינדער. „איך בין געצוווּנגען געווען צו ווינען צוזאַמען (מיט הערצענען און זיינע קינדער. — האָט זי געשריבן אין אַ בריוו צו איר שוועסטער — „מיר איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שווערער. איך האָב געפֿילט, אַז איך בין אין אים פֿאַרליבט. ער אָבער האָט זיך באַצויגן צו מיר ווי אַ ברודער. איינמאָל איז ער געזעסן אויפֿן דיל און האָט געהאַלטן מיין האַנט. איך האָב דערזען אָגאַריאָווס פֿאַרוווּנדערטן און אָנגעשטרענגטן בליק אויף מיר. מיך האָט עס ווי געטאָן ביז טרערן. אָבער דער עגאָאיזם האָט זיינס גענומען און איך האָב לאַנג ניט אַרויסגענומען מיין האַנט פֿון הערצענס"...

„מיט יעדן טאָג איז הערצען מיר געוואָרן אינערלעך אַלץ נעענטער. איך האָב אים געזען אין חלום, און אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿון שלאָף, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען וועגן אים. איך האָב געפֿילט, אַז דער אינערלעכער געפֿיל פֿון ליבע פֿאַרכאַפּט מיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער. פֿון אָנהויב האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען די גאַנצע באַדייטונג פֿון דעם דאָזיקן געפֿיל. דערנאָך איז שוין געווען צו־שפּעט. איך האָב געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אָפּצושטויסן זיך פֿון אים. ער האָט געזען מיין ניט־גלייכע באַנעמונג צו אים. ער האָט זיך געוווּנדערט, האָט זיך שטאַרק געערגערט פֿון דעם... איך האָב ניט פֿאַרמאָגט גענוג כּוחות צו קענען לאַנג באַהאַלטן זי. רעדנדיק מיט אים, האָב איך אין אָנהויב אָנגערופֿן עס אַ „ברידערלעכער געפֿיל", דערנאָך האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב זיי ביידן (אָגאַריאָוון און הערצענען — ד. ש.) גלייך ליב. און ענדלעך האָב איך אַלץ אַרויסגעשאָסן און די ווערטער האָבן מיר געשטיקט אין האַלדז".

הערצען האָט אויך איר ליב באַקומען, אָבער זיין ליבע איז געווען פֿון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. שוין אין צוויי חדשים אַרום ווי די אָגאַריאָווס זיינען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט הערצען צו נאַטאַליעס געבורטסטאָג איר צוגעשיקט דעם פֿאָלגנדן בריוול:

„פֿריינט מיינע און שוועסטער, היינט אָדער מאָנטיק איז דיין געבורטסטאָג. גיב־זשע מיר דאָס רעכט צו באַדאַנקען דיר פֿאַר דער גאַנצער וואַרעמקייט און היימישקייט, וואָס דו האָסט אַריינגעבראַכט אין מיין צובראָכענעם לעבן. דו שטעלסט מיט זיך פֿאַר מיר פֿאַר ביידן, אָגאַריאָוון און נאַטאַשאַן (הערצענס פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי — ד. ש.), און אַ חוץ דעם ביזטו אַליין מיר נאָענט, זינט איך האָב דיך בעסער דערקענט. זאָל־זשע עס געזאָגט ווערן אין דיין געבורטסטאָג. איך האָב געטראַכט וואָס פֿאַר אַ מתנה גיט מען דיר, פֿאַרשטייט זיך, פֿון אירע זאַכן, און איך האָב געפֿונען דעם פֿעכער

מיר האָבן אים צוזאַמען געקויפֿט און איך פֿלעג זיך שטענדיק קריגן מיט איר צוליב אים, פֿאַרוואָס זי פֿאַרגעסט אים מיטצונעמען אין טעאַטער. נו, פֿאַרגעס־זשע דו ניט!

איך נעם דיך פֿריינטלעך אַרום. אַלעקסאַנדער".

שוין אין סעפּטעמבער, 1856, האָט הערצען אָנגעהויבן באַמערקן, אַז נאַטאַליעס פֿריינטשאַפֿט צו אים איז „פֿון אַ מער לײדנשאַפֿטלעכן כאַראַקטער, ווי ער וואָלט געוואָלט". ער האָט פֿון אָנהייב זיך באַמיט אויסצומיידן נאַטאַליען. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז קאַלט צו איר. נאַטאַליע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אָדער זיך געמאַכט אַז זי פֿאַרשטייט ניט, „פֿאַר וואָס ער מיידט זי אויס. זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק געטראָפֿן פֿון דעם און האָט זיך ביטער באַקלאָגט, אַז „זי האָט קיין זאַך ניט געטאָן צו פֿאַרדינען די גלייכגילטיקייט פֿון אַ פֿריינט". ער האָט איר געטראָפֿן און געוואָלט איר צו באַרואיקן, אָבער זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזן און האָט אים ענדלעך באַזיגט.

„ווען איך האָב דערזען, אַז הערצען, אַ באַזיגטער פֿון מיין ליבע, איז אויך פֿאַרליבט אין מיר, האָט זי שפּעטער געשריבן, בין איך תיכּף אַוועקגעלאָפֿן צו אָגאַריאָוון. איך האָב פֿאַרשטאַנען זיין ווייטאָק. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך אויף זיין אָרט וואָלט עס קיין מאָל ניט געווען אימשטאַנד אַריבערצוטראָגן. אין אַ רגע איז פֿאַר מיינע אויגן פֿאַרבייגעלאָפֿן אונדזער גאַנצע פֿאַרגאַנגנהייט אין אַזוינע קלאָרע און העלע קאָלירן, אַז איך בין געוואָרן אַ פֿאַרציטערטע און האָב ניט געקענט מאַכן קיין איין שריט ווייטער, ביז וואַנען איך וועל ניט וויסן ווי אַזוי אָגאַריאָוו קוקט אויף דעם. אָנצונעמען עס אַזוי ווי ער האָט עס אָנגענומען, מיט אַזאַ וווּנדערלעכער ברייטקייט פֿון פֿאַרשטענדעניש, וואָלט געווען איבער די כּוחות פֿון יעדן אַנדער מאַן. ער האָט עס אָנגענומען מיט אַזאַ איינפֿאַכקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין צאַרטער און טאָלעראַנטער נאַטור. איך האָב אַלץ פֿאַרשטאַנען און איך האָב אים אָנגעהויבן נאָך מער ליב צו האָבן. ער איז מיר געוואָרן נאָך נעענטער ווי פֿריער".

אָגאַריאָוו האָט איר נאָר פֿאַרגעלעגט, אַז זי זאָל אָפּלייגן איר באַשלוס אָנצוהייבן צו לעבן מיט הערצענען ווי מאַן און פֿרוי אויף אַ יאָר צייט, כּדי צו איבערצייגן זיך אין דער שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון די נייע געפֿילן און „בעסער אַריינקוקן זיך איינע אין די אַנדערע". ער האָט מורא געהאַט, אַז נאַטאַליע און הערצען וועלן ניט זיין גליקלעך. נאַטאַליע און הערצען האָבן צוגעשטימט צו דעם. אָבער זיי האָבן אַזוי לאַנג ניט געקענט וואַרטן. אין 1857 זיינען הערצען און נאַטאַליע געוואָרן מאַן און ווייב.

אָגאַריאָוו האָט שטאַרק ליב געהאַט אי נאַטאַליען, אי הערצענען. הער־צענען האָט ער ליב געהאַט אַזוי ווי קיינעם ניט. צוליב אים איז ער געוואָרן אַן עמיגראַנט. ער איז דעריבער ווייטער פאַרבליבן מיט ביידן, לעבן זיין היים־געליבטער פרוי און לעבן דעם טייערסטן פריינד זיינעם, וועמען ער האָט פשוט פאַרגעטערט. אָגאַריאָוו האָט שטיל געליטן און געשוויגן. אויך נאַטאַליע האָט שטאַרק געליטן. שוין סוף נאָוועמבער 1857, האָט זי געשריבן צו איר שוועסטער:

„אָה, ווי מענטשן האָבן עס אַ טעות אין מיר, סיי די וואָס האָבן מיך ליב און סיי די וואָס האַסן מיך. „דאָס איז אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער!" — זאָגן זיי. — „זי פאַרמאָגט אַ סך כוחות און ענערגיע". ניט אמת! הונדערט מאָל ניט אמת! פאַר יעדן באַשלוס, וועלכן איך האָב אָנגענומען, דוכט זיך, אַזוי לייכט, באַצאָל איך מיט שרעקלעכע ליידן און קאַמף... ווי שרעקלעך עס איז מיר אַריינצוקוקן אין זיך אַליין, וויפל ליבע, ליידן, קליינלעכע אייגנליבע און אַפילו אייפערזוכט דאָ איז פאַראַן. גאָט מיינער, פאַרוואָס זע איך זיך אַזוי קלאָר, פאַרוואָס איז אין מיר פאַראַן אַזוי פיל שלעכטס... איך ווייס ניט וואָס מיר ווילט זיך אין לעבן. איך פיל נאָר, אַז איך וועל ניט געפינען קיין באַפרידיקונג... פאַרוואָס דאַרף מען אַזוי טייער באַצאָלן פאַר אַלס גוטעס?... אויף מיין לעבן ליגט אַ שטעמפל פון פלוך. איך ווייס דאָס, איך פיל דאָס. מיר איז ניט געגעבן געוואָרן צו לעבן רואיק און שטיל. אַלע ריינע, ליכטיקע פריידן זיינען ניט פאַר מיר"...

הערצענס הויז אין לאָנדאָן איז געוואָרן דער צענטער, וווּ עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַ סך פון די פּראָגרעסיווסטע און אינטערעסאַנטסטע מענטשן פון גאַנץ אייראָפּע. עס פלעגן פון צייט צו צייט אויך קומען צו הערצענען געהויבענע געסט פון פעטערבורג און מאָסקווע. נאָך אין 1855, מיט אַ יאָר פריער, איידער די אָגאַריעווס זיינען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט הערצען אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אַ זאַמלבוך פאַר רוסלאַנד, „פּאָליאַר־נאַיאַ זוויעזדאַ", אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע קאַפּיטלען פון זיינע שפּעטער באַרימט־געוואָרענע מעמואַרן.

אין גיכן נאָך דעם ווי אָגאַריאָוו איז געקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער פאָר־געשלאָגן הערצענען, אַז זיי זאָלן אָנהויבן אַרויסגעבן פאַר רוסלאַנד אַ זשורנאַל, וואָס זאָל רעגולמעסיק דערשיינען כאָטש איינמאָל אין מאָנאַט. הערצען איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם געדאַנק.

„יע, אָגאַריאָוו — האָט ער אויסגערופן מיט פרייד — לאָמיר אָנהויבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל. מיר וועלן אים אַ נאָמען געבן „קאָלאָקאָל" (דער

גלאָק) און וועלן אָנהויבן קלינגען אין דעם גלאָק. נאָר מירביידע צוזאַמען, פּונקט ווי אַמאָל. אפֿשר וועט זיך אימיצער אָפּרופֿן".

.7

דער „קאָלאָקאָל", דער רעוואָלוציאָנערער זשורנאַל, וועלכע הערצען און אָגאַריאָוו האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן פֿאַר רוסלאַנד, איז פֿון אָנהויב אַרויסגעגאַנגען איין מאָל אַ מאָנאַט. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן דערשיינען צוויי מאָל אַ מאָנאַט. ער איז אינגאַנצן געווען געווידמעט צו רוסישע ענינים און עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט זיך אין רוסלאַנד דערוווּסט וועגן זיין עקזיסטענץ. אין דעם זשורנאַל האָט הערצען, ניט באַהאַלטנדיק זיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען, דאָך אַרויסגעשטעלט אַ מעסיקע פּראָגראַם פֿון רעפֿאָרמען. ער האָט באַזונדערס שטאַרק פֿאַרטיידיקט די פֿאָדערונג, אַז די פּויערים זאָלן באַפֿרייט ווערן פֿון לייב־אייגנטום (פּאַנסטשיזנע) און יעדע פּויערים־פֿאַמיליע זאָל באַקומען אָן געצאָלט אַ חלק ערד.

אין דערזעלבער צייט האָט דער „קאָלאָקאָל" כסדר אויפֿגעדעקט די אַלע ווילקירלעכע מעשים פֿון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע. דער „קאָלאָקאָל" האָט אין די ערשטע יאָרן געהאַט אַן אומגעהויערן איינפֿלוס. (קיין אַנדער אומלעגאַלער זשורנאַל האָט אין רוסלאַנד קיינמאָל מער ניט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלן איינפֿלוס ווי הערצענס „קאָלאָקאָל"). דער „קאָלאָקאָל" פֿלעגט באַקומען צוגעשיקט פֿון רוסלאַנד אַרטיקלען פֿון די באַרימטסטע שרייבער און כּלל־טוער, ווי אויך פֿאַרשיידענע געהיימע דאָקומענטן. דער „קאָלאָקאָל" פֿלעגט דורך פֿאַרשיידענע געהיימע וועגן אַריינגעשמוגלט ווערן קיין רוסלאַנד אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן און ער פֿלעגט געלייענט ווערן ניט נאָר פֿון דער אינטעליגענץ, נאָר אויך פֿון דער אַריסטאָקראַטיע און פֿון די העכסטע רעגירונגס־באַאַמטע, אַפֿילו דער קייסער אַליין, אַלעקסאַנדער דער צווייטער, פֿלעגט רעגלמעסיק באַקומען דעם „קאָלאָקאָל" און פֿלעגט אים פֿלייסיק לייענען. הערצען האָט עס געוווּסט און ער האָט זיך דעריבער געשטעלט די אויפֿגאַבע צו ווירקן אויפֿן קיסר, אַז ער זאָל באַפֿרייען די פּויערים פֿון שקלאַפֿעריי, זיי באַזאָרגן מיט ערד און איינפֿירן אַנדערע רעפֿאָרמען אין לאַנד.

„גיט פֿרייהייט דעם רוסישן פֿאָלק, האָט הערצען געשריבן אין „קאָלאָקאָל", ווענדנדיק זיך צום קיסר — אונדזער מוח איז ענג, אונדזער געדאַנק קרעכצט אין די פּענטעס פֿון דער צענזור. גיט אונדז פֿרייע רעדע. מיר האָבן וואָס צו זאָגן דער וועלט און אויך אונדזערע אייגענע.

„גיט ערד די פּויערים. זי געהערט אַזוי אויך צו זיי. וואַשט אָפּ פון רוסלאַנד דעם שענדלעכן פלעק פון לייב־אייגנטום. פאַרהיילט די בלויע שראַמען אויף די רוקנס פון אונדזערע געשמיסענע ברידער — אָט די שרעקלעכע שפּורן פון פאַראַכטונג צום מענטש...

„איילט זיך צו ראַטעווען, דעם פּויער פון צוקונפטיקע געמיינהייטן ראַטעוועט אים פון דעם בלוט, וואָס ער וועט שפּעטער מוזן פאַרגיסן...

„איך שעם זיך, וואָס מיר זיינען גרייט צופרידנצושטעלן זיך מיט אַזוי ווייניק. מיר ווילן זאַכן, אין דער גערעכטיקייט פון וועלכע איר אַליין צווייפלט פּונקט אַזוי ווייניק ווי אַלע אַנדערע".

מאַנכע פון הערצענס ראַדיקאַלע פריינד אין רוסלאַנד האָבן אים פאַר־געוואָרפן, וואָס ער לעגט האָפנונגען אויפן צאַר, אַז ער וועט באַפרייען די פּויערים. איינער פון זיי האָט אין אַ בריוו צום „קאָלאָקאָל" געשריבן: „דאָס וואָס ווערט געשאָנקען, ווערט לייכט צוריקגענומען", און ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „ניין, אונדזער לאַגע איז שרעקלעך, אונער־טרעגלעך, און נאָר די האַק (דאָס הייסט אַ בלוטיקער פּויערים־אויפשטאַנד. — ד. ש.) קען אונדז באַפרייען; קיין זאַך אויסער דער האַק וועט ניט העלפן".

הערצען האָט געענטפערט דעם שרייבער, אַז ער וועט ניט רופן צו דער „האַק", כל זמן ביי אים וועט פאַרבלייבן אַפילו נאָר אַ פונק פון האָפנונג אויף אַ פרידלעכער לייזונג פון דער פראַגע.

„וואָס טיפער, וואָס ווייטער מיר קוקן זיך צו צו דער מערב־וועלט, וואָס אויפמערקזאַמער מיר באַטראַכטן די דערשיינונגען אַרום אונדז — האָט ער געשריבן — אַלץ מער וואַקסט ביי אונדז די אָפּשיילעכקייט פאַר בלוטיקע איבערקערענישן", כאָטש אַזוינע איבערקערענישן זיינען אַמאָל נייטיק ווי „אַ פאַטאַלער רעזולטאַט פון פאַטאַלע טעותן".

ביי זיין גאַנצער אַנטוישונג אין מערב־אייראָפּע האָט הערצען ניט געקענט ניט זען, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז אַ סך ווייניקער אַנטוויקלט, ווי די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער. דעריבער וואָלט אַ רוסישער פּויערים בונט געווען נאָך אַ פיל ערגערער אויסוועג, ווי אַ פאָלקס־אויפשטאַנד אין אַ וועלכן־עס־איז מערב־אייראָפּעאישן לאַנד.

ווען עס איז אין פעברואַר, 1861, אַרויס דער מאַניפעסט פון צאַר וועגן דער באַפרייונג פון די פּויערים, האָט הערצען געשריבן:

„אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געטאָן אַ סך, זייער אַ סך. זיין נאָמען שטייט אויך איצט העכער פון אַלע זיינע פאָרגענגער. ער האָט געקעמפט אין נאָמען פון מיטלייד קעגן דעם רויבערישן המון פון די איינגעעקשנטע לומפּן און ער האָט זיי (די פּריצים) ביינגעקומען! דאָס וועט דאָס רוסישע

פאָלק און די וועלט־געשיכטע קיינמאָל ניט פאַרגעסן. פון אונדזער וויטן גלות באַגריסן מיר אים מיטן נאָמען באַפרייער!

„אָבער ווי, אויב ער וועט זיך אָפּשטעלן, אויב זיין מידע האנט וועט זיך אַרונטערלאָזן".

אין זעלבן נומער פון „קאַלאַקאָל" איז דערשינען דער פאָלגנדער נאָטיץ:

„די פרייע רוסישע פרעסע אין לאָנדאָן און די רעדאַקטאָרן פון „קאָלאָקאָל" וועלן דעם 10טן אַפּריל, אין אָוונט, פייערן אין אָרסעט האוז, וועסט־באָרן טערעס (די הויז ווו די הערצענס און די אָגאַריאָווס האָבן געוווינט) דעם אָנהויב פון דער באַפרייונג פון די שקלאַפן. יעדער רוס פון איר־גנד־װעלכער פאַרטיי, וואָס סימפּאַטיזירט מיט דער גרויסער זאַך וועט באַקומען אַ ברידערלעכן קבלת פנים.

געקליבענע רוסישע געסט זיינען דעם זעלבן טאָג איינגעלאַדן געוואָרן צו הערצענען פאַר מיטאָג און אייניקע דאַמען צוזאַמען מיט אַזוינע פּראָמינענטע אויסלענדער, ווי דער איטאַליענישער פרייהייטס־קעמפער מאַדזיני אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט לואיבלאַן, זיינען אויך איינגעלאַדן געוואָרן צו דער אויפנאַמע אין אָוונט. הערצענס עלטערע טאָכטער טאַטאַ, וועלכע האָט שטודירט מאָלעריי, האָט דעקאָרירט די הויז. ביים אריינגאַנג אין הויז האָבן געפלאַטערט צוויי קאָלירטע פאָנען, אויף וועלכע נאַטאַליע און טאַטאַ האָבן אויסגענייט די ווערטער „די באַפרייונג פון די רוסישע פויערים" און „די פרייע רוסישע פרעסע". פון דרויסן איז די הויז געווען אילומינירט. פון 8 אזייגער ביז 11 האָט אַן אָרקעסטער געשפּילט די „מאַרסעליעזע" און פאַרשיידענע רוסישע פאָלקס־לידער. די הויז איז געווען געפּאַקט. אין דרויסן האָט זיך געהאַט פאַרזאַמלט אַזאַ גרויסער עולם פון נייגעריקע צושויער, אַז מען האָט געמוזט אַרויסרופן ספּעציעלע פּאָליציי צו האַלטן אָרדנונג.

הערצען האָט בדעה געהאַט צו טרינקען ביים מיטאָג אַ טאָוסט פאַר דעם געזונט פון דעם צאַר — דעם באַפרייער. אָבער מיט אַ פּאָר מינוטן איידער די געסט זיינען אָנגעקומען, איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה פון וואַרשע, אַז דאָרט האָט אויסגעבראָכן אַ ראַיאָט און די רוסישע סאָלדאַטן האָבן געשאָסן אין המון און געטויטעט אַ סך פּאָליאַקן.

„דער פאַרברעכן איז געווען צופריש — האָט הערצען שפּעטער גע־שריבן — די וווּנד האָט זיך נאָך ניט פאַרמאַכט, די טויטע זיינען נאָך ניט קאַלט געווען. דער נאָמען פון צאַר איז געשטאָרבן אויף אונדזערע ליפּן".

די גרויסע שמחה איז פֿאַרשטערט געוואָרן. מען האָט דאָרט געטרונקען נאָר צוויי טאָוסטן, איינעם „פֿאַר דעם באַפֿרייטן רוסישן פֿאָלק", און דעם צווייטן פֿאַר דער „אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן".

הערצען האָט אין „קאָלאָקאָל" אַטאַקירט דעם צאַר פֿאַר דער וואַרשע־ווער הריגה. „פֿאַר וואָס איז אָט דער טאָג, האָט הערצען געשריבן, ניט גע־שטאָרבן דעם טאָג, ווען דער באַפֿרייונגס־מאַניפֿעסט איז באַקאַנט געוואָרן צום רוסישן פֿאָלק?".

נאָך אין יאָר 1857 האָט נאַטאַליע געבאָרן אַ מיידעלע. מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן ליזאַ און פֿאַררעגיסטרירט איר אַלס אַ טאָכטער „פֿון נאַטאַליע און ניקאָלאַי אָגאַריאָוו". נאַטאַליע האָט געוואָלט, אַז ליזאַ זאָל טראָגן דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿון איר אמתן פֿאָטער. הערצען אָבער האָט עס ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט, אַז זיינע אינטימע באַציונגען מיט נאַטאַליען זאָלן פֿאַרבליבן אַ סוד. און זי האָט פֿון דעם שטאַרק געליטן.

„איך לייקן ניט", האָט זי געשריבן אין איר טאָג־בוך „אַז מיר (זי און הערצען. — ד. ש.) האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן. דער הויפּט־אינ־טערעס זיינען די קינדער. אָבער וואָס איז שייך אונדז ביידן, איז דאָ פֿאַראַן אַ בלויז. דאָס וואָס עס פֿאַרבינדט פֿון אָנהויב אָן אַזוי שטאַרק מענטשן, וועלכע האָבן טיף ליב געקראָגן איינער דעם צווייטן, זיינען געמיינזאַמע, אינטימע געשפּרעכן, פּלענער, ווונטשן, אַפֿילו די אייגענע דערציִונג — אָט דאָס אַלץ איז ביי אונדז ניטאָ. איך בין אפֿשר. טאָקע ניט די פֿרוי, אין וועלכער הערצען וואָלט געקענט זיך פֿאַרליבן. אפֿשר איז דאָס נ־טאָ טאָקע דערפֿאַר, וואָס די ליבע איז עפּעס אַ געפֿיל, וועלכן איך האָב אַרויסגערופֿן, עפּעס אַ דאַנק־ליבע — איך ווייס ניט, אָבער אָפֿן גערעדט, מיר איז ווייניק אָט־די ליבע. ניט געקוקט אויף עטלעכע גוטע מינוטן פֿיל איך, אַז אויף מיר בלאָזט אַ ווינט פֿון אים...

„מיט אָגאַריאָוון האָב איך אַ סך מער געמיינשאַפֿטלעכעס, מער אינער־לעכן לעבן און דערפֿאַר מער האַרמאָניע און קעגנזייטיקע פֿאַרשטענדיקונג. אויף צו דערגיין ביז אַזאַ נאָענטקייט (ווי מיט אָגאַריאָוון — ד. ש.) דאַרף מען יאָרן, און איך ווייס ניט, צי וועט אָט־דער געפֿיל ביי הערצענען פֿאַרבלייבן אויף יאָרן...

„איך ווייס אַפֿילו ניט, צי עס וועט ביי מיר אין האַרצן לאַנג פֿאַר־בלייבן אָט־דער געפֿיל. מיין שטאָלץ וועט ענדלעך דערוואַכן. דאָס איז ניט דער נאַרישער, קליינלעכער שטאָלץ. דאָס איז דער באַוווּסטזיין פֿון דער אוממעגלעכקייט צו זיין געליבט, ווי עס האָט זיך געחלומט.

„אָה, אָגאַריאָוו, אָגאַריאָוו! איך ווייס ניט וואָס עס איז מיט מיר, נאָר איך פֿיל, לויט די שלאָפֿלאָזע נעכט, לויט די אייביק־שטילע געהיימע

טרערן, אַז דו ביסט מיר ניט ווייניקער טייער ווי פֿריער, אָבער די ליידנ־שאַפֿט איז פֿאַרשוווּנדן. אויפֿלעבן זי מיט דעם אייגענעם ווילן קען מען ניט. און ביי דיר איז זי פֿאַרשוווּנדן? מיר וואָלט געווען לייכטער צו דענקען, אַז יאָ".

מיט הערצענס קינדער האָט נאַטאַליע ניט געקענט אויסקומען. זי איז געווען אַ שלעכטע דערציערין און די קינדער האָבן איר ניט ליב געהאַט, צוליב דעם פֿלעגן אָפֿט פֿאָרקומען קריגערייען צווישן איר און הערצענען. אין זומער 1860 איז זי מיט ליזאַן אַוועקגעפֿאָרן קיין דייטשלאַנד צו טרעפֿן זיך דאָרט מיט איר שוועסטער און שוואָגער, וועלכע זיינען ספּע־ציעל געקומען פֿון רוסלאַנד צו זען זיך מיט איר. עס זיינען אַוועק עטלעכע מאָנאַטן און נאַטאַליע האָט זיך ניט געוואָלט צוריקקערן מער קיין לאָנדאָן. ווען הערצען און אָגאַריאָוו האָבן איר גערופֿן, אַז זי זאָל קומען אַהיים, האָט זי הערצענען געשריבן:

„צי דען קען איך דענקען וועגן פֿאַמיליע פֿאַר ליזאַן, ווען איך בין שוין דיר אַ פֿרעמדע? דו וואָלסט געקאָנט זיין ענטריסטעט, דו וואָלסט געקאָנט מיך האַסן, אָבער דיין גלייכגילטיקייט טוט מיר מער וויי. ניין, פֿריינט מיינער, פֿאַרשטיי מיינע ווערטער: צווישן אונדז קען נאָר זיין אָדער אַ פֿולשטענדיקער שלום אָדער קיין שום איבערבעטן זיך. ביז וואַנען דו וועסט מיר ניט אָנשרייבן: „מיר טוט וויי די האַרץ פֿאַר דיר און פֿאַר ליזאַן; קער זיך צוריק אום אין דיין הויז, נאַטאַשאַ", וועל איך זיך ניט צוריקקערן".

הערצען האָט איר וואָרשיינלעך געשריבן אַזאַ בריוו, וואָרים ערב קריסטמעס 1860 האָט זי זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן. דורך די זיבן מאָנאַטן, וואָס זיי זיינען ניט געווען צוזאַמען, האָבן די ווונדן זיך פֿאַר־היילט. די פֿריערדיקע קריגערייען און באַליידיקונגען זיינען פֿאַרגעסן גע־וואָרן און עס איז צוריק געוואָרן שלום־בית.

אָנהויב מערץ, 1861, איז צו הערצענען געקומען צו גאַסט ליעוו טאָלסטאָי. טאָלסטאָי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד אין אָנהויב פֿון יאָר 1857. אין פּאַריז האָט ער זיך געטראָפֿן מיט דעם צווייטן באַרימטן רוסישן שריפֿטשטעלער איוואַן טורגעניעוו. טורגעניעוו איז געווען אַן אַלטער נאָנטער פֿריינט הערצענס. זיי זיינען געווען אויף „דו". אין פֿעברואַר, 1857, האָט טורגעניעוו געשריבן הערצענען: „טאָלסטאָי וועט אויך זיין אין ענגלאַנד. דו וועסט אים ליב באַקומען, האָף איך, און ער דיך אויך".

הערצען האָט געענטפֿערט טורגעניעוון: „איך וועל זיין זייער, זייער צופֿרידן צו באַקענען זיך מיט טאָלסטאָין. גרים אים פֿון מיינעט־וועגן,

ווי פון אַן אויפריכטיקן פאַרערער פון זיין טאַלאַנט. איך האָב געלייענט זיין „קינדהייט", ניט וויסנדיק ווער עס האָט דאָס געשריבן, און בין געווען אַנטציקט".

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט טורגעניעוו געענטפערט הערצענען: „איך האָט טאָלסטאָיען איבערגעגעבן דיין גרוס. ער האָט זיך זייער דערפרייט און ער הייסט דיר איבערגעבן, אַז ער וויל שוין לאַנג מיט דיר באַקענען זיך און אַז ער האָט אין פאַרוים דיך ליב פּערזענלעך, פּונקט ווי ער האָט ליב געהאַט דיינע ווערק, הגם ער איז ניט קיין רויטער".

דעם 2טן מערץ, 1862, איז דער דעמאָלט נאָך יונגער רוסישער שריפט־שטעלער ליעוו טאָלסטאָי געקומען פון רוסלאַנד קיין לאָנדאָן ספּעציעל צו באַקענען זיך פּערזענלעך מיט הערצענען. טאָלסטאָי האָט שוין געהאַט געלייענט הערצענס ווערק און איז געווען אַנטציקט פון זיי. שוין אין פינף טעג אַרום נאָך טאָלסטאָיס ערשטן וויזיט ביי הערצענען, האָט הערצען געשריבן צו זיין פריינט, איוואַן טורגעניעוו אין פּאַריז:

„טאָלסטאָי איז שוין אַ נאָענטער באַקאַנטער. מיר האָבן זיך שוין גע־אַמפּערט. ער איז זייער איינגעשפּאַרט און רעדט אָפּט נאַרישקייטן, אָבער ער איז אַן אויפריכטיקער און גוטהאַרציקער מענטש. אַפילו די קליינע ליזאַ (נאַטאַליעס קליין מיידעלע — ד. ש.) האָט אים אויך ליב און זי רופט אים „לעוווסטאָי"... אָבער פאַרוואָס דענקט ער ניט, נאָר ווי ביי סעוואַסטאָפּאָל, נעמט ער אַלץ מיט געוואַגטקייט און שטורעם?"

(טאָלסטאָי איז אין דעם קרימער קריג געווען אַן אָפיצער און ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן ביי סעוואַסטאָפּאָל).

נאַטאַליע האָט שפּעטער דערציילט, אַז טאָלסטאָי פלעגט קומען צו הערצענען יעדן טאָג. ווען ער פלעגט זיין אין אַ גוטער שטימונג, פלעגט ער זינגען, אַקאָמפּאַנירנדיק זיך אַליין אויף דער פּיאַנאָ, סאָלדאַטסקע לידער, וועלכע ער האָט אַליין פאַרפאַסט אין קרים אין צייט פון דער מלחמה.

מיט 47 יאָר שפּעטער האָט טאָלסטאָי אַליין דערציילט, אַז ער האָט לכתחילה געוואָלט באַזוכן הערצענען איינפאַך אַזוי ווי יעדער אַנדער רוס, וואָס פלעגט קומען קיין לאָנדאָן. מען האָט אים אָבער ניט אויפ־גענומען, האָט ער אַריינגעשיקט הערצענען זיין וויזיט־קאַרטל. „אין אַ פּאָר מינוט אַרום", האָט טאָלסטאָי דערציילט, „האָבן זיך אויבן דערהערט שנעלע טריט און פון די טרעפּ איז ווי אַ פילקע אַרונ־טערגעפלויגן הערצען. אַ לעבעדיקער, אַ פריינטלעכער, אַ קלוגער און אינטערעסאַנטער, האָט ער מיט מיר גלייך פאַרפירט אַ שמועס, אַזוי ווי מיר וואָלטן שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט, און ער האָט מיך

תיכף פֿאַראינטערעסירט מיט זיין פּערזענלעכקייט. איך האָב ביי קיינעם קיינמאָל ניט באַגעגנט אַזאַ זעלטענע פֿאַראייניקונג פֿון טיפֿקייט און גלאַנץ פֿון געדאַנק ווי ביי אים. ער האָט תיכף — דאָס געדענק איך גוט — מיך אַוועקגעפֿירט ניט צו זיך אין צימער, נאָר אין אַ דערבייאיקן ביליקן רעסטאָראַן. איך געדענק, אַז דאָס האָט מיך זאָגאַר אַביסל שאָקירט. איך בין דעמאָלט געווען אַ גרויסער פֿראַנט, האָב געטראָגן אַ צילינדער, אַ פֿראַק און הערצען האָט ניט געטראָגן אַפֿילו קיין הוט, נאָר עפּעס אַ פֿלאַכע היטל. צו אונדז זיינען צוגעקומען פּוילישע טוער, מיט וועלכע הערצען האָט זיך דעמאָלט געעסקט. ער האָט מיך באַקענט מיט זיי, אָבער דערנאָך האָט עס אים וואַרשיינלעך פֿאַרדראָסן, ווייל ווען מיר זיינען פֿאַרבליבן אַליין, האָט ער מיר געזאָגט: „מען זעט גלייך פֿון אייערע ווערטער די רוסישע טאַקטלאָזיקייט. צי קען מען אַזויריידן אין דער אַנוועזנהייט פֿון פּאָליאַקן?" נאָר אַלץ איז ביי הערצענען אַרויסגעקומען איינפֿאַך, פֿריינטלעך און אַפֿילו באַצויבערנד. איך האָב קיינמאָל מער ניט געטראָפֿן אַזאַ באַצויבערנדן מענטשן ווי ער. ער איז אומענדלעך העכער פֿון אַלע פּאָליטישע טוער פֿון יענער צייט און אויך פֿון דער איצטיקער צייט".

טאָלסטאָי האָט עס געזאָגט אין יאָר 1908.

מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם האָט טאָלסטאָי פֿאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך: „האָב געלייענט הערצענס „פֿון יענעם ברעג" און בין געווען אַנטציקט. מען וואָלט באַדאַרפֿט אָנשרייבן וועגן אים, כדי די מענטשן פֿון אונדזער צייט זאָלן אים פֿאַרשטיין. אונדזער אינטעליגענץ האָט זיך אַזוי אַראָפּגעלאָזן, אַז זי איז שוין ניט בכח אים צו פֿאַרשטיין. ער דערוואַרט זיינע לעזער אין דער צוקונפֿט, און ווייט איבער די קעפּ פֿון דעם איצטיקן המון גיט ער איבער זיינע געדאַנקען צו די יעניקע, וועלכע וועלן זיין אימשטאַנד זיי צו פֿאַרשטיין".

אין נאָוועמבער 1861 האָט נאַטאַליע געבוירן אַ צווילינג, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. מען האָט זיי ווידער פֿאַרשריבן אויף אָגאַריאָווס נאָמען. נאַטאַליע איז איצט אינגאַנצן געווען פֿאַרנומען מיט אירע דריי קינדער.

8.

נאָך אין הערבסט 1861 האָט הערצען באַקומען אַ בריוו פֿון סאַן פֿראַנציסקאָ. זיין אַלטער פֿריינט מיכאַיל באַקונין, דער פֿאָטער פֿון אַנאַרכיזם, וועלכער איז געווען פֿאַראורטיילט צום טויט, איז אָפּגעזעסן אַכט יאָר אין עסטרייכישע און רוסישע פֿעסטונגען און איז דערנאָך פֿיר יאָר געווען פֿאַרשיקט אין סיביר, האָט אים געשריבן, אַז ער איז

אַנטלאָפן פון דאָרט דורך אַמור און יאַפּאַן קיין אַמעריקע און ער וויל קומען קיין לאָנדאָן. הערצען האָט אים גלייך אַרויסגעשיקט קיין ניו־יאָרק די נייטיקע סומע געלט, אַז ער זאָל קענען פאַרענדיקן זיין רייזע.

אין זיין בריוו צו הערצענען האָט באַקונין אויסגעדריקט די האָפנונג אין גיכן צו זיין אין לאָנדאָן און העלפן בײדע פריינט זײנע אין זײער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, מיטאַרבעטן אין „קאָלאָקאָל" אאַז"וו. הערצען האָט ניט פאַרענדיקנדיק לייענען דעם בריוו, זיך פאַרטראַכט און געזאָגט צו אָגאַריאָוון:

„איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זייער מורא פאַר באַקונינען. ער וועט זיכער איבערפירן אונדזער זאַך. דו ווייסט וואָס עס האָט אין 1848 וועגן אים געזאָגט, איך געדענק ניט גענוי ווער, קאָנסידעראַן אָדער לאַמאַרטין (דער ערשטער אַ פראַנצויזישער סאָציאַליסט, דער צווייטער אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט — ד. ש.): „אונדזער פריינט באַקונין איז אַן אומשעצבאַרער מענטש אין טאָג פון דער רעוואָלוציע, אָבער אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע דאַרף מען אים הייסן דערשיסן, ווייל מיט אַזאַ אַנאַרכיסט איז אומדענקבאַר איינצושטעלן אַ אַ וועלכע־עס־איז אָרדנונג".

אין דעצעמבער איז באַקונין גלייך ווי ער איז אַרונטער פון שיף, געקומען צו הערצענען. זיי האָבן זיך צוקושט און הערצען האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער און פאַר זייער דערציערין. נאַטאַליע האָט דעמאָלט, פינף וואָכן נאָכן קימפּעט, זיך געפילט ניט מיט אַלעמען און זי איז געלעגן אויף דער סאָפע. באַקונין איז צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט איר דערמאָנט וועגן זייער באַגעגעניש אין בערלין מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם דרעזדענער אויפשטאַנד, ווען ער איז גענומען געוואָרן געפאַנגען אויף די באַריקאַדן און מען האָט אים דערנאָך אויסגעליפערט צו דער עסטרייכישער רעגירונג.

„מען דאַרף ניט ליגן", האָט ער געזאָגט נאַטאַליען. „ווערט וואָס שנעלער געזונט. איצט דאַרף מען טאָן, ניט ליגן".

נאָכן עסן האָט באַקונין דערציילט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע צוועלף יאָר. דערנאָך האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן אויף באַקאַנטע און ווי עס האַלט מיט דער רעוואָלוציע אין אייראָפּע.

„נאָר אין פּוילן קומען־פאַר דעמאָנסטראַציעס — האָט הערצען געזאָגט — פּיליכט וועלן די פּאָליאַקן זיך אַרומזען און פאַרשטייען, אַז מען טאָר ניט מאַכן קיין אויפשטאַנד איצט, ווען דער קייסער האָט נאָרוואָס באַפרייט די פּויערים. עס קלייבן זיך דאָרט וואָלקנס, נאָר מען דאַרף ווינטשן, אַז זיי זאָלן פאַרשווינדן".

„און וואָס הערט זיך אין איטאַליע? — האָט באַקונין געפרעגט.

„דאָרט איז שטיל", האָט הערצען געענטפערט.
„און אין עסטרייך?"
„שטיל".
„און אין טערקיי?"
„עס איז אומעטום שטיל און מען קען גאָרניט דערוואַרטן".
„וואָס־זשע טוט מען? — האָט באַקונין מיט דערשטוינונג אויסגערופן — „ניט־שוין־זשע פאַרן קיין פערסיע אָדער קיין אינדיע, דאָרט אָנהויבן עפּעס? מען קען דאָך אַזוי פון זינען אַרונטער. איך קען ניט זיצן אַזוי און גאָרניט טאָן"?

הערצען האָט זיך באַצויגן זייער קריטיש צו באַקונינס טעטיקייטן. ער האָט געדרוקט באַקונינס אַרטיקלען אין „קאָלאָקאָל" דער עיקר נאָר דערפאַר, וואָס אָגאַריאָוו האָט עס פאַרלאַנגט. הערצען אַליין איז אָבער מיט די מערסטע געדאַנקען, וועלכע באַקונין האָט אַרויסגעזאָגט, ניט געווען איינשטימיק.

באַקונין איז געווען אַן אַנאַרכיסט. הערצען איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און פון די פרייע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, וואָס דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט געשאַפן. הערצען איז געווען איבערצייגט, אַז אַמעריקע וועט זיין די נאַטירלעכסטע פאַרבינדעטע פון אַ פרייער רוסלאַנד.

„רוסלאַנד האָט אין דער צוקונפט נאָר איין חבר, איין מיטגייער — די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע" — האָט הערצען געשריבן כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק — „אויב רוסלאַנד וועט זיך באַפרייען פון דער זעלבסט־הערשאַפט, וועט זי האָבן נאָר איין פאַרבינדעטן — די פאַראייניקטע שטאַטן. ביידע לענדער זיינען אָרעם אין אַ פאַרגאַנגענהייט, ביידע הייבן־אָן מיט אַ פולשטענדיקן ברוך פון דער טראַדיציע, ביידע שפרייטן זיך אויס איבער אומענדלעכע טאָלן, זוכנדיק זייערע גרענעצן, ביידע דערגייען זיי פון פאַרשיידענע זייטן, דורך מוראַדיקע שטרעקעס, באַצייכענענדיק אומעטום זייער וועג מיט שטעט, דערפאַר און קאָלאָניעס, ביז די ברעג פון פאַסיפישן אָקעאַן, אָט דעם מיטלענדישן ים פון דער צוקונפט. דער היפוך צווישן דער פעטערבורגער מיליטערישער דיקטאַטור, וועלכע פאַרניכטעט אַלע מענטשלעכע פערזענלעכקייטן אין נאָמען פון דעם זעלבסט־הערשער און דער אַמעריקאַנער זעלבסטהערשונג פון יעדער איינצלנער פערזענלעכקייט אין אַ מוראַדיקער".

דעם איינציקן פלעק, וואָס הערצען האָט געפונען אויף אַמעריקע, איז וואָס דאָרט האָט עקזיסטירט נעגער־שקלאַפעריי. הערצען איז אויך געווען אַ שטאַרקער פאַרטיידיקער פון פרויען־רעכט און ער האָט געקעמפט פאַר

דער גלייכבארעכטיקונג פון די פּרויען, פונקט ווי פאַר דער באַפרייונג פון די פויערים אין רוסלאַנד און פון די נעגערס אין אַמעריקע.

שוין אין גיכן נאָך דער באַפרייאונג פון די פויערים האָט אין רוסלאַנד זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן די רעאַקציע. אין יאָר 1863 האָט אויסגעבראָכן דער פוילישער אויפשטאַנד. הערצען האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון די פּאָליאַקן. „מיר זיינען מיט פוילן", האָט ער געשריבן אין „קאָלאָקאָל", דערפאַר וואָס מיר זיינען פאַר רוסלאַנד. מיר זיינען מיט די פּאָליאַקן, דערפאַר וואָס מיר זיינען רוסן. מיר ווילן די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן דערפאַר, וואָס מיר ווילן פרייהייט פאַר רוסלאַנד.

„מיר זיינען מיט די פּאָליאַקן דערפאַר, ווייל איין קייט האַלט אונדז געשמידט. מיר זיינען מיט זיי דערפאַר, וואָס דער אומזין פון דער אימפּעריע, וועלכע ציט זיך פון שוועדן ביזן פּאַסיפיק און פון דעם ווייסן ים ביז כינע, קען ניט ברענגען קיין גוטעס די פעלקער, וועלכע פעטערבורג פירט אויף דער קייט. די אַלוועלטלעכע מאָנאַרכיעס פון די טשינגיסכאַנס און טאַמערלאַנס געהערן צו די סאַמע ערשטע און סאַמע ווילדסטע פּעריאָדן פון אַנטוויקלונג — צו יענע צייטן, ווען מאַכט און גרויסע טעריטאָריעס האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם גאַנצן רום פון דער מלוכה. זיי זיינען מעגלעך נאָר צוזאַמען מיט שקלאַפעריי פון אונטן און אומבאַגרענעצטע טיראַניי פון אויבן...

„יע, מיר זיינען קעגן דער אימפּעריע דערפאַר וואָס מיר זיינען פאַרן פאָלק".

אין אַ צווייטן אַרטיקל האָט ער געשריבן:

„פאַרוואָס קענען מיר ניט לעבן מיט פוילן, מיט אוקראַינע, מיט פינלאַנד ווי אַ פריי פאָלק מיט פרייע פעלקער, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע? פאַרוואָס דאַרפן מיר זיי אַלעמען פאַרנעמען צו זיך אין שקלאַפעריי? מיט וואָס זיינען מיר בעסער פון זיי"?

אין אָנהויב האָט די גאַנצע פּראָגרעסיווע רוסישע געזעלשאַפט סימפּאַטיזירט מיט די פּאָליאַקן. די פירער פון פוילישן אויפשטאַנד האָבן אָבער געמאַכט צוויי פאַטאַלע טעותן. זיי האָבן, ערשטנס, דערקלערט, אַז זיי ווילן צוריק אויפשטעלן די „היסטאָרישע" פוילן, ד"ה, אַז ליטע און אוקראַינע זאָלן אויך ווערן אַ טייל פון פוילן; און צווייטנס, האָבן זיי זיך באַמיט אויסצואויבן אַ דרוק אויף רוסלאַנד דורך דער אַריינמישונג פון פרעמדע מלוכות. דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן די פּאָליאַקן אויך די מערסטע ליבעראַלע רוסן. דאָס וואָלט ניט געשען, ווען די פירער פון דעם אויפשטאַנד וואָלטן געפאָדערט די ווידער־אויפשטעלונג פון דער

סטנאָגראַפֿישער פּוילן, ד"ה, אַז די צוקונפֿטיקע פּוילן זאָל צוזאַמענגע־שטעלט ווערן פֿון די טעריטאָריעס, וואָס זיינען באַפֿעלקערט נאָר פֿון פּאָליאַקן און ווען די פֿירער פֿון אויפֿשטאַנד וואָלטן ניט געזוכט קיין הילף ביי די שונאים פֿון רוסלאַנד.

אַזוי ווי דער „קאָלאָקאָל" האָט, דער עיקר אונטער באַקונינס איינפֿלוס, אַזוי ווי געגעבן זיין צושטימונג צו דעם אויפֿשטאַנד אונטער דעם לאָזונג „די ווידעראויפֿשטעלונג פֿון דער היסטאָרישער פּוילן", האָבן סיי די וועליקאָרוסן (גרויס־רוסן) און סיי די מאַלאָראָסן (אוקראַינער) הערצענען דאָס ניט געקענט מוחל זיין און דער „קאָלאָקאָל" האָט צוליב דעם אין אַ קורצער צייט פֿאַרלוירן פֿיר־פֿינפֿטל פֿון זיינע לייענער אין רוסלאַנד.

הערצען האָט זייער שנעל אַליין איינגעזען זיין טעות, אָבער אין פּוילן האָבן זיך שוין דאַן גענומען אָפּשפּילן די שרעקלעכע סצענעס ביי דער אונטערדריקונג פֿון דעם אויפֿשטאַנד און איצט איז שוין נייטיק געווען אין נאָמען פֿון מענטשלעכקייט צו פּראָטעסטירן קעגן די מאַסן־הינריכטונגען פֿון פּאָליאַקן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דורכגעפֿירט. און הערצען האָט מיט גרויס מוט ווייטער געטאָן זיין פֿליכט.

„ניין, דערוואַרט ניט פֿון אונדז קיין חרטה", האָט ער געשריבן: „מיין געוויסן איז רואיק. און ניט נאָר מיין געוויסן, נאָר אויך מיין ליבע צום רוסישן פֿאָלק איז רואיק און פֿעסט. וואָס וואָלט איך געווען אָן איר? די גאַנצע וואַרימע, פּערזענלעכע, פּאָעטישע זייט פֿון מיין מאָראַ־לישן זיין איז נאָר איז אָט דער ליבע און אין דער האָפֿענונג, וואָס איז געבויט אויף איר. אָט דערפֿאַר האָס איך אַזוי זייער פּעטערבורג און אייער מאָסקווע (די פּעטערבורג פֿון דעם צאַר מיט זיין ביוראָקראַטיע און די מאָסקווע פֿון די רוסישע סלאַוואָפֿילן און געשוואָרענע „פּאַטריאָטן" — ד. ש.). און אָט די גאַנצע אימפּעריע, וואָס איר פּולם ווערט געמאָסטן מיטן קנוט און מיט דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון מאַרטירער און וואָס יעדער זיג אירער איז אַ באַליידיקונג פֿאַר אַלץ, וואָס איז טייער דעם מענטשן.

„מיר ווילן ניט פֿאַרראַטן ניט דעם אמת און ניט דעם רוסישן פֿאָלק און אויב מיר וועלן מיט קיין אַנדער זאַך אים ניט קענען זיין נוצלעך, וועלן מיר דעם רוסישן פֿאָלק זיין נוצלעך מיט דעם, וואָס מיר וועלן אים און אייך אויסקויפֿן אין די אויגן פֿון די צוקונפֿטיקע דורות, עדות זאָגנדיק, אַז עס זיינען געווען ניכטערע מענטשן, ווען איר אַלע זייט פֿאַר־שיכורט געוואָרן אויף דער צאַרישער הוליאַנקע".

סוף 1864 זיינען אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר טעג צייט געשטאָרבן פֿון דיפֿטעריט נאַטאַליעס צווילינג. דער טויט פֿון די צוויי קינדער האָט איינ־גאַנצן צעטרייסלט נאַטאַליעס נערוון־סיסטעם. זי האָט פֿאַרלאָרן יעדע

פּעאיקייט זיך צו קאָנטראָלירן. זי האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז דער טויט פון די קינדער איז אַ שטראָף פון שיקזאַל דערפאַר, וואָס זי איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט הערצענען, און אַז פאַר איר איז געבליבן נאָר איין זאַך — שטאַרבן. זי האָט פאַרלאָזן הערצענען און זי האָט מיט איר טאָכטער ליזאַן זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער אייראָפּע, פלאָגנדיק כסדר סיי הערצענען און סיי אָגאַריאָוון מיט אירע ברִיוו. אָט איז זי געווען אין פראַנקרייך און אָט שוין אין דער שווייץ. זי האָט ניט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, נאָר האָט כסדר געוואַנדערט אָן אַ ציל, שטענדיק מיט ליזאַן, אַמאָל אויך מיט הערצענס עלטערער טאָכטער טאַטאַן. אָפט אין אויך הערצען מיטגעפאָרן מיט זיי.

נאַטאַליע איז דעמאָלט פּשוט געווען גייסטיק־קראַנק. היינטיקע צייטן וואָלט מען איר אַריינגעגעבן אין אַ סאַנאַטאָריום. דעמאָלט אָבער האָט מען זיך מיט איר גערעכנט ווי מיט אַ געזונטן מענטשן. זי האָט ליב געהאַט די טאָכטער און האָט אויך ליב געהאַט הערצענען. זי איז אָט געווען גרייט צו גיין פאַר אים אין פייער און אָט פלעגט זי אים פּשוט פאַר־סמען די יאָרן.

באַלד נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם פּוילישן אויפשטאַנד, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך געוואַלטיק פאַרשטאַרקט די רעאַקציע, זיינען צו הערצענען אין לאָנדאָן געקומען פון רוסלאַנד דריי יונגעלייט, וועלכע האָבן נאָר־וואָס פאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט. זיי האָבן אים דער־ציילט ווי אַזוי די רעאַקציע אין לאַנד וואַקסט און די פריערדיקע ליכטיקע האָפענונגען פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפט ווערן בים־לעבוויז אויסגעלאָשן. הערצען האָט, פאַרשטייט זיך, שוין פריער גע־הערט וועגן דעם פון אַנדערע און ער האָט זיי געזאָגט: „וואָס קען מען מאַכן? מען דאַרף אויסוואַרטן. ווען די רעאַקציע וועט פאַריבער, וועט רוסלאַנד ווייטער זיך אַנטוויקלען און וועט דערפילן אירע היסטאָרישע אויפגאַבן". „אָבער דאָס איז דאָך אַ לאַנגע געשיכטע — האָט איינער פון די יונגעלייט אים געענטפערט — די יוגנט האָט ניט קיין געדולד צו וואַרטן. מיר זיינען געקומען הערן אייער מיינונג. מיר ווילן זיך מקריב זיין פאַר דעם רוסישן פאָלק און מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו טויטן דעם צאַר"...

„טוט דאָס ניט! — האָט הערצען זיי היציק געענטפערט — דאָס וועט זיין אַ נוצלאָזער קרבן און עס וועט פירן צו נאָך אַ גרעסערער רעאַקציע, ווי דער פּוילישער אויפשטאַנד. זאָגט מיר צו אויף אייער ערן־וואָרט, אַז איר וועט זיך אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק. געדענקט, אַז דורך דעם אַקט וועט איר ברענגען נאָר גרויס שאָדן דעם פאָטערלאַנד. נעמט

וועלכע עס איז געשיכטע, וועט איר דאָרט געפֿינען אַ באַשטעטיקונג פֿון מיינע ווערטער".

הערצען האָט מיט זיי לאַנג אַרגומענטירט, ביז די יונגעלייט האָבן צוגעגעבן, אַז ער איז גערעכט, אָבער די ראַדיקאַלע רוסישע יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן באַציִען אַלץ קריטישער צו הערצענס טעטיקייט.

אין יאָר 1864 האָט אָגאַריאָוו פֿאַרלאָזן לאָנדאָן און האָט זיך באַזעצט אין זשענעוואַ, שווייץ. אָנהויב 1865 האָט הערצען באַשלאָסן אַריבערצופֿירן דעם „קאָלאָקאָל" קיין זשענעוואַ, וואָס איז שוין געוואָרן דער נייער צענטער פֿון דער רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט הערצען זיך אויך אַריבערגעקליבן קיין זשענעוואַ. ער האָט דאָרט אָבער ניט געקאָנט איינזיצן. ער איז כסדר אַרומגעפֿאָרן. ער האָט באַזוכט בעלגיע, האָלאַנד, איז געפֿאָרן קיין איטאַליע געוווּר ווערן זיינע קינדער, וועלכע האָבן דאָרט אַ געוויסע צייט געלעבט. ער האָט מאָנאַטן־לאַנג פֿאַרבראַכט אין ניצע, אין פּאַריז, אין ליאָן און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער קומען קיין זשענעוואַ צו זען זיך מיט אָגאַריאָוון.

נאַטאַליע איז אַלץ אַרומגעפֿאָרן מיט איר טאָכטער ליזאָן. הערצען האָט איר גערופֿן אומקערן זיך אַהיים, אָבער זי האָט ניט געוואָלט.

אין אויגוסט 1865 האָט נאַטאַליע געשריבן צו הערצענען: „איך האָב פֿיל געטראַכט וועגן דיין בריוו. ניין, ניין, דיין הויז איז ניט מיין הויז. זי וואָלט געקאָנט ווערן מיט דער צייט מיינע, ווען דו וואָלסט אַריינגעפֿירט אַהין אַ פֿרוי, וועלכע דו האָסט ליב, רעספּעקטירסט און אין וועלכער דו גלויבסט. דו האָסט מיין פֿאָרשלאָג צוריקגעוויזן. זאָל זיין ווי דו ווילסט. דו האָסט לייכטזיניק צוגעזאָגט מיך ניט איבערצולאָזן. דו האָסט מיך יע איבערגעלאָזן און איך האָב ניט געטאָן קיין זאַך אַזוינס, וואָס זאָל עס רעכטפֿאַרטיקן. נאָר לאָמיר וועגן דעם מער ניט ריידן".

9

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער און טראַגישסטער קאַפּיטל אין הערצענס לעבן.

דעם 4טן אַפּריל, 1866, ווען דער קייסער אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט שפּאַצירט אין פּעטערבורגער זומער־גאָרטן, האָט אַ יונגערמאַן, אַ געוועזענער סטודענט מיטן נאָמען דמיטרי קאַראַקאָזאָוו אויף אים אויסגעשאָסן. די קויל האָט דעם קייסער ניט געטראָפֿן. קאַראַקאָזאָוון האָט

מען אַרעסטירט און אין פֿינף מאָנאַטן אַרום האָט מען אים געמשפּט אין העכסטן געריכט, פֿאַראורטיילט צום טויט און אויפֿגעהאָנגען.

הערצען האָט באַלד נאָך דעם אַטענטאַט געשריבן אין „קאָלאָקאָל״: „דער שאָס פֿון 4טן אַפּריל איז אונדז ניט געווען צום האַרצן. מיר האָבן דערוואַרטעט פֿון אים אומגליקן. מיר זיינען אויפֿגעבראַכט געוואָרן פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס עס נעמט אויף זיך עפּעס אַ פֿאַנאַטיקער. מיר קענען בכלל ניט פֿאַרטראָגן קיין סורפּריזן ניט אויף אימעניעס און ניט אויף סקווערן. די ערשטע גיבן זיך כמעט קיין מאָל ניט איין, די צווייטע זיינען כמעט שטענדיק שעדלעך. נאָר ביי ווילדע און עלטער־שוואַכע פֿעלקער שלאָגט זיך די געשיכטע דורך מיט מאָרדן״.

דאָס איז ניט געווען הערצענס ערשטער אַרויסטריט קעגן די פֿאַנאַ־טיקער פֿון דער ראַדיקאַלער יוגנט. אין 1862 האָט אַ גרופּע רעוואָלוציאָ־נערן פֿאַרשפּרייט אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער זיי האָבן גערופֿן צו אַ בלוטיקן אויפֿשטאַנד און דערקלערט, אַז „דער וואָס וועט ניט זיין מיט אונדז, וועט זיין קעגן אונדז; און דער וואָס איז קעגן איז אונדזער פֿיינט, און דעם פֿיינט דאַרף מען אויסראָטן מיט אַלע מיטלען״. אין דער זעלבער פּראָקלאַמאַציע איז הערצען אַטאַקירט געוואָרן דערפֿאַר וואָס ער קעמפֿט פֿאַר ליבעראַלע רעפֿאָרמען און האָפֿט אויף אַ פֿרידלעכער איבערקערעניש. דעמאָלט זיינען די מערסטע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד ניט געווען איינשטימיק מיט דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון דער פּראָקלאַ־מאַציע און זיי האָבן פֿאַרטיידיקט הערצענען. איצט, אָבער, מיט פֿיר יאָר שפּעטער, האָט הערצענס אַרטיקל וועגן קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט אויפֿן קייסער אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע ענטריסטונג צווישן די יונגע רעוואָלו־ציאָנערע עמיגראַנטן.

אין אַ בריוו צו זיין זון האָט הערצען געשריבן:

„מען וויל מיך דערקלערן פֿאַר אַ פֿאַררעטער און באַשטראָפֿן פֿאַר דעם וואָס איך האָב אָנגערופֿן קאַראַקאָזאָוון אַ משוגענער״.

איינער פֿון די יונגע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן, א. סערנאָ־סאָלאָוויאָ־וויטש, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פּאַמפֿלעט אונטער דעם נאָמען „אונדזערע היימישע ענינים — אַן ענטפֿער הערצענען״. אין וועלכן ער האָט הערצענען געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע.

„איר זייט אַ פּאָעט, אַ קינסטלער, אַן אַרטיסט, אַ דערציילער, אַ ראָמאַנ־טיסער״. האָט ער געשריבן. „איר זייט אַלץ וואָס איר ווילט, אָבער ניט קיין פּאָליטישער טוער און נאָך ווייניקער אַ טעאָרעטיקער, אַ גרינדער פֿון אַ שול, אַ לערע. קוקט זיך צו נענטער צו דעם וואָס עס טוט זיך אַרום אייך, דאַן

וועט איר פֿילייכט פֿאַרשטיין אַז טרוקענע בלעטער און פּאַפּירענע שלאַנגען זשאַלעוועט קיינער ניט, און אַז איר, הערצען, זייט אַ טויטער מענטש".

אין מאַי, 1867, האָט הערצען אין אַ בריוו צו דער דערציערין פֿון זיינע קינדער געשריבן:

„דורך פֿאַרשיידענע רכילות האָט זיך דעם נידערטרעכטיקן סערנאָ־סאָלאָוויאָוויטש איינגעגעבן אָנצורייצן אויף מיר אַ גאַנצע כאַפּטע לומפּן און טעמפּע מוחות. איך האָב אַ ברענענדיקן ווּנטש צו אַנטלויפֿן און איבער־לאָזן אָגאַריאָוון אין אָט דעם נעסט פֿון געפֿערלעכע מענטשן".

דער דאָזיקער סערנאָ־סאָלאָוויאָוויטש איז אין אַ צאָל יאָר אַרום גע־שטאָרבן אין אַ משוגעים־הויז.

דעם 1טן יולי, 1867, האָט הערצען אַנאָנסירט אין „קאָלאָקאָל", אַז ער שטעלט אָפּ דעם זשורנאַל אויף אַ האַלב יאָר צייט. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט הערצען אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „קאָלאָקאָל" אויף פֿראַנצויזיש. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זיין פֿריערדיקער אויפֿגאַבע: באַקענען אייראָפּע מיט רוסלאַנד. אָבער אויך דער פֿראַנצויזישער „קאָלאָקאָל" האָט ניט געהאַט קיין גרויסן דערפֿאָלג. ער האָט עקזיסטירט נאָר אַרום אַ יאָר צייט. אין 1869 האָט הערצען אַרויסגעלאָזט אַ נייעם זאַמל־בוך „פּאָליאַר־נאַיאַ זוויעזדאַ". דעם זעלבן יאָר האָט ער אָנגעשריבן זיין לעצט ווערק: „בריוו צו אַן אַלטן פֿריינט" (צו באַקונינען — ד. ש.), אין וועלכן עס געפֿינען זיך אַ סך געדאַנקען וואָס רעזומירן, אַזוי צו זאָגן, אַלץ וואָס הער־צען האָט פֿאַר זיין גאַנצן לעבן דורכגעטראַכט, דורכגעפֿילט און דורכגעלעבט.

הערצען איז זיין גאַנץ לעבן פֿאַרבליבן אַ סאָציאַליסט. „אונדזערע צען געבאָט, אונדזער בירגערלעכער קאַטעכיזם איז אין סאָציאַליזם" — האָט הערצען געשריבן אין 1865. „אָבער צו דען עקזיסטירט נאָך דער סאָציאַ־ליזם, אָט די ניט־צייטיקע פּרי פֿון די דרייסיקער יאָרן (פֿון 19טן יאָרהונ־דערט), וועלכע פֿראַנקרייך אַליין האָט אַרויסגעוואָרפֿן?" — פֿרעגן אַ סך — און הערצען ענטפֿערט זיי: „אויב אַפֿילו דער סאָציאַליזם וואָלט ווירק־לעך געווען טויט און באַגראָבן אין אייראָפּע, וואָלט עס אויך דעמאָלט אויף אונדז געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. זיין ירושה האָט ער אונדז איבערגעגעבן נאָך ביים לעבן, און אַ חוץ דעם צווייפֿל איך זייער אין זיין טויט. ער איז ניט געשטאָרבן נאָר ער שלאָפֿט" (אונטערשטראָכן פֿון הערצענען אַליין).

ווייטער האָט הערצען אין דעם זעלבן אַרטיקל געשריבן, אַז עס איז קיין אונטערשייד ניט, צי עס זיינען געפֿונען געוואָרן לייזונגען פֿאַר די וויכ־טיקסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען אָדער ניט, אָדער צי די דאָזיקע לייזונגען זיינען ריכטיקע אָדער איינזייטיקע. די פֿראַגן גופֿא בלייבן עקזיסטירן און זיי קלאַפּן, אַזוי צו זאָגן, אין אַלע טירן. די סאָציאַליסטישע אידעען זיינען

ניט פֿאַרניכטעט און ניט באַזייטיקט. „זייער באַזיגטער אוואַנגאַרד האָט אָן אַ פֿאָן און אָן טומל פֿאַרנומען אַ סך פּאָזיציעס פֿון דעם פֿיינד". ניט נאָר זיינען די לערן פֿון סען סימאָן און פֿוריע (די ערשטע פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן — ד. ש.) ניט פֿאַריבער שפּורלאָז, נאָר אויך די אומבאַשטימטע סאָציאַליסטישע שטרעבונגען, וואָס האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק אין דער פּאָעזיע פֿון וויקטאָר הוגאָ, אין די ראָמאַנען פֿון אייזשען סיו, אין דער גאַנצער ליטעראַטור פֿון די פֿופֿציקער יאָרן — דאָס אַלץ האָט ניט נאָר אויפֿגעוועקט די מענטשן און געקירעוועט זייערע געדאַנקען אין אַ באַשטימטער ריכטונג, נאָר דאָס אַלץ האָט אייך געשלאָגן וואָרצלען אין לאַנד. די שפּורן פֿון אָט דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע געפֿינט מען אַפֿילו אין די דעקרעטן פֿון דער קאָנסערוואַטיווער פֿראַנצויזישער רעגירונג און איז די באַפֿעלן פֿון די פּרייסישע מיניסטאָרן.

„דער גוטמוטיקער קאָפּ פֿון ראָבערט אָוען (דער ערשטער ענגלישער סאָציאַליסט — ד. ש.) שיינט אַרום פֿון דעם דעק פֿון די ענגלישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן" — האָט הערצען געשריבן.

אַפֿילו אין דער פֿרייער רעפּובליקאַנישער אַמעריקע, זאָגט הערצען, איז די סאָציאַלע פֿראַגע ניט געלייזט.

אויף וואָס איז געווען געבויט הערצענס זיכערקייט, אַז אין רוסלאַנד וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן זיין טרוים וועגן דער עטאַבלירונג פֿון אַ מער גערעכטער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג, ווו עס וועלן מער ניט זיין קיין אינטערדריקער און אונטערדריקטע, קיין אָרעמקייט, קיין ווילקיר איז קיין נויט?

„דער רוסישער פֿאָלק, האָט הערצען געשריבן, איז פֿאַר אונדז מער ווי דאָס פֿאָטערלאַנד. מיר זעען אין אים (אין רוסישן פֿאָלק — ד. ש.) יענעם באָדן, אויף וועלכן עס וועט זיך אַנטוויקלען די נייע מלוכה־אָרדנונג. דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ הייליקער מיסיע, ניט וועגן אַ גרויסן באַרוף — אָט דער גאַנצער יודאיסטישער טעאָלאָגישער פּלאַם איז ווייט פֿון אונדזער געדאַנק. מיר זאָגן ניט, זעענדיק פֿאַר זיך אַ שוועגערדיקע פֿרוי, אַז איר מיסיע איז צו זיין אַ מאַמע, נאָר מיר האַלטן זיך פֿאַר באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז זי וועט געבאָרן אַ קינד, אויב מען וועט איר ניט שטערן".

הערצען איז געווען איבערצייגט, אַז רוסלאַנד קען שנעלער קומען צום סאָציאַליזם ווי די מערב־לענדער דערפֿאַר, וואָס אין רוסלאַנד איז אין יענע יאָרן, מיט 100 יאָר צוריק, ניט געווען קיין קאַפּיטאַליזם און קיין בורזשואַזיע, און די פּויערים, וועלכע האָבן מיט זיך דעמאָלט פֿאַרגעשטעלט מער ווי 90 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, האָבן געהאַלטן, אַז די ערד געהערט צו די וועלכע באַאַרבעטן זי מיט זייערע אייגענע הענט, און אַז

די פּויערישע דאָרפֿישע קאָמונעס זיינען דער פֿונדאַמענט, אויף וועלכן עס קען זיך מיט דער צייט אַנטוויקלען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

„מיר זיינען אָרעם אין שטעט און רייך אין דערפֿער", האָט הערצען געשריבן. „אַלע באַמיאונגען צו שאַפֿן ביי אונדז אַ שטאָטישן קליין־בירגערטום אין דעם מערב־אייראָפּעאישן זין האָבן ביז איצט געבראַכט זייער מאָגערע און אומזיניקע רעזולטאַטן. די אמתע שטאָט־מענטשן אונדזערע זיינען נאָר די טשינאָווניקעס, די באַאַמטע. די סוחרים זיינען נענטער צו די פּויערים ווי צו זיי. די פּריצים זיינען, נאַטירלעך, מער דאָרפֿישע איינוווינער ווי שטאָטישע. די שטאָט איז, אַלזאָ, ביי אונדז נאָר די רעגי־רונג, די מלוכהשע רוסלאַנד, און דער דאָרף — אין גאַנץ רוסלאַנד, דאָס רוסישע פֿאָלק".

אין אַן אַנדער אַרטיקל האָט הערצען געשריבן: „אונדזער פּויער טראָגט אַריין ניט נאָר דעם ריח פֿון דזשעגעכץ, נאָר אויך עפּעס אַן אַלטמאָדישן באַגריף וועגן דאָס רעכט פֿון יעדן האָרעפּאַשניק אויף אומזיסטער ערד... דאָס איז ביי אונדז מער ווי אַ רעכט: עס איז אַ פֿאַקט, וואָס עקזיסטירט". דאָס רוסישע פֿאָלק האַלט, אַז יעדער איינער וואָס וויל באַאַרבעטן די ערד, האָט אַ רעכט אויף דעם, אַז די ערד געהערט צו דער דאָרפֿישער קאָמונע, און אין דאָרף גופא עקזיסטירט זעלבסטפֿאַרוואַלטונג.

„די אויפֿגאַבע פֿון דער נייער עפּאָכע, אין וועלכער מיר טרעטן אַריין, האָט הערצען געשריבן, באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל מיט דער הילף פֿון דער וויסנשאַפֿט באַוווּסטזיניק אַנטוויקלען דעם עלעמענט פֿון אונדזער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג פֿון די דאָרפֿישע קאָמונעס ביז צו דער פֿולשטענדי־קער פֿרייהייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אויסמיידנדיק יענע צווישן פֿאָרמען, דורך וועלכע עס איז נויטווענדיקערווייז געקומען, בלאָנ־דזשענדיק אויף אַן אומבאַוווּסטן וועג, די אַנטוויקלונג פֿון מערב־אייראָ־פּע. אונדזער נייער לעבן דאַרף אַזוי איינוועבן אין איין געוועב אָט די צוויי ירושות, אַז ביי דעם פֿרייען מענטשן זאָל די ערד בלייבן אונטער די פֿיס און אַז דער מיטגליד פֿון דער קאָמונע זאָל זיין אַ פֿולקאָם פֿרייער מענטש". (אונטערשטראָכן פֿון הערצענען אַליין).

די פֿרייהייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט האָט הערצען גע־שטעלט אויפֿן ערשטן פּלאַן.

„סאָציאַלער פּראָגראַם, האָט ער געשריבן, איז מעגלעך נאָר אונטער פֿולשטענדיקער רעפּובליקאַנישער פֿרייהייט, אונטער פֿולער דעמאָקראַטישער גלייכקייט. אַ רעפּובליק, וואָס וואָלט ניט געפֿירט צו סאָציאַליזם, קוקט אונדז אויס צו זיין אַן אַבסורד — אַן איבערגאַנגס־שטופֿע, וואָס באַ־טראַכט זיך אַליין אַלס ציל. פֿון דער אַנדער זייט, וואָלט אַ סאָציאַליזם,

װעלכער װאָלט פּרובירט זיך באַגײן אָן פּאָליטישער פֿרײַהײט, שנעל דעגענערירט געװאָרן אין אַ דעספּאָטישן קאָמוניזם".

שפּעטער האָט הערצען געשריבן: „מענטשן זײַנען ניט צופֿרידן מיט די עקאָנאָמישע אַרבעטס־באַדינגונגען, מיט דער שקלאַפֿערײַ פֿון דער אַרבעט, מיט דעם מיסברויך פֿון די אָנגעזאַמלטע רײַכטימער, אָבער זײ װילן זיך ניט איבערקלײַבן אין קײן אַרבעטער־קאַזאַרמעס; זײ װילן ניט, אַז די רעגירונג זאָל זײ טרײַבן אויף שקלאַפֿן־אַרבעט; זײ װילן ניט צושטערן די פֿאַמיליע און דעם אײגענעם װינקל, זײ װילן זיך ניט אָפּזאָגן אין גאַנצן פֿון פּריװאַט־אײגנטום, דאָס הײסט, זײ װילן בײַ דער באַנײַאונג, בײַ דעם אויפֿבוי (פֿון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג — ד. ש.) אָנהאַלטן, אויף װיפֿל דאָס איז מעגלעך, זײער געװײנלעכן לעבן, צופּאַסנדיק אים צו די נײַע באַדינגונגען".

הערצען איז געװען טיף איבערצײַגט, אַז די װעלט גײט צו סאָציאַליזם, אָבער סאָציאַליזם קען אײַנגעפֿירט װערן נאָר שטופֿנװײַז. „זאָל יעדער געװיסנהאַפֿטער מענטש זיך אַלײן שטעלן די פֿראַגע, האָט ער געשריבן אין זײַנע „בריװ צו אַן אַלטן פֿרײַנט", צי איז ער גרײט פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג? צי איז פֿאַר אים אַזױ קלאָר די נײַע אָרגאַניזאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט, צי װעלכער מיר גײען, װי די אַלגעמײנע אידעאַלן פֿון קאָלעקטיװן אײגנטום, פֿון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, און צי װײסט ער דעם פּראָצעס דורך װעלכן עס דאַרף פֿאָרקומען די פֿאַרװאַנדלונג פֿון די אַלטע פֿאָרמען אין די נײַע? און אויב ער אַלײן איז צופֿרידן מיט זיך, טאָ זאָל ער זאָגן צי זײַנען גרײט פֿאַר דעם די מאַסן װעלכע דאַרפֿן דורכפֿירן אָט די ענדערונג?"

„מיט געװאַלד־מיטלען און טעראָר, האָט הערצען געשריבן אין 1869, װערן פֿאַרשפּרײט רעליגיעס און עס װערן געשאַפֿן זעלבסטהערשנדע אימפּעריעס און אומצוטײלבאַרע רעפּובליקן. מיט געװאַלד־מיטלען קען מען נאָר צעשטערן און אָפּרײניקן דעם פּלאַץ. ניט מער. מיט די מעטאָדן פֿון פּיאָטר דעם גרויסן (דאָס הײסט מיט אַזעלכע רעפֿאָרמען, װאָס װערן אַרויפֿגעצװוּנגען אויפֿן פֿאָלק פֿון אויבן דורך געװאַלד־מיטלען ד. ש.), װעט די סאָציאַלע איבערקערעניש װײַטער פֿון קאַטאָרזשנער גלײַכקײט און פֿון קאָמוניסטישער שקלאַפֿערײַ ניט גײן".

„מען קען ניט די מענטשן באַפֿרײַען אין דעם אויסערלעכן לעבן מער װי זײ זײַנען באַפֿרײַט אינערלעך. װי מאָדנע דאָס איז ניט, נאָר די דערפֿאַרונג װײַזט, אַז פֿאַר די פֿעלקער איז לײַכטער אַריבערצוטראָגן דעם געװאַלדזאַמען יאָך פֿון שקלאַפֿערײַ, װי די מתנה פֿון איבעריקער פֿרײַהײט".

„איך גלויב מער ניט אין די פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע וועגן, האָט ער געשריבן. און איך באַמי זיך צו פאַרשטיין דעם מענטשלעכן גאַנג אין דער פאַרגאַנגנהייט און אין דער קעגנוואַרט, כדי צו וויסן ווי אַזוי צו גיין מיט אים פוס אין פוס, ניט אָפּשטייענדיק און ניט פאַרלויפנדיק פאָרויס אין אַזאַ ווייטקייט, אין וועלכער מענטשן וועלן ניט גיין נאָך מיר, קענען ניט גיין".

אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט האָט הערצען געשריבן מיט גרויס סימפּאַטיע וועגן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך וועגן פערדינאַנד לאַסאַלס טעטיקייט אין דייטשלאַנד. קאַרל מאַרקסן האָט ער פיינט געהאַט הויפּטזאַכלעך דערפאַר, וואָס מאַרקס האָט אָנגערופן באַקונינען „צאַרישער שפּיאָן". שפּעטער אָבער האָט הערצען געענדערט זיין באַציאונג צו מאַרקסן. ווען באַקונין האָט אין יאָר 1869 אָנגעהויבן צו איבערזעצן אויף רוסיש פאַר אַ פּעטערבורגער פאַרלאַג קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", האָט הערצען אין אַ בריוו צו אָגאַריאָוון, דעם 29טן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר, געשריבן, אַז ער בעט גאָט, אַז באַקונין זאָל די איבערזעצונג פאַרענדיקן. און ער האָט דערביי באַמערקט, אַז זיין גאַנצע פיינדשאַפט צו מאַרקסן און צו די מאַרקסיסטן איז געווען צוליב באַקונינען.

הערצען האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין אייגענעם פאָלק, אָבער ער איז ניט געווען קיין שאָוויניסט און קיין ענגער נאַציאָנאַליסט. „באַשולדיקן פעלקער, האָט ער געשריבן, איז אַן אומזין. זיי (די פעלקער) זיינען גערעכט דערפאַר, וואָס זיי אַנטשפּרעכן די באַדינגונגען פון זייער פריערדיקע לעבן. אויף זיי ליגט ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ניט פאַר דאָס גוטס און ניט פאַר דאָס שלעכטס. זיי זיינען פאַקטן. פונקט אַזוי ווי אַ גערעטעניש און אומגערעטעניש".

ווען באַקונין האָט אים צוגעשיקט אַ פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן קאַרל מאַרקסן מיט וווּלגאַרע אַנטיסעמיטישע אָנצוהערענישן, האָט הערצען מיט אומצופרידנקייט געשריבן צו אָגאַריאָוון: „צי וואָס אָט די ריידערייען וועגן „ראַסן", „זשידעס"?".

10

דעם 19טן אויגוסט, 1869, האָט זיך הערצען צוריק אַריבערגעקליבן קיין פּאַריז. אָנהייב יאַנואַר, 1870, איז ער קראַנק געוואָרן. ער האָט פיל יאָרן געליטן פון צוקער־קראַנקהייט. דעם 17טן יאַנואַר האָט ער זיך צוגעקילט, גייענדיק פון אַ פאַרזאַמלונג, און האָט באַקומען לונגען־ענטצינדונג. נאַטאַליע איז דעמאָלט געווען מיט אים צוזאַמען אין פּאַריז. דעם

18טן יאַנואַר איז זי געזעסן ביי זיין קראַנקן־בעט. פֿון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן די קלאַנגען פֿון מיליטערישער מוזיק. הערצען האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט צוגעקלאַפּט צום טאַקט איבער איר האַנט. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט געוויינט.

„מען דאַרף ניט וויינען — האָט ער שטיל געזאָגט — מען דאַרף זיך ניט פּייניקן. מיר אַלע מוזן שטאַרבן".

שוין גוססענדיק האָט ער איר געזאָגט: נו, נאַטאַליע, האַלט מיך מער ניט צוריק; לאָז... איך וויל אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען"....

„ניין, ניין, איינעם אַליין וועל איך דיר ניט לאָזן, האָט נאַטאַליע וויי־נענדיק געזאָגט. נעם מיך אויך מיט".

„גיב די האַנט, אויב דו ווילסט. לאָמיר גיין און שטעלן זיך פֿאַר דעם משפּט פֿון גאָט". — דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער.

דעם 21טן יאַנואַר, 1870, איז ער געשטאָרבן. די לויה איז געווען דעם 28טן יאַנואַר. אַרום 500 מענטשן, מערסטנס פֿראַנצויזן און אַנדערע איי־ראָפּעער, האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ביי זיין קבר זאָלן קיין רעדעס ניט געהאַלטן ווערן. נאָר איין רוסישער פֿריינט זיינער האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע. „מיר זיינען געקומען אַהער, האָט ער געזאָגט, אָפּגעבן אונדזער לעצטע עהרע דעם גרויסן בירגער, וועל־כער האָט אַזוי פֿיל געטאָן פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד, אָבער רוסלאַנד וועט זיך ניט אָנטאָן אין טרויער נאָך אים. נאָר די ווייניקע פֿריינט, וועלכע זיינען אים פֿאַרבליבן טריי, וועלן טראָגן דעם טרויער אין זייערע הערצער. עס וועט אָבער קומען אַ טאָג, ווען אונדזערע מיטבירגער וועלן בעסער פֿאַרשטיין זייער געשיכטע און זיי וועלן דעמאָלט דערמאָנען אָט דעם איינזאַמען קבר. זיי וועלן אים אַוועקשטעלן אַ דענקמאָל און אויף אים אויסקריצן די ווער־טער: „דעם גרויסן בירגער, דעם גרויסן אין גלות־פֿאַרטריבענעם אַלעקסאַנ־דער הערצען — די דאַנקבאַרע רוסלאַנד".

מען האָט אים דעמאָלט באַערדיקט אויפֿן פּאַריזער בית עולם פּערלאַשעז. שפּעטער האָט מען אים, לויט זיין פֿיל מאָל אויסגעדריקטן ווונטש, אַריבער־געפֿירט קיין ניצע און אים באַגראָבן לעבן זיין הייס־געליבטער, אומפֿאַר־געסלעכער נאַטאַליע. מיט איניקע יאָר שפּעטער האָט מען אים דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט. איצט ווערט הערצען פֿון אַלעמען אָנערקענט ווי איינער פֿון די גרעסטע רוסישע שריפֿטשטעלער, דענקער און ליכטיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס רוסלאַנד האָט געגעבן דער וועלט.

דער צווייטער נאַטאַליע איז באַשערט געווען איבערצולעבן נאָך עטלעכע גרויסע טראַגעדיעס. זי איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד אין 1913.

אין 1922 האָבן די באָלשעוויקעס לעבן דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט אוועקגעשטעלט א מאָנומענט הערצענען און אָגאַריאָוון. הערצענס באַליבטסטע טאָכטער, טאַטאַ, האָט נאָך דעמאָלט געלעבט אין דער שווייץ און די באָלשעוויקעס האָבן איר טעלעגראַפירט וועגן דעם. זי האָט אויף דער טעלעגראַמע ניט געענטפערט, נאָר האָט פאַרשריבן אין איר טאָגבוך:

„א מאָנומענט, וואָס איז געשטעלט געוואָרן מיין טאַטן פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט, איז דאָס זעלבע ווי ווען עסטערהאַזי וואָלט צוגעטראָגן א בוקעט בלומען דער מאדאם דרייפוס. (עסטערהאַזי איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם בלבול אויף קאַפּיטאַן דרייפוסן, אז ער איז א דייטשער שפיאָן. — ד. ש.). די באָלשעוויקעס ניצן אוים הערצענס נאָמען פאַר זייערע צוועקן. זיי פאַרקריפּלען דעם אמת און שטעלן פאַר אין א פאַלשן ליכט מיין טאַטנס כאַראַקטער און זיין גאַנצע טעטיקייט. דאָס איז נידערטרעכטיק. ווען מיין טאַטע איז טויט, שטעלן זיי אים מאָנומענטן; אָבער ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלטן זיי אים דערהרגעט".

ניקאָליי טשערנישעווסקי

(1828 — 1889)

1

אין אַ קאַלטן, כמורנעם פֿרימאָרגן, דעם 31סטן מיי 1884, האָט מען אויף אַ בריקל, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן אויפֿן מיטנינער פּלאַץ אין פּעטערבורג, אַרויסגעפֿירט אַ מאַן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מאַנטל און מען האָט אים אָוועקגעשטעלט צום „שאַנדסלופּ", אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַן אייזערנע קייט. דער תליון האָט אַרונטערגעריסן דעם הוט פֿון קאָפּ ביי דעם פֿאַראורטיילטן און האָט אויף זיין האַלדז אויפֿגעהאָנגען אַ שוואַרץ ברעטל מיט דער אויפֿשריפֿט: „מלוכה־פֿאַרברעכער". ער האָט אַריינגערוקט דעם „מלוכה־פֿאַרברעכערס" הענט אין די רינגען פֿון דער קייט. אַזוי איז דער פֿאַרברעכער, מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף דער ברוסט, געשטאַנען ביים „שאַנדסלופּ" אַרום אַ פֿערטל שעה. דער פּראָקוראָר האָט מאָנאָטאָן געלייענט דעם אורטייל און דער „פֿאַרברעכער" האָט, זשמורענדיק זיינע קורצזיכטיקע אויגן, געזען, אַז דאָס בריקל איז אַרומגערינגלט מיט מיליטער און פּאָליציי און אַז ביי דער זייט שטייען זיינע נאָענטע פֿריינד און פֿאַרערערס.

נאָך דעם ווי דער פּראָקוראָר האָט פֿאַרענדיקט לייענען דעם אורטייל, האָט דער תליון אַרויסגענומען דעם „פֿאַרברעכערס" הענט פֿון די רינגען פֿון דער קייט, האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף די קני און האָט איבער זיין קאָפּ צעבראָכן אַ שווערד. אָט אַזוי איז פֿאָרגעקומען די צערעמאָניע פֿון דער סימבאָלישער תליה פֿון דעם „פֿאַרברעכער".

מען האָט אים פֿאַראורטיילט צו זיבן יאָר קאַטאָרגע און צו אייביקן סיביר. דער „פֿאַרברעכער" איז געווען דער גרעסטער רוסישער עקאָנאָמיסט, דער באַרימטער פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער. ניקאָליי טשערנישעווסקי.

באַלד נאָך דער סימבאָלישער תליה האָט מען טשערנישעווסקין, אין דער באַגלייטונג פֿון צוויי זשאַנדאַרן, אויף אַ קאַזיאָנער פֿור, אָוועקגעשיקט קיין סיביר, וווּ ער האָט זיבן יאָר אָפּגעשמאַכט אויף קאַטאָרגע און דערנאָך

12 יאָר „פאַרבראַכט" אין מזרח־סיביר ווי אַ פּאָליטישער פאַרשיקטער אונטער די שווערסטע באַדינגונגען.

קאַרל מאַרקס, וואָס איז געווײנלעך געווען קאַרג אויף קאָמפּלימענטן פאַר יעדערן, האָט אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון זיין „קאַפּי־טאַל" אָנגערופן טשערנישעווסקין „דער גרויסער רוסישער געלערנטער און קריטיקער" און דעם באַוווּסטן רוסישן רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטינען האָט מאַרקס נישט איין מאָל געזאָגט, אַז „פון אַלע מאָדערנע עקאָנאָמיסטן איז טשערנישעווסקי דער איינציקער אָריגינעלער דענקער, בעת אַלע אַנדערע זיינען נאָר איינפאַכע קאָמפּילאַטאָרן".

מאַרקס האָט לאָפּאַטינען אויך געזאָגט, אַז „די רוסן דאַרפן זיך שעמען, וואָס קיינער פון זיי האָט זיך ביז איצט נישט באַמיט צו באַקענען אייראָפּע מיט אַזאַ מערקווירדיקן דענקער".

מאַרקס האָט געוואָלט אָנשרייבן אַ ביאָגראַפיע פון טשערנישעווסקין און ווידמען אים אין זיין „קאַפּיטאַל" אַ באַזונדערן קאַפּיטל. ער האָט זיך ספּע־ציעל אויסגעלערנט רוסיש, כדי צו קענען איבערלייענען טשערנישעווסקיס אַלע ווערק און שפּעטער האָט מאַרקס איראָניש באַמערקט, אַז טשערנישעוו־סקי איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע „צוליב דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע אויסגעצייכנטע ווערק".

טשערנישעווסקי איז געווען דער גייסטיקער פירער פון דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ נישט נאָר פון די 60קער יאָרן פון לעצטן יאָרהונ־דערט, נאָר אויך פון די שפּעטערדיקע דורות.

ניקאָליי גאַווריל'אָוויטש טשערנישעווסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 24סטן יוני, 1828, אין דער שטאָט סאַראַטאָוו, ווו זיין טאַטע איז געווען אַ געבילדעטער פּראַוואָסלאַוונער גלח. דער יונגער טשערנישעווסקי האָט צו ערשט זיך געלערנט אין סאַראַטאָווער טעאָלאָגישן סעמינאַר פאַר פּראַוואָ־סלאַוונע גייסטלעכע. שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין פּעטערבורגער אוני־ווערסיטעט, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין יאָר 1850.

טשערנישעווסקי איז פון זיין פרישטער יוגנט אָן ביזן טויט געווען אַ רעוואָלוציאָנער און אַ סאָציאַליסט.

ווי אַ סטודענט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט אין יאָר 1848 האָט ער געשריבן אין זיין טאָגבוך: „איך וואָלט גיט זשאַלעווען אָפּצוגעבן מיין לעבן פאַרן טריאומף פון פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט; פאַר דער פאַרניכטונג פון אָרעמקייט און פאַרדאַרבנקייט, אויב איך וועל נאָר זיין אי־בערצייגט, אַז מייגע איבערצייגונגען זיינען גערעכטע און אַז זיי וועלן טריאומפירן און אויב איך וועל זיין זיכער, אַז זיי וועלן טריאומפירן, וועל איך אַפילו ניט באַדויערן, וואָס איך אַליין וועל ניט דערלעבן צו זען זייער טריאומף".

אין זעלביקן יאָר 1848 האָט ער געשריבן אין זיין טאָגבוך: „דער היס־טאָרישער באַטייט פון יעדן רוסישן גרויסן מענטשן ווערט געמאָסטן מיט זיינע אויפטועז פאַרן פאָטערלאַנד, מיט זיין מענטשן־ווירדע און מיט דער קראַפט פון זיין פאַטריאָטיזם".

ווייטער האָט טשערנישעווסקי אין זיין טאָגבוך דערקלערט אין וואָס עס באַשטייט אמתער פאַטריאָטיזם. ער האָט געשריבן: „צי דען באַגרענעצט זיך אונדזער באַרוף נאָר מיט דעם, וואָס מיר האָבן אַן אַרמיי פון אַ מיליאָן מיט פינף הונדערט טויזנט סאָלדאַטן און מיר קענען אַזוי ווי די הונען, ווי די מאָנגאָלן איינגעמען גאַנץ אייראָפּע, אויב מיר וועלן דאָס נאָר וועלן?... איז דאָס אונדזער באַרוף? זיין אַלמעכטיק אין פּאָליטישן און מיליטער־רישן זינען און נישטיק אין די אַנדערע העכערע עלעמענטן פון פאָלקס־לעבן? אויב אַזוי איז בעסער ניט געבוירן צו ווערן, איידער געבוירן ווערן אַ טשינגיז כאַן, אַ טאַמערלאַן אָדער איינער פון זייערע קריגסלייט".

טשערנישעווסקי איז געווען אַן איבערצייגטער קעגנער פון ראַסן־אונ־טערדריקונג, ווי פון יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. נאָך ווי אַ צוואַנ־ציק יאָריקער בחור האָט ער וועגן דער אונטערדריקונג פון דעם אונגאַרישן אויפשטאַנד דורך ניקאָליי דעם ערשטן געשריבן אין זיין „טאָגבוך": „איך בין אַ פריינד פון די אונגאַרן. איך ווינטש אַ מפּלה דאָרט די רוסן און פאַר דעם וואָלט איך געווען גרייט מקריב צו זיין מיין אייגענעם לעבן".

פרייענדיק זיך מיטן גרויסן פאָרשריט פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט טשערנישעווסקי דעם 2טן סעפּטעמבער, 1848, געשריבן אין זיין טאָגבוך: „לערמאָנטאָוו און גאָגאָל באַווייזן, אַז עס איז געקומען די צייט אין רוסלאַנד אויפצוטאָן אויפן גייסטיקן געביט, פונקט אַזוי ווי עס האָבן פריער אויפגעטאָן פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און איטאַליע".

און מיט אַ פאָר וואָכן שפּעטער האָט ער ווייטער געשריבן אין זיין טאָגבוך: „לערמאָנטאָוו און גאָגאָל, וואָס זייערע ווערק שיינען מיר צו זיין דורכאויס זעלבשטענדיקע, אפשר די וויכטיקסטע ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, באַווייזן מיר, אַז נאָר דאָס לעבן פון אַ פאָלק, די מדרגה פון זיין אַנטוויקלונג באַשטי־מען דעם באַטייט פון דעם פאָעט פאַר דער מענטשהייט, און אויב דאָס פאָלק האָט נאָך נישט דערגרייכט קיין אַלמענטשלעכן וועלטבאַטייט, וועט עס נישט האָבן קיין שרייבערס, וואָס זאָלן זיין אַלמענטשלעך און זאָלן האָבן אַ ווערט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט".

אין יאָר 1850, נאָכן פאַרענדיקן דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, האָט טשערנישעווסקי זיך צוריקגעקערט צו זיינע עלטערן קיין סאַראַטאָוו, ווו ער איז עטלעכע יאָר געווען אַ לערער אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע. ער האָט שוין דעמאָלט געוווסט, אַז אויב ער וועט נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק

צו דעם שיקזאל פֿון פֿאָלק, וועט ער מוזן קומען אין א צוזאמענשטויס מיט דער צארישער רעגירונג, וואָס קען זיך פֿארענדיקן פֿאר אים מיט סיביר און קאטארגע און אפֿשר מיט דער תליה. אין יענער צייט האָט טשערנישעווסקי זיך שטארקט פֿארליבט אין א סאראטאווער מיידל, די טאָכטער פֿון א דאָקטיקן דאָקטער. איר נאָמען איז געווען אָלגא סאָקראטאָווגא וואסיליעווא. זי איז געווען זייער א שיינע, א שטארק צעבאלעוועטע, א ווייניק געבילדעטע, א לייכטזיניקע, א פֿריילעכע, אָבער אויך אן אויפֿריכטיקע. זי איז שטענדיק געווען ארומגערינגלט פֿון יונגעלייט, אירע פֿארערערס.

אָלגא סאָקראטאָווגא האָט געהערט וועגן טשערנישעווסקין. איר ברודער איז געווען זיינער א תלמיד אין גימנאזיע און אלע האָבן גערעדט וועגן אָט דעם אויסערגעוויינלעכן לערער, און טשערנישעווסקי האָט אויך געהערט וועגן איר. ער האָט געהערט אַז עס איז דאָ אין סאראטאָוו אזא גוטמוטיקע מיידל מיט א פֿרייען גייסט, וועלכע האָט איין מאָל אין אָן אָוונט אויפֿגעהויבן א כוס און אויסגעשריען: „פֿאַר דעמאָקראַטיע!"

אין יאנואר 1853 האָבן זיי זיך אויף אַן אָוונט ביי באקאנטע געטראָפֿן. טשערנישעווסקי האָט אין גיכן געשריבן אין זיין טאָגבוך:

„איך בין פֿארליבט, אָבער מיר פֿלאָגט דער געוויסן פֿאר זיך. ווי פּאסט עס פֿאר אזא ערנסטן מענטשן צו זיין פֿארליבט? דאָס איז אייער שולד, אָלגא סאָקראטאָווגא, איר האָט מיר דערפֿירט צו אָט דעם נארישן צושטאנד... אָבער פֿארליבט איז פֿארליבט, פֿון דעם בין איך גליקלעך, פֿון דעם בין איך פֿעסטער און אַנטשיידן".

פֿון אָנהייב האָט זי קאָקעטירט מיט טשערנישעווסקין און נישט גענומען ערנסט זיינע ליבעס־דערקלערונגען, אָבער אין גיכן האָט זי באמערקט, אַז ער איז „גאָר אַן אַנדער מענטש". איין מאָל האָט טשערנישעווסקי, אין איר געזעלשאפֿט, זיך אויסגעדריקט, אַז ער וועט זיין א געטרייער דינער פֿאר זיין פֿרוי. איז דאָס איר שטארק געפֿעלן געוואָרן, זי האָט א טראכט געטאָן, אַז ער וואָלט געווען דער פּאסיקסטער מאן פֿאר איר. טרעפֿן פֿלעגן זיי זיך געוויינלעך ביי באקאנטע צו ווען זיי פֿלעגן קומען צו גאסט. אויג אויף אויג פֿלעגן זיי פֿריער זיך שטילערהייט שושקען ביים פֿענסטער און דערנאָך הויך זיך משמח זיין און שפּאסן. טשערנישעווסקי האָט איין מאָל ווי אין שפּאס איר א זאָג געטאָן: — „אָלגא סאָקראטאָווגא, איך פֿארשטיי ניט צו וואָס קאָקעטירט איר מיט מיר? איך האָב דאָך א כלה אין פעטערבורג" זי האָט גוט געוווּסט, אַז זיין „כלה" איז געווען די רעוואָלוציע. אָבער שטילערהייט האָט ער איר דערנאָך געזאָגט: „באטראכט מיר פֿאר אייער חתן, ניט געבנדיק מיר דאָס רעכט צו באטראכטן אייך פֿאר מיין כלה. געדענקט אַז איך האָב אייך אזוי שטארק ליב, אַז אייער גליק איז פֿאר מיר וויכטיקער ווי מיין ליבע".

איין מאָל, ווען זיי זיינען ערגעץ געווען צו גאַסט און האָבן זיך אָפּגע־זונדערט פון די אַנדערע געסט, געשפּילט אין פראַגן און ענטפערס, האָט אָלגאַ סאָקראַטאָווא גענומען דעם בלייפעדער און האָט אויפגעשריבן: „אָלגאַ סאָקראַטאָווא טשערנישעווסקאַיאַ".

„אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ, און איר שפּאַסט נאָך אַלץ" — האָט טשערני־שעווסקי אויסגערופן. — „איך שפּאַס גאָרניט" — האָט זי געענטפערט — „איך וויל האָבן אַזאַ מאַן ווי איר וועט זיין. לויט אייערע רייד".

טשערנישעווסקי האָט איינפאַך און ערנסט געזאָגט: „גוט, אָבער איך קען נישט חתונה האָבן שוין צוליב דעם אַליין, ווייל איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל זיין אויף דער פריי. מיך קען מען יעדן טאָג אַרעסטירן, וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט מיין ראָלע? ביי מיר אין הויז וועט די פּאָליציי גאָרנישט געפינען, אָבער די פאַרדאַכטן אויף מיר וועלן זיין שטאַרקע. וואָס זשע וועל איך טאָן? פון אָנהייב וועל איך שווייגן און שווייגן, אָבער ענדלעך וועט מען וועט צו מיר צושטיין, וועט עס מיר דערעסן און איך וועל אַרויסזאָגן מיינע מיינונגען אָפן און שאַרף און דעמאָלט וועל איך שוין מסתמא נישט אַרויס פון טורמע".

אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ האָט געשוויגן. זי האָט אים ניט געגלויבט, ווייל אַזוינע זאַכן זיינען איר געווען פרעמד. זיי זיינען אַוועק טאַנצן. נאָכן טאַנצן האָט ער איר געזאָגט: „איצט ווייסט איר, אַז איך קען נישט, אַז איך האָב קיין רעכט נישט צו פאַרבינדן וועמענס עס איז גורל מיט מיינעם".

„עס איז מיר געווען שווער צו ריידן אַזוי ווי איך האָב צו איר גערעדט" — האָט טשערנישעווסקי שפּעטער געשריבן. „אַנשטאָט ליבע, אַנשטאָט אַנטציקונג, אַנשטאָט דער שפּראַך פון אַ חתן, די שפּראַך פון אַ מענטשן וועלכער זאָגט: איך בעט אייך, באַשליסט ניט חתונה צו האָבן מיט מיר! ווער וואָלט עס פאַרשטאַנען? זי אָבער האָט ער פאַרשטאַנען. וועלכע פרוי וואָלט זיך ניט באַליידיקט פון אַזוינע רייד? זי אָבער האָט זיך ניט באַ־ליידיקט".

שפּעטער, ווען זי האָט אים דערקלערט, אַז זי איז גרייט חתונה צו האָבן מיט אים, האָט ער איר ווידער געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט אויף אַזאַ טאַט, ווייל ער ווייס נישט, ווי לאַנג ער וועט קענען פאַרבלייבן אויף דער פריי, אַז מען קען אים כאַפּן און אַריינזעצן אין טורמע, „גאָט ווייס אויף ווי לאַנג און איך קען פון מיין אַרט דאַנקען זיך נישט אָפּזאָגן", האָט ער פאַרענדיקט.

„פאַר וואָס נישט", האָט אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ זיך געוווּנדערט. „צי קענט איר נישט ענדערן זיך?"

טשערנישעווסקי האָט אָנגעהויבן ריידן מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן זיינע געדאַנקען און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. ער האָט באַלד באַמערקט, אַז זי לאַכט.

„איר האָט וועגן דעם ווייניק געהערט אָדער אפשר גאָרנישט געהערט?, האָט ער ביי איר ערנסט אַ פרעג געטאָן.

„גאָרנישט געהערט”, האָט זי אים מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן געענטפערט. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ביי איר אַ פרעג געטאָן: „איר זייט נישט צופרידן פון דעם סוף פון אונדזער שמועס?, גוט. אויב איר ווילט נישט אַנדערש, וועל איך אייך זאָגן אַזוינס, וואָס איך האָב אייך ניט באַדאַרפט זאָגן: איר קענט אַלע מאָל זיך ווענדן צו מיר”.

„איר וועט דאָך אוועקפאָרן”, האָט זי געזאָגט. זי האָט עס אַזוי אַ זאָג געטאָן, אַז טשערנישעווסקי האָט געפילט, אַז זי וויל נישט, אַז ער זאָל אוועקפאָרן.

„איר זיינט נישט צופרידן פון דעם? גוט, איך וועל אייך זאָגן נאָך עפּעס. איך פאָר אין פרילינג קיין פּעטערבורג. ביז ווינאַכטן וועל איך איינאָרדענען אַלע מיינע געשעפטן און וועל קומען קיין סאַראַטאָוו. אויב איר וועט נאָך דעמאָלט נישט האָבן קיין אַנדער חתן, אַ בעסערן, וועל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט ווערן מיין פרוי. איך שטעל זיך פאָר ווי אייער חתן, נישט געבנדיק מיר דאָס רעכט צו באַטראַכטן אייך פאַר מיין כלה. זייט איר צופרידן, אָדער ניט?”

„צופרידן”, האָט זי געענטפערט.

זי האָט ניט געוואָלט וואַרטן ביז וואַנען טשערנישעווסקי וועט איינ־אָרדענען זיינע געשעפטן אין פּעטערבורג און וועט דערנאָך קומען קיין סאַראַטאָוו. און צי וועט ער בכלל גאָר קומען? — האָט זי געטראַכט. ניין, מען דאַרף וואָס שנעלער פאַרענדיקן, טאַקע באַלד חתונה האָבן. ער האָט געוואָלט ביי איר דערגיין פאַר וואָס, אייגנטלעך, האָט זי באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט אים?

„איר געפעלט מיר”, האָט זי געענטפערט. „איך בין אין אייך נישט פאַרליבט. אָבער איז דען ליבע נייטיק? צי דען האָט מען שטענדיק חתונה אויס ליידנשאַפט...”

טשערנישעווסקיס פריינד האָבן אים כסדר דערציילט וועגן אירע ראָ־מאַנען, וועגן איר לייכטזיניקייט, וועגן דעם, אַז זי וויל פאַרדרייען דעם קאָפּ יעדן יונגן מאַן. מען האָט אים אויך דערציילט וועגן די קלאַנגען, וואָס גייען אַרום וועגן איר. איינער פון טשערנישעווסקיס פריינד האָט אים געוואָרנט, אַז זי וועט אויך נאָך דער חתונה טאָן דאָס זעלביקע. אָבער טשערנישעווסקי האָט אויף דעם געענטפערט: „אויב מיין פרוי וועט טאָן

נישט נאָר דאָס, נאָר אויב זי וועט ליב האָבן נישט מיך, נאָר עמעצן אַנדערש, איז אַלץ איינס", און ביי זיך האָט ער געטראַכט: איך בין גרייט אויף דעם, איך וועל עס אַריבערטראָגן אפשר מיט אַ ווייטאָק אין הארצן, אָבער איך וועל עס אַריבערטראָגן.

אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ האָט אויסגעפירט איר פאַרלאַנג, אַז די חתונה זייערע זאָל פאָרקומען דעם 29סטן אַפּריל, אין דער פרי, כדי קיינער זאָל נישט זיין אין קירך און אַז זיי זאָלן נאָך דעם זעלבן טאָג אוועקפאָרן קיין פעטערבורג. טשערנישעווסקי האָט צוגעשטימט צו דעם, אָבער דעם 19טן אַפּריל איז אין סאַראַטאָוו געשטאָרבן זיין מאַמע. די חתונה איז דאָך פאָר־געקומען דעם 29סטן אַפּריל 1853, אָבער אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג זיינען זיי ערשט דעם 6טן מיי.

2

די ערשטע צייט אין פעטערבורג האָט טשערנישעווסקי זיך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, ער איז געווען אַ לערער אין פאַרשיידענע מיטלשולן. אין גיכן אָבער האָט ער זיך אין גאַנצן געווידמעט צו ליטעראַ־רישער אַרבעט. ער האָט צו ערשט געשריבן מערסטנס רעצענזיעס אויף ביכער אין דעם דעמאָלסטיקן ראַדיקאַלן פעטערבורגער זשורנאַל „אָטיע־טשעסטוויעניע זאַפּיסקי". דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „סאָווריעמעניק", וואָס פּושקין האָט נאָך געגרינדעט און וואָס אַ צווייטער באַרימטער פּאָעט, ניעקראַסאָוו, איז אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געווען זיין רעדאַקטאָר.

ניעקראַסאָוו איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער פּאָעט, נאָר אויך אַ גרויסער רעדאַקטאָר. ער האָט עס דער ערשטער „אַנטדעקט" דאָסטאָיעווסקין. אָבער נאָר אַ דאַנק טשערנישעווסקין און דעם יונגן קריטיקער דאָבראָליובאָוון, וועמען טשערנישעווסקי האָט אַריינגעבראַכט אין דעם זשורנאַל, איז דער „סאָווריעמעניק" געוואָרן דער פּאָפּולערסטער רוסישער זשורנאַל צווישן דער געבילדעטער רוסישער געזעלשאַפט פון יענער צייט. אין יאָר 1861 האָט דער „סאָווריעמעניק" שוין געהאַט 7 טויזנט מיט 125 באַצאָלטע אַבאָנענטן, וואָס דאָס איז פאַר יענער עפּאָכע פון מיט איבער 100 יאָר צוריק געווען אַ גרויסער טיראַזש. יעדער נומער פון „סאָווריעמעניק" איז געליענט געוואָרן קאָלעקטיוו פון אַ גאַנצער גרופּע מענטשן, אַזוי אַז די צאָל לייענערס פון דעם זשורנאַל איז געווען עטלעכע מאָל אַזוי גרויס ווי זיין טיראַזש. טשערנישעווסקי איז אין גיכן געוואָרן דער טאָנגעבער פון „סאָווריעמעניק" און דער גייסטיקער פירער פון דער גאַנצער ראַדיקאַלער רוסישער אינטעליגענץ.

נאָך אין יאָר 1848 האָט טשערנישעווסקי געשריבן אין זיין טאָגבוך: „מיר דוכט זיך, אַז איך בין, לויט מיינע איבערצייגונגען אין דעם ענדציל פאַר דער מענטשהייט, געוואָרן אַן אַנטשיידענער פּאַרטיזאַן פון די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן און פון די עקסטרעמע רעפּובליקאַנער".

דעם זעלביקן יאָר האָט ער ווייטער געשריבן אין זיין טאָגבוך: „אַך, מיינע הערן, מיינע הערן, איר דענקט, אַז די זאַך באַשטייט אין דעם, אַז עס זאָל זיין אַ רעפּובליק און די מאַכט זאָל זיין אין אייערע הענט און נישט וועגן באַפרייען דעם נידעריקן קלאַס פון שקלאַפעריי.... איך האָב נישט ליב אָט די הערן, וואָס זאָגן: „פרייהייט, פרייהייט" און אָט די פרייהייט באַגרענעצן זיי מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט און שרייבן עס איין אין די געזעצן, אָבער פירן עס נישט דורך אין לעבן. זיי שאַפן נישט אָפּ די געזעצן וועגן אומגלייכקייט, פאַרניכטן ניט די סאָציאַלע אָרדענונג, לויט וועלכער ניין צענטל פון פאָלק זיינען שקלאַפן און פּראָלעטאַריער. ס'גייט ניט אין דעם, צי עס וועט זיין אַ צאַר אָדער נישט, צי עס וועט זיין אַ קאָנסטיטוציע אָדער ניט. עס האַנדלט זיך וועגן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וועגן דעם, אַז איין קלאַס זאָל ניט זייגן דאָס בלוט פון אַ צווייטן".

נאָך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין אייראָפּע אין די יאָרן 1848 און 1849 פאַרשרייבט טשערנישעווסקי דעם 21סטן נאָוועמבער, 1850, אין זיין טאָגבוך: „אַ פרידלעכע אַנטוויקלונג איז ניט מעגלעך, אַן וואָפן איז קיין מאָל נישט געמאַכט געוואָרן קיין איין שריט פאָרויס אין דער געשיכטע".

מיט איניקע מאָנאַטן פריער האָט ער געשריבן אין זיין טאָגבוך: „אויב איך וואָלט איצט אַריינגעקראָגן די מאַכט, וואָלט איך גלייך פּראָקלאַמירט די באַפרייאונג פון די פּויערים, וואָלט גלייך פונאַנדערגעלאָזט מער ווי אַ העלפט פונעם מיליטער, וואָלט, אויב נישט תיכף, איז גאָר אין גיכן, באַגרענעצט אויף ווי ווייט מעגלעך די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט און בכלל די רעגירונגס־מאַכט און וואָלט זיך באַמיט צו געבן פּאָליטישע רעכט די פּויערים".

טשערנישעווסקי איז שוין אין די פופציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט געווען איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן אין רוסלאַנד. ער האָט געקענט זעכצן פרעמדע שפּראַכן. פון די 225 מאַנוסקריפּטן זיינע, וואָס ער האָט געשריבן נאָך אין דער יוגנט, זיינען 12 אַרבעטן זיינע געווען אין דייטש, 4 אין פראַנצויזיש, 62 אין לאַטיין, 12 אין דער גריכישער שפּראַך, 3 אין אַראַביש, 5 אין פּערסיש, 10 אין טאָטעריש און דריי אין העברעאיש.

פאַר די זיבן יאָר פון זיין אַקטיווער ליטעראַרישער טעטיקייט (ד"ה פון 1855 ביז 1862) האָט ער אָנגעשריבן העכער 250 ערנסטע אַרבעטן,

געווידמעט די פראַגן פון אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, דער אינ־טערנאַציאָנאַלער לאַגע און פון פילאָסאָפיע, געשיכטע, פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע און געשיכטע פון דער ליטעראַטור.

דער באַוווּסטער רוסישער היסטאָריקער, ניקאָלאַי קאָסטאָמאַראָוו, וועל־כער איז אין די פופציקער יאָרן געווען פאַרשיקט אין סאַראַטאָוו און פלעגט זיך דאָרט אָפט טרעפן מיט טשערנישעווסקין האָט שפּעטער געשריבן אין זיינע זכרונות, אַז טשערנישעווסקי איז געווען אַ ווייכהאַרציקער, גוטמוטיקער, אָפנהאַרציקער מענטש. ער איז אויך געווען אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער מענטש, וועלכער האָט באַזעסן אין דער העכסטער שטופע די פעאיקייט צוצוציען צו זיך מענטשן מיט זיין איינפאַכקייט, גוטמוטיקייט, באַשיידנהייט, פאַרשידנאַרטיקן וויסן און אויסערגעוויינלעכער שאַרפ־זיניקייט.

סוף פופציקער און אָנהייב זעכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט האָט די רוסישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער אויסלענדישער, דער עיקר, פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. די שטודירנדיקע יוגנט האָט מיט גרויס דורשט געלייענט די ווערק פון סען סימאָן, שאַרל פוריע, קאַבע און אַנדערע סאָציאַליסטישע שרייבערס. די דאָזיקע שרייבערס האָבן אין זייערע ווערק זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די לאָזונגען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 „פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט" זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן. אַז עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך אַ צווייטן איז ניט פאַרשוווּנדן, נאָר האָט בלויז אָנגענומען נייע פאָרמען. אויף די חורבות פון דער אַלטער אָרדענונג, וואָס איז געווען געבויט אויף לייב־אייגנטום, אויף „פּאַנשטשיזנע", איז געבוירן געוואָרן אַ נייע שקלאַפעריי, געבויט אויף לוינאַרבעט.

סען סימאָן, פוריע און די אַנדערע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן פון יענער עפּאָכע האָבן אין זייערע ווערק געמאָלן הערלעכע בילדער פון דער צוקונפטי־קער געזעלשאַפט, ווען די מענטשהייט וועט, אַרונטערוואַרפנדיק פון זיך די קייטן פון דער נייער שקלאַפעריי, אָנהייבן לעבן אַ גליקלעך פריי לעבן. דע־מאָלט וועט די מענטשהייט באַקומען די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען אַלע אירע שעפערישע כוחות. די אַלטע סאָציאַליסטישע שרייבערס זיינען געווען איבערצייגט, אַז די שיינקייט און די גערעכטיקייט פון אַ סאָציאַליס־טישער אָרדענונג זיינען אַזוי קלאָר, אַז די צאָל אָנהענגערס זייערע וועט וואַקסן פון טאָג צו טאָג און עס איז גענוג, אַז אַ צוויי־דריי גרויסע מיליאָ־נערן זאָלן איינזען ווי וויכטיק און ווי נויטיק אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג איז פאַר דער מענטשהייט, אַז עס זאָל גלייך מעגלעך זיין איינצופירן אַזאַ אָרדענונג.

אַט די נביאים פֿון סאָציאַליזם די וויזיאָנערן פֿון אַ צוקונפֿטיקער גליק־לעכער געזעלשאַפֿט, האָבן געגלייבט אין דעם טריאומף פֿון שכל און גערעכ־טיקייט. עס איז גענוג נאָר אויפֿצוקלערן די מענטשן, אַז עס זאָל באַלד אָנקומען דאָס קעניגרייך פֿון אמת און גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

דער יונגער טשערנישעווסקי האָט זיך מיט גרויס היץ אַ וואָרף געטאָן שטודירן די ווערק פֿון סען סימאָן און פֿוריע און ער איז געוואָרן פֿוריעס אַן איבערציינטער אָנהענגער. ער האָט אָבער ניט געהאַלטן פֿון פֿוריעס האָפֿענונג אויף אַ נאָבעלן מיליאָנער, אָדער אויף אַ פּאָר נאָבעלע מיליאָנערן, וועלכע וועלן קומען גליקלעך מאַכן די מענטשהייט.

נאָך ווי אַ סטודענט פֿון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט איז טשערני־שעווסקי געקומען צום אויספֿיר, אַז די באַפֿרייאונג פֿון די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן קען קומען נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם קאַמף פֿון די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע קלאַסן גופֿא און אַז די טרייב־קראַפֿט אויפֿן וועג צו דער באַפֿרייאונג פֿון די אָרעמע מאַסן פֿון די קייטן פֿון שקלאַפֿעריי און עקספּלואַטאַציע איז בילדונג און אויפֿקלערונג. די אויפֿקלערונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, די אויפֿקלערונג פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט — דאָס איז די גרונט־אויפֿגאַבע פֿון יעדן באַוווּסטזיניקן סאָציאַליסט.

דאָס איז געווען די מיינונג נאָך פֿון דעם יונגן טשערנישעווסקי. ווען די אַרבעטנדיקע מאַסן וועלן באַגרייפֿן וואָס פֿאַר אַ גליק אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג וועט זיין פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, דעמאָלט וועט שלאָגן די שעה פֿאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

ביי דעם דעספּאָטיזם, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד אין די פֿופֿציקער יאָרן פֿון לעצטן יאָרהונדערט אונטערן צאַר ניקאָליי דעם ערשטן, זיינען די דאָזיקע פּעטערבורגער און מאָסקווער מאָנאַטלעכע זשורנאַלן געווען דער איינציקער קוואַל, פֿון וועלכן עס פֿלעגן אַריינדרינגען אין דער רוסישער געזעלשאַפֿט די פֿאָרגעשריטענע אידייען.

דורך דעם „סאָווּרעמעניק" האָט טשערנישעווסקי אין גיכן פֿאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער רוסישער עקאָנאָמישער וויסנשאַפֿט, אין דער פּובליציסטיק און אין דער ליטעראַטור. טשערנישעווסקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט נאָך די גאָר ערשטע ווערק פֿון דעם יונגן שריפֿטשטעלער לעוו טאָלסטאָי און האָט אים פֿאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפֿט. זיין אַרטיקל וועגן טאָלסטאָיען אין „סאָווּרעמעניק" פֿון יאָר 1857 האָט טשערנישעווסקי פֿאַרענדיקט מיט די דאָזיקע ווערטער: „אַט דער טאַלאַנט געהערט אַ יונגן מאַן מיט פֿרישע לעבנס־כוחות, וועלכער האָט פֿאַר זיך אַ לאַנגן וועג... וואָס פֿאַר אַ שיינע האָפֿענונג ער איז פֿאַר אונדזער ליטעראַטור... מיר זאָגן פֿאָרויס, אַז אַלץ, וואָס גראַף טאָלסטאָי

האָט ביז איצט געגעבן אונדזער ליטעראַטור, זיינען נאָר משכנות פֿאַר דעם, וואָס ער וועט שפּעטער שאַפֿן. אָבער ווי שיין און פּרעכטיק די דאָזיקע משכנות זיינען!"

טשערנישעווסקי איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון „סאָוורעמעניק" אין די לעצטע יאָרן פֿון ניקאָליי דעם ערשטנס הערשאַפֿט. דאָס איז געווען איינע פֿון די פֿינצטערסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פֿון צאַרישן רוסלאַנד, און ווען עס איז נאָך ניקאָליַיס טויט אין יאָר 1855 אַרויף אויפֿן טראָן זיין זון אַלעקסאַנדער דער צווייטער, האָט ער אַרויסגערופֿן פֿריילעכע האָפֿענונגען אין די פּראָגרעסיווע רוסישע קרייזן.

טשערנישעווסקי האָט אין „סאָוורעמעניק" באַגריסט דעם נייעם קיסר און האָט דערקלערט, אַז אויף זיין שיקזאַל איז אויסגעפֿאַלן דאָס זעלטענע גליק אָנצוהייבן און דורכצופֿירן די באַפֿרייאונג פֿון זיינע בירגער.

די רוסישע פּויערים זיינען דעמאָלט נאָך געווען שקלאַפֿן פֿון די פּריצים. מען פֿלעגט זיי קויפֿן און פֿאַרקויפֿן ווי בהמות, און ווען אַלעק־סאַנדער דער צווייטער איז אַרויף אויפֿן טראָן, האָט די רעגירונג געלאָזט וויסן וועגן איר ציל צו באַפֿרייען די פּויערים פֿון לייב־אייגנטום אָדער שקלאַפֿעריי. טשערנישעווסקי האָט אין אַ ריי אַרטיקלען אַנטוויקלט אַ באַ־שטימטן פּלאַן ווי אַזוי צו באַפֿרייען די פּויערים: איבערגעבן זיי די ערד, וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט באַאַרבעט און די רעגירונג זאָל פֿאַר דער ערד פֿאַרגיטיקן די פּריצים.

אין דער זעלביקער צייט האָט טשערנישעווסקי זיך פֿאַרטיפֿט אין שטודירן פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אין 1860 איז אַרויס אין פּעטערבורג זיין איבערזעצונג פֿון דזשאָן סטיוּאַרט מילס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" מיט אויספֿירלעכע קאָמענטאַרן פֿון טשערנישעווסקין אַליין. באַלד נאָך דעם איז דערשינען טשערנישעווסקיס אַן אייגן ווערק וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

אינעם „סאָוורעמעניק" האָט טשערנישעווסקי פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען זיינע איבער געשיכטע, פֿילאָסאָפֿיע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלט־פּאָליטיק, איבער דער פּויערים־ און אַרבעטער־פֿראַגע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. די רוסישע לייענערס האָבן פֿון די אַלע אַרטיקלען זיינע זייער פֿיל געלערנט.

איידער טשערנישעווסקי האָט חתונה געהאַט, האָט ער אַ סך געטראַכט וועגן זיינע צוקונפֿטיקע באַציאונגען מיט זיין פֿרוי, וועגן דעם ווי אַזוי ער וועט אַרבעטן, וועגן וואָס זיי וועלן שמועסן. ער האָט געחלומט, אַז ער וועט דורך זיינע שמועסן זי אַנטוויקלען. „איך וועל זיין איר לערער", האָט ער פֿאַרשריבן אין זיין טאָגבוך: איך וועל פֿאַר איר אַנטוויקלען אַלע מיינע געדאַנקען, כ'וועל מיט איר לערנען די ענציקלאָפּעדיע פֿון דער ציווי־ליזאַציע און מיר וועלן ענדלעך לייענען צוזאַמען. זי וועט מיר אַרויס־

העלפֿן אין מיין אַרבעט, זי וועט אפֿשר עפּעס אַליין אָנשרייבן אָדער איבערזעצן".

אָבער אָט די האָפֿענונגען זיינע זיינען נישט מקוים געוואָרן. ער האָט געמאַכט אַ סך פּרוּוון אַריינצוציִען אָלגאַן אין דעם קרייז פֿון זיינע אינטערעסן, אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז זי לאַנגווייליקט זיך און ער האָט זי צו רו געלאָזט.

אָפּגעזונדערט אין זיין אַרבעטס־קאַבינעט, האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט און האָט איבערגעלאָזט די פֿרוי צו לעבן אַזוי ווי זי וויל. זי איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר פֿרייד, האָט ער געטראַכט, דאַרף זי זיך נישט מוטשען, און ער איז געווען גליקלעך, וואָס איר איז פֿריילעך. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס ער איז אין שטאַנד צו שאַפֿן פֿאַר איר די נייטיקע באַדינגונגען פֿאַר אַ פֿריילעכן, צופֿרידענעם לעבן.

ערשט נאָך דער חתונה האָט אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ פֿולשטענדיק פֿריי אָפּגעאָטעמט. אויב פֿריער האָט זי אויף איר וועג באַגעגנט ניט ווייניק שטער־רונגען צו לעבן ווי זי האָט געוואָלט, האָט איצט שוין קיינער איר ניט געשטערט און ווייניקער פֿון אַלע איר מאַן, וועלכער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. ער איז טאַקע אויף אַן אמת געוואָרן איר „געטרייער באַדינער". האָט מען דען געקענט דערוואַרטן, אַז זי זאָל כאָטש ווי עס איז ענדערן זיך, אַז די יונגע שיינע פֿרוי, אַ פֿאַרשיכורטע פֿון איר דערפֿאָלג און אַ שטאַרק צעבאַלעוועטע, זאָל מיט אַ מאָל ווערן אַן ערנסטער מענטש? זיכער ניט. ווען זי וואָלט נאָך ליב געהאַט דעם מאַן, וואָלט ביי איר געקענט אַנטשטיין אַ ווונטש אַרויסצוּווייזן אַן אינטערעס צו זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אָבער קיין ליבע איז ניט געווען און זי האָט קיין ליבע אים ניט צוגעזאָגט. זי איז געווען מיט אים זייער אָפֿנהאַרציק. זי האָט חתונה געהאַט מיט אים דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים באַטראַכט פֿאַר זיך ווי אַ גוטן מאַן, און אין פּעטערבורג, ווו טשערנישעווסקי האָט זי געבראַכט גלייך נאָך דער חתונה, האָט זי באַלד באַקומען אַ סך פֿאַרערערס.

טשערנישעווסקיס אַלע פֿריינט, שריפֿטשטעלער, פּראָפֿעסאָרן, יונג און אַלט האָבן ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיט איר. דער פּאָעט מיכאַאילאָוו האָט איר געווידמעט געדיכטן. דאָבראָליובאָוו איז ניט געווען דער איינציקער וועלכער איז אין איר געווען פֿאַרליבט. פּונקט ווי אין סאַראַטאָוו האָט זי אויך אין פּעטערבורג פֿאַרדרייט די קעפּ פֿיל יונגעלייט און האָט דערנאָך חוזק געמאַכט פֿון די וועלכע האָבן געהאַט די נאַאיווקייט צו נעמען עס ערנסט.

3

דעם 19טן פֿעברואַר 1861 (לויט דעם אַלטן רוסישן קאַלענדאַר) האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער אַרויסגעגעבן אַ „מאַניפֿעסט", אין

וועלכן ער האָט פּראָקלאַמירט צו באַפרייען די פּויערים פון לייב־אייגנטום. די פּויערים האָבן באַקומען ערד, אָבער ניט אַזאַ ערד ווי זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען. די בעסערע ערד איז ווי פריער פאַרבליבן ביי די פּריצים און פאַר דער ערד, וואָס די פּויערים האָבן באַקומען, האָבן זיי ווי פריער באַדאַרפט עטלעכע טעג אין דער וואָך אַרבעטן אומזיסט פאַר די פּריצים. די פּויערים האָט מען אויך ווייטער געקענט באַשטראָפן מיט שמייַץ און, ווי די רוסישע היסטאָריקער גיבן איבער, האָט מען נאָך קיין מאָל די פּויערים אַזוי פיל ניט געשמיסן, ווי אין די ערשטע צוויי־דריי מאָנאַטן נאָך זייער באַפרייאונג. די פּויערים האָבן דעם מאַניפעסט אויסגעטייטשט אויף זייער שטייגער. די פרייהייט, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן, איז ניט קיין אמתע — האָבן זיי געטענהט — דאָס האָבן די פּריצים „איבערגעפירט" דעם קיסרס פרייהייט. עס וועט אָבער קומען די שעה, ווען די פּויערים וועלן באַקומען אמתע פריי־הייט פון די הענט פון דעם קיסר אַליין. אין אַ סך ערטער זיינען פאָרגעקומען ערנסטע בונטן פון פּויערים, וואָס זיינען אויף דעם גרויזאַמסטן אופן אונטערגעדריקט געוואָרן. אין איין יאָר 1861 זיינען פאָרגעקומען איבער 700 פּויערים־אומרוען.

די רוסישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט, און דער עיקר די שטודירנדיקע יוגנט, איז געווען אויף דער זייט פון די פּויערים. אין האַרבסט 1861 האָט די רעגירונג פאַרבאָטן סטודענטישע פאַרזאַמלונגען אין די אוניווערסיטעטן און האָט צוגעמאַכט די סטודענטישע ביבליאָטעקן און זייערע קאַסעס פאַר קעגנזייטיקער הילף. עס זיינען דאַן אויסגעבראָכן סטודענטישע אומרוען, וואָס האָבן אָנגענומען די פאָרעם פון דעמאָנסטראַציעס און באָיקאָטן פון די לעקציעס פון די רעאַקציאָנערע פּראָפעסאָרן. אַ צאָל ליבעראַלע פּראָפעסאָרן האָבן רעזיגנירט. די רעגירונג האָט צוגעמאַכט די אוניווערסיטעטן פון פּעטערבורג, מאָסקווע און פון אַנדערע שטעט און האָט אַרעסטירט אַ סך סטודענטן. 300 פון זיי זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער באַרימטער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. טשערנישעווסקי האָט אין „סאָווריעמעניק" שטאַרק פאַרטיידיקט די סטודענטן. די אויפרעגונג צווישן די אַרבעטערס און דעמאָקראַטישע קרייזן האָט געפונען איר אויסדרוק אין אומלעגאַלע רעוואָ־לוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס. איין פּראָקלאַמאַציע, וואָס טשערנישעווסקי זאָל האָבן פאַרפאַסט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דערקלערונג, אַז דער צאַרישער מאַניפעסט פון 19טן פעברואַר האָט ניט דערפילט די האָפענונגען, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ווייטער זיינען דאָרט אַרויסגעשטעלט געוואָרן דריי גרונט־פאָדערונגען.

ערשטנס, אַ גערעכטע לייזונג פון דער פּויערים־פראַגע; צווייטנס, דאָס איינרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויף אויסצואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פאַרן לאַנד, און, דריטנס, די באַפרייאונג פון פּוילן. אַ גערעכטע לייזונג פון

דער פויערים־פראגע, איז געזאָגט געוואָרן אין דער פּראָקלאַמאַציע, דאַרף באַשטיין אין אומקערן די פויערים די גאַנצע ערד, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט, און באַצאָלן די פּריצים פאַר דער דאָזיקער ערד זאָל די מלוכה.

טשערנישעווסקי האָט אין „סאָווּרעמעניק" באַוויזן מיט ציפערן, אַז די לאַגע פון די פויערים איז נאָך זייער באַפרייאונג געוואָרן ערגער, ווי זי איז פריער געווען. טשערנישעווסקי האָט ניט נאָר פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די פויערים, ער האָט אויך געפּרעדיקט סאָציאַליזם.

נאָך אין יאָר 1858 האָט טשערנישעווסקי אין זיין אַרטיקל אין „סאָוו־רעמעניק", „דער קאַמף פאַר די פויערים אין פראַנקרייך", געשריבן: „די ליבעראַלן מישט מען צונויף, דורכאויס אומגערעכט, מיט די ראַדיקאַלן און מיט די דעמאָקראַטן. ביי די ליבעראַלן און דעמאָקראַטן זיינען די הויפּט־ווּנטשן און די גרונטמאָטיוון גאַנץ פאַרשיידענע. די דעמאָקראַטן האָבן אין זינען, אויף ווי ווייט מעגלעך, צו פאַרניכטן די איבערהאַנט פון די העכערע קלאַסן איבער די נידעריקע: פון איין זייט פאַרקלענערן די מאַכט און דאָס רייכטום פון די העכערע קלאַסן און פון דער אַנדערער זייט געבן מער געוויכט און וווילשטאַנד די נידעריקע קלאַסן. אויף וועלכן וועג צו ענדערן אין דעם זין די געזעלשאַפט און אונטערשטיצן די נייע איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט, איז פאַר זיי כמעט אַלץ איינס. דאַקעגן ווילן די ליבעראַלן בשום אופן ניט צושטימען צו געבן די נידעריקע קלאַסן די איבערהאַנט אין דער געזעלשאַפט".

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1860, האָט טשערנישעווסקי אין זיין אַרטיקל „די יולי מאָנאַרכיע" שאַרף אַטאַקירט די יעניקע, וועלכע האָבן חוזק געמאַכט פון דער לערע פון די סאָציאַליסטישע דענקער סען־סימאָן, פוריע און ראָבערט אָוען. ווער עס האָט חשק, האָט טשערנישעווסקי געשריבן, קען אָפּלאַכן פון סען־סימאָנס נאַאיוויטעט, אָבער אַן ערנסטער מענטש וועט ניט שענקען קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט די ניט ריכטיקע היפּאָטעזעס, דורך וועלכע סען־סימאָן האָט אַנטוויקלט זיין גרונטאידעע. ער וועט קיין סך זיך ניט פאַרנעמען מיט אויפדעקן די פאַנטאַסטישקייט פון די מיטלען, מיט וועלכע סען־סימאָן האָט געדענקט צו פאַרווירקלעכן זיין אי־דעע. די אַלע שוואַכע זייטן זיינען איצט קלאָר פאַר יעדן איינעם... אַן ערנסטער מענטש וועט גיכער ראַטן צו שענקען אויפמערקזאַמקייט דער גרונטאידייע, וואָס ליגט הינטער די ערשטע טעותים זיינע... אָט די אידעע איז איינפאַך און ריין: „פאַר דער באַרויקונג פון דער געזעלשאַפט איז נייטיק די שנעלסטע מעגלעכע פאַרבעסערונג פון דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן לעבן פון דעם פּילצאָליקן און אָרעמסטן קלאַס. די פליכט פון יעדן גוטן בירגער, פון יעדן ערלעכן מענטשן, באַשטייט אין „ווידמען אַלע זיינע כוחות אָט דער זאַך".

ווער עס האָט געהאָלפן די מענטשן צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון אָט דעם

אמת, ווער עס האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות אויף אויסצוגעפינען און דערקלערן און פּראָקלאַמירן אָט דעם אמת, דער געהערט צו די אויפקלערערס און וווילטועריס פון די מענטשן, וועלכע טעותים ער זאָל ניט האָבן געמאַכט צוליב מענטשלעכער שוואַכקייט״. און ווייטער האָט טשערנישעווסקי געשריבן: „די ענטוזיאַסטן פון פּראָגרעס (ווי סען־סימאָן און אַנדערע) האָבן נאָר אַ טעות אין איין זאַך: אין דעם, אַז דער ציל זייערער וועט דערגרייכט ווערן זיי זיינען אָבער גערעכט, וואָס זיי צווייפלען ניט, אַז ער וועט דערגרייכט ווערן. אַזוי איז אויך ניט דערגרייכט געוואָרן סען סימאָנס האָפע־נונג אויף דעם, אַז די באַנייונג פון דער געזעלשאַפט וועט פאָרקומען דורך זיין לערע. אָבער מיר זעען, אַז מיט יעדן טאָג ציט זיך די געזעלשאַפט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבע, פאַר וועלכער ער האָט אָוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן.

„סען סימאָן — שרייבט טשערנישעווסקי — האָט געזען פאַר זיך דאָס זעלביקע בילד, וואָס עס זעט אויך איצט יעדער איינער. ער האָט געזען אַרום זיך דעם פאַרביטערטן קאַמף, דעם קאַמף פון די פּראָדוצירער צווישן זיך פאַר דעם אָפּזאַץ פון זייערע סחורות, דעם קאַמף פון די אַרבעטער צווישן זיך פאַר באַקומען אַרבעט, דעם קאַמף צווישן די פאַבריקאַנטן מיט די אַרבעטער פאַר דער גרויס פון אַרבעטסלוין דעם קאַמף פון דעם אָרעמאַן קעגן דער מאַשין, וואָס נעמט אַוועק ביי אים די פריערדיקע אַרבעט און דעם פריערדיקן שטיקל ברויט. אָט די מלחמה ווערט אָנגערופן קאָנקורענץ מען פאַרזיכערט אונדז, אַז זי ברענגט מער נוצן ווי שאָדן. זייער מעגלעך, אָבער די לײַדן, וואָס זי ברענגט, זיינען אומגעהויער גרויס, ווייל זי ברענגט אום די אַלע שוואַכסטע מענטשן אין יעדן פאַך, אין יעדער אינדוסטריע. דער וואָס האָט מער קאַפּיטאַל ווערט ווייכער און אַלע איבעריקע ווערן רואינירט...

די ערד איז איינגעטונקען אין חובות, די באַלמעלאָכעס, וועלכע זיינען פריער אַליין געווען באַלעבאַטים, ווערן פאַרביטן אויף לוין־אַרבעטער. דער גייסט פון ספּעקולאַציע פירט די געזעלשאַפט צו פאַרצווייפלטער ריזי־קע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט האַנדלס קריזיסן... די וועלטמערק זיינען פאַרוואָרפן מיט סחורות, וואָס געפינען ניט קיין אָפּזאַץ. די פאַבריקן מאַכן זיך צו און די אַרבעטער פאַרבלייבן אָן ברויט. די אַלע אויסגעפינסן פון דער וויסנשאַפט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל פאַר פאַרשקלאַפונג און זי ווערט פאַרשטאַרקט אַלץ מער דורך דעם פּראָגרעס גופא: דער פּראָלעטאַריער ווערט איינפאַך אַ הענטל אין דער מאַשין און ער איז כסדר געצוווּנגען צו לעבן פון נדבות. צו זעכציק יאָר פאַרבלייבט, ער אָן וועלכע עס איז מיטלען צו לעבן, זיין טאָכטער פאַרקויפט איר קערפּער פון הונגער, זיין זון אָטעמט שוין איין פון זיבן יאָר אָן די פאַרפּעסטעטע לופט פון דער

פֿאַבריק. אַט אַזוי איז געווען די מאַטעריעלע לאַגע פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווי סען־סימאָן האָט זי געזען".

טשערנישעווסקי האָט געהאַלטן פֿאַר דורכויס ריכטיק סען־סימאָנס געדאַנקען, אַז דער מענטש איז אין זיינע האַנדלונגען אין גאַנצן אָפּהענגיק פֿון דער סאָציאַלער אַטמאָספֿער, וואָס רינגלט אים אַרום, פֿון די אַרומיקע געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, און דער איינפֿאַכער מענטש מוז צוליב דעם, כדי צו פֿאַרבעסערן זיין אייגענעם לעבן, ענדערן די דאָזיקע באַדינגונגען און באַפֿרייען זיך פֿון עקספּלואַטאַציע.

אין סוף פֿון די פֿופֿציקער יאָרן און אין אָנהייב פֿון די זעכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט האָבן שוין אין אַ סך רוסישע שטעט עקסיסטירט רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך און גרופּעס, וואָס זיינען ניט געווען פֿאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע. אין אייניקע שטעט פֿון מערב־רוסלאַנד האָבן אויך עקסיסטירט קליינע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פֿון אָפֿיצערן. אַלעקסאַנדער הערצען און זיין נאָענטסטער פֿרייַנד און מיטאַרבעטער פּיאָטר אָגאַריאָוו, וועלכע האָבן אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל "קאָלאָקאָל" (דער גלאָק) און ער פֿלעגט פֿון לאָנדאָן געשמוגלט ווערן קיין רוסלאַנד און געלייענט ווערן ניט נאָר פֿון דער ראַדיקאַלער און ליבעראַלער אינטעליגענץ, נאָר אויך פֿון פֿיל פֿון די צאַרישע העכסטע באַאַמטע, — האָבן אין סוף פֿון די פֿופֿציקער יאָרן געפּלאַנעוועט צו שאַפֿן אַ געהיימע רוסישע געזעלשאַפֿט. זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר נייטיק די עקסיסטענץ פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער צענטראַלע אין רוסלאַנד גופֿא. אין פּעטערבורג האָבן עקסיסטירט אַ גאַנצע רייַ רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פֿון אָפֿיצערן. אין שפּיץ פֿון די דאָזיקע קרייזלעך זיינען געווען הויכע אָפֿיצערן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין געהיימער פֿאַרבינדונג מיט טשערנישעווסקין. טשערנישעווסקי איז דעמאָלט געווען איבערצייגט אין דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון אַ פּויערים־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אין דער פֿראַגע איז ער זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען ניט נאָר מיט די דעמאָלסטיקע רוסישע ליבעראַלן, נאָר אויך מיט אַלעקסאַנדער הערצענען. הערצען און טשערנישעווסקי זיינען געווען די באַשאַפֿערס און די וויכטיקסטע פֿאַרשטייער פֿון רוסישן סאָציאַליזם. זיי זיינען דאַן געווען די באַליבטסטע לערערס און פֿירערס פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ. דער רוסישער פּויער איז געווען דער צענטער פֿון זייערע האָפֿענונגען. ביידע האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז אָן דער איבערבויאונג פֿון דער רוסישער פּאָליטישער אָרדענונג און אָן פּאָליטישער פֿרייהייט איז ניט מעגלעך קיין פֿעסטע גרינטלעכע פֿאַרבעסערונג פֿון דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון רוסישן פּויער. אָבער אין די פֿופֿציקער יאָרן האָט הערצען, פּונקט ווי די ליבעראַלן, געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ פֿרידלעכער לייזונג פֿון דער פֿראַגע וועגן אָפּ־

שאַפֿן ליב־אייגנטום און ער האָט אין זיין זשורנאַל גענומען אונטער זיין שוץ די ליבעראַלן.

טשערנישעווסקי און זיין באַליבטסטער פֿריינד און מיטאַרבעטער אין „סאָווּרעמעניק" דאָבראָליובאָוו האָבן ניט אויפֿגעהערט צו אַטאַקירן די ליבעראַלן. הערצען האָט אין אַ באַשולדיקונגס־פֿאָרעם גערעדט וועגן טשערני־שעווסקין און דאָבראָליובאָוון. ניעקראַסאָוו, דער רעדאַקטאָר פֿון „סאָווּרע־מעניק", איז באַשטאַנען אויף דעם אַז טשערנישעווסקי זאָל פֿאָרן קיין לאָנדאָן איבעררײדן מיט הערצענען. טשערנישעווסקי איז טאַקע באַלד אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן.

4

דעם 25סטן יוני, 1859 איז אין לאָנדאָן פֿאָרגעקומען די באַגעגעניש פֿון טשערנישעווסקין מיט הערצענען. מיט יאָרן פֿריער, דיסקוטירנדיק מיט אַ באַקאַנטן הערצענס נאַוועלע „ווער איז שולדיק?", האָט טשערנישעווסקי געזאָגט וועגן הערצענען: „איך רעספּעקטיר אים אַזוי ווי איך רעספּעקטיר קיינעם ניט פֿון די רוסן, און עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך וועלכע איך וואָלט ניט געווען גרייט צו טאָן פֿאַר אים".

נאָך זיין צוריקקער פֿון לאָנדאָן האָט טשערנישעווסקי געזאָגט וועגן הערצענען: „וואָס פֿאַר אַ קלוגער מענטש, אַן אמתער חכם! אָבער ווי צוריק־געשטאַנען איז ער. ער דענקט נאָך אַלץ אַז ער איז אין די מאָסקווער סאַלאָנען און פֿירט דאָרט ויכוחים מיט כאָמיאַקאָוון, דעם גייסטיקן פֿירער פֿון די סלאַוואָפֿילן. אָבער די צייט לויפֿט איצט מיט אַ שרעקלעכער שנעל־קייט. איין מאָנאַט צייט איז מער ווי גאַנצע צען יאָר. ווען דו קוקסט זיך גוט צו צו אים, זעסטו אַז אין אים זיצט נאָך אַלץ דער מאָסקווער פּריץ".

„אַ מערקווירדיק קלוגער מענטש!" האָט הערצען באַמערקט וועגן טשערנישעווסקין. נאָר ביי אַזאַ קלוגן קאָפּ זעט זיך נאָך שטאַרקער אַרויס זיין זעלבסט־מיינונג. ער איז נאָך איבערצייגט, אַז דער „סאָווּרעמעניק" איז דער פּופּיק פֿון רוסלאַנד. אונדז זינדיקע האָט ער שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, אָבער עס שיינט מיר אַז זיי איילן זיך צו שנעל אונדז מקבר צו זיין. מיר וועלן נאָך לעבן".

די פּיזישע באַגעגעניש צווישן טשערנישעווסקין און הערצענען האָט ניט געפֿירט צו קיין דערנענטערונג צווישן זיי, נאָר האָט ענדגילטיק זיי צעשיידט. ביידע האָבן דערפֿילט, אַז זיי זיינען מענטשן פֿון פֿאַרשידענע וועלטן. טשערנישעווסקי, דער זון פֿון אַ גלח האָט אין דעם באַרימטן פּאָליטישן עמיגראַנט — אין הערצענען — דערזען אַן צווייפֿל אַ זייער קלוגן מענטשן, אָבער אַ „צוריקגעשטאַנענעם מאָסקווער פּריץ". הערצען ווידער האָט

כאראקטעריזירט טשערנישעווסקין ווי א „גאליקן" מענטשן, איינער פון דעם סארט מענטשן וואס דערמאנען אים יענע מאנאכן וועלכע אוים ליבע צו דעם נאענטסטן דערגייען זיי צו האס פון אלץ וואס איז מענטשלעך, און זיי פארשילטן אלץ אין דער וועלט צוליב דעם ווונטש עפעס צו בענטשן".

טשערנישעווסקי און הערצען זיינען בײדע געווען אינדיווידואליסטן, אבער פון א גאנץ פארשידענעם טיפ. בײדע האבן געזען איינער אין דעם אנדערן נאר די שוואכסטע זייטן.

די אגענטן פון דער צארישער געהיים־פאליציי האבן טאג און נאכט נאכגעשפיאנירט טשערנישעווסקים הויז און האבן יעדן טאג באריכט וועגן יעדן איינציקן, וואס פלעגט קומען צו אים און ווי לאנג יעדער איינער פון די באזוכער האט פארבראכט ביי אים. אין איינעם פון די באריכטן פון די אגענטן פון דער געהיים־פאליציי איז געזאגט געווארן:

„פריער פלעגן ביי אים (ביי טשערנישעווסקין) זיין א סך מענטשן, צווישן זיי אויך אפיצערן, אבער איצט קומען אריין צו אים יעדן טאג צו יעדער צייט נאר זיינע אינטימסטע פריינט. (דא גייט א צעטל פון אלע וויכ־טיקע מיטארבעטער פון „סאוורעמעניק" וואס א פאר פון זיי זיינען געווען רעוואלוציאנערן. ד. ש.) פאר אלע אנדערע וועלכע ווילן אים זען האט טשערנישעווסקי באשטימט יעדן מיטוואך, פון איינס ביז דריי ביי טאג, און זונטיק קומען צו אים א סך מענטשן ניט אויסשליסנדיק אויך אפיצערן".

אנהויב 1860 האט א רעוואלוציאנערע גרופע וואס איז געשטאנען נאענט צו טשערנישעווסקין אוועקגעשיקט צו הערצענען „א בריוו פון דער פראווינץ" אונטערגעשריבן „א רוסישער מענטש". אין דעם בריוו איז הערצען שארף קריטיקירט געווארן. הערצען האט דעם בריוו אפגעדרוקט אין זיין זשורנאל „קאלאקאל" צוזאמען מיט זיינעם אן ענטפער אין זעלבן נומער „קאלאקאל". אין דעם בריוו פון דער פראווינץ האט דער „רוסישער מענטש" צווישן אנדערעס געשריבן הערצענען: „פון אלץ איז קענטיק, אז וועגן דער איצטיקער רוסלאנד האט איר א פאלשן באגריף. די פריצים־ליבעראלן, די פראפעסארן־ליבעראלן, די ליטעראטן־ליבעראלן פארוויגן אייך מיט זייערע רייד וועגן די פראגרעסיווע שטרעבונגען פון אונדזער רעגירונג. אבער ניט אלע אין רוסלאנד נארן זיך אפ פון געשפענסטער. די זאך איז אזוי — ביים סוף פון ניקאלאיס הערשאפט זיינען אלע מענטשן וועלכע האבן אויפריכטיק און טיף ליב רוסלאנד געקומען צו דער איבערצייגונג אז נאר מיט געוואלד קען מען ארויסרייסן ביי דער צארישער רעגירונג מענטשלעכע רעכט פארן פאלק; אז נאר יענע רעכט זיינען דויערהאפט וועלכע זיינען דערא־בערט געווארן דורך קאמף, און אז דאס וואס ווערט געגעבן פון אויבן ווערט אויך לייכט אוועקגענומען... ווי ריין עס זאלן ניט זיין אייערע מאטיוון, בין איך איבערצייגט, אז עס וועט קומען א צייט ווען איר וועט שטארק חרטה

האָבן אויף אייער גומער באַציאונג צום קיסר. איר וועט זען, אַלעקסאַנדער דער צווייטער וועט אין גיכן אַרויסווייזן ניקאָלאַיס ציין. ניין, אונדזער לאַגע איז שרעקלעך, אומדערטרעגלעך, און נאָר די האַק קען אונדז באַפרייען, און קיין אַנדער זאַך אַ חוץ די האַק וועט ניט העלפן!... איר האָט געטאָן אַלץ וואָס איר האָט געקענט צו העלפן אַ פרידלעכע לייזונג פון דער זאַך. טאָ ענדערט איצט דעם טאָן און זאָל אייער „קאָלאָקאָל" (דער גלאָק) רופן ניט צו אַ גאָטעס־דינסט, נאָר זאָל קלינגען ווי אַ מעכטיקער רוף. רופט רוסלאַנד צו דער האַק! זייט געזונט און געדענקט, אַז שוין הונדערטער יאָרן ווי אַט דער גלויבן אין די גוטע כוונות פון די צאַרן ברענגט אום רוסלאַנד.

הערצען האָט אין זיין ענטפער אויף דעם דאָזיקן בריוו געשריבן:

„איך האָב לאַנג זיך געקווענקלט צו דרוקן דעם בריוו אָדער ניט, און ענדלעך האָב איך זיך אַנטשלאָסן, אָבער איך האַלט פאַר נויטיק צו זאָגן וועגן דעם עטלעכע ווערטער:

„מיר גייען זיך מיט אייך פונאַנדער ניט אין די אידייען נאָר וועגן די מיטלען, ניט אין די צילן, נאָר וועגן דעם טאַקטיק. איר שטעלט מיט זיך פאַר איינע פון די עקסטרעמע אויסדרוקן פון אונדזער ריכטונג. אייער איינ־זייטיקייט איז פאַרשטענדלעך פאַר אונדז, זי איז נאָענט אונדזער האַרץ. ביי אונדז איז די אויפרעקונג פונקט אַזוי יונג ווי ביי אייך, די ליבע צום רוסישן פאָלק פונקט אַזוי לעבעדיק ווי זי איז געווען אין די יונגע יאָרן". אָבער רופן „צו דער האַק" האָט הערצען זיך אָפּגעזאָגט אַזוי לאַנג ווי עס וועט פאַר־בלייבן אַ האָפענונג אויף אַ לייזונג פון די פראַגע „אָן אַ האַק".

פאַרענדיקט האָט הערצען מיט דעם, אַז אין אַזאַ צייט ווי די איצטיקע דאַרף מען ניט אָפּגעבן צופיל פלאַץ פאַר אינערלעכע רייסערייען, נאָר אויס־קלייבנדיק דעם וועג, גיין צוזאַמען, פירן און דורכשלאָגן זיך.

ווער עס איז געווען אָט דער „רוסישער מענטש", דער פאַרפאַסער פון דעם „בריוו פון דער פראָווינץ" איז עד היום ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אויב ניט טשערנישעווסקי אַליין, איז איינער פון זיינע אָנהענגער. זיכער אָבער איז, אַז די פראָקלאַמאַציע „צו די פויערים פון די פריצים", וואָס האָט גע־זאָלט אַרויס אין 1861, האָט געשריבן טשערנישעווסקי אַליין, אָדער האָט זי עמיצן דיקטירט. אין יענער פראָקלאַמאַציע ווייזט ער אָן אויף דער מערב־אייראָפּעאישער אָרדענונג ווי אויף דעם ציל פון קאַמף. אין דער פראָקלאַ־מאַציע ווערט געזאָגט: „אויך אונטער אַ קיסר קען מען לעבן גוט, ווי עס לעבן די ענגלענדער און פראַנצויזן, מען דאַרף נאָר אַז דער קיסר זאָל זיך צוהערן צום פאָלק, און זאָל אָן דעם פאָלק קיין זאַך ניט וואַגן צו טאָן".

טשערנישעווסקי האָט אויך אָן צווייפל געהאַט אַ שייכות צו די פראָקלאַ־מאַציעס „וועליקאָרוס" (גרויס־רוס) וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די יאָרן 1860-1861. די דאָזיקע פראָקלאַמאַציעס האָבן געוואָרנט די גע־

בילדעטע קלאַסן, אַז די רעגירונג פֿירט רוסלאַנד צו אַ נייעם שרעקלעכן פויערים־בונט, וועלכער וועט ברענגען צו דער פֿאַרניכטונג ניט נאָר פֿון די פּריצים, נאָר אויך פֿון דער אינטעליגענץ. דער „וועליקאָרוס" האָט אָנגעוויזן, אַז די וויכטיקסטע באַדינגונגען פֿאַר איינשטעלן אַ געזעצלעכע אָרדענונג אין רוסלאַנד זיינען די לייזונג פֿון דער פויערים־פֿראַגע און אַ קאָנסטיטוציע. אונטער אַ קאָנסטיטוציע ווערט פֿאַרשטאַנען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון די מיניסטאָרן פֿאַר די פֿאָלקס־פֿאַרטרעטער. דער ביודזשעט זאָל באַשטימט ווערן פֿון אַ פּאַרלאַמענט. אַ געריכט פֿון געשוואָרענע פֿרייהייט פֿאַר אַלע רעליגיעס, פֿרייהייט פֿון דער פּרעסע, די אָפּשאַפֿונג פֿון די קלאַסן־פּריווילעגיעס און די איינפֿירונג פֿון זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אין די שטעט און דערפֿער, און אויף צו שאַפֿן די קאָנסטיטוציע, זאָל פֿאַררופֿן ווערן אַ גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.

די געדאַנקען וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין „וועליקאָרוס" זיינען ענלעך אויף דעם וואָס טשערנישעווסקי האָט פֿריער געשריבן אין „סאָוורעמעניק", אַפֿילו די שפּראַך איז ערטערווייז די זעלבע.

אין דער זעלבער צייט איז אין רוסלאַנד אויך פֿאַרשפּרייט געוואָרן אַן אַנדער פּראָקלאַמאַציע, „דאָס יונגע רוסלאַנד". די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע האָט גערופֿן צו אַ בלוטיקער ראַדיקאַלער רעוואָלוציע, וואָס זאָל פֿאַרניכטן ניט נאָר די צאַרן־דינאַסטיע, נאָר די גאַנצע „קייסערלעכע פּאַרטיי"; די פּריצים, די סוחרים, די טשינאָווניקעס, און אַלע אַנדערע אָנהענגער פֿון פּריוואַט־אייגנטום. יענע פּראָקלאַמאַציע האָט געפֿאָדערט די איינפֿירונג פֿון אַ „סאָציאַלער און דעמאָקראַטישער רעפּובליק" אין רוסלאַנד, געבויט אויף פֿעדעראַטיווע יסודות. זי האָט אויך געפֿאָדערט, אַז די גאַנצע ערד זאָל איבערגעגעבן ווערן צו די פּויערים, די באַזייטיקונג פֿון אַלע רעגירונגס באַאַמטע, געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַבריקן, געזעלשאַפֿטלעכע דערציאונג פֿון די קינדער, די באַפֿרייאונג פֿון דער פֿרוי, זעלבסטבאַשטימונג פֿאַר אַלע פֿעלקער, און דער וועג צו דעם איז „אַ צענטראַליזירטע דיקטאַטור פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, אויך די בלוטיקע אויסראָטונג פֿון דער קייסערלעכער פּאַרטיי".

דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע איז געווען פּיאָטר זייטשניעווסקי, וועלכער איז, ווי אַלע שפּעטערדיקע היסטאָריקער האָבן אָנגעוויזן, געווען דער ערשטער רוסישער באָלשעוויק, און עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אַז טשערנישעווסקי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע.

טשערנישעווסקי איז פֿון דער יוגנט אָן געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט, אָבער שוין אין יאָר 1859 האָט ער אין זיין אַרטיקל, „עקאָנאָמישע טעטיקייט און געזעצגעבונג", געשריבן אַז „מיר זיינען נאָך ווייט פֿון סאָציא־

ליזם אפשר ניט מיט אַ טויזנט יאָר, נאָר וואַרשיינלעך מער ווי 50 יאָר". אין דעם פּרט איז טשערנישעווסקי געווען ווייטזיכטיקער און רעאַליסטישער ווי קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען האָט טשערנישעווסקי געשריבן: „אַ דענקער דאַרף זיך ניט באַרויקן אויף אַ וועלכן ניט איז פּאָזיציע אויס־פיר, נאָר ער דאַרף זוכן צי איז אין דעם קעגנשטאַנד וועגן וועלכן ער דענקט ניטאָ קיין כחות און איינגנשאַפטן אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג צו דעם ווי דער קעגנשטאַנד זעט אויס אויפן ערשטן בליק, דער דענקער מוז דעם קעגנשטאַנד באַטראַכטן פון אַלע זייטן, און דער אמת דערשיינט פאַר אים ניט אַנדערש ווי אַ רעזולטאַט פון קאַמף פון פאַרשידענע קעגנזעצלעכע מיינונגען".

טשערנישעווסקי ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די פאָטערס פון דער רוסישער „נאַראָדניטשעסטוואָ" (פאָלקטימלעכער סאָציאַליזם). פּונקט ווי הערצען, האָט אויך ער, געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַן אַריבער־גאַנג פון דער פּויערישער „אָבשטשינאַ" (דאָרפישע קאָמונע) צו סאָציאַליזם.

ער האָט אָבער ניט מורא געהאַט ווי די אַנדערע נאַראָדניקעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין לאַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז שוין אין זיין צייט איז רוסלאַנד געווען אַריינגעצויגן אין דער אַלגעמיין איראָפּעאי־שער עקאָנאָמישער באַוועגונג. ער האָט באַגריסט דעם אינדוסטריעלן פּראָג־רעס, און דערוואַרט ענדערונגען צום גוטן.

„פאַר אינדוסטריע" האָט טשערנישעווסקי געשריבן — „איז נויטיק וויסנשאַפט און גייסטיקע אַנטוויקלונג. פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויק־לונג קומט אויך אַרויס אַ גרויסע זאָרג פאַר געזעצלעכקייט און יושרדיקע געריכטן אין לאַנד. פאַר דער אינדוסטריע איז נויטיק אַן אומגעשטערטע באַוועגונג פון קאַפּיטאַלן און פון די מענטשן".

5

טשערנישעווסקי האָט געפּרעדיקט ניט נאָר פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער פרוי מיטן מאַן, נאָר אויך פולע פרייהייט פאַר דער פרוי אין פאַמיליען־לעבן. אים אַליין איז אַזאַ פרייהייט ניט נויטיק געווען, ניט נאָר לויט זיין כאַראַקטער — ער האָט זיין גאַנץ לעבן ליב געהאַט נאָר איין פרוי — נאָר אויך לויט זיינע באַגריפן. ער האָט געשריבן אין זיין „טאָגבוך", אַז „דער פּרעדיקער פון פרייהייט (אין פאַמיליען־לעבן) דאַרף זיך מיט איר ניט באַ־נוצן, כדי עס זאָל ניט אויסקוקן אַז ער פּרעדיקט עס פאַר זיין אייגענעם נוצן". זיינע איבערצייגונגען האָט טשערנישעווסקי דורכגעפירט אין לעבן. דינענדיק

מיט פֿרייד זיין פֿרוי, האָט ער איר אין קיין זאַך ניט געשטערט. זעענדיק איר אַ גליקלעכע, איז ער אַליין געווען גליקלעך וואָס זי איז גליקלעך, און אין דער זעלבער צייט האָבן ער און זי געלעבט זייערע באַזונדערע לעבנס.

„וואָס איז פֿאַראַן געמיינזאַמעס צווישן אונדז?“ האָט אָלגאַ סאַקראַטאָווּנאַ זיך אַליין געוווּנדערט. „נאָר דאָס וואָס ער האָט מיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן און איך קען ניט פֿילן צו אים אַ שטאַרקע נייגונג. אָבער דאָס וואָס אים אינטערעסירט מאַכט מיר גענעצן. ער איז אַ געלערנטער און איך האָב כּמעט קיין איין ערנסט ווערק ניט געליינט. אַפֿילו ניט דאָס וואָס ער שרייבט. איך האָב עס עטלעכע מאָל פּרובירט טאָן, ווייל איך האָב אים ליב, אָבער איך האָב עס יעדעס מאָל אָוועקגעוואָרפֿן זיינע אַרטיקלען, איינפֿאַך דערפֿאַר ווייל די קעגנשטאַנדן אינטערעסירן מיך ניט. זיין לעבן איז דורכאויס פֿון אַ קאַבינעט מענטשן. וועגן וואָס וואָלט ער מיר אָנגעהויבן צו דערציילן? וועגן קיין אַנדער זאַך אויסער דעם וואָס ער לייענט און שרייבט. דאָס אַלץ איז לאַנגווייליק פֿאַר מיר. איך האָב גראָד אַ סך וואָס צו דערציילן. איך זיץ ניט אַזוי פֿאַרשפּאַרט ווי ער ביי זיך אין צימער. ער הערט מיר אויס און לאַנגווייליקט זיך ניט, אָבער נאָר דערפֿאַר וואָס ער האָט ליב מיר צו הערן. ער הערט, אָדער ער הערט ניט. אין אַ מינוט אַרום פֿאַרגעסט ער וואָס איך האָב אים דערציילט, ווייל וואָס פֿאַר אַן אינטערעס קענען האָבן פֿאַר אים מיינע שפּאַצירן און אַרויספֿאָרן, מיין טואַלעט, דאָס טאַנצן און מיינע פֿלוידערייען מיט די יונגעלייט?“

עס איז צווייפֿלהאַפֿט, צי טשערנישעווסקי האָט ווען אַ סך געטראַכט וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דעם לעבן וואָס אָלגאַ סאַקראַטאָוונאַ האָט געפֿירט. אירע „ראָמאַנען“ האָט ער געהאַלטן, זיינען ניט קיין ערנסטע, ניט קיין טיפֿע. אויב זי וואָלט זיך טאַקע פֿאַרליבט אין וועמען עס איז, האָט זי געוווּסט אַז טשערנישעווסקי וואָלט איר אַליין געהאָלפֿן איינאָרדענען איר גליק און וואָלט איר נאָר געזאָגט: „ווען דיר, מיין פֿריינט, וועט זיך דאַכטן אַז עס איז בעסער צוריקצוקערן זיך צו מיר, טאָ קום. איך וועל דיר גערן אויפֿנעמען“.

ווי אַ מאַן האָט זי אים הויך געשעצט. אַן אַנדער מאַן אַזאַ, האָט זי געוווּסט, וועט זי ניט געפֿינען. דערצו האָט זי אויך פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַן אָנגעזעענער טוער, צו וועמעס רייד עס הערן זיך צו מענטשן ניט קיין געוויינלעכע און צו זיין טשערנישעווסקיס פֿרוי האָט זי באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד פֿאַר זיך.

נאָך דעם ווי זי פֿלעגט אָפֿט פֿאַרברענגען כּמעט אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט, פֿלעגט זי זיך צוריקקערן אַהיים זייער אָפֿט אַרומגערינגלט מיט יונגעלייט. אָפֿטמאָל פֿלעגט זי צווינגען טשערנישעווסקין אַרויסקומען אין זאַל צו אירע געסט, כּדי ער זאָל זיך כאָטש אַ ביסל צוגעווינען ריידן מיט

מענטשן וועגן וואָס עס איז „אויסער די נאַרישקייטן וואָס זיי רופן אָן „געזעלשאַפטלעכע ענינים”, פלעגט זי דערביי זאָגן. אַמאָל פלעגט פּאַסירן, אַז זי אַליין פלעגט אים אָוועקשיקן. „גיי, גיי דו האָסט מיר דערעסן, מיין פריינד, מיט דיין 1848טן יאָר, און איך האָב אויך קיין צייט ניט. מיר שפּילן איצט אין לאָטאָ, און דו האָסט אויך קיין צייט ניט צו דערציילן. עס איז צייט צו גיין, טו זיך איבער און קום ווייזן מיר, צי האָסטו ניט פאַרגעסן אויסצו־בינדן דיין קראַוואַט”.

אין די אָוונטן פלעגט זי אַראַנזשירן וועטשערינקעס ביי זיך אין הויז. אָלגאַ אָקראַטאָוונאַ איז געווען צופרידן פון איר לעבן און טשערנישעווסקי איז געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט מיט זיין אַרבעט. זיין איינפלוס איז גע־שטיגן פון טאָג צו טאָג. אין דער זעלבער צייט איז די געפאַר פאַר אים אויך וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, הגם ער איז אין זיין רעוואָ־לוציאָנערער טעטיקייט געווען זייער פאָרזיכטיק. רעדן וועגן דעם מיט אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ האָט ער ניט געקענט. איין מאָל, ווען ער האָט פּרובירט אַ רעד טאָן מיט איר וועגן דעם און צוגרייטן איר צו די מעגלעכע צוקונפטיקע אומאָנגענעמלעכקייטן וואָס דערוואַרטן איר, האָט ער איר גאָר אומזיסט אויפגערעגט.

„מיין טייער טייבעלע”, האָט ער איר דעמאָלט געזאָגט, „זעץ זיך אַוועק לעבן מיר און ערגער זיך ניט פון דעם וואָס איך וועל דיר זאָגן. דו ווייסט אַז איך בין אַ ביסל אַ שרעקעוודיקער. דעריבער נעם ניט צו ערנסט מיינע רייד. דו ווייסט אַז ביי אונדז אין לאַנד איז שטיל און איך טראַכט וועגן דער צוקונפט נאָר דערפאַר וואָס איך בין אַ פחדן. איך שטעל זיך פאָר אַזוינס וואָס עס קען זיין, אַז דאָס וועט גאָר ניט געשען. דו ווייסט, אַז איך בין זייער פאָרזיכטיק. ווען איך וואָלט ניט געווען קיין פחדן, וואָלט איך ניט געדאַרפט טראַכטן ניט וועגן דיר, ניט וועגן אונדזער קינד. דו ווייסט אַז איך טראַכט ניט וועגן מיינע אויגן, ניט וועגן מיין געזונט. דו באַאומרואיקסט זיך אומזיסט וועגן מיינע אויגן און וועגן מיין געזונט. גלויב מיר, איין זאַך קען דיר שעדיקן: אַן ענדערונג פון די אומשטענדן. די לאַגע פון רוסישן פאָלק איז אַ שלעכטע. מיין רעפּוטאַציע שטייגט כסדר. אין אַ צוויי־דריי יאָר אַרום קען מען מיר האַלטן פאַר אַ מענטשן מיט אַן איינפלוס. אַזוי לאַנג ווי עס איז שטיל, מאַכט עס ניט אויס, אָבער איך זאָג דיר און דו אַליין ווייסט, אַז די לאַגע פון רוסישן פאָלק איז אַ ביטערע. פאַר אונדזער חתונה האָב איך דיר דאָס געזאָגט, און האָב אַליין געטראַכט אַז איך רייד נאַרישקייטן, אָבער וואָס ווייטער איז אַלץ קענטיקער, אַז איך האָב דיר דעמאָלט געדאַרפט וואָרענען. איך דערוואַרט פאַרלויפיק ניט קיינע אומאָנגענעמלעכקייטן פאַר מיר. אָבער איך קען ניט זען, אַז שפּעטער אַ ביסל...

— „איז אַט וועגן וואָס דו רעדסט? — האָט אָלגאַ סאָקראַטאָווגאַ אויסגע־שריען, און זי איז בלייך געוואָרן. „זאָלסט ניט וואַגן ווייטער צו ריידן. שווייג! איך האָב שוין איין מאָל דאָס געהערט. גענוג!, וואָג מער ניט!" — און זי איז אַנטלאָפן. ער איז איר נאָכגעלאָפן. זי האָט צוגעדריקט איר קליין קינד צו איר ברוסט און געוויינט איבער אים הויך אויפן קול: „מיר ביידע וועלן בלייבן יתומים"....

טשערנישעווסקי האָט אָנגעהויבן פאַרענטפערן זיך, אַז ער האָט איבער־טריבן, אַז זי דאַרף ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט זיינע רייד, אַז זי ווייס אַז ער איז אַ פּחדן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: זי געדענקט, אָבער זי וויל ניט געדענקען. צוליב וואָס געדענקען? ער דענקט אַזוי, ווייל ער פאַנטאַזירט שטענדיק. דאָס איז אַ נעכטיקער טאָג, עס וועט קיין זאַך ניט פּאַסירן, און זי האָט רואיק גענומען זיך שפּילן מיטן קינד. אין אָוונט איז זי שוין צוריק געווען פריילעך. זי פלעגט שטענדיק פאַרטרייבן פון זיך די אומעטיקע גע־דאַנקען און בכלל אַלץ וואָס איז ניט אָנגענעם.

אַט די גאַנצע סצענע האָט טשערנישעווסקי אַליין שפּעטער באַשריבן אין זיין ראָמאַן, „פּראָלאָג", און זי האָט באַשטעטיקט אַז אַלץ איז דאָרט איבערגעגעבן געוואָרן ריכטיק.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר. אין מיטן יוני 1862 האָט גענעראַל פּאָטאַפּאָוו, דער הויפּט פון דער „דריטער אָפּטיילונג", די דעמאָלסטיקע צאַרישע „אכראַנא" (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) איינגעלאַדן טשערנישעווס־קין צו קומען אין דער „דריטער אָפּטיילונג". מיט אַ קורצער צייט פריער האָט דער אינערן מיניסטער פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן טשערנישעווסקין אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט. אָנהויב יוני האָט די רעגירונג צייטווייליק צוגע־מאַכט די זונטיק־שולן פאַר דערוואַקסענע אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אַרעסטירט אַ סך מענטשן.

דעם 7טן יולי, 1862 האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער אַרויס־געגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן טשערנישעווסקין צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע שרייבער, וועלכע זיינען געווען פאַרמישט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און מען האָט די אַלע אַרעסטירטע אַריינגעזעצט אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג. אין יולי 1862 האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער געשריבן פון ריגע צו זיין ברודער, קאָנסטאַנטין: „פון פּעטער־בורג האָב איך גאָרניט באַקומען, אָבער דעם טאָג פון מיין אָפּפאָר האָבן געזאָלט פאַרקומען נאָך נייע אַרעסטן, פון סערנאָ־סאָלאָוויאָוויטשן און טשערנישעווסקין. די געפונענע פּאַפּירן ווייזן קלאָר זייערע פאַרבינדונגען מיט הערצענען און אַ גאַנצן פּלאַן פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין גאַנץ רוסלאַנד".

אין א פּאָר מאָנאַטן אַרום איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, „זעמליא אי וואָליא" (ערד און פרייהייט) וואָס טשערנישעווסקיס פריינט האָבן נאָך פריער געגרינדעט. דער באַוווּסטער מעסיקער ליבעראַל, קאַוועלין וועלכער איז געווען טשער־נישעווסקיס אַ קעגנער, האָט דעם 6טן אויגוסט געשריבן צו הערצענען:

„די נייעס פון רוסלאַנד זיינען פון מיין שטאַנדפּונקט ניט אַזוי שלעכט. די אַרעסטן וווּנדערן מיך ניט, און איך בין זיך דיר מודה, אַז זיי רעגן מיך ניט אויף. עס איז אַ מלחמה, ווער וועמען וועט בייקומען. די רעוואָלוציאָ־נערע פּאַרטיי האַלט אַלע מיטלען פאַר גוט אויף אַרונטערצוּוואַרפן די רעגירונג, און די רעגירונג פאַרטיידיקט זיך מיט אירע מיטלען. טשערני־שעווסקין האָב איך זייער, זייער ליב, אָבער נאָך אַזאַ טאַקטלאָזן און אין זיך איינגעליבטן מענטשן ווי ער, האָב איך ניט געזען. און וואָלט כאָטש געווען פאַר וואָס אומצוקומען! אַז די שריפות אין פּעטערבורג זיינען אין פאַרבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס, איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפל".

טשערנישעווסקי איז אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג אָפּגעזעסן באַלד צוויי יאָר צייט. מען האָט אים דאָרט געהאַלטן אין אַן איינצלנער קאַמער, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע געפאַנגענע. אָבער מען האָט אים דערלויבט דאָרט צו שרייבן און מען האָט דערלויבט דער פרוי זיינער און אויך איניקע פון זיינע נאָענטסטע פריינט צו זען זיך מיט אים. דאָרט אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג האָט טשערנישעווסקי אָנגעשריבן זיין באַוווּסטן אוטאָפּיסטיש־סאָציאַליסטישן ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?" (וואָס דאַרף מען טאָן?) אַ ווערק וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף דער רוסישער יוגנט. דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין „סאָווּרעמעניק" אונטער נעקראַסאָווס רעדאַקציע און איז דערנאָך איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן.

די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אונטער דעם פאָרזיץ פון פירשט גאָליצין אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין־טשערנישעווסקי. אין זיין באַריכט האָט גאָליצין דערנאָך געשריבן, אַז טשערנישעווסקי האָט אין געהיים געגרייט אַ גענוואַלדזאַמע רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין לאַנד און אַז ער האָט עס אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך געפּרעדיקט אין זיינע אַרטיקלען אין „סאָווּרעמעניק". „טשערנישעווסקיס ליטעראַרישע טעטיקייט", האָט גאָליצין געשריבן, „האָט געבראַכט ביטערע פרוכט. זיין שעדלעכע לערע וואָס ער האָט געפּרעדיקט, איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער אומדערפאַרענער יוגנט, וואָס האָט געוואָלט עס פאַרווירקלעכן אין לעבן דורך אַ געפערלעכער פּראָפּאַגאַנדע, און זי האָט פאַר דעם צוועק זיך באַנוצט מיט דעם געדרוקטן וואָרט. אין די אונטערגעוואָרפענע פּראָקלאַ־

מאָציעס ווערן אַרויסגעזאָגט די זעלבע לערע וועלכע טשערנישעווסקי האָט אַנטוויקלט, מיט דעם אונטערשייד נאָר וואָס אין די פּראָקלאַמאַציעס זיינען זיי ניט צוגעדעקט געוואָרן מיט געלערנטער דיאַלעקטיק, נאָר זיינען איבער־געגעבן אין אַן איינפאַכער פאָרם. מיט איין וואָרט, די פּראָקלאַמאַציעס זיי־נען אַן אויספיר פון טשערנישעווסקיס אַרטיקלען, און די אַרטיקלען זיינען אַן אויספירלעכער קאָמענטאַר צו די פּראָקלאַמאַציעס".

6

טערנישעווסקיס ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?" האָט געהאַט אַן אומגע־הייערן איינפלוס ניט נאָר אויף דער יוגנט פון די זעכציקער יאָרן, נאָר אויך אויף די שפּעטערדיקע דורות. אַלעקסאַנדער הערצען האָט אין אַ בריוו צו זיין זון, געשריבן וועגן ראָמאַן „כאָטש פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפּונקט ווי ער באַמערקט, איז עס אַ שוואַך ווערק". אין יאָר 1867 האָט הערצענס אינטימס־טער פריינט, פּיאָטר אָגאַריאָוו, צוגעשיקט הערצענען אַ קאָפּיע פון „טשטאָ דיעלאַט?", וואָס איז דעמאָלט נאָר וואָס אַרויס אין זשענעווע. איבערלייע־נענדיק נאָך אַ מאָל דעם ראָמאַן, האָט הערצען געשריבן: „געדאַנקען זיינען דאָרט פאַראַנען זייער שיינע", אָבער פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט איז הערצענען דעם ראָמאַן ניט געפעלן. אין אַ טאָג אַרום האָט הערצען ווידער געשריבן צו אָגאַריאָוון: „טשערנישעווסקיס ראָמאַן, לייען, דאָרט איז פאַראַן אַ סך גוטס". און מיט דריי טעג שפּעטער שרייבט הערצען ווידער: „דאָס איז אַ מערקווירדיק בוך!"

געאָרג פּלעכאַנאָוו, דער פאָטער פון רוסישן מאַרקסיזם, האָט אין אָנהייב פון די נײַנציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט געשריבן וועגן „טשטאָ דיעלאַט?": „ווער האָט ניט געלייענט און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט אָט דאָס באַרימטע ווערק? ווער איז אונטער זיין איינפלוס ניט געוואָרן מוטיקער און געוואַגטער? מיר אַלע האָבן פון אים געשעפּט אי מאָראַלישן כח, אי דעם גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט".

פּיאָטר קראָפּאָטקין, דער פאָטער פון פילאָזאָפישן אַנאַרכיזם, האָט מיט אַ צען יאָר שפּעטער אין זיין ווערק „אידעאַלן און ווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור", געשריבן:

„פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפּונקט האַלט דער ראָמאַן ניט אויס קיין קריטיק. אָבער פאַר דער רוסישער יוגנט פון יענער צייט איז עס געווען אַ מין אַנטדעקונג און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָגראַם. די פראַגע פון חתונה און פון צושיידונג פון מאַן און ווייב — אין פאַל דאָס איז נויטיק — האָט דעמאָלט שטאַרק אינטערעסירט דער רוסישער געזעלשאַפט. פאַרשווייגן אַזעלכע פראַגן איז דעמאָלט געווען אוממעגלעך. און טשערני־

שעווסקי באהאנדלט זיי אין זיין ראָמאַן, שילדערנדיק די באציאונגען פון זיין העלדין, ווערא פּאַוולאָוונאַ, צו איר מאַן, לאָפּוכאָוו, און צו דעם יונגן דאָקטאָר אין וועמען זי האָט זיך פאַרליבט, ווען זי האָט שוין חתונה געהאט צו אַן אַנדערן, און דערביי האָט טשערנישעווסקי געגעבן די איינציקע מעג־לעכע לייזונג וואָס די ערלעכקייט און דער שכל הישר האָבן אין אַזאַ פאַל דיקטירט. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם, וואָס איז אָבער געווען פאַרשטענדלעך פאַר די לייענער, געפּרעדיקט די אידייען פון דעם סאָציאַליסט, שאַרל פוריע, שילדערנדיק אויף אַ צו־ציענדן אופן די קאָמוניסטישע אַסאָסיאַציעס פון די פּראָדוצירער. קיין איינ־ציקער ראָמאַן פון טורגעניעוו, קיין איינציק ווערק פון לעוו טאָלסטאָי אָדער פון וועלכן ניט איז אַנדער שריפטשטעלער האָט ניט געהאט אַזאַ ברייטן און טיפן איינפלוס אויף דער רוסישער יוגנט ווי אָט דער ראָמאַן פון טשערני־שעווסקי. ער איז געוואָרן אַ פאָן פאַר דער יוגנט און זיינע אידייען האָבן ניט פאַרלאָרן זייער באַדייטונג ביז היינט־צו־טאָג".

דער באַרימטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר, מיכאַיל באַלאַקירעוו, האָט אין יאָר 1863 אין אַ בריוו צום קונסט־קריטיקער, וו. סטאַסאָוו, געשריבן וועגן דעם איינפלוס פון טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט?" ס'זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג אַ צאָל "קאָמונעס". דער דעמאָלט יונגער געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר אָדעסט מוסאָרגסקי, איז אַריינגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין איינער אַזאַ קאָמונע, אין וועלכער עס פלעגן שטודירט און געלייזט ווערן פאַרשיידענע מאָראַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. די דאָזיקע „קאָמונע" האָט עקזיסטירט צוויי און אַ האַלב יאָר. דער קונסט־קריטיקער סטאַסאָוו שרייבט אין זיין בוך וועגן מוסאָרגסקין, אַז „דער אויסטויש פון מיינונגען, פון קענטעניש, פון איינדרוקן פון די איבערגעלייענטע ווערק האָבן אָנגע־זאַמלט פאַר מוסאָרגסקין דעם מאַטעריאַל, מיט וועלכן ער האָט דערנאָך גע־לעבט אַלע זיינע יאָרן".

לעוו טאָלסטאָי האָט אין אַ בריוו צו אַ פריינד, דאַטירט דעם 26סטן סעפּטעמבער, 1903 געשריבן וועגן טשערנישעווסקיס ראָמאַן, „טשטאָ דיעלאַט?":

„דאָס דאָזיקע בוך איז אַן אויסדרוק פון קראַפט און נשמה־דערהויבונג, אַ געוואַגטער עקספּערימענט אין וועלכן עס האָבן זיך האַרמאָניש פאַראיי־ניקט געפיל און אמתע קונסט. איך קען אייך ניט איבערגעבן די אַנטציקונג וואָס דאָס דאָזיקע ווערק רופט אין מיר אַרויס" און מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט דער באַרימטער רוסישער פילאָזאָף, ניקאָלאַי בערדיייעוו, אַ געוועזענער מאַרקסיסט און שפּעטער אַ רעליגיעזער סאָציאַ־ליסט, געשריבן:

„פֿון אַ ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז טשערנישעווסקיס ראָמאַן גאַנץ שוואַך און געשמאַקלאָז, אָבער ער איז זייער אינטערעסאַנט פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ. די מאָראַלישע אָנפֿאַלן אויף אים מצד פֿאַרשטייער פֿון רעכטן לאַגער זיינען מוראַדיק אומגערעכט און פֿאַלש. „טשטאָ דיעלאַט?״ איז אַן אַסקעטיש בוך. דער העלד פֿון דעם ראָמאַן, ראַכמעטיעוו שלאָפֿט אויף טשוועקעס, כדי צו פֿאַרהאַרטעווען זיין כאַראַקטער, און צוגעווינען זיך אַריבערצוטראָגן ליידן און מאַטערנישן. די פּרעדיקונג פֿון פֿרייער ליבע האָט ניט געמיינט אַ פּרעדיקונג פֿון צולאָזנ־קייט, וואָס איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט גראַד ביי די קאָנסערוואַטיווע הערשנדע קלאַסן, אָבער ניט ביי די ניהיליסטן — די מענטשן פֿון אידעען. אָט די פּרעדיקונג האָט געמיינט אַ פֿאָדערונג פֿון אויפֿריכטיקייט אין די גע־פֿילן, אַ באַפֿרייאונג פֿון ליגן און אונטערדריקונג. טשערנישעווסקיס מאָראַל איז געווען פֿון אַ זייער הויכן סאָרט. ווערא פּאַוולאָוונאַס חלום אין דעם ראָמאַן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע, אין וועלכער עס ווערן איינגעאָרדנט קאָאָפּעראַטיווע ווערקשטאַטן. טשערנישעווסקי טרעט אַרויס קעגן יעדער סאָציאַלער גוואַלדטאַט איבער די מענטשלעכע געפֿילן. אַלץ ווערט ביי אים דיקטירט פֿון זיין ליבע צו פֿרייהייט, פֿון זיין אַכטונג צו פֿרייהייט, און פֿון אויפֿריכטיקן געפֿיל. טשערנישעווסקי האָט געהאַט אַ מיזעראַבעלע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס האָט אָנגעפֿילט נאָר דער אויבערפֿלאַך פֿון זיין באַוווסטזיין, אָבער די טיפֿקייט פֿון זיין מאָראַלישער נאַטור האָט אים דיקטירט ריכטיקע און ריינע אָפּשאַצונגען פֿון לעבן. אין אים איז געווען אַ גרויסע מענטשלעכקייט. ער האָט געקעמפֿט פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון דעם מענטשן, ער האָט געקעמפֿט פֿאַר דעם מענטשן קעגן דער הערשאַפֿט פֿון דער געזעלשאַפֿט איבער די מענטשלעכע געפֿילן״.

טשערנישעווסקי איז אַם מערסטן זעלבסטשטענדיק ווי אַן עקאָנאָמיסט. ער איז ניט געווען קיין קעגנער פֿון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג ווי אַ סך אַנדערע רוסישע נאַראָדניקעס. פּונקט ווי הערצען, און שפּעטער אויך ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי האָט טשערנישעווסקי געהאַלטן, אַז די אינטערעסן פֿון פֿאָלק פֿאַלן צונויף מיט די אינטערעסן פֿון דער מענטשלעכער פּערזענ־לעכקייט. פֿון אַלע די וועלכע האָבן אין די זעכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָר־הונדערט געשריבן אין דער לעגאַלער רוסישער ליטעראַטור, איז טשערני־שעווסקי געווען דער גרעסטער, קלאָר אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט, און דערפֿאַר האָט ער געהאַט אַזאַ גרויסן איינפֿלוס אויף דער רוסישער אינטע־ליגענץ, וועלכער איז לויט איר מאָראַלישן באַוווסטזיין אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט געווען כמעט דורכאויס סאָציאַליסטיש.

איידער טשערנישעווסקי איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט די זשאַנדאַרמע־ריע געמאַכט אין זיין הויז אַ גרינדלעכע רעוויזיע, אָבער די זשאַנדאַרן האָבן

דאָרט גאָרניט געפֿונען וואָס האָט געקענט דינען ווי אַ באַוויז פֿון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דערפֿאַר האָט טשערנישעווסקיס אויספֿאָר־שונג זיך געמוזט ציען אַזוי לאַנג, ביז מען האָט געפֿונען אַ געוועזענעם אָפֿטן אַריינגייער צו טשערנישעווסקין, וועלכער האָט באַשטעטיקט אַז טשערנישעווסקי איז געווען דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער פּראָקלאַמאַציע „צו די פּריצישע פּויערים". און דערביי האָט ער נאָך געפֿעלשט טשערנישעווס־קיס אונטערשריפֿט. ערשט דעמאָלט האָט מען טשערנישעווסקין געמשפּט און פֿאַראורטיילט צו זיבן יאָר קאַטאָרגע און אייביקער סיביר.

דעם 9טן מאַי, 1864 איז אין איינער פֿון די פּעטערבורגער צייטונגען געווען געמעלדעט, אַז דעם טאָג וועט אויף דעם מיטנינער פּלאַץ אין פּעטער־בורג פֿאָרקומען די דורכפֿירונג פֿון דעם אורטייל איבער טשערנישעווסקי. (דאָס האָבן מיר באַשריבן אין דעם ערשטן קאַפּיטל.)

דעם 20סטן מאַי, 1864 האָט מען טשערנישעווסקין, אַ געשמידטן אין קייטן ארויסגעפֿירט פֿון פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג און אוועקגעפֿירט קיין סיביר אויף קאַטאָרגע.

אין זיין לאָנדאָנער זשורנאַל „קאָלאָקאָל" האָט הערצען דעמאָלט גע־שריבן: „טשערנישעווסקי איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צו זיבן יאָר קאַטאָרגע און דערנאָך צו אייביקער פֿאַרשיקונג קיין סיביר. אַ קללה אויף דער רעגי־רונג, אויף דער געזעלשאַפֿט, אויף דער נידערטרעכטיקער פֿאַרקויפֿטער זשורנאַליסטיק, וואָס האָט ארויסגערופֿן אָט די שטראָף. טשערנישעווסקין האָט איר אַרויסגעשטעלט צום שאַנד־סלופּ פֿאַר אַ פֿערטל שעה, אָבער איר, אויף וויפֿל יאָרן וועט איר פֿאַרבלייבן צוגעשמידט צו אים? אַ קללה אויף אייך, אַ קללה, און אויב מעגלעך נקמה"!

דעם 5טן יוני, 1864 האָט מען טשערנישעווסקין געבראַכט אין דער טאָבאָלסקער טורמע. זיין אָנקומען אַהין איז געהאַלטן געוואָרן בסוד. קיי־נער האָט וועגן דעם ניט געטאָרט וויסן. פֿון טאָבאָלסק האָט מען אים באַלד אוועקגעפֿירט קיין אירקוטסק. פֿון אירקוטסק האָט מען אים, אַ געשמידטן אין קייטן, אוועקגעפֿירט קיין נערטשינסק. ווען דער נאַטשאַלניק פֿון דער תּפֿיסה האָט פֿאָרגעשלאָגן טשערנישעווסקין צו באַפֿרייען אים פֿון די קייטן, האָט ער געענטפֿערט אַז דאָס איז ניט נויטיק.

אין דעצעמבער, 1865, ווען דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען אויף יאַגד אין נאָוואָגראָדער גובערניע, האָט ער צוגערופֿן צו זיך דעם פּאָעט, ראָמאַניסט און דראַמאַטורג, אַלעקסעי טאָלסטאָי, און געפֿרעגט ביי אים: „וואָס הערט זיך עפּעס אין דער ליטעראַטור". טאָלסטאָי, וועלכער איז געווען דעם קיסרס אַ פֿריינד נאָך פֿון דער יוגנט, האָט אים געענטפֿערט: „די רוסישע ליטעראַטור איז אין טרויער זינט דער אומגערעכטער פֿאַראורטיילונג פֿון טשערנישעווסקין".

דער קיסר האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן זיין פּראַזע, און האָט מיט אַ ניט געוויינלעכן, שטרענגן קול געזאָגט: „איך בעט דיר, טאַלסטאָי, אַז דו זאָלסט מיר קיין מאָל ניט דערמאָנען וועגן טשערנישעווסקין". און אָפּקערנ־דיק זיך פון אים, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער געשפּרעך איז געענדיקט.

אין מיטן אויגוסט, 1864 האָט מען טשערנישעווסקין אַריבערגעפירט קיין קאַדימאַ, וווּ עס האָבן זיך געפונען די מינען, אין וועלכע טשערנישעווסקי און אַנדערע פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס האָבן געאַרבעט. דעם 28סטן אויגוסט איז אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ, טשערנישעווסקיס פרוי, געקומען מיט איר עלטערן יינגל זיך זען דאָרט מיט אים. עס האָט גענומען מער ווי אַ יאָר צייט ביז זי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פאַר דעם. דער זון האָט מיט פיל יאָרן שפּעטער דערציילט: „דער טאַטע האָט נאַטירלעך זיך דערפרייט פון דער באַגעגעניש מיט דער הייסגעליבטער מאַמען, אָבער פאַרן טאַטן איז געווען אומדערטרעגלעך די שטענדיקע אָנוועזנהייט פון די זשאַנדאַרן". און טשערנישעווסקי אַליין האָט דעמאָלט דערציילט זיינעם אַ פריינט, אַן אַנדער פּאָליטישן אַרעסטירטן: „פאַר מיר איז געווען זייער שווער אי צו באַגעגענען, אי צו באַגלייטן זיי, אַזוי אַז איך האָב אַפילו געבעטן אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ: „באַגמרואיק זיך מער ניט אַזוי שווער, דו האָסט קינדער, דער וועג אַהער איז אַ געפערלעכער, ווער ווייס וואָס עס קען אַמאָל פּאַסירן? איך האָב איר איינגערעדט, אַז זי זאָל מער אַהער ניט קומען".

שפּעטער האָט טשערנישעווסקי געשריבן צו זיין נאָענטן פריינד און קרוב וועגן אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַס באַזוך: „ביי אונדזער באַגעגעניש הינטער דעם טייך באַיקאַל האָב איך אַריינגעטענהט מיט איר, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט עמיצן פון די נאָבעלע מענטשן, אָבער איך האָב איר ניט געקענט איבערצייגן".

אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ האָט שפּעטער דערציילט, אַז ווען ניט דער פּאָעט נעקראַסאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „סאָווריעמעניק", וועלכער האָט איר די גאַנצע צייט אַרויסגעהאָלפן מאַטעריעל, וואָלט זי ניט געהאַט פון וואַנען צו לעבן.

באַלד נאָך אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַס אַוועקפאָר פון קאַדיאַ, האָט מען טשערנישעווסקין אַריבערגעפירט אין דעם קאַטאָרזשנער טורמע פון אַלעקסאַנדראָווסק. דאָרטן האָבן די קאַטאָרזשניקעס זיך פאַרנומען מיט סטאָלעריי, און טשערנישעווסקי האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער אַרבעט. טשערנישעווסקי פלעגט געוויינלעך אויפשטיין צוועלף־איינס אַזייגער ביי טאָג, פלעגט טרינקען טיי, דערנאָך עסן מיטאָג, דערנאָך ווידער געטרונקען טיי, דערנאָך די גאַנצע צייט געלייענט. אַ מאָל פלעגט ער פאַרן מיטאָג עסן, נעמען אַ שפּאַציר איבערן הויף פון דער טורמע, דערנאָך פלעגט ער זיך

אוועקזעצן שרייבן אָדער ער פֿלעגט אַריינקומען צו די חברים אין קאַמער און שרייבן ביז פֿאַרטאָג, ווען ער פֿלעגט זיך לייגן שלאָפֿן. פֿון די אַלע ווערק וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף קאַטאָרגע און אַפֿילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן „אויף־דער־פֿריי", אין סיביר, איז כמעט קיין זאַך ניט פֿאַרבליבן. ער אַליין פֿלעגט צוררייסן זיינע מאַנוסקריפּטן.

א פּאָר מאָל האָבן רעוואָלוציאָנערן געמאַכט פּאַרזוכן צו באַפֿרייען טשערנישעווסקין פֿון סיביר, אָבער די פּאַרזוכן האָבן זיך ניט איינגעגעבן, און טשערנישעווסקיס לאַגע איז צוליב דעם, פֿאַרערגערט געוואָרן. מען האָט אים פֿאַרשיקט אין דער איינזאַמער, ווייטער שטעטל ווילויסק, יאַקוטסקער גובערניע, צו וועלכער קיין רעוואָלוציאָנער האָט שוין ניט געקענט צוקומען. דאָרט איז טשערנישעווסקי טאָג און נאַכט באַוואַכט געוואָרן פֿון זשאַנדאַרן. קיין ווילויסק איז טשערנישעווסקי אָנגעקומען דעם 11טן יאַנואַר, 1872. וואַלויסק האָט, לויט דעם פּלאַן פֿון דער רעגירונג, געזאָלט טשערנישעווסקין באַגראָבן לעבעדיקערהייט, אָפּצאַמען אים אויף אייביק פֿון לעבן, אָפּטויטן זיין ווילן און אויסלעשן זיין שכל. די פֿרוי פֿון איינעם פֿון די זשאַנדאַרן וועלכע האָבן אים טאָג און נאַכט געהיט און וועלכע האָט געוווינט אין דער טורמע, וווּ טשערנישעווסקי איז געווען פֿאַרשפּאַרט, האָט שפּעטער דערציילט: „אין איין נאַכט פֿלעגן פֿאָרקומען אַזוי פֿיל ענדערונגען אין אים. אָט זינגט ער, אָט לאַכט ער הויך, אָט רעדט ער מיט זיך אַליין, און אָט צעוויינט ער זיך, וויינט מיט ביטערע טרערן אַזוי הויך אויפֿן קול. באַזונדערס פֿלעגט ער וויינען, ווען ער פֿלעגט באַקומען בריוו פֿון דער פֿאַמיליע. מען האָט געדערט אַז זיין ווייב האָט ער שטאַרק ליב. ער אַליין פֿלעגט דערציילן וועגן זיינע קינדער, אַז זיי זיינען שוין גרויסע, אַז איינער האָט שוין געענדיקט אַ הויכשול. נאָך אַזוינע נעכט פֿלעגט ער זיך אַזוי אויפֿרעגן אַז ער פֿלעגט דערנאָך ניט אַרויס פֿון זיין צימער. אַן אומעטיקער פֿלעגט ער מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אויסריידן, ער פֿלעגט זיך פֿאַרשפּאַרן און זיצן איינער אַליין אין צימער, ניט אַרויסגייענדיק פֿון דאָרט.

אין זומער 1874 איז קיין ווילויסק געקומען דער אַדיוטאַנט פֿון דעם סיבירער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט אַ ספּעציעלער מיסיע צו טשערני־שעווסקי. ער האָט אים געבראַכט אַ פֿאַרטיקע „פּראָשעניע" (אַ ביטע) צום קיסר, אַז ער זאָל אים מוחל זיין זיינע זינד און באַפֿרייען. דער אַדיוטאַנט האָט געגעבן טשערנישעווסקין אונטערצושרייבן די „פּראָשעניע", אָבער טשערנישעווסקי האָט זיך אַנטשיידן אַנטזאָגט: „אויף ווי ווייט איך ווייס, האָט ער געזאָגט, בין איך פֿאַרשיקט געוואָרן דערפֿאַר, וואָס מיין קאָפּ און דער קאָפּ פֿון דעם הויפּט פֿון די זשאַנדאַרן, שוּוואַלאָוו, זיינען אַנדערש געבויט, און וועגן דעם קען איך דען בעטן באַגנעדיקונג?"

דער אדיוטאַנט האָט אים געבעטן אונטערצושרייבן זיך, אַז ער האָט איבערגעלייענט די פּאַפּיר. האָט טשערנישעווסקי אויפגעשריבן אויף איר: „געלייענט, פֿון אָנגעבן אַ „פּראָשעניע" זאָג איך זיך אָפּ. ניקאָלאַי טשערנישעווסקי".

ער איז פֿאַרבליבן אין סיביר נאָך ניין יאָר.

7

דעם 10טן יולי, 1871 האָט זיך פֿאַרענדיקט דער טערמין קאַטאָרגע אויף װעלכן טשערנישעווסקי איז פֿאַראורטיילט געװאָרן, אָבער באַפֿרייען אים האָט מען זיך ניט געאײלט. אין אַ בריוו צו אָלגאַ סאָקראַטאָװנאַ האָט טשערני־שעווסקי, דענקענדיק אַז ער איז שוין אָפּגעקומען די שטראָף, דעם זעלבן יאָר געשריבן: „וואָס איז שייך מיר קען איך זיך אַליין ניט פֿאַנאַנדערקלײבן צי װאָלט איך צוגעשטימט אָפּמעקן פֿון מײַן שיקזאַל אָט די איבערקערעניש וואָס האָט דיך אַרײַנגעוואָרפֿן אויף גאַנצע ניין יאָר אין נויט און האַרצ־ווייטיק. פֿאַר דיר באַדויער איך וואָס עס איז אַזוי געשען, אָבער פֿאַר זיך אַליין בין איך דורכאויס צופֿרידן און, טראַכטנדיק וועגן די אַנדערע, וועגן אָט די צענדליקער מיליאָנען אָרעמעלײַט, פֿריי איך זיך מיט דעם וואָס אָן מײַן ווילן און פֿאַרדינסט איז צוגעגעבן געוואָרן מער קראַפֿט ווי פֿריער און מער אויטאָריטעט מײַן שטימע וואָס וועט דאָך ווען עס איז אָנהויבן קלינגען אין זייער פֿאַרטיידיקונג. חנפֿענען זיי קען איך ניט. ביטער זײַנען מײַנע געדאַנקען וועגן זיי, אָבער זיי וועלן מיר מוחל זײַן. איך וואָלט אויך דאָ געוועזן איינער פֿון די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט, אויב עס וואָלט זיך מיר נאָר ניט געטראַכט אַז אָט דער זייער גינסטיקער פֿאַר מיר גורל רופֿט זיך אַזוי שלעכט אָפּ אויף דײַן לעבן, מײַן טײַערע פֿרײַנד. אָבער אַלינקע מײַנע, איך האָף אַז דו וועסט מיר מוחל זײַן די צרות, וואָס איך האָב דיר פֿאַרשאַפֿט, און איך בין זיכער אין דעם, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט דײַן לעבן ווערן ווייניקער אומעטיק, און אין אַ געוויסער צייט אַרום וועלן מיר ניט נאָר לעבן גוט ווי פֿריער, אפֿשר נאָך בעסער ווי פֿריער".

מיט דעם געדאַנק האָט טשערנישעווסקי די גאַנצע צייט געלעבט. יעדע שעה האָט דערנענטערט דעם אָנקום פֿון דעם געוווּנטשטן טאָג. אָבער אָט דער געווינטשטער טאָג האָט געבראַכט אַזאַ ביטערע אַנטוישונג, אַז מען האָט אים פֿאַרשיקט אין דער שרעקלעכער שטעטל ווילויסק. איינער פֿון זײַנע חברים אין דער קאַטאָרזשנער טורמע, ניקאָלאַיעוו, האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן:

„אָפּגעזעגנדיק זיך מיט די חברים, וועלכע זײַנען באַפֿרייט געוואָרן און געפֿאָרן אַהיים, האָט טשערנישעווסקי פֿאַרלוירן די לעצטע פֿאַרבינדונג מיט

די שטאַרק איבערגעגעבענע צו אים געבילדעטע מענטשן, און אין דער צייט וואָס זיין האַרץ האָט געבלוטיקט, איז ער געווען רואיק און פריילעך. מיר זיינען אַוועקגעפאָרן, טשערנישעווסקי איז פאַרבליבן. אָט דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די גרויסקייט און די נאָבלקייט פון זיין נשמה, וועגן וועלכער עס איז מיר שווער זיך צו דערמאָנען אויך היינט אָן טרערן. אַפילו איצט נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען איך שרייב אָט די שורות, שטייען טרערן אין מיינע אויגן, און זיי פאַרשטעלן מיין ראיה. דאָ האָט מען טשערנישעווסקין לעבעדיק באַגראָבן, אָפּגעשניטן אים ניט נאָר פון דער וועלט פון די נאָענטע און פריינט, וועלכע האָבן אים ליב געהאַט, נאָר אויך פון אַ וועלכער ס'איז האָפענונג צוריקצוקערן זיך אין זייער קרייז, און פון דעם טרוים צו דינען די מענטשן מיט זיין געדאַנק און זיין מי".

אָנהויב יאָר 1874 האָבן טשערנישעווסקיס זין געבעטן דער מאַמען, אַז זי זאָל דערלאַנגען אַ ביטע צום קיסר דורך דעם שעף פון די זשאַנדאַרן וועגן אַריבערפירן טשערנישעווסקין אין אַ געזינטערן קלימאַט. זי האָט געענטפערט: — „פאַר אייךביידן וועל איך טאָן דאָס וואָס איר ווילט, אָבער זייט וויסן, אַז דאָס וועט גאָרניט העלפן, און מיר קענען זיך ניט קעגן זיין ווילן. דעם ווילן פון אייער טאַטן. איך האָב קיין מאָל ניט דערוואַרט קיין זאַך פאַר אים. איך האָב געוווּסט, אַז מען וועט אים דאָרט לאָזן פאַרפוילט ווערן. טאָ צו וואָס בעטן זיך און דערנידעריקן זיך?"

אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט טשערנישעווסקין ניט אַרויסגעלאָזט פון טורמע און ניט דערלויבט צו דרוקן אין די זשורנאַלן אַפילו קיין איין שורה זיינע, הגם ער איז פאַראורטיילט געוואָרן „נאָר" צו זיבן יאָר קאַטאָרגע.

דעם 1טן (13טן) מערץ, 1881 האָבן די מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און מיט דעם נייעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָבן זיי געפירט אונטערהאַנדלונגען און צוגעזאָגט אַז די קרוינונג זיינע וועט אַריבער רואיק, מען וועט ניט מאַכן אויף אים קיינע אַטענטאַטן, אויב ער וועט געבן זיין וואָרט צו באַפרייען טשערנישעווסקין. דער צאַר האָט צוגעשטימט צו דעם. דער פאַרמיטלער פון דער זייט פון די נאַראָדאָוואָלצעס איז געווען טשערנישעווסקיס אַן אַלטער באַקאַנטער און פאַרערער זיינער, ניקאָלאַדזע. דער פאָרשטייער פון דער רעגירונג איז געווען דער שעף פון די זשאַנדאַרן, שוואַוואַלאָוו. „שוואַוואַלאָוו — האָט שפּעטער געשריבן ניקאָלאַדזע, — האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויב די קאָראָנאַציע וועט פאַריבער רואיק, וועט טשערנישעווסקי צוריקגעקערט ווערן אין זיין געבורט־שטאָט.

אין 1883 האָט דער קיסר אַלעקסאַנדער דער דריטער ענדלעך דערלויבט טשערנישעווסקין צוריקצוקערן זיך פון סיביר און צו באַזעצן זיך אונטער אַ שטרענגער פּאָליציייאישער אויפזיכט אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד, אין

דער שטאָדט אַסטראַכאַן. דעם 27סטן אָקטאָבער איז ער אָנגעקומען קיין אַסטראַכאַן און איז פאַרפאָרן אין אַ דאָרטיקן האָטעל. ביז פאַרנאַכט האָט ער פאַרבראַכט ביים האַפן וואַרטנדיק אויף דעם אָנקום פון אַלגאַ סאָקראַ־טאָוונאַ מיט דער שיף פון סאַראַטאָוו. זי איז געקומען צו פאָרן נאָך דעם זעלבן אָוונט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געשריבן צו זיין נאָענטסטן פריינד און קרוב, פּיפּיורען:

„איך וועל אַרבעטן פון אין דער פרי ביז ביי נאַכט, דאָס הייסט, איך וועל שרייבן. איך האָב נאָך ניט פאַרלאָרן די פעאיקייט צו שרייבן גאַנצע מאָנאַטן טאָג איין טאָג אויס, פון פרימאָרגן ביז ביי נאַכט, ניט אויסמאַטערנדיק זיך."

טשערנישעווסקים פריינד האָבן אַלע באַוווּנדערט זיין אַרבעטס פעאיקייט נאָך זיין צוריקקער פון סיביר. אָבער אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ געשריבן איר פריינדין וועגן טשערנישעווסקים מאָראַלן צו־שטאַנד: „ער לאַנגווייליקט זיך שטאַרק אָן דער אַרבעט צו וועלכער ער איז צוגעוווינט. דאָס לייענען אַליין באַפרידיקט אים ניט. ער רעדט כסדר וועגן דעם, אַז מען מוז אַרבעטן, כדי עס זאָל זיין פון וואַנען צום לעבן. ער זאָגט, אַז ער איז מענטשן שולדיק אַ סך און אַז מען דאַרף וואָס שנעלער פאַנאַנדער־צאָלן זיך מיט אַלעמען. אָט האָט די טעג אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש (פּיפּין) צוגעשיקט אים אַ געוויסע אַרבעט. האָט ער זיך מיט אַזאַ שנעלקייט גענומען צו איר, אַז עס איז איינפאַך אַ וווּנדער, און מיר געפעלט עס גאָרניט. ביי נאַכט זיצט ער שפּעט און לייגט זיך ניט שלאָפן".

אין אַ צווייטן בריוו צו איר זעלבער פריינדין אין אַ יאָר אַרום האָט אָלגאַ סאָקראַטאָוונאַ געשריבן: „ער לייענט אַלץ ליגנדיק. גאַנצע צוויי מאָנאַטן האָט ער זיך ניט גענומען צו קיין שום אַרבעט. ער זאָגט — „עס לוינט ניט צו אַרבעטן. אַלץ וואָס ער שרייבט אויף צורייסט ער באַלד".

טשערנישעווסקין האָט די רעגירונג סוף כל סוף דערלויבט צו שרייבן אין די זשורנאַלן, אָבער ניט אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט געשריבן פאַרשידענע אַרטיקלען אין די פּעטערבורגער און מאָסקווער רוסישע זשור־נאַלן, אונטער דעם פּסעוודאָנים אַנדרעיעוו. אין יאָר 1889 האָט די רעגי־רונג אים דערלויבט צו באַזעצן זיך אין זיין געבורט־שטאָט סאַראַטאָוו. פאַרן אָפּפאָר קיין סאַראַטאָוו האָט ער, געזעגענענדיק זיך מיט זיין סעק־רעטאַר אים געזאָגט:

„באַמיט זיך, מיין יונגער פריינד, צו לעבן אַזוי, אַז אייערע הענט זאָלן זיין ריין און אייער געוויסן ריין און אַז מענטשן זאָלן וועגן אייך ניט ריידן קיין שלעכטס, — און אויב אַנדערע וועלן יאָ ריידן — אָן דעם קען מען ניט — זאָל אייער אייגענער געוויסן דאָס ניט באַשטעטיקן".

8

קיין סאַראַטאָוו איז טשערנישעווסקי אָנגעקומען מיט זיין פרוי דעם 27סטן יוני, 1889. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך די פּיפּינס, האָט ער אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשפּאַצירט איבער דער גאַנצער שטאָט. די פּאָרשטייער פון דער סאַראַטאָווער אינטעליגענץ פלעגן זיך מיט אים באַגעגענען און שמועסן. מיט איינעם האָט ער אַ סך גערעדט וועגן ליטעראַטור. ער האָט דערמאָנט אַלע גרויסע שריפטשטעלער, מיט וועלכער ער האָט ווי דער רעדאַקטאָר פון „סאָווראָמעניק" זיך פיל מאָל געטראָפן. פון די יונגע שריפטשטעלער האָט ער שטאַרק געלויבט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, וועלכן ער האָט פאָרויסגעזאָגט אַ גלענצנדע צוקונפט.

דעם 17טן אויגוסט איז קאָראָלענקאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי געקומען באַקענען זיך מיט טשערנישעווסקין. קאָראָלענקאָ איז אין דער יוגנט אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער און איז יאָרן לאַנג געווען פאַרשיקט אין סיביר. נאָך דעם ערשטן געשפּרעך מיט טשערנישעווסקין האָט קאָראָלענקאָ פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־בוך: „זיין שמועס האָט באַוויזן זיין פריערדיקן שכל, זיין פריערדיקע דיאַלעקטיק און דעם פריערדיקן שאַרפזין".

קאָראָלענקאָ איז דערנאָך צוויי מאָל געווען ביי טשערנישעווסקין, וועלכער האָט אים ביידע מאָל זייער פריינטלעך אויפגענומען. זיי האָבן אַ סך געשמועסט און דערמאָנט די אַמאָליקע ציטן. אין סעפּטעמבער 1884, אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום נאָך דעם ווי טשערנישעווסקי איז אַוועקגעפאָרן פון ווילויסק קיין אייראָפּעאישן רוסלאַנד, איז דעם יונגן קאָראָלענקאָ אויסגעקומען צו זיין אַ פּאָר שעהען אויף אַ פּאָסטן אינדזל אויף דער טייך לענאַ, און ער האָט דאָרט פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט די דאָרטיקע פאָרמאַנעס. זיי האָבן פריער געפירט טשערנישעווסקין, ווען מען האָט אים געפירט קיין ווילויסק. זיי האָבן דעמאָלט באַמערקט, אַז אַט דעם אַרעסטאַנט האָט מען באַגלייט עפּעס מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, און אין די דאָרטיקע „יורטעס" (קליינע כאַטעס) האָט מען דעמאָלט געשמועסט, אַז דאָס מוז געווים זיין אַ וויכטיקער „גענעראַל" וואָס האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט פאַרן קיסר.

אין צוועלף יאָר אַרום האָט מען טשערנישעווסקין ווידער געפירט מיט אויסערגעוויינלעכער פאָרזיכטיקייט צוריק פון ווילויסק, און איצט האָט איינער פון די פאָרמאַנעס, באַקלאָגנדיק זיך פאַר קאָראָלענקאָן אויף זייער ביטערן לעבן, אַ זאָג געטאָן: — „אפשר וועט איצט פון טשערנישעווסקין עפּעס גוטס אַרויסקומען פאַר אונדז".

— „וואָס? פון וועלכן טשערנישעווסקין? — האָט זיך קאָראָלענקאָ פאַרוווּנדערט. האָט דער פאָרמאַן אים דערציילט:

„טשערנישעווסקי איז ביי דעם פֿאַרשטאָרבענעם קיסר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן געווען אַ ווירקליכער גענעראַל און דער סאַמע ערשטער סענאַטאָר. האָט דער קיסר איין מאָל צוזאַמענגערופֿן אַלע סענאַטאָרן און געזאָגט צו זיי: איך הער אַז עס איז שלעכט אין מיין מלוכה, די מענטשן באַקלאָגן זיך שטאַרק, טאָ זאָגט מיר וואָס דאַרף מען טאָן, כדי בעסער צו מאַכן?" נו, האָט איין סענאַטאָר געזאָגט איין זאַך, אַ צווייטער אַ צווייטע זאַך, ווי עס פֿירט זיך געוויינלעך, און טשערנישעווסקי שווייגט. ווען אַלע האָבן אָפּגעזאָגט זייערס, רופֿט זיך אָפּ דער קיסר — וואָס שווייגסטו, מיין סענאַטאָר טשערנישעווסקי, רייד אויך דו. — האָט טשערנישעווסקי געזאָגט:

„דיינע סענאַטאָרן ריידן גוט און כיטרע, נאָר ניט דאָס וואָס מען דאַרף. די זאַך איז, באַטושקאַ־צאַר, איינפֿאַך. גיב אַ קוק אויף אונדז, וויפֿל זילבער און גאָלד עס איז אָנגעהאָנגען אויף אונדז, אָבער אַרבעטן מיר דען אַ סך? יאָ, ווייניקער פֿון אַלעמען, און די וואָס אַרבעטן ביי דיר אין דער מלוכה מער פֿון אַלעמען, יענע גייען אַרום אָן אַ העמד אויפֿן לייב. דאַרפֿן דאַרף מען אַז עס זאָל זיין אַזוי: — אונדז אַ ביסל ווייניקער רייכטום און צוגעבן אונדז מער אַרבעט און דעם איבעריקן פֿאָלק דאַרף מען פֿאַרלייכטערן דאָס לעבן". ווען די סענאַטאָרן האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי שטאַרק אין כעס געוואָרן, און דער עלטסטער זייערער האָט געזאָגט: "דאָס מיינט אַז עס קומען אָן די לעצטע טעג, ווען איין וואָלף וועט אויפֿעסן דעם צווייטן וואָלף". און זיי זיינען אַוועק. איז אָט זיצט ביים טיש דער קיסר און לעבן אים נאָר איין טשערנישעווסקי. רופֿט זיך אָפּ דער קיסר: — נו, ברודער טשערנישעווסקי, איך האָב דיך ליב, מען דאַרף דיר פֿאַרשיקן אין די וויטסטע געגנטן, ווייל מיט דיר אַליין וועל איך דאָך ניט קענען ספּראַווען זיך מיט אַלע ענינים". — דער קיסר האָט זיך צעוויינט און האָט טשערנישעווסקין אַוועקגעשיקט אין דעם שרעקלעכסטן פּלאַץ, אויף ווילויסק און אין פּעטערבורג זיינען ביי טשערנישעווסקין פֿאַרבליבן זיבן זין. זיי זיינען אַלע אויסגעוואַקסן, זיך געלערנט און אַלע זיינען זיי געוואָרן גענעראַלן. איז אָט זיינען זיי געקומען צום נייעם קיסר און האָבן געזאָגט: — „באַפֿעל, באַטיושקאַ, אונדז אומצוקערן אונדזער טאַטן, ווייל אויך דיין טאַטע האָט אים ליב געהאַט און איצט וועט ער שוין ניט זיין איינער אַליין. מיר אַלע זיבן גענעראַלן זיינען מיט אים". האָט דער קיסר צוריקגעקערט אים קיין רוסלאַנד, און איצט וועט דער קיסר אים פֿרעגן, „וואָס הערט זיך עפּעס אין סיביר, אין די וויטע פּלעצער? ווי לעבט דאָרט דאָס פֿאָלק? וועט טשערנישעווסקי אים דערציילן:

„איך האָב אים געבראַכט צו פֿירן אויף אַ שיפֿל צו דער סטאַנציע, האָט דיין פֿורמאַן ווייטער דערציילט און ווי נאָר די זשאַנדאַרן זיינען אַרונטער אויפֿן ברעג, האָב איך זיך פֿאַר טשערנישעווסקין פֿאַרנויגט ביזן גאַרטל און

האָב אים געזאָגט: „ניקאָליי גאַווריליאָוויטש, איר האָט געזען ווי אַזוי מיר לעבן? — „כ'האָב געזען" — זאָגט ער — „נו געלויבט דער אויבערשטער, זאָג איך".

טשערנישעווסקי איז, פאַרשטייט זיך, קיין מאָל ניט געווען קיין סענאַ־טאָר, האָט ניט געהאַט קיין זין גענעראַלן, אָבער ער האָט געזאָגט דעם רו־סישן לייענער און אויך דער רעגירונג דאָס וואָס עס ווערט איבערגעגעבן אין דער לעגענדע.

ווען קאָראָלענקאָ האָט ביי זיין באַגעגעניש מיט טשערנישעווסקין אים דערציילט די געשיכטע, האָט טשערנישעווסקי מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: — „יאָ, יאָ, ס'איז ענלעך אויפן אמת, קלוגע יונגען זיינען אָט די פּורמאַנעס".

אין דער נאַכט פון דעם 16טן אויפן 17טן אָקטאָבער, 1889 איז טשער־נישעווסקי געשטאָרבן. די שטודירנדיקע יוגנט פון פּעטערבורג, מאָסקווע, קאַזאַן, וואַרשע, מינסק, אָדעס, כאַרקאָוו און אַנדערע שטעט האָבן צוגע־שיקט טעלעגראַמעס, אין וועלכע ס'איז געזאָגט געוואָרן: „ניקאָלאַי גאַווריִ־לאָוויטש איז נישט געשטאָרבן. ער לעבט אין אונדזער זכרון און וועט נאָך לאַנג לעבן. זיין רום וועט ניט אָפּשטאַרבן כל־זמן עס לעבן אין דער רוסישער געזעלשאַפט די ליבע צום פאָלק און די שטרעבונג צו גערעכטיקייט. פאַר אונדז איז ער געווען דער באַליבטער לערער און אַ מוטיקער בירגער. זייט זיכער, אַז אין דעם שרעקלעכן טאָג זיינען ביי זיין אָרון אָנוועזנד אַלע בעסטע מענטשן פון רוסלאַנד".

די באָלשעוויסטישע היסטאָריקער באַהויפּטן, אַז טשערנישעווסקי איז געווען דער פאָרגייער פון לענינען, אָבער דאָס איז ניט אמת. טשערנישעווסקי האָט זיך טאָקע באַצויגן מיט פאַראַכטונג צו די ליבעראַלן פון זיין צייט. ער האָט אָפּגעלאַכט פון די פּרייסישע ליבעראַלן, וועלכע האָבן נאַאיוו דער־וואַרט, אַז די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס וועלכע זיי האָבן געוואָלט האָבן, וועלן אַראָפּפאַלן פון הימל. די רוסישע ליבעראַלן פון טשערנישעווס־קיס צייטן זיינען ניט געווען ענלעך אויף די רוסישע ליבעראַלן פון 20סטן יאָרהונדערט. די מיטגלידער פון דעם „פאַראיין פאַר באַפרייאונג" וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע און די מיטגלידער פון דער „קאַדעטישער" (קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי) קעגן וועלכע לענין האָט מלחמה געהאַלטן, זיינען געווען דעמאָ־קראַטן, סאָציאַלע ליבעראַלן.

טשערנישעווסקי האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער געהערט ניט צו דער צאָל מענטשן, וואָס זיינען גרייט מקריב צו זיין די עקזיסטירנדע אינטערעסן פון פאָלק צוליב זייערע צוקונפטיקע אינטערעסן. טשערנישעווסקי איז געווען אַן אמתער אָנהענגער פון פולשטענדיקער פאָלקס־הערשאַפט, פון דער

באַפֿרייאונג פֿון אַלע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, און פֿון אמתער זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג פֿאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן. ער האָט ניט אָפּגעריסן די אינטערעסן פֿון רוסלאַנד פֿון די אַלמענטשלעכע אינטערעסן. ער איז געווען אַ פֿיינט פֿון יעדן שאָוויניזם. טשערנישעווסקי איז געווען אַן אַנטשיידענער פֿיינד פֿון צוואַנג אויך אויפֿן עקאָנאָמישן געביט. ער האָט געפּרעדיקט בויִונג פֿון קאָאָפּעראַטיוון אויף פֿרייוויליקע יסודות: „אָן דער פֿרייוויליקער צושטימונג פֿון דעם מענטשן — האָט טשערנישעווסקי געשריבן — „קען קיין שום נוצלעכע זאַך פֿאַר אים ניט געטאָן ווערן".

אין איינעם פֿון זיינע ראָמאַנען זאָגט איינער פֿון זיינע באַליבטסטע העלדן: „אָן פֿרייהייט איז ניט מעגלעך קיין גליק". און אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען פֿון יאָר 1879 האָט טשערנישעווסקי געשריבן: „מיר האָט אַלעמאָל געעקלט צו לייענען די באַהויפּטונג וועגן דער „נידערטרעכטיקייט פֿון דער בורזשואַזיע" דערפֿאַר וואָס אָט די אַלע ריידערייען, כאָטש זיי זיינען דיקטירט פֿון ליבע צום פֿאָלק, שעדיקן זיי דעם פֿאָלק, אויפֿרייצנדיק אַ האַס ביי זיינע פֿרייַנד צו אַ קלאַס, וועמעס אינטערעסן עס קענען אפֿשר אָפּט זיך צוזאַמענשטויסן מיט זיינע אינטערעסן (ווי עס שטויסן זיך אָפּט צוזאַמען די אינטערעסן פֿון יעדער גרופּע פֿון דעם זעלביקן פּראָסטן פֿאָלק מיט דער גאַנצער איבעריקער מאַסע פֿון פּראָסטן פֿאָלק). אָבער אין תוך זיינען זיי די זעלבע, ווי יענע באַדינגונגען פֿון נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס זיינען נויטיק פֿאַר דעם וווילזיין פֿון פֿאָלק, און דערפֿאַר אייגנטלעך זיינען זיי די זעלבע ווי די אינטערעסן פֿון פֿאָלק". (זע „געקליבענע שריפֿטן" פֿון נ. ג. טשערנישעווסקי אין איין באַנד; מאָסקווע, 1950, ז. 187.)

דאָס איז גאָרניט ענלעך אויף דעם „מאַרקסיזם־לעניניזם". טשערנישעווסקי איז געווען איינער פֿון די, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר די רעכט, פֿאַר דער פֿרייהייט און דעם גליק פֿון רוסישן פֿאָלק און פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער.

מיכאַאיל באַקונין

(1876 — 1814)

1

מיכאַאיל באַקונין, איינער פֿון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן פֿון אַלע ציטן, דער פֿאָטער פֿון רוסישן אַנאַרכיזם, וועלכער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן געדאַנק אין גאַנץ אייראָפּע, איז געווען ניט נאָר איינער פֿון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן וואָס די וועלט האָט ווען געזען, נאָר אויך אַ גייסטיקער ריז, און אין דער זעלביקער צייט אויך אַ גרויסער אוטאָפּיסט. דער באַרימטער רוסישער פּובליציסט, דענקער, און פֿרייהייטס קעמפֿער, אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער איז געווען באַקונינס אַ נאָענטער פֿריינט נאָך פֿון דער יוגנט, האָט וועגן אים געשריבן: „ער האָט געהאַט אַ סך חסרונות, אָבער זיינע חסרונות זיינען געווען קליינע, בעת זיינען שטאַרקע מעלות זיינען געווען גרויסע. ער האָט אין זיך געהאַט עפּעס קינדערישקייט, גוטמוטיקייט און פּשוטקייט, און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַן אויסערגעוויינלעכע פּרעכטיקייט, וואָס האָט צו אים צוגעצויגן די שטאַרקע און די שוואַכע, אָפּשטויסנדיק פֿון אים נאָר די „שטייפֿע" סטאַטעטשנע קליין־בירגערס".

מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש באַקונין איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן מאַי, 1814. זיין טאַטע איז געווען אַ רייכער פּריץ אין טווערער גובערניע. דער יונגער באַקונין האָט שטודירט אין אַ מיליטערישער שול, ווו ער האָט גראַדואירט ווי אַן אָפֿיצער, אָבער ער האָט גיך אויפֿגעגעבן זיין מיליטערישע קאַריערע. ער איז אין מאָסקווע געווען אַ מיטגליד פֿון דעם באַרימטן ליבעראַלן קרייזל, צו וועלכן עס האָבן געהערט דער גרויסער רוסישער קריטיקער, וויסאַריאָן ביעלינסקי, דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער שריפֿטשטעלער, קאָנסטאַנטין אקסאַקאָוו, אַלעקסאַנדער הערצען, דער פּראָפֿעסאָר גראַנאָווסקי און אַנדערע. אין יענעם קרייזל האָט באַקונין זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט העגעלס פֿילאָזאָפֿיע. אין יאָר 1841 איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין בערלין צו פֿאַרפֿאָלקאָמען זיין פֿילאָזאָפֿישע בילדונג. אין דייטשלאַנד

איז באקונין באפריינדעט געוואָרן מיט די דייטשע ראַדיקאַלן. אין 1844 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז און דערנאָך קיין שווייץ. אין פּאַריז האָט ער זיך באַפריינדעט מיט פראַנצויזישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערן און איז געוואָרן אַ קאָמוניסט. (קאָמוניסטן האָבן זיך דעמאָלט גערופן די סאָציאַליסטן).

פאַר אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1847 אין פּאַריז אויף אַ פּוילישן באַנקעט, האָט מען אים אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך, וווּהין ער האָט זיך צוריקגעקערט אין 1848, ווען אין פּאַריז איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. נאָך דעם דורכפאַל פון דעם פּאַריזער אויפשטאַנד, איז באַקונין אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. דערנאָך האָט ער אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט דרעזדען קעגן דעם פּרייסישן מיליטער אין 1849. דאָרט איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויף די באַריקאַדן און פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, אָבער די זאַקסישע רעגירונג האָט אים אַרויסגעגעבן צו עסטרייך.

אַ צוגעשמידטער צום וואַנט איז אַן אונטערערדישער פעסטונג אין עסטרייך, איז באַקונין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מרה־שחורה, אַז ער האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און ער האָט אָנגעהויבן שלינגען די קעפּלעך פון שוועבעלעך. דאָס האָט אים פאַראורזאַכט שרעקלעכע ווייטיקן אין מאָגן, אָבער ער איז געבליבן לעבן. אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום האָט מען אים איין מאָל אין מיטן נאַכט אויפגעוועקט און געהייסן זיך אָנטאָן. אַ געשמידטן אין קייטן, האָט מען אים אַוועקגעפירט צום וואַקזאַל, אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן מיט אייזערנע גראַטעס, און נאָך אַ לענגערער רייזע איז ער אָנגעקומען צו אַ סטאַנציע אויפן רוסישן גרענעץ. מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן, ליכטיקן צימער. עס איז אַריינגעקומען אַ רוסישער אָפיצער, אַ יונגינקער, אַ גוטמוטיקער. מען האָט אַראָנטערגענומען פון אים די עסטרייכישע קייטן און אָנגעטאָן אים רוסישע קייטן. „די היימישע קייטן", האָט באַקונין דערציילט, „זיינען געווען לייכטער. איך האָב זיך געפריידט מיט זיי און געשמייכלט צום יונגען אָפיצער און צו די רוסישע סאָלדאַטן. „חברה" — האָב איך געזאָגט — „מען פירט מיך קענטיק אין אייגן לאַנד שטאַרבן". דער אָפיצער האָט געענטפערט: „עס איז פאַרבאָטן צו ריידן". דערנאָך האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטן עקיפּאַזש, ווי אַ שטיג פאַר הינער, מיט אַ קליינער עפענונג פון אויבן. דאָס איבעריקע ווייסט איר, מען האָט מיך איינגעזעצט פריער אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, דערנאָך האָט מען מיר אַריבערגעפירט אין שליסלבורגער פעסטונג. דער קיסר ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש האָט מיך באַפוילן אָנצושרייבן אַ דערציילונג וועגן אַלע מיינע טעטיקייטן אין אויס־

לאַנד. איך האָב זיין פֿאַרלאַנג דערפֿילט און צום סוף פֿון מיין „ווידוי" האָב איך צוגעגעבן: „אדוני מלך, פֿאַר מיין אָפֿנהאַרציקייט שענקט מיר מיינע דייטשישע זינד"!

סוף 1854 האָט באַקונינס מאַמע באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן צו זען זיך מיט איר זון אין שליסלבורגער פֿעסטונג, און דאָרט האָט זי פֿאַרבראַכט מיט אים פֿינף טעג. אין איר טאָג־בוך דער־ציילט באַקונינס שוועסטער וואַרוואַראַ, וואָס די מאַמע האָט זיי געשריבן פֿון פּעטערבורג וועגן איר ערשטער באַגעגעניש מיטן זון אין שליסלבורג און וועגן די שעהען וועלכע זי האָט אין פֿאַרלויף פֿון פֿינף טעג פֿאַר־בראַכט מיט אים אין דער פֿעסטונג. די מאַמע איז צוזאַמען מיט איר ייִנגערן זון אַלעקסעי געקומען קיין פּעטערבורג דעם 8טן מערץ און דעם זעלביקן אָוונט איז זי שוין געווען אין שליסלבורג. געזען זיך מיטן זון האָט זי ערשט אויף מאָרגן אינדערפֿרי. וואַרוואַראַ ציטירט פֿון דער מאַמעס בריוו פֿון פּעטערבורג: „דאַנקען גאָט, ער איז געזונט און רואיק. איך וויל ניט און קען ניט איבערגעבן אייך ניט אונדזער פֿרייד, ניט אונדזער אומעט". די מאַמע האָט דערנאָך פֿאַרבראַכט אין פּעטערבורג אַ וואָך צייט, און זי האָט זיך דאָרט משתדל געווען אין די הויכע פֿענסטער, אַז מען זאָל איר זון באַפֿרייען פֿון שליסלבורגער פֿעסטונג. ווען זי האָט זיך דעם 26טן מערץ צוריקגעקערט פֿון פּעטערבורג, האָט זי דערציילט אַז אין משך פֿון די פֿינף טעג אין שליסלבורג, האָט זי יעדן טאָג פֿון אַכט אינדערפֿרי ביז אַכט אין אָוונט פֿאַרבראַכט מיטן זון. זיין געזונט, האָט זי דערציילט, איז ניט גוט און ניט שלעכט. ער לעבט נאָר מיט דער האָפֿענונג אַז מען וועט אים באַפֿרייען. „גאָט העלף אים, ראַטעוועט אים" — האָט זי געזאָגט: „ער האָט געזאָגט דער מאַמען, שרייבט די שוועסטער אין איר טאָג־בוך, אַז ער וועט אויסהאַלטן נאָך אַ יאָר אויב מען וועט אים ניט געבן קיין האָפֿענונג, אָבער ווייטער ווייס ער ניט וואָס עס וועט געשען מיט אים".

באַקונין האָט נאָך דער באַגעגעניש מיט דער מאַמען ניט איין מאָל אין זיין בריוו צו דער שוועסטער געגעבן אָנצוהערן אַז ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד, אויב מען וועט אים ניט באַפֿרייען פֿון דער תּפֿיסה. ווען די מאַמע איז אין דער באַגלייטונג פֿון איר יונגן זון אַלעקסעי געקומען אים באַזוכן אין שליסלבורג, האָט ער אָפּגעמאַכט מיטן ברודער, אַז ער זאָל אים צושיקן סם, אויב ער וועט אין פֿאַרלויף פֿון דעם יאָר ניט באַפֿרייט ווערן. וועגן דעם האָט באַקונין אַליין שפּעטער דערציילט אין אַ בריוו צו זיין פֿריינט, אַלעקסאַנדער הערצען, אין לאָנדאָן. אין יענעם בריוו האָט ער אויך דערציילט זיין גוטן פֿריינט, אַז נאָך דעם טויט פֿון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן אין יאָר 1855 האָט ער אָנגעהויבן מער האָפֿן אויף דער באַ־

פֿרייאונג און ער איז געווען גרייט צו וואַרטן ניט אַ מאָנאַט, נאָר אַ יאָר, פֿון די בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו זיין שוועסטער און צו טאַטע־מאַמע האָט מען געקענט דרינגען אַז ער איז דאָרט געוואָרן רעליגיעז. אין שליסל־בורג האָט זיך באַקונין אויפֿגעפֿירט ווי אַ רעליגיעזער מענטש, אָבער מען קען גלויבן, אַז ער האָט עס גיכער געטאָן כדי איבערצוכיטרעווען די טורמע נאַטשאַלסטווע און זיי מאַכן גלויבן אַז ער האָט חרטה אויף זיינע זינד און דערמיט העלפֿן זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך משתדל געווען פֿאַר זיין באַפֿרייאונג. אין איר טאָגבוך שרייבט וואַרוואַראַ דעם 10טן מערץ, 1855, אַז „דער מאַמעס בקשה צום נייעם צאַר, אַלעקסאַנדער דעם 2טן איז אַוועק צום צאַר, און דאָס גיט אונדז אַ געוויסע האָפֿענונג”. אָבער ערשט אין יאָר 1857 האָט מען באַקונינען אויף דעם צאַרס באַפֿעל באַפֿרייט פֿון שליסלבורג און פֿאַרשיקט קיין סיביר. „אין ס׳ביר”, האָט באַקונין שפּעטער דערציילט, „איז מיר געווען זייער גוט. מוראַוויאָוו, דער גענעראַל גובערנאַטאָר פֿון מזרח סיביר, איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש. ער האָט מיר ניט געמאַכט קיינע שטערונגען, נאָר ווי זאָגט דאָס ווערטל, „וויפֿל מען זאָל דעם וואָלף ניט קאָרמענען, קוקט ער אַלץ אין וואַלד אַריין”. כאָטש דאָס איז ניט געווען געוויסנהאַפֿט פֿון מיין זייט, אָבער עס איז מיר אויס־געקומען אָפּצונאַרן די פֿריינט כדי אַרויסצורייסן זיך אויף דער פֿריי”.

פֿון אירקוטסק איז באַקונין אַנטלאָפֿן קיין יאַפּאַן, פֿון יאַפּאַן איז ער געקומען קיין סאַן פֿראַנציסקאָ, פֿון סאַן פֿראַנציסקאָ קיין ניו־יאָרק, און פֿון ניו־יאָרק איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן און איז גלייך געקומען צו זיין פֿריינט אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין לעבנס־פֿריינט, דעם פּאָעט פּיאָטר אָגאַריאָוו, אַרויסגעגעבן דאָרט דעם זשורנאַל „קאָלאָקאָל” (דער גלאָק). דער זשורנאַל פֿלעגט פֿון לאָנדאָן אַריינגעשמוגלט ווערן קיין רוסלאַנד, און איז דאָרט געלייענט געוואָרן ניט נאָר פֿון די ברייטע קרייזן פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט, נאָר אויך פֿון די העכסטע פֿאָרשטייער פֿון דער רוסישער ביוראָקראַטיע און אַפֿילו פֿון דעם צאַר אַליין. באַקונין איז גלייך געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון „קאָלאָקאָל”.

שפּעטער איז הערצען פּאָליטיש זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט באַקונינען באַקונין איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט און הערצען איז ביזן טויט פֿאַרבליבן אַ קעגנער פֿון באַקונינס אַנאַרכיזם, אָבער זיי זיינען פֿאַרבליבן פֿריינט דעם גאַנצן לעבן. הערצען האָט באַקונינען אַ סך אויסגעהאָלפֿן און ווען באַקונין האָט פֿאַרלאָזן לאָנדאָן האָבן זיי זיך אַלע יאָרן דערנאָך דורכגע־שריבן. אין הערצענס „בריוו צו אַן אַלטן חבר” וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ יאָר פֿאַר זיין טויט, איז דאָ אַ קריטיק פֿון באַקונינס אַנאַרכיזם. די בריוו מאַכן נאָך היינט אַ שטאַרקן איינדרוק.

2

הערצען דערציילט אין זיינע מעמוארן „בילאָיע אי דומיי", אַז ווי נאָר באַקונין איז געקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך באַקענט מיט די פּאָליאַקן און ער האָט זיך תיכּף גענומען „צו דער אַרבעט". „צו פופציק יאָר, שרייבט הערצען, איז באַקונין געווען דער זעלביקער וואַנדערנדיקער סטודענט, דער זעלביקער היימלאָזער באָהעם, אָן דער קלענסטער זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. ניט קעמפנדיק זיך ווענן געלט, שליידער עס ווען ער האָט עס געהאַט, באָרגנדיק אויף רעכטס און לינקס, ווען ער האָט נישט געהאַט, מיט יענער איינפאַכקייט, מיט וועלכע קינדער נעמען געלט ביי זייערע עלטערן, אָן זאָרג ווענן באַצאָלן דעם חוב, מיט יענער איינפאַכקייט, מיט וועלכער ער אַליין איז געווען גרייט אָוועקצוגעבן יעדן איינעם דאָס לעצטע געלט, איבערלאָזנדיק פאַר זיך נאָר אַזוי פיל, וויפל ער האָט נייטיק געהאַט אויף ציגאַרעטן און טיי. אים האָט אָט דער אַרט לעבן נישט געדריקט. „באַקונין האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר אַרטיקלען אין הערצענס „קאָלאָקאָל". ער האָט דערנאָך זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער פּרעסע פון אייראָפּע, האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּוילישן אויפשטאַנד פון 1864-1863 און האָט אַפילו פּרובירט אָרגאַניזירן אַ מיליטערישע עקספּעדיציע קיין ליטע צו העלפן די פּוילישע „מיאַטעזשניקעס". באַקונין איז דעמאָלט געווען אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט. פון 1864 האָט ער אָנגעהויבן דערנענטערן זיך צום אַנאַרכיזם און אין די יאָרן 1868-1867 איז ער געוואָרן אַן אַנאַרכיסט.

אין 1863, אין צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד, האָט באַקונין געשריבן:

„איך פאָדער נאָך איין זאַך, אַז יעדן פאָלק, גרויס אָדער קליין, זאָל געגעבן ווערן די פולע מעגלעכקייט און רעכט לויט זייער אייגענעם ווונטש. ווילן זיי פאַראייניקן זיך מיט פּוילן אָדער מיט רוסלאַנד, זאָלן זיי זיך פאַראייניקן. ווילן זיי זיין זעלבשטענדיקע מיטגלידער פון אַ פּוילישער אָדער רוסישער אָדער פון אַן אַלגעמיינער סלאַווישער פעדעראַציע, זאָלן זיי. און צום סוף, אויב זיי ווילן זיך פולשטענדיק אָפּטיילן און לעבן ווי גאַנץ באַזונדערע מלוכות, זאָלן זיי זיך אָפּטיילן. וווּ די פעלקער לעבט זיך פרייער, אַהין וועלן זיי גיין".

נאָך פריער, אין זיין רעדע אויפן פּוילישן באַנקעט אין פּאַריז, דעם 29סטן נאָוועמבער, 1847, האָט באַקונין געזאָגט:

„איך ווייס, אַז אין אייראָפּע דענקט מען בכלל, אַז מיר מיט אונדזער רעגירונג זיינען איינס, אַז מיר פילן, אַז די סיסטעם פון אונטערדריקונג

אינעווייניק אין לאַנד און פֿון אַגרעסיע אין אויסלאַנד איז אַן אויסדרוק פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דאָס אַלץ איז נישט אמת, ניין, מיינע הערן, דאָס רוסישע פֿאָלק פֿילט זיך נישט גליקלעך! בארויבט פֿון אַלע פּאָליטישע רעכט, קענען מיר אַפֿילו נישט יענע נאַטירלעכע פֿרייהייט, וועלכע עס האָבן די ווייניק ציוויליזירטע פֿעלקער... קיין פֿרייע באַוועגונג איז אונדז נישט דערלויבט. אונדז איז כמעט פֿאַרבאָטן צו לעבן, ווייל פֿאַר יעדער לעבן איז נייטיק אַ געוויסע אומאָפּהענגיקייט, מיר אָבער זיינען נישט מער ווי נשמה־לאָזע רעדער אין אָט דער משונהדיקער מאַשין פֿון אונטערדריקונג און פֿאַרכאַפּונג. אָבער שטעלט זיך פֿאָר, אַז די מאַשין האָט אַ נשמה, וועט איר דעמאָלט אפֿשר קענען זיך שאַפֿן אַ באַגריף וועגן וועגן דער ריזיקייט פֿון אונדזערע לײדן".

אין 1867 האָט באַקונין זיך אָנגעשלאָסן אין דער „ליגע פֿאַר פֿרידן און פֿרייהייט". אויפֿן קאָנגרעס פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין זעלביקן יאָר האָט באַקונין אין זיין רעדע געזאָגט:

„אויב מיר ווילן באמת שלום צווישן פֿעלקער, דאַרפֿן מיר וועלן אינטערנאַציאָנאַלע גערעכטיקייט. דאַרף דעריבער יעדער איינער פֿון אונדז זיך דערהייבן איבער דעם שמאָלן קליינלעכן פּאַטריאָטיזם, פֿאַר וועמען דאָס אייגענע לאַנד איז דער צענטער פֿון דער וועלט. מיר דאַרפֿן אַוועקשטעלן די מענטשלעכע אַלוועלטלעכע גערעכטיקייט העכער פֿון אַלע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. מיר דאַרפֿן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָפּוואַרפֿן דעם פֿאַלשן פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַליטעט, וואָס איז אויסגעפֿונען געוואָרן אין דער לעצטער צייט פֿון פֿראַנקרייך, רוסלאַנד און פּרייסן, כדי צו קענען אויף זיכער דערשטיקן דעם העכסטן פּרינציפּ — די פֿרייהייט... יעדער איינער, וואָס וויל אויפֿריכטיק פֿרידן און אינטערנאַציאָנאַלע גערעכטיקייט, מוז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך אָפּזאָגן פֿון אַלץ, וואָס רופֿט זיך אַן כבוד, מעכטיקייט, גרויסקייט פֿון פֿאָטערלאַנד, פֿון פּוסטן שטאָלצן נאַציאָנאַליזם. עס איז צייט צו וועלן אַבסאָלוטע פֿרייהייט, אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע".

אין אַ יאָר אַרום האָט באַקונין אויפֿן קאָנגרעס פֿון דער „ליגע פֿאַר פֿרידן און פֿרייהייט" אין זיין רעדע געזאָגט: „איך וויל, אַז פֿינלאַנד זאָל זיין פֿריי, אַז זי זאָל האָבן די פֿולע מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן זיך אַזוי, ווי זי וויל און פֿאַראייניקן זיך מיט וועמען זי וועט וועלן. איך זאָג דאָס זעלביקע גאַנץ אויפֿריכטיק אויך וועגן די באַלטישע פּראָווינצן. איך וועל נאָר צוגעבן אַ קליינע באַמערקונג, וואָס מיר דאַכט זיך, איז וויכטיק דערפֿאַר, ווייל אַ סך פֿון די דייטשע פּאַטריאָטן רעפּובליקאַנער און סאָציאַליסטן, האָבן קענטיק צוויי מאָסן, ווען עס גייט וועגן אינטערנאַציאָנאַלער

גערעכטיקייט — איינע פאַר זיי אַליין און אַ צווייטע פאַר אַלע איבעריקע נאַציעס אַזוי, אַז נישט זעלטן דאָס, וואָס זיי דוכט זיך ווי יושרדיק און געזעצלעך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער דייטשער אימפּעריע, נעמט אָן אין זייערע אויגן דאָס געשטאַלט פון עקלדיקער גוואַלדטאַט, אויב דאָס ווערט געטאָן פון אַן אַנדער מלוכה".

באַקונין האָט געוואָלט אויף דער „ליגע פון פרידן און פרייהייט" ארויפ־צווינגען זיינע אַנאַרכיסטישע אידייען און דאָס האָט זיך אים נישט איינגע־געבן, איז ער ארויסגעטראָטן פון דער „ליגע" און האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָרטן האָט ער געהאַט אַ סך צוזאַמענשטויסן מיט מאַרקסן. וואָס איז געווען איינער פון די גרינדערס און דער טאָנגעבער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. מיט באַקונינס אַריינטריט אין אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ ביטערער קאַמף צווישן די אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס די מאַרקסיסטן, וואָס זיינען געווען אין דער מערהייט, האָבן אויפן האַאַגער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין 1872 אויסגעשלאָסן באַקונינען פון אינטערנאַציאָנאַל. צוזאַמען מיט באַקונינען האָבן דעם קאָנגרעס פאַרלאָזן אויך די איטאַליענישע, שפּאַנישע, בעלגישע און שווייצאַרישע סעקציעס, וואָס האָבן צוזאַמען פּרובירט אָרגאַניזירן אַן אייגענעם אַנאַרכיסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

3

באַקונין איז מיט קאַרל מאַרקסן באַפריינדט געוואָרן נאָך אין יאָר 1844 אין פּאַריז. ביידע זיינען זיי געווען פריינט און פאַרערערס פון דעם דייטשן פּאָעט־רעוואָלוציאָנער גוסטאַוו הערוועג ביידע האָבן זיי געהערט צו דעם רעוואָלוציאָנערן קרייז „פאָרווערטס" און ביידע האָבן דערוואַרט, אַז פּאַריז וועט אין גיכן געבן דעם סיגנאַל פאַר אַן אייראָפּעאישער רעוואָלוציע. מאַרקס איז געווען מיט פיר יאָר יינגער פאַר באַקונינען, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ סך מער דערפאַרונג און איז שוין געווען מער באַוווסט, ווי באַקונין. מאַרקס איז שוין אַ יאָר צייט געווען רעדאַקטאָר פון דער באַרימ־טער „רהיינישע צייטונג" אין קעלן און האָט געמאַכט די דאָזיקע צייטונג פאַר דעם ווינבטיקסטן ראַדיקאַלן אָרגאַן אין דייטשלאַנד.

באַקונין האָט מיט פיל יאָרן שפּעטער געשריבן, אַז ער האָט אין פּאַריז דעמאָלט נישט געטראָפן עמעצן, וועלכער „האָט אַזוי פיל אינטעליגענץ און אַזוי פיל געלייענט ווי קאַרל מאַרקס". „אין יענער צייט, האָט באַקונין געשריבן, האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע

און מיין סאָציאַליזם איז געווען אַ ריין אינסטינקטיווער. אָבער ער (מאַרקס), כאָטש ער איז געווען יינגער פֿון מיר, איז שוין געווען אַן אַטעאיסט. אַן איבערצייגטער מאַטעריאַליסט און אַ באַוווּסטזיניקער סאָציאַליסט".

באַקונין האָט גאַנץ אויפֿריכטיק פֿאַרערט מאַרקסן פֿאַר זיין וויסן און טאַלאַנט. ער איז אָבער ווייט נישט געווען פֿאַרליבט אין אים ווי אַ מענטש. דער רוסישער אַריסטאָקראַט און דער זון פֿון דעם דייטשן געשמדטן יידישן אַדוואָקאַט זיינען געווען גאַנץ פֿאַרשיידענע מענטשן, לויט זייערע טראַדיציעס און אידייען, אַזוי אַז זיי האָבן פֿון אָנהויב אָן איינער דעם אַנדערן נישט פֿאַרשטאַנען און נישט ליב געהאַט.

„מיר פֿלעגן זיך אָפֿט טרעפֿן, האָט באַקונין שפּעטער געשריבן וועגן יענעם פּאַריזער פּעריאָד, וויל איך האָב שטאַרק געהאַלטן פֿון זיין וויסן און פֿון זיין לײדנשאַפֿטלעכער און ערנסטער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פֿון פּראָלעטאַריאַט, הגם ער האָט שטענדיק געהאַט אין זיך אַ צומיש פֿון פּערזענלעכן פּוסטן שטאָלץ. איך האָב מיט נייגער געזוכט צו שמועסן מיט אים. ...אָבער עס איז קיין מאָל צווישן אונדז נישט געווען קיין אמתע אינטימקייט. אונדזערע טעמפּעראַמענטן האָבן עס נישט דערלאָזן. ער האָט מיך גערופֿן 'סענטימענטאַלער אידעאַליסט' און ער איז געווען גערעכט. איך האָב געהאַלטן, אַז ער איז צו פֿיל פֿאַרזויערט, אַ פֿאַלשער מענטש און אַ גרויסער בעל־גאווה — און אויך איך בין געווען גערעכט".

עס זיינען אַוועק צוואַנציק יאָר. באַקונין האָט אָט די צייט „פֿאַר־בראַכט" אין פֿאַרשיידענע טורמעס און אין סיביר. אין 1864 איז באַקונין געווען אין לאָנדאָן, וווּ קאַרל מאַרקס האָט שוין זייט פֿיל יאָרן געלעבט. פֿון זיין פֿריינט, דעם דייטשן שניידער לעסנער, האָט מאַרקס זיך דער־וווּסט, אַז באַקונין געפֿינט זיך אין לאָנדאָן. דאָס לעצטע מאָל האָט מאַרקס אים געזען מיט זעכצן יאָר פֿריער אין בערלין. איצט איז ער געווען נייגעריק צו טרעפֿן זיך ווידער מיט אים. דאָס איז געווען פּונקט אין אַ מאָנאַט אַרום, נאָך דעם ווי דער ערשטער סאָציאַליסטישער אינ־טערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן און מאַרקס האָט פֿאַרפֿאַסט דעם גרינדונגס־מאַניפֿעסט און די סטאַטוטן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוול צו באַקונינען, אַז ער וואָלט געוואָלט קומען צו אים מאָרגן. באַקונין האָט תיכף אים געבעטן קומען. זייער באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען דעם 3טן נאָוועמבער, 1864. אויף מאָרגן האָט מאַרקס געשריבן צו פֿרידריך ענגעלסן וועגן זיין וויזיט ביי באַקונינען: „איך מוז זאָגן, אַז ער געפֿעלט מיר איצט אַ סך מערער ווי פֿריער... ער איז איינער פֿון די געציילטע מענטשן וועגן וועמען איך פֿיל, אַז ער איז נאָך די זעכצן יאָר געגאַנגען פֿאָרויס, נישט אויף צוריק".

מאַרקס און באַקונין האָבן געשמועסט וועגן דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863. באַקונין האָט דערקלערט, אַז דער דורכפאַל פון דעם אויפ־שטאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פּראָקלאַמירן אַ „פּויערים סאָציאַליזם". איצט, האָט באַקונין געזאָגט, נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון דעם פּוילישן אויפשטאַנד, וועל איך זיך באַטייליקן נאָר אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג".

דער שמועס צווישן באַקונינען און מאַרקסן האָט לאַנג נישט געדויערט. זיי האָבן זיך פריינדלעך געזעגנט (באַקונין האָט זיך געאײַלט צו פאָרן קיין איטאַליע), שטאַרק צופרידענע איינער מיטן צווייטן און מיט דער האָפענונג צו אַרבעטן צוזאַמען. אין פלאָרענץ האָט דערנאָך באַקונין אין פאַרלויף פון קאַרגע דריי מאָנאַטן באַקומען פון מאַרקסן אַ פּאָר בריוו. מאַרקס האָט אים צוגעשיקט עטלעכע קאָפּיעס פון „גרינדונגס־מאַניפעסט" פון אינטערנאַציאָנאַל און געבעטן איבערגעבן איין קאָפּיע דעם באַרימטן איטאַליענישן פרייהייטס־קעמפער גאַריבאַלדין און זען, אַז דער מאַניפעסט זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף איטאַליעניש. באַקונין האָט גלייך געענט־פערט מאַרקסן, אַז ער וועט מיט פאַרגעניגן דערפילן זיין בקשה.

אין גיכן איז באַקונין אַריינגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין אינטערנאַ־ציאָנאַל און דאָרטן זיינען זייערע וועגן זיך גיך צעגאַנגען. פונקט ווי באַקונין האָט אויך מאַרקס געגלייבט אין גוואַלדזאַמער רעוואָלוציע. אָבער מאַרקס האָט געגלייבט אין אַן אָרגאַניזירטער רעוואָלוציע, געפירט פון אַ באַוווסטזיניקן און דיסציפּלינירטן פּראָלעטאַריאַט. באַקונין, ווידער, האָט געלייגט אַלע זיינע האָפענונגען אויף אַ פּויערים־בונט אָדער אויף אַ ספּאָנטאַנעם אויפשטאַנד פון אַ שטאַרק דערצאָרנטן שטאָטישן המון. באַקונין האָט באַשולדיקט מאַרקסן, אַז ער וויל פאַרכאַפּן די מאַשין פון שטאַט, נישט פאַרניכטן זי, וואָס דאָס איז טאַקע געווען אמת. מאַרקס האָט געוואָלט „פון אויבן" באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט און די גאַנצע מענטשהייט דורכן שטאַט. באַקונין, ווידער, האָט געזוכט פרייהייט אין דער פאַרניכטונג פון דעם שטאַט און פון דער גאַנצער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג, וואָס מאַרקס האָט עס באַטראַכט פּשוט ווי משוגעת.

אין דעם קאַמף צווישן די באַקוניניסטן און די מאַרקסיסטן אין דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אויך דער פּערזענלעכער עלעמענט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. באַקונין האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל ווערט אין גאַנצן דאָמינירט פון קאַרל מאַרקסן. האָט ער אָרגאַניזירט אַ געהיימען „אַליאַנס" מיטן צוועק אַריינ־צובאַקומען אין זיינע אייגענע הענט דעם קאָנטראָל איבער דעם אינטער־נאַציאָנאַל. די אָנהענגערס פון מאַרקס, מערסטנס יידן, האָבן זיך געסטאַרעט

צו דיסקרעדיטירן באַקונינען, פֿאַרשפּרייטנדיס קלאַנגען, אַז ער איז אַן אַגענט פֿון דער צאַרישער רעגירונג, אַז ער שטרעבט צו אַ דיקטאַטור אאַז"וו. טייל האָבן טאַקע געגלייבט אין דעם, אַנדערע האָבן איינפֿאַך באַוווּסטזיניק געוואָלט אויפֿהעצן מאַרקסן קעגן באַקונינען. אין אַ בריוו צום שפּאַנישן מיטגליד פֿון באַקונינס „אַליאַנס" אַנסטמאָ לאָרענצאָ, דאַטירט דעם 7טן מאַי, 1872, האָט באַקונין געשריבן:

„איר ווייסט, אַז ביי יעדער געלעגנהייט שילדערן זיי מיר ווי דעם הויפּט פֿון אַ שיטה אין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיי רופֿן אַן אַנאַרכיסטיש — דאָס איז אַ כבוד, וואָס איך האָב ניט פֿאַרדינט. איך בין ניט קיין פֿילאָסאָף און נישט קיין אויסגעפֿינער פֿון סיסטעמען ווי מאַרקס. איך בין אויך נישט דאָס וואָס מען רופֿט אַ געלערנטער און איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין פּרעטענזיע צו פֿאַרגלייכן מיינע נישט־גענוגיקע, נישט פֿולע און פֿון דער צווייטער האַנט באַקומענע קענטענישן מיט זיין (מאַרקס') בילדונג, וואָס איז באמת קאָלאָסאַל. איך בין קיין מאָל נישט אַרויסגעטראָטן ווי דער הויפּט פֿון אַ פּאַרטיי אָדער שולע, און פֿון דער צייט אָן, וואָס איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פֿון אינטערנאַציאָנאַל, ד"ה פֿון 1868סטן יאָר, האָב איך שטענדיק געהאַלטן פֿאַר אַ כבוד פֿאַר זיך צו זיין אַן איינפֿאַכער אינטערנאַציאָנאַליסט. מיין איינציקער פֿאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס איך בין ליידנשאַפֿטלעך איבערגעגעבן די פּרינציפּן, וואָס איך האַלט פֿאַר ריכטיקע, און וואָס איך פֿאַרטיידיק און פּראָפּאַגאַנדיר מיינע מיינונגען מיט דער גאַנצער ענערגיע, אויף וויפֿל איך בין פֿעיק. קיין זאַך און קיינער האָט ביז איצט נישט געקענט אָפּרייסן מיך פֿון זיי און איך האָף, אַז ביז מיין לעצטן אָטעם וועט קיין זאַך און קיינער נישט קענען מיך אָפּרייסן".

אין זעלביקן בריוו האָט באַקונין געשריבן וועגן מאַרקסן: „מיר איז קיין מאָל אין קאָפּ נישט איינגעפֿאַלן דער געדאַנק אַרויסצוטרעטן ווי אַן אַנטאַגאָניסט פֿון מאַרקסן... איך קען מאַרקסן שוין לאַנג, און כאָטש איך באַדויער מיט געוויסע באמת־אָפּשטויסנדיקע שטריכן פֿון זיין כאַראַקטער, וועלכע פֿירן איבער דאָס גוטע, וואָס ער איז פֿעיק צו טאָן און וואָס ער טוט, האָב איך דאָך שטענדיק געשעצט מאַרקסן באמת מערקווירדיקן קאָפּ און זיין פֿעסטע, אַקטיווע, אונטערנעמערישע און ענערגישע איבערגעגעבנקייט פֿאַר דער זאַך פֿון באַפֿרייונג פֿון פּראָלעטאַריאַט. איך האָב אָנערקענט און אָנערקען זיינע קאָלאָסאַלע פֿאַרדינסטן פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס ער איז געווען איינער פֿון זיינע גרינדערס, וואָס דאָס גיט אים, לויט מיין מיינונג, דאָס גרעסטע רעכט אויף לויב... אָבער דאָס אַלץ רעדט נישט צו גונסטן פֿון מאַכן דעם אינטערנאַציאָנאַל אַ בלינדן אינסטרומענט פֿון מאַרקסן, און איך דערקלער אָן שום וואַקלעניש, אַז אויב

עס וואָלט אויסגעקומען אויסצוקלייבן צווישן זיין דאָקטרין און זיין רעזיגנאַציע, וואָלט איך אויסגעקליבן זיין רעזיגנאַציע . . . פֿון מיין זייט וואָלט געווען לעכערלעך צו פֿאַרגלייכן מיינע קענטעניש... מיט מאַרקס׳ באמת־ברייטסטער און טיפֿער ערודיציע. פֿאַר אָט דער ערודיציע בייג איך גערן מיין קאָפּ, אָבער איך נעם זי נישט אָן בלינד. איך שעץ זייער די ווינסשאַפֿט, די אמתע ווינסשאַפֿט, די פּאָזיטיווע ווינסשאַפֿט און איך וועל זי נאָך מער שעצן, ווען זי וועט ווערן אַן אַלגעמיינע ווינסשאַפֿט, די ווינסשאַפֿט פֿון פֿאָלק. אָבער מיט אַלע כוחות פֿון מיין נשמה פּראָטעסטירט איך קעגן הערשאַפֿט פֿון די געלערנטע" . . .

איך וועל דאָ נישט איבערגעבן די גאַנצע געשיכטע פֿון דעם קאַמף צווישן די מאַרקסיסטן און באַקוניסטן, וואָס אי־ר סוף איז געווען, אַז באַקונין און זיינע אָנהענגערס זיינען אין יאָר 1872 אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון אינטערנאַציאָנאַל. ווען מען פֿאַרגעסט אָן די אַלע פּערזענלעכע אָנפֿאַלן און אינטריגעס פֿון ביידע צדדים, בלייבט נאָך דער פֿאַקט, אַז באַקונין איז געווען דער יעניקער, וואָס איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַזוי גערופֿענער „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט", וואָס מאַרקס האָט אין יענע יאָרן געפּרעדיקט און באַקונין האָט פֿאָרויסגעזאָגט, מיט וואָס אַזאַ דיקטאַטור וועט זיך מוזן ענדיקן.

„אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט (לויטן „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" פֿון מאַרקסן) ווערן דער הערשנדיקער קלאַס, טאָ איבער וועמען וועט ער הערשן" ? פֿרעגט באַקונין, „הייסט עס, אַז עס וועט פֿאַרבלייבן נאָך אַן אַנדער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט זיין אונטערגעוואָרפֿן דער נייער הערשאַפֿט, דער נייער מלוכה. צום ביישפּיל, דער פּויערישער המון, וואָס געפֿינט נישט קיין חן אין די אויגן פֿון די מאַרקסיסטן. אין דער אמתן, זאָגט באַקונין, קען ווענן אַ דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט ווי אַ קלאַס קיין רייד נישט זיין. אונטער אָט דער הויכער פֿאָרמולע, זאָגט ער, באַהאַלט זיך די דיקטאַטור פֿון אַ קליינער גרופּקע פּירערס. „וואָס הייסט דער פּראָלעטאַריאַט, אַ דערהויבענער צו דער מדרגה פֿון אַ הערשנדיקן קלאַס" ? פֿרעגט באַקונין — „צי דען וועט דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט שטיין אין שפּיץ פֿון דער הערשאַפֿט ? די אַזוי גערופֿענע פֿאָלקס־מלוכה וועט זיין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ דעספּאָטישע הערשאַפֿט איבער די פֿאָלקסמאַסן פֿון אַ נייער און זיכער נישט צאָלרייכער אַריסטאָקראַטיע, פֿון אמתע אָדער כלומרשטע געלערטע. „די דאָזיקע אויסדערוויילטע לייט וועלן זיין טיף איבערציינגט, אַז זיי זיינען ווינסשאַפֿטלעכע סאָציאַליסטן. דער טערמין ווינסשאַפֿטלעכער סאָציאַליזם, וואָס חזרט זיך איבער כסדר אין די שריפֿטן פֿון לאַסאַלן און פֿון די מאַרקסיסטן, באַווייזט אונדז, אַז דער אַזוי גע־

רופֿענער פֿאָלקשטאַט וועט זיין נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ דעספּאָטישע הערשאַפֿט פֿון אַ קליינער אַריסטאָקראַטיע פֿון אמתע אָדער פֿאַלשע געלערטע איבער די פֿאָלקסמאַסן. די אומגעלערנטע מאַסן וועלן זיין פֿריי פֿון דאגות־רעגירונג. זיי וועלן זיין די באַהערשטע סטאַדע...

„די מאַרקסיסטן וועלן קאָנצענטרירן די מאַכט פֿון רעגירן אין אַ שטאַרקער האַנט, מחמת דאָס אומוויסנדיקע פֿאָלק נייטיקט זיך אין אַ שטרענגען באַשיצער. זיי וועלן איינשטעלן אַן איינציקע מלוכה־באַנק, וואָס וועט קאָנטראָלירן דעם האַנדל, די אינדוסטריע, די אַגריקולטור און די ווּיסנשאַפֿט. די פֿאָלקסמאַסן וועלן זיין צעטיילט אין צוויי אַרמייען, אין אַן אינדוסטריעלער און אין אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער, איבער וועלכע עס וועלן קאָמאַנדעווען מלוכה־אינזשעניערן, וועלכע וועלן מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ נייעם פּריווילעגירטן קלאַס".

„די מאַרקסיסטן, האָט באַקונין געשריבן, טרייסטן זיך מיטן געדאַנק, אַז די דיקטאַטור וועט זיין אַ ציטווייליקע און אַ קורצע. מיר ענטפֿערן: קיין דיקטאַטור קען נישט האָבן קיין אַנדער ציל, ווי פֿאַראייביקן זיך און דערציען אין פֿאָלק נאָר שקלאַפֿעריי. פֿרייהייט קען געשאַפֿן ווערן נאָר דורך פֿרייהייט, ד"ה, דורך אַ פֿרייער אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון אויבן ביז אַרונטער".

אויף דער טענה פֿון די מאַרקסיסטן, אַז די אָנפֿירנדיקע מינדערהייט אונטער דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט וועט באַשטיין נישט פֿון קאַפּיטאַליסטן און רייכע גוטס־באַזיצערס, נאָר פֿון אַרבעטערס, האָט באַקונין געענטפֿערט:

„יאָ, קען זיין, פֿון געוועזענע אַרבעטערס, וואָס וועלן אָנהייבן קוקן אויף דער גאַנצער שוואַרץ־אַרבעטנדיקער וועלט פֿון דער מלוכהשער הייכקייט. זיי וועלן שוין פֿאַרטרעטן נישט דאָס פֿאָלק, נאָר זיך אַליין און זייערע פּרעטענזיעס אויף צו הערשן איבערן פֿאָלק".

באַקונין האָט אויך געשריבן, אַז „אַ רעוואָלוציע הערט אויף צו זיין אַ רעוואָלוציע, ווען זי הערשט דעספּאָטיש און ווען אַנשטאָט זי זאָל אַרויסרופֿן אין די מאַסן פֿרייהייט, רופֿט זי אַרויס... רעאַקציע".

אָט אַזוי האָט מיכאַאיל באַקונין נאָך מיט איבער הונדערט יאָר צוריק נביאות געזאָגט צו וואָס אַ „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט" וועט ברענגען — און זיין נבואה איז מקוים געוואָרן.

.4

באַקונין איז געווען אַ ביטערער קעגנער פֿון צענטראַליזם, מאַרקס, ווידער, איז געווען אַ צענטראַליסט. אין קאַמף קעגן מאַרקס צענטראַליזם און קעגן דער „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט", וואָס מאַרקס האָט דער־מאָלט געפּריידיקט, איז באַקונין געווען דורכויס גערעכט און ער האָט פֿאָרויסגעזען צו וואָס אַזאַ דיקטאַטור וועט פֿירן. אָבער דער אומדערשראָ־קענער רעוואָלוציאָנער, דער גרויסער אידעאַליסט און אינטערנאַציאָנאַליסט באַקונין איז ווייט נישט געווען אָביעקטיוו אין אָפּשאַצן דעם כאַראַקטער פֿון יידן און זייער ראָלע אין אַלגעמיינעם לעבן. דאָס איז געווען אַ רעזול־טאַט דער עיקר פֿון זיין ביטערן קאַמף קעגן קאַרל מאַרקסן דעריבער גע־פֿינען זיך אין זיינע בריוו און אַרטיקלען פֿאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע שטעלן.

דערפֿאַר האָט אָבער באַקונין טיף און גרינטלעך אַנאַליזירט און דער־קלערט די פּסיכאָלאָגיע פֿון די דייטשן, שוין מיט איבער 100 יאָר צוריק האָט ער געשריבן, אַז „ווי אמתע קנעכט פֿרייען זיך די דייטשן מיט די דערפֿאָלגן פֿון זייערע הערשערס און שטאָלצירן מיט דער מאַכט פֿון זייערע האַרן. דער פּראָטעסטאַנטום, וואָס האָט אין אַנדערע לענדער אויב נישט אַרויסגערופֿן, איז לכל־הפּחות סטימולירט און באַגלייט די באַפֿרייונגס־באַוועגונגען פֿון די פֿעלקער, האָט נאָר אין איין דייטשלאַנד דערפֿירט צו פּונקט אַ פֿאַרקערטן רעזולטאַט. דאָ (אין דייטשלאַנד) איז ער געוואָרן די רעליגיע פֿון דעספּאָטיזם. און בכלל האָט דאָס דייטשע פֿאָלק אָנגע־נומען דעם פּראָטעסטאַנטום נאָר דערפֿאַר, וואָס דאָס האָבן געטאָן די דייטשע קעניגן. אַ נייער באַווייז פֿון דער שקלאַפֿישער נאַטור פֿון דאָזיקן פֿאָלק".

דער דייטשער אימפּעריאַליזם אָדער „פּאַנגערמאַניזם", ווי מען האָט עס גערופֿן אין באַקונינס צייטן, איז אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פֿון דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פֿון דער דייטשער נאַצ'יע, האָט באַקונין געשריבן. „מאַראַליזירן, ציוויליזירן, גערמאַניזירן" די אַנדערע פֿעלקער איז דער לאָזונג פֿון די דייטשע פּאַטריאָטן, וואָס גלייבן אפֿשר אויפֿריכטיק, אַז די אינטערעסן פֿון דייטשלאַנד פֿאַלן צונויף מיט די אינטערעסן פֿון דער מענטשהייט. זייענדיק דאָס אונטערטעניקסטע און געהאָרכזאַמסטע פֿאָלק אין דער וועלט, ווילן די דייטשן אין דער זעלביקער צייט פֿאַרכאַפּן פֿרעמדע טעריטאָריעס און סיסטעמאַטיש איינשלינגען אַנדערע פֿעלקער. דער דורשט נאָך מאַכט פֿון זיי, איבערהויפּט אין דער איצטיקער צייט, די געפֿערלעכסטע נאַציע פֿאַר אַלוועלטלעכער פֿרייהייט". און אירע פֿירערס,

די געזעצגעבערס פֿון דער דייטשער "געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, ביז אירע עקסטרעמסטע פֿאַרשטייערס, ניט נאָר באַמיִען זיי זיך נישט קעגנצושטעלן אַט די שעדלעכע אינסטינקטן און שטרעבונגען, נאָר פֿאַרקערט, זיי באַמקען גאָר זיי צו און בלאָזן זיי נאָך מער פֿונאַנדער".

באַקונין האָט עס געשריבן אין די 60יקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט. אונדזער דור האָט געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אַז באַקונין איז געווען גערעכט אין אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן די דייטשן.

אין יאָר 1869 האָט דער יידיש־דייטשער סאָציאַליסט מאָזעס העס אָפּגעדרוקט אין אַ פֿראַנצויזישער צייטונג אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט קריטיקירט באַקונינען. איז באַקונין געוואָרן אַן אויפֿגעבראַכטער, ווען ער האָט איבערגעלייענט העס' אַרטיקל און ער האָט גלייך אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל קעגן העסן. ער האָט דעם מאַנוסקריפּט רצוגעשיקט צו אַלעק־סאַנדער הערצענען און געבעטן אים עס אָפּצודרוקן אין דעם זעלביקן זשור־נאַל, וווּ ס'איז געווען געדרוקט דער אַרטיקל פֿון העסן. הערצען האָט אין העם אַרטיקל נישט געפֿונען דאָס, וואָס באַקונין האָט אין אים דערזען און ער האָט זיך אַפֿילו געוווּנדערט, וואָס באַקונין האָט מיט אַזאַ היץ רעאַגירט אויף יענעם אַרטיקל. הערצען האָט, אַגב, אויך באַמערקט, אַז ער קען ניט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס באַקונין גיסט אויס זיין גאַנצן כעס אויף מאַרקסעס פֿריינד און תּלמידים און לאָזט אין גאַנצן צו רו זייער רבין מאַרקס, וואָס שטייט הינטער זיי... הערצען האָט אים אויך געראָטן אַרויסצוואַרפֿן די אַלע אַנטיסעמיטישע ערטער פֿון זיין ענטפֿער. אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 28סטן אָקטאָבער, 1869, האָט באַקונין געשריבן צו הערצענען:

„וועגן מאַרקסן איז אָט מיין ענטפֿער. איך ווייס פּונקט אַזוי גוט ווי דו, אַז מאַרקס איז פּונקט אַזוי שולדיק קעגן אונדז, ווי אַלע אַנדערע און אַז ער איז אַפֿילו דער איניציאַטאָר און דער אויפֿהעצער צו די אַלע מיאוסע מעשים קעגן אונדז. פֿאַר וואָס־זשע האָב איך אים געשאַנעוועט און אַפֿילו געלויבט, אָנרופֿנדיק אים גיגאַנט? — צוליב צוויי סיבות: די ערשטע סיבה איז גערעכטיקייט. איבעלאָזנדיק אָן אַ זייט אַלע זיינע מיאוסע טאַטן קעגן אונדז, קען מען דאָך ניט אָנערקענען די ריזיקע פֿאַרדינסטן זיינע פֿאַרן סאָציאַליזם, וועמען ער דינט קלוג, ענערגיש און געטריי שוין באַלד 25 יאָר זינט אונדזער באַקאַנשאַפֿט און אַז אין דעם האָט ער אונדז אָן ספֿק אַריבערגעיאָגט. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע, שיער נישט דער הויפּטגרינדער פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס איז אין מיינע אויגן אַ מוראַדיקער פֿאַרדינסט, וועלכן איך וועל אַלע מאָל אָנערקענען, וואָס ער זאָל נישט אָפּטאָן קעגן אונדז"... און פֿאַר־

ענדיקט זיין לאַנגן בריוו צו הערצענען האָט באַקונין מיט די ווייטער־דיקע ווערטער:

„מאַרקס איז אָן ספק אַ נוצלעכער מענטש אין אינטערנאַציאָנאַל. ער איז אין אים נאָך ביז היינט איינער פון די סאַמע פעסטע, קלוגסטע און איינפלוסרייכסטע זיילן פון סאָציאַליזם, איינער פון די שטאַרקסטע שוץ־ווענט קעגן דער אַריינדרינגונג אין אים פון וועלכע עס איז בורזשואַזע ריכטונגען און גערדאַנקען. איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט מוחל געווען, ווען איך וואָלט, כדי צו באַפרידיקן פערזענלעכע נקמה פאַרניכטן אָדער אפילו פאַרקלענערט זיין אָן־ספקדיקן גוטן איינפלוס. עס קען געשען — און עס וועט מסתמא געשען — אַז מיר וועט אין גיכן אויסקומען אַרויס־צוטרעטן אין אַ קאַמף קעגן אים נישט אויס פערזענלעכער באַליידיקונג, נאָר איבער אַ פּראַגע וועגן פּרינציפּ, וועגן שטאַט־קאָמוניזם, וואָס ער און די פּאַרטייען, וואָס ווערן פון אים אָנגעפירט, די ענגלישע און דייטשע, זיינען פאַרברענטע אָנהענגערס פון אים. דעמאָלט וועלן מיר זיך שלאָגן אויף לעבן און טויט. אָבער היינט איז די צייט פאַר דעם נאָך נישט געקומען".

באַקונין איז באַלד נאָך דעם אַוועקגעפאָרן קיין לאָזאַנאַ, שווייץ, ווו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט איבערזעצן קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" פאַר אַ רוסישן פאַרלעגער און ער האָט באַקומען פאַר דעם אַן אַוואַנס פון 300 רובל. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם. אין אַ בריוו צום רוסישן פּאָעט־רעוואָלוציאָנער פּיאָטר אָגאַריאָוו, הערצענס פריינד, האָט באַקונין דעם 16טן דעצעמבער, 1869, געשריבן:

„די איבערזעצונג איז שרעקלעך שווער. אין אָנהייב האָב איך נישט געקענט איבערזעצן מערער ווי דריי זייטן אין אַ פרימאָרגן, איצט בין איך דערגאַנגען ביז פינף און האָף אין גיכן צו דערגיין ביז צען, דעמאָלט וועט גיין ווי געשמירט".

4.

באַקונין איז אָבער נישט באַשערט געווען צו פאַרענדיקן די איבער־זעצונג. הויפּטזעכלעך צוליב סערגעי ניעטשאַיעוון, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין באַקונינס לעבן, מיט וועמען באַקונין האָט אַ לענגערע צייט ענג מיטגעאַרבעט אין דערנאָך דורך דעם זיך שטאַרק דיסקרעדי־טירט אין די אויגן פון די מערסטע רוסישע און אויסלענדישע רעוואָלו־ציאָנערן און סאָציאַליסטן.

סערגיי ניעטשאַיעוו איז געבוירן געוואָרן דעם 20סטן סעפּטעמבער, 1847, אין אַ דאָרף אין וולאַדימירער גובערניע (איצט איוואַנאָ־וואָסנע־סענסק). ער האָט זיך פֿון אָנהייב געלערנט אין דער דאָרפֿישער שול. דערנאָך האָט ער אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף לערער און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג, וווּ ער איז אָנגעקומען ווי אַ פֿרייער צוהערער אין אוניווערסיטעט און איז גלייכצייטיק געווען אַ לערער אין אַ רעליגיעזער פֿאָלקשול. ווי אַזוי און ווען ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, איז נישט אויפֿגעקלערט, אָבער צו 21 יאָר איז ער שוין געווען אַ טעטיקער מיטגליד פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל. אַ מיטגליד פֿון דעם זעלביקן קרייזל איז אויך געווען פּיאָטר טקאַטשאָוו, אַ רעוואָלוציאָנערער שריפֿטשטעלער, פֿון וועמען לענין האָט שפּעטער אַ סך געלערנט. ניעטשאַיעוו האָט זיך באַלד אויסגעצייכנט ווי אַן אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר צווישן די סטודענטן. די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין טעטיקייט און ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן פּעטערבורג. אָבער אַנטלויפֿן האָט ער באַשלאָסן נישט איינפֿאַך.

ווערע זאַסוליטש, דעמאָלט נאָך אַ 15יאָריקן מיידל, האָט איין פֿרימאָרגן באַקומען דורך פּאָסט אַ קאָנווערט מיט צוויי צעטלעך. אין איינעם איז געווען געשריבן: „גייענדיק היינט איבער וואַסילעווסקי אָסטראָוו האָב איך באַגעגנט אַ קאַרעטע, אין וועלכער מען פֿירט אַרעסטאַנטן, פֿון איר האָט זיך אַרויסגערוקט אַ האַנט און האָט אַוויסגעוואָרפֿן אַ צעטעלע, דערביי האָט איך דערהערט די ווייטערדיקע ווערטער: „אויב איר זייט אַ סטודענט, גיט עס איבער לויטן אַדרעס". איך בין אַ סטודענט און איך האַלט פֿאַר מיין פֿליכט צו דערפֿילן די בקשה. פֿאַרניכט מיין צעטעלע". קיין אונטערשריפֿט איז נישט געווען. אויפֿן צווייטן צעטעלע איז אין ניעטשאַיעווס האַנטשריפֿט געווען געשריבן: „מיך פֿירט מען אין אַ פֿעסטונג, אין וועלכער ווייס איך נאָך ניט. לאָזט וויסן די חברים. איך האָף צו זען זיך מיט זיי, זאָלן זיי ווייטער פֿירן אונדזער אַרבעט".

די סטודענטן האָבן געגלייבט און זיי האָבן געפֿאָדערט, אַז מען זאָל ניעטשאַיעוון באַפֿרייען פֿון אַרעסט.

אין גיכן האָט איינער פֿון ניעטשאַיעווס פֿריינד באַקומען פֿון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט דערציילט, אַז ער איז פֿריער געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג, דערנאָך האָט מען אים געפֿירט קיין סיביר, איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן און איצט געפֿינט ער זיך אין אויסלאַנד.

אין דער אמתן איז ניעטשאַיעוו אין דער פּעטראָפּאַלאָווסקער פֿעסטונג ניט געזעסן. קיין סיביר האָט מען אים ניט געפֿירט און קיין צעטעלע האָט ער גאָר ניט אַראָפּגעוואָרפֿן. ער האָט דיביידע צעטעלעך אַליין

אָנגעשריבן און האָט זיי אַליין איבערגעשיקט פֿון הויז. זאַסוליטש איז געווען אַ שוועגערין פֿון ניעטשאַיעווס אַ פֿריינד, אַ מיטגליד פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קרייז. ניעטשאַיעוו האָט זיך באַנוצט מיט אַט דעם שווינדל, כדי, ערשטנס, צו פֿאַרפֿעסטיקן זיין אייגענעם פּרעסטיזש צווישן די סטודענטן דורך אָנטאָן אויף זיך, אַזוי צו זאָגן, אַ קרוין פֿון אַ מאַר־טירער און, צווייטנס, כדי אַרויסצורופֿן דורך דעם אַ פֿאַרביטערונג קעגן דער רעגירונג און אויפֿהייבן די רעוואָלוציאָנערע שטימונג ביי די סטודענטן. אָבער כדי צו קענען ווערן שפּעטער דער פֿירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט ניעטשאַיעוו געמוזט קריגן די שטיצע פֿון די עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן נאָמען אין רוסלאַנד. באַזונדערס האָט ער זייער פֿיל געהאָפֿט אויף דער הילף פֿון באַקונינען און ער האָט זיך אין זיינע האָפֿענונגען טאַקע נית אָפּגענאַרט. ניעטשאַיעוו האָט זיך ס'ערשטע מאָל געטראָפֿן מיט באַקונינען סוף מערץ 1869 אין זשענעווע און ער האָט אויף באַקונינען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

די ערשטע באַגעגעניש צווישן ניעטשאַיעוון מיט באַקונינען איז פֿאָרגעקומען סוף מערץ 1869 אין זשענעווע. ניעטשאַיעוו האָט אויף באַקונינען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַלעקסאַנדער הערצענען איז ניעטשאַיעוו לחלוטין נישט געפֿעלן געוואָרן און ער האָט אויסגעמיידט צו באַגעגענען זיך מיט אים. באַקונין אָבער, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען 56 יאָר אַלט, האָט דעם 22 יאָריקן ניעטשאַיעוו אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס און האָט זיך באַלד מיט אים באַפֿריינדט. דער אַלטער רע־וואָלוציאָנערער העלד האָט דעמאָלט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט אין דער שווייצאַרישער שטאָט לאָקאַרנאָ. דאָך איז זיין הויז תמיד געווען אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם, וואָס פֿלעגט נאָר אויסדריקן אַ ווונטש צו אַרבעטן פֿאַר דער רעוואָלוציע. ווען באַקונין פֿלעגט זיך באַקענען מיט אַ מענטשן און אים פֿלעגט זיך אויסדוכטן, אַז יענער קען זיין נוצלעך פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פֿלעגט ער זיך מיט אים גלייך באַפֿריינדן און יענער פֿון זיין זייט פֿלעגט שוין באַלד אויף מאָרגן נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט ווערן אַ שטענדיקער איינגייער צו באַקונינען און ער פֿלעגט זיך פֿילן אין זיין געזעלשאַפֿט היימיש און פֿריי.

ניעטשאַיעוו איז באַקונינען גלייך שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. באַקונין האָט מיט גרויס באַגייסטערונג אויסגעהערט ניעטשאַיעווס געשיכטע, ווי אַזוי ער איז אַרעסטירט געוואָרן, ווי אַזוי מען האָט אים דערנאָך איינ־געשפּאַרט אין דער פּעטראָפּאַלאָווסקער פֿעסטונג און ווי אַזוי ער איז אויף אַ קונציקן אופֿן אַנטלאָפֿן אויפֿן וועג קיין סיביר. נאָך מער איז

באקונין באגייסטערט געוואָרן, ווען ניעטשאיעוו האָט אים פּאַרטרויט דעם סוד, אַז ער שטייט אין שפּיץ פון אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַני־זאַציע, וואָס האָט אים געשיקט קיין אויסלאַנד צו קריגן מאָראַלישע הילף ביי די עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן און דער עיקר ביי אים, ביי באַקונינען, וועמען די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע באַטראַכטן פאַר זייער רבין.

דאָס אַלץ האָט ניעטשאיעוו פּשוט אויסגעטראַכט, כדי צו קענען געווי־נען באַקונינס פולסטן צוטרוי צו אים און שפּעטער קענען אויסנוצן באַקונינען פאַר זיינע פּלענער אין רוסלאַנד. באַקונין, ווידער, האָט גע־האַפּט אויסצונוצן ניעטשאיעוון אויף צו שאַפן אין רוסלאַנד אַ באַקו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע. האָט ער דעריבער גלייך געגעבן ניעטשאיעוון די נייטיקע „מאָראַלישע הילף”. ער האָט אים אַרויסגעגעבן אַ באַפולמעכ־טיקונג אין נאָמען פון דער „אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער אַליאַנס” (פאַרבאַנד), אין וועלכער עס איז געווען געשריבן: „דער אייגנטימער פון דער שריפט איז דער פאַרטרוילעכער פאָרשטייער פון דער רוסישער סעקציע פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער אַליאַנס, נומער 2771”.

אונטער דער שריפט איז געווען באַקונינס זיגל און אונטערשריפט.

דער אַליין־געקרוינטער פירער פון דער ניט־עקסיסטירנדיקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, ניעטשאיעוו, האָט אַזוי אַרום באַקומען פון באַקונינען אַ מאַנדאַט צו זיין דער פאַרטרעטער אין רוסלאַנד פון דער „אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער אַליאַנס”, וואָס האָט אין דער אמתן גאָרנישט עקסיסטירט. באַקונין האָט עס געטאָן דערפאַר, וואָס ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון ניעטשאיעווס שטאַרקער פּערזענלעכקייט און דערפאַר, וואָס ניעטשאיעוו האָט, פּונקט ווי ער, דערקלערט, אַז אַ געוואַגטע און מוטיקע רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט וועט קענען אַרויסרופן אַ פאָלקס־אויפשטאַנד און אַראָפּוואַרפן די עקסיסטירנדיקע אָרדענונג. ניעטשאיעוו האָט פּשוט באַצויבערט דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער און גרויסן פאַנטאַ־זיאָר. באַקונין האָט אין ניעטשאיעוון דערזען דעם מאַן, וואָס קאָן אָר־גאַניזירן אָט די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט, וואָס וועט אַרויסרופן דעם היים־געגאַרטן פאָלקס־אויפשטאַנד.

באַקונין האָט גלייך געהאָלפן ניעטשאיעוון באַקומען געלט און אַרויס־געבן אַ בראָשור. ער האָט אים אויך געהאָלפן אויסאַרבעטן די „פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג” און דעם „קאַטעכיזם פון אַ רעוואָ־לוציאָנער”. אין אַ פּאָר חדשים אַרום, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ניעטשאיעוו זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין מאָסקווע און האָט דאָרט גלייך אָנגעהויבן דורכפירן זיין פּלאַן.

אַז באַקונין איז אויף אַן אמת געווען באַצויבערט פון ניעטשאַיעוון קען מען זען פון דעם וויטערדיקן בריוו באַקונינס צו זיין פריינד גיליאָט, דאַטירט דעם 13טן אַפּריל 1869:

„איצט בין איך ביזן האַלדז פאַרנומען מיט די געשעענישן אין רוסלאַנד. אונדזער יוגנט, וועלכע איז אין טעאָרעטישן און פּראַקטישן זינען אפשר די רעוואָלוציאָנערסטע אין דער גאַנצער וועלט, באַוועגט זיך, האָט די רעגירונג דעריבער געשלאָסן אַלע אוניווערסיטעטן, אַקאַדעמיעס און פיל אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן אין פּעטערבורג, מאָסקווע און קאַזאַן. ביי מיר געפינט זיך איצט איינער אַזאַ מוסטער פון אָט די יונגע פאַנאַטיקערס, וועלכע ווייסן נישט פון צווייפלען, שרעקן זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ און האָבן פּרינציפּיעל באַשלאָסן, אַז אַ סך, אַ סך פון זיי וועלן אומקומען דורך די הענט פון די רעגירנדיקע, אָבער זיי וועלן זיך נישט באַרואיקן, ביז וואַנען דאָס פאָלק וועט נישט אויפשטיין. זיי זיינען פּרעכטיק, אָט די יונגע פאַנאַטיקערס".

פון זינט דער „קאַטעכיזם פון אַ רעוואָלוציאָנער" איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן איז שוין אַריבער הונדערט יאָר און די דעבאַטע וועגן דעם ווער עס איז אין דער אמתן געווען דער פאַרפאַסער פון דעם „קאַטעכיזם" — ניעטשאַיעוו אָדער באַקונין — גייט נאָך אַלץ אָן.

דער „קאַטעכיזם פון אַ רעוואָלוציאָנערער" באַשטייט פון 26 פּאַראַגראַפן. איך וועל דאָ איבערגעבן נאָר אַ פּאָר פון די וויכטיקסטע פּאַראַגראַפן: אין פּאַראַגראַף 1 ווערט געזאָגט:

„אַ רעוואָלוציאָנער — איז אַ מענטש אַ פאַראורטיילטער. ער האָט נישט קיין אייגענע אינטערעסן, נישט קיין געשעפטן, נישט קיין געפילן, נישט קיין צוגעבונדנקייטן, נישט קיין אייגנטום און אפילו נישט קיין נאָמען. זיין איינציקער אינטערעס, זיין איינציקער געדאַנק, זיין איינציקע ליידנשאַפט — איז רעוואָלוציע.

פּאַראַגראַף 4:

„אַ רעוואָלוציאָנער פאַראַכט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. ער פאַראַכט און האַסט די איצטיקע געזעלשאַפטלעכע מאָראַל אין אַלע אירע שטרעבונגען און אויסדרוקן. מאָראַליש איז פאַר אים אַלץ, וואָס עס העלפט דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע. אוממאָראַליש און פאַרברעכעריש איז דאָס, וואָס עס שטערט דער רעוואָלוציע;

פּאַראַגראַף ד: „די נאַטור פון אַן אמתן רעוואָלוציאָנער שליסט אויס יעדן ראָמאַנטיזם, יעדע פילעוודיקייט, אַנטציקונג און הייסע ליבע. זי שליסט אפילו אויס פּערזענלעכן האַס און נקמה, די רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט, ווערנדיק אין אים אַ געוווינהייט, דאַרף זיך פאַראייניקן מיט

קאַלטער אויסרעכענונג. שטענדיק און אומעטום דאַרף ער זיין נישט דאָס, צו וואָס עס שטויסן אים זיינע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס, נאָר דאָס, וואָס עס שרייבט אים פֿאָר דער אַלגעמיינער אינטערעס פֿון דער רעוואָלוציע".

פּאַראַגראַף 23: „אונטער אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציע פֿאַרשטייען מיר נישט אַ רעגלאַמענטירטע באַוועגונג לויט דעם קלאַסישן מערב־אייראָפּעיִשן מוס־טער — אַ באַוועגונג, וואָס אָפּשטעלנדיק זיך שטענדיק מיט רעספּעקט פֿאַר אייגנטום און פֿאַר די טראַדיציעס פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פּאַראַנדקעס פֿון דער אַזוי גערופֿענער ציוויליזאַציע און מאָראַל, האָט ביז איצט זיך באַגרענעצט אומעטום מיט צעשטערן איין פּאָליטישע פֿאָרעם, כּדי צו פֿאַרבייטן זי מיט אַ צווייטער און האָט געשטרעבט צו שאַפֿן אַן אַזוי גערופֿענעם רעוואָלוציאָנערן שטאַט. אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציע קען זיין נאָר אַזאַ, וואָס וועט פֿאַרניכטן אין וואָרצל יעדע שטאַטלעכקייט און וועט אויסראָטן אַלע שטאַטלעכע טראַדיציעס, פּאַראַנדקעס און קלאַסן אין רוסלאַנד;

פּאַראַגראַף 24: „מיר האָבן דעריבער נישט בדעה אַרויפֿצוצווינגען אויפֿן פֿאָלק אַ וואָסערע עס איז אָרגאַניזאַציע פֿון אויבן. די צוקונפֿטיקע אָרגאַניזאַציע וועט זיך אָן שום ספֿק אויסאַרבעטן פֿון דער פֿאָלקס־באַווע־גונג און פֿון לעבן, אָבער דאָס איז אַ זאַך פֿאַר די צוקונפֿטיקע דורות. אונדזער זאַך — איז די שרעקלעכע, פֿולשטענדיקע, רחמנותלאָזע צע־שטערונג — אומעטום".

פּאַראַגראַף 25: „דעריבער, דערנענטערנדיק זיך מיטן פֿאָלק, דאַרפֿן מיר פֿריער פֿון אַלץ זיין פֿאַראייניקט מיט יענע עלעמענטן פֿון פֿאָלקסלעבן, וואָס האָבן פֿון דער צייט פֿון דער גרינדונג פֿון דער מאָסקווער שטאַטס־מאַכט נישט אויפֿגעהערט צו פּראָטעסטירן נישט דורך ווערטער, נאָר דורך טאַטן קעגן אַלץ, וואָס איז דירעקט אָדער אומדירעקט פֿאַרבונדן מיטן שטאַט: קעגן דעם אַדל, קעגן די טשינאָווניקעס, קעגן די גלחים, קעגן דער סוחרים־וועלט און קעגן די קולאַקעס. לאָמיר זיך פֿאַרייניקן מיט דער גזלנים־וועלט, מיט אָט דעםווירקלעכן און איינציקן רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד".

פּאַראַגראַף 26: „פֿאַראייניקן אָט די וועלט אין איין אומבאַזיגלעכער, אַלץ צעשטערנדיקער קראַפֿט — דאָס איז אונדזער גאַנג — אָרגאַניזאַציע, קאָנספּיראַציע און אויפֿגאַבע".

איצט ווייס מען אויף זיכער, אַז רעדאַקטירט אָדער „ליטעראַריש באַאַרבעט" עס „קאַטעכיזם פֿון אַ רעוואָלוציאָנער" האָט באַקונין. אייניקע פּאַראַגראַפֿן זיינען אַזוי ווי אַרויסגענומען פֿון באַקונינס ווערק. אָבער דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַזאַ „קאַטעכיזם" איז געווען ניעטשאַיעווס

און אייניקע פּאַראַגראַפֿן האָט ניעטשאַיעוו דיקטירט באַקונינען און אָנגע־שריבן פֿאַר באַקונינען, אַזוי אַז מען קען זאָגן, אַז די פֿאַרפֿאַסערס פֿון דעם קאַטעכיזים זיינען געווען ניעטשאַיעוו און באַקונין (באַקונין האָט קיין מאָל נישט געלייקנט, אַז ער איז געווען דער פֿאַרפֿאַסער אָדער איינער פֿון די פֿאַרפֿאַסערס פֿון דעם קאַטעכיזם).

אין מאָסקווע האָט ניעטשאַיעוו זיך גלייך גענומען שאַפֿן אַ שטרענג צענטראַליזירטע געהיימע אָרגאַניזאַציע, געבויט אויף דעם פּרינציפּ פֿון שטרענגסטער דיסציפּלין און אָנגעפֿירט פֿון אַן אַלמעכטיקן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אַ פּאָר מענטשן. די מיטגלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן באַדאַרפֿט זיין די דיקטאַטאָרן פֿון דער אָרגאַניזאַציע און די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָבן באַדאַרפֿט אויספֿאָלגן אַלע באַפֿעלן פֿון צענטראַל־קאָמיטעט. די פֿירערס דאַרפֿן האַלטן פֿעסט אין זייערע הענט אַלע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע און נישט אָפּשטעלן זיך פֿאַר קיין זאַך, כדי צו דערגרייכן זייער ציל.

אין רוסלאַנד האָט ניעטשאַיעוו אומעטום זיך אָנגעגעבן פֿאַר אַן אַגענט פֿון דעם אַלמעכטיקן צענטראַל־קאָמיטעט. אין דער אמתן איז דער דאָזיקער אַלמעכטיקער צענטראַל־קאָמיטעט געווען ער אַליין. קיין אַנדערע פֿירערס זיינען אין צענטראַל־קאָמיטעט נישט געווען. אָבער אים האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפֿן אַ ריי קרייזלעך, וועלכע זיינען געווען אונטערגעוואָרפֿן צו זיין דיקטאַטור. ווען עמעצער פֿון די מיטגלידער פֿון אַ קרייזל האָט נישט געוואָלט אויספֿאָלגן אַ וועלכן עס איז באַפֿעל זיינעם, האָט ניעטשאַיעוו אים געסטראַשעט צו פֿאַרמסרן אים צו דער „דריטער אָפּטיילונג", ד"ה דער צאַרישער „אָכראַנע" (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי), אָנווייזנדיק אויף אים ווי אויף אַ געפֿערלעכן רעוואָלוציאָנער.

פֿאַר ניעטשאַיעוון זיינען אַלע מיטלען געווען כשר. ער פֿלעגט זיך באַנוצן מיט ליגנס און מיסטיפֿיקאַציעס און ער האָט זיך אַפֿילו נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר באַגיין אַ מאָרד. ווען איין מיטגליד פֿון אַ קרייזל, אַ סטודענט מיטן נאָמען איוואַנאָוו, האָט נישט געוואָלט בלינד פֿאָלגן ניע־טשאַיעוון, האָט ניעטשאַיעוו אָרגאַניזירט זיין דערמאָרדונג און ער האָט אַליין אָנטייל גענומען אין דעם מאָרד. דאָס האָט געפֿירט צו דער אויפֿ־דעקונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ניעטשאַיעוו אַליין האָט באַוויזן צו אַנט־לויפֿן קיין אויסלאַנד, אָבער די אַנדערע אָנטיילנעמערס פֿון דעם איוואַ־נאָוו מאָרד זיינען אַרעסטירט געוואָרן, מען האָט זיי געמשפּט אין אַ געריכט און פֿאַראורטיילט צו קאַטאָרגע אויף פֿאַרשיידענע טערמינען. דער געניאַ־לער רוסישער שריפֿטשטעלער דאָסטאָיעווסקי האָט שפּעטער אויסגענוצט

די ניעטשאַיעוו־אָרגאַניזאַציע און די דערמאָרדונג פֿון איוואַנאָוון ווי אַ סור־זשעט פֿאַר זיין באַרימטן ראָמאַן „בעסי" (די שדים).

ווען ניעטשאַיעוו איז צוריקגעקומען קיין שווייץ, האָט מען אין די קרייזן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע זיך צו אים באַצויגן מיט אומצוטרוי. און ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אָרגאַני־זירט די דערמאָרדונג פֿון דעם סטודענט איוואַנאָוו, האָבן פֿ״ל אים פּשוט באַשולדיקט אין פּראָוואָקאַציע. באַקונין אָבער האָט אים פֿון אָנהייב ווידער אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס.

באַקונין האָט געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג פֿון קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" פֿון דייטש אויף רוסיש. די איבערזעצונג האָט ביי אים באַ־שטעלט אַ פּעטערבורגער פֿאַרלאַג. באַקונין האָט זיך דעמאָלט גראָד מער ווי שטענדיק געניייטיקט אין געלט, האָט ער דעריבער שווער געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג.

ניעטשאַיעוו האָט גלייך גענומען איינטענהן מיט באַקונינען, אַז אַזאַ זשעני ווי ער דאַרף נישט פֿאַרשווענדן זיין צייט און זיין ענערגיע אויף אַזוינע נאַרישקייטן, ווי איבערזעצן טרוקענע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק. ער קען אַ סך מער העלפֿן דער רעוואָלוציע אויף אַ דירעקטן אופֿן דורך דעם, וואָס ער וועט ווערן דער וואָרטפֿירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

באַקונין האָט מיט אים פֿולשטענדיק איינגעשטימט. ער האָט אים אָבער אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ער האָט שוין גענומען ביים פֿאַרלאַג דריי הונדערט רובל אויפֿן חשבון פֿון דער איבערזעצונג און אַז ער האָט דאָס געלט שוין לאַנג פֿאַרטאָן. האָט ניעטשאַיעוו זיך אונטערגענומען צו דערליידיקן די געלטפֿראַגע און געטאָן האָט ער עס אויף אַזאַ אופֿן:

די אונטערהאַנדלונגען מיט באַקונינען האָט דער פּעטערבורגער פֿאַר־לעגער געפֿירט דורך אַ רוסישן סטודענט מיטן נאָמען ליובאַווין, וועלכער האָט שטודירט אין אַ דייטשן אוניווערסיטעט. האָט ניעטשאַיעוו באַלד אָוועקגעשריבן צום סטודענט אַ בריוו אין נאָמען פֿון „צענטראַל־קאָמי־טעט" פֿון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ ראַספּראַוואַ" (פֿאָלקס־משפּט), אַז ער זאָל איבערגעבן דעם פּעטערבורגער פֿאַרלעגער, אַז ער זאָל צו רו לאָזן באַקונינען, ווען נישט וועט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ־ניזאַציע קעגן אים גלייך אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען.

צי באַקונין אַליין האָט געוווּסט פֿון אָט דעם בריוו ניעטשאַיעווס צו ליובאַווינען, האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט געוווּסט. אָבער די איבערזע־צונג פֿון „קאַפּיטאַל" האָט ער באַלד אָוועקגעוואָרפֿן און ער האָט צוזאַמען מיט ניעטשאַיעוון גענומען קודם כל זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו קריגן געלט אויף אַרויסצוגעבן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

באַקונין האָט שפּעטער אין אַ בריוו צו אַ פריינט דערציילט, אַז ניעטשאַ־יעוו האָט זיך באַמיט צוזאַמענצושטעלן אין דער שווייץ „אַ באַנדע פון גנבים און מערדערס מיטן צוועק אַריינצוברענגען רעוואָלוציאָנערן קאַפּיטאַל". ער האָט געפּלאַנעוועט צו מאַכן באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף די רייכע אויסלענדישע טוריסטן, וואָס קומען אין דער שווייץ. באַקונין האָט אין פּרינציפּ גאָרנישט געהאַט קעגן באַנוצן זיך מיט אַזעלכע מיטלען פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן. ער איז אָבער געווען קעגן דעם, אַז די דאָזיקע באַוואָפנטע אָנפאַלן זאָלן געמאַכט ווערן אין דער שווייץ און אַז מען זאָל זיך פאַר דעם צוועק פאַרבינדן מיט גנבים און רויבערס. דאָך האָט באַקונין געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט ניעטשאַיעוון און האָט אויף פאַרשיידענע אופנים געהאָלפן אים צו פאַרשפּרייטן צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן, ווי אויך צווישן די סאָציאַליסטן פון מערב־אייראָפּע, פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן ניעטשאַיעווס כלומרשט גרויסע העלדנטאַטן.

אין דעם ערשטן נומער פון דעם זשורנאַל „נאַראָדנאַיאַ ראַספּראַוואַ" (פאָלקס־משפּט), וואָס ניעטשאַיעוו האָט מיט באַקונינס הילף אַרויסגעגעבן אין דער שווייץ, האָט ניעטשאַיעוו אַליין אויספירלעך באַשריבן, ווי אַזוי אַ געוויסער פּעטערבורגער ליבעראַל האָט געמסרט דעם באַוווסטן רעוואָלוציאָנער סערגיי ניעטשאַיעוו, ווי אַזוי די זשאַנדאַרן האָבן ניעטשאַיעוון אויסגעשפּיאָנירט און האָבן אים אויפן פּערזענלעכן באַפעל פון גענעראַל מעזענצעוו, הויפּט פון דער „דריטער אָפּטיילונג", אָן אַ משפּט דערשטיקט. אין צווייטן נומער „נאַראָדנאַיאַ ראַספּראַוואַ", וואָס איז אַרויס מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, האָט ער שוין געמאָלדן, אַז ניעטשאַיעוו האָט זיך געראַטעוועט פון די זשאַנדאַרן און איז ווידער טעטיק אין רוסלאַנד.

באַקונין איז נאָך אַ לאַנגע צייט געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר ניעטשאַיעוון, אָבער סוף כל סוף האָט אויך ער זיך אָפּגעטרייסלט פון אים.

5

קאַרל מאַרקס האָט אין אַ בריוו צו זיין נאָענטסטן פריינט און מיטקעמפער פרידריך ענגעלס, דאַטירט דעם 5טן יולי, 1870, אַ״ם דערציילט, אַז דער באַוווּסטער רוסישער רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין, איז נאָכן אַנטלויפן פון סיביר, געקומען קיין לאָנדאָן „און ער האָט מיר דערציילט, אַז די גאַנצע געשיכטע וועגן ניעטשאַיעוון איז אויסגעטראַכט און איז כזב ושקר פון אָנהייב ביזן סוף. ניעטשאַיעוו איז קיין מאָל נישט געזעסן אין

רוסישע טורמעס, קיין מאָל האָט די רוסישע רעגירונג נישט געמאַכט קיין פּרוּוו אים צו טייטן אַז״וו. דער אמת איז, אַז אַט דער ניעטשאַיעוו (איינער פֿון די געציילטע באַקונינס אַגענטן אין רוסלאַנד) האָט באַלאַנגט צו אַ געהיימער געזעלשאַפֿט. אַן אַנדער יונגערמאַן, „עקס״, אַ רייכער און באַגייסטערטער אָנהענגער, האָט דורך ניעטשאַיעוון געשטיצט מיט געלט די דאָזיקע געהיימע געזעלשאַפֿט. אין איין שיינעם פֿרימאָרגן האָט דער רייכער יונגערמאַן דערקלערט ניעטשאַיעוון, אַז ער וועט אים מער קיין איין קאָפּיקע נישט געבן, ווייל ער ווייסט נישט וווּהין דאָס געלט גייט. האָט דאַן ניעטשאַיעוו (אפֿשר דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פֿון די דאָזיקע געלטער) פֿאַרגעלייגט זיינע חברים פֿון דער געהיימער געזעלשאַפֿט צו דערהרגענען „עקסן״, ווייל ער קען אין דער צוקונפֿט ענדערן זיינע איבערצייגונגען און ווערן אַ פֿאַררעטער — און ער האָט אים טאַקע דערהרגעט. אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרפֿאָלגט אים די רוסישע רעגירונג ווי אַן איינפֿאַכן מערדער״.

„אין זשענעווע — שרייבט ווייטער מאַרקס אין זיין בריוו צו ענגעלסן — האָט לאַפּאַטין קודם־כל געפֿאָדערט פֿון ניעטשאַיעוון אַן אויפֿקלערונג וועגן די ליגנערישע באָבע־מעשיות, וואָס ער דערציילט וועגן זיך. ניעטשאַיעוו האָט זיך פֿאַרענטפֿערט דערמיט, וואָס די דאָזיקע פּאָליטישע סענסאַציעס זיינען נוצלעך פֿאַר דער אַזוי גערופֿענער „זאַך״. האָט לאַפּאַטין דאַן די גאַנצע געשיכטע דערציילט באַקונינען. באַקונין האָט געפֿאָדערט פֿון לאַפּאַטינען, אַז ער זאָל אין ניעטשאַיעווס אָנוועזנהייט איבערחזרן דאָס אַלץ, וואָס ער, לאַפּאַטין, האָט דערציילט וועגן אים. לאַפּאַטין איז גלייך צוזאַמען מיט באַקונינען אַוועק צו ניעטשאַיעוון, ווּ די סצענע האָט זיך איבערחזרט. ניעטשאַיעוו האָט געשוויגן. אַזוי לאַנג ווי לאַפּאַטין איז געווען אין זשענעווע, האָט ניעטשאַיעוו זיך געהאַלטן זייער באַשיידן — שטילער פֿון וואַסער און נידעריקער פֿון גראָז. אָבער ווי נאָר לאַפּאַטין איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די קאָמעדיע. לאַפּאַטין האָט באַקומען וועגן דעם אַ זידלבריוו פֿון באַקונינען — לאַפּאַטין האָט אים געענטפֿערט נאָך אין אַ מער־זידלערישן טאָן. ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם האָט באַקונין אָנגעשריבן לאַפּאַטינען אַ חרטה־בריוו (דער בריוו איז דאָ אין לאַפּאַטינס הענט). ער איז דאָך דער גוטער אַלטער, וואָס געטרויט מענטשן״.

פֿאַר וואָס האָט באַקונין זיך אַזוי אָנגעכאַפּט פֿאַר ניעטשאַיעוון? פֿאַר וואָס האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט אים, זיך נישט רעכענענדיק מיט די, וואָס האָבן אים פֿון פֿאַרשיידענע זייטן געוואָרנט קעגן אים? דער ענטפֿער איז, ווייל אים האָט שטאַרק אימפּאָנירט ניעטשאַיעווס פֿייערדיקע איבערגע־

געבנקייט צו דער זאַך פון דער רעוואָלוציע און זיין טיפע ליבע צום אונ־טערדריקטן פאָלק. וועגן אַ די שטריכן פון ניעטשאַיעוון זאָגן איינשטימיק עדות אַלע, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטראָפן.

אָבער סוף־כל־סוף האָט אויך באַקונין זיך אַנטוישט אין ניעטשאַיעוון און ער האָט איבערגעריסן מיט אים אַלע פאַרבינדונגען.

נאָך באַקונינס אָפּטרייסלען זיך פון אים, האָט ניעטשאַיעוו פאַרלאָזן די שווייץ און איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וווּ ער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר צייט. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אומגעקערט קיין שווייץ.

ווען ניעטשאַיעוו האָט געזען, אַז די אָנגעזעענע פירערס פון די רעוואָ־לוציאָנערע עמיגראַנטן באַציען זיך פיינדלעך צו אים, האָט ער באַשלאָסן צו האַנדלען אויף זיין שטייגער. ער האָט פאָרגעשלאָגן באַקונינען צו גרינדן אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל. געלט פאַר דעם האָט ער געפּלאַנעוועט צו קריגן דורך עפּעס אַ שווינדל. ער האָט אַריינגעקראָגן געוויסע פּריוואַטע בריוו פון אַן אינטימען כאַראַקטער און האָט געסטראַשעט דעם מענטשן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די דאָזיקע בריוו, זיי צו פאַרעפנטלעכן, אויב יענער וועט אים נישט געבן געלט פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

די קלאַנגען וועגן דעם, אַז די רוסישע רעגירונג האָט געפאָדערט פון די רעגירונגען פון שווייץ און דייטשלאַנד איר אַרויסצוגעבן ניעטשאַיעוון ווי אַ פּשוטן מערדער און די לעגענדעס וועגן זיינע אַוואַנטיורעס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן פאַראינטערעסירט אויך די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. זיי האָבן זיך געווענדט צו באַקונינען נאָך אינפאָרמאַציע. אין יוני, 1870, האָט באַקונין געשריבן וועגן דעם צו זיין פריינט טאַלאַנדע דאָס ווייטערדיקע:

„עס איז פולשטענדיק ריכטיק, אַז ניעטשאַיעוו ווערט שטאַרק פאַר־פאָלגט פון דער רוסישער רעגירונג, וואָס האָט פונאַנדערגעשיקט אַ מחנה שפּיאָנען איבער גאַנץ אייראָפּע אויפצוזוכן אים און זי פאָדערט פון דער שווייץ און פון דייטשלאַנד אים אַרויסצוגעבן. עס איז אויך אמת, אַז ניעט־שאַיעוו איז איינער פון די ענערגישסטע און טעטיקסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען געטראָפן. ווען עס פאָדערט זיך צו טאָן עפּעס פאַר דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועט ער נישט צווייפלען און ניט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין שום מיטלען און וועט זיין אומברחמנותדיק צו זיך אַליין, אַזוי גוט ווי צו אַנדערע. די דאָזיקע וויכטיקע מעלה האָט מיך אַזוי צוגע־צויגן צו אים, אַז אַ צייט לאַנג האָב איך געזוכט צו זיין פאַרבונדן מיט אים. ער איז אַ פאַנאַטיקער, וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו זיין זאַך. ער איז אָבער אַ געפערלעכער פאַנאַטיקער און ער קען ברענגען צו שרעקלעכע רעזולטאַטן. עס איז אמת, אַז קעגנזייטיקער צוטרוי, ערנסטע

און שטרענגע טריהייט — אַזעלכע זאַכן עקסיסטירן, לויט זיין מיינונג, בלויז פֿאַר אַ צענדליק מענטשן, וועלכע געהערן צו דעם קדשי־קדשים פֿון דער געהיימער געזעלשאַפֿט. אַלע איבעריקע מוזן אים בלויז פֿאָלגן, מוזן זיין אַ געווער אין די הענט פֿון יענעם צענדליק מענטשן, וואָס זיינען באמת טריי צווישן זיך. עס איז נישט נאָר דערלויבט, נאָר מען מוז אַפֿילו די נאָכפֿאָלגערס אָפּנאַרן, באַשווינדלען און פֿאַרניכטן, אויב דאָס איז נאָר וויכטיק.

„אין נאָמען פֿון דער „זאַך" דאַרף דער פֿירער אייך אַריינגעמען אין גאַנצן אין זיינע הענט און טאָן עס אַזוי, אַז איר זאָלט עס גאָרנישט וויסן. צוליב דעם דאַזיקן צוועק וועט ער אייך נאָכשפּיאָנירן, וועט זען אויסצוגע־פֿינען אייערע סודות, און דעריבער, ווען ער בלייבט אַליין אין אייער צי־מער, וועט ער עפֿענען אַלע שופֿלאָדן און טישקעסטליך און איבערלייענען אייער קאָרעספּאָנדענץ, און אויב עפּעס אַ בריוו וועט אים אויסווייזן צו זיין אינטערעסאַנט פֿאַר זיינע צוועקן, וועט ער דעם בריוו צונעמען מיט זיך און האַלטן אים ווי אַ דאָקומענט עס אויסצונוצן אַ מאָל קעגן אייך, ווי אויך קעגן אייער פֿריינט. אויף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג האָט ער אַפֿילו געוואַגט צו דערקלערן זיין אויפֿפֿיר אָט אַזוי: „דאָס איז אונדזער סיסטעם: מיר באַטראַכטן פֿאַר שונאים אַלע די, וואָס זיינען נישט אין גאַנצן מיט אונדז און אויף אונדז ליגט אַ חוב אַנצולערנען זיי און זיי צו רואינירן, אויב עס איז וויכטיק פֿאַר דער רעוואָלוציע". ער איז אַוועק אַזוי וויט, אַז ער האָט זיך ביי מיר געבעטן, אַז איך זאָל די דאָזיקע טעאָריע אַנט־וויקלען און מאַכן קלאָר אין דעם זשורנאַל, וואָס ער האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן צו גרינדן. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז ניעטשאַיעוו אַ גרויסער כוח. מיטן גרעסטן באַדויערן בין איך זיך מיט אים פֿונאַנדער־געגאַנגען, וואָרעם אויף צו דינען אונדזער זאַך פֿאָדערט זיך זייער פֿיל ענערגיע, און זעלטן ווען מען טרעפֿט אַזוי פֿיל ענערגיע ביי איין מענטשן".

ניעטשאַיעוו איז אין יאָר 1872 אַרעסטירט געוואָרן אין ציריך און די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אים אַרויסגעגעבן דער צאַרישער רעגירונג. דעם 2טן נאָוועמבער, 1872, האָט באַקונין געשריבן צו זיין אַלטן פֿריינט, דעם פּאָעט פּיאָטר אָגאַריאָוו:

„בכן אַלטער פֿריינט, דאָס אומדערהערטע איז געשען. דעם אומגליק־לעכן ניעטשאַיעוו האָט די רעפּובליק אַרויסגעגעבן. טרויעריקער ווי אַלץ איז, וואָס אונדזער רעגירונג וועט אָן ספֿק באַנייען דעם ניעטשאַיעוו־פּראָ־צעס און עס וועלן זיין נייע קרבנות! איבעריקנס, עפּעס אַן אינעווייניקסטע שטים זאָגט מיר, אַז ניעטשאַיעוו איז שוין אַ פֿאַרלוירענער אָן אַ צוריקקער און ער ווייסט בלי ספֿק, אַז ער איז אַ פֿאַרפֿאַלענער, וועט ער דאָס מאָל אַרויסרופֿן פֿון דער טיפֿעניש פֿון זיין מהות, וואָס איז פֿאַרפּלאָנטערט און

פֿאַרשמוצט, אָבער ווייט ניט באַנאַל, זיין גאַנצע פּרימיטיווע ענערגיע און בראַווע העלדישקייט. ער וועט אומקומען ווי אַ העלד, און דאָס מאָל וועט ער קיין זאַך און קיינעם נישט פֿאַרראַטן. אַט אַזוי, גלייב איך. מיר וועלן זען אין גיכן, צי איך בין גערעכט".

באַקונינס פֿאָרויסזאָגונג איז פֿולשטענדיק מקויים געוואָרן. ניעטשאַיעוו האָט זיך אויפֿן משפּט און שפּעטער אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג אויפֿגעפֿירט זייער העלדיש און ער איז ביזן טויט (דעם 21סטן נאָוועמבער, 1882) פֿאַרבליבן דער זעלביקער שטאָלצער, אומבויגזאַמער רעוואָלוציאָנער, וואָס ער איז געווען ביז זיין אַרעסט.

אויפֿן האַאַגער קאָנגרעס פֿון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין 1872, האָט מען, ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן, באַקונינען מיט אַ פּאָר פֿון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטערס אויסגעשלאָסן פֿון אינטערנאַציאָנאַל.

פֿראַנץ מערינג, דער באַרימטער לינקער דייטשער מאַרקסיסט, שרייבט אין זיין ביאָגראַפֿיע פֿון קאַרל מאַרקס: „באַקונין איז אויסגעשלאָסן געוואָרן מ ט אַ מערהייט פֿון 27 שטימען קעגן און 7 ביי 8 צוריקגעהאַלטענע. עס וואָלט נאָך געהאַט אַ וועלכן ס'איז זין, ווען מען וואָלט באַקונינען אויסשלאָסן נאָר אויס פּאָליטישע מאָטיוון, בלויז ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער פֿעסטער איבערצייגונג פֿון דער מערהייט, אַז ער איז אַ גרויסער אינטריגאַנט, כאָטש זיינע לינקע שטיק האָט מען נישט געהאַט באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס". „אָבער שענדן באַקונינען פֿאַר דעם, וואָס ער האָט כלומרשט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן „מיינס" און „דיינס", איז געווען אַן אַקט, פֿאַר וועלכן עס איז נישטאָ קיין אַנטשולדיקונג. צום באַדויערן, איז אַ טייל פֿון דער שולד פֿאַר דעם געפֿאַלן אויף מאַרקסן".

„מאַרקס, שרייבט ווייטער מערינג, האָט אַריינגעקראָגן אַ כלומרשטן באַשלוס פֿון אַ כלומרשטן 'רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט', אין וועלכן עס זיינען געווען דראָאונגען צו דעם סטודענט ליובאַווין (דעם פֿאַרמיטלער צווישן דעם פּעטערבורגער פֿאַרלעגער און באַקונינען — ד. ש.) אויף דעם פֿאַל, אויב ער וועט פֿאָדערן, אַז מען זאָל אים אומקערן דעם אַוואַנס פֿון די 300 רובל, וואָס ער האָט איבערגעגעבן באַקונינען פֿון אַ פֿאַרלעגער פֿאַר איבערזעצן דאָס „קאַפּיטאַל". דער ווערטערלעכער אינהאַלט פֿון דעם דאָקומענט איז נישט געווען באַוווּסט. אָבער ווען ליובאַווין, ווערנדיק אַ ביטערער שונא פֿון באַקונינען, האָט דעם דאָקומענט אַוועקגעשיקט מאַרקסן, האָט ער צוגעשריבן: 'אין יענער צייט האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז באַקונין האָט אַן צווייפֿל אַנטייל גענומען אין צוזאַמענשטעלן דעם בריוו. אָבער, ביי אַ רואיקערן באַטראַכטן די זאַך, זע איך, אַז דאָס איז פֿאַר קיין

פֿאַל נישט באַוויזן געוואָרן. עס איז גיכער מעגלעך, אַז ניעטשאַיעוו האָט דעם בריוו אוועקגעשיקט אָן יעדן אָנטייל פֿון באַקונינען׳.

„אַזוי איז דאָס טאַקע פֿאַקטיש געווען, שרייבט מערינג, און אָט נאָר אויף דעם גרונט פֿון אָט דעם בריוו, וואָס דער אַדרעסאַט אַליין האָט געצווייפֿלט אין זיין קרימינעלן כאַראַקטער, האָט מען באַקונינען באַשולדיקט אין שווינדל״.

אַ צווייטער מאַרקסיסט, יורי סטעקלאָוו, (נעכאַמקעס, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פֿון דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ״, וועמען סטאַלין האָט שפּעטער אומגעבראַכט) שרייבט אין זיין פֿיר־בענדיקער ביאָגראַפֿיע פֿון באַקונינען:

„שריפֿטשטעלערס פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען, נישט נאָר אַנאַרכיסטישע און אומפּאַרטייאישע, נאָר אויך מאַרקסיסטן פֿון פֿאַרשיידענע שאַטירונגען — דער רעוויזיאָניסט עדואַרד בערנשטיין, דער לינקער פֿראַנץ מערינג, דער אָפּהיטער פֿון דער מאַרקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע, ד. ריאַזאַנאָוו, זיינען אַלע איינשטימיק אין דעם, אַז מען האָט געקענט גאַנץ פֿיין זיך באַגיין אָן באַשמוצן באַקונינען פּערזענלעך, וועלכער איז ביי אַלע זיינע פֿעלערן דאָך געווען אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע פֿיגור מיט מוראַדיקע פּאָליטישע פֿאַרדינסטן״.

דער אַלטער רעוואָלוציאָנער מיטן לייבן־קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט געדיכטע געקרייזלטע האָר, האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט אין לאָקאַרנאָ. דאָך איז זיין הויז שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם, וואָס פֿלעגט נאָר אויסדריקן אַ ווונטש צו אַרבעטן פֿאַר דער רעוואָלוציע.

דאַקעגן, פֿאַר מענטשן פֿון וועלכע ער האָט ניט דערוואַרט קיין שום נוצן פֿאַר דער רעוואָלוציע, האָט באַקונינען קיין שום אינטערעס ניט געהאַט. ער פֿלעגט אַזוינע מענטשן פּשוט אָן צערעמאָניעס אָפּשטויסן פֿון זיך. פּראָפֿעסאָר פֿאָיניצקי, אַ באַרימטער רוסישער געלערנטער קרימינאָלאָג, דערציילט, ווי אַזוי ער צוזאַמען מיט נאָך אַ באַוווּסטן רוסישן פּראָפֿעסאָר, אויך אַ קרימינאָלאָג, האָבן, זייענדיק אין דער שווייץ, איינמאָל באַשלאָסן אַריבערצופֿאָרן קיין לאָקאַרנאָ, באַקענען זיך מיט באַקונינען. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין לאָקאַרנאָ, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז באַקונין קומט יעדן טאָג, אַרום 12 אַזייגער בייטאָג, אין אַ געוויסער קאַפֿע לייענען די פֿראַנצויזישע און איטאַליענישע צייטונגען, זיינען זיי אויף מאָרגן אַוועק אין דער דאָזיקער קאַפֿע. באַלד ווי זיי זיינען נאָר אַריין, האָבן זיי באַמערקט ביי אַ טיש באַקונינען לייענענדיק אַ צייטונג. זיי זיינען צוגעקומען צו אים און זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס פּראָפֿעסאָרן פֿון קרימינאַל־געזעץ. באַקונין האָט גאַנץ קאַלט אַ פֿרעג געטאָן. „וואָס־זשע ווילט איר פֿון מיר?״

„אונדז איז אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט אייך און דורכשמועסן זיך", האָבן די פּראָפעסאָרן געענטפערט.

„און מיר איז עס אַבסאָלוט ניט אינטערעסאַנט. וואָס קען זיין געמיינ־שאַפטלעך צווישן אייך, יוריסטן, פּאַרטיידיקער פון שטאַט, און דאָס מיינט דאָך פּאַרטיידיקער פון יעדער געוואַלט טאַט, און מיך, דעם אנטשיידענעם קעגנער פון שטאַטן קיין שום געמיינשאַפטלעכעס"! און באַקונין האָט זיך שנעל אָפּגעקערט פון זיי און האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין דער צייטונג.

די צוויי פּראָפעסאָרן זיינען אַוועק ווי אָפּגעשמיסענע.

אָנהייב סעפּטעמבער איז באַקונין אַוועקגעפאָרן פון לאָקאַרנאָ, וווּ ער האָט דעמאָלט געוווינט, קיין בערן און ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר מנאַטן. ער האָט זיך נאָך באַטייליקט אין פאַרשיידענע פראַנצייזישע און שפּאַנישע אַוואַנטורעס, אָבער אין 1874 האָט ער זיך אין גאַנצן צוריקגע־צויגן פון יעדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דעם 25סטן מיי, 1867, האָט באַקונין אין אַ בריוו צו אַלעקסאַנדער הערצענען פאַלעמיזירט מיט זיין אַלטן פריינט, וועלכער האָט ארויסגעזאָגט די מיינונג, אַז היות די מאַסן זיינען נאָך נישט צוגעגרייט צו קענען פאַר־ווירקלעכן די סאָציאַליסטישע אידייען, איז נישט פּראַקטיש צו פּריידיקן די דאָזיקע אידעען. באַקונין האָט נישט איינגעשטימט מיט דעם. ער האַלט, אַז „די דאָזיקע געדאַנקען האָבן דערפאַר אַ צוקונפט, ווייל זיי לעבן אויף אַ סטיכישן אופן און האָבן שטענדיק געלעבט אין די באַדערפענישן פון די מאַסן".

דער סאָציאַליזם, אַלזאָ, עקסיסטירט אין די אינסטינקטן פון פאָלק. אָבער אינסטינקט אַליין, זאָגט באַקונין, איז נישט גענוג. „מען מוז זיך אַליין רעכע־נען מיט דער אומוויסנקייט פון די מאַסן, וואָס איז אין אַלע צייטן געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון דער מערדערישער לאַנגאַזמקייט פונעם פּראָגרעס". אָבער ער טרייסט זיך, אַז דאָס פאָלק איז גרייט, ווייל עס ליידט אַ סך און אים פעלט נאָר וויסן און אָרגאַניזאַציע.

אָבער 7 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1874, שרייבט באַקונין צו זיינעם אַ פריינט: „איך בין באמת מיד און האָב זיך אַנטוישט. די פראַנצויזישע און שפּאַנישע געשעענישן האָבן געגעבן אַ שרעקלעכן קלאַפּ אַלע אונדזערע האָפענונגען און דערוואַרטונגען. מיר האָבן געמאַכט דעם חשבון אָן די מאַסן, וואָס האָבן נישט געוואָלט באַגייסטערן זיך פאַר זייער אייגענער באַ־פרייאונג און אָן אָט דער באַגייסטערונג זיינען מיר, בלייבנדיק טעאָרע־טיש גערעכט, געווען מאַכטלאָז".

דעם 24סטן יולי, 1874, איז באַקונין ארויסגעפאָרן פון לאָקאַרנאָ קיין באָלאָניע, איטאַליע, צו באַטייליקן זיך דאָרטן אין אַ באַוואָפנטן ארויס־

טריט, וואָס זיינע פריינט האָבן אויסגעפּלאַנעוועט. דאָרטן האָט ער געדענקט אוועקצולייגן זיין קאָפּ דאָס הייסט געהרגעט צו ווערן. אָבער דער פּלאַן איז דורכגעפאַלן. דער קראַנקער באַקונין האָט ערנסט געטראַכט וועגן באַגיין זעלבסטמאָרד.

6

די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן האָט באַקונין געוווינט אין דער שווייצאַרישער שטאָט לוגאַנאָ. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער. דעם 15טן פעברואַר, 1875, האָט באַקונין געשריבן צו זיין פריינט עליזע רעקלין:

„איך שטים איין מיט דיר, אַז די צייט פון רעוואָלוציעס איז אַריבער נישט ווי אַ רעזולטאַט פון די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפעס, פון וועלכע מיר זיינען עדות געווען און פון די שרעקלעכע מפּלות, פון וועלכע מיר זיינען געווען מער אָדער ווייניקער די שולדיקע קרבנות, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב צו מיין גרויסער פאַרצווייפלונג קאָנסטאַטירט און קאָנסטאַטיר עס יעדער טאָג ווידער אַ מאָל, אַז אין די מאַסן זיינען אַנטשיידנדיק רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, האָפענונג און ליידנשאַפט, און ווען דאָס איז נישטאָ, איז וויפל מען זאָל זיך נישט באַמיען, וועט דערפון קיין שום טאָלק נישט אַרויסקומען...

„וואָס איז שייך מיר, מיין טייערער, בין איך געוואָרן צו אַלט, צו פיל קראַנק. דיר דאַרף איך נישט זאָגן, אַז אין פיל פּרטים האָב איך זיך צו פיל אַנטוישט צו פילן אין זיך דעם ווילן און דעם כוח אָנטיילצונעמען אין דעם (אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון די אַנאַרכיסטישע גרופּעס, וואָס האָבן געהאַט געשאַפן אַן אייגענעם אינטערנאַציאָנאַל ד. ש.). איך האָב ענדגילטיק זיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף".

צו זיין אַלטן פריינט פּיאָטר אָגאַריאָוו האָט באַקונין מיט אַ האַלב יאָר פריער געשריבן:

„איך זיץ נישט מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר אַרבעט אַ סך. ערשטנס, שרייב איך מיינע מעמואַרן, צווייטנס, גרייט איך זיך, אויב עס וועט מיר נאָר געלינגען, אָנצושרייבן דאָס לעצטע פאָרוואָרט וועגן מיינע טיף־איננערלעכסטע איבערצייגונגען, לייען איך אַ סך. איצט ליגן ביי מיר אויפן טיש דריי ביכער, וואָס איך לייען כסדר: קאָלבס „קולטור־געשיכטע דער מענטשהייט", סטואַרט מילס „אויטאָביאָגראַפיע" און שאָפּענהאַוער.

„צי האָסטו געלייענט די „אויטאָביאָגראַפיע"? אויב דו האָסט נישט געלייענט, לייען עס איבער. דאָס איז אַ העכסט אינטערעסאַנט און באַלערנ־

דיק בוך און שרייב מיר, וואָס לייענסטו און אויב עס לוינט זיך צו וויסן, רעקאָמענדיר מיר. גענוג צו לערנען אַנדערע. לאַמיר, מיין פריינט, אויף די עלטערע יאָרן זיך ווידער אַליין לערנען; דאָס איז פּריוילעכער".

דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער סערגיי סטיעפּניאַק־קראַוו־טשינסקי, וועלכער האָט יענע יאָרן באַזוכט באַקונינען אין לוגאַנאָ, האָט אַ סך יאָרן שפּעטער דערציילט באַקונינס ביאָגראַף מאַקס נעטלאַוועו אַז ער האָט באַקונינען געטראָפן אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. לויט זיינע ווערטער, האָבן די פּירערס באַוויזן, אַז זיי זיינען נישט רייף פאַר אַ רעוואָ־לוציע און אַז אויך נאָך דער רעוואָלוציע וועט נישט אַלץ זיין גלאַט — אַזוי ווי עס וואָלט זיך געוואָלט. די אידעאַלע אָרדענונג וועט ניט אָנקומען מיט אַ מאָל.

באַקונינס פריינט, דער איטאַליענער פּעדערצאָל, וועלכער האָט מיט אים אַ סך געשמועסט אין לוגאַנאָ, גיט איבער, אַז באַקונין האָט אים איין מאָל געזאָגט: „איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב אין דער גאַנ־צער וועלט וואָלטן עקסיסטירט נאָר דריי מענטשן, וואָלטן צוויי פון זיי זיך צוזאַמענגערעדט צו אונטערדריקן דעם דריטן".

אין דעצעמבער 1875 האָט באַקונין מיט זיין פאַמיליע (די פרוי און צוויי קינדער. די קינדער זיינען געוועזן נישט זיינע) זיך אריבערקליבן אין אַ ווילע. אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך כסדר פאַרערגערט. דעם 12טן יאַנואַר, 1876, האָט באַקונין געשריבן: „אונדזער לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. מיר האָבן נישט קיין גראָשן אויף צו לעבן און איך בין געצווונגען אויסצובעטלען היינט דאָ, מאָרגן דאָרט, אַ 10־15 פראַנק, וואָס איך גיב אַוועק אַנטאָנין (דער פרוי) אויף צו פירן די באַלעבאַטישקייט".

ער האָט פּרובירט דורך זיינעם אַ פריינט צו פאַרזעצן זיין ווילע ביי אַ נעאָפּאָליטאַנער באַנקיר, אָבער אָן דערפאָלג. אָנהייב 1876 האָבן באַקו־נינס קרעדיטאָרן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און באַשלאָסן צו געבן אים דריי מאָנאַטן אויף איינצוצאָלן זיינע חובות. אין מערץ איז זיינער אַ נאָענטער פריינדין געלונגען אין רוסלאַנד צו פאַרקויפן אַ טייל פון דעם וואַלד, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין פאָטער און ער האָט געקראָגן צוגע־שיקט דורך וואַרשע די ערשטע טויזנט רובל. דערנאָך האָט די פריינדין זיינע געבראַכט נאָך געלט, אָבער דאָס געלט איז נישט געווען גענוג אויף צו באַצאָלן אַלע זיינע חובות. איז ער געצווונגען געווען איבערצולאָזן די ווילע פאַר זיינע קרעדיטאָרן.

באַקונין איז שוין לאַנג געווען זייער קראַנק. ער האָט געליטן פון אַסט־מאַ, פון אַ קראַנקער בלאַדער און אַ שוואַך האַרץ. די קראַנקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט צוליב די שווערע גייסטיקע איבערלעבונגען זיינע. ער האָט

אויך געליטן אויף די נירן און דאָס האָט אים שרעקלעך געמאַטערט. די לעצטע צייט זיינען ביי אים געוואָרן געשוואָלן די פיס און ער האָט מיט גרויסע שוועריקייטן קוים זיך געקענט באַוועגן. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם זכרון. ער האָט זיך אָבער נישט באַקלאָגט פאַר קיינעם.

דעם 13טן יוני, 1876, האָט באַקונין, אין דער באַגלייטונג פון אַ פריינט אַן איטאַליענער, פאַרלאָזן לוגאַנאָ און איז אַוועקגעפאָרן קיין בערן. דעם זעלביקן טאָג איז די פרוי זיינע מיט די קינדער אַוועקגעפאָרן קיין רוים.

אויפן בערנער וואָקזאַל האָט אים באַגעגנט זיין פריינט ד״ר פאָכט. באַקונין האָט אים געזאָגט: „איך בין געקומען קיין בערן, כדי דו זאָלסט מיך אַוועקשטעלן אויף די פיס אָדער פאַרמאַכן מיר די אויגן״. פאָכט האָט אים גלייך אַוועקגעפירט אין מאַטענהאָפער קליניק, ווו עס זיינען געקומען אים באַזוכן זיינע אַלטע פריינט, דער מוזיקער רייכעל און זיין רוסישע פרוי. צו דער פרוי רייכעל האָט באַקונין גלייך אַ זאָג געטאָן אין רוסיש: מאַשאַ, יאַ פריעכאַל סיודאַ אומיראַט״ (מאַשאַ, איך בין געקומען אַהער שטאַרבן).

רייכעל האָט אים פאַרבעטן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי. באַקונין האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. באַקונין איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק. דאָס האָט ער איין מאָל אויסגערופן: „אַלץ וועט אַריבער, די וועלט וועט אונטערגיין, אָבער בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע וועט פאַר־בלייבן״. איין מאָל האָט ער געבעטן רייכלען צו שפּילן עפּעס פאַר אים. אָבער צוליב די גרויסע ווייטיקן, וואָס ער האָט דערפילט, איז ער געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס הויז אין מיטן שפּילן און איז צוריק אַוועק אין קליניק. פון דאָרטן איז ער שוין מער נישט אַרויס.

דעם 26סטן יוני האָט ער געשמועסט מיט רייכעלן וועגן מוזיק, האָט אים געפרעגט, צי בעטהאָווען האָט אויך פאַרפאַסט פיוגעס און ער האָט זיך שלעכט אָפּגערופן וועגן דעם כאַראַקטער און די מוזיקאַלישע ווערק פון זיין געוועזענעם חבר אין דעם דרעזדענער אויפשטאַנד, ריכאַרד וואַגנער.

דעם 28סטן יוני האָט ד״ר פאָכט זיך איבערצייגט, אַז באַקונינס קראַנ־קייט לאָזט זיך נישט אויסהיילן. ווען פרוי רייכעל האָט אים פאָרגעלייגט אויסצוטרינקען אַ ביסל בוליאָן, האָט באַקונין געענטפערט, עפענענדיק די אויגן: „איך דאַרף שוין גאָרנישט, מיין לידל איז שוין אָפּגעזוּנגען״.

דעם ערשטן יולי אין דער פרי האָבן די רייכעלס אים באַזוכט, אָבער זיי האָבן באַלד געמוזט אַוועקגיין. עלף אַ זייגער אין דער פרי איז ביי אים געווען פאָכט און 4 מינוט צו צוועלף האָט באַקונין אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

ער איז געשטאָרבן אַן איינזאַמער, פּונקט ווי ער האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אַן איינזאַמער.

אין זיינע זכרונות וועגן באַקונינען שרייבט רייכעל: „באַקונין איז גע־שטאָרבן אַזוי ווי ער האָט געלעבט — אַ גאַנצער מענטש. אין פֿאַרלויף פֿון זיין גאַנצן לעבן פֿלעגט ער אויפֿטרעטן אַזוי, ווי ער איז אין דער אמתן געווען, אָן פּראַזעס און נישט מאַסקירנדיק זיך. און געשטאָרבן איז ער מיט דעם פֿולן באַוווּסטזיין וועגן זיך אַליין און וועגן זיין לאַגע. אין אַלגעמיין האָט ער מער אויסגעקוקט ווי אַ מידער פֿון לעבן. ער האָט געהאַט אַ ריכ־טיקן באַגריף וועגן דער מאָדערנער וועלט און איינזעענדיק, אַז אים פֿעלט דער נייטיקער מאַטעריאַל פֿאַר זיין געוווּנטשענער טעטיקייט, האָט ער אָן באַדויערונג אויף אייביק צוגעמאַכט זיינע אויגן. מעגלעך, אַז ער האָט אַפֿילו געוואָלט שטאַרבן".

דעם 3טן יולי, 1876, זיינע סאָציאַליסטן פֿון אַלע שטעט און שטעט־לעך פֿון דער שווייץ געקומען קיין בערן צו באַגלייטן באַקונינען צו זיין אייביקער רו. עס זיינען דאָרט צווישן אַנדערע געווען די צוויי ברידער רעקליו. עליזע רעקליו איז געווען איינער פֿון די רעדנערס. באַקונינס נאָ־ענטסטער פֿריינט פֿון אינטערנאַציאָנאַל דזשיימס גיליאָם האָט נישט געקענט פֿאַרענדיקן זיין רעדע צוליב די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט. עס האָבן גערעדט אויך אַנדערע אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן. עס זיינען אויך פֿאָרגע־לייענט געוואָרן אַ סך טעלעגראַמעס, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פֿון אַ סך לענדער.

נאָך דער לוויה איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג אין דער געביידע פֿון דעם בערנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פֿאַראיין. דאָרט איז איינשטימיק אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער ווונטש, אַז ביים פֿרישן קבר פֿון מיכאַאיל באַקונין זאָלן פֿאַרגעסן ווערן אַלע רייסערייען פֿון פּערזענלעכן כאַראַקטער און אויף דעם באָדן פֿון פֿרייהייט זאָל געשאַפֿן ווערן אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פֿראַקציעס פֿון דער אַלטער און נייער וועלט".

די ליסאַבאָנער „פּראָטעסטאַ", אַ צייטונג פֿון מאַרקסיסטישער ריכטונג האָט געשריבן: „מיט באַדויער דערמאָנען מיר דעם טויט פֿון מיכאַאיל באַקונין, וועלכער האָט געשפּילט איינע פֿון די ערשטע ראָלע אין דער באַוועגונג פֿון דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט. ביי זיין קבר דאַרף אָפּגע־שטעלט ווערן דער קאַמף, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן געפֿירט געוואָרן אין די רייען פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי און, מיט דעם אויסנאַם פֿון אַ פּאָר נישט אין גאַנצן דורכגעטראַכטע אַקטן פֿון זיין טע־טיקייט, דאַרפֿן מיר דערפֿילן דעם ווייטיק פֿון זיין טויט, ווי דעם ווייטיק

פֿון דעם טויט פֿון איינעם פֿון די סאַמע ענערגישסטע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן".

⁂

וועגן באַקונינס לעבן און טעטיקייט זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך ביכער כמעט אין אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן פֿון דער וועלט. פֿון באַקונינס אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער ביאָגראַפֿיע וואָלט מען געקענט מאַכן נישט איין אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקן פֿילם.

באַקונין האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפֿלוס אויף דער אַנטוויקלונג פֿון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע. איך האָב דאָ איבערגעגעבן אין קורצן נאָר די וויכטיקסטע פֿאַקטן פֿון זיין ביאָגראַפֿיע. איך וועל פֿאַרענדיקן מיט אָנווייזן אויף אַ גאַנצער ריי באַקונינס שאַרפֿע נביאותן, וואָס זיינען שפּעטער טאַקע מקויים געוואָרן.

איך האָב פֿריער איבערגעגעבן באַקונינס נביאות וועגן דעם צו וואָס אַ „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט", וואָס די מאַרקסיסטן האָבן אין זיינע צייטן געפּרעדיקט, וועט אומפֿאַרמיידלעך פֿירן. למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז באַקונין איז נישט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט פֿאָרויסגעזען און פֿאָרויסגעזאָגט, אַז דורך אַ „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט" אין אַן אַזוי גערופֿענעם „פֿאָלקסשטאַט" וועט די גאַנצע דעה האָבן די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט וואָס וועט זיין נישט אַנדערש „ווי אַ דעספּאָטישע הערשאַפֿט פֿון אַ קליינער אַריסטאָקראַטיע איבער די פֿאָלקס־מאַסן". דער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער פּיאָטר לאַוראָוו, אַ קעגנער פֿון באַקונינס אַנאַרכיזם, האָט כמעט אין דער זעלביקער צייט (אין יאָר 1874) געשריבן דאָס זעלביקע, אַז אַ דיקטאַטור פֿון אַ מינדערהייט וועט מוזן פֿירן צו דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון גאַנצן פֿאָלק, אַז די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטאָרן וועלן אַליין קיין מאָל נישט אויפֿגעבן זייער דיקטאַטאָרישע מאַכט און אַז פּטור ווערן פֿון אַ דיקטאַטור וועט מען קענען נאָר דורך אַ נייער רעוואָלוציע. און נאָך מיט פֿיל יאָרן פֿאַר באַקונינען און לאַוראָוון האָט אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער איז געווען אַ באַקונינס אַ פּערזענלעכער פֿריינט, אָבער אויך אַ קעגנער פֿון זיין אַנאַרכיזם, געשריבן: „סאָציאַלער פּראָגרעס איז מעגלעך נאָר אונטער פֿולשטענדיקער רעפּובליקאַנער פֿרייהייט, אונטער פֿולשטענדיקער דעמאָקראַטישער גלייכקייט און אַ סאָציאַליזם, וואָס וואָלט פּרובירט אָפּשאַפֿן פּאָליטישע פֿרייהייט, וואָלט דעגענערירט געוואָרן אין אַ דעספּאָטישן קאָמוניזם".

אין אַ בריוו צו באַקונינען האָט הערצען אין 1869 געשריבן, אַז מיט טעראָר און גוואַלטמיטלען קען מען נאָר צעשטערן די עקסיסטירנדיקע

אָרדענונג, אָבער נישט שאַפֿן אויף איר אָרט קיין אַנדער זאַך, אויסער שקלאַפֿן־אַרבעט, גלייכקייט און קאָמוניסטישער פּאַנשטשיזנע"...

אָבער באַקונין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פֿאָרויסגעזאָגט דעם וווּקס פֿון פּרייסן און איר ווערן אַ מיליטאַריסטיש־דעספּאָטישע דייטשע אימפּעריע, וואָס וועט זוכן צו באַהערשן און פֿאַרשקלאַפֿן אַלע אַנדערע פֿעלקער.

באַקונין האָט אויך פֿאָרויסגעזאָגט, אַז די עסטרייכיש־אונגאַרישע מלוכה, וואָס איז אין זיין צייט געווען איינע פֿון די צוויי גרעסטע אייראָ־פּעאישע אימפּעריעס, וועט מיט דער צייט זיך צעפֿאַלן און אַז דאָס צו־קונפֿטיקע קליינע עסטרייך וועט איינגעשלונגען ווערן פֿון גרויסן דייטש־לאַנד, וואָס דאָס איז טאַקע געשען אונטער היטלערן.

באַקונין האָט אויך פֿאָרויסגעזאָגט די באַפֿרייאונג פֿון די אַלע סלאַווישע פֿעלקער, וואָס האָבן אין זיין צייט געלעבט אין די אימפּעריעס פֿון טערקיי און עסטרייך־אונגאַרן.

ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט דעם אויפֿקום פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן און פֿון אַ פֿאַראייניקטער איטאַליע. און דאָס, וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעם דעספּאָטישן רעזשים פֿון ניקאָליי דעם ערשטן, קלינגט ווי אַ באַשרייבונג פֿון סטאַליניסטישן רוסלאַנד.

יורי סטעקלאָוו, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער 4 בענדיקער רוסישער ביאָ־גראַפֿיע פֿון באַקונינען, אַליין אַ געטרייער מאַרקסיסט, שרייבט:

„באַקונין איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט ניט מיט זיינע ווערטער, נאָר מיט זיינע טאַטן, אַן אומאויפֿהערלעכער און אַקטיווער טוער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. אַ ליידנשאַפֿטלעכער ליבהאָבער פֿון פֿריי־הייט, ווי ער אַליין האָט זיך גערופֿן, איז באַקונין געווען גרייט צו לויפֿן גלייך אַהין, וווּ עס איז געפֿירט געוואָרן אַ שלאַכט פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, צו שטעלן זיך דאָרט אויף דער זייט פֿון די קרבנות קעגן דעם אונטערדריקער, אַפֿילו ווען אָט דער אונטער־דריקער איז געווען זיין אייגן פֿאָטערלאַנד" (ווי צום ביישפּיל אין דער צייט פֿון פּוילישן אויפֿשטאַנד אין יאָר 1863).

די אָביעקטיווע געשיכטע, זאָגט סטעקלאָוו, איז געווען אין שטאַנד אונ־טערצופֿירן אַ קאַלטבלוטיקן סך־הכּל פֿון זיינע פּלוסן און מינוסן און אין רעזולטאַט פֿון דעם שטייט פֿאַר אונדז אויף די העכסט־ סימפּאַטישע פֿיגור פֿון אַן אייביקן בונטאַר אין נאָמען פֿון מענטשן־ווערדע און פֿרייהייט, וועלכער פֿלעגט נאָך יעדער דורכפֿאַל און טעות זיך אויפֿהייבן מיט אַ נייער קראַפֿט און מיט אַ זעלטענער פֿרישקייט זיך ווידער אַריינוואַרפֿן אין שלאַכט קעגן דער וועלט פֿון אומרעכט און געוואַלט".

סטעקלאָוו פֿאַרענדיקט זיין גרויס ווערק מיט די ווייטערדיקע ווערטער:
„באַקונינס גאַנץ לעבן איז געווען אַ העראָאישע עפּאָפּעע, וואָס האָט ביז היינט צו טאָג נישט פֿאַרלוירן איר גרויסקייט און וואָס איז בכוח אין די נייע דורות צו דערוועקן די בעסטע געפֿילן און רופֿן זיי נאָכצוטאָן אין נאָמען פֿון דעם עקשנותדיקן קאַמף מיט דער וועלט פֿון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע".

נישט נאָר באַקונינס ווערק, נאָר אויך סטעקלאָווס ביאָגראַפֿיע פֿון באַקונינען זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָך אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון אַלע דאָרטיקע ביבליאָטעקן...



פּיאָטר לאַווראָוו

(1900 — 1823)

1

„ליגן קען ניט זיין קיין מיטל אויף צו פאַרשפּרייטן דעם אמת און עקס־פּלואַטאַציע אָדער אויטאָריטאַרע הערשאַפט פון איין פּערזאָן קענען ניט זיין קיין מיטל אויף צו פאַרווירקלעכן גערעכטיקייט... מענטשן, וואָס גלייבן, אַז דער ציל הייליקט די מיטלען וואָלטן באַדאַרפט איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אַריינגעמען אין קאָפּ: אויסער די מיטלען, וואָס גראָבן אונטער דעם ציל גופא".

דאָס זיינען ווערטער פון דעם באַרימטן רוסישן סאָציאַליסטישן דענקער פּיאָטר לאַווראָוו, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 6טן פעברואַר, 1900, אין פּאַריז.

פּיאָטר לאַווראָוו האָט, ווי אַלע אַנדערע באַרימטע רוסישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט, געשטאַמט פון אַ רייכער פּריצישער פאַמיליע. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1823. זיין טאַטע און מאַמע זיינען געווען געבילדעטע מענטשן, זיי האָבן פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק און האָבן גערעדט עטלעכע שפּראַכן. די קינדער האָט מען אַ חוץ רוסיש אויך געלערנט ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש. נאָך ווי אַ יונגער ייִנגל האָט לאַווראָוו זיך באַקאַנט מיט די ווערק פון די גרויסע פראַנצויזישע שריפט־שטעלערס פון יענער צייט. ווען ער איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין פּעטערבורג און אַריינגעגעבן אין אַ מיליטערי־שער שול.

לאַווראָווס טאַטע איז געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט דער העכסטער רוסישער אַריסטאָקראַטיע. ווען דער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אין יאָר 1824 געמאַכט אַ רייזע איבער דרום־רוסלאַנד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי לאַווראָוון אין הויף.

דער יונגער פּיאָטר לאַוורּאָוו האָט שטודירט מאַטעמאַטיק. אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט פילאָסאָפישע און מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגעס. אונטער דעם איינפלוס פון די ערשטע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן סען־סימאָן, פוריע און פרודאָן איז לאַוורּאָוו אויך געוואָרן אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט. דער קאַמף פאַר דער באַ־פרייאונג פון דער מענטשקייט פון יעדער סאָרט שקלאַפעריי און אונטער־דריקונג, דער קאַמף פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט איז געוואָרן זיין רעליגיע.

אין יאָר 1842 האָט לאַוורּאָוו געענדיקט די מיליטערישע שול און אין צוויי יאָר אַרום איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ לערער פון מאַטעמאַטיק אין דער זעלביקער שול. אין דער זעלביקער צייט האָט ער ווייטער שטו־דירט. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער געשיכטע פון וויסנשאַפט און האָט גרינטלעך דורכגעשטודירט די ווערק פון אַלע פילאָסאָפן און געלערנטע פון די סאַמע עלטסטע צייטן ביז דער לעצטער עפּאָכע.

לאַוורּאָוו איז אָבער געווען נישט בלויז אַ קאָמפּעטענטש. ער איז אויך גע־ווען אַ גרויסער אידעאַליסט, אַ טרוימער, וואָס האָט אויסער שטרענג וויסנשאַפטלעכע ווערק אויך געשריבן לידער. נאָך אין יאָר 1857 האָט לאַוורּאָוו אָנגעשריבן אַ פאָר רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס ער האָט אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען אָפּגעדרוקט אין „קאָלאָקאָל”, דעם זשורנאַל, וואָס אַלעקסאַנדער הערצען האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן און וואָס פלעגט אין געהיים אַריינגעשמוגלט ווערן אין רוסלאַנד. אין די לעגאַלע רוסישע זשורנאַלן פלעגט לאַוורּאָוו שרייבן אַרטיקלען איבער פילאָסאָפיע, איבער דערציאונג און איבער נאַטור־וויסנשאַפט. אין יאָר 1860 האָט ער אין פּעטערבורג געהאַלטן דריי לעקציעס וועגן באַטייט פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. די דאָזיקע דריי לעקציעס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אין הארבסט פון יאָר 1861 זיינען אין פּעטערבורג צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד פאָרגעקומען גרויסע אומרוען צווישן די סטו־דענטן. די סטודענטן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די רעגירונג האָט זיי פאַרבאָטן צו אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן, עפנטלעכע לעק־ציעס און קאָנצערטן צו גונסטן דער סטודענטישער קאַסע. אַרום 900 סטודענטן האָבן אין געשלאָסענע רייען זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן פון פּעטערבורג צו דער געביידע פון דעם בילדונגס־קוראַטאָר פון פּעטער־בורגער ראַיאָן צו פאָדערן פון אים אַ דערקלערונג. די רעגירונג האָט אַרויס־געשיקט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן צעטריבן די דעמאָנסטראַנטן. די זעלביקע נאַכט זיינען 26 סטודענטן, וואָס די פּאָליציי האָט באַטראַכט פאַר די

„אויפהעצערס״, אַרעסטירט געוואָרן. דאָס האָט די סטודענטן נאָך מער אויפגערודערט און זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ נייע דעמאָנסטראַציע.

לאַווראָוו האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט צום אוניווערסיטעט. ער איז אָבער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן דער האַנדלונג פון דער פּאָליציי, האָט ער דעריבער אויפגעפאָדערט אַלע ראַדיקאַלע אָפיצערן, מיט וועלכע ער איז געווען באַפריינדט, אַז זיי זאָלן זיך אויך באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע פון די סטודענטן. ער האָט געדענקט, אַז ווען די קאָמאַנדירן פון דער אַרמיי און די סאָלדאַטן וועלן זען, אַז צווישן עולם זיינען פאַראַן אויך פיל אָפיצערן, וועלן זיי נישט שיסן אין די דעמאָנטראַנטן.

אין דעם באַשטימטן טאָג האָט זיך אַרום דעם אוניווערסיטעט פאַרזאַמלט אַ ריזיקער עולם. די מערסטע זיינען געווען סטודענטן, וואָס זיינען געקומען פאָדערן, אַז מען זאָל באַפרייען זייערע אַרעסטירטע חברים און אויב דאָס איז נישט מעגלעך, טאָ זאָל מען זיי אַלעמען אַרעסטירן. צווישן עולם זיינען אויך געווען אַ סך אָפיצערן. אינעווייניק אין דער געביידע פון אוניווערסיטעט זיינען געווען פאַרזאַמלט דער גענעראַל גובערנאַטאָר, דער פּאָליציי־שעף און דער מיניסטער פאַר פאָלקסבילדונג. אַרום דער געביידע פון אוניווערסיטעט איז געווען אויסגעשטעלט אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן צוזאַמען מיט אַ מאַסע זשאַנדאַרן און פּאָליציי. אויפן הויף פון אוניווערסיטעט האָבן פאַרשיידענע סטודענטן געהאַלטן רעדעס.

לאַווראָוו האָט זיך געריסן צו די סטודענטן. ער האָט געוואָלט האַלטן פאַר זיי אַ רעדע. דער פּאָליציי־שעף האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און געבעטן זיך ביי אים: „הער פּאָלקאָווניק, טוט עס ניט, איך בעט אייך, אַז איר זאָלט עס ניט טאָן״.

לאַווראָוו האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון דעם און ער האָט זיך אַלץ געריסן צו די סטודענטן. ער האָט זיי צוגעגעבן מוט. אויף מאָרגן נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט לאַווראָוו באַקומען אַ שטרענגן אויסרייד דערפאַר פון דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ. מען האָט אים גאַנץ איינפאַך דערקלערט, אַז אויב ער וועט וואַגן נאָך אַ מאָל עפנטלעך אויסצודריקן זיין מיטגעפיל מיט די סטודענטן, וועט מען אים פאַרשיקן אין די ווייטע מקומות.

אין יענער צייט איז לאַווראָוו שוין געווען אַ מיטגליד פון דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „זעמליא אי וואָליאַ״ (ערד און פרייהייט), צו וועלכער עס האָט אויך געהערט ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, דער באַרימטער רוסישער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיסט, קריטיקער און פּובליציסט. לאַווראָוו האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אָרגאַניזאַציע מיט איניקע מאָנאַטן פאַר טשערנישעווסקיס אַרעסט.

נאָך קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט אויף דעם צאַר, ווען עס האָבן זיך אָנ־געהויבן די מאַסן־אַרעסטן, האָט די רעגירונג זיך אַ נעם געטאָן צו די ראַדיקאַלע שריפטשטעלערס און געלערטע. דעם 25סטן אַפּריל, 1866, האָט די פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע אויך ביי לאַווראָוון. מען האָט ביי אים געפונען בריוו, וואָס האָבן געוויזן, אַז ער איז באַפריינדט מיט טשערני־שעווסקין, מיטן פּאָעט מיכאַילאָוו, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע, און מיטן ראַדיקאַלן פּובליציסט ניקאָליי אוטין, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר פריער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. אויסער די בריוו האָט מען ביי אים אויך געפונען אַ פּאָר רעוואָלוציאָנערע לידער קעגן דעם צאַר ניקאָליי דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווי אויך די קאָרעקטור פון זיינעם אַן אייגענעם נישט־פאַרעפנטלעכן אַרטיקל, פון וועלכן עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער און אַ סאָציאַליסט.

מען האָט אים גלייך אַרעסטירט און איבערגעגעבן צום געריכט פון אַ מיליטעריש־יורידישער קאָמיסיע. ביזן משפט איז לאַווראָוו ניין מאָנאַטן אָפּגעזעסן אין טורמע. דערנאָך היט מען אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און פאַרשיקט אין אַ פאַרוואָרפענעם העק אין צפון־רוסלאַנד, אין וואָלאָג־דער גובערניע, ווו עס האָבן זיך געפונען בלויז נאָך אַ פּאָר פאַרשיקטע. לאַווראָוו איז אָנגעקומען אַהין אין פעברואַר 1867. אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום האָט מען אים איבערגעפירט אין דער שטאָט וואָלאָגדאַ. די זשאַנ־דאַרן אָבער האָבן נישט אויפגעהערט צו שיקן אויף אים מסירות קיין פעטערבורג און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין צוויי מאָנאַטן שפּעטער האָט מען אים פאַרשיקט נאָך אין אַן ערגערן העק, אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף קאַדניקאָוו, ווו ער איז געווען דער איינציקער פאַרשיקטער און ווו ער איז טאָג און נאַכט באַוואַכט געוואָרן פון צוויי זשאַנדאַרן, וועלכע האָט מען ספּעציעל צו אים צוגעשטעלט. דער איינציקער פריינט זיינער איז דאָ געווען זיין אַלטע מאַמע, וועלכע איז צוזאַמען מיט אים מיטגעפאָרן אין פאַרשיקונג.

לאַווראָוו האָט נאָך אין יאָר 1847 חתונה געהאַט מיט אַ יונגער רייכער אַלמנה, וועלכע איז געווען אַ באַרימטע שיינקייט. ער האָט מיט איר געהאַט פיר קינדער. אָבער מיט צוויי יאָר פאַר זיין אַרעסט איז די פרוי געשטאָרבן. אין ערשטן שטעטל, ווו ער איז געווען פאַרשיקט, האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ פּוילישער רעוואָלוציאָנערקע, אַנאַ טשאַפּליצקאַ, וועלכע איז דאָרט אויך געווען פאַרשיקט, און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. ווען מען האָט אים אָבער פאַרשיקט קיין קאַדניקאָוו, האָט מען זיין פרוי נישט געלאָזט פאָרן אַהין. זי איז פאַרבליבן אין וואָלאָגדאַ און לאַווראָוו פלעגט נאָר פון צייט צו צייט אין געהיים אַריבערכאַפּן זיך קיין וואָלאָגדאַ צו זען זיך מיט

איר. אין יאָר 1869 האָט מען די פֿרוי טשאַפּליצקאַ דערלויבט צו באַזעצן זיך אין צענטראַל־רוסלאַנד, אין פּענזער גובערניע. איר פּלאַן איז געווען פֿון דאָרט צו אַנטלויפֿן אין אויסלאַנד און לאַווראָוו זאָל דערנאָך אויך אַנטלויפֿן.

זי איז טאַקע באַלד אַנטלאָפֿן קיין פּאַריז. לאַווראָוו אָבער האָט אַליין ניט געקענט אַנטלויפֿן. ער האָט געמוזט האָבן עמעצן, וואָס זאָל אים פֿירן, ווייל ער איז געווען זייער אַ קורצזיכטיקער. האָט ער זיך אַ גאַנצן יאָר צייט נאָך געפּלאָגט איינער אַליין אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף פֿון קאַלטן צפֿון.

2

ליידיק איז לאַווראָוו אויך אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף פֿון וויטן צפֿון נישט געזעסן. ער האָט גאַנצע טעג געלייענט און געשריבן. דאָרט האָט ער אָנגעשריבן זיינע באַרימטע „היסטאָרישע בריוו", וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אונטערן פּסעוודאָנים מירטאָוו. אין די דאָזיקע בריוו האָט ער געזוכט צו באַווייזן, אַז עס איז די פֿליכט פֿון יעדן אָנשטענדיקן געוויסנדיקן מענטשן צו דינען דעם פֿאָלק און אַרבעטן פֿאַר זיין וווילזיין. יעדער מענטש, וואָס לעבט אויף דער וועלט, האָט ער געפּרעדיקט, איז פֿאַרפֿליכט צו באַצאָלן דעם חוב, וואָס ער קומט די פֿריערדיקע דורות פֿאַר זייערע אומדערהערטע ליידן און מאַטערנישן, וואָס האָבן געגעבן די מעגלעכקייט דעם איצטיקן דור צו באַנוצן זיך מיט מערער באַקוועמלעכקייטן אין לעבן. דער סאָציאַליזם, די באַפֿרייאונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון עקאָנאָמישער שקלאַפֿעריי, האָט לאַווראָוו געפּרעדיקט, איז נישט קיין ציל פֿאַר זיך, נאָר אַ מיטל צו דערהייבן דעם מענטשן און מאַכן מעגלעך דעם גייסטיקן און מאָראַלישן פּראָגרעס פֿון דער מענטשקייט און די פֿילזייטיקע אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק האָט לאַווראָוו נישט איין מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דער סאָציאַליזם האָט פֿאַר אים נאָר אויף אַזוי פֿיל אַ ווערט, אויף וויפֿל ער פֿאַרקערפּערט אין זיך די אידעאַלן פֿון פֿרייהייט, פֿון אמת און פֿון גערעכטיקייט און אויף וויפֿל די סאָציאַליסטישע סיסטעם קען העלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט פֿיזיש, גייסטיק און מאָראַליש.

לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו" האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ געוואַלטיקן איינפֿלוס אויף דער ראַדיקאַלער יוגנט. ער האָט אין דער צייט פֿון זיין פֿאַרשיקונג אָנגעשריבן צענדליקער אַנדערע אַרטיקלען פֿאַר די דעמאָלטדיקע וויכטיקסטע ראַדיקאַלע זשורנאַלן אין פּעטערבורג.

דער רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין איז אַנטלאָפֿן פֿון סטאַווראָפּאָל קיין פּעטערבורג און ער האָט זיך דערוווּסט, אַז שוין מער ווי אַ יאָר צייט ווי לאַווראָוו קלייבט זיך צו אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרשיקונג, נאָר ער קען עס אַליין נישט טאָן, האָט ער גלייך באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין קאַדניקאָוו צו העלפֿן לאַווראָוון דורכצופֿירן זיין פּלאַן.

קיינער, אויסער לאַווראָווס קינדער, האָבן פֿון דעם פּלאַן נישט געוווּסט. זיי האָבן באַזאָרגט לאָפּאַטינען מיט אַ געוויסער סומע געלט אויף די רייזע־הוצאות. פֿאַרקליידט אין אַן אוניפֿאָרעם פֿון אַ געוועזענעם שטאַב־קאַפּיטאַן פֿון דער אַרמיי און מיט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט אין קעשענע, איז לאָפּאַטין אַוועקגעפֿאָרן קיין וואָלאָגדאַ. אָנגעקומען אַהין איז ער אין אַ פּאָר טעג אַרום. אַזוי ווי קיין באַקאַנטע האָט ער דאָרט ניט געהאַט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אכסניה. אויף מאָרגן אין אָוונט האָט ער געדונגען אַ פֿור און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קאַדניקאָוו. דאָרט איז ער אויך פֿאַרפֿאָרן אין אַן אכסניה. די פֿערד האָט ער איבערגעלאָזן אויפֿן הויף פֿון דער אכסניה און אַליין איז ער באַלד אַוועק צו לאַווראָוון. זיי האָבן זיך פֿאַר דעם קיין מאָל ניט געטראָפֿן.

ווען לאָפּאַטין איז אַריין אין פֿאָדערשטן צימער און לאַווראָוו האָט דערזען פֿאַר זיך אַ מאַן אין אַ מיליטערישער אוניפֿאָרעם, האָט ער אים גלייך פֿאַרצאַמט דעם וועג און נישט געוואָלט לאָזן גיין ווייטער.

„וואָס פֿאַרלאַנגט איר?“ — האָט לאַווראָוו זיך צו אים געווענדט.

„איך בין הערמאַן לאָפּאַטין. איך האָב אייך געבראַכט אַ גרוס פֿון אייער טאָכטער. זי האָט מיך געבעטן געוואויר ווערן אייך“...

לאַווראָוו האָט אים גלייך פֿאַרבעטן צו זיך אין צימער, אָבער איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן אויסצורעדן אַ פּאָר ווערטער, זיינען אין הויז אַריינגעקומען אַ פּאָר פֿון די דאָרטיקע איינוווינערס. זיי זיינען געקומען צו גאַסט צו לאַווראָוון. צוליב די געסט האָט דער שמועס צווישן לאָפּאַטינען און לאַווראָוון געמוזט איבערגעריסן ווערן אויפֿן סאַמע אינטערעסאַנטסטן פּלאַץ. אַזוי גיך ווי די געסט זיינען אַרויס, האָט לאָפּאַטין דערקלערט לאַווראָוון דעם אמתן ציל פֿון זיין קומען.

„איך בין געקומען אייך העלפֿן אַנטלויפֿן פֿון דאַנען“, האָט לאָפּאַטין געזאָגט. „ווען קענט איר זיין גרייט צו אַנטלויפֿן?“.

„כאָטש אַפֿילו די מינוט“, האָט לאַווראָוו געענטפֿערט.

„די מינוט“ אָבער האָט לאַווראָוו נאָך נישט געקענט פֿאָרן. מען האָט זיך געמוזט פֿריער גוט צוגרייטן צו דער נסיעה. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז לאָפּאַטין זאָל אויף מאָרגן אין אָוונט קומען נאָך אים און פֿאַר דעם מעת־לעת צייט זאָל לאַווראָוו צוגרייטן זיך צו דער רייזע. לאַווראָווס מאַמע

האָט אין דער באַשטימטער שעה געזאָלט ערגעץ אַוועקשיקן די דינסט און דערנאָך באַהאַלטן פֿון איר דעם פֿאַקט, אַז דער זון אירער איז אַנטלאָפֿן. דאָס איז געווען נישט שווער דורכצופֿירן. לאַווראָוו האָט אָפֿט געליטן שרעקלעכע קאָפּווייטיקן, און ווען די ווייטיקן פֿלעגן זיך אָנהייבן, פֿלעגט די מאַמע נישט אַריינלאָזן צו אים אין צימער די דינסט, נאָר זי פֿלעגט אַליין אַרום אים אַרומגיין, כּדי נישט אויפֿצורעגן אים צו פֿיל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די מאַמע זאָל דערקלערן דער דינסט, אַז לאַווראָוו איז קראַנק געוואָרן און אין פֿאַרלויף פֿון צוויי אָוונטן זאָל מען אין זיין צימער ניט אָנצינדן קיין פֿייער, כּדי נישט אַרויסצורופֿן קיין פֿאַרדאַכט ביי די זשאַנדאַרן, וועלכע פֿלעגן אין אָוונט זייער אָפֿט זיך דורכשפּאַצירן פֿאַרביי לאַווראָווס הויז. מען האָט אויך אָפּגעמאַכט מיט דער אַלטיטשקער, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם ווי לאַווראָוו וועט אַנטלויפֿן, זאָל זי מעלדן דער פּאָליציי, אַז איר זון איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

לאַווראָווס מאַמע, נישט קוקנדיק אויף איר טיפֿן עלטער, איז געווען אַ פֿרוי מיט אַ שטאַרקן אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער. זי האָט זיך שפּעטער אַזוי גוט געהאַלטן, אַז דער פּאָליציי איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפֿאַלן זי חושד צו זיין, אַז זי האָט געהאָלפֿן דעם זון אַנטלויפֿן.

איין שטערונג איז אָבער געווען. מיט אַ קורצער צייט פֿריער האָט לאַוו־ראָוו פֿאַרענדיקט זיינע אויבן דערמאָנטע „היסטאָרישע בריוו" און ער האָט זיך געקליבן זיי אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדער בוך. אַזוי ווי דאָס איז געווען „טריפֿה" ליטעראַטור, האָט ער דעם מאַנוסקריפּט אַוועקגעשיקט צו אַ פֿריינט אין וואָלאָגדע און דאָרט האָבן אַ פּאָר סטודענטן פֿון אָרטיקן סעמינאַר, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען, עס פּאָר אים איבערגעשריבן. לאַווראָוו האָט געגעבן לאָפּאַטינען דעם אַדרעס פֿון די דאָזיקע סעמינאַריסטן און געבעטן אים, אַז ער זאָל אָפּנעמען ביי זיי די מאַנוסקריפּטן.

ווען לאָפּאַטין איז אויף מאָרגן געקומען קיין וואָלאָגדאָ, איז ער גלייך אַוועק צו די סעמינאַריסטן און האָט פֿאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אים אָפּגעבן לאַווראָווס מאַנוסקריפּטן. די יונגע סעמינאַריסטן האָבן זיך דערשראָקן אויף טויט. לאָפּאַטינען האָבן זיי דאָך ניט געקאָנט. דערזעענדיק דאָ פּאָר זיך אַ מאַן אין אַ מיליטערישן אוניפֿאָרעם, האָבן זיי געדענקט, אַז ער איז זיי געקומען אַרעסטירן. פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן, ווי איבערשרייבן אומלעגאַלע מאַנוסקריפּטן, האָט מען אין יענע יאָר פֿאַרשיקט מענטשן קיין סיביר און אַפֿילו אויף קאַטאָרגע. די סעמינאַריסטן האָבן דעריבער פֿאַרציטערטע גע־טענהט, אַז זיי הייבן נשט אָן צו וויסן, וואָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון זיי. ערשט דאַן האָט לאָפּאַטין איינגעזען דעם פֿעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען, קומענ־

דיק צו זיי אָן אַ בריוו פֿון לאַווראָוון אַליין. ער האָט זיי דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר אים, אַז ער איז לאַווראָוום אַ פֿריינט און אַז זיי וועט גאָרנישט שאַדן. זיי האָבן אים דאַן אָפּגעגעבן די מאַנוס־קריפּטן און לאַפּאַטין איז אויף מאָרגן ווידער אַוועקגעפֿאָרן קיין קאַדני־קאָוו צו לאַווראָוון.

דאָרט האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין דער אַכסניה. ער האָט זיך געמאַכט קראַנק: אַ גאַנצן טאָג איז ער אָפּגעלעגן אין בעט און איז אין ערגעץ ניט אַרויס. ערשט ווען עס איז שוין געוואָרן פֿינצטער, איז ער אַוועק צו לאַווראָוון און האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון הויז און געלאָזט אים שטיין אויף דער גאַס.

דאַן איז ער אַוועק צוריק אויף דער אַכסניה, האָט איינגעשפּאַנט זיינע פֿערד, איז צוגעפֿאָרן צום פּלאַץ, וווּ לאַווראָוו איז געשטאַנען, האָט אים אַריינגעזעצט אין שליטן און זיי זיינען אַרויסגעפֿאָרן פֿון קאַדניקאָוו.

ווען זיי זיינען שוין געווען הינטערן שטעטל, האָט לאַפּאַטין זיך דער־מאָנט, אַז זיי האָבן פֿאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך די שפּייז און די פּיראָגן, וואָס לאַווראָווס מאַמע האָט ספּעציעל צוגעגרייט פֿאַר זיי אויפֿן וועג. ער האָט געוווּסט, אַז די אַלטיטשקע מאַמע וועט זיך שטאַרק אָפּעסן דאָס האַרץ, ווען זי וועט דערזען, אַז די פּיראָגן, וואָס זי האָט פֿאַר זיי אויסגעבאַקן, זייַ־נען פֿאַרבליבן אין הויז. האָט ער דעריבער פֿאַרגעלייגט לאַווראָוון, אַז ער וועט אַריבערלויפֿן אין הויז און ברענגען דאָס פּעקעלע, וואָס די מאַמע האָט פֿאַר זיי צוגעגרייט.

— גאָט איז מיט אייך, גערמאַן אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט לאַווראָוו פּראָטעסטירט, — לוינט זיך דען צוליב אַזאַ נאַרישקייט אָפּצושטעלן זיך? מיר וועלן זיך באַגיין אָן די פּיראָגן".

אָבער לאַפּאַטין האָט זיך ניט צוגעהערט צו לאַווראָווס פּראָטעסטן. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם שליטן און איז אַוועקגעלאָפֿן צוריק קיין קאַדניקאָוו נאָך די פּיראָגן.

די אַלטיטשקע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען זי האָט פֿאַר זיך דערזען לאַפּאַטינען אָן איר זון. ווען לאַפּאַטין האָט איר אָבער דערקלערט צוליב וואָס ער האָט זיך אומגעקערט, האָט זי מיט טרערן פֿון דאַנקבאַרקייט אים דערלאַנגט דאָס פּעקעלע.

ביז דער שטאָט יאַראָסלאַוול זיינען זיי געפֿאָרן מיט דער פֿור. פֿון דאָרט מיט דער באַן ביז מאָסקווע און פּעטערבורג. אין שטעטל הינטער וואָלאָגדאַ האָבן זיי אין אַן אַכסניה זיך געטראָפֿן מיט אַ זשאַנדאַרמסקן פּאָלקאָוו־ניק פֿון וואָלאָגדאַ, וועלכער האָט לאַווראָוון געקענט פּערזענלעך. לאַפּאַטין האָט אָבער פֿריער אַזוי „פֿאַרגרימירט" לאַווראָוון, אַז מען זאָל אים ניט

דערקענען. ער האָט אים פֿאַרלייגט די באַק מיט וואַטע און איבערגעבונדן מיט א טיכל. עס האָט געהייסן, אַז ער ליידט כלומרשט פֿון ציינווייטאָג. א דאַנק דעם איז לאַווראָוו באַרד פֿאַרשוווּנדן און זיין גאַנץ פּנים האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק האָט אים דעריבער נישט דערקאַנט. דעם גאַנצן וועג האָט לאַווראָוו אויסגעמיטן צו רעדן מיט עמעצן. ער איז געווען „טויט קראַנק"...

דעם 27סטן פֿעברואַר, 1870, האָט לאָפּאַטין געבראַכט לאַווראָוון קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער אים איבערגעגעבן דעם פֿאַלשן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט פֿאַר זיך, און מיט דעם פּאַס־פּאָרט איז לאַווראָוו באַלד אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געטראָפֿן זיין פֿרוי די טשאַפּליצקאַ, וועלכע איז שוין מיט אַ צייט פֿריער אַהין גע־קומען. באַלד נאָך דעם איז לאָפּאַטין אויך אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד.

קיין פּאַריז איז לאַווראָוו געקומען אויף דער איינלאַדונג פֿון אַלעקסאַנדער הערצען. אָבער הערצענען האָט לאַווראָוו שוין נישט געטראָפֿן אַ לעבעדיקן. (ער איז געשטאָרבן דעם 21סטן יאַנואַר, 1870).

אין פּאַריז איז לאַווראָוו גיך באַקאַנט געוואָרן מיט די באַרימטע פֿראַנ־צייזישע געלערטע פֿון יענער צייט און מיט די פֿירערס פֿון דער סאָציאַליס־טישער און אַרבעטער־באַוועגונג. אין פּאַריז האָט לאַווראָוו אין אָנהויב געהאָפֿט, אַז אין רוסלאַנד וועלן אין גיכן אָנקומען בעסערע צייטן און אַז ער וועט האָבן די מעגלעכקייט צוריקצוקערן זיך קיין רוסלאַנד. דעריבער האָט ער בדעה געהאַט צו דינען דעם מענטשלעכן פּראָגרעס אויף זיין שטיי־גער, דורך „פּראָפּאַגאַנדירן אין דער לעגאַלער רוסישער פּרעסע פֿון פּעטער־בורגבורג און מאָסקווע די פּראָגרעסיווע אידעען אין פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיע, וויסנשאַפֿט, קונסט און פּאָליטישע לערעס" — אַזוי האָט ער אַליין זיך אויסגעדריקט.

פֿאַר פּראַקטישן אָנטייל אין פּאָליטיק, האָט ער געהאַלטן, איז ער נישט צוגעפּאַסט. און נאָר ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלע זיינע האָפֿענונגען אויף אַ צוריקקער קיין רוסלאַנד זיינען אומזיסטע און ווען דער פֿלוצלונגדיקער טויט פֿון זיין צווייטער פֿרוי, אַננאַ טשאַ־פּליצקאַ, האָט צעשטערט זיין פּערזענלעכן לעבן — האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער צאַרישער רעגירונג אין אויס־לאַנד; און פֿאַר דעם צוועק האָט ער אָנגעקניפּט פֿאַרבינדונגען מיט אַ קרייזל פֿון יונגע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען געווען אַם נאָענט־סטן צו אים. ער איז אויך געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דעם ערשטן סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָנהייב מיי, 1871, איז לאַווראָוו באַפולמעכטיקט געוואָרן פון די פירערס פון דער פּאַריזער קאָמונע צו פאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט קאַרל מאַרקסן און פרידריך ענגעלסן און ער איז דערנאָך באַפריינדט געוואָרן מיט זיי ביידן.

פון יאָר 1872 ביזן יאָר 1876 האָט לאַווראָוו אַרויסגעגעבן (פריער אין ציריך און דערנאָך אין לאָנדאָן) דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „וּפּעריאָד" (פאָרויס). אין דעם אַרטיקל „אונדזער פּראָגראַם", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין ערשטן נומער פון „וּפּעריאָד", האָט ער געשריבן:

„דער איבערבוי פון דער רוסישער געזעלשאַפט מוז פאָרקומען נישט נאָר מיטן ציל פאַר דעם פאָלקסוווילזיין, נישט נאָר פאַרן פאָלק, נאָר אויך דורכן פאָלק. דער מאָדערנער רוסישער טוער דאַרף אָפּוואַרפן די פאַרעלטערטע מיינונג, אַז אויפן פאָלק קען מען אַרויפצווינגען אידעען, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַ קליינער גרופּע פון דער מער אַנטוויקלטער מינדערהייט; אַז די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, אַרונטערוואַרפנדיק דורך אַ געלונגענעם אָנגריף די צענטראַלע רעגירונג, קענען פאַרנעמען איר פּלאַץ און איינפירן... אַ נייע אָרדענונג, באַגליקנדיק מיט איר די נישט צוגעגרייטע מאַסע. מיר ווילן נישט מיט געוואַלט אַרויפצווינגען קיין מאַכט, פון וועלכן קוואַל די דאָזיקע מאַכט זאָל נישט קומען".

פּונקט ווי אַלעקסאַנדער הערצען, איז אויך לאַווראָוו געווען אַ שאַרפער סעגנער פון יעדער דיקטאַטור. אין יאָר 1874 האָט ער געשריבן אין „וּפּעריאָד":

„די געשיכטע האָט באַוויזן און די פּסיכאָלאָגיע איבערצייגט אונדז, אַז יעדע אומבאַגרענעצטע מאַכט, יעדע דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי, אַפילו פון די בעסטע מענטשן און אַפילו געניאַלע מענטשן, דענקענדיק גליקלעך צו מאַכן די פעלקער דורך דעקרעטן, האָבן עס נישט געקאָנט טאָן. יעדע דיקטאַטור מוז זיך אַרומרינגלען מיט אַ צווינגענדיקער מאַכט, מיט אַ ווערקצייג, וואָס צווינגט, אַז מען זאָל זיך איר בלינד אונטערוואַרפן. יעדער דיקטאַטור איז אויסגעקומען דורך געוואַלטמיטלען צו אונטערדריקן נישט נאָר די רעאַקציאָנערן, נאָר אויך די מענטשן, וועלכע האָבן פּשוט נישט איינגעשטימט מיט אירע מעטאָדן פון טעטיקייט. יעדער דיקטאַטור איז אויסגעקומען צו פאַרשווענדן מער צייט, אָנשטרענגונגען און ענערגיע אויף דעם קאַמף פאַר מאַכט מיט אירע קעגנערס, ווי אויף דער פאַרווירקלעכונג פון איר פּראָגראַם מיט דער הילף פון אָט דער מאַכט.

„וועגן דעם, אַזאַ דיקטאַטור זאָל זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון דער מאַכט, וואָס איז מיט געוואַלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ וועלכער עס איז פּאַרטיי,

דאָס הייסט, אַז די דיקטאַטור זאָל דינען נאָר ווי אַן אויסגאַנגספּונקט פון דער רעוואָלוציע", קען מען טרוימען נאָר פאַרן פאַרכאַפּן די מאַכט. אין דעם קאַמף צווישן די פּאַרטייען פאַר מאַכט, אין די אומרוען פון די אָפּע־נע און געהיימע אינטריגעס, רופט יעדע מיגוט אַרויס די נויטווענדיקייט איינצוהאַלטן די מאַכט, רופט אַרויס נייע אוממעגלעכקייטן אָפּצוזאָגן זיך פון דער מאַכט. אַ דיקטאַטור רייסט אַרויס פון די הענט פון די דיקטאַטאָרן נאָר אַ נייע רעוואָלוציע.

„נישט שוין זשע האָט די געשיכטע נישט גענוג באַוויזן די מאַכטלאָ־זיקייט פון דעקרעטן, פון מאַסמיטלען און באַפעלן (פון דיקטאַטאָרן) מיטן ציל צו באַגליקן די מאַסן?".

אין זיין בראָשור: דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, פון דעם רע־דאַקטאָר פון זשורנאַל „ווּפּעריאָד", האָט לאַווראָוו געשריבן:

„אמת און סאָלידאַריטעט פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג קענען נישט געבויט ווערן אויפן פונדאַמענט פון ליגן און היפּאָקריטסטווע, פון עקס־פּלואַטאַציע פון איין קלאַס מענטשן דורך די אַנדערע מענטשן; אויפן שפּיל מיט די פּרינציפּן, וואָס דאַרפן אַוועקגעלייגט ווערן אין דעם פונדאַמענט פון דער נייער אָרדענונג, אויף דער שעפּסענער אונטערטעניקייט פון קרייזלעך צו עטלעכע אָנפירערס".

אין דער זעלביקער בראָשור האָט לאַווראָוו אויך געשריבן:

„די ווייניקע דיקטאַטאָרן, וועלכע זיינען צופעליק אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים רעגירונגס־רודער, וואָס צווינגען אַרויף דורך מעכאַנישער מאַכט זייערע פּערזענלעכע פאַנטאַזיעס אויף דער גלייכגילטיקער, נישט באַוווּסטזיניקער מאַסע, זיינען אָפּשטויסנדיקע פאַרשטייערס פון אַן אַרויפ־צווינגענדיקער מלוכהשאַפט און זיי קענען נאָר אָנטאָן שלעכטס, וויפל זייערע כוונות זאָלן נישט זיין געריכט צו ברענגען גוטס פאַר אַלעמען".

דער זשורנאַל „ווּפּעריאָד" האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די ברייטע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ, באַזונדערס אויף דער שטו־דירנדיקער יוגנט. דער באַרימטער שריפטשטעלער איוואַן טורגעניעוו האָט געשריבן לאַווראָוון: „די פּראָגראַם אייערע האָב איך איבערגעלייענט צוויי מאָל, מיט דער נייטיקער אויפמערקזאַמקייט. מיט אַלע וויכטיקע פּונקטן בין איך מסכים".

טורגעניעוו האָט פינאַנציעל געשטיצט דעם דאָזיקן זשורנאַל. פון אָנ־הייב פלעגט ער געבן טויזנט פראַנק אַ יאָר פאַרן זשורנאַל.

הערמאַן לאָפּאַטין, וועלכער פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט טורגעניעוון אין פּאַריז, האָט שפּעטער דערציילט, אַז טורגעניעוו איז ווייט נישט איינ־שטימיק געווען מיט דער פּראָגראַם פון „ווּפּעריאָד". ער פלעגט אָבער

זאָגן: „ער שלאָגט די צאַרישע רעגירונג, בין איך גרייט צו העלפֿן אים מיט אַלץ, וואָס איך קען".

לאַווראָוו אַליין האָט מיט יאָרן שפּעטער, אין זיין אַרטיקל וועגן טורגעניעוון, געשריבן:

„איוואַן סערגעיעוויטש (טורגעניעוו) איז קיין מאָל נישט געווען נישט קיין סאָציאַליסט און נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ער האָט קיין מאָל נישט געגלייבט, אַז די רעוואָלוציאָנערן קענען אויפֿהייבן דאָס פֿאָלק קעגן דער רעגירונג, ווי ער האָט אויך נישט געגלייבט, אַז דאָס פֿאָלק קען פֿאַרווירקלעכן זיינע חלומות וועגן אַ נייעם 'פּאָטערל' סטענקאַ ראַזין (סטענקא ראַזין איז געווען דער אָנפֿירער פֿון איינעם פֿון די גרעסטע פּויערים־אויפֿשטאַנדן אין רוסלאַנד, אין 17טן יאָרהונדערט. — ד. ש.) אָבער די געשיכטע האָט טורגעניעוון געלערנט, אַז קיין רעפֿאָרמען פֿון אויבן ווערן נישט געגעבן אָן אַן ענערגישן דרוק פֿון אונטן אויף דער מאַכט. ער האָט געזוכט די כוחות, וואָס וואָלטן געווען פֿעאיק אויסצוגעבן אָט דעם דרוק".

צוליב די מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן צווישן די אַזוי גערופֿענע „וופּעריאָדאָווצעס" און דעם רעדאַקטאָר האָט לאַווראָוו אין 1876 זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו רעדאַקטירן דעם זשורנאַל. זיין ווערק „דער מלוכה־עלעמענט אין דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט", וואָס איז דערשינען אין 1876, איז געווען די ערשטע און די איינציקע אויסגאַבע פֿון דעם פֿערטן פּעריאָדישן זאַמלבוך „וופּעריאָד". אין צוזאַמענשטעלן אָט דעם נומער האָט לאַווראָוו זיך שוין נישט באַטייליקט און מיט אים האָט זיך פֿאַרענדיקט די טעטיקייט פֿון די „וופּעריאָדאָווצעס" סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אויסלאַנד.

אין מאַי 1877 האָט לאַווראָוו זיך צוריק אַריבערגעקליבן קיין פּאַריז. אין די ערשטע יאָרן פֿון דעם נייעם פּעריאָד פֿון זיין לעבן האָט ער, לויט זיינע אייגענע ווערטער, געהאַט ווייניק באַציאונגען מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס. ער איז געווען פֿאַרבונדן מיט די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין יאָר 1877 געשאַפֿן אַן אָרגאַן „עגאַליטע" (גלייכקייט) און לאַווראָוו האָט אָנטייל גענומען אין דעם דאָזיקן אָרגאַן.

דעם זעלביקן יאָר האָט ער אויך אָנגעהויבן לייענען (ביי זיך אויף דער קוואַרטיר) לעקציעס פֿאַר דער רוסישער יוגנט, וואָס האָט געוווינט אין פּאַריז. די לעקציעס זיינען געווען וועגן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס פֿון טעאָרעטישן סאָציאַליזם און וועגן דער געשיכטע פֿון מענטשלעכן געדאַנק.

אין 1881 איז אין רוסלאַנד געגרינדעט געוואָרן „דער רויטער קרייץ" פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". וועלנדיק גרינדן אין אויסלאַנד אַן אָפּטיילונג פֿון דעם דאָזיקן „רויטן קרייץ", האָבן די פֿירערס פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין פּעטערבורג אויסגעקליבן פֿאַר

זייערע באַפּולמעכטיקסטע די באַרימטע רעוואָלוציאָנערע וויערא זאַסוליטש און לאַווראָוו. זיי האָבן גלייך פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אויס־לענדישע זשורנאַלן אַן אויפרוף מיט אַן איינלאַדונג צו שיקן בייטראָגן פאַר דער נאָר וואָס געשאַפענער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי די טעראָריסטן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָבן דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

באַלד ווי דער אויפרוף איז דערשינען אין דער פּרעסע, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אויפגעפאָדערט לאַווראָוון צו פאַרלאָזן פראַנקרייך. דאָס האָט מען אים געלאָזט וויסן דעם צענטן יאַנואַר 1882 און דעם דרייצנטן פעברואַר איז ער אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

קורץ נאָך דעם איז אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע דערשינען אַ טע־לעגראַמע פון דער שווייץ, אַז אַ רוסישע דאַמע אין זשענעווע האָט געשאָסן אין אַ דייטש, מיינענדיק, אַז דאָס איז פּיאָטר לאַווראָוו. מען האָט זי אַרעסטירט, געמשפּט און דערקלערט פאַר משוגע.

אין לאָנדאָן האָט לאַווראָוו באַקומען אַן איינלאַדונג פון דעם עקזעקו־טיוו־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אַריינצוטרעטן צוזאַמען מיט דעם באַוווּסטן רעוואָלוציאָנער סערגיי קראַווטשינסקי־סטעפּניאַק אין דער רעדאַקציע פון דעם נייעם זשורנאַל, וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין אין אונטערן נאָמען „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי".

אין דריי מאָנאַטן אַרום, נאָך לאַווראָווס קומען קיין לאָנדאָן, האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צוריקצוקערן זיך קיין פּאַריז.

די צוגרייטונגען פאַר אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" האָבן זיך פאַרצויגן אויף איבער אַ יאָר צייט, ביז וואַנען עס איז פון רוסלאַנד אָנגעקומען לעוו טיכאָמיראָוו, איינער פון די פירערס פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָל אַ" און דער געוועזענער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל פון דער פּאַרטיי. ער איז געווען איינער פון די צוויי־דריי מיט־גלידער פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וועמען עס איז געלונגען צו ראַ־טעווען זיך פון אַן אַרעסט און באַצייטנס אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר רעדאַקטאָר פון דעם נייעם זשורנאַל אויפן אָרט פון קראַווטשינסקי־סטעפּניאַקן, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן איינער פון די רעדאַקטאָרן. אין נאָוועמבער 1883 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" אונטער דער רעדאַקציע פון לאַווראָוון און טיכאָמיראָוון. דער לעצטער און פינפטער באַנד פון דעם זשורנאַל איז אַרויס אין דעצעמבער 1886.

.4

אין דעם זשורנאַל „וועסטניק נאַראָדנאָי וואָלי“, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין פּאַריז אין די יאָרן 1883-1886 אונטער דער רעדאַקציע פֿון פּיאָטרס לאַווראָוו און לעוו טיכאָמיראָוו, האָט לאַווראָוו פֿאַרעפֿנטלעכט, מיט זיין אונטערשריפֿט, אַ סך אַרטיקלען איבער פֿאַרשיידענע סאָציאַל־פּאָליטישע פֿראַגעס, ווי אויך דערינערונגען וועגן דעם באַרימטן רוסישן שריפֿטשטעלער איוואַן טורגעניעוו און אויך אַ קריטיק פֿון לעוו טאָלסטאָיס לערע.

אויך נאָך דעם ווי דער זשורנאַל האָט זיך צוגעמאַכט, איז לאַווראָוו פֿאַרבליבן וווינען אין פּאַריז. ער פֿלעגט דאָרט אָפֿט לייענען רעפֿעראַטן אין דער „אַרבעטער געזעלשאַפֿט“, אויף פֿאַרזאַמלונגען, וואָס עס פֿלעגט אָרגאַניזירן די לייקאַסע פֿון די רוסישע סטודענטן אין פּאַריז, אין דער „געזעלשאַפֿט פֿון דער רוסישער יוגנט“ און אויף די צונויפֿקומען פֿון די פּוילישע סאָציאַליסטן. אַ סך פֿון אָט די רעפֿעראַטן זיינען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן ווי באַזונדערע בראָשורן.

אין מאַי 1866 האָט לאַווראָוו באַשלאָסן צו פֿאַרווירקלעכן זיין פּלאַן פֿון אָנשרייבן אַ גרויסע אַרבעט איבער דער געשיכטע פֿון דעם מענטשלעכן געדאַנק. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, נישט האָבנדיק קיין האָפֿענונג צו קריגן געלט אויף אַרויסצוגעבן אַזאַ ווערק. עס האָט זיך אָבער באַלד געפֿונען אַזאַ מענטש אין זשענעווע, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו געבן געלט אויף אַרויסצוגעבן דעם ערשטן באַנד. און טאַקע מיט אָט די דאָזיקע געלטער האָבן אין דעצעמבער 1887 אָנגעהויבן אין זשענעווע אַרויסצוגיין העפֿטן פֿון דער „געשיכטע פֿון געדאַנק פֿון דער נייער צייט“, אין וועלכע דער פּראָפֿעסער האָט רעזומירט זיינע פֿריערדיקע אַרבעטן. אין יאָר 1889 איז שוין דערשינען דער פֿינפֿטער העפֿט פֿון לאַווראָווס „געשיכטע“.

אין זעלביקן יאָר האָבן אַכט סאָציאַליסטישע רוסישע גרופּעס (צווישן וועלכע עס איז געווען אַ פּעטערבורגער און אַן אַרמענישע גרופּע) געשיקט לאַווראָוון פֿאַר אַ דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז פֿון דעם 14טן ביז דעם 21סטן יולי 1889.

אין די רעפֿעראַטן, וואָס לאַווראָוו האָט געהאַלטן אין פּאַריז אין די יאָרן 1877-1882, האָט ער, ווי ער אַליין האָט שפּעטער דערציילט, זיך פֿיל מאָל אומגעקערט צו ריידן וועגן יענע געפֿאַרן, וואָס די אַנאַרכיסטישע מעטאָדן און טעראָריסטישע מיטלען שטעלן פֿאַר פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון דער

רעוואָלוציאָנערער פּאַרט . ער האָט מיט פרייד געזען, ווי אין רוסלאַנד גופא האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן די אַנאַרכיסטישע מעטאָדן. ער האָט אָבער נישט געקענט נישט באַמערקן אויך דאָס, וואָס צו גלייך מיט דער אָפּשוואַכונג פון דעם אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד, פאַרלירן אַלע גרופּעס, אויסער די אַזוי גערופענע טעראָריסטן, זייער באַטייט אין דער באַוועגונג און דער ווידערפאָלג פון דער רעוואָלוציאָנערער זאַך אין רוסלאַנד ווערט אַלץ מער און מער אידענטיפיצירט מיטן דערפאָלג פון די טעראָריסטן. דערפאַר האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די איינלאַדונג. וואָס ער האָט באַקומען, צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון אַ צייטשריפט, וואָס האָט דערקלערט קריג די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". לאַווראָוו האָט געהאַלטן, אַז אַ מלחמה קעגן אָט דער פּאַרטיי איז שעדלעך פאַר דער זאַך אין רוסלאַנד, היות די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט די פּאַרטיי, וואָס איר דירעקטער ציל איז געווען צו צעטרייסלען די צאַרישע אַליין־הערשאַפט און דערנאָך זי אין גאַנצן פאַרניכטן.

דאָך איז לאַווראָוו איינגעגאַנגען אויף אַ בונד מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי פאַרבלייבט אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

אין פאַרלויף פון זיין אָנטייל אין דעם זשורנאַל „וויעסטניק נאַראָדנאָי וואָלי" האָט לאַווראָוו געקוקט אויף זיין טעטיקייט אין איר, ווי אויף אַ טעאָרעטישער קלאָרמאַכונג פון יענע סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס זיינען פאַרבליבן ווי דער פונדאַמענט פאַר דער טעטיקייט פון אָט דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, אין דער עפּאָכע, ווען נאָר זי אַליין האָט אין סוף פון די זיבעציקער און אָנהייב די אַכציקער יאָרן געקענט אויסאַרבעטן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ געזעלשאַפטלעכן כוח. (דאָס האָט לאַווראָוו אַליין געשריבן אין אַן אַרטיקל וועגן זיך, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין עלף יאָר אַרום, נאָך זיין טויט, אין דעם לעגאַלן פּעטערבורגער ליבעראַלן זשורנאַל „וויעסטניק יעוורָאָפּי").

לאָפּאַטינען האָט לאַווראָוו דעמאָלט (אין יאָר 1883) געזאָגט: „איך האַלט פאַר מיין פליכט צו העלפן יענער פּאַרטיי פון טאַט, וואָס עקזיסטירט אין דעם מאָמענט, הגם איך בין מיט איר ווייט נישט מסכים אין אַ סך פראַגעס. אָבער איך האָב נישט געקענט טיילן דעם נאַאיוון גלויבן פון די „ווּפּעריאָדאָווצעס" אין דער מעגלעכקייט פון אַ שנעלער און פּלוצלונגדיקער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש. און דאָך האָב איך מיטגעאַרבעט מיט זיי. און וואָס מאַכט עס אויס, וואָס איך קען נישט גלייבן צוזאַמען מיט די „נאַראָדאָוואָלצעס" אין דער פאַרווירקלעכונג פון מיינע אידעאַלן דורך אַ פאַרשווערונג און דורך אַזוי גערופענעם טעראָר, ווי אויך דורך אַ

מיטאַמאָליקן גרינטלעכן פּאָליטישן איבערבוי פֿון רוסלאַנד? — זייערע ענדצילן זיינען דאָך אויך מיינע ענדצילן און זייערע קאַמפּסמיטלען זיינען ניט קיין סתירה צו מיינע מאָראַלישע פּרינציפּן, הגם זיי שיינען מיר אָפּט צו זיין נישט פּראַקטישע און נישט צוועקמעסיקע. איך האָב דעמאָלט געוווּסט און איך ווייס אויך איצט, אַז שטרעבנדיק צו דעם, וואָס עס קען אין דער נאָענטער צוקונפֿט נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן, העלפֿן זיי דאָך צו דערגרייכן די מער באַשיידענע, אָבער דאָך פּראָגרעסיווע אויפֿגאַבעס פֿון די מעסיקערע פּאַרטייען. איז וואָס גייען מיך אָן זייערע אילוזיעס אָדער אונדזערע ריין טאַקטישע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן, וואָס איך האָב זיך באַמיט און באַמי זיך אויך איצט נישט אָנצורירן? איך חזר איבער נאָך אַ מאָל: איך בין אַלע מאָל געווען און וועל זיין מיט די יעניקע, וועלכע טוען און קעמפֿן, און נישט מיט די, וועלכע זיצן ביים ים און וואַרטן אויף אַ גוטן וועטער״.

אין יאָר 1886 האָט לאַפּאַטין געשריבן אין דעם מאָסקווער היסטאָרישן זשורנאַל „מינואוושיאַי גאָדי״ (פֿאַרגאַנגענע יאָרן), אַז לאַווראָוו האָט מיטגעאַרבעט מיט די עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערן־אוטאָפּיסטן, הגם לויט זיינע אייגענע אידעען איז ער געווען נענטער צו אַ טייל פֿון די איצטיקע לינקע ליבעראַלן. דאָס הייסט, צו די יעניקע פֿון זיי, וועלכע אָנערקענען אין טעאָריע אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג ווי אַן אומפֿאַרמיידלעכן פֿינאַל פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון די מאָדערנע געזעלשאַפֿטן, אָבער וועלכע האַלטן, אַז איצט מוז מען קאָנצענטרירן אַלע כוחות אויפֿן קאַמף פֿאַר אַ ריי מער באַשיידענע, נאָר מער וויכטיקע, מער נייטיקע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען אין אונדזער געזעלשאַפֿט.

נאָך אין די זיבעציקער יאָרן האָט לאַווראָוו געשריבן: „די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט קען נישט באַשיצן איר ווערדע און פֿריי זיך אַנטוויקלען אָן צופֿרידנשטעלנדיקע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג״.

„יעדער מענטש דאַרף זיך באַמיען צו שאַפֿן אַרום זיך אַ בעסערע גייסטיקע און מאָראַלישע אַטמאָספֿער״.

„באַמי זיך — האָט לאַוורואָוו געשריבן אין זיין רוף צו דער געזעלשאַפֿט, וואָס רינגלט דיך אַרום, קליגערע און מאָראַלישערע פֿאָרמען און באַדינ־גונגען פֿון לעבן... די מאָראַל פֿון דעם איינצלנעם מענטשן איז שטאַרק אָפּהענגיק פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מאָראַל און קען זיך נישט אַנטוויקלען אָן דער אַנטוויקלונג פֿון דער לעצטער....

„דו, בויער פֿון דעם קעניגרייך פֿון אַרבעט און גערעכטיקייט, גיב אוועק אַלע דיינע כוחות פֿאַר דיין זאַך, אָבער נעם פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר זיך נאָר דאָס נייטיקסטע... לעב פֿון דיין אַרבעט און נאָר דאָס, וואָס דו

האָסט פֿאַרדינט פֿון דיין אַרבעט, באַטראַכט ווי דיינס... אָבער אויך פֿון דעם נעם נאָר דאָס, וואָס איז נייטיק פֿאַר דיין לעבן און פֿאַר דיין אַנט־וויקלונג. דו, וואָס אָנערקענסט פֿאַר דעם העכסטן פֿאַרגעניגן צו אַרבעטן פֿאַרן כּלל, האָסט קיין רעכט נישט צו האָבן מער, וויפֿל עס איז נייטיק. אויב אָבער האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פֿאַרדינען פֿאַר זיך ברויט און אַנט־וויקלונג דורך אייגענער אַרבעט, וועסטו אָנהייבן לעבן אויפֿן חשבון פֿון דיינע ברידער־סאָציאַליסטן, עקספּלואַטירנדיק זייער צוטרוי צו דיר, ווי עס האָבן געלעבט און לעבן אַ סך טריבונען פֿון די אַלטע פּאַרטייען, ביזטו אַ פֿאַרדינטער צו דיין אייגענער זאַך".

„דו, בויער פֿון דעם קעניגרייך פֿון גערעכטיקייט, קעמף נישט קעגן מענטשן, נאָר קעגן פּרינציפּן; פֿרעדיק דעם אמת צו אַלע די, וואָס גייען קעגן דיר צוליב זייער בלינדקייט, שוואַכקייט, אָדער ווייל זיי ווערן געצ־וווּנגען צו גיין קעגן דיר. אַט די בלינדע און שוואַכערע מענטשן זיינען דיינע ברידער, וועלכע ווערן אַפּט עקספּלואַטירט פֿון דיינע פֿריינד... זיי אַלע זיינען די מעגלעכע אָנטיילנעמערס אין דעם ברידערלעכן בונד פֿון דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט און דאָס לעבן פֿון יעדן מעגלעכן ברודער מוז פֿאַר דיר זיין טייערער ווי דיין אייגן לעבן".

„פֿריער פֿון אַלץ און העכער פֿון אַלץ, האַלט פֿעסט די פֿאָן פֿון איבער־צייגונג, די פֿאָן פֿון קאַמף פֿאַר אַרבעט און גערעכטיקייט, פֿאַר דער צו־קונפֿטיקער ברידערלעכקייט פֿון דער מענטשהייט"!

„די דאָזיקע פֿאָן דאַרף פֿאַרבלייבן ריין און נישט פֿאַרפֿלעקט אַפֿילו דורך איין איבעריקן טראָפּן בלוט, דורך איין איבעריקן פֿלעק פֿון זשעד־נעם אייגנטום. דו האָסט קיין רעכט נישט צו פֿאַרפּאַטשקען דיין זאַך מיט קיין איינציקער האַנדלונג, וואָס קען וואַרפֿן אַ שאָטן אויף דער דאָ־זיקער זאַך.

„די פּאַרטיי, וואָס איז איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון איר פּראָגראַם און אין דער פּראַקטישקייט פֿון איר טעטיקייט, דאַרף קענען אויסהאַלטן די קריטיק פֿון איר פּראָגראַם און פֿון איר טעטיקייט, נישט אָפּשטויסנדיק פֿון זיך אירע קריטיקערס, זעענדיק אין זיי אַ סך מער צוקונפֿטיקע פֿאַרבינ־דעטע, איידער היינטיקע קעגנערס, רואיק אויסרעכענענדיק, אַז די צייט וועט צעשטרייען זייערע טעותן. צו גלייך מיט דער זאַך, אויף וועלכער עס קאָנצענטרירט זיך די טעטיקייט פֿון די איבערצייגטע קעמפֿערס פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט, דאַרפֿן זיי דערלאָזן ווי אַ פֿריינטלעכע און אַפֿילו נויטווענדיקע יעדע טעטיקייט פֿון די אַנדערע פּאַרטייען און גרופּעס אין דער זעלביקער ריכטונג, וואָס שטערט נישט זייער זאַך. אַלע קעמפֿערס קעגן

דעם געמיינזאַמען פֿיינד, פֿאַר די געמיינזאַמע ענדגילטיקע צילן, דאַרף מען באַטראַכטן ווי סאָלידאַרע חברים מיט אונדז פֿאַר דער זאַך".

אין זיין אויבן ציטירטן אַרטיקל וועגן לאַווראָוון האָט לאַפּאַטין געשריבן:

„פֿון מיין ענגער, פֿיל־יאָריקער נאָענטקייט מיט לאַווראָוון, האָב איך באַקומען וועגן אים אַ באַגריף פֿון אַ מענטשן מיט אַן אייזערנעם, פֿעסטן, אויסבויגזאַמען כאַראַקטער, אַן איינגעשפּאַרטער ביז עקשנות אין זיינע מיינונגען, אַ נאָכגיביקער נאָר אין קליינינקייטן, אָבער וועלכער האָט אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרגעסן זיין הויפּטציל און זיך באַמיט בייצוקומען אַלע שטערונגען. ער איז נישט געווען אין גאַנצן אָפֿנהאַרציק אַפֿילו מיט זיינע פֿריינט. ער פֿלעגט לאַנגזאַם און גוט נאָכטראַכטנדיק אָננעמען זיינע באַשלוסן און דערנאָך פֿלעגט ער פֿון זיי שוין נישט אָפּטרעטן אַפֿילו אויף איין טריט. צו דעם אַלעם איז ער נאָך געווען אַן אַרבעטער, אַ מתמיד, וואָס האָט געקענט זיך צווינגען צו אַרבעטן אַפֿילו אויף געביטן, וואָס זיינען אים נישט געווען נאָענט.

„ווייכקייט" איז אין דעם מענטשן געווען נאָר זיין אַריסטאָקראַטישער אויסזען, זיינע גוט־דערצויגענע מאַניערן און די אַלטמאָדישע ליבלעכקייט".

5

אין פּאַריז האָט לאַווראָוו געלעבט מער ווי באַשיידן. מיטאָג פֿלעגט ער עסן אין די דריט־קלאַסיקע, ביליקע רעסטאָראַנען. ביי זיך אין הויז פֿלעגט ער אַליין אויף אַ ספּירט־מאַשינקע קאָכן וואַסער פֿאַר טיי. קיין דינסט האָט ער נישט געהאַט. צוקלייבן זיין הויז פֿלעגט די הויז־וועכטערין. ער האָט אויך געהאַט אַ סאַמאָוואַר, אָבער דעם סאַמאָוואַר פֿלעגט ער שטעלן נאָר אין די פֿאַלן, ווען עס פֿלעגן קומען געסט אויף „אַ גלעזל טיי". צוויי אָדער דריי פֿון די געסט פֿלעגן דעמאָלט אַוועק אין קיך און אין קאַבינעט האָט מ'זיך דערווייל געדעקט דעם טיש, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט פֿריער באַפֿרייען פֿון די אָנגעלייגטע ביכער אויף אים.

דער באַרימטער רוסישער ליטעראַטור־פֿאָרשער און היסטאָריקער פּראָפֿ' ד. נ. אווסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי דערציילט אין זיינע דערינערונגען וועגן לאַווראָוון, אַז איין מאָל, אין אָנהייב פֿון די אַכציקער יאָרן, ווען ער איז געווען צו גאַסט ביי לאַווראָוון, האָבן ער און לאָפּאַטין דערפֿילט די דאָזיקע פֿליכט און די אַנדערע געסט האָבן זיך געקייכט פֿון געלעכטער, ווייל לאָפּאַטין איז געווען איינפֿאַך אַ קינסטלער אויף פֿאַרשיידענע שפּאַסן און שטיפֿרייען.

לאַוראָווס לעבן, שרייבט אוסיאַניקאַ־קוליקאָווסקי, איז געווען אַ לעבן פון אַן אמתן חכם און אַסקעט, אין גאַנצן געווידמעט צו דינען די אידעאַלן פון גערעכטיקייט און אמת, ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען:

„אַ באַלוכטענער פון דעם ליכט און פרייד פון דעם פאַרשנדיקן געדאַנק און פון דער הויכער מאָראַל פון הומאַניטעט".

לאַוראָוו פלעגט קיין מאָל נישט ארויספאָרן אויף זומער־וואַקאַציע. ער פלעגט דעם גאַנצן זומער פאַרברענגען אויף דער זעלביקער שטיקנדיקער און שמוציקער גאַס, וווּ ער האָט געלעבט אַ גאַנץ יאָר און נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געקענט שיידן זיך מיט זיינע ביכער אויף אַ מאָנאַט אָדער צוויי. וויפל מען האָט מיט אים נישט אַריינגעטענהט, אָנווייזנדיק אים אויף דער נויטווענדיקייט פאַר אים אָפּצורוען זיך און אַריין־אָטעמען פרישע לופט, האָט עס אויף אים נישט געווירקט. אויף דער באַמערקונג פון זיינע פריינט, אַז ער קען דאָך מיטנעמען מיט זיך אַ צענדליק אָדער מער ביכער און טאָן די אַרבעט אויף דער דאַטשע, פלעגט ער ענטפערן, אַז פאַר דער אַרבעט זיינער מוז ער האָבן ביים האַנט אַלע זיינע ביכער.

אויפשטיין פלעגט ער אַ זייגער אַכט. אַרום יענער צייט פלעגט קומען די פרוי צוקלייבן דאָס הויז און זי פלעגט מיט זיך ברענגען אַ פאָר בול־קעלעך און אַ טעפּעלע קאַווע מיט מילך. נאָכן צובייסן פלעגט ער זיך גלייך אוועקזעצן ביים שרייבטיש אַרבעטן און ניט אָפּרייסנדיק זיך אויף איין מינוט, פלעגט ער אַזוי אַרבעטן ביז 12 אַ זייגער. זיינע פריינט פלעגט ער בעטן קומען אין אָט דער צייט נאָר ווען זייער וויכטיקע ענינים, וואָס מען קען נישט אָפּליגן אויף שפּעטער.

צוועלף אַ זייגער פלעגט די זעלביקע פרוי אים ברענגען מיטאָק פון דער זעלביקער שכנישער, ביליקער קאַפע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין גע־ריכט און אַ שטיק ברויט. נאָכן עסן פלעגט ער אָדער זיך צוליגן אָפּרוען אַ ביסל, אָדער ער פלעגט ווייטער אַרבעטן. פון 2 ביז 4 פלעגט ער אויפ־נעמען זייטיקע באַזוכערס. אין יענע שעהן פלעגט צו אים קענען קומען יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געוואָלט.

ווען לאָפּאַטין האָט אים איין מאָל געזאָגט: „פּיאָטר לאַוראָוויטש, וואָס לאָזט איר אַריין צו זיך יעדן גאָרנישט?" — האָט לאַוראָוו אים געענט־פערט: „פון 2 ביז 4 קען צו מיר קומען יעדער איינער, אפילו אַ שפּיאָן, און איך וועל אים אויפנעמען".

אַ זכרון האָט לאַוראָוו פאַרמאָגט אַ מערקווירדיקן, אַ פענאָמענאַלן. ער האָט געדענקט דעם אינהאַלט פון אַלע ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, די דאַטעס און די געשעעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט צענדליקער יאָרן צוריק. ער האָט געדענקט אויף אויסנווייניק אַ סך לידער, וואָס ער האָט

איינגעחזרט נאָך קינדווייז אָדער אין די יונגע יאָרן און ער האָט אויסגע־צייכנט זיי דעקלאַמירט ביי אַ געלעגנהייט. אין דער יוגנט האָט ער אַליין אויך געשריבן לידער, אָבער שפּעטער האָט ער נישט ליב געהאַט וועגן דעם צו ריידן. צו באַוווּנדערן איז געווען זיין זכרון אויף ביכער. ער האָט געדענקט אַלע ביכער פֿון זיין ביבליאָטעק, און פֿאַרמאָגט האָט ער אַרום צען טויזנט. ער האָט געדענקט דעם טיטל און דעם פֿאָרמאַט פֿון יעדער בוך, און אין וועלכן יאָר דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

ש. אַנסקי, דער שפּעטערדיקער פֿאַרפֿאַסער פֿון „דער דיבוק", וועלכער איז אין לאַווראָווס לעצטע יאָרן געווען זיין סעקרעטאַר, האָט אין 1905 געשריבן אין אַ פּעטערבורגער רוסישן זשורנאַל, אַז לאַווראָוו איז אין משך פֿון פֿיל יאָרן געווען דער גייסטיקער און מאָראַלישער צענטער פֿאַר דער גאַנצער רוסלענדישער יוגנט, וואָס האָט געלעבט אין אויסלאַנד. צו אים פֿלעגט מען קומען צו לויפֿן סיי נאָך אַן עצה, סיי נאָך הילף, נישט נאָר וועגן געזעלשאַפֿטלעכע אָנגעלעגנהייטן. צו אים פֿלעגט מען קומען אויסגיסן דאָס האַרץ, דערציילן אים וועגן זייערע צווייפֿלען אָדער ליידן און פֿאַרלאַנגען אַ לייזונג פֿאַר די שווערע פֿראַגעס פֿון טעאָריע און פֿון דער פּראַקטיק פֿון לעבן. ביי אים האָבן זיי געזוכט אַ דערלייכטערונג אויך אין פֿאַל פֿון אַ פּער־זענלעכן אומגליק.

לאַווראָווס נאָענטסטער פֿריינט, אין די זיבעציקער און אָנהייב פֿון די אַכציקער יאָרן, איז געווען הערמאַן לאָפּאַטין, וועלכער האָט לאַווראָוון אַרויסגעפֿירט פֿון דער פֿאַרשיקונג אין ווייטן צפֿון און געבראַכט אים קיין פּעטערבורג. לאָפּאַטין האָט זיך געהאַלטן מיט אים איינפֿאַך, איז געווען מיט אים אויף „דו". ווען לאָפּאַטין פֿלעגט קומען קיין פּאַריז, פֿלעגט לאַווראָוו פּשוט אָפּלעבן און ער פֿלעגט זיין פֿריילעכער ווי געוויינלעך. פֿאַר אים איז דעריבער געווען אַ שווערער קלאַפּ די נייעס וועגן לאָפּאַטינס אַרעסט אין פּעטערבורג, אין יאָר 1884. ער איז דאַן אַ לאַנגע צייט צוליב דעם געווען אין אַ זייער געדריקטער שטימונג.

לאָפּאַטין איז געשטעלט געוואָרן צום געריכט פֿאַר ווידער אויפֿשטעלן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און ער איז פֿאַרמשפּט גע־וואָרן צום טויט. דער צאַר האָט אים דערנאָך פֿאַרביטן די שטראָף אויף אייביקער תּפֿיסה, פֿון וועלכער לאָפּאַטין איז באַפֿרייט געוואָרן ערשט סוף 1905 — פֿינף יאָר נאָך לאַווראָווס טויט.

לאַווראָוו האָט אויך זייער ליב געהאַט דעם באַרימטן רוסישן היסטאָ־ריקער, סאָציאָלאָג און יוריסט, פּראָפֿ' מאַקסים קאַוואַלעווסקי. אין די יאָרן, ווען קאַוואַלעווסקי איז געווען אין פּאַריז, פֿלעגט לאַווראָוו פֿאַרברענגען מיט אים גאַנצע אָוונטן אין שמועסן.

אַן אַנדער נאָענטער פֿריינט לאַווראָווס איז געווען די באַרימטע רוסישע מאַטעמאַטיקערין סאָפֿיאַ קאָוואַלעווסקאַיאַ, וועלכע איז געווען אַ פּראָפֿעסאָר פֿון מאַטעמאַטיק אין שוועדן און זי פֿלעגט אָפֿט קומען קיין פּאַריז און זיך אונטערהאַלטן מיט לאַווראָוון.

כאָטש לאַווראָוו איז געווען אַ קעגנער פֿון אַנאַרכיזם, האָט ער ליב געהאַט פּיאָטר קראָפּאָטקינען און ער האָט וועגן אים געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג. לאַווראָוו איז אויך געווען אין גוטע באַציאונגען מיט אַ טייל פֿון די איטאַליענישע און שפּאַנישע אַנאַרכיסטישע פֿירערס.

אין 1920 האָט קראָפּאָטקין אָנגעהויבן שרייבן זיינע דערינערונגען וועגן לאַווראָוון פֿאַר דעם זאַמלבוך, וואָס אַ גרופּע באַרימטע רוסישע געלערנטע און געוועזענע תּלמידים און פֿריינט פֿון לאַווראָוון האָבן צוגעגרייט אַרויסצוגעבן אין מאָסקווע, צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט. קראָפּאָטקין האָט באַוויזן אָנצושרייבן נאָר איין קאַפּיטל און ער איז באַלד געשטאָרבן. דער קאַפּיטאַל איז דאָך אַריין אין דעם זאַמלבוך, מיט אָנמערקונגען פֿון קראָפּאָטקינס געוועזענעם איידעם נ. ק. לעבעדיעוו. קראָפּאָטקין אַליין האָט אין זיינע „מעמוארן פֿון אַ רעוואָלוציאָנער״ געשריבן, אַז אין די זיבעציקער יאָרן, ווען לאַווראָוו האָט אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבן זיין זשורנאַל „וופּעריאָד״, איז ער געווען אין דער רעדאַקציע פֿון „וופּעריאָד״ און האָט זיך באַקאָנט מיט לאַווראָוון. „איך בין — שרייבט קראָפּאָטקין — גיך באַפֿרייט געוואָרן מיט אים און מיט דער יוגנט וואָס האָט געזעצט דעם זשורנאַל״.

שפּעטער, דערציילט לעבעדיעוו, זיינען קראָפּאָטקין און לאַווראָוו, נישט־קוקנדיק אויף דעם אונטערשייד פֿון זייערע מיינונגען, געווען שטאַרק באַפֿריינט און זיי האָבן זיך אָפֿט דורכגעשריבן. יעדעס מאָל, ווען דער שיקזאַל פֿלעגט זיי פֿאַרטרייבן אין איין שטאָט, פֿלעגן זיי זיך אָפֿט זען.

קראָפּאָטקינס פֿרוי, סאָפֿיאַ גריגאָריעוונאַ, שרייבט לעבעדיעוו, האָט מיר דערציילט, אַז ביי איר איז באַזונדערס פֿאַרבליבן אין זכּרון, מיט וואָס פֿאַר אַ ליבשאַפֿט און פֿרייד לאַווראָוו האָט זיי אויפֿגענומען אין לאָנדאָן, ווען מען האָט אין יאָר 1881, נאָך דער דערמאָרדונג פֿון דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, זיי פֿאַרבאָטן צו וווינען ווייטער אין דער שווייץ און זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין לאָנדאָן.

אין יענער צייט האָט לאַווראָוו געוווינט אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. לאַווראָוו האָט אין לאָנדאָן דעמאָלט געוווינט אין אַ קליין צימערל און ער פֿלעגט אָפֿט איינלאַדן צו זיך קראָפּאָטקינען און זיין פֿרוי. אין אָט דעם פּעריאָד פֿון דעם לאָנדאָנער לעבן פֿון די ביידע עמיגראַנטן איז זייער פֿריינטשאַפֿט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן און דערנאָך, ווען קראָפּאָט־

קין און לאווראָוו האָבן געלעבט אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון אייראָפּע, פֿלעגן זיי פֿירן צווישן זיך אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ.

לאווראָוו פֿלעגט אין פּאַריז אויך אָפֿט אַריינקומען אין הויז פֿון דעם באַרימטן געלערטן איליאַ מעטשניקאָוו, אָבער באַפֿריינט איז ער געווען נאָר מיט מעטשניקאָוס פֿרוי און זי האָט טיף געאַכט לאווראָוון. מיט מעטשניקאָוון אַליין איז לאווראָוו נישט געווען זייער נאָענט. מעטשניקאָוו איז געווען אַ קאָנסערוואַטאָר, אַ קעגנער פֿון סאָציאַליזם, האָט נעגאַטיוו זיך באַצויגן צו סאָציאַליסטן בכלל און צו רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן בפֿרט.

לאווראָוו איז געווען אין די בעסטע באַציאונגען מיט די פֿירערס פֿון פֿראַנצויזישן סאָציאַליזם: זשול געד, פּאָל לאַפֿאַרג, לאָנגע (די לעצטע צוויי זיינען געווען פֿאַרהייראַט צו די טעכטער פֿון קאַרל מאַרקס). אָבער צום נאָענטסטן איז לאווראָוו געווען מיט בענוא מאַלאָן און מיט עדואַרד וואַליאַן, וועלכע האָבן זייער געהאַלטן פֿון לאווראָוון.

פֿון די פֿראַנצויזישע ראַדיקאַלן האָט מער פֿון אַלעמען געשעצט לאוו־ראָוון זשאָרזש קלעמאַנסאָ, דער שפּעטערדיקער באַרימטער פּרעמיער־מיניס־טער פֿון פֿראַנקרייך. אין די אַכציקער יאָרן איז קלעמאַנסאָ געווען דער פֿי־רער פֿון דער אָפּאָזיציע אין פֿראַנצויזישן פּאַרלאַמענט. עס איז געווען גענוג, אַז עמעצער זאָל קומען צו קלעמאַנסאָן מיט אַ צעטעלע פֿון לאווראָוון, אַז קלעמאַנסאָ זאָל פֿאַר אים טאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט.

לאווראָוו האָט געהאַט די ברייטסטע פֿאַרבינדונגען אין דער פֿראַנצוי־זישער וויסנשאַפֿטלעכער, ליטעראַרישער און פּאָליטישער וועלט. אַ צוויי־דריי טעג אין דער וואָך פֿלעגט לאווראָוו עסן מיטאָג ביי עמעצן פֿון זיינע פֿריינט און אויב ער האָט געהאַט צייט, פֿלעגט ער דאָרט פֿאַרברענגען דעם אָוונט. דאָס איז שטענדיק געווען אַן אמתער יום־טוב ביי דער פֿאַמיליע, ווו ער פֿלעגט פֿאַרבלייבן, ווייל ער פֿלעגט דעם גאַנצן אָוונט פֿאַרברענגען אין האַרציקן, אינטערעסאַנטן און קלוגן שמועס. זייער אָפֿט פֿלעגט ער עסן מיטאָג ביי דער פֿראַנצויזישער שריפֿטשטעלערין זשאָנדער, מיט וועלכער ער איז געווען באַפֿריינט.

דער אַלטער רעוואָלוציאָנער סערעריאַקאָוו, וועלכער איז יאָרן לאַנג גע־ווען נאָענט באַפֿריינט מיט לאווראָוון, האָט אין יאָר 1919 געשריבן וועגן אים אין זיינע דערינערונגען:

„ביי דער שריפֿטשטעלערין זשאָנדער האָב איך לאווראָוון געזען אין גאָר אַן אַנדער אַטמאָספֿער. ער האָט פֿאָרגעלייענט הויך, אויפֿן קול, פֿון שעקספּירס דראַמעס און אַ פֿאָרלייענער איז ער געווען אַ גלענצנדיקער. זיין פֿאָרלייענען האָט אויף דער קליינער גרופּע צוהערערס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ווען ער פֿלעגט פֿאָרלייענען פֿון שעקספּירן אָדער דעק־

לאמירן א ליד פון וועלכן עס איז אנדערן גרויסן פאעט, פלעגט מען פאר־געסן, אז לאווראוו איז א קאבינעט־געלערטער. עס פלעגט זיך אויסדוכטן, אז פאר אייך זיצט א באגייסטערטער זקן, וועלכער איז באהערשט פון א שטארקן פאעטישער געפיל".

6

פיאטר לאווראוו איז געווען א הויכער, א ברייטפלייציקער און פעסט־געבויטער מאן. אויף דער עלטער נאר פלעגט ער א מאל ליידן פון מאגן. ער האט אלע מאל זיך געהאלטן גלייך, נישט געבויגן, ווי א מיליטער־מאן. ער פלעגט שנעל ארויפשפרינגען אויף די טרעפ, אריבערשפרינגען צו צוויי טרעפ מיט א מאל. נאר א פאר יאר פאר זיין טויט האט ער אנגעהויבן שלעכט צו זען און ער האט זיך געשראקן, אז ער ווערט בלינד. א געוויסע צייט, נאך א קורצער קראנקייט, האט ער טאקע נישט געקאנט נישט לייענען און נישט שרייבן. פלעגט מען פארלייענען פאר אים די צייטונגען און ביכער און ער פלעגט עמיצן דיקטירן זיינע ארטיקלען, דאס איז, פארשטייט זיך, געווען נישט אנגענעם פאר א מענטשן, וועלכער איז זיין גאנץ לעבן געווען געוווינט שטענדיק צו ארבעטן און נישט זיין אפהענגיק אין זיין ארבעט פון קיינעם. צוליב דעם איז ער געווען אין זייער א געדריקטער שטימונג. אבער אין גיכן איז ער געזונט געווארן און ער האט ווייטער געקענט אליין לייענען און שרייבן.

סוף יאנואר 1900 איז לאווראוו ערנסט קראנק געווארן. די ערשטע טעג האט ער זיך באמיט צו מאכן דעם איינדרוק אויף די מענטשן, וואס האבן אים ארומגערינגלט, אז ער באטראכט זיך נישט פאר קיין ערנסטן חולה. ער האט „נישט געצווייפלט", אז אין א טאג־צוויי ארום, וועט ער געזונט ווערן. ער האט נישט געוואלט, אז מענטשן זאלן בלייבן נעכטיקן ביי אים. ער האט געגעסן מיטאג, האט געטרונקען מילך, האט געפאדערט, אז מען זאל אים געבן די מארגן־צייטונגען און האט געבעטן, אז מען זאל אים פארלייענען די וויכטיקסטע נייעס.

מיט א מאל האט ער אנגעהויבן שטארק הוסטן. ער האט געליטן פון אסטמע. אויף מארגן — דאס איז געווען אין א פרייטיק — איז אים געווארן א סך בעסער און ער אליין און אלע זיינע נאענטע פריינט האבן געהאפט, אז אין פארלויף פון א דריי טעג וועט די קראנקייט אריבער.

אין דער נאכט פון פרייטיק אויף שבת האט איינער פון זיינע פריינט, וועלכער האט גענעכטיקט ביי אים, באשלאסן נישט צו לייגן זיך שלאפן. א

זייגער דריי ביי נאַכט האָט ער פּלוצלונג דערהערט לאַוראַוום א געשריי. ער איז אַריין צו אים אין צימער. לאַוראַוו איז האַלב געזעסן אויפן בעט און ער האָט געזאָגט:

— דער דאָקטער האָט מיר דערלויבט צו טרינקען טיי אין דער פרי. גיב מיר א האַלב גלאָז טיי...

לאַוראַוו פלעגט קיין מאָל נישט עסן און נישט טרינקען אין דער נישט־געוויינלעכער צייט. דער פריינט זיינער האָט אים געזאָגט, אַז טיי אין מיטן דער נאַכט קען אים פאַרשאַטן.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, אַז איך פיל זיך שוואַך? — האָט לאַוראַוו געזאָגט מיט א טיפער פאַרצווייפלונג — איך מוז עפּעס נעמען.

— טרינקט אויס א גלאָז מילך — האָט דער פריינט אים געראַטן.

— גיט מיר מילך, גיט מיר וואָס איר ווילט, אָבער וואָס שנעלער. איך בין שרעקלעך דאָרשטיק!

דער פריינט האָט אים געגעבן מילך. לאַוראַוו האָט זיך א ביסל באַרו־איקט און האָט איינגעדרעמלט. אָבער ער האָט אַלע ווײַלע זיך אויפגע־כאַפּט און געפרעגט:

— ווען קומט דער דאָקטער?

ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט אים לאַוראַוו שטילערהייט גע־זאָגט, אַז ער דאַרף מיט אים רעדן וועגן זייער א וויכטיקן ענין, נאָר ער וועט בעסער אָפּלייגן דעם שמועס ביז אָוונט.

שפּעטער, ווען עס איז אַריינגעקומען צו אים אין צימער זיין טאָכטער און זי האָט אים דערציילט, אַז א סך פריינט און באַקאַנטע קומען אים גע־וואויר ווערן, האָט ער געזאָגט:

— נו, אָט איצט לאָזסטו קיינעם צו מיר נישט אַריין, אָבער אין גיכן וועט מען דאַרפן זיי אַלעמען אַריינלאָזן... פריער די פריינט און דערנאָך — אַלע אַנדערע. איך מוז יעדן איינעם פון זיי זען און זיי אַלעמען עפּעס זאָגן.

ער האָט קענטיק באַשלאָסן, אַז אַלץ איז שוין געענדיקט. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקאָנט, האָט ער געקעמפּט קעגן דער קראַנקייט. אָבער יענע נאַכט איז עפּעס אין אים פאַרגעקומען. ער האָט קענטיק פאַרשטאַנען, אַז ער וועט שוין פון בעט נישט אויפשטיין און אַז ער גייט שטאַרבן.

פאַר נאַכט איז אים געוואָרן א ביסל בעסער. ער האָט אויסגעזופּט א טעלער בוליאָן יויך און האָט געבעטן, אַז די טאָכטער זאָל, נאָך איר אָוונט־ברויט, פאַר אים פאַרלייענען די צייטונג „טאָג". אָבער מיט א מאָל האָט ער געקראָגן א בלוטשטורץ. די לינקע האַנט און די גאַנצע לינקע זייט פון קערפּער איז אים פאַראַליזירט געוואָרן און ער האָט פאַרלוירן זיין באַ־וואוסטזיין. מען האָט אים אָנגעהויבן מינטערן. אין עטלעכע מינוט אַרום

האָט ער צוריק געוואָגנען דאָס באַוווּסטזיין, אָבער דער טויט האָט שוין אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף לאַווראָווס בלייכן פּנים.

עס איז געקומען דער דאָקטער און ער האָט גלייך געזען, אַז דער קראַנקער מאַטערט זיך שוין.

אין אָוונט האָט זיך לאַווראָווס צושטאַנד ווידער אַ ביסל פאַרבעסערט. אַ זייגער צוויי ביי נאַכט האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל אים געבן טיי מיט קאָניאַק. מען האָט אים געגעבן דריי לעפּלעך. ער האָט זיי קוים אַרונטערגעשלונגען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איצט גיט מיר אַ לעפּעלע שאַמפּאַניער...

מען האָט אים געגעבן. ער האָט דאַן געפרעגט:

— דאָקטער, איר זענט דאָ?

דער דאָקטער איז צוגעקומען.

— קומט אַהער, נאָענט — האָט לאַווראָוו געזאָגט — איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן. הערט זיך גוט צו און פאַרגעדענקט. מיר איז שווער צו ריידן. איך וועל זיך אַ רגע אָפּרוען. איר אַנטשולדיקט מיר און גייט נישט אַוועק.

און ער האָט אָנגעהויבן ריידן. ער האָט איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל פאַרן דאָקטער די צוואה, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און ער האָט אים געבעטן, ווי אַ דאָקטער, צו באַשטעטיקן, אויב עס וועט נייטיק זיין, אַז ער האָט געשריבן די צוואה, ווען ער איז געווען ביים פולן באַוווּסטזיין, און ער האָט אים באַפולמעכטיקט איבערצוגעבן די פריינט זיין פאַרלאַנג, אַז קיינער פון רוסישן קאָנסולאַט זאָל פאַר קיין פאַל נישט אַריבערטרעטן זיין שוועל.

די רעדע זיינע האָט לאַווראָוו אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

—איבערמאָרגן וועלן זיך דאָ פאַרזאַמלען אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע.....

דאָס האָט ער געזאָגט אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק און מאָנטיק פאַרטאָג איז ער טאַקע געשטאָרבן.

דעם טאָג פאַרן טויט האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל מער נישט לעבן:

— גענוג! — האָט ער געזאָגט — איך וויל מער קיין מעדיצין נישט נעמען, אויסער בראָם, צו באַרואיקן זיך. לאָזט מיך ליגן רואיק.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— מאָרגן מוז איך נאָך אַ סך ריידן. איך מוז מיינע פריינט און חברים זאָגן אַ סך. און איצט גיט מיר בראָם.

ווען עמעצער פלעגט אים נעמען פאַר דער האַנט, פלעגט ער שטאַרק דריקן יענעמס האַנט. אָפט פלעגט ער זאָגן:

— די מעשה איז פאַרענדיקט...

די דריי מענטשן, וועלכע האָבן די לעצטע נאַכט געוואַכט אַרום אים, זיינען, אויסער זיין טאָכטער און דעם דאָקטער עפּראַן, געווען וויקטאָר טשערנאָוו, ש. אַנסקי (ראַפּאָפּאָרט) און שריידער. מיט אַ מאָל, אין מיטן דער נאַכט, האָט לאַווראָוו אַ רוף געטאָן: „ראַפּאָפּאָרט!״ אַנסקי איז גראָד געהאַט אַרויסגעגאַנגען אַ ווײַלע אין אַנדערן צימער. שריידער איז צוגעקומען צו לאַווראָוון און האָט אים געזאָגט: „ראַפּאָפּאָרט קומט באַלד אַריין״.

לאַווראָוו האָט אָנגעהויבן שנעל צו אָטעמען, האָט אַ הויכן קרעכץ געטאָן און אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם.

שריידער איז אַריינגעלאָפֿן אין צווייטן צימער, ווו עס זיינען געזעסן לאַווראָווס טאָכטער, דער דאָקטער עפּראַן, וויקטאָר טשערנאָוו, אַנסקי און אַנדערע. אַלע זיינען גלייך אַריינגעלאָפֿן צום קראַנקן אין צימער. דער דאָקטער האָט אַ טאַפּ געטאָן ביי לאַווראָוון דעם פּולס און האָט אויסגערופֿן:

— געענדיקט!

דאָס איז געשען דעם 6טן פֿעברואַר 1900.

7

דעם 11טן פֿעברואַר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר דער לוויה, האָבן פֿון אַלע זייטן גענומען שטראָמען גרויסע מאַסן מענטשן צו לאַווראָווס הויז. די גאַנצע רוסישע קאָלאָניע, די פּאָליטישע עמיגראַנטן, סטודענטן און אַרבעטערס, פֿריינט און חברים, אַפֿילו מענטשן, וועלכע האָבן אים נאָר אַ מאָל געזען. אַלע האָבן זיך יענעם טאָג פֿאַרזאַמלט צו ערן דעם אָנדענק פֿון יענעם מענטשן, צו וועלכן עס פֿלעגן, אין משך פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט, קומען נאָך אַן עצה, נאָך אָנווייזונגען, גאַנצע דורות פֿון דער רוסישער יוגנט.

עס זיינען צו דער לוויה געקומען אויך טויזנטער פֿראַנצויזן און פֿאַרשטייערס פֿון אַ סך אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אין דער לוויה־פּראָצעסיע האָבן מאַרשירט אַרום אַכט טויזנט מענער און פֿרויען, אויף ביידע טראָטוארן פֿון די גאַסן, דורך וועלכע די פּראָצעסיע איז דורכגעגאַנגען, זיינען געשטאַנען מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן אַרונטערגענומען זייערע היטלען און האָבן באַוווּנדערט אָט די אויסערגעוויינלעך ריזיקע פּראָצעסיע.

צום בית־עולם איז געקומען אַ ריזיקער עולם. פֿון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען מענטשן מיט בלומענקראַנצן.. צווישן זיי איז געווען אַ לאָרבערקראַנץ מיט אַ מעטאַלענער פּלאַסטינקע מיט דער אויפֿשריפֿט: „די פּאָליטישע

פאַרשיקטע און קאַטאָרזשניקעס פון רוסלאַנד — זייער גרויסן לערער פיאָטר לאַווראָוו".

א צווייטער גרויסער לאָרבערקראַנץ האָט געטראָגן די אויפשריפט: „פיאָטר לאַווראָוון — פון די נאַראָדאָוואָלצעס".

אויסצורעכענען די נעמען פון די אָרגאַניזאַציעס און איינצלנע מענטשן, פון רוסלאַנד און פון אויסלאַנד, וועלכע האָבן צוגעשיקט בלומענקראַנצן מיט די פאַרשיידענע אויפשריפטן אויף זיי, וואָלט פאַרנומען עטלעכע זייטן. איך וועל נאָר איבערגעבן די וויכטיקסטע פון זיי:

„פיאָטר לאַווראָוון, פון די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן אין פּאַריז".

„דעם קעמפער פאַר פרייהייט, פון די סטודענטקעס פון דעם פרויען מעדיצינישן אינסטיטוט אין פּעטערבורג".

„דעם לערער און חבר פיאָטר לאַווראָוו, פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין פּאַריז".

„פון דער אויסלענדישער גרופּע יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון רוסלאַנד".

„דעם דענקער, סאָציאַליסט און קעמפער פאַר פרייהייט, פון דעם פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן".

„דעם לערער און חבר, פון דעם פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן".

„דעם מענטשנפריינט, פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט און פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן אַרבעטער-בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן („בונד")".

„פיאָטר לאַווראָוון, פון דער גרופּע פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער-מאַסן (פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד און וועראַ זאַסוליטש)".

„דעם אַפּאָסטאָל פון פרייהייט און אמת, פון אַ גרופּע רוסישע שריפט-שטעלערס".

פון די פּאַריזער פרויען-דאָקטוירים, מיט דער אויפשריפט: „מיט ווייטיק איבער דעם פאַרלוסט פון דעם גרויסן מענטשנפריינט פיאָטר לאַווראָוו".

עס זיינען געווען אַ סך בלומענקרענץ פון פאַרשיידענע פּוילישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער און פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ פראַנקרייך.

אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן דער בלומענקראַנץ מיט דער אויפשריפט: „פיאָטר לאַווראָוון, פון הערמאַן לאָפּאַטין".

לאַפּאַטין איז דעמאָלט געזעסן אין דער שרעקלעכער שליסלבורגער פֿעסטונג, פֿון וועלכער ער איז באַפֿרייט געוואָרן ערשט פֿינף יאָר נאָך לאַווראָווס טויט.

אויפֿן בית־עולם האָבן געהאַלטן רעדעס איליא רובאַנאָוויטש און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, עדואַרד וואַליאַן און אַלעמאַן פֿון דער פֿראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פֿעליקס וואָלכאָווסקי פֿון די אַלטע רוסישע נאַראָדאָוואָלצעס, ד״ר זעלינסקי פֿון די פּוילישע סאָציאַליסטן, באָריס קריטשעווסקי, אין נאָמען פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פֿון דער רעדאַקציע פֿון דעם זשורנאַל „ראַבאָטשעיע דיעלאָ", פּאָל לאַפֿאַרג, אַן אַלטער פֿריינט לאַווראָווס, באָלעסלאַוו לימאַנאָווסקי, אין נאָמען פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ״ס), וו. דאַנעוויטש (דאָס איז, משמעות, געווען וולאַדימיר קאָסאָווסקי) אין נאָמען פֿון צענטראַל־קאָמיטעט און פֿון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פֿון „בונד". ער האָט, צווישן אַנדערע, געזאָגט: „צוזאַמען מיט גאַנץ רוסלאַנד זיינען מיר היינט מקבר דעם גרויסן געלערנטן, די שיינקייט און דעם שטאָלץ פֿון דעם רוסישן געדאַנק. צוזאַמען מיט דער גאַנצער רוסישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי באַגלייטן מיר צו זיין אייביקער רו דעם גרויסן סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער. אָבער ווי יידן, באַוויינען מיר, אַ חוץ דעם, דעם טויט פֿון דעם אומפֿאַרגעסלעכן פֿריינט פֿון די יידישע אַרבעטערס, איינעם פֿון יענע פֿריינט אונדזערע, וואָס זיין באַגייסטערנדיקע פּרעדיקונג, האָט געהאָלפֿן דערהויבן דעם יידישן אַרבעטער — אָט דעם פּאַריער, אַ דערשלאָגענעם פֿון די דערנידעריקונגען און פֿאַרפֿאָלגונגען — צו דער שטופֿע פֿון אַ בירגער, וועלכער איז באַוווּסטזיניק פֿון זיין מענטשן־ווערדע, צו דער שטופֿע פֿון אַ מיטגליד פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער משפּחה, וואָס פֿאָדערט מיט שטאָלץ צו אָנערקענען זיינע רעכט און קעמפֿט עקשנותדיק פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון זיין סאָציאַליסטישן אידעאַל.

„ווי רוסישע בירגערס, הגם די צאַרישע רעגירונג אָנערקענט אונדז ניט ווי אַזעלכע; ווי רוסישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, וועלכע באַגרייפֿן, אַז די באַפֿרייאונג פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט קען דערגרייכט ווערן נאָר צוזאַמען מיט דער באַפֿרייאונג פֿון דעם גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, שטאָלצירן מיר מיט דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט דעם כבוד צו באַטראַכטן פּיאָטר לאַווראָוון פֿאַר אונדזער אַ חבר און פֿאַר איינעם פֿון אונדזערע לערערס..."

„אָט דער דענקער, שריפֿטשטעלער, לערער און קעמפֿער, געהערט אויך אונדז יידישע אַרבעטערס, און פֿון דור צו דור וועלן אונדזערע ברידער זיך

לערנען פון זיינע ווערק צו דענקען קריטיש; און די דערינערונג וועגן אים וועט באַגייסטערן צום קאַמף די יידישע אַרבעטערס, וועלכע ליידן אין צוויי: ווי יידן און ווי פּראָלעטאַריערס".

פּאָל לאַפאַרג, קאַרל מאַרקסעס איידעם, האָט זיין רעדע פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„חברים פון רוסלאַנד! איר האָט אַ רעכט צו שטאָלצירן מיט פּיאָטר לאַווראָוון. אייביקע ערע דעם רוסישן סאָציאַליזם, וואָס האָט געגעבן דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט אָט דעם העלד פון געדאַנק, אַזאַ גוטמוטיקן און, אין דער זעלביקער צייט, אַזאַ אומבאַזיגלעכן!"

אין טאָג פון דער לוויה האָט דער קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון פּיאָטר לאַווראָוו באַקומען הונדערטער טעלעגראַמעס פון אַלע עקן פון דער וועלט. איך וועל ברענגען נאָר די וויכטיקסטע פון זיי.

דער פּעטערבורגער ליטעראַטן־פאַראיין האָט צוגעשיקט די וויטערדיקע טעלעגראַמע:

„דער קאָמיטעט פון דעם רוסישן ליטעראַטן־פאַראיין, דערוויסנדיק זיך די טרויעריקע נייעס וועגן דעם טויט פון פּיאָטר לאַווראָוו, דריקט אויס זיין טיפן טרויער איבער דעם פאַרלוסט פון דעם גרויסן שריפטשטעלער, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל ווערדע געדינט דער זאַך פון דער מענטשהייט און פון פּראָגרעס; און ער בעט זיין טאָכטער אָנצונעמען אונדזער אויפריכטיקן מיטגעפיל".

ניקאָליי טשייקאָווסקי האָט טעלעגראַפירט:

„די רוסישע עמיגראַנטן און פריינט אין לאָנדאָן דריקן אויס זייער טיפן וויטיק איבער דעם גרויסן פאַרלוסט און דעם טיפסטן מיטגעפיל צו אַלע נאָענטע און פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם".

פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי:

„אין נאָמען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי בייגן מיר אונדזערע קעפּ פאַר דעם אָנדענק פון דעם הויך־געשאַצטן וועטעראַן פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם און רעוואָלוציאָנער פּיאָטר לאַווראָוו". אונטערגעשריבן: אויגוסט בעבעל, ווילהעלם ליבקנעכט, איגנאַץ אאוער און פּאָול זינגער.

אין נאָמען פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי:

„די עקזעקוטיווע פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי באַוויינט צוזאַמען מיט אונדזערע רוסישע ברידער און מיט דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דעם טויט פון דעם טיף־געשאַצטן וועטעראַן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע פּיאָטר לאַווראָוו, דעם סאָלדאַט, דעם דענקער און לערער. זיין לעבן וועט אונדז אַלעמען

דינען ווי א גרויסער בײַשפּיל". אונטערגעשריבן: וויקטאָר אַדלער, סקארעט, ז׳אשינסקי.

פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פרידאָם" אין לאָנדאָן:

„אונדזער ברידערלעכער מיטגעפיל די רוסישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין דער פּערזאָן פון לאַווראָוו פאַרלוירן א מוטיקן פאַרטיידיקער פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם".

פון דער באַרימטער אַנאַרכיסטקע לואיזע מישעל:

„טייערע פרײַנט! מיר האָבן נאָר וואָס זיך דערוווּסט פון די ענגלישע צײַטונגען וועגן דעם טויט פון פּיאָטר לאַווראָוו. מיר געהערן צו די, וועלכע באַוויינען ביטער דעם טויט פון דעם מעכטיקן שרײַפטשטעלער, וועלכער האָט געגעבן א וויסנשאַפטלעכע געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, דעם מוטיקן רעוואָלוציאָנער און דעם ריינעם, נאָבעלן מענטש. גיט איבער אונדזער גרוס אַלעמען, וועלכע באַוויינען פּונקט אזוי ווי מיר זיין פאַרלוסט".

פון קאַרל קאַוטסקי:

„מיט טיפן טרויער האָב איך אויפגענומען די ידיעה וועגן דעם טויט פון אונדזער גרויסן חבר. לאַווראָוו האָט געהערט צו דער צאָל פון די יע־ניקע, אויף וועלכע מיר קוקן מיט באַוווּנדערונג און וועגן וועלכע אַפילו אונדזערע קעגנערס ריידן מיט אַכטונג. דער סאָציאַליזם האָט געליטן א גרויסן פאַרלוסט".

פון עדואַרד בערנשטיין:

„מיט אַכטונג דערמאָן איך זיך וועגן דעם גרויסן קעמפער, וועלכער וועט פאַרבלייבן אין מיין זכרון ווי איינער פון די ליכטיקסטע און סימפּאַ־טישסטע פּערזענלעכקייטן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. דורך דער גאַנצער צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים, זינט 1880, האָב איך נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן זיין איבערצייגטקייט, די נאָבעלקייט פון זיין אויפפירן זיך און די גאַנצקייט פון זיין כאַראַקטער. צום באַדויערן בין איך נישט אין שטאַנד צו אורטיילן וועגן אים ווי א טעאָרעטיקער, אָבער דערפאַר פיל איך טיף דעם מוראדיקן פאַרלוסט, וואָס עס האָט דורך זיין טויט גע־ליטן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם".

פון דער לאָנדאָנער יידישער גרופּע „אַרבעטער פרײַנט":

„די גרופּע „אַרבעטער פרײַנט" דריקט אויס איר טיפסטן טרויער איבער דעם טויט פון דעם באַוווּסטן סאָציאַליסטישן דענקער און קעמפער פאַר פרייהייט פּיאָטר לאַווראָוו".

ענלעכע טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען פון א סך אַנדערע באַרימטע סאָציאַליסטן פון אַלערליי שאַטירונגען, ווי אויך פון פיל געלערטע.

דער באַוווּסטער רוסישער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, פּראָפעסאָר ניקאָליי קאַרעיעוו, האָט צו לאַווראָווס צוואַנציקסטן יאָרצייט געשריבן, אַז לאַווראָוו איז געווען אַן ענציקלאָפּעדיש געבילדעטער אין הומאַניטאַרע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, כאָטש ער איז אַליין נישט געווען קיין נאַטור־פאָרשער, ווי ער איז נישט געווען קיין ספּעציאַליסט אין פּסיכאָלאָגיע און נישט אין געשיכטע, נישט אין עטנאָגראַפיע, נישט אין מלוכה־וויסנשאַפט, נישט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע און נישט אין יוריספּרודענץ. אָבער ער איז אויך ניט געווען קיין דילעטאַנט. זיין גרויסע ערודיציע און זעלבשטענ־דיקייט אין דענקען האָבן אים געמאַכט פאַר אַ געלערטן. לאַווראָוו קען אָנגערופן ווערן דער ערשטער רוסישער סאָציאָלאָג. פריער איז לאַווראָוו געווען אַ פילאָסאָף, נאָר ביסלעכווייז איז לאַווראָוו דער פילאָסאָף געוואָרן לאַווראָוו דער סאָציאָלאָג, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט אין דער סאָציאָ־לאָגיע צו זיין דער פילאָסאָף".

דער פּעטערבורגער ראַדיקאַלער זשורנאַל „יעזשעמיעסיאַטשני זשור־נאַל" האָט צו לאַווראָווס צענטן יאָרצייט געשריבן:

„לאַווראָוו איז מער ווי ווער עס איז פון די אָנגעזעענע רוסישע שריפט־שטעלערס געווען דער לערער פון דער יוגנט אין רוסלאַנד אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר. אַ גרויסן באַטייט פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט האָט געהאַט לאַווראָווס לערע וועגן דער ראָלע פון דער מענטשלעכער פער־זענלעכקייט אין דער געשיכטע. לאַווראָוו האָט גערופן די יוגנט צו אַקטיוון קאַמף פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, פאַר די רעכט פון איר אַלזייטיקער אויספורעמונג אויפן באָדן פון געזעלשאַפט־לעכער גערעכטיקייט. מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער אַ סך געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון פילאָסאָפיע, עטיק און געשיכטע אין רוס־לאַנד. ער איז געווען אַ זעלטענער מענטש פון פליכט און אידעאַל".

ווען לאַווראָוו וואָלט דורך אַ נס דערלעבט ביז צו דער באָלשעוויסטי־שער איבערקערעניש אין רוסלאַנד און וואָלט פאַרבליבן אין רוסלאַנד, וואָלט ער אָן ספק געהאַט דעם זעלביקן סוף, וואָס אַלע אַנדערע אומפּאַפּ־הענגיקע רוסישע געלערנטע און פאָרשטייערס פון רוסישן ליבעראַליזם און פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. ער וואָלט אָדער געשטאָרבן פון הונ־גער, ווי עס זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער דיק־טאַטור געשטאָרבן אַ סך רוסישע געלערטע, וועלכע האָבן נישט אָנגענומען דעם באָלשעוויזם, אָדער ער וואָלט אומגעקומען אין די לעניניסטיש־סטאַ־ליניסטישע תפיסות און קאָנצענטראַציע לאַגערן, אָדער אין סיבירער פאַר־שיקונג, ווי עס זיינען אומגעקומען די מערסטע פון לאַווראָווס נאָכפאָלגערס.